STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03059

TSVISHEN KRIG UN FRIDEN

N. Shemen

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. שמן

צווישען קריג און פרידען

פארלאג "זשורנאל פרעס"
טאָראָנטאָ
1939

N. SHEMEN
"Between War and Peace"
Copyright, 1938

Printed in Canada

אינהאלט:

קאפיטעל — זייט

פראלאג — — — — — — — — — — — — — — — — — — 9

ערשטער טייל

די אנטוויקלונג פון מאָדערנע מלחמות.

1. די אנטשטעהונג פון קריג ביים פרימיטיוון מענשען — — — — — 15
2. די פארגעטערונג פון גרויסע העלדען — — — — — — — — — — 21
3. ווי אזוי עס איז געקומען צו דער אָרגאניזירונג פון דער ארמיי — — 31
4. רעליגיע אין דער ראָליע פון קריג און פרידען — — — — — — — — 41
1) די נביאים און זייערע וויזיעס וועגען דער מענשלאכער צוקונפט; 2) קריסטענטום און מלחמה; 3) פארוואס שווייגען זיי?
5. אימפעריאליזם, נאציאָנאליזם און סאָציאליזם — — — — — — — 54
1) די אנטשטייאונג פון נאציעס; 2) די נאציאָנאלע רעוואָלוציעס פון די נאך מלחמה יאָרען; 3) דער פאשיזם פירט די קאפיטאליסטישע לענדער צו מלחמה; 4) סאָציאליזם און אינטערנאציאָנאלע פאָליטיק; 5) דער פראָלעטאריאט און זיין נאציאָנאלע אויפגאבע.

צווייטער טייל.

קעמפער און טרוימער פון א לאנג־דויערענדען וועלט פרידען.

6. די פאָרקעמפער פון אייביגען פרידען — — — — — — — — — — — 89
1) רוסאָ, דער ערשטער פאָרקעמפער און באגרינדער פון פלענער פאר פרידען צווישען נאציעס; 2) קאנט און זיין פרידענס־פילאָזאָפיע; 3) די פרידענס קאָנגרעסען ביז דער לעצטער וועלט־מלחמה.
7. דער וועלט קריג און זיינע רעזולטאטען — — — — — — — — — — 106
1) די דראמע וועלט־מלחמה; 2) וואס האט געפירט צום קריג; 3) די לעבענס פאלוסטען אין דער וועלט מלחמה; 4) די קאָסטען פון דער מלחמה; 5) די רעפאראציעס פראגע.
8. דער פעלקער בונד, זיין געבורט און פארנעם אויף דער פאָליטישער ארענע 127
1) ווען און ווי אזוי דער פעלקער־בונד איז געבוירען געוואָרען; 2) צי איז דער פעלקער־בונד בכח עפּעס צו טאָן?; 3) די שאפונג פון מאנ־דאטען סיסטעם דורכ'ן פעלקער־בונד; 4) רוסלאנד'ס אריינטריט אין דעם פעלקער־בונד; 5) די סטרעסא קאָנפערענץ פארשטארקט דעם פעלקער־בונד; 6) די ליגע—א חלום, ניט קייןווירקליכקייט; 7) דער מינכענער אָפּמאך האט געמאכט א סוף צו דער פעלקער־ליגע.

9. די געפאר פון א וועלט־מלחמה אין דער נאָהענטער צוקונפט — — — 156
1) היטלער ברעכט אינטערנאציאָנאלע אָפּמאכען; 2) דער שרעק פון מלחמה, וואָס דער איטאליעניש־עטיאָפּישער קאָנפליקט האָט ארויסגע־רופען; 3) די געפאר אין ווייטען מזרח.

10. בורזשואזער און פּראָלעטארישער פאסיפיזם — — — — — — — — — 171
1) אוטאָפּישער אָדער רעאליסטישער שלום־אידעאל; 2) סאָציאליזם און מלחמה; 3) וואָס מארקס און ענגעלס האָבען געטראַכט וועגען מלחמה; 4) קאנאדע אין דער וועלט מלחמה; 5) די פרווי אינ'ם קאמף פאר פרידען.

דריטער טייל.

איבער פעלקער און לענדער.

11. איירָאפּא נאָכ'ן קריג — — — — — — — — — — — — — — 201
א) די בריטישע אימפּעריע; ב) די פראנצויזישע אימפעריע; ג) איטאליע; ד) צו וועמען אפריקע געהערט; ה) קאָנקלוזיע.

12. די פאשיסטישע איטאליע און איר אימפעריאליסטישע פּאָליטיק — — 220
1) איטאליע'ס ארייגדרינגונג אין עטיאָפּיע; 2) דער אונטערגאנג פון רוים און די באוועגונג צו באפרייען איטאליע; 3) דער אויפברויז געגען מוסאָליני'ס אינוואזיע; 4) דער "שלום" וואָס האָט בארעכטיגט קריג.

13. דער היטלער רעזשים אין דייטשלאנד — — — — — — — — — — 237
1) פינף יאָר היטלעריזם; 2) היטלער'ס "דריטער רייך"; 3) היט־לער'ס דערגרייכונגען אויפ'ן ווירטשאפטליכען געביט; 4) היטלערס צווייטע רעוואָלוציע; 5) היטלער'ס זיג אין דעם סאאר געביט; 6) דער מינכענער פּאררעט; 7) נאָך עסטרייך—טשעכאָסלאָוואקיע; 8) דער נאצי געשפענסט און די כחות געגען אים אין דייטשלאנד גופא.

14. שפאניע אין אויפגאנג און אין צוריקגאנג — — — — — — — — — 260
1) שפאניע אין איר אויפבליה; 2) שפאניע'ס אונזיכערע קרוין; 3) שפאניע אין די לעצטע יאָרען פאר'ן בירגער־קריג; 4) שפאניע פון אפּריל, 1931 ביז יולי, 1936; 5) דער בלוטיגער בירגער־קריג; 6) דאָס טראגישע אינ'ם שפאנישען בירגער־קריג.

15. יאפּאן און כינע — — — — — — — — — — — — — — — 299
1) די "אונדערקלערטע" מלחמה צווישען יאפאן און כינע; 2) יאפאן, די פאראייניגטע שטאטען, סאָוועט־רוסלאנד און ענגלאנד.

16. דער פריישטאט דאנציג — — — — — — — — — — — — — 317

געווידמעט די מארטירער פון שפאניע, וועלכע האָבען אזוי מוטיג, אזוי העלדיש, אזוי שעהן אוועקגעגעבען זייערע לעבענס אין קאמף קעגען רעאקציע, קעגען פא־שיזם, קעגען דיקטאטור; וועלכע זיינען אזוי ברוטאל־גרויזאם דערמאָרדעט געוואָרען, קעמפענדיג פאר פריי־הייט, פאר דעמאָקראטיע, פאר פרידען.

יאָ, זיי זיינען געשטאָרבען, אָבער ניט זייערע אידעען. זיי לעבען אין די מוחות פון מיליאָנען פּראָגרעסיווע רעכטדענקענדיגע מענשען!

דערמיט וויל איך אויסדריקען א הארציגען יישר־כח מיין פריינט און קולטור־מענש

י. ווילסאָן וואלערשטיין

וועלכער האָט מיך דערמוטיגט אין דער דאָזיגער ארבייט.

נ. ש.

פראָלאָג

1938 — עס איז ניט פרעהליך אויף דער וועלט. פון אלע זייטען הערט מען דעם קלאנג פון שווערדען; דעם גערודער פון ערָאפּלאנען; און מען שפירט דעם גערוך פון גיפטיגע גאזען.

מיר לעבען אין א צייט ווען ס'וויגט זיך דער גורל פון דער גאנצער וועלט. אלע אויגען זיינען מיט גליענדיגע בליקען געווענדעט צו שפאניע — צו דעם וואונדערליכען ווינקעל, וואו עס קעמפען מיט אומגלויבליכער העלדישקייט די שפאנישע פאָלקס מאסען פאר זייער פרייהייט. קלאס קעגען קלאס פיהרט א בלוטיגע מלחמה: פון איין זייט דער אינטערנאציאָנאלער פאשיזם; אויף דער אנדערער — דער שטאָלענער ווילען פון די שפאנישע פאָלקס מאסען.

דער שרעק פאר דער נייער קאטאסטראָפע איז איצט שטארקער ווי ווען עס איז פריהער. פון אלע זייטען גרייט מען זיך צו דער קומענדיגער מלחמה. פון אלע זייטען וואָרענט מען, אז מלחמה איז אומפארמיידליך, אז מלחמה מוז קומען אין די נאָהענטע טעג. פון אלע זייטען ווייזט מען אָן, אז מיר שטייען אויפ'ן שוועל פון אונטערגאנג.

אמת, ביז איצט איז קיין מלחמה ניט אויסגעבראָכען. עס זיינען געווען מאָמענטען, ווען עס האָט זיך געדאכט אז אָט־אָט ווערט דערקלערט קריג... אז עס איז בלויז א פראגע פון וואָכען, טעג... און דאָך זיינען מיר גליקלאָך ארויס פון די אלע קריטישע מאָמענטען. איצט איז אָבער די לאגע קריטישער און געפערליכער ווי ווען איז פריהער. דער וועלט פרידען איז איצט מער באדראָהט צוליב דעם פאשיזם וואָס האָט זיך פאר די לעצטע יאָרען געשטארקט אין אייראָפּע.

מוסאָליני זוכט נייע קאָלאָניעס... ער וויל נייע טעריטאָריעס פאר זיין פאַשיסטישער אימפעריע. דער טיגער וויל אלץ איינשלינגען. ער וויל האָבען די העגעמאָניע אין דער וועלט פּאָליטיק.

היטלער, דער „קאָזאק הנגזל", צילט דאָך מיט אלע זיינע אוואנטורעס צו א באוואפענטען קאָנפליקט צווישען דייטשלאנד און פראנקרייך. ער קוקט דאָך שוין אויס די מינוט, ער זאָל קענען ארויסלאָזען די פּראָקלאמאציע פון קריג, און רופען די דייטשע יוגענט זי זאָל מארשירען... אויף פּאריז.

דייטשלאנד האלט זיך אויך אין איין רייצען מיט סאָוועט רוסלאנד. זי שארפט אירע צייהן אויפן סאָוועטען פארבאנד, און גרייט זיך צו אן אָנגריף־קריג; רוסלאנד פון איר זייט מאכט זיך גרייט פאר דעם פארטיידיגונגס־קריג. איןביידע לענדער רעדט מען אָפען וועגען בייזער פיינדשאפט פון איינער צו דער אנדערער, און ביידע לענדער זיינען באוואפענט ביז איבער'ן קאָפּ.

ווען מען רעדט וועגען מלחמה דארף מען פריהער פון אלץ וויסען וואָס עס מיינט א נייע קאטאסטראָפע אויף דער וועלט, וואָס פאר א באדייטונג עס האָט א נייע מלחמה; ווי שרעקליך עס וואָלט געווען די קינפטיגע מלחמה...

מען דאַרף וויסען, אַז די קומענדע אויסשלאַכטונג וועט ניט זיין עהנליך צו פריהערדיגע, און וועט ניט געפיהרט ווערען, אויף דעם אופן ווי די לעצטע וועלט מלחמה איז געפיהרט געוואָרען.

אין אַלע פריהערדיגע מלחמות האָבען די פעלקער זיך פאַרמאָסטען מיט דער גרויס פון זייערע אַרמייען, אין דעם קומענדען וועלט קריג, וועלען זיך די פעלקער פאַרמעסטען מיט מאַשינען. אין דעם לעצטען וועלט־קריג האָבען די מאַרשירענדע אַרמייען געשפּילט די הויפּט ראָלע, כאָטש עס זיינען שוין דאַן גע־ווען עראָפּלאַנען, ווייט־שיסענדע האַרמאַטען, גאַז באָמבעס, פייער וואַרפער א. ד. גל. אין דער קומענדער מלחמה, וועט די הויפּט ראָליע געשפּילט ווערען פון די מאַשינען, און ניט פון אַרמייען. די לעצטע וועלען נאָר קומען, ווען די מאַשי־נען וועלען האָבען אָפּגעטאָן זייער פאַרניכטענדע אַרבייט.

מיר וויסען ניט גענוי וואָס פאַר א מאָרד אינסטרומענטען די פעלקער האָבען אין באַזיץ, ווייל יעדער פאָלק האַלט בסוד זיינע ערפינדונגען, כדי אַן אַנדע־רער זאָל אים ניט נאָכטאָן. עס ווערט אָבער גענוג ביטער אויפ'ן האַרצען, ווען מען דערמאָנט זיך בלויז פון די שוין באַקאַנטע מאָרד אינסטרומענטען וואָס זיינען צוגעגרייט געוואָרען פאַר דער קומענדער מלחמה.

ווי עס איז באַקאַנט, האָט מען שוין דערפונדען אַזעלכע מאַשינען, וואָס זאָלען קענען אַלץ פאַרניכטען, און אַז מענשליכע לעבענס זאָלען גאָר קיין ווערט ניט האָבען. ווי עקספּערטען באַהויפּטען, וועט בכלל אונמעגליך זיין אויסצוהיטען, אַז אומשולדיגע מענשען זאָלען ניט פאַרלירען זייערע לעבענס, ווען זיי זאָלען זיך געפינען אפילו הונדערטער מייל ווייט פון די שלאַכטפעלדער. דער מענטשליכער מוח האָט שוין אַזוי פיל פּראָגרעסירט, אויסצוטראַכטען פאַרניכטונגס־אינס־טרומענטען וואָס זאָלען זיין בכח א תל צו מאַכען פון אַלץ וואָס איז ביז איצט געשאַפען געוואָרען. עס זיינען שוין דערפונדען געוואָרען אַזעלכע טענקס וועל־כע קאָנען לויפען הונדערט מייל א שטונדע, איבערשפּרינגענדיג גריבער, שווי־מענדיג איבער טייכען, און אַפילו פליהען אין דער לופט און שיסען אויטאָמאַטיש אין עטליכע ריכטונגען.

יאַפּאַן האָט טענקס צו וועלכע מען דאַרף ניט האָבען קיין מענש זיי צו פי־רען. די טענקס ווערען געפירט פון ראַדיאָ כוואַליעס, פליהען און פאַלען אַראָפּ פונקט אויף דעם אָרט וואָס איז פאַר זיי באַשטימט געוואָרען. אַמעריקע האָט א טענק וואָס פליהט אין דער לופט ווי אַן עראָפּלאַן, שווימט אויפ'ן וואַסער ווי א שיף, פאָרט אויף דער ערד ווי אַן אויטאָמאָביל און שיסט מיט פיל פּינקטליכקייט, גלייך ווי עס וואָלט דאָרטען געזעסען א גוטער סאָלדאַט.

אויך די נייע באָמבעס זיינען שרעקליכער ווי די פון דער לעצטער מלחמה. מען דאַרף ניט האָבען קיין האַרמאַטען זיי אויסצושיסען. זיי ווערען געיאָגט דורך ראַדיאָ כוואַליעס, הויבען זיך אויף מיט דער שנעלקייט פון א בליץ, און עקס־פּלאָדירען מיט א מורא־דיגער קראַפט, אַז די ערד טרייסעלט זיך פאַר מיילען ווייט. אויך די פאַרשיידענע גאַזען וואָס זיינען לעצטענס דערפונדען געוואָרען, קאָנען פאַרניכטען גאַנצע אַרמייען מיטאַמאָל, קאָנען חרוב מאַכען, קראַנק מאַכען, גאַנצע לענדער. עס איז לעצטענס דערפונדען געוואָרען א נייער סאָרט מלאך המות —

דער שטראַלען מלאך המות — וואָס איז פיל שרעקליכער פון אַלע אויסגערעכענטע; וויל פון אים וועט זיך שוין קיינער ניט קענען אויסהיטען. מיט די טויט שטראַלען וועט מען קאָנען אָפּשטעלען מאָטאָרען פון עראָפּלאַנען אין סאַמע מיטען פון זייער פליהען, אויפרייסען דעם שונא'ס עלעקטריק, און עקספּלאָדירען גאַז און אויל רעזערוואוארען, און אפילו פארסמ'ען דעם שונא'ס שפּייזען און וואַסערען.

און ווער ווייס, וואָס עס וועט נאָך אויסגעטראַכט ווערען? די וויסענשאַפט איז דאָך נאָך אַלץ באַשעפטיגט אויסצוגעפינען נייע פארניכטונגס מיטלען. אין די לאַבאָראַטאָריעס פון יעדען לאַנד באַזונדער ווערט געאַרבייט פיבערהאַפט, כדי אויסצוגעפינען נייע מיטלען, נייע מאַשינען, נייע גאַזען צו טויטען און צו פאַר־ניכטען אַלץ וואָס איז ביז איצט געשאַפען געוואָרען.

דער זיג אין דער קומענדיגער מלחמה וועט זיין אויף דער זייט, פון די וואָס וועלען האָבען די בעסטע דערפינדער און די גרעסטע נאַטירליכע אוצרות. עס וועט ניט זיין קיין פראַגע פון גוט אויסגעפּרובירטע געשולטע ארמייען, ווי אזוי די ארמייען מאַרשירען, ווי פלינק זיי פליהען אויף די פערד און פאָכען מיט די שווער־דען — עס וועט זיין א פראַגע: וועלכע ארמיי האָט מער און בעסערע מאַשינען, מער און בעסערע כעמישע שטאָפען...

און ווער ווייס?

ווער ווייס, ווער עס האָט די בעסערע מאָרד אינסטרומענטען, צי דייטשלאַנד, צי איטאַליע, צי רוסלאַנד, צי פראַנקרייך, צי ענגלאַנד?

עס איז דעריבער די אויפגאַבע פון יעדען רעכט־דענקענדען מענש פון אַלע קלאַסען און שיכטען צו שטעלען זיך געגען מלחמה, ניט צו דערלאָזען אַנצונדען דעם דאָזיגען שרעקליכען פייער.

עס איז דער פליכט פון יעדען פּראָגרעסיווען מענש צו דעמאָנסטרירען דעם גייסט פון פרידען; צו פּראָטעסטירען געגען דער צוגרייטונג פון א נייער וועלט קאַטאַסטראָפע; צו דעמאָנסטרירען דעם כח און אנטשלאָסענקייט פון די פרידענס־ליבענדע מענשען געגען די פארשיידענע גענעראַלען, געגען די מיליטאַריסטען מכל המינים — ניט צו דערלאָזען, אז די מענשען אין די גאָלדענע עפּאָלעטען זאָלען איבער אונז הערשען, זאָלען אונז אריינפירען אינם זומפּ פון שלאַכט פעלד.

ערשטער טייל

די אנטוויקלונג פון מאָדערנע מלחמות

קאַפּיטעל 1

די אַנטשטעהונג פון קריג ביים פּרימיטיווען מענשען

מלחמה פאַרנעמט א פּראָמינענטען פּלאַץ אין דער מענשליכער געשיכטע. די עטנאָגראַפיע איז פול מיט מעשות וועגען קריג צווישען משפחות, שבטים און פעלקער. מלחמה האָט זיין אָריגינאַל אין ראַסען־אונטערשיידען, און אין קאַמף צווישען פּרימיטיווען מענשען און דער חיה. דעם קריגעריש־בייזען אינסטינקט, פון וועלען באַהערשען דעם צווייטען דורך מאַכט און גוואַלד — האָט דער מענש אין זיך איינגעזאַפּט פון די צייטען, ווען ער איז נאָך געווען ווילד; פון די צייטען ווען ער איז נאָך געווען האַלב חיה, און זיך געשלאָגען מיט די חיות אין די וועלדער און אין די מדבריות. אויך דער עגאָאיזם וואָס איז אַזוי שטאַרק איינגעוואָרצעלט ביים מענשען און פּירט אים צו די ברוטאַלסטע מעשים און פאַרברעכענס, אבי ער זאָל זיין אייגענעם „איך" צופרידענשטעלען, איז אַן אָפּשטאַם פון יענער פאַר היסטאָרישער עראַ.

דער מענש, האָט אונז אַריסטאָטעל (322־384 פ.ק.) געלערענט, איז ניט מער ווי א „פּאָליטישע חיה". אין דער אמת'ן איז אָבער דער מענש מער ווי אַן איינפאַכע בעסטיע. דער הונט וועט זיך שלאָגען איבער א ביין, אפשר מיט א ליבע קאָנקורענט, אָדער אפילו צו זיכערען זיין לעבען; ער וועט אָבער ניט חלום'ען פון זיין דער הונט איבער אַלע הינט אונטערן הימעל, פאַר וועמען די קעץ זאָלען זיך שרעקען.

דאָגעגען אָבער די שנאה צווישען מענש און מענש, זייערע לאַנג־דויערענדע קאַמפען, וואָס דריקען זיך אויס אין מלחמות, זענען פיל שטאַרקער, פיל מעכטיקער און פיל שעדליכער. דער מענש פאַרמאָגט שוין דעם חשק צו באַהערשען די וועלט; ער האָט שוין א דראַנג צו ווערען א מושל בכיפה און צו פאַרמאָגען אונטערטאַנען. ער באַנוגענט זיך ניט מיט דעם וואָס איז אין זיין באַזיץ, נאָר ער וויל נאָך פאַר־כאַפּען יענעמס; ער איז אַן אוזורפּאַטאָר און איינשלינגער אינם ברייטסטען זין פון וואָרט. די חיה וועט קיינמאָל ניט כאַפּען מער פון איהר געברויך; דער מענש אָבער כאַפּט פאַר זיך, פאַר זיינע קינדער, ניט נאָר פאַרן היינט, נאָר אויך פאַרן מאָרגען, און פאַרזאָרגט זיך מיט אַזעלכע פאַרמעגענס וואָס ער וועט קיינמאָל ניט פאַרנוצען.

דער ערשטער און איינציגער, וועלכער האָט אויף א וויסענשאַפטליכען אופן אויפגעדעקט דעם אָפּשטאַם פון דעם מענש, טשאַרלס דאַרווין, (1882־1809), האָט פון איהם געמאַכט א חיה, הן לויט זיין פיזיאָנאָמיע און הן לויט זיין פּסי־כאָלאָגיע. דער דאָזיגער בארימטער וויסענשאַפטסמאַן, וועלכער האָט געמאַכט

א גאַנצע רעוואָלוציע אין דער ביאָלאָגיע, האָט פאַר אונז אַנטפּלעקט דעם סוד פונם לעבעדיקן אָרגאַניזם, די אַנטשטעהונג פון דער „חיה" און פון דעם „מדבר", וואָס איז ניט מער ווי אַ העכערע אַנטוויקלונג פון דער ערשטער. לויט דער דאַרווינסטישער טעאָריע איז דאָס גאַנצע לעבען פון מענש ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ ברוטאַלער אַכזריות'דיקער קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ.

צו דער דאָזיקער ניכטערער און רעאַליסטישער טעאָריע, דאַרפן מיר אָבער אויך צוגעבן, ווי אַ פּירוש, דעם אינסטינקט פון קנאה, וואָס איז שוין אַ ריין מענשליכער. דער מענש איז אַ „געזעלשאַפטליכע חיה", ווי מען האָט אים דעפינירט; ער איז אַ חיה, וואָס האָט קנאה, וואָס פאַרגינט ניט, און צוליב דער קנאה איז ער גרייט אַלץ צו טאָן. ער שטעלט זיך פאַר גאָרנישט אָפּ, כדי צו דערגרייכן זיין ציל. ער וועט שלאָגן, טויטן, מאָרדן כדי אויסצופירן דאָס זייניקע: צו זיין דער איינציקער, גרעסטער און נאָבעלסטער. צוליב דער קנאה איז דער מענש געוואָרן פיל ערגער ווי די חיה, וואָס וועט קיינמאָל ניט אויפעסן איהר מין. אַ הונט וועט קיינמאָל ניט אויפעסן זיין מיט־הונט. מענשען אָבער הרג'ענען און פאַרדאַרבען זיך אַליין. אַז קין האָט געזעהן דאָס זיין ברודער הבל פאַרנעמט מער פּלאַץ אונטער דער זון, ווי ער; אַז הבל איז געליבטער ביי גאָט, האָט ער אים באַלד דער'הרג'עט.

וואָס קלענער עס איז געווען דער באַגריף פון מאַכט און פון באַהערשען דעם צווייטען, אַלץ ווייניקער מלחמות זענען פאָרגעקומען. איידער עס האָבען זיך אַנטוויקעלט נאַציאָנען און לענדער, און איינער האָט דעם צווייטען געטויט נאָר צוליב אייגענע פּערזענליכע אינטערעסען, ווייל ער איז אויף אים בייז געווען, איז ניט פאָרגעקומען אַזוי פיל מלחמות. אין דער צייט ווען מענשען האָבען געצויגען זייער חיונה פון יאַגד און פיש־כאַפּעריי, וואַנדערענדיג איבער בערג און טאָלען, דורך אורוועלדער און לענג־אויס די ברעגען פון טייכען און אָזערעס, דערנערענדיג זיך פון דעם וואָס זיי האָבען דערגרייכט מיט פייל און בויגען — מיט זייער פּרימיטיווען געצייג — דאַן האָט קיין רייד ווענען מלחמה ניט געקענט זיין. מיט דער אָרגאַניזירונג פון גרופּען אונטער באַזונדערע קאָמונעס, בעסער געזאָגט, מיט דער אַנטשטעהונג פון נאַציאָנען און פּריוואַט אייגענטום, האָט זיך אָנגעהויבען די לאַנגע קייט פון קריג.

אין די גאָר ערשטע צייטען, ווען די גרופּעס מענשען האָבען זיך אָנגעהויבען טיילען אין קאָמונעס, ווען אויף די באַציהונגען פון בלוט־פאַרוואַנדשאַפט האָבען זיך אויפגעבויט „שבטים", וועלכע די וויסענשאַפט האָט געגעבען דעם לאַטיינישען נאָמען „גענס" (געשלעכט פאַרבאַנד) דעמאָלט האָבען נאָך קיין מלחמות ניט געקענט אויסברעכען. די אַרבייט ביים פּרימיטיווען מענשען איז געווען אַ געמיינזאַמע; די פּראָדוקטען בשותפות'דיגע; עס איז געווען דער אור־קאָמוניזם, וואָס פאַרמיידט קריג. באַזונדערס זיינען מענשען געווען פאַרנומען מיט באַקעמפען די ווילדע נאַטור, זיך צוצופּאַסען צו די באַדינגונגען פון דער נאַטור און עס איז ניט געווען קיין צייט צו פירען צווישען זיך קריג. לאָמיר נעמען, למשל, די עסקימאָס,

וועלכע באוואוינען די ברעגען פון גרינלאנד שוין פאר צענדליגער טויזענטער יאָרען. זיי לעבען נאָך אין א זעהר פרימיטיווען צושטאנד, און עס איז ניטאָ קיין אורזאַך צו גלויבען אז זיי זיינען ווי אמאָל, אז זיי זיינען געוואָרען קלוגער אָדער נארישער, רייכער אָדער אָרימער, שוואכער אָדער שטארקער, בראווער אָדער דערשראָקענער. עס גלויבט זיך ניט, אז דאָרט איז פאָרגעקומען וועלכע ניט איז וואריאציעס אין זייער לעבען. פארוואס זענען זיי ניט אונטערוואָרפען דער תאוה פון מלחמה, וואס באהערשט די ציוויליזירטע לענדער? דער ענטפער איז: זיי זענען פארנומען אין א שטענדיגען קאמף פאר זייער עקזיסטענץ, פאר זייער חיונה, אין קאמף צו קענען לעבען אונטער די שרעקליכע באדינגונגען פון דער נאטור, אזוי אז זיי האָבען ניט קיין צייט צו פיהרען קריג צווישען זיך. כל־זמן דער מענש איז פארטאָן מיט זיך, האט ניט קיין אנדערע אינטערעסען ווי זיכערען זיין חיונה, און ניט מער, וועט ער ניט פארפירען קיין קריג מיט זיין חבר, מיט זיין מיט־מענש. אזוי שנעל אָבער ווי דער מענש הויבט אָן זוכען אנדערע אינטערעסען, ווען ער רייסט זיך צו ממשלה, זאָל עס קומען פון רייון־אינדיווידועל־קאפיטאליסטישע נויגונגען, אָדער פון א נאציאָנאל־שאָוויניסטישען שטאנדפונקט, דאן מוז עס פיהרען צו קריג.

מיט דער צייט זענען מענשען איבערגעגאנגען צו א נייער פראָדוקציע. זיי האָבען ביסלעכווייז אויפגעגעבען די ריזיקאלישע חיונה פון יאגד און פיש כאפעריי און זיך גענומען צום אקערבוי, צו אגריקולטור, פון וועלכער עס האט זיך אנט־וויקעלט דאָס פריוואט אייגענטום. תחילת איז געוואָרען די ערד צוטיילט צווישען די איינצעלנע פאמיליעס אויף א געוויסער צייט. שפעטער איז שוין די ערד פארבליבען אויף שטענדיג אין זייערע הענט. אזוי אָרום איז אנטשטאנען פריוואט אייגענטום, לאנד באזיצער און לאנדלאָזע; און אויך במילא דער וואקסענדיגער גענענזאץ צווישען די באָדען־באזיצענדע און באָדענלאָזע. כדי צו דערהאלטען די געזעלשאפט, אז זי זאָל זיך נישט פארניכטען אין קאמף צווישען די גענענגעזעצליכע קלאסען, איז אויפגעקומען די מלוכה סיסטעם, די מאכט וואס האלט אָרדנונג, די מאכט וואס איז ארויסגעקומען פון דער געזעלשאפט גופא און וואס שטעלט זיך שטענדיג איבער דער געזעלשאפט . . . אין אלטערטום — די מלוכה פון שקלאפען־באזיצער צום אונטערדריקען די שקלאפען; אין צייט פון פעאָדאליזם —די מלוכה פונ'ם אדעל; אין אונזער מאָדערנער צייט אין דער עפאָכע פון קאפיטאליזם — צו עקספלואטירען דעם פראָלעטאריער דורך א ביליגען לוין און דורך איבער־פראָדוקציע.*)

לאנד ווירטשאפט איז געוואָרען דער נייער און וויכטיגסטער פראָדוקציע־צווייג פון דער אלטער מענשהייט. ערד־באזיץ — דער איינציגער קוואל פון מאכט און רעכט. ערד באזיץ האט אָנגעהויבען באשטימען דעם גורל פונם יחיד און פון

*) מער וועגען דעם נאכצוקוקען אין פרידריך ענגעלס קלאסיש ווערק „פאמיליע און שטאאט". אין דייטש:
Friedrich Engels: Der Ursprung der Familie, des Privateigentum und des States; Stuttgart 1908.

דער קאָמונע, פֿונם שבט און נאַציע; אַזוי אַז פֿאַר ערד זאָל מען זיך שלאָגן, פֿירען מלחמות. די וואַנדערענדע שבטים, וועלכע האָבען געזוכט פּלאַץ פֿאַר זייערע פֿיה און פֿאַר זיך, און די שוין פֿון פֿריהער „באַזעסענע” אויף ערד, האָבען געפֿירט מלחמות צוליב אַ שטיקעל ערד, צוליב אַ פֿעלד, צוליב אַ שטאָט. אויף ערד־באַזיץ, האָט זיך אין אַלטערטום געבויט די געזעלשאַפֿט פֿון שקלאַפֿען און אויך די געזעלשאַפֿט פֿון פֿעאָדאַליזם אין מיטעלאַלטער.

לויט דער גרויסקייט פֿונם ערד־באַזיץ זיינען געוואָרען איינגעטיילט די קלאַסען פֿון דער געזעלשאַפֿט — דער אויבערשטער הערשער איז געוואָרען דער באַזיצער פֿון דער גאַנצער ערד פֿון זיין לאַנד. ער האָט פֿאַנאַנדערגעטיילט דעם באָדען אויף לעבענס־צייט מיט ירושה רעכט צווישען זיינע פֿירשטען, יענע צו די גרעסערע לאָרדען, און די לאָרדען צו די פּריצים, ביז צו די פּויערים, מיט זייערע קליינע נחלות. די געזעלשאַפֿטליכע לעבענס־פֿילאָזאָפֿיע פֿונם מיטעלאַלטער איז געווען: פֿיל ערד — גרויסע פּערזענליכקייט, מאַכט; ווייניג ערד — קנעכט־שאַפֿט־גורל; ערד־לאָזיגקייט — הפקר צושטאַנד.

אין בלוטיגע מלחמות האָט דאָס בירגערטום באַזיגט דעם פֿעאָדאַליזם; אין ווילדע רעוואָלוציעס האָט זיך דער פּויער באַפֿרייט פֿון זיין קנעכטשאַפֿט. אַ נייע וועלט איז אויפֿגעקומען — די וועלט פֿון סחורות פּראָדוקציע, די וועלט פֿון גרויס האַנדעל — די וועלט פֿון גרויס קאַפּיטאַל.

דער קאַפּיטאַל האָט דער מענשהייט באַפֿרייט פֿונם פֿעאָדאַלען סיסטעם: ניט דער ערד־באַזיץ אַנטשיידעט אין דער קאַפּיטאַליסטישער תקופה וועגען דער פּערזענ־ליכקייט און ווערט פֿון אַ מענשען, נאָר דער קאַפּיטאַל־באַזיץ. דער קאַפּיטאַל האָט באַפֿרייט אין אַ געוויסען זין דעם פּויערישען ק נ ע כ ט אַלס יחיד פֿון זיין פֿעאָדאַלען יאָך, ער האָט אָבער ניט באַפֿרייט די נאַציע פֿון איהר געבונדענקייט צו דער ערד. אין געגענטייל, די בירגערליכע רעוואָלוציע האָט דעם נאַציאָנאַלען קאָלעקטיוו נאָך מער פֿאַרקנעכטעט. זי האָט איבערגעהאַקט די קייט מיט וועלכער דער יחיד איז געווען צוגעקאָוועט צו דער פּריצישער ערד, נאָר פֿעסטער האָט זי צוגעשמידט די קייט פֿונ׳ם גאַנצען נאַציאָנאַלען קאָלעקטיוו צו דער קאַפּיטאַליסטי־שער טעריטאָריע פֿונם נאַציאָנאַלען פֿאָטערלאַנד. אין גרויסע געביטען נויטיגט זיך דער קאַפּיטאַל פֿאַר זיין אַנטוויקלונג און עקזיסטענץ, אין גרויסע ערד שטחים, וואָס זאָלען איהם געבען די נויטיגע רויהע שטאָפֿען; אין געביטען וועלכע דאַרפֿען איהם דינען אַלס אָפּזאַץ־מאַרק; אין גרויסע טעריטאָריעס איבער וועלכע עס זאָלען זיך טראָגען די טראַנספּאָרטען מיט זיינע סחורות צו דער קאָנסומירענדיגער באַפֿעלקערונג. אַזוי ווי די ערד האָט פֿריהער באַהערשט דעם יחיד, אַזוי הערשט אין דער קאַפּיטאַליסטישער צייט דער פֿאָטערלאַנד איבערן גאַנצען נאַציאָנאַלען קאָלעקטיוו. דער ווערט און באַדייטונג פֿון נאַציעס ווערט אָפּגעשאַצט אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, לויט דעם פּשוט׳ען פֿאָרמול וואָס מיר האָבען פֿריהער דערמאָנט וועגען דער פֿעאָדאַלער באַציהונג צום מענש: גרויסער לאַנד־באַזיץ — גרויסער נאַציאָנאַלער ווערט. קליינער לאַנד־באַזיץ — קליינער נאַציאָנאַלער ווערט. לאַנדלאָזיגקייט — נאַציאָנאַלע רעכטלאָזיגקייט.

ווען די ערד האָט אָנגעהויבען שפּילען די באַדייטענדע ראָלע פאַר דער מענשליכער חיונה, פאַר פעלקער און נאַציאָנען, האָבען זיך אָנגעהויבען מערען אוזורפּאַטאָרען, וועלכע האָבען געוואָלט פאַרכאַפּען וואָס מער ערד; און אַזוי האָבען זיך אָנגעהויבען מערען מלחמות, צווישען די פאַרשיידענע גרופּען, וועלכע האָבען געזוכט צו אוזורפּירען ערד, וואָס האָט באַלאַנגט צו אַנדערע, אום צו זיכערען זייער הערשאַפט און מאַכט.

פריהער זענען מלחמות געפירט געוואָרען פון איין מענש מיטן צווייטען, דערנאָך שבטים מיט שבטים, רעליגיעס מיט רעליגיעס, פעלקער מיט פעלקער, און לסוף צווישען איין אימפּעריע און דער צווייטער. אַזוי האָבען געטאָן די אַמאָליגע עגיפּטער, באַבילאָנער, אשורים, גריכען, רוימער, און אויף אַ גאַר גרויסען מאַסשטאַב האָט זיך אַנטוויקעלט דער געדאַנק פון אימפּעריאַליסטישע מלחמות, ביים ענדע פון אכצענטען יאָהרהונדערט.

פריהער, ווען מענשען זענען נאָך ניט געשטאַנען אויף קיין העכערער מדרגה פון דער חיה, פלעגט אַן אונציוויליזירטער וואַנדאַל אָנפאַלען אויף זיין שונא און אים אונטערהאַקען די זייטען, וואַרפען אים אַ שטיין און אַמאָל אויך איהם אָפּהאַקען דעם קאָפּ. שפּעטער, ווען דער מענש איז שוין געוואָרען אַ ביסעל ציוויליזירט, אָבער נאָך אַלץ געלעבט פּרימיטיוו, און יעגעריי איז געווען זיין קוואַל פון חיונה, און האָט זיך שוין געדאַרפט באַנוצען מיט העק, בויגענס און אַנדערע אייזענס, האָט ער די זעלבע כלים שוין באַנוצט אין געשלעג מיט מענשען. ווען מענשען זענען אָבער ציוויליזירט געוואָרען האָט מען אָנגעהויבען אויסטראַכטען און ערפינדען ספּעציעלע מלחמה כלים: פאַרניכטונגס כלים, וואָס מיר רופען אַמוניציע, און יעדער פאָלק האָט זיך געוואָלט אויסצייכענען אין דער דאָזיגער אינדוסטריע. אַ מענש וועט היינט ניט אויסהאַקען די ציין פון זיין שונא, אָדער אָפּבייסען זיין אויער — דאָס איז שוין צו באַרבאַריש. אַנשטאַט דעם שיסט ער אים און נאָך צענדליגע מיט איינמאָל, מיט אַ מאַשין ביקס, מיט אַ האַרמאַט, מיט אַ באָמבע. אַנשטאַט וואַרפען שטיינדלעך ווי מען פלעגט אַמאָל טאָן, וואַרפט מען פון קאַנאָנען באָמבעס, פון דער הויך ווי פון אונטען. מען פאַרשפּרייט גאַזען, און אַנדערע כעמישע שטאָפען אַזוי אַז עס זאָל אַלעמען טרעפען.

געווען אַמאָל אַ תובל קין — ווי די ביבעל דערצעהלט — וועלכער איז געווען אַ שטאַרקער מענש. האָט ער באַשאַפען די ערשטע מינים כלי־זיין. ער האָט געשאַרפט קופּער און אייזען פאַר שווערדען, בויגען און שפּיזען*). ער איז געווען דער אורזיידע פון די אַלע כלי משחיתים. ער האָט מיט רעכט געקענט פאַרלאַנגען, אַז יעדערער זאָל איהם עהרען פאַר זיין האַנד־אַרבייט, פאַר זיינע ערפינדונגען. ער האָט מיט רעכט געקענט פאַרלאַנגען מען זאָל איהם כבוד אָנטאָן פאַר זיין שפּיז און שווערד — פאַר די כלים, וועלכע מאַכען מענשען פאַר גענעראַלען, לאָרדען און קעניגע . . .

*) לוטש כל חרש נחושת וברזל (בראשית ד׳ כב)

דעם דאָזיגען תובל קין האָבען צו פאַרדאַנקען די היינטיגע אַמוניציע מאַגנאַטען, די היינטיגע ערפינדער פון פאַרניכטונגס כלים; אַלע האָבען זיי גע־ירש'ענט פון זיין גרויסער ירושה, און ווער וויים, צי זיי זענען עס ניט א גלגול פון אים?

די היינטיגע תובל קין'דלאך זענען אָבער שוין ווייט איבערגעשטיגען זייער זיידען. זיי זענען פיל פאַרטגעשריטענער, מער פּראָגרעסיוו, און ווייסען מער ווי אַזוי צו שאַפען אַזעלכע פאַרניכטונגס מיטלען. דורך זייערע כעמישע און טעכנישע ערפינדונגען קענען זיי מער אויפטאָן אין איין סעקונדע ווי תובל קין אין הונדערטער יאָרען. דער פאַרשטאָרבענער באַזיל זאַכאַראָוו, דער געוועזענער מלאך המות אויף דער ערד, דער אטאַמאַן פון די אינטערנאַציאָנאַלע אַמוניציע פאַבריקען, האָט מיטגעהאָלפען אין דער ערפינדונג פון טויט־מאַטעריאַלען, אַז אַנשטאַט צו טויטען א מענש, א פאָלק, אַ לאַנד, זאָל מען קאָנען טויטען א גאַנצע וועלט, מיט אַלץ וואָס געפינט זיך אין איהר, און פון דעם מאַכען די גרעסטע פּראָפיטען.

דער אמאָליגער תובל קין האָט ביים שאַפען די שווערד און שפּיז אויך ערפינדען דעם אקעראייזען, מיט וועלכער צו עקספּלואַטירען און צו באַארבייטען די ערד, כדי זי זאָל איהרע פרוכטען אַרויסגעבען; ער האָט דאָך עפּעס אויפגעטאָן פאַר דער מענשהייט, און געבראַכט א ברכה צו דער וועלט. די היינטיגע שאַפען אָבער גאָרנישט אויסער די פאַרדאַרבונגס־כלים. אדרבה, זיי רופען נאָך אַרויס רייבונגען צווישען פעלקער און לענדער, שאַפען מיספאַרשטענדענישען דורך אינטריגעס, און טרייבען צו קריג, כדי אָנצוזאַמלען אוצרות, פאַרגרעסערען זייערע פאַרמעגענס און פאַרשטאַרקען זייער קאָנטראָל איבער דער בלוטיגער כחורה.

קאפיטעל 2

די פאַרגעטערונג פון גרויסע העלדען

דארווין, ווי מיר האָבען פריהער געזעהען, איז געווען דער, וועלכער האָט געמאכט אן איבערקערעניש, אינם פארשטיין די אנטוויקלונג און אָפּשטאמונג פון די געוויקסען און בעלי חיים און איבערהויפּט אין דער אָפּשטאמונג און אנטוויקלונג פונ'ם מענשען. ער האָט צום ערשטען מאָל אוועקגעשטעלט די ביאָלאָגיע אויף א פאָלקאָם-וויסענשאפטליכען באָדען, פעסטשטעלענדיג די פארענדליכקייט פון די ארטען און די פארוואנדשאפט צווישען זיי, און אויך די גרינטליכע מאטעריעלע סבות פון דעם דאָזיגען פראָצעס. ער האָט אויך ארויסגע-בראכט דעם קאמף זייערען פאר עקזיסטענץ, וואָס שפּילט א גרויסע ראָלע אין דער אנטוויקלונג פון די פארשיידענארטיגע אָרגאניזמען. לויט דעם דארוויניזם, האָט די נויטווענדיגקייט פון לעבען געבראכט צו מלחמות. אָרגאניזירענדיג זיך אין לענדער, האָט יעדער שבט געוואָלט פארגרעסערען זיין מאכט, ער זאָל זיין דער שטארקסטער צווישען די ארומיגע שבטים. פריהער איז דאָס געטאָן געוואָרען אויף א גאָר קליינעם מאסשטאב אָבער מיט דער צייט האָבען זיך פעלקער געמערט און מיט זיי די אונאויפהערליכע מלחמות צווישען די ניי-אָרגאניזירטע גרופּען-לענדער. דאָס זעהען מיר פון דעם רעקאָרד וואָס איז אונז פארבליבען פון די עגיפּטער, מעסאָפּאטאמיער און אשורער, וועלכע האָבען פאר א געוויסער צייט אָנגעהאַלטען אימפּעריעס, און געפירט א כסדר'דיגען קאמף מיט די ארומיגע קלענערע שבטים, זיי צו באהערשען.

די יעניגע וועלכע האָבען באוויזען צו פארגרעסערען די גרעניצען פון זייערע לענדער, צו אוזורפּירען טעריטאָריע פון אנדערע; די זיינען פארערכענט געוואָרען פאר העלדען. זייער העלדישקייט האָט זיי אויך געמאכט פאר געטער. אין די גאָר פרימיטיווע צייטען האָט מען פארהערליכט דעם גבור, א ריז איז געווען א גאָט, צו וועמען מען האָט געדארפט דינען. ביי די פרימיטיווע פעלקער זענען גבורים פארהייליגט געוואָרען, דערפאר, ווייל מען האָט אין זיי געזעהען די פארקערפּערונג פון א געטליכען רעטער.

די געשיכטע איז רייך מיט אַזעלכע מענשען-העלדען, וועלכע האָבען ארויס-גערופען אַזא באַגייסטערונג צו זיך, אז דאָס פאָלק האָט גענומען גלויבען אין זיי, אין זייער פיזישער און גייסטיגער קראפט, און געדינט צו זיי. די אשורער האָבען געדינט צו איינעם א ריז, וועלכער האָט געלעבט אינ'ם ניינטען יאָרהונדערט פאר דער קריסטלאכער צייט רעכנונג. זיין נאָמען איז געווען אשיר-נאשיר-פּאל. ער

האט אויפגעבויט די דריטע און גרעסטע אשורישע אימפעריע, און דעריבער איז ער געוואָרען צום ערשט א לעגענדארישע פיגור און שפּעטער א גאָט ביי די אשורער.

דער דאָזיגער קעניג פון אשור האָט פארכאפּט די דעמאָלסטדיגע בארימטע גרויסע שטאָט נינוה. ער האָט פארגרעסערט זיין אימפעריע אויף א שטרעקע פון טייך נילוס ביזן קאספּישען ים. זיין מאכט האָט ער אָנגעהאלטען דורך אלע זיינע לעבענס יאָהרען. ערשט נאָך זיין טויט, איז זיך די אימפּעריע צופאלען. די בארבארען פון דער נאָרד און פון דעם מזרח, האָבען נאָך זיין טויט אָנגעהויבען רעוואָלטירען. די כאלדואימער (כשדים) פון דרום זייט האָבען זיך אויך אָפּגעריסען. אזוי ארום איז רואינירט געוואָרען די אימפעריע און עס האָט זיך פארענדיגט די אשורישע עפּאָכע. אויך די שטאָט נינוה וואָס איז אמאָל געווען די לוקסוס שטאָט, די שטאָט פון פּאלאצען, פון קעניגע און פּרינצען, די שטאָט פון רייכטום און פון אויסגעלאסענקייט, איז חרוב געוואָרען און אירע מענשען זענען פארטריבען געוואָרען, ווי עס באקלאָגט איהר דער נביא נחום: „והיה כל ראיך ידוד ממך ואמר שדדה נינוה, מי ינוד לה; מאין אבקש מנחמים לה . . . *). עס האָבען איהר ניט געקענט העלפען די פארשיידענע ארומיגע פעלקער, וועלכע זענען איהר געקומען צו הילף. אשור האָט זיי אלע בייגעקומען און זיי פארשקלאפט צו זיך, האָט פארנומען זייערע וואוינונגען, זייערע פארמעגענס, ביז עס איז געקומען א שטארקערער כח און האָט איהר צושמעטערט. עס זענען געקומען די באבילאנער, נאכהער די פּערסיער און אָפּגעווישט די אימפּעריע פון די אשור'ער.

וועגען דער פאַרגעטערונג פונם גבור, דאַרפען מיר ניט זוכען אין דער געשיכטע פון די אזיאטישע פעלקער, אָדער פון די אפריקאנישע. מיר געפינען עס ביי די אייראָפּייער. מיר געפינען עס אין דער באקאנטער סקאנדינאוויישער מיטאָלאָגיע וועגען דעם שטארקען גאָט אודין. מיט ניין הונדערט יאָר צוריק האָבען נאָך די נאָרוועגען געדינט צו דעם דאָזיגען גאָט. דער דאָזיגער אודין, ווי דער בארימטער ענגלישער היסטאָריקער טאָמאס קארלייל (1795-1881), באהויפּטעט, זאָל האָבען געלעבט אין צפון אייראָפּע. ער איז געווען א ריז, וועלכער האָט ווי הייםס קרינגלא שרייבט, געבראכט קיין אייראָפּע די אזיאטען. ער איז געווען זייער גאָט. זיי האָבען צו איהם געדינט א סך יאָהרען נאָך זיין טויט. און זיין נאָמען איז שפּעטער פאראייביגט געוואָרען דורך רופען שטעט און דערפער אויף זיין נאָמען אודין. אין ענגלאנד ווי אין אנדערע טוטאָנישע לענדער, זענען פאראן פילע שטעט אויף זיין נאָמען. אויך דער נאָמען מיטוואָך, אין ענגליש „ווערנעסדעי" איז אויף זיין נאָמען. ער איז פארהייליגט געוואָרען אין דער נאָרדישער מיטאָלאָגיע. א סך פּאָעמעס, געזאנגען, זענען געווידמעט דעם דאָזיגען גאָט־מענש. צו אים שרייבט מען אויך צו, אז ער זאָל געווען זיין דער ערשטער, וועלכער האָט געבראכט דאָס שריפט הערבנים און זאָל געווען זיין דער ערשטער וועלכער האָט געעפענט די אויגען פון ווילדען אייראָפּייער מיט כשוף, מוזיק און פּאָעזיע.

*) און ס'וועט זיין, ווער ס'וועט דיך זעהן וועט וויטיקען מיט דיר, און ער וועט זאָגען: בארויבט איז געוואָרען נינוה! ווער וועט שאָקלען נאָך דיר? פון וועמען זאָל איך איהר זוכען טרייסטער . . . (נחום ג' — 7). זי איז געפאלען אין יאָהר 606 פ. ק. צייט רעכענונג — נ. ש.

עס קוקט אויס אַ ביסעל פריקרע, אונפאַרשטענדליך, אָט דער גלויבען אין מענשען. אָבער פאַרשטעהען מיר דען, ווי אזוי מענשען האָבען זיך געבוקט צו שטיינער, העלצער, צו געוויקסען, צו דער זון און לבנה, צו וואַסער און צו די פאַרשיידענע לעבעדיגע מינים? פאַראַן טאַקע היסטאָריקער, וועלכע ווילען אָפּליי־קענען דאָס גלויבען אין נאַטירליכע זאַכען, און ווילען אונז דוקא איינרעדען, אַז קיין בר־דעת האָט ניט געגלויבט אין דעם, נאָר געוויסע קלוגע מענשען האָבען דאָס אויסגענוצט פאַר זייערע אינטערעסען. דער פאַקט בלייבט אָבער, אַז מענשען האָבען געגלויבט אין זאַכען וואָס לויט אונזער באַגריף זענען זיי ניט געווען קיין געטער. אַ היינטיגער מענש וואָלט אין זיי ניט געגלויבט, אָבער יענע אַמאָליגע ווילדע קאַניבאַלען האָבען אין זיי יאָ געקענט האָבען אמונה, און מורא האָבען פאַר זייער „שטראָף".

דער ווילדער מענש, פאַר וועמען יעדער זאַך איז געווען אַ גוואַלדיגע אונ־באַגרייפליכע ערשיינונג — ניט פאַרשטייענדיג ווי אזוי די זאַך עקזיסטירט — האָט אָנגענומען די וואונדער־זאַך זעלבסט, אַלס אַ גאָט. ווען ער האָט געזעהען ווי די זון שיינט, האָט ער ביי זיך געטראַכט: וואָס איז די זון? ווי אזוי שיינט די זון, די לבנה, די שטערען? ניט אַנדערש, אַז זיי זענען געטער. מיר געדענקען דאָך פלאַטאָס משל, וועגען אַ מענש, וואָס איז ערצויגען געוואָרען אין אַ פינסטערער הייל, ביז ער איז גרויס געוואָרען, און פלוצלונג האָט מען איהם אַרויסגענומען ער זאָל זעהען די זון אין איהר ליכטיגקייט. ווי גרויס איז דעמאָלט געווען זיין פרייד און באַגייסטערונג איבער אַ זאַך, וואָס מיר זעהען טאָג־טעגליך און קוקען דערויף גלייכגילטיג! ער האָט אין דער זון געזעהען אַ גאָט פון ליכט און זיך פאַר איהר געבוקט און ניט געוואוסט ווי אויסצודריקען זיין ענטוזיאַזם. דאָס זעלבע איז געווען ביי די פאַרצייטיגע פעלקער, וועלכע האָבען אויף דעם זעלבען אופן באַוואונדערט די נאַטירליכע ערשיינונגען און די עקזיסטירענדע וואַריאַציעס. אַז אַ ווילדער מענש האָט דערזעהען אַ קליינעם שטערען וואָס לייכט אזוי הערליך צו איהם, האָט ער געגלויבט, אַז דאָס איז אַן אויג וואָס קוקט צו איהם פון דער גרויסער אייביגקייט, און שיינט צו איהם אַרונטער. אויב אין שפּעטערע צייטען האָט מען אָנגעהויבען גלויבען, אַז אַ גאָט פירט דאָס אַלעס און אַז אַלעס ווערט פלאַנירט פון אַ העכערער השגחה, האָט מען פריהער געגלויבט, אַז די וואונדערליכע וועזענס אַליין פאַרקערפּערען אין זיך די גאָטהייט. עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס די סאַבאַים האָבען זיך געבוקט צו דער זון, לבנה און שטערען.

אויב אין די אַלע „נאַטירליכע" פלאַנעטען און געוויקסען האָבען זיי געזעהען געטער, טאָ פאַרוואָס־זשע זאָלען זיי ניט געווען פאַרהייליגען און פאַרגעטערען דעם אויבער מענש, דעם ריז, דעם זשעני, וואָס איז זיי געווען כמעט אינגאַנצען אומ־באַקאַנט און אונבאַגרייפליך? די אימפּאָזאַנטע פיגור האָט ביי זיי אַרויסגערופען אומגעהויערע באַגייסטערונג און איִם פאַרוואַנדעלט אין אַ גאָט, צו וועמען אַלע דאַרפען דינען.

אין פריהערדיגע צייטען האָט מען די „אויסדערוויילטע" מענשען געהאַלטען פאַר געטער. זיי זענען עס געווען די „נפילים" די אַרונטערגעפאַלענע פון הימעל, די „בני האלהים . . . אנשי השם" וועמענס שרעק איז געפאַלען אויף אַלעמען. מען האָט פאַר זיי געציטערט, זיך געשראָקען, ווייל זיי האָבען געהאַט די גאַנצע ממשלה.

מיטן גאַנג פון דער צייט, האָט מען די דאָזיגע „חד בדרא'ס" באַטראַכט אַלס נביאים, צו וועמען גאָטס גייסט אַנטפּלעקט זיך פון צייט צו צייט. אַזוי איז ביי די אַראַבער און אַנדערע אָנהענגער פון איסלאַם פאַרהייליגט געוואָרען דער נביא מחמד (מאַכמעד) וועלכער איז אין נאָמען פון גאָט געקומען צו זיי מיט זיין נייער תורה.

די אַראַבער האָבען פריהער געגלויבט אין דעם שוואַרצען שטיין, וואָס ווערט געהיט אין הויז קאַאַבאַ אין דער שטאָט מעקאַ, און זיי גלויבען, אַז דער שטיין איז אַרונטערגעפאַלען פון הימעל. דער דאָזיגער מאַאַקאַבאַ, אין וועלכען עס ליגט דער שטיין, שטייט נעבען דעם ברונים זעמזעם. א ברונים איז בכלל א זאַך וואָס באַצויבערט מענשען. דערצו נאָך אין יענע הייסע אויסגעטרוקענטע מקומות, וואו וואַסער איז דאָס וויכטיגסטע און נויטיגסטע. דער נאָמען זעמזעם פונם דאָזיגען קוואַל איז צוליבן רויש פון וואַסער וואָס מאַכט זעם־זעם . . . די אַראַבער גלויבען, אַז דאָס איז דער ברונים, וואָס הגר, אברהם'ס דינסט, האָט געפונען אין דער מדבר, ווען זי איז אַנטלאָפען פון איר באַלעבאָסטע שרה, און דעריבער האָבען זיי דעם ברונים נאָך מעהר פאַרהייליגט. די שטאָט מעקאַ איז גרויס געוואָרען, צוליב'ן מאַקאַבאַ און דעם ברונים וואָס געפינען זיך דאָרט, און צו וועלכע אַלע אַראַבישע שבטים פלעגען עולה־רגל זיין.

צווישען די דאָזיגע אַראַבער איז אין יאָר 570 לויט דער קריסטלאַכער צייט רעכענונג געבוירען געוואָרען דער מענש־נביא מאַכמעד. ווען ער איז געווען נאָך גאָר יונג, איז ער געוואָרען א קיילעכדיגער יתום, א שטיקעל צייט איז ער געווען ביי זיין אַלטען זיידען, וועלכער האָט איהם שטאַרק ליב געהאַט. ווען ער איז אינגאַנצען אַלט געווען צוויי יאָהר, איז אים אויך זיין זיידע געשטאָרבען, און זיין פעטער אבו־טאַלעב האָט אים גענומען צו זיך.

דער דאָזיגער מאַכמעד האָט ניט באַזוכט קיין שולע, האָט ניט געקענט שרייבען, לייענען . . . פון גאָרנישט געוואוסט, נאָר געלעבט אין התבודדות, אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט, אין דער מדבר, אויף דער שוים פון דער נאַטור. זייענדיג שטענדיג איינזאַם, באַהאַפטען מיט דער נאַטור, און ניט וויסענדיג פון דאָס עלעמענטאַרסטע וואָס א דעמאָלטדיגער מענש האָט גענדאַרפט וויסען; די פאַרגאַנגענהייט איז אים אינגאַנצען געווען פרעמד. האָט ער אָנגעהויבען אריינ־טראַכטען זיך וועגען דעם וועלט־באַשאַף, וועגען די הימלען, שטערן, לבנה, וואַסער ערד . . . פון וואַנען דאָס נעמט זיך, ווער האָט זיי באַשאַפען? ער האָט אָנגעהויבען אריינטראַכטען אינם סוד הבריאה, ווי אַזוי איז דאָס צושטאַנד געקומען? ער האָט

באטראכט דעם מענש, דאָס לעבען און טויט, וואָס זענען די ערשייגונגען, און וואָס באדייטען זיי? אין די חדשים פון חשבון־הנפש, ווען ער איז געלעגען אין די היילען און אויף די בערג, האָט ער געטראכט וועגען די אלע זאכען אזוי לאנג, ביז ער איז געקומען צום באשלוס, אַז דאָס גלויבען אין די פארשיידענע געטער איז נאריש; אַז עס איז דאָ א גאָט, אן אלמעכטיגער, וואָס באהערשט אלץ און אַלעמען, און האָט קיין פאָרם פון קערפערליכקייט. ער האָט אונז באשאפען, ער גיט אונז לעבען, און ער נעמט עס אָפּ ביי אונז. דער „אלאַ אכבארי" איז דער שטארקער גאָט, דער „איסלאַם", דער שלום'דיגער, צו וועמען מיר דארפען זיך בוקען, צו וועמען מיר דארפען דינען מיט דער גרעסטער איבערגעגעבענקייט.

דעם איסלאַם, וואָס איז עהנליך צום קריסטענטום, האָט ער אָנגעהויבען פאר־שפרייטען צווישען אייגענע, נאָענטע און באקאנטע. אין אָנהויב האָט ער נאָר געקראָגען געציילטע אָנהענגער און נאָכפאָלגער, אָבער מיט דער צייט האָט ער באקומען וואָס מער און מער אָנהענגער, ביי וועלכע ער איז געוואָרען גאָט'ס שליח, גאָט'ס באדינער און מיטווירקער אויף דער ערד. די דאָזיגע האלב ווילדע מענשען האָבען אַנדערש ניט געקענט טראכטען, זיי האָבען אנדערש ניט געקענט פארשטיין און זיך פאָרשטעלען, אַז דער מענש וואָס גיט זיי גלויבען, א תורה, א „קוראן", מוז זיין אויב ניט דער הויפט גאָט, איז ער לפּחות א צוהעלפער פון גאָט; פונקט אזוי גוט ווי זיי האָבען פארגעטערט יעדער נאטירליכע ערשיינונג וואָס איז פאר זיי געווען אונפארשטענדליך.

וועגען דער פארגעטערונג פונם אויבערמענש אָדער העלד ביי די אַלטע פעלקער און נאָכן אויפקום פון די נייע פעלקער, וואָלט מען געקענט שרייבען גאנצע ביכער. דאָס איז א טעמע וואָס ווערט קיינמאָל ניט פארענדיגט — א קוואַל וואָס ווערט קיינמאָל ניט אויסגעשעפּט*). ניטשע (1844-1900) למשל, איינער פון די אָנגעזעהענסטע דייטשע פילאָזאָפען, האָט דעם „אויבערמענש" געשטעלט העכער פון געזעץ און האָט געמיינט, אַז אלע מענשען דארפען זיין זיינע משרתים. זיינע באדינער, זיינע שקלאַפען, און אויספּאָלגען אלע זיינע באפעהלען. אויך דער קולטור היסטאָריקער טאָמאס קארלייל (1795-1881) אין זיין עסיי „העלדען און העלדען־דינסט" לאָזט זיך אריין אין דער דאָזיגער טיפער חקירה איבער דער פּראָבלעם פון דער רעלאַטיווער וויכטיגקייט פון דעם גרויסען מענש און די פאָלקס מאסען, אין דער יצירה פון נאציאָנאלע און אינטערנאציאָנאלע אוצרות און ווערטען. ער קומט צום באשלוס, אַז דער גרויסער מענש, די אויסשטעהענדע פערזענליכקייט אין פאָלק איז אין אמת'ן דער רעפלעקס פון דער פאנטאזיע, א פּראָדוקט פון דעם פאָלקס באגריף, איבער פארשיידענע גייסטיגע ווערטען, א פארקערפּערונג פון די אידעאלען פון דעם פאָלק. די גרויסע פערזענליכקייט — לויט זיין מיינונג — שטעלט מיט זיך פאָר אלעס וואָס דאָס פאָלק שטעלט מיט זיך פאָר.

---

*) איך אליין האָב וועגען דעם אנגעשריבען צוויי לענגערע עסייען: „אויבערמענש און אונטערמענש" און „די מדרגות צווישען די לעבעדיגע ארגאניזמען" — נ.ש.

קארלייל זעהט די געשיכטע פון דער מענשהייט נאָר אין דער געשיכטע פון די ריזען, אין די ביאָגראפיעס פון די גרויסע מענשען, וועלכע האָבען געלעבט און געווירקט. ער פאלט אריין אין אזא באגייסטערונג, אז ער האָט שוין קיין אנדער וואָרט ניט פאר דעם זשעני ווי דער מענש מיט דער „אמת'ער שכינה" אין זיך . . . פאר וועמען מען דארף זיך בוקען, נאָכלויפען, נאָכפאָלגען און ציטערען.

אויך אנדערע האָבען נאָכגעפאָלגט די דאָזיגע פילאָזאָפיע און פארגעטערט די אָמביציע ביים מענשען, דעם „ווילען צו מאכט". ניט איין דענקער איז באגייס־טערט פון דיקטאטור, און פון דער פאָליטישער פילאָזאָפיע פון פאשיזם. ספּענגלער, דער אָנגעזעהענער דייטשער פילאָזאָף אין אונזער צייט, האָט שטארק געלויבט די רעגירונג פון מאכט, פון קלאסען. עס זענען דאָ אזעלכע, וואָס ווילען דעם ספינאָזיזם (ספינאָזע'ס פילאָזאָפיע פון מלוכה), פארבינדען מיט דער פאשיסטישער אויפפאסונג (אַן איטאליענישער פּראָפעסאָר האָט זיך אזוי מיט עטלעכע יאָר צוריק געהאַט אויסגעדריקט). פארשטייט זיך, אז דער פאשיסטישער געדאנק איז אין דער שארפסטער סתירה מיטן ספינאָזיזם, וואָס איז אנטי־דיקטאטאָריש, און היידנישער פארגעטערונג. ספינאָזא'ס שטאטסלערע איז גיכער א סאָציאליס־טישע, א דעמאָקראטישע. ספינאָזא'ס פילאָזאָפישע אויפפאסונגען: זיין מעטאפיזיק, עפיסטאָמאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, סאָציאלע פילאָזאָפיע, אנטראפּאָלגיע א. אז.וו.. איז באפרייט פון דער סכאָלאסטישער מיטעלאלטערליכער טערמינאָלאָגיע און ווערט אזוי שטארק קאָנצענטרירט, אויסגעטייטשט און אויספּראָבירט אין דער מאָדערנער וויסענשאַפט, וואו זי געפינט איהר ריכטיגען פּלאץ.

די מערסטע פילאָזאָפען פון פאר און נאָכן רענעסאנס האָבען ניט געזוכט קיין „אויבערמענשלעכע" מענשען. זיי האָבען געפונען דעם אויבערמענשליכען מענש צווישען אלע מענשען, און געטרוימט פון א מענשהייט א באפרייטער פון קלאסען, שבטים און נאציעס ;א מענשהייט, וואָס קעניגט איבער זיך זעלבסט — א גערעכטע איידעלע און פארנונפטיגע.

::—:: :—: ::—::

די מיטאָלאָגיע איז פול מיט לויב געזאנגען צו די פארשיידענע העלדען פון די פארשיידענע פעלקער. מען באזינגט די זיגער אין מלחמות, מען פארהערליכט און מען בוקט זיך פאר זייער גרויסקייט, אזוי איז געווען אין דער צייט פון געצענדי־נעריי, און אזוי איז געווען אין דער צייט פון דער אויפגעקומענער קריסטליכער רעליגיע. די איינציגע, וועלכע האָבען קיינמאָל ניט באזונגען קיין קריגערישער האפּערדיגקייט און קיין מלחמה העלדען, זענען די ליטווינער, וועלכע זענען געקומען פון אזיע און זיך באזעצט ביי די ברעגען פון ניעמאן און וויליע. אין די דיינעס (ליטווישע און לעטישע פאָלקס־לידער) איז ניטאָ קיין זכר פון טריאומף.

פאררוקטע צווישען וועלדער און זומפען, האָבען די ליטווינער זיך געהאלטען ביי זייער שפּראך, לעבענשטייגער און געצענדינעריי. זון, לבנה, שטערן, בוים, שטיין, קאטשקע, קוקאווקע בארג און ווינט — אלץ האָט מען פארגעטערט און

פארגילגול'ט. אלץ האָט געוואָרפען אן אימה אָבער צו אלעמען האָט מען געקענט בעטען, ווי צו נשמות פון נאָענטע. מען האָט מקריב געווען קרבנות צו דעם טאטען — דער זון און צו דער מאמען — די לבנה.

נאָך א יאָר טויזענט זינט קריסטעס'עס געבורט איז אייראָפּע באזיגט געוואָרען פון קריסטענטום און זיך געלאָזט צום זיג־מארש צו אלע ערד־ווינקלען, וואָס זענען דער דעמאָלטדיגער אייראָפּע געווען באקאנט, און דאָ שטעקט ביי די ברעגען פון ווילִיע און ניעמאן, ביזן באלטישען ים, אן עקשנות'דיג פאָלק, וואָס האָט אפשר אזוי פיל געטער, וויפיל ביימער אין וואלד. מען שרעקט זיך מער פאר אלעמען פארן גאָט פון דונער און בליץ, און מען איז היימיש מיטן מאמעלע־זונעלע און טאטעלע־לבנה'לע. מען לאָזט זיך אין טאנץ מיט די שטערען — גאָט'ס טעכטערלעך און גאָט'ס זינדעלעך, און צו זיי אלעמען קאָן אָנקומען איטלאכער פאסטוך, אז עס ווערט איהם פארלוירען א שעפסעל.

אומברייינגען די ליטווישע געצענדינערייי איז געוואָרען א קדוש־השם זאך פאר אלע ארומיגע פעלקער, וואָס זענען געווען ביי זיך אזוי האָפערדיג און בארעכ־טיגט צו אלץ, דורך . . . די ליידען פון געקרייציגטען יעזוס'ען און די קרייצטרעגער האָבען מיטן אָנגענייטען צלם אויפן רוקען און מיטן שווערד אין האנד זיך געלאָזט אויף ליטע.

לאנגזאם און נאָך אן עקשנות'דיגען קאמף האָבען זיך די ליטווינער אונטער־געגעבען צום נייעם גלויבען. די קרייצטרעגער פלעגען ראבירען, צינדען, נעמען געפאנגענע און געצוואונגען די ליטווינער זיך צו טובל'ען צום קריסטענטום. אָבער ווי דער שונא פלעגט אוועק, פלעגען די ליטווינער גיין צום ניעמאן אראָפּשווענקען פון זיך די קריסטלאכע טבילה, זיך מטהר זיין פון דעם ארויפגעצוואונגענעם גלויבען.

ביז עס איז געקומען די צייט, נאָך לאנגע שווערע רדיפות, ווען די ליטווינער האָבען זיך אָפּגעטרייסעלט פון זייער געצענדינערישער דיינע און צום נייעם גלויבען געקומען. אָבער אפילו נאָכדעם, זענען זיי אונטערדריקט געוואָרען פון די קרייצטרעגער און געטראָגען אויף זיך א יאָך, וואָס איז געווען כמעט אוממעגליך אויסצוהאלטען. דאָס ליטווישע פאָלק האָט איבער דער גאנצער צייט געבלוטיקט, געוויינטיקט, באהערשט געוואָרען פון פוילען, רוסלאנד, און אנדערע שכנה'שע לענדער. איז קיין וואונדער ניט, וואָס די פאראָרימטע, פארוואָרלאָזטע ליטווישע פרוי האָט, אנשטאט באזינגען די מלחמה־העלדען גאָר באוויינט די געפאלענע.

ניט איין מאמע
זיצט אויף בערגל
און באוויינט איהר זונדעלע.

ניט איין שוועסטערל
גראָבט אין זאמדעלע —
זוכט איר ברודערל.

ניט איין מיידל,
כלה יונגינקע,
דאָרט באוויינט איר חתנ'ד'ל.

די „דיינע" קלינגט מיט אומעטיקייט, מיט יאוש, מיט א שטאַרקען פעסימיזם ווייל זייער לעבען איז געווען א שווער מיזעראַבעל לעבען, און זייער גאַנצען טרויער האָבען זיי אויסגעדריקט אין יאָמערליכע געוויינען.*)

אַנדערע פעלקער אָבער, וועלכע האָבען געלעבט אין א בעסערען צושטאַנד, וועלכע זענען ניט אזוי אונטערדריקט געוואָרען, האָבן אין זייערע געזאַנגען, אין זייער מיטאָלאָגיע, אויסגעדריקט די גלאָריעס, די טריאומפען זייערע אין מלחמות מיט אַנדערע. אין די לידער האָט מען באזונגען די מענשען, וועלכע האָבען געפירט זייערע מלחמות, און העראָיש אוועקגעגעבען זייערע לעבענס פאַר זייער פאָלק און לאַנד.

דאָס העלדישקייט פון די דאָזיגע מענשען האָט זיי געמאַכט פאַר רעגירער, פאַר קעניגע. אזוי איז אין 18־טען יאָרהונדערט קראָמוועל געוואָרען דער הערשער פון ענגלאַנד, דערפאַר וואָס ער האָט באוויזען אָפּצוהאַקען דעם קאָפּ פונם דע־מאָלטדיגען קעניג, און ראַטעווען גרוים בריטאַניע. און אזוי איז נאַפּאָלעאָן פאַר־רעכענט געוואָרען אלס דער גרעסטער העלד פון זיין צייט, ווייל ער האָט באוויזען זיך קעגענשטעלען דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אין יאָהר 1788, ווען דער קעניג איז געווען צו שוואך געגען דער גרויסער ענציקלאָפּעדיסטען באוועגונג. אלס גענעראַל, האָט ער אין 1792 אָנגעשטרענגט אלע זיינע מיליטערישע כחות און דערשטיקט אין בלוט די רעוואָלוציע. ער האָט געזיגט אין מלחמות, באזיגט פעלקער אוזורפירט טעריטאָריעס און זיך גערעכענט פאַרן גרעסטען העלד אין זיין צייט. ער האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין דער דעמאָלטדיגער וועלט־מאַפּע און זיין נאָמען איז געבליבען אויסגעקריצט מיט די סאַמע שטאָלענע ווערטער אין דער וועלט געשיכטע, ניט ווייל זיין העלדישקייט האָט געבראַכט נוצען דער וועלט, ניט דערפאַר, ווייל זיין מאַכט איז געווען וויכטיג; אין געגענטייל, ער האָט נאָך גע־שטאַרקט די רעאַקציע און צוריקגעשליידערט די פּראָגרעסיווע אייראָפּע אויף טויזענטער מיילען ווייט צוריק צו דער מיטעלאַלטערליכער פינסטערניש. זיין נאָמען איז געבליבען פאַראייביגט אלס טיגער, פאַרכאַפּער, און אלס מענש, וואָס האָט ניט פאַרגונען קיינעם ניט קיין כבוד, ניט קיין מאַכט, נאָר אַלץ געוואָלט האַלטען פאַר זיך.

ער איז אָבער נישט געווען דער ערשטער און אודאי נישט דער לעצטער צו זיין פאַרקויפט צו זיין אייגענעם שמאָלען „עגאָאיזם" — צו זיין אייגענעם „איך". פאַר איהם זענען געווען א סך אזעלכע „העלדען" ווי אלקסאַנדער דער גרויסער,

*) זע, אוריה קאַצענעלענבאָגען: „דיינעס", טאָראָנטאָ, 1930, איינלייטונג ז.־ז. 5—9, לידער ז. 51.

פון די גריכען, וועלכער האט אין זיינע אלע לעבענס־יארען געהאלטען אין איין פארכאפען לענדער און פעלקער, און אויפגעבויט די גרעסטע גריכישע אימפעריע. ווי די רוימישע צעזארען, וועלכע האבען באהערשט די דעמאלטדיגע וועלט און אויפגעבויט „רוים", וואס איז נאך ביזן היינטיגען טאג איינע פון די שטארקסטע מלוכות. מלכות רוים, דאס איז געווען די ערדישע מלוכה, וואס האט געוועלטיגט איבער יבשה און ימים; איבער גאנצע קאנטינענטען האט זיך געצויגען איהר מאכט. גאנצע יארהונדערטער האט אנגעהאלטען די דאזיגע פעלזען־פעסטע אימפעריע, איר מאכט, און איז געווען דער צענטער פון דער מעכטיגסטער אימפעריע אין דער ביז דעמאלטדיגער געשיכטע פון דער מענשהייט. די דאזיגע אימפעריע וואס איז אויפגעבויט געווארען פון אוגוסטוס צעזאר איז שפעטער פארוואנדעלט געווארען אין דער הייליגער אימפעריע, פון וועלכער דער רוימישער פאפסט איז געווען דער „גייסטיגער" הערשער.

נאך רוים זענען געווען אנדערע אימפעריעס, די עסטרייכישע אימפעריע, די פראנצויזישע אימפעריע, די דייטשע אימפעריע. אבער די גרעסטע און אייגענארטיגע אימפעריע נאך דער רוימישער איז די בריטישע אימפעריע, וואס איז מער ווי אן אימפעריע — זי איז א פעלקער ליגע, א וועלט־שטאאט. זי איז גרויס אין שטח און אין באפעלקערונג. אויף דער גאנצער וועלט איז דא פופציג מיליאן קוואדראט מיילען פון לאנד־שטח, וואס קאן באנוצט ווערען פאר מענשליכע צוועקען. די בריטישע אימפעריע אליין פארנעמט א שטח פון 13 מיליאן מיט 356 טויזענט קוואדראט־מיילען, מער ווי א פערט חלק פון דעם גאנצען באוואוינטען לאנד שטח פון דעם ערד קוגעל. אין דער גאנצער וועלט זיינען דא צוויי ביליאן מענשען. די בריטישע אימפעריע אליין צעהלט א באפעלקערונג פון א 500 מיליאן מענשען.

די בריטישע אימפעריע איז צעזייט און צעשפרייט איבערן גאנצען ערד קוגעל. אין יעדען וועלט טייל איז פאראן א „שטיקעל" פון דער בריטישער אימפעריע. יעדער ים גרעניצט זיך מיט דער דאזיגער אימפעריע. אלע ראסען פון דער מענשהייט, אלע רעליגיעס, אלע קאלירען, אלע שטופען פון דער מענשליכער ציוויליזאציע — אלץ איז פארטראטען אין דער בריטישער אימפעריע.

די בריטישע אימפעריע איז ניט נאר גרויס אין שטח, ניט נאר גרויס אין באפעלקערונג, נאר אויך רייך אין די מייסטע מאטעריאלען, אן וועלכע א מאדערנע אינדוסטריעל־אנטוויקעלטע מדינה קען ניט לעבען און געדייהען. זעקס־און־פופציג פראצענט פון דער גאנצער גאלד פראדוקציע אין דער וועלט קומט פון זיד אפריקע, אויסטראליע און קאנאדע. דעם גרעסטען טייל גומי וואס די אימפעריע פארנוצט, באקומט זי אין מערב־אפריקע און אין דעם האלב אינזעל מאלאי. דעם גרעסטען טייל פון הארטע קוילען וואס ענגלאנד פארברויכט באקומט זי אין די מינען פון ווילס. דריי און פערציג פראצענט פון דעם גאנצען וואל וואס די וועלט פארנוצט קומט פון אויסטראליע, זיד אפריקע און ענגלאנד. א פינפטעל פון דעם גאנצען ווייץ, וואס די וועלט פארנוצט קומט פון קאנאדע און אויסטראליע. און אזוי איז מיט די אנדערע רויהע מאטעריאלען.

אימפעריעס זענען אויפגעשטאנען און אימפעריעס זענען אונטערגעגאנגען. די געשיכטע איז רייך מיט אזעלכע פאסירונגען. אָבער מיט וואָס דערקלערט זיך דער ערפאָלג פון אָט־דעם קליינעם אינזעל וואָס ליגט אין נאָרד־וועסטליכען טייל פון אייראָפּע, צו ווערען אין פארלויף פון דריי הונדערט יאָהר דער צענטער פון דער גרעסטער און מעכטיגסטער אימפעריע אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט? איז דאָס געקומען דורך א צופאַל אָדער דורך א רייהע אנטוויקלונגען? זענען טאקע די ענגלענדער קליגער פון אנדערע פעלקער, פּראקטישער, ענערגישער, מוטיגער? פארמאָגען די ענגלענדער באזונדערע אייגענשאפטען וואָס אנדערע האָבען ניט?

אָט דאָס איז א פּראָבלעם וואָס הונדערטער שרייבער, היסטאָריקער האָבען געוואָלט דערקלערען, אָבער קיין איינער האָט נאָך ניט באוויזען צו געבען א פולשטענדיגען איבערציינגענדען און גרינדליכען ענטפער. איינער א בארימטער פראנצויזישער שריפטשטעלער, האָט לעצטענס אָפּגעדרוקט א בוך א.ג. „דהי מירעקעל אָוו אינגלענד" — דער נס פון דעם לאנד, וואָס הייסט ענגלאנד, וואו ער זוכט אין די פינף הונדערט זייטען צו ערקלעהרען די דאָזיגע רעטעניש. אָבער אויך ער האָט ניט געפונען דעם שליסעל צו דער געהיימנים פון דער בריטישער אימפעריע, אויך ער האָט דעם „נס" ניט אויפגעקלערט.

מילא, איז דאָס ניט אונזער איצטיגער טעמא, דאָס געהערט צו א צווייטער ספּעציעלער עסיי. אָבער דאָס קאָן מען יאָ זאָגען, אז די בריטישע אימפעריע, אלס א גאנצע, איז פון קיינעם ניט „אויסגעקלערט" געוואָרען, פון קיינעם ניט פּלאַנירט געוואָרען, ניט פון דעם אָדער יענעם קעניג; ניט פון דעם אָדער יענעם קריגס־פיהרער — זי איז אויפגעקומען דורך לאנגע יאָרען פון אנטוויקלונג, פון צוגרייטען דעם באָדען צו דעם. לאנגזאם, ניט מיט קיין שטארקען טעמפּאָ, איז צוזאמענגעשטעלט געוואָרען די דאָזיגע מאטראָפּאָליע פון אימפעריעס. ביסלעכווייז איז געשאפען געוואָרען דער „צעמענט" וואָס זאָל צוזאמענבינדען די בריטישע לענדער, וואָס זאָל זיי צוזאמענשמעלצען אין איין פאָלק. עס האָט גענומען יאָהרען מיט יאָהרען, ביז ענגלאנד איז געוואָרען די הערשערין איבער ים'ען, אויפצובויען א ריזיגע פלאָטע, וואָס זאָל איהר פארהיטען פון וועלכען עס איז שונא.

אויך ענגלאנד'ס צוקונפט אלס אימפעריע איז ניט געזיכערט. וואָס א יאָהר — אלץ ענגער ווערט אין דער אימפעריע. אינדיע וועט זיך געווים מיט דער צייט אָפּרייסען פון איהר, און דער דאָזיגער ריס וועט גורם זיין צו דער צופאלונג פון דער אימפעריע. סאידען איהרע אימפעריאליסטישע פירער וועלען נאָכגעבען אינדיע'ס פאָדערונגען, וועלען איהר געבען די פולע רעכט און פרייהייט, וועלען איהר ארייננעמען אלס דאָמיניאָן, און באפרייען דאָס אינדישע פאָלק פון זיינע אונטערדריקער. סאידען עס וועט פאָרקומען א רעוויזיע אין דער אימפעריאלער פּאָליטיק, און עס וועט אָפּגעשאפט ווערען די צוטיילונג פון די גרופּעס אָדער קאַטעגאָריעס.

קאַפּיטעל 3

ווי אַזוי עס איז געקומען צו דער אָרגאַניזירונג פון דער אַרמיי

מיר האָבען פריהער שוין געזעהען, ווי אזוי קריג צווישען מענש און מענש, צוליב פערזענליכע מאָטיוועו, איז געוואָרען א נאַציאָנאלע זאַך. אין איצטיגען קאפּיטעל וועלען מיר באהאנדלען די אנטשטעהונג און דעם אנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער אָרגאַניזירטער ארמיי, ווי אזוי די ראָלע פון דער פיזישער שטאַרקייט האָט פארלוירען איר באַדייטונג און מען האָט אָנגעהויבען זוכען ערפאַרענע געלערנטע קריגס־פיהרער. ווי אזוי עס האָט זיך געשאַפען די וויסענשאַפט פון סטראַטעגיע, דער געדאַנק פון אַן ארמיי, לויטער פּראָפעסיאָנאלען, וואָס גיבען זיך אָפּ מיט איבונג אין מלחמה קונסט.

אין די גאָר ערשטע צייטען איז קיין רייד ניט געווען וועגען אַן אָרגאַניזירטער ארמיי. מען האָט ביי די פארצייטיגע שבטים, גאָר ניט געטראַכט וועגען שאַפען א שטענדיגע ארמיי, וואָס זאָל היטען די אָרדנונג פון לאַנד, און אויך געגען אָנפאַלען פון דרויסען. דאָס מיליטער איז באַשטאַנען פון אלע איינוואוינער פון לאַנד. די מענער פון יעדען שבט, זענען שטענדיג געווען גרייט, אין פאַל פון קריג, אין פאַל פון אַן אַטאַקע, צו באַגעגענען דעם שונא מיט העק, שפּיזען און שווערדען. קיין מוניציע פאַבריקען זענען ניט געווען. עס זענען אָבער געווען ספּעציעלע שמידען, וועלכע האָבען אויסגעארבייט פון קופּער און אייזען פארשיידענע כלי־זיין. די אימפּעריאַליסטען פון יענער צייט האָבען דעריבער אַכטונג געגעבען, אַז אין זייערע דאָמיניאָנס און אונטערדריקטע באַהערשטע לענדער זאָל זיך ניט געפינען קיין געוועהר, אַז אין צייט פון רעוואָלט זאָלען די רעוואָלטירער ניט האָבען מיט וואָס זיך צו שלאָגען. ווען די אידען אין ארץ ישראל זענען געווען אונטער די פלשתים האָבען די פלשתים ניט דערלאָזט, אַז אין ארץ ישראל זאָל זיך געפינען א שמיד, טאָמער וועלען אידען זיך קענען באוואָפענען געגען די פלשתים*).

דער פּראָצעס פון אנטוויקלען אַן אָרגאַניזירטע ארמיי ביי אידען, ווי מיר לייענען אין דער ביבעל, איז פאָרגעקומען גאַנץ איינפאַך. אין אָנהויב, ווען די דאָזיגע שבטים נאָמאַדען האָבען זיך אריינגעריסען אין כנען, אונטער יהושע'ס פירערשאַפט, האָבען זיי קיין ספּעציעלע ארמיי ניט געהאַט. אלע צוזאַמען זענען זיי געגאַנגען אויף כנען און פאַרכאַפּט שטעט מיט פעלדער, ביז זיי האָבען שוין געהאַט כמעט א רוב פון שטח־ערד אויף דער כנעני'שער טעריטאָריע. זיי האָבען ניט געוואָלט אַרויסלאָזען די איבעריגע צוויי און א האַלבען שבט, וועלכע האָבען

*) וחרש לא ימצא בכל ארץ ישראל. כי אמרו פלשתים פן יעשו העברים חרב או חנית... והיה ביום מלחמה; — ולא נמצא חרב וחנית ביד כל העם. (שמואל א׳ יג; 19, 22).

זיך באזעצט אין עבר הירדן נאָך אין משה'ס צייטען. משה האָט זיי באַשוואוירען מיט כל־ערליי שבועות און פארזיכערונגען, אז די מענער פון שבט גד, און האלב־שבט מנשה וועלען ניט פריהער זיך באזעצען אין עבר הירדן ביז די אידען אויף דער זייט ירדן וועלען ניט זיין באזעצט אויף זייער באָדען. אזא אלגעמיין פּארטראָ־טענע ארמיי האָט עקזיסטירט פאר דער גאנצער שופטים עפּאָכע. דער אָנפירער פון אזא אונאָרגאניזירטער ארמיי האָט געמוזט זיין א שטארקער און א מוטיגער. דעריבער איז געווען דער געבאָט, אז ווען זיי האָבען זיך דערנענטערט צו מלחמה, האָט דער כהן גערארפט רעדען צום פאָלק „הער ישראל, איהר געהט היינט אויף מלחמה געגען אייערע פיינט, זאָל ניט שלאַף ווערען אייער הארץ; איר זאָלט ניט מורא האָבען, און ניט איילען און זיך ניט שרעקען פאר זיי. ווארים גאָט, אייער האר, איז דער וואָס געהט מיט אייך . . .” די אויפזעהער האָבען גערארפט זעהן, אז ווער ס'האָט אויפגעבויט א ניי הויז, ווער ס'האָט געפלאנצט א ווייננאָרטען א. א.וו. זאָל זיך אומקערען צו זיין היים. זיי האָבען אויך גערארפט פריהער אויס־רופען: „איז עמיצער דאָ, וואָס איז שרעקעדיג און ווייכהארציג? זאָל ער גיין און זיך אומקערען צו זיין היים, כדי דאָס הארץ פון זיינע ברידער זאָל ניט צוגיין ווי זיין הארץ.”*)

מיר זעהען אויך ווי אין דער צייט פון די שופטים, האָט יעדער שבט געהאַט זיין „שטארקען”, וועלכער איז געווען שופט און פיהרער. גדעון, יפתח, האָבען מיט זייער שטארקייט באהערשט דאָס פאָלק. מען האָט מורא געהאַט פאר זיי, האָט מען זיי געפאָלגט. דער ערשטער אידישער קעניג שאול, וועלכער האָט אין א געוויסער מאָס פאראייניגט די שבטים איז געווען דער הויפּט קאָמאנדיר און אָנ־פירער פון זייערע מלחמות און מיט דעם האָט ער צופרידענגעשטעלט אויך זייערע פאָדערונגען פון באשטימען א קעניג, וועלכער זאָל זיי משפּט'ען און פירען זייערע מלחמות*).

דער אָנהויב פון דער פאראייניגונג צווישען די אידישע שבטים איז פאָרגע־קומען נאָך א סך פריהער, נאָך אין צייט פון דער נביאה דבורה. אין איהר צייט איז עס געשלאָסען געוואָרען דער בונד צווישען די שבטים פון צפון טייל כנען, וועלכע זיינען גאנץ אָפט באפאלען געוואָרען פון זייערע באוואפענטע שכנים די כנענים. די פיר שבטים פון דער צפון זייט: נפתלי, אשר, זבולון און יששכר זיינען געווען צו שוואך זיך קעגענשטעלען די ארומיגע שונאים. זיי האָבען זיך גענויטיגט אין געגענזייטיגער הילף.

און דאָס האָט געטאָן די קלוגע דבורה פון הר אפרים, די ערשטע אידישע פּאָעטין ,וועמענס „שירה” האָט אזוי שטארק אויסגענומען, אז עס איז אריין אין די היילינע שריפטען. די דאָזיגע פרוי האָט געהאַט א פּאָליטישען בליק, פון אן אמת'ע „שופטה”, א פלאַם פייערדיגע נביאה, וועלכע האָט פארשטאַנען דעם געבאָט פון דער שעה. זי האָט זיך געווענדעט צו די שבטים, זיי זאָלען זיך פאראייניגען אין

*) דברים כ' 1־9

**) שמואל א' י ה'; 5־20

קריג מיטן אויסערליכען שונא. און ווי זי רעכענט אויס, האָבען זיך נאָר פארבונדען די דערמאָנטע עטלעכע שבטים. די איבעריגע זענען געשטאנען אן א זייט און ניט געקומען צו הילף. די דאָזיגע „אם בישראל" האָט געהאט א פיל בעסערען חוש פאר פּאָליטיק, ווי די שופטים פאר איהר און נאָך איהר. זי איז אפשר אויך געווען מער געבילדעט פון זיי, און שוין אָפּגערעדט פון איהר פּאָעזיע, די „שירת דבורה" איז אן און פאר זיך א מייסטערהאפט ווערק.

די אידען זענען נאָך דעמאָלט ניט געווען רייף צו אזא גרויסען פאראייניגטען פראָנט — צו שאפען א פאראייניגטע נאציע און א פאראייניגטע מלוכה. עס האָט גענדארפט נעמען גענוג צייט, אידען זאָלען פארלאנגען א קעניג ווי ביי אלע פעלקער. און צו שטרעבען צו ווערען מיט לייטען צוגלייך. דעם דראנג האָבען זיי ערשט ארויסגעבראכט אין דער עפענטליכקייט אין דער צייט פון דער פלשתים הערשאפט, ווען אידען האָבען געליטען פון די אונאויפהערליכע אטאקעס מצד די פלשתים, און האָבען אָנגעהויבען אריינטראכטען, ווי אזוי זיך צו באַפעסטיגען געגען די פלשתים. זיי האָבען דאן געקראָגען דעם נאציאָנאלען באוואוסטזיין און האָבען פארשטאנען, אז זיי פעהלט א שטאטליכע פאראייניגונג.

זענען זיי געקומען צו שמואל הנביא און פון איהם פארלאנגט אן „ערדישען" מלך. דער לעצטער האָט אויסגעדריקט באדויערען דערמיט, וואָס זיי פארלאזען זיך שוין מער ניט אויף דער געטלעכער פיהרערשאפט; ער האָט אָבער באין ברירה געמוזט מסכים זיין און זיי אויפזוכען א קעניג, וואָס זאָל כאָטש ווערען געזאלבט מיטן געטליכען זאלב בוימעל. און ווי דער פסוק דערציילט, האָט ער אויסגעקליבען דעם „נחבא אל הכלים" שאולן, דעם זון פון קיש'ן, פון שבט בנימין, א שטארקער און א הויכער, פארן קעניג פון ישראל. פון זיין אקסעל אָן איז ער געווען העכער פונם גאנצען פאָלק, און אין מלחמות איז ער געווען אויסגעצייכענט — פאר די צוויי יאָר צייט, וואָס ער האָט רעגירט, האָט ער א סך אויפגעטאָן, אָפּווישענדיג עמלק'ן און שלאָגענדיג די פלשתים — „זיין שווערד האָט זיך קיינמאָל ניט אומ־געקערט ליידיג."

ער איז אויך געווען אן „עניו", א צוגעלאָזענער, און האָט אריינגעבראכט פיל פרייד אין די הערצער פון אידישע טעכטער: האָט זיי באזארגט מיט פארשיי־דענע לוקסוס זאכען, מיט גאָלד, קליידונג און שפייז, און זיך געפיהלט ווי דער פאראנטוואָרטליכער מלך ישראל.*)

דוד, זיין באזיגער, דער צווייטער אידישער קעניג, דער העלד, וואָס האָט אָנגעהויבען זיין קאריערע אין די מלחמות צווישען די אידען און די פלשתים, און באזיגט דעם ריזיגען גלית, האָט אָנגעהויבען אָרגאניזירען א אידישע ארמיי, מיט יואב'ן אלס הויפט קאָמאנדיר. ער האָט פארשטאנען די וויכטיגקייט פון סטראטעגיע, פון לערנען מלחמה־קונסט מיט זיין מיליטער. „ללמד את בני יהודה

*) זע, דעם הספד אויף איהם און זיין זון יהונתן, פון זיין איידים און שפעטערער קעניג דוד, שמואל ב' א: 22־24.

קשת" — איז געווען זיין לאָזונג. דוד אליין האָט אָבער נאָך אַלץ געמוזט אָנפירען מיט די מלחמות. ער אליין איז געגאַנגען אויפן שלאַכטפעלד און געוויזען, ווי אַזוי אָנצוגעהן מיט די מלחמות געגען די פלשתים, מואבים און אנדערע. זיינע הענט זיינען פול געווען מיט'ן שונא'ס בלוט. זיין זון שלמה איז געווען דער ערשטער ביי אידען צו שאַפען א ריזיגע ארמיי פון פוסגייער און קאַוואַלעריע, לויטן עגיפּטישען מאָדעל כדי ניט צו דאַרפען זיך באַטייליגען אויפן שלאַכט־פעלד. ער איז געקומען אין צייט פון שלום מיט די ארומיגע פיניקער, אשירים און מצרים, און טאַקע אויסגענוצט די גוטע געלעגענהייט צו שאַפען א רעגולערע ארמיי, א דיסציפּלינירטע און איינהייטליכע, וואָס זאָל זיין גרייט צו א קאָנטר־אַטאַקע געגען וועלכען שונא עס זאָל ניט זיין. די אָרגאַניזירונג פון אזא מיליטערישער אָרדנונג האָט געדאַרפט אָפּקאָסטען א סך געלט, ער איז דעריבער געצוואונגען געווען ארויפצולייגען גרויסע שטייערען אויפן פאָלק. דאָס האָט זיך שטאַרק אָפּגערופען אויף דער אידישער באַפעלקערונג, וועלכע איז נאָך ניט געווען צוגעוואוינט צו אַזעלכע שטייערען. דאָס יונגע ארץ ישראל איז נאָך ניט געווען בכח אויסצוהאַלטען א רעגולערע ארמיי מיט א קעניג, אַן אדמיניסטראַציע וואָס איז געווען צוגעפּאַסט צו די דעמאָלטדיגע מאָדערנע ציוויליזירטע לענדער. דאָס האָט גורם געווען צו דער צוטיילונג און שפּאַלטונג פון מלכות ישראל אין צוויי באַזונדערע דינאַסטיעס: א מלכות יהודה און א מלכות אפרים. די דאָזיגע צוויי מלוכות האָבען געפירט מלחמה צווישען זיך גלייך ווי זיי וואָלטען געווען צוויי באַזונדערע פעלקער. זיי האָבען זיך פאַרראַטען און ניט איינמאָל געמאַכט אָפּמאַכען מיט אנדערע מלוכות, כדי דערשטיקען דעם נעגנער, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט אָסאָ, דעם קעניג פון יהודה, און בעשא דעם מלך ישראל. יעדער איינער האָט געזוכט אָפּצוקויפען בן־הדד'ן, דעם קעניג פון ארם און אים געווינען אויף זיין זייט.

די פּראָטעסט באַוועגונג געגען שלמה'ס ברייטער פאַרשווענדערישקייט און לוקסוסדיגען לעבען, האָט זיך נאָך אָנגעהויבען בעת שלמה איז געזעסען אויפן מלוכה־שטול. דאָס פאָלק איז געווען געגען שלמה'ן, פאַר זיין פאַרוואַנדלען די מלוכה אין א רייכען קעניגליכען הויף ווי אין די אָריענטאַלישע לענדער; פאַר האָבען אַזויפיל פלגשים — ווייבער, אַזויפיל פּאַלאַצען, און אַזויפיל באַדינער. ירבעם בן נבט איז געווען איינער פון די, וועלכע האָבען זיך געגרייט צו א רעוואָלט. שלמה איז דערפון געוואויר געוואָרען, און האָט איהם געוואָלט הרג'ענען, איז ער אוועק קיין מצרים.

נאָך שלמה'ס טויט האָבען די געגנער גאַנץ אָפען געפאָדערט פאַרקלענערטע שטייערען, און וועניגער לאַסט. רחבעם, א שוואַכלינג און ניט איבעריגער חכם, האָט זיך ניט געוואָלט בויגען פאַרן ווילען פון פאָלק. ער האָט געפאָלגט זיינע „יונגע" יועצים צו סטראַשען די אידען מיט זיין מאַכט, אז ער וועט טאָן דאָס, וואָס ער וועט וועלען, און וועט נאָך שווערער מאַכען דעם יאָך פון שטייערען.

די אידען האָבען זיך אָבער וועניג־וואָס געשראָקען פאר זיינע וואָרנונגען, און זיך גלייך אָרגאניזירט אין א נייער מלוכה, א גרעסערער און א שטארקערער. עס איז געשאפען געוואָרען דאָס מלכות אפרים.

די מאָנארכיסטישע פארוואלטונגס סיסטעם האָט געשאפען אין יעדען לאנד ריזיגע ארמייען, וועלכע זענען געלעגען ווי א שווערער עול אויף די בירגער. די מאָנארכיע האָט איינגעפיהרט דעם סיסטעם פון אויפהאלטען א רעגולערע ארמיי, אזוי אז אין עגיפטען אונטער דער פרעה דינאסטיע, וועלכע איז געקומען נאָך די היקסום'ס (היקסום — קרעציגער) איז געשאפען געוואָרען אן אויסשטייענדע פראָפעסיאָנעלע קוואליפיצירטע ארמיי. און אזוי אין סיריע, אשור, בבל, גריכענלאנד, און לסוף האָט די ארמיי באקומען איהר העכסטען אויסדרוק, פארנעמענדיג דעם חשוב'סטען ארט אין דער מלוכה, אין דער רוימישער אימפעריע. די רוימישע צעזארען האָבען זיך אויסגעצייכענט אויף דעם געביט.

אין כינע, אין ווייטען מזרח, האָט מען זיך מיט מלחמה־קונסט פארנומען ווי א מין ספאָרט. יעדע פראָווינץ האָט געהאט איר אייגענע ארמיי, און איהר געגעבען די געהעריגע מיטלען אויף אויסצולערנען זיך פעכטען, שיסען, לויפען, און באהאלטען זיך פארן שונא. די כינעזער האָבען זיך קיינמאָל ניט אזוי געפרייט מיט זייער נצחון ווי מיט יענעמ'ס דורכפאל. אין איינעם פון די קלאסישע ווערק אינם „בוך פון קריג" וואָס איז איבערזעצט אין ענגליש פון קאפיטאן ע. פ. קאלטהראפ, ווערט דער מלחמה לאָרד גערופען סון, „דער מייסטער", דער עקספערט פון מלחמה, דער העלד מיטן שטארקען כאראקטער. סון פירט נאָר דאן מלחמה, ווען ער זעהט פאָראויס דעם שונא'ס דורכפאל. ער פירט נאָר מלחמה, ווען ער וויים, אז דאָס לאנד איז בכח און גרייט צו מלחמה. ער זעהט אויך צו קומען צו אן אויסגלייך מיט'ן שונא, אויב ער מיינט, אז דאָס לאנד איז ניט אימשטאנד אָנצוהאלטען דעם קריג. צו ווערען אין כינע א מלחמה פיהרער, א גענעראל, האָט מען געדארפט זיין אן עקאָנאָמיסט, אן עקספערט אין ענינים פון קריג, און א גוט אויסגעצייכענטער סאָלדאט.

אין דער צייט ווען אין כינע איז שוין געווען א ציוויליזאציע און אלץ, וואָס א ציוויליזירט פאָלק דארף האָבען, איז נאָך אין גריכענלאנד דער סטאנדארד פון לעבען געווען זעהר נידעריג. די כינעזער זענען א סך פריהער געקומען מיט זייער קולטור און זייערע טראדיציעס איידער די עגיפטער, סיריער א. א. די גריכען ווידער זענען געווען די ערשטע אין אייראָפּע צו שאפען די מערב קולטור, וואָס האָט מיט דער צייט געשלאָגען די טיפסטע וואָרצלען, אין דער אנטוויקלונג פון דער מענשהייט.

נאָך אינם פינפטען יאָרהונדערט, זענען די גריכען ניט געווען אָרגאניזירט אלס אן „איינהייטליכע" נאציע. גריכענלאנד האָט נאָך דעמאָלט ניט געהאט קיינע ספעציעלע מיליטאריסטען. יעדער איינער האָט אין אטען געקאנט ווערען א גענעראל אָדער קאָמאנדיר. ערשט מיט יאָרען שפעטער, איז דאָרט ארויפגעשוואומען דער געדאנק וועגען שאפען א פראָפעסיאָנעלע ארמיי.

דער בראַוסטער בירגער אין דעם ספּאַרטאַנישען קריג, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין העלדישקייט איז געווען דער גרויסער פילאָזאָף סאָקראַט (470־399 פ.ק.). זיין תלמיד קסענאָפאָן, וועלכער איז געווען א סאָלדאַט אלע זיינע יאָרען, שרייבט וועגען דעם אין זיינע מעמוארען זעהר א סך. ער גיט איבער, ווי אזוי עס האָט זיך ביי זיי אנטוויקעלט דער געדאַנק וועגען שאַפען א קוואַליפיצירטע אַרמיי. זיינע אַרגומענטען וועגען סטראַטעגיק בכלל, זענען זעהר אינטערעסאַנט.

צו דער העכסטער שטופע פון אן אָרגאַניזירטער אַרמיי האָט גריכענלאַנד דערגרייכט נאָך דעם זיג איהרען איבער מאַקעדאָניע, אין צייט פון פיליפּ, און אַלעקסאַנדער דער גרויסער. נאָך אַלעקסאַנדער׳ס טויט איז גריכענלאַנד באַהערשט געוואָרען פון פּראָפעסיאָנעלע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען פיהרען מלחמה צווישען זיך און פארשוועכט זייער רייכטום און ענערגיע אויף אויפצובויען זייער העלענישע אימפּעריע אין אזיע. דאָס האָט געפירט צו דער צופאַלונג פון דער קלאַסישער אימפּעריע, אַז רוים זאָל פאַרנעמען איהר פּלאַץ אונטערן הימעל. די קוואַדראַטנע רוים*) איז שוין מער ניט געווען בלויז א שטאָט לעבען מיטעלענדישען ים, נאָר אַן אימפּעריע, וואָס האָט זיך געצויגען איבער לענדער און קאָנטינענטען, וואָס האָט באַהערשט כמעט דעם גאַנצען ציוויליזירטען ישוב פון יענער צייט.

די רוימישע אַרמיי איז גערופען געוואָרען לעגיאָ. דעם דאָזיגען נאָמען האָט זי געטראָגען זינט רומולס האָט געגרינדעט רוים (דעם 21־טען אפּריל, 753 יאָר פאַר דער קריסטלאַכער צייט רעכענונג), ביז גאָר די לעצטע צייטען. די אַרמיי איז באַשטאַנען פון פאַרשיידענע באַוואָפענטע סאָלדאַטען: פוס־גייער, קאַוואַלעריע, אַרטילעריע, א. ד.ג. אונטער רומולס איז די אַרמיי באַשטאַנען פון 3000 פוס סאָלדאַטען. די צאָל איז אַלעמאָל געוואַקסען און אין צייט פון מאַריוס הערשאַפט האָט זיך די אַרמיי געצעהלט 6,200 אויסער די רייטער אויף פערד. די מיליטערישע אָרגאַניזאַציע האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע גלגולים, איבערגייענדיג פון איין פאָרמע צו דער צווייטער, ווי למשל, אין קליידונג, דיסציפּלין, מוניציע, און צו־טיילונג פון די עמטער. זי ווערט געטיילט לויט די פאָלגענדע פּעריאָדען:

1. ערשטער פּעריאָד: סערוויוס טוליוס. — דער לעגיאָן פון סערוויוס איז געשטאַנען אין ענגען קאָנטאַקט מיט דער צענטראַל רעגירונג און איז געווען אינגאַנצען לויטן גריכישען מוסטער. דער פאַסאָן פון די קליידער. די לאַנגע שפּיזען, נאָכגעמאַכט די גריכען. דער הויפּט קאָמאַנדיר האָט געטראָגען אַן אַרגאַליק, פּאַנצער אלס באַשיצונג מיטעל.

2. צווייטער פּעריאָד: (די גרויסע לאַטיינישע מלחמה — 340 פאַרן קריס־טענטום) — דער לעגיאָן איז אינגאַנצען געענדערט געוואָרען און באַקומען א נייעם אויסקוק. די אַרמיי איז צוטיילט געוואָרען אין פינף דיוויזיעס (ליניעס).

*) די אָריגינעלע נאָמען פון רוים אין לאַטיין איז: "Roma Quadrata". אויף רומולס׳עס נאָמען.

די סאָלדאטען פון דער ערשטער ליניע זיינען גערופען געוואָרען „האסטאטי", באַשטייענדיג פון יונגעטליכע עלעמענטען איינגעטיילט אין 15 אָפּטיילונגען (מאַניפּולים). יעדער מאַניפּול האָט אַנטהאַלטען א פּאָר און זעכציג מענשען, אריינגערעכענט די הויפּט אָנפיהרער. די דאָזיגע ענערגיש־קריגערישע יוגענט איז ארויס אין קריג מיטן פולען ברען און ענטוזיאזם וואָס איז א נויטווענדיגקייט בעת מלחמה. די צווייטע ליניע, די „פּרענציפּים" איז באשטאַנען פון מיטעליאָריגע מענשען, וועלכע זענען געווען שווער געאָרמט מיט די שווערסטע וואפען. ביידע ליניעס צוזאמען האָבען פאָרמירט דעם „אַנטעפּילאַני". די דריטע ליניע, די „טריארי" איז באַשטאַנען פון אויספּרובירטע זעלנער, פון וועטעראנען, אויך איינגעטיילט אין פופצען דיוויזיעס און אין קלענערע אָפּטיילונגען. זיי זענען געווען די ערשטע אויפן פראָנט. הינטער זיי זענען געשטאַנען די „ראָראַרי" און „אַקצענסי", פון פארשיידענעם עלטער.

3. דריטער פעריאָד: דורך דער צייט פון די מלחמות פונם יונגען סציפּיא אפריקאַנוס — צוליב די ענדערונגען אין דער רעגירונג און אינם צוזאמענשטעל פון דער אימפּעריע, איז אויך געענדערט געוואָרען די פאָרמע פון דער ארמיי. יעדען יאָר איז צוגעקומען פיר לעגיאָנען, צוויי זענען אסיגנירט געוואָרען צו יעדען קאָנסול. די מענער וואָס האָבען באַלאַנגט צום לעגיאָן, זענען געטיילט געוואָרען אין פיר דיוויזיעס. עס זענען אויך געשאַפען געוואָרען באַזונדערע אָפּטיילונגען פון די יונגע, די „האסטאטי", באַזונדערע פון די מיטעליאָריגע, די „פּרינציפּעס", א.א.וו. יעדער לעגיאָן הט געהאַט זעקס אָפיצירען, וועלכע מ'האָט גערופען אין לאַטיין טריבוני מיליטום.

4. פערטער פעריאָד: פון די צייטען פון גראַקכען, ביזן דורכפאַל פון דער רעפּובליק. — נאָך די צייטען פון די גראַקכען, זענען פאָרגעקומען די גרעסטע ענדערונגען אין דער רוימישער ארמיי, איבערהויפּט דאָס, וואָס מאריוס האָט איהר פאַרוואַנדעלט אין א פאָלקס אינסטיטוציע, און געגעבען דאָס רעכט אַלע בירגער זיך צו באַטייליגען אין דער ארמיי. ער האָט אָפּגעשאַפט אַלע טיטולען, און געקליידט אַלע זעלנער גלייך.

מאריוס האָט געזעהען די געפאַר פון פּראָפעסיאָנעלע מיליטער מענשען, וועלכע זיצען ווי ביוראָקראַטען און רעגירען איבערן פאָלק. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אונטער אַזאַ סיסטעם, וואו דער מיליטער מענש איז דער גאָט, וועט די רעפּובליק ניט קענען האָבען קיין קיום, און די קאָנסטיטוציע וועט אודאי ניט זיין געזיכערט, האָט ער דאָס אָפּגעשאַפט, און גענומען אין זיינע הענט די מאַכט, כדי ניט צו לאָזען די גענעראַלען רייטען אויפן פאָלק.

אין רוים איז יעדער מלחמה אַזוי פאַרזאָניפיצירט געוואָרען, אַז נאָך א זיג האָט מען בלויז געהערט דאָס דער גענעראַל איז געווען דער זיגער; דאָס דער גענעראַל איז דער גרעסטער פון פאָלק, דאָס ער האָט געראַטעוועט דאָס פאָלק און צו איהם דאַרף מען שווערען טרייהייט. די שבועה פונם סאָלדאַט איז געווען

צום גענעראל דאָס ער וועט איהם דינען געטריי. נאָך יעדען זיג האָט מען אריינגע־
פיהרט דעם גענעראל אויף א וואָגען מיט פיר פערד אין דער הויפט שטאָט, און
געמאכט די גרעסטע פּראַצעסיע פאר איהם, מיטפיהרענדיג די געפאנגענע און די
כלים פון שונא ווי אויך דאָס הויפט מיליטער וואָס האָט געהאָלפען צום טריאומף.
מיט איהם איז מען פארבייגעגאנגען די פארשיידענע רעגירונגס הייזער, און אז
מען איז צוגעקומען צו יופיטערן איז שוין געווען צוגעגרייט א קרבן פאר איהם,
וואָס איז געווען אן אויסדרוק פון יופּיטער'ס הילף צום גענעראל. פונם אָנהויב
פון דער רוימישער רעפובליק ביזן סוף איז א טריאומף שוין מער ניט פארגעטערט
געוואָרען, נאָר אנערקענט געוואָרען אלס א מיליטערישע גלאָריע. יעדער גענעראל
האָט געדארפט צושיקען זיינעם א שריפט צום סענאט, מיט אלע איינצעלהייטען
וועגען דער מלחמה, און אז דער סענאט האָט צוגעשטימט, האָט ער באקומען אן
עפענטליכען אויסדרוק פון דאנקבארקייט, און אויך א געוויסע באלוינונג. דאָס איז
דורכגעפירט געוואָרען מיט דער צושטימונג פון אלע סענאט מיטגלידער, און פון
די וועלכע האָבען זיך באטייליגט אין דער פּאָליטיק און אין סאָציאלען לעבען. אָן
דער דאָזיגער הסכמה, האָט דער גענעראל ניט געקענט קריגען קיין שום אנערקע־
נונג, וואָס זאָל טראָגען אן אלגעמיין געזעלשאפטליכען כאראקטער.

די פּראָפעסיאָנעלע באצאָלטע ארמיי איז אָפטמאָל ניט טריי געווען דעם
לאנד, וואָס זי האָט געדינט. זי האָט שטענדיג געקוקט געשעפטסמעסיג אויף דער
גאנצער זאך. ווער עס האָט איהר געגעבען מער געלט, פאר דעם האָט זי געארבייט.
לענדער האָבען געדונגען מיליטער פון אנדערע פעלקער. קעניגע האָבען באצאָהלט
פאר סאָלדאטען לויט דער ווערט אויפן מארק. אין דער ביבעל געפינען זיך איניגע
שטעלען וועגען דעם דינגען פון מיליטער ביי אנדערע. אין שמואל ב' (י. 6) ווערט
דערציילט, אז די בני־עמון האָבען געדונגען צוואנציג טויזענט מענשען פון ארם,
זיי זאָלען קומען זיי העלפען אין דער מלחמה מיט דוד'ן.*) אזעלכע עפּיזאָדען
ווידערהאָלען זיך אין תנ"ך און אין אנדערע היסטאָרישע שריפטען. פלאַוויוס
דערציילט, ווי אזוי יוחנן הורקנוס האָט אריינגעבראכט פרעמדע מיליטער קיין
ארץ ישראל, און געפעסטיגט זיין מאכט מיט פרעמדע כחות**). דאָס האָט ער
נאָכגעטאָן אנדערע קעניגע פון אנדערע לענדער, וועלכע האָבען זיך דעמאָלט אזוי
געפירט.

ווי היסטאָריקער גלויבען, זאָל דאָס געווען זיין איינס פון די אורזאכען ווארום
די רוימישע אימפעריע איז צופאלען געוואָרען, דאָס מעהרען זיך פון פּראָפעסיאָ־
נעלע ארמייען, וואָס האָט גורם געווען צו דעספּאָטישער מאכט, און אייגענע צאנ־
קערייען פאר דער פירערשאפט. זעלטען ווען די דאָזיגע ארמייען זאָלען האָבען
אויסגעהאלטען זייער לאָיאליטעט. אין מערסטע פאלען זענען זיי געווען דעזער־
טירער און זיך איבערגעגעבען צו די יעניגע, וועלכע האָבען געקענט מער צאָהלען.

---

*) ויראו בני עמון כי נבאשו בדוד, וישלחו בני עמון וישכרו את ארם בית־רחוב ואת ארם־צובא עשרים אלף רגלי . . .

**) קדמוניות י"ג ח' ד'

די אינסטיטוציע פון צוגעגרייטע אויסגעלערנטע מיליטאַריסטען, האָט עקזיס־טירט גאַנצע יאָרהונדערטער, און איז איבערגעגאַנגען כמעט צו אַלע אייראָפּייאישע לענדער, וועלכע זענען אַמאָל געווען אונטער דער רוימישער הערשאַפט און איינ־פלוס. פּרייסען איז געווען די ערשטע צו אָרגאַניזירען מלחמות אויף רוסלאַנד, פּוילען, און זאַקסען; און אַלץ מיט אַ פּראָפעסיאָנעלער אַרמיי. אַזוי ווי די מלחמות פון מזרח און רוים, אַזוי זענען אויך די פּרייסישע מלחמות פערזאָניפיצירט געוואָ־רען. די פּרייסישע מלחמה אין יאָהר 1711, למשל, איז פערזאָניפיצירט געוואָרען אין פרידריך ווילהעלם דעם ערשטען, דעם פאָטער פון פרידריך דעם גרויסען. דער לעצטער האָט פאַרענדיגט זיין פאָטער'ס אַרבייט: דורך בלוט און אייזען האָט ער צוזאַמענגעפלאָכטען די גערמאַנישע אימפּעריע אונטער דער פּרייסישער פיה־רערשאַפט.

נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט זיך געשאַפען אַ רעאַקציע געגען דער ריינער פּראָפעסיאָנעלער אַרמיי. נאָך נאַפּאָלעאָנ'ס טריאומפען, האָט מען אין אַלע לענדער אָנגעפאַנגען מאָביליזירען אַרמייען. מען האָט איינגעאָרדענט אַ סיס־טעם פון מאָביליזאַציע — אַלע בירגער זאָלען ווערען צוגעגרייט מיליטעריש אין צייט פון אַ מלחמה־אויסברוך.

גאָר לעצטענס, מיטן אָנקום פון נאַציאָנאַלען שאָוויניזם, האָט מען די מלחמה אידעאַליזירט. מען האָט אוועקגענומען זיין מאַטעריעלען און חיה'שען כאַראַקטער, און איהם איינגעהילט אין אַ מאַנטעל פון אידעאַליזם. דער וואָס גייט אין קריג איז אַ לאָיאַלער מענש, אַ פּאַטריאָט, צו זיין לאַנד, צו זיין פאָלק. דער סאָלדאַט וואָס פאַלט אין דער מלחמה ווערט פאַרהייליגט אַלס מאַרטירער פאַר זיין פאָלק.

אין נאָמען פון קעניג, אין נאָמען פון דער נאַציע, אין נאָמען פון פאָטערלאַנד, דערקלערט מען היינט מלחמה. אז צוויי דיפּלאָמאַטען האָבען עפּעס אַ סכסוך צווישען זיך און קענען ניט דורכקומען, כאַפּען זיי אַרוים טינט און פעדער און פּראָקלאַמירען אַ קריג. דער אָדער יענער אַרבייטער זאָל זיך שלאָגען מיטן צווייטען, וועלכער ווייס נישט, גלייך ווי ער, פאַרוואָס און פאַרווען זיי שלאָגען זיך.

די דיפּלאָמאַטען טוען נאָך בעסער. זיי ווילען זיך אפילו ניט פאַרשמוצען זייערע שמוציגע הענט. אַנשטאַט זיי אַליין זאָלען אַרויסגיין זיך שלאָגען, שיקען זיי זייערע שקלאַפען. אז איין דיפּלאָמאַט איז בייז אויפן צווייטען, הייסט ער זיינע שקלאַפען שלאָגען דעם צווייטענס שקלאַפען, אָבער ניט חלילה דעם שונא אַליין. דאָס זעלבע טוט אויך דער אַנדערער, ער הייסט נאָר שלאָגען זיין שונא'ס מענשען. די דיפּלאָמאַטען זיצען זיך אינדערהיים במנוחה. לעבען אין לוקסוס, שיקען זיך

בריוולעך, אולטימאטומס, וואָרנונגען, און לאָזען דערוויל אויסשעכטען זייערע אונטערטאנען, זייערע בירגער. מלחמה איז ביי זיי געוואָרען א מין ספּאָרט, אין וועלכען מיליאָנען לעבענס געהען אונטער. די אראנזשירער פון אָט־דעם ספּאָרט־שפּיל, שטייען פון דערווייטענס, נעמען בילעטען און קוקען זיך צו, ווער עס וועט זיין שטארקער, און ווער עס וועט באקומען דעם מעדאל.

די פּאָלגען זענען טרויעריגע, זעהר טרויעריגע. די העלדען דערלעבען נישט צו זעהען די פּאָלגען פון זייער העלדענטום. זיי שטארבען פאר'ן ליבען פּאָטערלאנד, און געניסען ניט פון זייערע מעדאלען. זיי ווערען דערטרונקען אין בלוט פון מלחמה און ווערען אָפּגעווישט פון דער וועלט. זייערע נעמען ווערען פארגעסען, און קיינער געדענקט זיי מער נישט.

קאַפּיטעל 4

רעליגיע אין דער ראַליע פון קריג און פרידען

1. די נביאים און זייערע וויזיעס וועגען דער מענשליכער צוקונפט.

דער באַרימטער אידיש־ענגלישער שטאַטסמאַן בנימין דיזראַעלי (לאָרד בי־קאָנספעלד) האָט אמאָל געשטעלט א קאַרדינאַלע פראַגע: „איז דער מענש אן אפּע אָדער א מלאך?״ און ער האָט אויף דער פראַגע קיין ענטפער ניט געגעבען. ביי דאַרווינ׳ען ווי מיר האָבען פריהער געזעהען געפינט מען דעם ריכטיגען ענטפער: דער מענש איז אן אָפּשטאַם פון דער חיה, און עס איז נאַטירלאַך, אז זיינע אינ־סטינקטען זאָלען זיין חיה׳שע. דער מענש איז אָבער לכל הדעות דער נאָבעלסטער פון די חיות — די אינטעליגענטסטע חיה; דער מענש שטייט צווישען חיה און מלאך. באַקעמפט ער זיינע חיה׳שע טענדענצען איז ער א מלאך, לאָזט ער זיך באַהערשען פון זיי — איז ער א בעסטיע.

אין זיין קאַמף פאַר עקזיסטענץ באַרעכטיגט דער מענש די ברוטאַלסטע מעשים. ער רויבט, מאָרדעט, פאַרגיסט בלוט, טוט אַלץ אין דער וועלט צו שטילען זיינע ליידענשאַפטען. דעם עגאָאיזם וואָס איז איינגעוואָרצעלט ביים מענשען, פון דער צייט ווען ער איז נאָך קיין מענש ניט געווען, קען ער פון זיך ניט אויסוואָרצ־לען, אפילו נאָכדעם ווען ער האָט שוין אין זיך איינגעזאַפּט די אידעאַלע און עטישע תורות, וואָס זענען געשאַפען געוואָרען פון פאַרשיידענע לעהרער און פיהרער. דער געבאָט פון „ואהבת לרעך כמוך״, אויף וועלכען דער באַרימטער תנא ר׳ עקיבא האָט געזאָגט, אז ער איז דער „כלל גדול בתורה״ און דער יסוד פון אַלע רעליגיעזע פּרינציפּען — איז נאָר געבליבען א גרויסער כלל אין דער תורה; אָבער ליידער ניט אין לעבען*). מענשען האַלטען זיך בעסער ביים צווייטען מאמר אין תלמוד „חייך קודמין לחיי חברך״ (אויך ר׳ עקיבא׳ס) — דיין לעבען איז פריהער פאַר דיין חבר׳ס לעבען! די דאָזיגע מצוה זענען זיי מקיים אויפן האַרבסטען אופן: ניט נאָר יענעם ניט צוגעבען ווען מ׳האָט ניט פאַר זיך, נאָר אפילו צו פאַרכאַפּען יענעמ׳ס, צו דערשטיקען דעם צווייטען, כדי זיך צו מאַכען באַקוועם . . . מען טאָר אָבער ניט זיין אַזוי פּעסימיסטיש צו פאַרלירען דעם גאַנצען צוטרוי צום מענשען; צו זאָגען, אז מענשען וועלען אייביג בלייבען פאַרדאָרבענע, און וועלען זיך קיינמאָל ניט דערהויבען צו א העכערער שטופע, אז זיי וועלען אין זיך קיינמאָל ניט באַקעמ־פען זייערע שוואַכקייטען. מען מעג זיין א ביסעל אָפּטימיסטיש, און זאָגען, אז ווען עס וועלען אָפּגעשאַפען ווערען די קאַוזאַליטעטען, וואָס ברענגען דעם מענשען צו

---

*) א גוט וואָרט פון אן אנגעזעהענעם רב אין פוילען ר׳ יהושע׳לע קוטנער ז״ל — נ.ש.

אזעלכע חיה׳שע געפילען; ווען עס וועט געפונען ווערען די געוואונשטע דיאגנאָס־טיק צו אלע חולאת׳ן, פון וועלכע דער מענש ליידט, וועט פיליכט ווערען אָפּגע־שוואכט די נטיה צו גזלה, רויבעריי און שפיכות־דמים. די נייע באדינגונגען פון לעבען וואָס וועלען מיט דער צייט געשאפען ווערען, וועלען פיהרען דערצו, אז מלחמה און מענשען־האס זאָל ווערען אנאכראָניש. מען קאָן דעריבער זאָגען מיט רעכט, אז דער קאמף פאר פרידען וואָס די מענשהייט פירט שוין טויזענטער יאָהרען איז ניט קיין פארלוירענער; ער האָט געשלאָגען טיפע וואָרצלען, וועלכע וועלען מיט דער צייט אַרויסשפּראָצען.

דער קאמף פאר פרידען איז א לאנג־דויערענדער, דער דאָזיגער קאמף איז געבוירען געוואָרען ביים וויגעלע פון דער ציוויליזאציע, ער איז געגאנגען זאלבע־נאנד מיט דער פּראָגרעסיווער אנטוויקלונג פון דער מענשהייט. אין דער זעלבער צייט ווען עס איז געבוירען געוואָרען די קאָנפליקט אידעע — דער געדאנק פון מלחמה — איז אויך געבוירען געוואָרען די פאסיפיסטישע אידעע, וואָס האָט גע־פּרעדיגט אן אבסאָלוטען שלום.

עס איז פון אייביג אָן געווען צוויי מיינונגען וועגען דער באהערשונג פון דער וועלט. איינע: „מלחמה", די אנדערע: „שלום". די דאָזיגע פונדאמענטאלע געגענגעזעצטע אידעען, זענען געפּרעדיגט געוואָרען אין אלע צייטען און אונטער פארשיידענע פאָרמען. די ערשטע האָט געלערענט, אז די באשטימונג און שלימות פון מענש איז נאָר קריג; אז קריג מוז באהערשען דער דערציהונג פון א פאָלק; דער קולטור, ליטעראטור און אלע כחות און האָרעוואניע פון א נאציע ביז צו דער דערגרייכונג פון ציל.

דער דאָזיגער סיסטעם איז אונטערשטיצט געוואָרען פון גאָר באריהמטע פּער־זענליכקייטען, און אפילו פון גרויסע דענקער, וועלכע האָבען באטראכט דעם מענשען אלס אן איינפאכע חיה, וואָס קעמפט פאר זיין עקזיסטענץ. דער מענש קאָן דעריבער זיך ניט דערהויבען צו העכערע מדרגות, נאָר דארף קעמפען פאר זיין עקזיסטענץ דורך, און מיט, חיה׳שע מיטלען.

דער דאָזיגער פּאָליטישער סיסטעם איז ביי מאנכע מיליטאריסטען געוואָרען א מין רעליגיע; זיי האָבען זיך געשאפען אן אייגענעם ספּעציפישען גאָט פון מלחמה, מיט אייגענע „כהנים", מיט הימנען, מיט אייגענארטיגער פּאָעזיע, עפּיק און באלאדע. (עס איז דאָך א פאקט דאָס יעדער פאָלק דריקט אוים זיינע זיגען, טריאומפען און נידערלאגעס אין פּאָעזיע און לידער!) פאראן אין מלחמה עסטעט־טישקייט, ווי למשל, מארשען, טראמפּייטען, טריאומף קראנצען פאר העלדען וואָס באצויבערען דאָס פאָלק. עס איז אויך פאראן מאגנעטיזם אין אוניפאָרמען, וואָס האָבען א שטארקע ווירקונג אויף דער יוגענט, איבערהויפּט אויף יונגע מיידלאך...

די אנדערע אידעע, די פאציפיסטישע, איז געבויט אויף דעם, אז דער מענש איז „עפּעס" מעהר ווי א חיה, און אלס אזעלכער, דארף ער זיך אונטערשיידען פון דער חיה און זוכען צו זיכערען זיין עקזיסטענץ אויף „מענשליכע" אופנים. די

דאָזיגע אידעע איז מיט דער מיינונג, אז די מענשהייט איז פיל גרעסער ווי די איינצעלנע אָפּגעזונדערטע נאַציאָנען. זי האלט, דעריבער, אז די מענשהייט מוז זיך אָפּזאָגען פון דער פארגעטערונג פון איינצעלנע מענשען, וועלכע ווערען באטראכט פאר „העלדען" צוליב זייערע רציחות און סטראטעגיע; זי האלט, אז די ציוויליזירטע וועלט מוז זיך אָפּזאָגען פון מלחמות, פון די טראָמפּייטען, פון דער גאנצער פּאָעזיע, וואָס פארהערליכט רציחה, און מוז זיך שטעלען אויפן פונקט פון „ואהבת לרעך כמוך".

צווישען די דאָזיגע צוויי אידעען ווערט געפיהרט א קאמף אויף לעבען און טויט; א קאמף פאר העגעמאָניע און באהערשונג. ס'טרעפט זיך אמאָל, אז די אידעע פון שלום זיגט, אָבער טאקע נאָר אמאָל. דער געדאנק פון פרידען זיגט נאָר דאן, ווען די וועלט לעבט איבער א שרעקליכע קאטאסטראָפע, ווען זי איז נאָך אונטערן איינדרוק פון דער מלחמה שרעק. מערסטענס זיגט דער געדאנק פון מלחמה וואָס האָט דעם גרעסטען איינפלוס אויף א גרויסען טייל פון דער בירגערליכער מענשהייט, וואָס וויל באהערשען די וועלט דורך מאכט. אפילו אין די לענדער, וואו די רעגירונגען זיינען שוין איינשטימיג מיט דעם פּאַסיפיזם אין דער טעאָריע, זיינען זיי אָבער אין דער פּראקטיק ווייט פון דער דאָזיגער אידעע; זיי ווילען נאָך אלץ זיך ניט פארלאָזען אויף דער הומאניסטישער ליבעראלער אָדער סאָציאַליסטישער רחמנות . . . זיי ווילען זיך נאָך אלץ ניט באגעהען אָן אן ארמיי און מיליטערישער מאכט. אום צו היטען אָרדנונג אין איהר אייגען לאנד, מוז יעדער מלוכה נוצען דעם „שרביט הזהב". זייער לאָגישער ענטפער איז, אז כל זמן דער מענשליכער געדאנק איז אויף זיין אלטען צושטאנד, און כל־זמן מענשליכע הערצער זיינען פארדאָרבען, מוז מען האָבען פאר זיי א זאך, וואָס זאָל זיי אָנשרעקען און צוריקהאלטען פון טאָן שלעכטס. אום איינצוצאמען דעם מענשליכען „יצר", וואָס איז „רע מנעוריו — משנגער לצאת" איז נויטיג צו באזיצען אויטאָריטעט וואָס איז געשטיצט אויף מאכט.

און לאָמיר זיך ניט נארען. דערוואקסענע מענשען זיינען אין געוויסע הינזיכטען ניט בעסער פון קינדער. וואָס זעהען מיר ביי קינדער־ערציהונג? ווי ווייט פּראָגרעסיוו אונזער ערציהונג זאָל ניט זיין, וויפיל פרייהייט מיר זאָלען אונזערע קינדער ניט געבען, קענען מיר ניט, טאָרען מיר ניט ערלויבען קינדער צו טאָן אלץ וואָס זיי קאָן זיך גלוסטען. אין א מאָדערנער פּראָגרעסיווער שולע איז דער כח פון אויטאָריטעט ניט אזוי בולט, ער ווארפט זיך ניט אין די אויגען ווי אינם אמאָליגען חדר, וואו דער קאנטשיק איז שטענדיג געלעגען גרייט — אָבער ער איז אויך היינט דאָ; ער איז באהאלטען און איינגעוויקעלט. אָן איהם וואָלט ניט מעגלאך געווען אָנצוגעהען מיט דער דיסציפּלין אין ערציהונג. אפילו היינט צו טאָג, קאָן מען נאָך קאָנסטאנטירען דעם אפאָריזם, „חושך שבטו שונא בנו"*) . . . מען מוז א קינד צייגען, אז עס איז דאָ א כח, א מאכט וואָס קאָן איהם באַשטראָפען.

*) דער וואָס פארמיידט זיין רוט, דער האט פיינט זיין זוהן (משלי, יג, 25.)

דאָס זעלביגע איז אויך מיט דערוואקסענע קינדער. אינגאנצען זיי לאָזען טאָן וואָס זיי גלוסט זיך, קען מען ניט ערלויבען. דער מענשליכער געדאנק איז נאָך ניט גענוג אנטוויקעלט דערצו; דער מענשליכער מוח קאָנטראָלירט נאָך ניט דעם גאנצען מענשליכען קערפּער. דער מענש איז נאָך גייסטיג היטערשטעליג, אז מען זאָל איהם קענען איבערגעבען די גאנצע מאכט, ער זאָל פריי אָן קאָנטראָל, קאָנען טאָן וואָס זיין ווילען דיקטירט איהם; ער מוז נאָך האָבען א צוים ארום איהם, וואָס זאָל איהם היטען, ער זאָל ניט ארויס פון מענשליכען גדר, פונם מענשליכען גאָרטען.

* * *

אין דער זעלבער צייט, ווען דער מענש האָט אָנגעהויבען טראכטען וועגען קריג — ווען דאָס געפיהל צו מאכט האָט איהם גענומען באהערשען — איז אויפגעקומען דער געדאנק פון פרידען און אנטוואפנונג. „זה לעומת זה" — איינער קעגען אנדערען האָבען זיך די דאָזיגע צוויי אידעען פארמאָסטען, און ביזן היינטיגען טאָג ניט גובר געווען. דעם געדאנק פון אנטוואפנונג געפינען מיר צוערשט ביי די כינעזער. אין יאָהר 546 פאר דער געוויינליכער צייטרעכנונג, איז שוין אין כינע געווען א גרויסע באוועגונג וואָס האָט פּראָפּאגאנדירט די אידעע פון אנטוואפנונג.

פון רעליגיעס איז דאָך אָפּגערעדט. יעדער רעליגיע האָט דאָך זיך געשטעלט פאר א יסוד דעם וועלט־פרידען און אוניווערסאלע ברידערליכקייט. די רעליגיע האָט צווישען איהרע אָנהענגער אגיטירט פאר שלום. די רעליגיעזע עטיק האָט געפאָדערט א פאראייניגטע מענשהייט, וואָס זאָל דינען צו איין גאָט, וואָס זאָל האָבען איין גלויבען.

די איינציגע רעליגיע, וואָס וויים אויך פון קריג, איז די אידישע. אין דער ביבעל איז פאראן בארעכטיגונג פאר פיהרען מלחמה, אָבער נאָר אויסצופיהרען א געוויסען פּרינציפּ. אויך איז צווישען די אידישע נביאים פאראן א חלוקי־דעות וועגען קריג און פרידען. עס זיינען געווען אזעלכע, וואָס האָבען געגלויבט, אַז די אידישע גאולה ווי די גאולה פון דער גאנצער וועלט קאָן נאָר קומען דורך אוניווערסאלען שלום און דורך אלגעמיינער גערעכטיגקייט. געווען אָבער אזעלכע, וואָס האָבען געזעהען די גאולה דורך מלחמה, ווי יחזקאל הנביא'ס „מלחמת גוג ומגוג", אָדער דורך אנדערע וועלט מלחמות . . .

דער גדול הנביאים מיט זיין גרויסער וויזיע, ישעיהו הנביא, האָט געזעהען אין „אחרית הימים" פון אוניווערסאלען שלום, פון אוניווערסאלען יושר, פון א פאראייניגטער מענשהייט, פון ברידערליכקייט צווישען אלע פעלקער. אין א צייט, ווען שווערדען וועלען פארוואנדעלט ווערען אין שניידמעסערס צו שניידען תבואה מיט זיי . . . אין א צייט ווען „לא ישא גוי אל גוי חרב . . . " ווען מען וועט זיך מער ניט דארפען לערנען קיין סטראטעגיע, ווען אלע פעלקער וועלען

לעבען אין דער גרעסטער צופרידענהייט 1) אזא „אחרית הימים" האט אויך געזע־הען מיכה הנביא, וועלכער ברייגגט ארויס אין אנדערע ווערטער דעם זעלביגען געדאנק 2) דאגעגען דער נביא יואל האט גראד געזעהען די אידיישע דערלייזונג זאל קומען דורך מלחמה, דורך מאכט. ער האט גערופען אלע „גבורים" (אפילו די שוואכע, זאלען זיך באטראכטען ווי „גבורים!")—צו מלחמה, און האט זיי געראַ־טען צו איבערשמעלצען די מעסערס און פון זיי מאכען שווערדען און שפיזען . . . ער זעהט גאר דעם אחרית הימים אין נקמה און אין דער אויסראטונג פון אלע שונאים יהודה׳ס, פון אלע זינדיגע און פון אלע פאררעטער3).

אינם אלטען טעסטאמענט געפינען מיר אז גאט איז אמאל קריגעריש (ה׳ איש מלחמה")—גאט איז דער, וועלכער נעמט נקמה פון די מצרים, וועלכער באפעלט צו נעמען נקמה פון עמלק׳ן און אים צו פארניכטען אויף דעם ברוטאלסטען אופן4) גאט באפעהלט צו פארניכטען די זיבען פעלקער, די איינוואוינער פון לאנד כנען — „לא תחיה כל נשמה" — מען זאל פון זיי ניט איבערלאזען קיין נפש5).

דער קריסטלאכער גלויבען, אין פארגלייך מיט אנדערע מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס, פארנעמט א פּאָזיציע צווישען צוויי עקסטרעמען: דעם פאנאטיזם פון איסלאם און דעם גלויבען פון יודאאיזם, פון איין זייט, און א רעלאטיווען איבער־גאנג פון דעם בודיזם וואס האלט זיך נאר אויף שלום׳דיגעס, אויף מענשליכער איבערגעבענהייט און טרייקייט פון דער אנדער זייט. קריסטענטום האלט ניט פון מלחמה, אָבער זיין אנטוויקלונג איז א לאנגע קייט פון קאמף און בלוט פאר־גיסונג, אזוי אז די מעטאָדען זיינע זיינען ווייט ניט קיין ריין פאסיפיסטישע. די שאפער פונם נייעם טעסטאמענט האבען אפילו געהאט דעם מוט צו זאָגען, אז קריסטענטום קאן ניט ברענגען צום שלום, אז דאס קאן טאן די שווערד.6)

די דאָקטרין פון קריסטענטום איז אין איהר אָביעקט אן אינטערנאציאָנאלע, וועלכע וויל זיך ניט באגרעניצען און וויל זיך ניט אונטערגעבען דער טעאָריע פון

---

1) ישעיה ב׳ 2—4; דארט יא, 4—9;
2) מיכה ד׳ 1—5
3) יואל ד׳ . . .
4) שמות יז, 14—16; דברים כה, 17—19; שמואל א׳ טו, 2, 3, 18.
5) דברים כ, 16.
6) מתת׳ 10־39

מעגלאַך, אז די אידישע רעליגיע איז דערפאר אן אגרעסיווע, ווייל זי איז נאַציאָנאַל אין איר כאַראַקטער. איר שטרעבונג איז ניט נאר צו געווינען דעם אינדיווידואום אלס איינעם פון דער גרויסער מענשהייט; זי אַפּעלירט צו אים ער זאל זיך אויסלעבען נאַציאָנאַל־רעליגיעז לויט די פּאסטולאטען פון דער רעליגיעזער עטיק און מאראַל" . . .

זי איז ניט מסיח דעת אויף קיין איין מינוט פון זיין נאַציאָנאַלער געהעריגקייט. זי קאָנ־טראָלירט דאס טאטאַלע לעבען פון דעם יחיד און ניט ווייניגער פון דער נאַציע. זי הייסט זיך האַלטען שטרענג דיסימילירט, אויפהאַלטען א לאנד, קעמפען פארן לאנד כנען און עס פארכאפּען פאר ישראל און אין די גרעניצען פון לאנד זיך פארפאלקאמען און זיך דערהויבען צו רעליגיעזער הויכקייט.

די אידישע רעליגיע פאדערט פונם איד רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע טרייהייט, זי רעדט צו די „אויסדערוויילטע", צו די „בני ישראל" און זוכט ניט צו פארכאפען דער מענשהייט, די פעלקער פון אן אנדער אפשטאם.
נ. ש.

ראסען־אונטערשיידען. ביי גאָט זיינען דאָך אַלע מענשען גלייך, ער האָט דאָך באַשאַפען אַלע ראסען: די גוטע און די שלעכטע; די שיינע און די מיאוס'ע — אַלע מענשען זיינען דאָך זיינע, און ממילא קאָן ער דאָך ניט אויסקלייבען פאַר זיך די אָדער יענע, וועלכע זאָלען געהנטער און געפעלען איהם בעסער.

דאָס קריסטענטום האָט אָבער ניט אויסגעפיהרט זיין אויפגאַבע. ער האָט זיך באַנוצט מיט שרעקליכע אונמענשליכע מעטאָדען און אַלעמען איינגערעדט, אַז „דער צוועק הייליגט דעם מיטעל". די געשיכטע פון קריסטענטום איז איין לאַנגע רויטע קייט פון מענשען־בלוט. ער האָט זיך געהאַלטען אין איין באַנוצען מיט צוואַנג־מיטלען. די פּרינצען פון שלום זיינען געוואָרען די פּרינצען פון קריג.

צוליב דער ליבע צו גאָט האָבען די פאַנאַטיש־גלויביגע קריסטען, די יעזואי־טען, פּונקט ווי די פריהערדיגע היידען, אויסגע'שחט'ען אַלעמען, וואָס האָבען אויסגעזעהען אין זייערע אויגען פאַר ניט גלויביגע. דער גאַנצער מיטעלאַלטער, די לאַנגע עפּאָכע פון רעליגיעזער הערשאַפט, איז פול מיט אינקוויזיציעס און שייַ־טערהויפענס אויף ניט גענוג פרומע. דאָס קריסטענטום האָט דורך בלוט און פייער אַרויפגעצוואונגען זיין מאַכט. דער גאָט פון ליבע איז אַזוי אַרום פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ גאָט פון טיראַניי, וואָס ווערט דערמאָנט פון יעדען פּראָגרעסיווען מענש מיט גרויס פאַראַכטונג. אַזאַ פירערשאַפט, ווי מיר וועלען ווייטער זעהען, האָט געגעבען אַ געלעגענהייט די אַטעאיסטען, זיי זאָלען קענען קריטיקירען דער רעליגיע, אויפצודעקען איהר צביעה'שען פּרצוף, און איבערצייגען דער וועלט אין איהר פאַלשקייט.

2. קריסטענטום און מלחמה

(אַ פּאַראַדאָקס פון קריג און פרידען)

פּאַסיפיזם און קריסטענטום געהען האַנט אין האַנט! — אַזוי פּרעדיגען די גלחים. די יסודות פון קריסטענטום זיינען באַזירט אויף מאָראַל, ליבע און פרידען — אַזוי לערענט אונז די קריסטליכע טעאָלאָגיע. זיי האָבען אונז געלערענט, אַז קריסטענטום ווייסט ניט פון קיין אונטערשיידען צווישען ראַסען און נאַציעס, אַז די קריסטלאַכע רעליגיע איז אַן אוניווערסאַלע, אַן אינטערנאַציאָנאַלע און אַן אינ־טערראַסישע. זי מאַכט ניט קיין אונטערשייד צווישען שוואַרצע און ווייסע, ברוינע און געלע מענשען — אַלע זיינען ביי איהר גלייך, ווייל אַלע זיינען באַשאַפען פון גאָט. ניטאָ קיין יחסנים אין דער קריסטלאַכער רעליגיע, ווער עס נעמט אָן יעזוס'עס תורה, דער איז אַ יחסן. ווער עס גלויבט אין יעזוס'ן, דער איז אַ מיוחס, אַן אַנגע־זעהענער מענש, אַן אַריסטאָקראַט.

רעליגיעזע דענקער האָבען אָפט פּראָטעסטירט געגען די היסטאָריקער - מאַ־טעריאַליסטען, וואָס האָבען געשילדערט אָדער ערקלעהרט מלחמה אַלס אַ נאַטיר־ליכען פּראָצעס אין דער אַנטוויקלונג פון דעם מענשען־מין. רעליגיעזע דענקער

האבען געזעהען אין מלחמה א מאראלע שוואכקייט, וואס קאן און דארף אויסגע־בעסערט ווערען. אין יעזוס'ען האבען זיי געזעהען דעם „גאספעל" פון פרידען, וועלכער האט באקעמפט פיזישען קריג. ער האט ניט געהאלטען פון אזעלכע אימ־פעריעס ווי די פון גרויסען אלעקסאנדער אדער יוליוס צעזאר, וואס ווערען געשא־פען דורך מאכט. ער האט געשאפען א גענענגעזעצטע אימפעריע: אן אידעאלע און אוניווערסאלע, וואס פאראייניגט די גאנצע מענשהייט אונטער איין קעניג־טום; א קעניגטום — ניט קיין מענשליכע, נאר א געטליכע. זיין טעמפל איז ניט אין אטהען, ניט אין רוים, נאר אין הארץ פון יעדען מענש, און דעריבער איז זיין אימפעריע אזוי שטארק, אזוי אונבאזיגבאר, אן אימפעריע וואס עקזיסטירט שוין באלד צוויי טויזענט יאהר. אין יעזוס'ען האבען זיי געזעהען א מענש, וועלכער האט ליידענשאפטליך געקעמפט פאר פרידען. זיי האבען איהם געשילדערט פאר דעם עקסטרעמען ליבהאבער פון דער מענשהייט, וועלכער האט זיך ניט באנוגענט מיטן געבאט פון „האב ליב דיין פריינט ווי דיך אליין" נאר געפרעדיגט אז „מען דארף ליבען אנדערע מעהר פון זיך; צו שאצען אנדערע העכער פון זיך; צו לויבען אנדערע מעהר פון זיך . . . "

עס וואלט דעריבער מעהר ווי רעכט געווען, אז די נאכפאלגער פון יעזוס'ען זאלען זיין די ערשטע צו באקעמפען מלחמה; אז די קריסטלאכע גייסטליכע זאלען זיין די גרעסטע פאסיפיסטען, ניט נאר מיט'ן מויל, נאר אויך מיט מעשים. אז די בישאפען, גלחים, און איבערהויפט דער פאפסט, זאלען רופען קאנפערענצען צו באשיצען די וועלט פון א קאטאסטראפע; זיי זאלען אויפפאדערען זייערע מיליאנען אנהענגער צו שטעלען א ווידערשטאנד די לארדען פון מלחמה.

טוען זיי אזוי? האבען זיי שוין ווען עס איז איינגעטונקען זייערע הענט אין קאמף געגען קריג? האבען זיי שוין געפרואווט צו מאכען דעם מינדעסטען פארזוך געגען קריג? — ניין! זיי האבען קיינמאל דאס ניט געטאן! די גלחים און בישאפען האבען קיינמאל ניט באקעמפט די גוואלדטאטען פון מלחמות צווישען מענשען און פעלקער. און זיי באקעמפען ווייטער ניט די גרוילטאטען ביי מענשען. זיי האלטען זיך נאך אלץ ביי זייער אלטער מעטאדע פון פרעדיגען דאס וואס מען מיינט ניט; פון דרש'ענען דאס וואס מען פיהרט ניט אוים; פון לערנען אזעלכעס וואס מען פארווירקליכט ניט . . .

גיט מען נאר א בליק אין דער געשיכטע פון קריסטענטום, זעהט מען, אז טראץ דעם, וואס ער איז אזוי פול מיט שעהנע פראזען פון ליבע און פרידען, איז ער דאך באפלעקט און באשמוצט מיט מענשענס בלוט, מעהר ווי וועלכע עס איז אנדער רעליגיע. אין זיין קאמף צו באהערשען די בארבארישע וועלט, זענען הונדערטער טויזענטער מענשען געפאלען קרבנות אויפ'ן מענשליכען מזבח. די קריסטען האבען געפיהרט זייער רעליגיעזען קאמף ניט מיט קיין זיידענע הענטש־קעס. זיי האבען אפגעטאן אכזריות'דיגע און גרויליכע מעשים אום ארויפצו־צווינגען דעם קריסטענטום אויף ניט גלויביגע, אדער אנדערש גלויביגע. הונדער־טער טויזענטער זענען פארברענט געווארען אויף די שייטערהויפענס אין אויטא־דא־פעס.

דער מיטעלאלטער איז איין קייט פון רעליגיעזע מלחמות, אונטערדריקונגען און פייניגונגען. די טיראניי, אינטריגעס און אויטאָקראַטישע מאכט פון די פאפס־טען, אין דעם פינסטערען מיטעלאלטער, איז אונבאשרייבליך. א סך האָבען אויס־גענוצט זייער מאכט עפענטליך און א סך נאָר אין געהיים. גריגאָרי דער זיבעטער, דער רוימישער פּאפּסט אין מיטעלאלטער, האָט אויסגענוצט דעם רעליגיעזען צו־טרוי צו איהם צו זיין דער הערשער איבער טראָנען, לענדער און פעלקער. דער מיטעלאלטער מיט זיינע אינקוויזיציעס איז דער בעסטער מוסטער פון רעליגיעזער פיהרערשאפט.

ניט נאָר אין דער אלטער צייט, אויך אין דער מאָדערנער צייט, ווען די קירכע איז אָפּגעטיילט פון שטאַט, און האָט פארלוירען איהר אמאָליגע פּאָליטישע מאכט און איינפלוס, איז זי נאָך אלץ געבליבען ווי געווען. די אָפּאָסטאָלען איהרע פרע־דיגען די אבסטראקטע לעהרע יעזוס׳עס און טאָן טוען זיי אנדערש. אין צייט פון קריג זענען זיי די ערשטע צו פראָפּאגאנדירען און שטיצען דעם קריג. זיי שטעלען זיך שטענדיג אויף דער זייט פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע; העלפען דער רעאקציע, שטיצענדיג דערמיט זייערע בארא נען און אריסטאָקראטען.

די גלחים זיינען שטענדיג געבליבען טריי זייערע רייכע באלעבאטים, וועלכע ווארפען זיי אונטער צו יעדער צייט א פעטען ביסען. זיי דינען די אינטערעסען פון דער אריסטאָקראַטיע, וועלכע באצאָהלט זיי פאר א לויה מעהרער פון א גע־וויינליכען מענשען. זיי דינען מערער צום „גאָלדענעם קאלב״ ווי צו יעזוס׳ען. זיי נוצען אוים די רעליגיע פאר זייערע, און זייערע רייכע באלעבאטים׳ס אינטערעסען. איז ווען עס איז ערקלעהרט געוואָרען מלחמה, האָבען זיי, אין נאָמען פון גאָט, געהייסען זיך שלאָגען; אין נאָמען פון גאָט ערלויבט אויסצו׳הרג׳ענען זייערע שכנים; אין נאָמען פון גאָט געשיקט סאָלדאטען אויפן פראָנט און זיי געהייסען פאלען ווי מארטירער פאר זייער פאָטערלאנד. אין נאָמען פון יעזוס׳ען, דעם גרעס־טען געגנער פון אימפעריאליזם און נאציאָנאליזם, האָבען זיי פראָפּאגאנדירט און אויסגענוצט דעם איינפלוס פון דער קירכע פארן פאָטערלאנד, איינגערעדט זייערע נאָכפאָלגער, אז גאָט איז אויף דער זייט פון דעם שטארקען.״

אין קריסטענטום איז אזוי צונויפגעבונדען געוואָרען מלחמה מיט שלום, אז די פאָרטרעטער פונ׳ם פרידענס פרינץ, קאָנען פרעדיגען שלום און צו דער זעלבער צייט אגיטירען פאר מלחמה.

דער פויפסט, למשל, דער איינציגער פארטרעטער יעזוס׳עס אויף דער ערד, דארף ער דאָך שטענדיג זיין געגען מלחמה, איבערהויפט ווען די קריג־פיהרענדע פעלקער זענען ביידע קריסטליכע, ווי עס איז געווען דער פאל מיט איטאליע און עטיאָפּיע: קינדער פון איין טאטען, שאָף פון איין פאסטוך, דארפען זיי לעבען אין שלום צווישען זיך. האָט אָבער דער פויפסט ניט נאָר פארשוויגען דעם סקאנ־דאל פון עטיאָפּיע, נאָר אפילו געהאָלפען מוסאָליני׳ן אָנצינדען שטארקער דעם פייער, און געשאפען ענטוזיאזם ביי די איטאליענישע סאָלדאטען, וועלכע מען האָט איינגערעדט, אז זיי גייען ציוויליזירען א בארבאריש־ווילד לאנד.

און אזוי האנדלען שטענדיג די גייסטליכע. אלע זענען זיי פרידענס מענשען— אבער בלויז אין צייט פון פרידען; קוים ברעכט אוים א מלחמה, אזוי פארגעסען זיי באלד אן זייער תורה, און ווערען איבערנאכט פארוואנדעלט אין ווילדע פאט־ריאטען, ווי אלע פראפעסיאנעלע מלחמה־פיהרער. ווען נאר עס ברעכט אוים א קריג, אזוי ווערט די רעליגיע צוטיילט אין נאציעס. יעדער נאציע בעט צו איהר גאט. יעדער בישאף בעט גאט ער זאל העלפען זיין לאנד אוים׳הרג׳ענען דער צוויי־טער. די קוילען זאלען נאר טרעפען דעם שונא, און זיי פארענטפערען די דאזיגע בארבארישקייט, מיט קריסטליכען ריטואליזם, אז אזוי איז דער ווילען פון רבונו של עולם, און אז זיי דארפען אויספאלגען זיין שליחות.

רעליגיע האט תמיד באהערשט די מענשהייט. טיף אינם מענשליכען הארץ איז פארבארגען דאס רעליגיעזע געפיהל. פילאזאפען מעגען פילאזאפירען וועגען דעם אורשפרונג און וועגען דער סודות׳פולער טיפעניש פון אט דעם געפיהל, עס איז אבער א פאקט, דאס דער רוב פון דער מענשהייט איז אינטואיטיוו באהערשט פון דער רעליגיע. מעגען א סך מיינען אז „רעליגיע איז אפיום״, אז רעליגיע איז שאלעכץ, וואס דארף אויסגעשיילט ווערען פון דער מענשליכער קולטור, אז א פראגרעסיווער מענש מוז באקעמפען די רעליגיע וואס פארשקלאפט דער מענש־הייט . . . איך האלט, אז רעליגיע איז מער ווי שאלעכץ, און אז זי איז איינע פון די אינטימסטע ארגאנישע הייטלעך פון די אברים אין דעם קולטור ארגאניזם, וואס לאזען זיך ניט אויסשיילען.

דער הערשענדער קלאס האט אבער אין אלע צייטען אויסגענוצט די רעליגיע פאר זיינע צוועקען. ער האט עקספלואטירט דאס דאזיגע געפיהל פאר זיינע מאכט־אינטערעסען. מיט פייער און שווערד איז די קריסטלאכע רעליגיע פארשפרייט גע־ווארען. אין גאט׳ס נאמען זיינען מלחמות געפיהרט געווארען. פאר גאט׳ס גרוים־קייט האבען עס די פירשטען געקעמפט ווי די לייבען; פאר גאט׳ס הייליגקייט זיינען עס די געמיינע זעלנער געפאלען ווי די פליגען — געמיינט האט מען אייגענער מאכט און גלאנץ, צו האבען די אויבערהערשאפט, דעם קנעכטשאפט גורל פון זייערע אונטערטאנען.

ווען מיר נעמען זיך אריינטראכטען אין דער לאנגער פינסטערער עפאכע פון דעם מיטעלאלטער, און מיר אנאליזירען אלע זיינע פאזען, זעהען מיר, אז אויך דאן האט דאס פאלק געברויזט און געקעמפט פאר א בעסער לעבען. די פרייהייטס־קאמפען פון יענער צייט הילען זיך אבער איין אין א רעליגיעזען מאנטעל. כדי צו ברעכען די מאכט פון זייערע מושלים שטעהען אויף די אונטערדריקטע מאסען צום קאמף געגען די הערשענדיגע רעליגיעזע אנשויאונגען. פאר באפרייאונג פון קנעכטשאפט, קעמפען זיי מיט די לאזונגען פון קריסטליכען גלויבען, דאגמעס, פון קירכליכע צערעמאניעס, וועלכע ווערען אויסגענוצט פאר דער מאכט פונם הער־שענדיגען קלאס.

די מאכט פון די קירכליכע פירשטען (בישאפען), אין יענער צייט, האט זיך ניט אויסגעדריקט, ווי מיר האבען פריהער געזאגט, אין רוחניות׳דיגער קדושה. זי איז געבויט געווען אויף דער זעלבער קנעכטשאפט סיסטעם ווי די מאכט פון די

וועלטלאכע. וועלטלאכע פירשטען האבען אפטמאל איבערגענומען דעם שילד פון רעליגיעזער אפיקורסות, וואס די רעוואלוציע האט פארויסגעטראגען, כדי צו באַרעכטיגען זייערע אנפאלען אויף די גייסטליכע פירשטען, און אויף ארטאדאקסגלויביגע און צו דער זעלבער צייט אויך בארוהיגען דאס איינגע פאלק: די פריי־הייט, פאר וועלכער די מאסען האבען געקעמפט, וויל מען זיי ניט געבען, טא זשאַלעוועט מען זיי נישט די „רעוואלוציאנערע" קירכליכע צערעמאניע.

ביי דער שוועל פונם רענעסאנס האבען רעליגיעזע סעקטען געשטורעמט געגען דעם פארגליווערטען קאטאליציזם, אויף וועלכען עס האט זיך געשטיצט די הערשענדיגע מלוכה מאכט. אין דרייסיג יאריגען קריג האט שוין די רעוואלוציאנערע פראטעסטאנטישע אפיקורסות ווי די באלעבאטישע רעליגיע, געדינט א גאנצער ריי מלוכות, אלס כלומרש'טער קאמף־אידעאל אין קאמף ציל.

צו האבען א באגריף פון דער אונבאשרענקטער מאכט, פונם קאטוילציזם, איז גענוג צו דערמאנען איין היסטארישען דאקומענט, וואס דריקט אויס אין איין קורצען זאץ, די גאנצע ליידענס געשיכטע פון דער מענשהייט אין יענעם צייט־פעריאד — דאס איז דער שלום טראקטאט פון אויגוסבורג, מיט וועלכען עס האט זיך פארענדיגט איינע פון די אזוי גערופענע „רעליגיעזע" מלחמות אין יאהר 1555. אין יענעם שלום טראקטאט איז פאראן איין זאץ, וואס לעזט זיך ווי פאלגט: „דער וואס רעגירט, דער באשטימט אויך די רעליגיע פון זיינע אונטערגעגעבענע"... דער פירשט, אלזא, וואס האט געהערשט איבער א שטיק לאנד איז געווען דער האר איבערן לייב און לעבען, איבער'ן גייסט, איבער דער נשמה און — איבער'ן גאט פון אלע זיינע אונטערגעגעבענע.

הונדערטער יאהרען האט געדינט די רעליגיע דעם הערשענדיגען קלאס, אלס איינציגער גייסטיגער אינסטרומענט, פון מאכט און הערשאפט איבער'ן פאלק.

ווען עס הויבט זיך אן ברעכען דער ווירטשאפטליכער יסוד פון פעאדאליזם, ווערט גלייכצייטיג שטומפיג דער רעליגיעזער כלי זיין. אין דרייסיג יאריגען קריג, וואס האט זיך צופלאקערט ארום דעם קאנפליקט צווישען קאטויליציזם און פראַטעסטאנטיזם, לעבט איבער די רעליגיע אלס מאכט־פאקטאר די גרעסטע קאמפראַמעטאציע. געדונגענע זעלנער פון אלע גלויבענס און סעקטען האבען געקעמפט אין די קאטוילישע און אין די פראטעסטאנטישע חילות; פראטעסטאנטישע פירשטען אין דייטשלאנד האבען געקעמפט אונטער דער קאטוילישער פאן, און — פארקערט: די הייליגע קאטוילישע מלוכה — פראנקרייך — האט געשיקט געלד און ארמייען צו הילף דעם פראטעסטאנטישען פראנט א. אז. וו.

דאס פראטעסטאנטענטום האט געבראכט צו א נייער תקופה, וואס איז געווען פיל אנדערש פון די פריהערדיגע — די עפאכע פון אינדיווידועלער הערשאפט, ארונטערוואַרפענדיג פון זיך די מורא פון פויבסט. יעדער מענש איז געוואָרען א פויבסט פאר זיך און ניט געדארפט אנקומען צו דער קדושה פון פויבסט און זיין אונטערוואַרפען זיין רוחניות'דיגער הערשאפט. דערנאך זיינען געקומען די פיל־

גרימס (פוריטאנער) אין ענגלאנד, וואָס האָבען רעוואָלטירט געגען דער וואָכעדיגער הערשאפט און געפאָדערט א ביסעל היילינקייט אינם שטאט און אינם גלויבען. די פראנצויזישע רעוואָלוציע האָט אָבער געבראכט אן ענדע סיי צו דער גייסטי־גער און סיי צו דער וואָכעדיגער הערשאפט און געבראכט דעמאָקראַטיע אויף דער וועלט — א שטאאט וואָס איז אָפּגעטיילט פון דער קירכע.

די צייט פון דינאסטישען אבסאָלוטיזם, וואָס הויבט זיך אָן באלד נאָכ'ן דרייסיג יאָריגען קריג, איז א פעריאָד פון ליקווידאציע פונ'ם פעאָדאליזם און גלייכצייטיג א פעריאָד פון „אויפקלערונג". די סחורות־פראָדוקציע נויטיגט זיך אין גרויסע ווירטשאפטס־געביטען, מיט אן איינהייטליכער פארוואלטונג, מיט רוה און אָרדנונג ווערט געבראָכען די מאכט פון די קליינע און מיטעלע מושלים, צווי־שען זיי די מאכט פון די רעליגיעזע פירשטען, וועלכע זיינען אין וועג דער דאָזיגער אנטוויקלונג. וואָס לויזער ס'ווערט די פעאָדאלע קייט צווישען דעם פארשקלאפטען מענש און דער ערד, אלץ מעהר ווערט אָפּגעשוואכט דער רעליגיעזער יאָך.

עס איז געשאפען געוואָרען די אלגעמיינע רעליגיעזע טאָלעראנץ וואָס זאָגט: זאָל יעדער גלויבען אין וואָס ער וויל, אבי ער איז געטריי דער מלוכה. דער טראָן איז געוואָרען דער איינציגער מאכט פאקטאָר, וואָס זאָל האלטען צוזאמען דעם גרויסען ווירטשאפטס געביט פאר דער סחורות פראָדוקציע און סחורות צירקולא־ציע. די ליטעראטור און קונסט האָט געדינט דער דינאסטישער הערליכקייט, וועלכע האָט מבשר געוועזן דאָס אָנקומען פון דער נייער צייט — דעם אָנקום פון דער קאפיטאליסטישער מלוכה.

אויך די רעליגיע האָט שלום געמאכט מיט דער נייער קאפיטאליסטישער אָרד־נונג. זי האָט שלום געמאכט מיטן אינדיווידואליזם, און איז בּיסלאכוויז אריינ־געטראָטען אין די רעגירונגס הייזער, וועלכע האָבען איר אויפגענומען ווי אן אבן־טוב, וואָס זאָל זיי דינען, ניט צו דערלאָזען קיינע רעוואָלוציעס, קיינע אויפשטאנ־דען און זאָל באַרעכטיגען זייערע שוידערליכסטע מעשים.

3. פארוואָס שווייגען זיי?

(נאָך א פּאָר ווערטער וועגען דער באציהונג פון די קריסטליכע פיהרער צו דעם קאמף קעגען מלחמה און פאשיזם*)

די קריסטליכע פיהרער קומען שטענדיג ארוים מיט זייער שאבלאָנעם ענטפער, אז קריג נעמט זיך פון די זינד פון די מענשען באנעהען געגען גאָט, און אפּעלירען דעריבער צו די מענשען, זיי זאָלען ווערען פרום. זיי קומען שטענדיג ארוים מיטן רוף: ווילט איהר א סאָציאלע אָרדנונג? יושר? ברויט, ארבייט? — דאָן קומט צו יעזוס'ן און ער וועט אייך אלץ געבען, ער וועט אייך מיט אלעם פארזאָרגען!

*) דער קאפיטעל איז געשריבען א סך פריהער איידער די קריסטלאכע וועלט האָט אנגעהוי־בען צו פּראָטעסטירען קעגען דעם פאשיזם און ברוטאלען נאציזם. אבער עס איז אויך איצט ווערט געלייענט צו ווערען.

ווייסען מיר אָבער שוין, ווי אַזוי די גייסטליכע רעאַגירען אויף וועלט פּאַסי־רונגען, און ווי אַזוי זיי קעמפען פאַר דער מענשהייט, איהר צו באַפרידיגען אויף דער וועלט. די ערפאַהרונג האָט אונז געלערענט, ווי אַזוי די קריסטליך רעליגיעזע פיהרער, האָבען פאַר אַלע צייטען געקעמפט פאַר פרידען און פאַר דעם מענשליכען פּראָגרעס.

די גלחים וועלען קעהרען וועלטען אויב זיי וועלען טרעפען אויסגעשניטענע באַר־קאָסטיומען; זיי וועלען אַלאַרמירען די גאַנצע וועלט פאַר אַ חילול זונטאָג; אָבער ווען עס קומט צו ערנסטע זאַכען זיינען זיי ניטאָ; דאַן באַהאַלטען זיי זיך. ווען עס האַלט ביי וועלט קאַטאַסטראָפעס, בלייבען זיי זיצען פּאַסיוו, מאַכען זיך ניט וויסענדיג. זיי ווערען פלוצלונג טרוסען, פּחדנים און האָבען מורא זייער מויל צו עפענען.

אין געגענטייל, זיי וועלען נאָך זוכען און נישטערען צו באַרעכטיגען די פאַר־שיידענע עולות מצד דער הערשענדער מאַכט. אין דער צייט פון מלחמה געפינען זיי שוין אַנדערע פּסוקים פון דעם „פּרינץ פון פרידען". זיי געפינען שוין אין די „הייליגע שריפטען" אַ מאמר, וועלכער לויטעט: „מיינט ניט, אַז איך בין געקומען צו שאַפען פרידען אויף דער וועלט", אָדער, ווער עס האָט ניט קיין שווערד זאָל פאַרקויפען זיין קלייד און זיך איינשאַפען איינעם".

אין דער צייט פון פרידען זיינען זיי די ערשטע פּאַציפיסטען, אָבער אין דער צייט פון קריג, זיינען זיי די ערשטע שטיצער און באַגייסטערער פון קריג.

אין דער וועלט מלחמה ,האָבען די גייסטליכע פון אַלע לענדער געראַנגט אייך פאָלק קעגען צוווייטען. וועגען דער ראָלע פון דער קירכע אין דער וועלט מלחמה, האָבען פילע שרייבער זיך באַמיהט צו באַווייזען די שענדליכע ארבייט פון די גלחים. איבערהויפּט דער שרייבער ה. אַבראַמס וועלכער האָט אין זיין בוך „פּריטשערס פּרעזענט אַרמס", אַרויסגעבראַכט די שטוינענדסטע פאַקטען וועגען דער אַרבייט פון די אַמעריקאַנער גייסטליכע, אין דער צייט פון קריג.

די קירכע אַלס אַן אָרגאַניזירטע רעליגיעזע באַוועגונג האָט זיך לכתחילה גע־שטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אויסצופאָלגען די פילאָזאָפיע פון קריסטענטום, זי האָט אָבער קיינמאָל ניט פּראַקטיצירט די דאָזיגע לעהרע. זי האָט בעסער איבערגענומען די לעהרע פון די רוימער און די אַנדערע היידנישע פעלקער. דער קולט די אויפ־פיהרונג איז געבליבען רוימיש, איינגעהילט אין אַ יעזואיטישען שלייער.

די לעהרע פון יעזוס, ווי זיינע אַפּאָסטאָלען האָבען איהם איבערגענומען, איז געווען דורכאויס אַ קאָמונאַל סאָציאַלע, געבויט אויף סימפּאַטיע, טאָלעראַנץ, און רחמנות צו די אָרימע אונטערדריקטע; צו באַפרייען די ניט פרייע און צו פּאַראַיי־ניגען דורך אַן אייביגען שלום די גאַנצע מענשהייט. די פאַרעהרער זיינע האָבען אָבער קיינמאָהל ניט אויסגעפאָלגט די דאָזיגע לעהרע אויפ'ן סאָציאַלען פּאָליטישען געביט; האָבען זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט פון זייערע היידעניסטישע טראַ־דיציעס. זיי האָבען זיך קיינמאָל ניט צוגעפּאַסט צו די לעהרען פונם איד פון נצרת, וואָס האָט געפּרעדיגט אַ רעליגיע באַזירט אויף אַ גרויסען מאָראַלישען פונדאַמענט,

וואס איז פול און דורכאוים בעאיינפלוסט פון יודאאיזם פון אידישער אויפפאסונג, וואס איז זיי אינגאנצען פרעמד און קען ניט ווירקען אויף זיי . . .

וואלטען די קריסטליכע גייסטליכע באמת געהאט א גאט אין הארצען, וואלטען זיי באמת געוועזען די אפאסטאלען פון פרידען און גערעכטיגקייט ווי זיי פרעטענדירען צו זיין, וואלטען זיי ניט געקענט זיצען מיט פארליינטע הענט און זיך צוקוקען אזוי גלייכגילטיג און שווייגען אויף די נידערטרעכטיגסטע מעשים פון דער היטלעריסטישער דייטשלאנד און דער פאשיסטישער איטאליע.

די גאנצע וועלט, די גאנצע פראגרעסיווע מענשהייט, איז אויפגעברויזט געגען דער היטלער רעגירונג, וועלכע וויל אויסראטען ניט נאר די אידען, נאר אויך די קאטאליקען און פראטעסטאנטען און שוין אפגערעדט פון סאציאליסטען און קאמוניסטען.

די גאנצע פראגרעסיווע מענשהייט, איז אויפגעשוידערט פון דער היטלעריםטישער פאליטיק און זיי, די פרעדיגער פון ליבע און שלום שווייגען!

די גאנצע וועלט פראטעסטירט געגען פאשיזם און מלחמה, געגען אימפעריאליזם און באוואפנונג, געגען די פיבערהאפטע צוגרייטונגען אויסצוקוילען א מענשהייט — און זיי, יעזוס'עס נאכפאלגער, שווייגען!

מיר שטעהען אויפן שוועל פון א וועלט-מלחמה. מיר הערען דאס קלינגען פון שווערדען, די טרומייטען פון סאלדאטען; איטאליע, יאפאן און היטלער גרייטען זיך צום שדים טאנץ; ווער עס פארמאגט נאר א ביסעל הומאניטארישקייט,ווארנט געגען דער געפאהר פון מלחמה — אבער די היטער פון יעזוס'עס תורה שווייגען!

די גלחים וועלכע האבען נאך א גוואלדיגען איינפלוס אויף גאר ברייטע שיכטען פון דער הארעפאשנער באפעלקערונג; זיי, וואס האבען נאך א ווירקונג אויף גאר גרויסע מאסען ארבייטער וועלכע באזוכען די קירכעס: פארוואס שווייגען זיי? פארוואס באקעמפען זיי ניט דעם פאשיזם, וואס איז אן אומגליק פאר דער ארימער באפעלקערונג? פארוואס נוצען זיי ניט אוים זייער איינפלוס געגען די צעיושעטע אימפעריאליסטען, געגען דעם דייטשען און איטאליענישען מיליטאריזם? פארוואס זיינען זיי אזוי שטום און ווילען ניט קיין ווארט ארויסרעדען? . . .

ווער דארף דען אזעלכע גייסטליכע, וועלכי האבען מורא א ווארט ארויסצורעדען? ווער דארף דען זייער גאטעס-דינסט, זייערע צערעמאניעס, אויב זיי פיהרען ניט אוים אין דער פראקטיק דאס וואס זיי פרעדיגען אין טעאריע? ווי זאגט דער נביא: „גם כי תרבו תפלה אינני שומע, ידיכם דמים מלאו; רחצו, הזכו, הסירו רוע מעלליכם מנגד עיני חדלו הרע”. ווען אפילו איהר וועט א סך בעטען, וועל איך ניט צוהערען, ווייל אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט. וואשט אייך, לייטערט אייך, נעמט אוועק אייערע שלעכטע מעשים פון מיינע אויגען — פארמיידט שלעכטס צו טאן. זייער געבעט איז גארנישט ווערט, ווייל זייער גאט וויל ניט קיין מויל ארבייט, ער וויל מעשים, ער פאדערט פאקטען, אויסצופיהרען א פרידענס פראגראם וואס פאראייניגט די מענשהייט; ער וויל א וועלט, וואס זאל זיין באהערשט פונם געדאנק: . . . „וגר זאב עם כבש . . .”

קאַפּיטעל 5

אימפּעריאַליזם, נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם

(אין ליכט פון דער נייער צייט)

1. די אנטשטייאונג פון נאַציעס

מיר לעבען איצט אין אַ צייט, ווען דער נאַציאָנאַליסטישער געדאַנק, באַהערשט דעם גרעסטען טייל פון דער מענשהייט. צום אָפּגאָט פון טעריטאָריעלען נאַציאָנאַליזם דינען אפילו די פּראָלעטאריער, די סאָציאַליסטען, און שוין אָפּגערעדט פון דער יוגענט, וואָס איז זיך פּשוט מקריב פאר איהם. עס איז אויך אַ פאַקט, אַז אַ צוגעגרייטען באָדען האָט געפונען די פאַשיסטישע קאָנטר־רעוואָלוציע, אין דעם נאַציאָנאַליסטיש פאר'סמ'טען מוח פון די פאָלקס מאַסען.

פון וואַנען קומט דער דאָזיגער נאַציאָנאַליסטישער פּסיכאָז? איז דאָס אַ קראַנקהייט אַזעלכע, וואָס קאָן געהיילט ווערען? קאָן מען עס באַקעמפען מיט סאָציאַליסטישע רפואות? ווי אַזוי? . . .

די געשיכטע האָט די מענשען צעטיילט אויף נאַציעס און אויף קלאַסען. ביידע צוטיילונגען זענען געזעלשאַפטליכע. ביידע באַשטימען זיי דעם גורל פון דעם מענשען, גיבען איהם רעכט, לייגען אויף איהם ארויף פליכטען, און בינדען איהם צוזאַמען מיט'ן קלאַס אָדער מיט דער נאַציע. די דאָזיגע צוטיילונגען שטויסען די מענשען אריין אין צוויי ספּערען וואָס קוקען אוים צו זיין געגנעריש איינער צום צווייטען: צו נאַציאָנאַליסטישער סאָלידאַריטעט, רופט און וועקט די נאַציע; צו פּראָלעטאַרישער קלאַסען סאָלידאַריטעט רופט דער סאָציאַליזם.

ווען דער סאָציאַליסטישער געדאַנק איז אויפגעקומען איז ער געווען דורכאוים קאָסמאָפּאָליטיש. אַזוי ווייט, אַז ער האָט אפילו ניט געפונען פאַר נויטיג צו באַהאַנדלען די נאַציאָנאַלע פראַגע. אין סאָציאַליסטישען לאַגער האָט מען געקוקט אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע ווי אויף עפּעס אַן אָנשיקעניש, ווי אַ קאָמפּליקאַציע אויפ'ן גלייכען וועג פון סאָציאַליסטישען קאַמף.

אַזוי האָבען געטראַכט די באַגרינדער און טעאָרעטיקער פונ'ם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם. זיי האָבען געהאַלטען, אַז די נאַציע און דער נאַציאָנאַליסטישער געפיהל ביי מענשען, ווערט פאַרשוואונדען מיט דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. מאַרקס און ענגעלס האָבען זיך ווייניג באַמיהט צו לייזען די נאַציאָנאַלע פראַגע. זיי האָבען נאָר געטראַכט וועגען דעם לאַנגזאַמען פאַרשווינדען פון די נאַציאָנאַלע פאַרשיידענקייטען. זיי זאָגען עס גאַנץ אָפען אין קאָמוניסטישען מאַניפעסט:

„די נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט און די גרענעצן צווישן די פעלקער, פאַרשווינדען אַלץ מעהר און מעהר מיט דער אַנטוויקלונג פון דער בורזשואַזיע. מיט דער האַנדעלס פרייהייט, מיט דעם וועלט מאַרק, מיט דער גלייכפאָרמיגקייט פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע און פון די לעבענס באַדינגונגען, וועלכע זי באַשאַפט. ביי דער הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט וועלען זיי נאָך גיכער פאַרשווינ־דען".

די דאָזיגע נעגאַטיווע שטעלונג האָט אָבער ניט געקענט האָבען קיין קיום אויף לאַנג. ספּעציעל אין אַזעלכע לענדער ווי רוסלאַנד, עסטרייך, אונגאַרן, וואו די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען האָבען געפאָדערט גלייכבארעכטיגונג און נאַציאָ־נאַלע אויטאָנאָמיע.

אין די דאָזיגע לענדער איז דער קלאַסען־באַוואוסטזיין געוואָרען די פאָרמ־זעצונג פון נאַציאָנאַלען באַוואוסטזיין.

דאָס האָט גורם געווען דערצו, מען זאָל אָנהויבען טיפער אַריינטראַכטען אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע און זוכען אַ לייזונג צו דעם דאָזיגען ברענענדיגען פּראָב־לעם. און אַז מען האָט טיפער אַריינגעקוקט אינם געשיכטליכען גאַנג פון די נאַציעס, און ווי אַזוי עס קומט פאָר די אונטערדריקונג פון די אונטערשטע שיכטען פון איין נאַציע דורכ'ן הערשענדיגען קלאַס פון אַ צווייטער נאַציע, האָט מען פאַרשטאַנען אין סאָציאַליסטישען לאַגער, אַז מען דאַרף אָנהויבען מאַכען אַ רעוויזיע אין דער סאָציאַליסטישער אויפפאַסונג פון נאַציעס. סאָציאַליסטישע דענקער האָבען אָנגע־הויבען זיך מעהר פאַראינטערעסירען מיט דעם נאַציאָנאַלען פּראָבלעם, זיי האָבען אָנגעהויבען רעווידירען די אַלגעמיינע מיינונג בנוגע נאַציאָנאַליזם אין די ראַמען פון סאָציאַליזם.

דער ערשטער, וועלכער איז אַרויסגעקומען מיט דער סאָציאַליסטישער טעָ־אָריע וועגען דער נאַציאָנאַלער פראַגע, איז געווען אָטאָ באַוער, ראַדיקאַלער טעאָרעטיקער פונם מאָדערנעם סאָציאַליזם, וועלכער האָט באַרייכערט דעם וויסענ־שאַפטליכען סאָציאַליזם מיט אַ נייעם געביט פון טעאָרעטישער דערקענטניש. ער האָט אונז געלערנט, אַז טיף אין דער גרויער פאַר־היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט ליגט דער אורשפּרונג פון די נאַציעס.

דער נאַציאָנאַלער געפיהל, לויט באַוער'ן, איז אַ נאַטירליכער געפיהל, אַ פאַרברייטערונג פון יענעם פאַמיליע געפיהל, וואָס רופט אַרויס מיט'ן כח פון אַטאַ־וויסטישער אורשפּרינגליכקייט ביי עלטערען און קינדער, ביי ברידער און שוועס־טער און ביי נאָך ווייטערער משפּחה, די שטרעבונג צוזאַמען צו בלייבען, זיך צו העלפען אין נויט, זיך צו טרייסטען אין אומגליק, זיך צו פרעהען אין גוטע צייטען . . .

אמת, די בלוט־געמיינשאַפט פאַרווישט זיך אַלץ מעהר אין לויף פון יאָר־הונדערטער, אויך די היסטאָרישע גורל־געמיינשאַפט פאַרלירט איהר אַמאָליגע באַדייטונג, אין דער צייט ווען עס אַנטוויקעלט זיך די געזעלשאַפט און עס גלייכען

זיך אויס די לעבענס באדינגונגען. אָבער אין דער זעלבער צייט פארטיעפט זיך אַלץ מעהר די קולטור אנדערשקייט צווישען די נאַציעס, ווייל וואָס מעהר עס אנטוויקעלט זיך די ציוויליזאציע, אַלץ רייכער און אייגענארטיגער ווערען די קול־טורעלע שאפונגען פון די נאַציעס. עס קאָן פארשווינדען די נאַציאָנאלע „געגענ־זאצען", אָבער בשום אופן ניט די נאַציאָנאלע „באזונדערקייטען".

באוער האָט דערקענט, אז אויסגעגליכען ווערט דורך דער אנטוויקלונג נאָר דער מאַטעריעלער קולטור אינהאלט אָבער בשום אופן ניט די אונטערשיידען פון דער גייסטיגער קולטור פון די נאַציעס. דאָס פאָלק היט אָפּ די ריינקייט פון נאַציאָ־נאַלען כאראקטער, אנטוויקעלט און פארפיינערט איהם. אויב עס ווערען אויפגע־נומען נייע קולטור עלעמענטען אונטער דער ווירקונג פון פרעמדע קולטורען, דאַן זיינען דאָס ניט קיין פרעמדע קערפּער, נאָר איבערגעארבייטע קולטור ווערטען, לויט די ניואנסען פון דעם אייגענעם נאַציאָנאלען כאראקטער. ארויסקומענדיג פון דער דאָזיגער הנחה, קומט באוער צום אויספיהר, אז: „סאָציאליזם באדייט, אז דאָס גאַנצע פאָלק ווערט אריינגעצויגען אין דער נאַציאָנאלער קולטור געמיינשאפט, אז די נאַציע באקומט די פולע זעלבסטבאשטימונג, און אז עס וואקסען די גייסטיגע אונטערשיידען צווישען די נאַציעס"(*)

די סאָציאליסטישע דענקער האָבען אויך אָנגעהויבען אריינטראכטען זיך, ווי אזוי דער נאַציאָנאַליזם עקספּלואטירט דאָס נאַציאָנאלע געפיהל פאר זיינע צוועקען; ווי אזוי ער בלאָזט פאַנאנדער דאָס נאַציאָנאלע געפיהל צו באגייסטערונג, צו הים־טעריע, צו קידוש השם, און נוצט עס אויס פאר זיין אנטוויקלונג, פאר זיין פאָרויסמארש. ניט מיט געדונגענע זעלנער, מיט גרויסע פאָלקס ארמייען, קען דער הערשענדיגער קלאס פיהרען זיין מלחמה געגען זיינע קאָנקורענטען, ער מוז האָבען די נאַציע, די נאַציאָנאלע ברידער פון צפון, פון דרום, פון מזרח און מערב. ער דאַרף די נאַציאָנאלע פאראייניגונג אום צו פארכאפּען די רוי־שטאָף קוואלען און אינדוסטריע געביטען, מינען און ים ברעגען. ער האָט די נאַציע פאראייניגט אין יאָך פון אַרבייט פארן נאַציאָנאלען קאפּיטאל.

און נאָך מעהר, אויב דער קאפּיטאל איז ניט באפרידיגט פון דער עקספּלואַ־טאציע אין די גרעניצען פון זיין געאייניגטען פאָטערלאַנד, געהט ער ווייטער, ער בלאָזט פאַנאנדער דאָס נאַציאָנאלע געפיהל צו נאַציאָנאלער שנאה און רויב בא־געהר. דער קאפּיטאליסטישער עקספּאנסיע־אפּעטיט ווערט ממילא פארוואנדעלט אין א טענדענץ פון „נאַציאָנאלען וואוקס": מיט נייע דערארבערטע געביטען ווערט פארגרעסערט די נאַציאָנאלע היים — דאָס פאָטערלאַנד! מיט די באזיגטע פרעמדע פאָלקס טיילען, וואָס לעבען אויף די געביטען ווערט בארייכערט די נאַציע! . . .

דער „בארבארישער" פעאָדאליזם האָט צוגעקאָוועט דעם מענש צו דער ערד, פארוואנדעלט דעם פויער אין א חלק פון זיין ערד.

---

* Otto Bauer: Die nationalitaetsfragen und die Sozialdemokratie (Marx Studien, Zweiter Band) z. 108.

דער „ציוויליזירטער" קאַפּיטאַליזם איז געגאַנגען נאָך ווייטער: ער האָט די גאַנצע נאַציע צוגעבונדען צו דער ערד, אַראָפּגעשלײדערט דאָס לעבעדיגע פאָלק צו דער מדרגה פון א חלק פון דער טויטער פאָטערלענדישער ערד. דאָס פאָטערלאַנד שפּרייט זיך אויס איבער מענשען פון פארשיידענע פעלקער, שפּראַכען און ראַסען. עס שפּרייט זיך אויס איבער מענשען מיט פארשיידענע טראַדיציעס, זיטען און קולטורען. דאָס פאָטערלאַנד וואַקסט, און מיטן פאָטערלאַנד וואַקסט די נאַציע — די נאַציע פון הערשענדען קלאַס. נייע רוי־שטאָף קוואַלען, נייע מערק, ברענגען א נייע ברכה דעם „נאַציאָנאַלען קאַפּיטאַל".

עס איז געקומען דער אימפּעריאַליזם און פארגוואַלדיגט דעם נאַציאָנאַלען געפיהל, איהם אויסגענוצט פאַר אוזורפּאַציע און דעראָבערונג. אין א קאַפּיטאַליס־טישער הערשאַפט לעבט די מענשהייט אונטער א נאַציאָנאַליסטישען טשאַד. מען רעגט אויף דעם מענשען, מען העצט איהם צו מלחמה, צו וועלען פארכאַפּען נייע טעריטאָריעס, כדי צו פארגרעסערען דעם לאַנד באזיץ פון דער אימפּעריע, וואָס מיינט צו פארגרעסערען דעם נאַציאָנאַלען ווערט.

סאָציאַליזם, דער היפּוך פון דער קאַפּיטאַליסטישער אידעאָלאָגיע, האָט דע־ריבער געמוזט אָפען ארויסקומען מיט א טעאָרעטיש־פּראַקטישער הנחה בנוגע דער נאַציאָנאַלער פראַגע, פאָרמולירענדיג די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, וואָס זאָל באַפרידיגען די נאַציאָנאַלע באַדערפעניש״ען פון די פעלקער און זאָל פארמיידען ווייטערע מלחמות, דער סאָציאַליזם האָט זיך געמוזט שטעלען אויפען פּרינציפּ פון פערזענליכקייט רעכט, אלס מענשען קאָלעקטיוו גופא, ווי אויך אין באַציהונג צום ערד באזיץ. נאַציאָנאַלע זעלבסט באַשטימונג איז געוואָרען דער קאַמף לאָזונג וואָס איז צוזאַמענגעוואַקסען האַרמאָניש מיט די אַלגעמיינע לאָזונגען פון די מינימאַלע און מאַקסימאַלע סאָציאַליסטישע פּראָגראַמען, אין געגענזאַץ צו דער בורזשואַזער פאָדערונג פון אסימילירען די מינאָריטעט נאַציעס.

סאָציאַליזם איז געגאַנגען נאָך ווייטער: אין צייט ווען די בורזשואַזיע פון די מינאָריטעט נאַציעס, האָט באַגרעניצט איהר נאַציאָנאַלען אידעאַל מיט א רוחניות־דיגען אינהאַלט, אָדער מאַכט, צוליב גרעסערער באַטיילינג אין דער רעגירונג און אין פּאַרלאַמענט, האָט דער סאָציאַליזם ארויסגעשטעלט די פאָדערונג פון אן אייגענער מלוכה פאַר דער מינאָריטעט נאַציע. צום קולטורעלען אינהאַלט איז נאָך צוגעקומען א טעריטאָריעלער. פאַר יעדער נאַציע אן אייגענע מלוכה! — איז געוואָרען דער פּראַקטישער אויספיהר פון דער פאָדערונג וועגען זעלבסט־באַשטימונג.

אין די יאָהרען פון מלחמה און רעוואָלוציעס, איז דער ארבייטער־קלאַס געוואָרען אזוי דורכגעדרונגען פון אָט דעם געדאַנק, אז ער האָט מוותר געווען אויף זיין היסטאָרישער געלעגענהייט דורכצופיהרען די סאָציאַלע רעוואָלוציע און זיך געלאָזט באַנוגענען מיט דער דורכפיהרונג פון דער נאַציאָנאַלער טעריטאָריעלער רעוואָלוציע, הגם די רעזולטאַטען פון דער רעוואָלוציע האָבען איהם ליידער ניט באַפרידיגט.

עס איז זעהר אינטערעסאנט דאָ צו ברייננען אן אויסצוג פון דעם שוין פריהער דערמאָנטען בארימטען מארקסיסטישען פאָרשער און דענקער פון אונזער צייט, אָטאָ באוער. אָפּשאצענדיג די געשאפענע לאגע נאָך די נאציאָנאלע רעוואָלוציעס, שרייבט באוער אזוי: „די איצטיגע אנטוויקלונגס פאזע ווייזט אויס צו זיין נאָר אן איבערגאנגס פעריאָדע צווישען צוויי רעוואָלוציאָנערע פּראָצעסען. צווישען דער שווערער, רעוואָלוציאָנערער דערשיטערונג, וואָס אייראָפּע האָט איבערגעלעבט אין דער צייט פון 1918-1919, אין יענע שווערע קריגערישע פּארוויקלונגען, רעוואָלוציאָנערע אָדער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע דערשיטערונגען, צו וועלכע עס פיהרען די פּראָבלעמען וואָס זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרען דורך דער מלחמה און זיינען ניט געלייזט געוואָרען. אויך אויפן באָדען פון דער עסטרייך-אונגארישער מאָנארכיע איז, ווייזט אויס, דער פּראָצעס פון רעוואָלוציאָנערע איבערקעהרענייש איבערגעריסען, נישט פארענדיגט*) . . .

א וואונדער אויף דעם גרויסען סאָציאַליסט, וועלכער שטרעבט צו אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאפט, וואָס דארף באזייטיגען קלאסען, און פארווירקליכען אמתע פאָלקס געמיינשאפט, אויף קאָלעקטיווע יסודות, ער זאָל גאָר שרייבען אזוי פּהדנות'דיג צווייפעלהאפט, מיט די ווערטער „ווייזט אויס"? ער זאָל גאָר אנערקענען די כלומרש'טע „נאציאָנאלע רעוואָלוציע", מיט דער געאָגראפיש-באגרעניצטער נאציאָנאלער רעפּובליק, אויב זי וואָלט עס ניט געווען „געפעלשט" פונם אימפּעריאַליזם?

ער שרייבט דאָרט צווישן אנדערעס: „דער אימפּעריאַליזם האָט געפעלשט און פארגוואלדיגט די אידעע פון נאציאָנאלער רעוואָלוציע אין יאָהר 1918. ער האָט ניט פארווירקליכט דאָס רעכט פון די פעלקער אויף זעלבסט באשטימונג, נאָר האָט געשאפען נייע הערשאפט-פארהעלטענישען, ער האָט אוועקגעשטעלט די גרעניצען פון די נייע מלוכות אזוי, אז די נאציאָנאלע פּראָבלעמען, וואָס האָבען צוריסען די האבסבורגער מאָנארכיע, זיינען אויף דאָס ניי לעבעדיג געוואָרען"*)... ד.ה. אז ער איז מסכים מיט דער נאציאָנאלער הערשאפט פון טעריטאָריע, אויב די גרעניץ סלופּעס וואָלטען געוואָרען ריכטיג אוועקגעשטעלט? באוער אליין האלט דאָך, אז דער אידעאל פון סאָציאליסטישער באפרייאונג איז באזירט אויף דער באפרייאונג פון באזיצלאָזע קלאסען; אז דער סאָציאליסטישער קאמף פאר דער נאציאָנאלער זעלבסט באשטימונג און זעלבסט באפרייאונג, איז געגען דעם טעריטאָריעלען נאציאָנאליזם, איז געגען יעדער נאציאָנאלער רעוואָלוציע, וואָס האָט בלויז טעריטאָריעלע צילען.

---

* Otto Bauer: "The Austrian Revolution" p.p. 275-76.

2. די נאציאָנאַלע רעוואָלוציעס פון די נאָך־מלחמה יאָהרען.

אין דער צייט פון דער לעצטער מלחמה, אין די יאָהרען צווישען 1914־1918, האָבען אויפגעלעבט די מינדערהייטען, און עס איז עפענטליך ארויסגעקומען די פאָדערונג פון „אויסלייזען די קליינע נאציאָנען". די נאציאָנאַלע רעוואָלוציע האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבען פארשפרייטען אין אַלע טיילען פון אייראָפּע. אין איר האָבען אָנטייל גענומען ניט נאָר נאציאָנאַליסטען, נאָר טאקע ארבייטער און סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען יאָהרען לאנג געקעמפט צוזאמען מיט די קליינבירגערליכע עלעמענטען פאר נאציאָנאַלער באפרייאונג און זעלבסטשטענדיגקייט. טשעכישע און פוילישע, יוגאָסלאַווישע און רומענישע ארבייטער האָבען זייער בלוט פארגאָסען אין דער נאציאָנאַלער רעוואָלוציע; זיי זיינען געשטאנען ביים וויגעלע פון זייערע נאציאָנאַלע פאָטערלענדער.

אָבער אויפ'ן צווייטען טאָג נאָך דער גאולה, האָט זיך באוויזען א פינסטערער וואָלקען איבער די ניי־געשאפענע לענדער. עס איז געקומען די בורזשואזיע און האָט פארכאפּט די פעטסטע ביסענס און גאָר ניט איבערגעלאָזט פארן ארבייטער אָדער מיטעלקלאס. אין געוויסע לענדער האָט מען נאָך באפרידיגט די פויערים מיט דער דורכפיהרונג פון אגראר רעפאָרמען, אָבער ניט אין אַלע לענדער איז אזא נויטיגע רעפאָרמע דורכגעפיהרט געוואָרען. פוילען, למשל, איז געבליבען ביי פּילסודסקי'ס פארשפּרעכענס דורכצופיהרען די נויטיגע רעפאָרמען פארן וואויל־זיין פון לאנד, אָבער צו דער פארווירקליכונג איז עס קיינמאָל ניט געקומען.

דערצו נאָך האָט מען אין מערסטע לענדער ליקווידירט די דעמאָקראטיע — מען האָט איינגעפירט א שטרענג צענטראַליזירטע פארוואַלטונג און א ביוראָקראטיע האָט זיך גענומען צום מלוכה רודער און האָט אונטערדריקט די עלעמענטאַרסטע רעכט פון די פאָלקס מאסען. אויף דער קריטיק, פארוואָס מען אונטערדריקט אזוי די רעכט פון די בירגער, האָט מען געענטפערט, אז דאָס טוט מען לטובת דעם לאנד; אז מען מוז אויף אזא אופן באשיצען דאָס לאנד פון די כלומרשטע „געפאַרען", וואָס דראָהען אים מצד די פרעמד־נאציאָנאַלע מיטבירגער. אין די מערסטע לענדער, האָט מען געשאפען א שטארקע מיליטאַריסטישע מאַכט, וואָס קאָסט אָפּ פארמעגענס און ליגט אויף דעם אזוי אויך פאַראָרימטען פאָלק, ווי א חלף אויפן האלז — אַלץ צוליב דער געפאר מצד די אינערליכע און אויסערליכע שונאים, וואָס קענען זיי באפאלען.

פאר די פאָלקס מאסען פון די מינאָריטעטען האָט זיך אין די ניי־געבוירענע לענדער געשאפען אן אמת'ער גלות. פריהער, אין די אַלטע נאציאָנאַל געמישטע מלוכות, זיינען די מינאָריטעט נאציעס געווען א גוואַלדיגער כח, צוליב זייער גרויסער צאָל. זיי האָבען זיך געשטיצט איינער אויפן צווייטען, און אַלע צוזאמען זיינען זיי געווען שטארק געווען, מען זאָל זיי מוזען נאָכגעבען זייערע פאָדערונגען. אין די נייע מלוכות זיינען אָבער די מינאָריטעטען געבליבען איינגאנצען הפקר פאר'ן אויסראָטונגס שגעון. באזונדערס זיינען אין די נייע מלוכות אנטשטאנען

רייסערייען צווישען די פארשיידענע טיילען פון דער באפעלקערונג. אין דער פאראייניגטער יוגאסלאוויע זיינען אויסגעוואקסען גאנצע דריי נאציעס: קראאטען, סלאוואנער און סערבען. עס זיינען דעריבער אויפגעשוואומען שארפע פאר'עקשנ־טע נאציאנאלע פראבלעמען, צוליב די מינאריטעט נאציעס, וואס זיינען אריינגענו־מען געווארען אין די טעריטאריעס פון די ניי־געשאפענע לענדער, און צוליב דעם (פלוצלונגדיגען) דערוואכען פון די נייע מינאריטעטען אלס באזונדערע אייגענע פעלקער, האבען זיי ניט גענדארפט אריינגערעכנט ווערען אין די לענדער.

ביים פאנאנדערטיילען די טעריטאריעס איז אויך אויסגענוצט געווארען א סך שאוויניזם, פון וועלכען דער פראלעטאריאט איז ניט געווען פריי, סאציאליסטען וואס האבען זיך פארנומען מיט דער פאליטיק פון לאנד, האבען א ביסעל פאר־בויגט אויף זייער סאציאליזם, און זיך געלאזט גיהן אויפן „אויסגעטראטענעם" וועג פון נאציאנאליזם. אין דער אינערליכער פאליטיק, האבען זיי זיך געשטעלט אויפן קלאסען שטאנדפונקט; אבער כלפי חוץ, אין דער אויסערליכער פאליטיק, זיינען זיי געשטאנען פעסט אויף דעם נאציאנאליסטישען פראנט, און זיך געהאלטען צוזאמען מיט דער בורזשואזיע. ביים אפגרעניצען מלוכה טעריטאריעס, איז נא־ציאנאלער אפעטיט אויף לאנד געווארען א פרינציפ. סאציאליסטען פון איין לאנד האבען געפירט קאנפליקטען מיט סאציאליסטען פון אנדערע לענדער; ביים איינ־טיילען די טעריטאריעס און ביים אוועקשטעלען די גרעניץ סלופעס האבען סאציא־ליסטען פון איין לאנד זיך שטארק געאמפערט מיט'ן שכנות'דיגען לאנד, ווי עס איז געווען דער פאל מיט די פוילישע און טשעכישע סאציאליסטען. אויך ביי דער רעפעראציעס פראגע פון מלחמה קאנטריבוציעס, איז פארגעקומען פארשיידענע מיינונגס אונטערשיידען צווישען די סאציאליסטען פון די צענטראלע מלוכות און די סאציאליסטען פון די אליאירטע מלוכות. דאס אלץ האט גורם געווען אפצו־שוואכען דעם קלאסען באוואוסטזיין ביי א גרויסען טייל פון דער באפעלקערונג און גענעבען א מעגליכקייט דער רעאקציע זיך וואס מער און וואס טיפער ארייננצו־רייסען אין די ניי אויפגעקומענע לענדער.

פילע סאציאליסטישע פירער זענען געגאנגען נאך ווייטער: זיי האבען אויף א זעהר מיאוס'ען אופן פאררעטען דעם סאציאליזם. עס איז גענוג צו דערמאנען דעם ערשטען מארשאל פון ניי־פוילען, יוזעף פילסודסקי, וועלכער האט אויסגע־נוצט דעם סאציאליזם פאר זיינע נאציאנאל־שאוויניסטישע אידעען.

עס איז אינטערעסאנט צו דערמאנען פילסודסקי'ס חנ'דלען זיך צו דעם צווייטען אינטערנאציאנאל און צו דער סאציאליסטישער באוועגונג, מיינענדיג, אז דאס וועט איהם העלפען צו געווינען פוילען'ס אומאפהענגיגקייט.

אין יאר 1912 איז פארגעקומען דער קאנגרעס פון דער עסטרייכישער סאציאל דעמאקראטישער פארטיי. פילסודסקי, אלס פארטרעטער פון דער רעוואלוציאנערער פראקציע פון דער פוילישער סאציאליסטישער פארטיי (פ.פ.ס.), האט דאן אין זיין היסטארישער רעדע אויפן קאנגרעס, צווישען אנדערעס געזאגט:

„איך טרעט דאָ ארויס אין מאָמענט, ווען ס'דונערן אין אייראָפּע האַרמאַטען. אייער לאַנד איז פּונקט ווי אונזער לאַנד באַדראָהט דורך דעם שרעקליכען קריג. פּוילען איז פאַרמאַטערט פון רעוואָלוציאָנערע קאַמפּען. עס איז איצט שווער איבערצוטראָגן דעם קריג. מיר זיינען ניט פריי פון שרעק, ווען מיר טראַכטען וועגן די געפאַהרען וואָס וואַרטען אויף אונז. אָבער קיין שום זאַך וועט אונז ניט אָפּשרעקען פון דערפילען אונזער פליכט. מיט אייער הילף וועלען מיר פאַרשפּרייטען די מאַכט פון פרייהייט איבער אונזער לאַנד. אויב עס וועט אויסברעכען אַ מלחמה, וועלען מיר זיך באַמיהען, אַז ס'זאָלען פאַרווירקליכט ווערען אונזערע אידעאַלען, וועלכע די רעוואָלוציע האָט ניט פאַרווירקליכט. און דאַן, אין די מויערן פון פרייען וואַרשע, וועלען מיר קענען צוגרייטען אַן אויפנאַמע פאַר אונזערע טייערע געסט פון אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס. זאָל אייער פאַרזאַמלונג זיין אַ טריט פאָרויס אין זיגרייכען מאַרש פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע."*)

אזוי האָט גערעדט אַ מענש, וועלכער האָט שפּעטער גע'רודפ'ט דעם סאָציאַליזם, פאַרשיקט אין די תפיסות די בעסטע סאָציאַליסטען פון לאַנד, און באַקעמפט דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, פאַר וועמען ער האָט פאַר'ן קריג אויפגעעפענט די טויערן פון וואַרשע . . .

מאַנכע מיינען, אַז פּילסודסקי האָט דאָ דורכגעמאַכט אַזאַ משונה'דיגען אַנטוויקלונגס פּראָצעס. אַז ער האָט זיך שפּעטער געענדערט. אָבער פאַקטיש האָט ער כסדר געצויגען איין און דעם זעלבען פאָדים, דורך זיין גאַנצער פּאָליטישער טעטיגקייט פון זיין לעבען. ער האָט געענדערט זיין אויסערליכען לבוש, בשום אופן ניט זיין אינערליכען גערדאַנקענגאַנג. ער האָט שטענדיג געשטרעבט צו אַן „אומאָפּהענגיגער מלוכה", אין די אינטערעסען פון דער פּוילישער בורזשואַזער אינטעליגענץ און איז געשטאַנען זיין גאַנצען לעבען קאָנסעקווענט און פעסט אין שפּיץ פון דער מלוכה, געהאַלטען מיט אַלערליי פאַשיסטישע מיטלען, מיט וועלכע די הערשענדע קלאַסען באַנוצען זיך היינט, כדי צו בלייבען ביי דער מאַכט.

פּילסודסקי האָט פּראָפּאַגאַנדירט דעם געדאַנק, אַז אַ סאָציאַליסט אין פּוילען מוז שטרעבען צו דער אומאָפּהענגיגקייט פון לאַנד, אַז די אומאָפּהענגיגקייט איז דער וויכטיגסטער באַדינג פאַר'ן זיג פון סאָציאַליזם אין פּוילען. געמיינט האָט ער, בעיקר, ניט די באַפרייאונג פון דעם ארבייטער קלאַס, ניט די איינפירונג פון סאָציאַליזם, נאָר די באַפרייאונג פון לאַנד, צו באַפרייען פּוילען פון איהרע אימפּעריאַלע באַהערשער.

דעריבער האָט פּילסודסקי באַקעמפט דעם „בונד" (די אידישע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי), די סאָציאַל דעמאָקראַטען און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. ער האָט זיי געוואָלט אראָפּפירען פון וועג, זיי שטערען אין

*) זע, פּ. שוואַרץ: יוזעף פּילסודסקי און דער „בונד", וואַרשע 1935, אַ גרינדליכע און פולע ביאָגראַפיע פון פּוילען'ס אידעאַל, דער פאָטער פונם איצטיגען פּוילען.

זייער אַנטוויקלונג, כדי זיי זאָלען ניט ווערען שטאַרק אין פּוילען. דעריבער האָט ער אויך געגרינדעט די פּ.פּ.ס., א ריין פּוילישע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי; טעאָרעטיש איר באַגרינדעט אויפן נאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען שטאַנד־פּונקט: פריהער אומאָפּהענגיגקייט אום יעדען פּרייז, און ערשט דאַן — סאָציאַ־ליזם.*)

די פּ. פּ. ס. האָט אָבער שפּעטער, נאָך פּוילען׳ס באַפרייאונג געמוזט איבער־רייסען מיט פּילסודסקי׳ן — איר באַגרינדער און בויער. זי איז ניט געגאַנגען אין זיינע דרכים, נאָר אָפען ארויס געגען אים, זעהענדיג ווי ער האָט פאַרראַטען זיין פּאַרטיי און די פּרינציפּען, וואָס ער האָט אמאָל געפּרעדיגט. אונטער פּילסודסקי׳ס רעזשים זיינען אויך די פירער פון דער פּ. פּ. ס. באַהאַנדעלט געוואָרען ערגער ווי אין צאַריסטישען רוסלאַנד. דאָס האָבען זיי געוואונען פון פּוילען׳ס באַפרייאונג. אזוי האָט דאָס נייע פּוילען, אונטער דער הערשאַפט פון דיקטאַטאָרישען פּילסוד־סקי געדינט אירע בעסטע זין, וועלכע האָבען זיך מקריב געווען פאַר איר באַפריי־אונג. פּילסודסקי׳ס מעשים זיינען ביי פילע פּוילישע סאָציאַליסטען ניט געווען קיין גוואַלדיגער חדוש, זיי האָבען קיין בעסערס פונם פאָטער פון נייעם פּוילען, ניט ערוואַרטעט. פּילסודסקי׳ס מעשים זענען אין אַ געוויסער מאָס געווען אַ נאַטירליכער קאָנסעקווענץ פון זיין אמאָליגען נאַציאָנאַליזם, וואָס ער האָט צוזאַמענגעמישט מיטן סאָציאַליזם, אום צו געווינען די ארבייטער מאַסען און די סאָציאַליסטען פון דער גאַנצער וועלט פאַר זיין אידעאַל, וואָס האָט זיך אַנגעהויבען און געענדיגט מיט אולטראַ נאַציאָנאַליזם און דער באַפרייאונג פון פּוילען.

פּילסודסקי האָט אויך פאַר זיין נאַציאָנאַלען סאָציאַליזם געוואונען מאַסען אַנהענגער צווישען דער בורזשואַזער אינטעליגענץ, וועלכע האָט געקוקט אויף איהם ווי אויף אַ דערלייזער. סאָציאַל עקאָנאָמיש איז די פּוילישע בורזשואַזיע געווען דירעקט פאַראינטערעסירט צו האָבען אַן אומאָפּהענגיגע פּוילען. אַ באַפרייטע פּוילען, האָט זי געוואוסט, וועט עפענען פאַר איר אַלע מעגלאַכקייטען פון פּאָלי־טישער הערשאַפט, און ממילא פון אומבאַגרענעצטער עקספּלואַטאַציע פון די אָרימערע פאָלקס מאַסען. די פּוילישע בורזשואַזיע האָט אָבער ניט געוואָלט איינ־שטעלען אירע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, אום צו פירען אַ קאַמף מיט רוסלאַנד. די רוסישע רעגירונגס־אָקופּאַציע האָט טאַקע געפירט אַן אויסראָטונג קאַמף געגען יעדען סימן פון פּוילישקייט. ס׳איז נאָך אָבער געבליבען גענוג פּלאַץ פאַר׳ן פּויליש־ען קאַפּיטאַליסט. ער האָט נאָך געהאַט פאַר זיך אָפענע וועגען פאַר פאַרדינסטען און ערוואַרבונג, פאַר דער בורזשואַזיע האָט דעריבער ניט געלוינט זיך ארויסצו־שטעלען געגען רוסלאַנד, זי האָט געהאַט וואָס איינצושטעלען, און זי האָט מורא געהאַט צו ריזיקירען.

אַנדערש איז געווען מיט דער פּוילישער קליינבירגערליכער אינטעליגענץ. די שווערע אויסראָטונג־פּאָליטיק פון דער צאַרישער מאַכט, לגבי דער פּוילישער באַ־פעלקערונג, נאָך דער פּוילישער „פּאָווסטאַניע" (אויפשטאַנד), האָט אמשטאַרקסטען

*) אינ׳ם פריהער דערמאָנטען בוך פון פּ. שוואַרץ — באריכות.

געטראָפען דער פּוילישער אינטעליגענץ. דער פאַבריקאַנט איז געבליבען ביי זיין פאַבריק, דער קאַפּיטאַליסט ביי זיין פאַרמעגען, דער לאַנדווירט ביי זיינע גיטער. אויך פאַרן פּוילישען ארבייטער איז נאָך געבליבען ארבייט. ער איז ניט באַרויבט געוואָרען פון זיינע פּריווילעגיעס עקספּלואַטירט צו ווערען. די פּוילישע אינטעליגענץ, דאַגעגען, איז גע׳רודפ׳ט געוואָרען פון ביידע זייטען: פּאָליטיש און עקאָנאָמיש. קאַמף פאַר אומאָפּהענגיגקייט איז אַזוי אַרום פאַר דער פּוילישער אינטעליגענץ ניט נאָר געווען אַ קאַמף פאַר אַבסטראַקטע נאַציאָנאַלע לאָזונגען, נאָר קודם־כל אַ קאַמף פאַר דער ערהאַלטונג פון פאַרלאָרענע — און פאַר דער שאַפונג פון נייע — עקאָנאָמישע מאַכט פּאָזיציעס. אַן אומאָפּהענגיגע פּוילען האָט פאַר דער פּוילישער אינטעליגענץ געהייסען: פאַרנעמען צענדליגער טויזענטער רעגירונגס אַמטען, אויסבילדען אַן אייגענע אַרמיי מיט צענדליגער טויזענטער אָפיצערען פּאָסטענס, אַן אייגענע פּאָליציי, אייגענע רעגירונגס פאַרוואַלטער, פּאָסט און טראַנספּאָרטאַציע, א.ד.ג.

עס איז גאָר ניט קיין וואונדער, וואָס די אומאָפּהענגיגקייט אידייע, האָט געהאַט אירע פריהערדיגסטע און צאָלרייכסטע אָנהענגער, צווישען דער פּוילישער אינטעליגענץ. די אינטעליגענץ האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער נייער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פון פּילסודסקי׳ן, און געקוקט אויף איר ווי אַ משיח באַוועגונג, וואָס וועט פירען צו זייער גאולה און באַפרייאונג. פּילסודסקי און זיין דור, די ערשטע גרינדער פון דער פּ. פּ. ס., שטעלען מיט זיך צוזאַמען די רעפּרעזענטאַנץ פון דער פּוילישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט אויפגעהויבען אין די נייניציגער יאָרען אַ קאַמף פאַר אירע עקאָנאָמישע מאַכט פּאָזיציעס און פאַר אירע נאַציאָנאַליסטישע אַספּיראַציעס.

אמת, אין דער פּ. פּ. ס. זיינען אריינגעטראָטען פילע רעוואָלוציאָנערען, באַוואוסטזיניגע סאָציאַליסטען, דורכגעדרונגענע מיט׳ן אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם, אַזעלכע וואָס האָבען זיך סאָלידאַריזירט מיט׳ן אַלוועלטליכען ארבייטער קלאַס. צוזאַמען מיט די מענשען, וועלכע האָבען געהאַלטען דעם סאָציאַליזם און די סאָציאַלע רעוואָלוציע פאַר׳ן ציל, האָבען אָבער געהערט צו דער פּאַרטיי, און אָנגעפירט מיט איר, מענשען, פאַר וועלכע די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע איז געווען דער ציל איבער אַלע צילען.

דער ארבייטער קלאַס אַלס אַזעלכער, אַלס אַ קלאַסען־קעמפערישע אָרגאַניזאַציע, וואָס דאַרף קעמפען געגען קלאַסען הערשאַפט, פאַר דער באַפרייאונג פון פּראָלעטאַריאַט און פאַר דער שאַפונג פון דער נייער סאָציאַליסטישער אָרדנונג, איז פאַר פּילסודסקי׳ן קיינמאָל ניט געווען קיין ציל פאַר זיך אליין. דעם ארבייטער קלאַס און זיין קאַמפּסלוסטיגקייט האָט ער בלויז אויסגענוצט פאַר דער אומאָפּהענגיגקייט פון פּוילען און פאַר די אינטערעסען פון דער פּוילישער בורזשואַזיע.

נאָך פּוילענ׳ס באַפרייאונג איז דער ארבייטער קלאַס פאַר אַ קורצער צייט באַפרייט געוואָרען פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג; ער האָט פאַר אַ מינוט געפונען אַ ריינעם האָריזאָנט און בעסערע באַדינגונגען צו פירען זיין קלאַסען

קאמף. דאס האט אבער נאר אנגעהאלטען פאר א מינוט. באלד האט זיך פאר־שפרייט איבער פוילען א פינסטערער קאשמאר, וואס האט פארדעקט אלע אידע־אלען, אלע שטרעבונגען, וואס זענען געווען פארבונדען מיט פוילינ'ס באפרייאונג. די זעלבע, וועלכע האבען געפירט א בונט געגען די פוילישע אונטערדריקער, זיינען אליין שפעטער געווארען אונטערדריקער און פארגוואלדיגער, וועלכע האבען פאר־שפארט זייערע פריערדיגע חברים, באקעמפט און ברוטאל דערשטיקט זייערע פריערדיגע אידעאלען.

און ניט נאר אין פוילען; דאס זעלבע האט פאסירט אין אונגארן, יוגאסלאוויע, אין די באלטישע לענדער און אזוי איבעראל. פוילען האב איך נאר געבראכט אלס ביישפיל, ווייל זי איז מיר ליב און טייער, זייענדיג אליין איינער פון אירע געטרייע איבערגעגעבענע זין, וואס ווייטיקט און בלוטיגט אויף איר גייסטיגען חורבן.

פוילען פון דער ליטעראטור, און פוילען פון דער ווירקליכקייט — צוויי באזונדערע וועלטען, צוויי דראסטישע געגענזאצען, וועלכע פארלייקענען איינס דאס צווייטע.

פוילען אין דער ליטעראטור: א לאנד וואס קעמפט געגען אירע אונטערדריקער און הענקער. אין דער פוילישער ליטעראטור האט מען געפונען די שילדערונג פון דעם דערנער וועג פון פוילישען פאלק, אונטער דער הערשאפט פון די צארישע סאטראפען און פרייסישען יונקערטום. די פוילישע יוגענט, אריינגערעכענט די אידיש־פוילישע, איז אנגעצונדען געווארען אין א פלאמיגען פייער, ווען עס האבען פאר זיי אויפגעלעבט די געשטאלטען פון דער „פאווסטאניע" — זיי זיינען פארוואנדעלט געווארען אין בונטארען, וועלכע האבען מיט הארץ און נשמה, מיטגעקעמפט מיט זייערע עלטערען פאר דער גערעכטער יושר'דיגער זאך, פאר דער באפרייאונג פון פוילען.

דער גלויבען זייערער און אפטימיזם האט זיי אודאי אונטערגעזאגט, אז פוי־לענ'ס באפרייאונג איז ניט נאר א זאך פון יושר, נאר אויך א זאך פון געשיכט־ליכען פראגרעס, א שטאפעל העכער אויף דעם וועג פון דער עוואלוציע פון דער גאנצער מענשהייט. האט דאך אדאם מיצקעוויטש געשריבען אין זיין „דזיאדי" — אימפראוויזאציע, ווענען דער מיסיע פון פוילישען פאלק:

„כ'וויל אים טראגען און גליקליך מאכען,
אז די גאנצע וועלט זאל אים באוואונדערען."

דאס איז געווען דאס פוילען פון דער ליטעראטור, דאס פוילען פון די ראמאנטיקער. דאס זיינען געווען פוילישע גוטע און פרומע גלות־מאטיוען, שטי־מונגען פון שווערע צייטען, ווען מען איז אליין דערדריקט געווארען אונטער דעם שווערען קאצאפישען שטיוועל און פרייסישען אייזערנעם קנאפעל.

פוילען אין דער ווירקלאַכקייט: אַן אויסגעלאַכטער חלום. היינט רייסט מען מיט שמוציגע הענט פון רוצחים די דאָזיגע געפּיהלען און שטימונגען; היינט צושמעטערט מען סיסטעמאַטיש און אויסגערעכענט מיט דער ברוטאַלקייט פון אַ וואַנדאַל דעם הערליכען בנין פון אַ שיינער און גערעכטער פּוילען, אַ בנין, וועלכער איז אויסגעבויט געוואָרען אין דער פאָרשטעלונג (אימאַגינאַציע) פון אָפּטימיסטען און גלויביגער.

אַזוי זעהט אויס דאָס „אידעאַליזירטע" פוילען, דאָס נייע פוילען פון די פּילסודסקי'ס, סמיגלי'ס און אַנדערע הערשער, וועלכע זיינען אַזוי קורצזיכטיג אין קענען ניט האַרמאָניזירען די אידעאַלען מיט דער ווירקלאַכקייט. דאָס היינטיגע פוילען האָט פאַרראַטען די אמת'ע אידעאַלען פון די גרויסע פוילישע גייסטער.

דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען אין אַנדערע ניי־אויפגעקומענע לענדער. די מלחמה מיט אירע רעוואָלוציעס, איבערהויפּט מיט אירע נאַציאָנאַלע רעוואָלוציעס, האָט געבראַכט חורבן, אַנטוישונג, גייסטיגען באַנקראָט, און פאַרניכטונג פון דעמאָקראַטיע און ליבעראַליזם. אויף דער גאַנצער וועלט הערשט איצט אַ כאַאָס אין אידעען. ניטאָ קיין איינהייטליכע ריכטונג אפילו אין די אַרבייטאָרישע און פּראָגרעסיווע רייהען. ניטאָ קיין אויטאָריטאַטיווע פירערשאַפט, און אויך ניט קיין מוטיגע פירער. דער דאָזיגער מישמאַש אין ליניע, אין פירערשאַפט און איי־ניגקייט האָט געגעבען דער רעאַקציע די אויבערמאַכט אין אַ סך לענדער. דאָס האָט געפירט צו פאַשיזם.

3. דער פאַשיזם פירט די קאַפּיטאַליסטישע לענדער צו מלחמה.

(אימפּעריאַליזם, און דער מאַנגעל אין רוי־שטאָף און אָפּזאַץ־מערק)

פאַר דער צייט, וואָס היטלער איז אין מאַכט, האָט ער שוין ניט איינמאָל געסטראַשעט און געוואָרענט מיט דייטשלאַנד'ס מאַכט, וואָס וועט איבעררואשען דער וועלט. היטלער באַהאַלט פאַר קיינעם ניט, אַז ער גרייט זיך צו מלחמה, אַז ער וויל פאַרכאַפּען קאָלאָניעס, און אויפשטעלען די דייטשע אימפּעריע פון דריטען רייך. ער זאָגט דאָס גאַנץ אָפען, און שרעקט זיך ניט פאַר קיינעם פון די גרויס־מעכטע. היטלער האָט אָבער זיך גענומען מאַסקירען זיינע אימפּעריאַליסטישע אויסשפּרייטונגס־פּלענער, און געשאַפען נייע טערמינען פאַר זיינע אידעאָלאָגישע צוגרייטונגען צו דער מלחמה — ער האָט זיך גענומען איינרעדען דער וועלט, אַז ער גייט איהר ראַטעווען פון באָלשעוויזם.

היטלעריזם — וויל ער אונז איינרעדען — האָט זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון אַ קרייץ־צוג געגען דעם אַלוועלטליכען באָלשעוויזם, צו ראַטעווען די וועלט פון דער דאָזיגער פּעסט וואָס איז — ווי ער זאָגט — געבוירען געוואָרען אין דעם קראַנקליכען אידישען מוח. ער רופט דעריבער אַלע אייראָפּייאישע פעלקער, זיך צו פאַראייניגען מיט איהם, געגען באָלשעוויזם, און געגען אידענטום.

איז איבעריג צו דערמאָנען וועגן דער פאַלשער מיסיע, וואָס היטלער האָט אויף זיך גענומען. יעדער באוואוסטזיניגער מענש, פאַרשטייט, אַז ער וויל נאָר מאַסקירען זיינע אימפעריאַליסטישע פּלענער. עס איז אויך איבעריג צו באווייזען, אַז עס איז ניטאָ קיין קערענדעל אמת אין זיין באַשולדיגונג, דאָס אידען זיינען די טרעגער פונם קאָמוניזם. עס איז דאָך אַ פאַקט, דאָס די הויפּט פירער און באַגרינדער פון באָלשעוויזם — סטאַלין, לענין, זיינען ניט קיין אידען. עס איז אַן אומזין אויסצוטראַכטען אויף אידען, אַז זיי פירען דעם קאַמף אין שפּאַניע, וואו אין פאַרלויף פון עטליכע יאָהרהונדערטער זיינען קיין אידען גאָר ניט געווען.

מען מוז אָבער צוגעבען, אַז אויפן געביט פון אויסלענדישער פּאָליטיק האָט היטלער זעהר פיל דערגרייכט. די רעגירונגען פון דעם אַזוי גערופענעם „דעמאָקראַטישען פראָנט" אין איירָאָפּע, ווייזען אַרויס אַ טענדענץ פון נאָכגעביגקייט צו דער היטלעריסטישער פּאָליטיק. זיי ווייזען טאַקע צוריק זיינע „אידעאַליסטישע" מלחמה צילען און מאַכען לפנים צונישט די גאַנצע אידעע פון מלחמה צווישען וועלט אַנשויאונגען. אָבער טיף אין הארצען ציטערען זיי אַלע פאַר . . . דער וועלט־אַנשויאונג פון זייער גרויסען רוסישען וואָפען ברודער, מער נאָך ווי פאַר היטלער'ס טעריטאָריעלע מלחמה צילען.

אָט דער אינערליכער דואַליזם, דער גראַנגעל צווישען געגענזייטליכע אינטערעסען ביים איירָאָפּייאישען קאַפּיטאַליזם, באַווייזט זיך באַשיינפּערליך אין דער פאַסיוויקייט, און אין די וואַקלענישען פון די איירָאָפּייאישע מלוכות לגבי די אָפטע פּראָוואָקאַציעס פונם מיליטערישן און עקאָנאָמיש פיל שוואַכערע: פאַשיסטישען פראָנט, וועלכער גרייט זיך צו רייסען שטיקער פון אַלע לענדער.

היטלער לאָזט ניט דורך די דאָזיגע געלעגענהייט, ער נוצט זי אויס פאַר זיינע אינטערעסען. די צושפּליטערטקייט און ניט אַנטשלאָסענקייט פון דעם דעמאָקראַטישען לאַגער, האָט אים געגעבען גענוג מוט און שטאַלץ צו פאָדערען קאָלאָניעס און אַנערקענונג ביי די דעמאָקראַטישע לענדער. די דעמאָקראַטישע לענדער, מיט ענגלאַנד בראש, וואָלטען אים אפשר נאָכגעגעבען זיינע פאָדערונגען, פאַר דער פּרייז פון זיין צוריקקער אין דער פעלקער ליגע. דאָס וואָלט זיכער געשעהן, ווען ניט פראַנקרייך און דער סאָוועטען פאַרבאַנד, וואָס דערלאָזען ניט דערצו.

היטלער'ס דיפּלאָמאַטען אַרבייטען אינטענסיוו אין צענטראַל איירָאָפּע, אין די באַלטישע לענדער, אויף דעם באַלקאַן, אין אַמעריקאַ, און איבעראַל, צו געווינען סימפּאַטיע פאַר זייערע שטרעבונגען און אַספּיראַציעס. אין עסטרייך שטאַרקט זיך היטלער'ס אַקציע פון טאָג צו טאָג. איטאַליע שטיצט אים דאָ און דאָרטען, צוליב דער פאַרבינדונג פון די צוויי פאַשיסטישע לענדער. אויך די אָריענטאַציע פון די באַלקאַנישע לענדער, ענדערט זיך צו גונסטען היטלער'ס העגעמאָניע. פון דאַנציג איז דאָך אָפּגערעדט — זי איז דאָך אינגאַנצען אונטערוואָרפען בערלין.

אין דייטשלאַנד גופא גרייט זיך היטלער פאַר דער קומענדיגער מלחמה. ער באַזאָרגט זיך מיט גרויסע סומען געלט און מיט אַלע נויטיגע מכשירים. דעריבער הערשט איצט אין דייטשלאַנד אַזאַ שרעקליכע עקספּלואַטאַציע פון די אַרבייטענדיגע פאָלקס מאַסען: מען אַרבייט לאַנגע שטונדען און מען באַקומט דעם מיני־

מאַלסטען ארבייטס לוין. מען האָט ארויפגעצוואונגען אויפן דייטשען פאָלק א פארקלענערטען פארברויך פון אַלע שפייז פראָדוקטען, וואָס ווערען אימפּאָרטירט פון אויסלאַנד, כדי צו פארקלענערען דעם אָפּפלוס פון גאָלד, מען שפייזט דאָס דייטשע פאָלק מיט נאַציסטישער ליטעראַטור. אנשטאָט פוטער און אייער גיט מען זיי די פאר׳סמ׳טע נאַציסטישע תורה. מען גיט — ווי רודאָלף העס, דעם פירער׳ס רעכטע האַנט האָט געזאָגט — „הארמאטען אנשטאט פוטער!״ דאָס דריטע רייך גרייט צו די שטאַרקסטע ארמיי אין דער וועלט. דאָס גאַנצע פאָלק איז מיליטאַריזירט. די שול, די ראַדיאָ, די קינאָס, די טעאַטערס — אַלץ איז געשטעלט געוואָרען אין דינסט פון מיליטאַריזם. די פיבערהאַפטע מלחמה צוגרייטונגען גרייכען איבער אַלע פאָרשטעלונגען און קאָסטען אָפּ מיליאַרדען מארק, וואָס ווערען געדעקט פון אויסלענדישע הלואות.

און ניט נאָר די פאַשיסטישע מלוכות זיינען אזוי קריגעריש געשטימט. אויך די דעמאָקראַטישע לענדער זיינען ניט אַזעלכע פאַציפיסטען ווי מיר מיינען. אין לאַגער פון די דעמאָקראַטישע לענדער איז פארשוואונדען די אילוזיע פון „אָפּהיטען דעם פרידען אום יעדען פרייז״. אויך דאָרטען ספּעקולירט מען מיטן געדאַנק פון מלחמה, און מען טראַכט ווי אַזוי צו פארקירעווען דעם קריג, אַזוי אַז ער זאָל ברענגען פראָפיטען.

די דאָזיגע מלוכות שרעקען זיך אָבער ניט אזוי פארן אָנהויב פון דער מלחמה ווי פארן סוף, וואָס קאָן זיך ענדיגען מיט סאָציאַלע רעוואָלוציעס. זיי ווייסען, אַז אין צייט פון אַ וועלט קאַטאַסטראָפע וועלען ניט וועלט אַנשויאונגען אַנטשיידען איבער דער פראַגע, ווער מיט וועמען עס וועט זיך שלאָגען; דאַן וועלען גובר זיין ביי די אייראָפּייאישע מלוכות די נאָהענטערע אינטערעסען איבער די ווייטערע ד. ה. די באַדראָטע עקאָנאָמישע און טעריטאָריעלע אינטערעסען. די פאַרטיידיגונג פון דער נאַציאָנאַלער טעריטאָריע וועט גובר זיין זייערע טיף איינגעוואָרצעלטע, אָבער פאָרט נאָך ווייטערע שותפות־אינטערעסען מיטן קעמפערישען פאַשיזם.

מלוכות מיט אַ הויכער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג וועלען אַלזאָ, געצוואונגען זיין צו קעמפען אויף דער זייט פון אַ באָלשעוויסטישער מלוכה אין דער גרעסטער און בלוטיגסטער מלחמה, וואָס די מענשהייט וועט דורכמאַכען. אַזוי אַז רעוואָלוציע שטעהט באַלד אויפן וועג פון מלחמה, וואָס שטעלט אין קאָן די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג. די עקזיסטענץ פוןביידע עקסטרעמע מלוכה רעזשימען די פאַשיסטישע און באָלשעוויסטישע וועלען מוזען אויסאיבען בשעת אַ מלחמה אָדער באַלד נאָך אַ מלחמה אַ מאַגנעטישע צוציהונגס קראַפט אויף ביידע געגענזעצליכע קלאַסען אין יעדען לאַנד באַזונדער. די קאַפּיטאַליסטען וועלען זיך אָנכאַפּען אין פאַשיזם און דער פּראָלעטאַריאַט — אין באָלשעוויזם.

נישט אומזיסט שרעקען זיך געוויסע קאַפּיטאַליסטישע מלוכה לייט ווייניגער פאר היטלער׳ס טעריטאָריעלע מלחמה צילען, ווי פאַר זייער איינענעם מיליטערישען נצחון אין דער קומענדיגער וועלט מלחמה, וועלכער וועט דאָך זיין אין דער זעלבער צייט רוסלאַנד׳ס נצחון, וואָס זאָל מיינען דער נצחון פון באָלשעוויזם אָדער סאָציאַליזם, אין זייערע לענדער.

און זאָל דאָ אויך געזאָגט ווערן, אז היטלער׳ס גערעדט פון א מלחמה צווישן וועלט אנשויאונגען, איז נאָר היינט אן אבסורד. אָבער באלד נאָכדעם ווי עס וועט זיך פארענדיגען די מלחמה פון וועלכער מען רעדט אזויפיל, וועט באלד אויפ־פלאַקערן „די מלחמה צווישען וועלט אנשויאונגען״. דאָס וועט זיין א מלחמה וואָס וועט ברייגנען די אנטשיידונג צווישען פאשיזם און סאָציאַליזם אין איראָפּע. די פאָלקס מאסען וועלען ניט וואַרטען ביז זייערע רעגירונגס־פירער וועלין זיי געבען די הסכמה, נאָר וועלען אליין אנטשיידען ארויס אין אָן אָפענעם קלאסען־קאַמף. די בורזשואזיע, אָדער זי וועט ווערען פאשיסטיש, און פראָקלאַמירען איר דיקטאַטור איבערן פּראָלעטאַריאַט, כדי צו ראַטעווען איהר קאַפּיטאַליסטישע ממשלה; אָדער זי וועט זיך אונטערוואַרפען דער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפט, וועלכע וועט פארכאַפּען די מאַכט און אויפבויען א סאָציאַליסטישע פאראייניגטע איירָאָפּע.

* * *

האָבען מיר ביז איצט געזעהען די סיבות פון מלחמה אין סאָציאַלען און נאַציאָנאַלען אויפריים־פּולווער אין וועלכען די וועלט געפינט זיך. מיר האָבען געזעהען ווי דער אגרעסיווער פאשיזם, רעגט די מענשהייט צו קריג. מיר האָבען אויך געזעהען ווי סאָציאַלע קריזיסען פירען צו מלחמה. מיר האָבען אָבער נאָך אַלץ ניט באַריהרט די פראגע פון רוי־שטאָף געביטען און אָפּזאַץ־מערק, וואָס שטעהט אויפן טאָג־אָרדנונג פון דער וועלט פּאָליטיק און וואָס איז פון תמיד־אָן דער טרייב מאָטיוו פון מלחמות.

דער וועלט קאַפּיטאַל, האָט דורכגעמאַכט זיבען קריטישע יאָהרען, וועלכע האָבען אים אָנגעהויבען שטיקען אין יאָהר 1929, נאָך א קורצען פּעריאָד פון אויפלעבונג און פּראָספּעריטי, אין פארשיידענע טיילען פון דער וועלט.

דאָס יאָהר 1936 איז געוועזן דאָס ערשטע, וואָס האָט אָנגעהויבען באווייזען סמנים פון ווידער אויפלעבונג אין דער וועלט פּראָדוקציע. קאַפּיטאַליסטישע עקאָ־נאָמיסטען זיינען באלד ארויסגעקומען מיט אָפּטימיסטישע האָפנונגען, אז אָט־אָט קומט אָן די ישועה און די וועלט ווערט אויסגעלייזט פון קריזיס.

באַקענט מען זיך אָבער טיפער מיט דער קאָניוקטור פון אַלע צווייגען פון פּראָדוקציע און האנדעל, ווייזט זיך גאָר ארויס, אז אין דער צייט ווען די פּראָ־דוקציע איז געשטיגען העכער און העכער, איז נאָך אַלץ דער וועלט מסחר געבליבען הינטערשטעליג מיט צוויי דריטעל אין פארגלייך מיטן יאָר 1929.

דאָס אנטפּלעקט אויפן שאַרפסטען אופן דעם כאַראַקטער פון דער פּראָדוקציע: ס׳האָט זיך געשאַפען א קאָניוקטור נישט פון נאָרמאַלע געברויכס אַרטיקלען נאָר פון מלחמה געצייג. מען האָט פאַבריצירט פארשיידענע קריגס מאַטעריאַלען. מען האָט טאַקע פאַבריצירט קאַנאָנען, מיט קאַנאָנען האנדעלט מען אָבער נישט אין פּריוואַטען מסחר; מען זאַמעלט זיי פארן טאָג, וואָס וועט קומען . . . קען מען ניט זאָגען, אז די פּראָדוקציע פון געברויכס אַרטיקלען האָט זיך ניט גערירט פון

ארט, קיין שום צווייג פון מענשלאכער פראדוקציע איז ניט אפגעגרעניצט פאר זיך. די פאבריקאציע פון וואפען האט ארויסגערופען א פארשטארקטע פראדוקציע פון קוילען, שטאל, האלץ א. א.וו. און די גרויסע סומען, וואס זענען אויסגעגעבען געווארען אויפן מארק אין דער פארם פון ארבייטס לוין, האבען אויך געגעבען נייע אימפולסען דער פראדוקציע פון געברויכס ארטיקלען. אבער טראץ דעם אלעמען בלייבט די וואפען־פאבריקאציע פארט אן אומפראדוקטיווע פראדוקציע: וואס מעהר זי „בליהט" אלץ מעהר באלעסטיגט זי די פאלקס ווירטשאפט, רואי־נירט איר נאך איידער עס קומט דער אויפרייס, אויף וועלכען עס קוקען אויס די קריגערישע עלעמענטען פון אלע לענדער.

מלחמה קאניוקטור — אט דאס איז געווען די „בעסערונג" צו וועלכער די קאפיטאליסטישע ווירטשאפט איז דערגאנגען נאך זיבען קריזיס יאהרען. און פונקט ווי ערב דער מלחמה פון 1914־1918 האבען די קאפיטאליסטען און מילי־טאריסטען געוואלט ראטעווען זייער קאפיטאל דורך מלחמה און ערָאבערונג פון נייע קאלאניעס, אזוי אויך איצטער רעכענען זיי צו ראטעווען זיך דורך צושניידען די פאליטישע קארטע פון דער וועלט, צו ליקווידירען מיט פייער און שווערד די גרעניצען וואס זיינען געשאפען געווארען אין פייער פון דער לעצטער וועלט־מלחמה.

די אימפעריאליסטישע שטרעבונגען פון אונזער צייט זיינען פאר קיינעם ניט קיין סוד. די וויכטיגסטע צווישען זיי: דייטשאלנד — וויל פארכאפען מיטעל אייראפע און פארשפרייטען איהר השפעה אויפן אייראפייאישען מזרח איבער או־קראינע און אויך צוריקצובאקומען איהרע אמאליגע קאלאניעס; איטאליע — וויל פארכאפען אלע לענדער ארום דעם מיטעללענדישען ים, און זיי אינגאנצען באהערשען, כדי אויפצובויען די אמאליגע רוימישע אימפעריע; יאפאן — וויל איינשלינגען דעם גאנצען אזיאטישען קאנטינענט, איבערהויפט כינע, מזרח־סביר און די ארומיגע אינזלען.

יאפאן האט ביי איר אנעקסירען מאנדזשוריע אין 1931 ארויסגעוויזען איהרע רויבערישע אפעטיטען און איר מוט צו ריזיקירען מיט א דועל מיט די יעניגע, וועלכע ווילען איר שטיין אין וועג און שטערען אין איר דעראבערונג פון מזרח.

יאפאן ארבייט מעטאדיש זינט פילע יאהרען דורכצופיהרען דעם דאזיגען פלאן. זי גרייט זיך צו דעם סטראטעגיש, טעכניש און עקאנאמיש. זי האט אויפ־געבויט ריזיגע קאזארמעס, וואונדערבארע אייזענבאנען, באפעסטיגט און גע־שטארקט די סטראטעגישע פונקטען, געבויט ריזיגע טאנקען און זיך איינגעשאפען די קאלאסאלע עראדראמען — בכדי צו זיין באפעסטיגט גענגען יעדען שטערער פון אירע פלענער.

פארוואס ווילען די לענדער מלחמה?

ווייל דורך א מלחמה רעכענען זיי צו עראבערען נייע קאלאניעס, נייע פלעצער מיט נאטירליכע אוצרות. דורך מלחמה מיינען זיי צו עראבערען אפזאץ־מערק און רוי־שטאפען — צו געפינען אן אויסוועג צו זייערע קריזיסען.

רוי־שטאָפּען און אָפּזאַץ־מערק — דאַרף מען וויסען — זיינען די נויטיגסטע זאַכען פאר דער אינדוסטריעלער אנטוויקלונג. אָן רוי־שטאָפּען קאָן די אינדוסטריע נישט ארבייטען, אָן פרייע אָפּזאַץ־מערק האָט זי נישט פאר וועמען צו ארבייטען. די פּראָדוצענטען פון בײדע צווייגען פון מענשליכער ארבייט, טוישען אוים צווישען זיך זייערע אויסארבייטונגען. די קאפּיטאַליסטישע ווירטשאפט קאָן נאָר דאַן גוט ארבייטען, ווען די אינדוסטריעלע און די רוי־שטאָף פּראָדוקציע געפינט זיך אין אַ נאָרמאַלער פּראָפּאָרציע, אזוי שנעל ווי איינס הערט אויף צו ארבייטען נאָרמאַל, אזוי שנעל ווי עס זיינען דאָ מער אינדוסטריע פּראָדוקטען ווי דער מארק קאָן אויפנעמען, אָדער עס איז דאָ ווייניגער רוי־שטאָפּען ווי דאָס לאַנד פּארברויכט, דאַן שאפט זיך אַ קריזיס אין לאַנד.

דאָס ערשטע לאַנד, וואָס אַלאַרמירט מערסטענס וועגען רוי־שטאָפּען, איז דייטשלאַנד. די דייטשע אינדוסטריאַליסטען האַלטען אין איין שרייען, אז זיי פעהלט אוים שטאָל, אייזען, אויל און אַנדערע נויטיגע זאַכען, פון וועלכע מען מאַכט קאַנאָנען. די פאָלקס־מאסען פון דייטשלאַנד שרייען, אז זיי האָבען ניט גענוג ברויט צום עסען, גענוג פוטער, מילך, און אייער פאר זייערע קינדער.

קויפען אין אויסלאַנד! יאָ! אַלע לענדער, וועלכע זיינען רייך אין רויע פּראָ־דוקטען ווילען פארקויפען. זיי ווילען אָבער אַ פּרייז! זיי ווילען באַצאָהלט פאר די קאָסטען פון עקספּאָרט, און פארוואָס ניט פּראָפּיטירען פון דעם לאַנד, וואָס ליידט פון מאַנגעל אין די פּראָדוקטען? די לענדער, וועלכע נויטיגען זיך אין די רוי שטאָפּען און אין די פּראָדוקטען ווילען דאָס אָבער באַקומען ביליג, פאר דער פּרייז וואָס אין די שפּע'דיגע לענדער, מען דאַרף דאָך אויך וויסען, אַז די קאַפּיטאַליס־טישע געזעלשאַפט טראַכט נאָר ווי אַזוי צו באַקומען וואָס ביליגער די רוי־פּראָדוקטען, כדי צו מאַכען גרעסערע פּראָפּיטען. דעריבער ווערען ערפינדען פארשיידענע מאַשינען, כדי איבערצובויען און פאַרגרעסערען די פאַבריקען און ארויסצוקריגן וואָס מער ארבייט פאר ווייניגער געלט. ביליגער רוי־שטאָף און ביליגע ארבייטס־הענט און מאַשינען — זיינען די וויכטיגסטע פונדאַמענטען פון קאַפּיטאַל און דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. וועגען דעם איז ניט נויטיג קיין חקירות דאָס צו באַווייזען. קאַרל מאַרקס אין זיין ריזיג ווערק דאָס „קאַפּיטאַל" האָט גרינדלעך און מיט פאַקטען באַוויזען די ריכטיגקייט פון אָט דעם געדאַנק.

דער עקאָנאָמישער ווערט פון אַ פּראָדוקט ווערט באַשטימט דורך דער דורכ־שניטלאַכער ארבייטס צייט, וואָס איז נויטיג אים צו באַשאַפען. ארום דעם ווערט־פּונקט באַוועגט זיך דער פּרייז: שטייגט ער אַריבער דעם ווערט, הייסט דאָס, אַז דער פּראָדוקט איז טייער, פאַלט ער אַרונטער אונטער'ן ווערט, איז דער פּראָדוקט ביליג. די רוי־שטאָפּען איז אָבער באַשערט אַ באַזונדערען גורל אויפן קאַפּיטאַ־ליסטישען מאַרק.

אַ פּראָדוקט פון מענשלאַכער ארבייט געהט דורך פיל הענט ביז ער דערגרייכט צום קאָנסומענט, וואָס נויטיגט זיך אין איהם. פון דעם מאָמענט אָן ווען דער רויער שטאָף ווערט אָפּגעריסען פון דער נאַטור, הויבט ער אָן דורכמאַכען אַ דאָפּעלטען

פראַצעס: א פּראָצעס פון אינדוסטריעלער אויסאַרבייטונג און א צירקולאַציע פּראָ־צעס אויפן סחורות־מאַרק. דער רויער שטאָף וואַנדערט פון פאַבריק צו פאַבריק און פון סוחר צו סוחר און וואָס מער פאָלקאָמענער ער ווערט אלץ טייערער ווערט ער. בשעת דער צירקולאַציע אויפן מאַרק, שטייגט דער פּרייז אלץ העכער, ווייל יעדער סוחר פארקויפט אלץ פאר א העכערען פּרייז ווי ער האָט געקויפט. בשעת דער וואַנדערונג פון דעם פּראָדוקט דורך פאַבריקען שטייגט זיין ווערט, ווייל יעדע פאַבריק גיט צו דעם פּראָדוקט נייעם ווערט דורך פרישער ארבייט. יעדער איינער וואָס קומט אין באַרירונג מיט דעם וואַנדערענדיגען ארטיקעל וויל און מוז פון איהם פּראָפיטירען. ווען נישט וואָלט איהם נישט געלוינט די גאַנצע טרחה. עס איז נאָר דאָ איינער וואָס פארדינט ניט, דאָס איז דער קאָנסומענט — דער לעצטער וואָס באַקומט די סחורה אין די הענט אַריין.

אזוי ווי אלע, אויסער דער קאָנסומענט, פּראָפיטירען — ווער זשע דערלייגט עס, אז עס זאָל קלעקען אויף די אלע פּראָפיטען? אין ערשטען מאָמענט וואָלט זיך געדאַכט אז דאָס איז נאָר דער לוין־ארבייטער, וועלכער באַקומט פונם קאַפּיטאַליסט בלויז אזויפיל באַצאָהלט, ווי עס איז נויטיג, כדי צו רעפּראָדוצירען זיין ארבייטס קראַפט, בשעת עס בלייבט ניט באַצאָהלט א חלק פון זיין פאַקטישער ארבייט. דאָס איז דירעקטע מענשליכע עקספּלואַטאַציע. פאַראַן נאָך אַן אונדירעקטע עקס־פּלואַטאַציע — דער רוי שטאָף פּראָדוצענט. דער אינדוסטריאַליסט, ביים קויפען דעם רוי־שטאָף, ווערט א סוחר, און אלס אזעלכער, פּראָפיטירט ער, ניט נאָר פונם מער ווערט, וואָס דער פּראָדוקט באַקומט דורך זיין אייגענער אויסאַרבייטונג, נאָר אויך פון דעם אַרויפשטייג פון דעם פּראָדוקט, דורך דעם פריהערדיגען אינדוס־טריאַליסט. אין אַנדערע ווערטער: יעדער קאַפּיטאַליסט פאַרדינט דורך דער די־רעקטער עקספּלואַטאַציע פון די אייגענע ארבייטער און דורך אַן אונדירעקטער עקספּלואַטאַציע פון פרעמדע ארבייטער.

וואָס איז אָבער מיטן ערשטען אויסאַרבייטער פון א פּראָדוקט, מיטן רוי־שטאָף פּראָדוצענט? דער ערשטער לייגט אוועק זיין גאַנצע ארבייט אויף דער נאַטור. וויבאַלד ער האָט אָפּגעריסען דעם פּראָדוקט פון דער נאַטור, מוז ער איהם אַריינוואַרפען אין צירקולאַציע־פּראָצעס, אין האַנדעל . . .

ווען דער רוי־שטאָף פּראָדוצענט איז אליין א קאַפּיטאַליסט, א באַזיצער פון מינעס, גיטער, א.ד.גל. קומט נישט פאַר קיין באַזונדערע נייעס: ער גיט אוועק א חלק פון זיין מער־ווערט דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליסט, וועלכער פאַרדינט דורך דער דירעקטער עקספּלואַטאַציע פון זיינע אייגענע ארבייטער און דורך דער דער אונדירעקטער עקספּלואַטאַציע פון די ארבייטער וואָס זיינען פאַרנומען אין דער רוי־שטאָף פּראָדוקציע. דער רוי־שטאָף קאַפּיטאַליסט איז א רינגעלע אין דער קייט פון די אלע קאַפּיטאַליסטען, וואָס דורך זייערע הענט געהט דער פּראָדוקט אויף זיין פאַראַרבייטונגס וועג ביז צו דער פּולקאָמענהייט, און ער טיילט זיך מיטן מעהר־ווערט מיט אלע צוגלייך. נאָך מעהר, ער איז „געצוואונגען" אויסצופּרעסען

א גרעסערע פּאָרציע מעהר ווערט פון זיינע ארבייטער דורך דירעקטער עקספּלו־אַטאַציע בשעת יעדער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליסט נוצט אויס די אונדירעקטע עקספּלואַטאַציע פון די פריהערדיגע אינדוסטריאַליסטען. דער רוי־שטאָף פּראָדו־צענט מוז נאָכגעבען; דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליסט נעמט און גיט, ער נעמט ביי פריהערדיגע און גיט אויך אַנדערע. ביידע אָבער דערלייגען נישט צום געשעפט.

* * *

רוי־שטאָף איז אזוי ארום א ספּעציעלער קוואַל פון געווינסען פאר דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע, און ממש א גאָלדענער קוואַל אין קאָלאָניאַלע געביטען, וואו די רויע פּראָדוקטען ווערען געוואונען דורך א פארשטעלטער שקלא־פען־ארבייט.

דער גאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע גיט דעם אינדוסטריע־לען קאַפּיטאַל אויך די מעגליכקייט ארייננוציהען די ארבייטערשאַפט אין א כלומר'שט שותפות'דיגען אינטערעסען קרייז פון דער גאַנצער אינדוסטריע אלס אַזעלכער. די עקספּלואַטאַציע פון די ארבייטער אין דער רוי־שטאָף פּראָדוקציע מאַכט דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל גרינגער די „קרבנות", וואָס ער מוז אָפּטמאָל ברענגען, מאַכענדיג הנחות די טרייד־יוניאָנס פון די אינדוסטריעלע ארבייטער אויפן געביט פון לוין און ארבייטס צייט און זוכט מיט אַלע מיטלען צו דעקען דעם שאָדען דורך א פארגרעסערונג פון דער אונדירעקטער עקספּלואַטאַציע פון די פרעמדע (מערסטענטיילס אָפּגעשטאַנענע, נישט אָרגאַניזירטע) ארבייטער אין דער רוי שטאָף פּראָדוקציע. אזוי קענען די אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטען דערוויי־זען די ארבייטער, אז זיי געניסען אויך פון דעם פעטען ביסען, וואָס דער קאַפּיטאַל קריגט פון די רוי־שטאָף פּראָדוצירענדיגע מאַסען, און דעריבער דאַרפען די פּראָלעטאַרישע מאַסען זיך שטעלען אין דינסט פון די מלחמה אוואַנטיורעס, וואָס האָבען פאר א צוועק צו דעראָבערען אָדער צו דערהאַלטען די אָפּהענגיגקייט פון רוי־שטאָף לענדער, און ספּעציעל דעם באַזיץ פון קאָלאָניעס.

דאָס איז געווען די שפּראַך פון דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל יעדעס מאָל, ווען ער האָט געלאָזט אין גאַנג א נייע מלחמה, און מיט אָט דער ברודערליך־נאַציאָנאַלער שפּראַך צו די אייגענע מאַסען, האָט היטלער אָנגעהויבען דונערען פון דעם ערשטען טאָג אָן ווען ער איז געקומען צו דער מאַכט.

דאָס איינציגע וואָס מען קאָן האָפען און דערווארטען איז, אז דער דייטשער פּראָלעטאַריאַט וועט זיך מעהר נישט לאָזען פארנארען און פארפיהרען פון אזא מין אינטערעסען־שותפות פון דער אינדוסטריעלער ארבייטערשאַפט מיט דעם אינדוסטריע קאַפּיטאַל קעגען דער רוי־שטאָף פּראָדוקציע ארבייטער. זיי וועלען פארשטעהען, אז היטלער'ס קרייץ־צוג קעגען באָלשעוויזם איז ניט מער ווי א קרייץ־צוג צו פאראייביגען שקלאפעריי אין דער רוי־שטאָף פּראָדוקציע אויף דער גאַנצער וועלט.

אויב היטלער געוואלדעוועט וועגען רוי־שטאָפען, מיינט דאָס, ביי די היינטיגע באַדינגונגען, נישט סתם אזוי א נויטוועגדיגקייט פון דער דייטשער אינדוסטריע אין דער אומדירעקטער עקספּלואַטאַציע פון רוי־שטאָף ארבייט, נאָר עס מיינט, אז דער דאָזיגער צווייטער עלעמענט פון פּראָפיט — די רוי־שטאָף ארבייט, וואָלט געמוזט אראָפּנידערען ממש אויף דער מדרגה פון שקלאַפען ארבייט, אין דינסט פון דער דייטשער אינדוסטריע, אין דינסט פון דייטשען גרויס קאַפּיטאַל.

דער פּראָלעטאַריאַט איז גענוג באַוואוסטזיניג צו וויסען, אַז דער הויפּט־אומגליק פון אינדוסטריעלע קריזיסען נעמט זיך פון דער אומנאָרמאַלקייט וואָס עס טראָגט די היינטיגע אינדוסטריעלע קאָניוקטור אין דייטשלאַנד, און אגב, אין גאַנץ אייראָפּע. דאָס איז דערפאַר ווייל די אינדוסטריע טראָגט א כאַראַקטער פון מלחמה אינדוסטריע! וואָלטען די רוי־שטאָפען פאַרארבייט געוואָרען אויף מענשליכע געברויכס ארטיקלען, דאַן וואָלטען זיי אויפן מארק געקומען אין אויסטויש־באַציהונגען מיט די ארטיקלען פון דער רוי־שטאָף פּראָדוקציע און צווישען ביידע צווייגען פון מענשלאַכער ארבייט, וואָלט זיך געקענט איינשטעלען א נאָרמאַלע פּראָפּאָרציע, אויף ווי ווייט און אויף ווי לאַנג דאָס איז מעגליך, אונטער דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַל. אויב די אייראָפּייאישע אינדוסטריע ארבייט אָבער מיט פולער פּאַרע פאַר מלחמה־באַדערפעניששען, קאָן זי דער רוי־שטאָף פּראָדוקציע נישט געבען קיין אויסטויש פון געברויכס ווערט, אזוי אז זי פירט צו מלחמה און צו פאַרשקלאַפונג.

און נאָך א פראַגע קאָן מען שטעלען די פאַשיסטישע מלוכות, וועלכע זוכען צו פאַרשקלאַפען א שטיק וועלט, כדי צו געווינען ניי לעבען דורך פרישע רוי־שטאָף קוואַלען: און מיט דעם צווייטען לעבענס עלעמענט פון קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, מיט אָפּזאַץ מערק פאר די סחורות פון זייערע אינדוסטריעס זיינען זיי שוין פאַרזאָרגט? די אומגעלומפּערטע ווירטשאַפטליכע אנטוויקלונג האָט דאָך גרום געוועגן אויך די באַגרעניצטע אָפּזאַץ מעגליכקייטען פאַר דער אינדוסטריע. עס איז דאָך איצט ניטאָ קיין אָפּזאַץ מערק, טאָ צו וואָס זיינען עס נויטיג די קאָלאָסאַלע ארבייטס מעגליכקייטען, די רוי־שטאָף פּראָדוקציע?

אמת, קיינער וועט נישט לייקענען, אז אגראַרישע אָדער אפילו האַלב־אגראַרישע לענדער, וואָלטען נאָך געקענט צופירען פרישען מאַרך, פרישען בלוט און לעבען די גרויסע אינדוסטריעלע מלוכות, וואָס שטיקען זיך אין רחקות פון רויע שטאָפען און אָפּזאַץ־מערק, ווען עס וואָלט זיך נאָר איינגעגעבען „איין קליינינקייט” צו פאַרניכטען זייער זעלבסטשטענדיגקייט און זיי צו פאַרוואַנדלען אין פּראָווינציעלע „הינטערלענדער” פון די גרויסע מלוכות. אָבער לאַנג וואָלט די דאָזיגע ישועה אויך ניט אָנגעהאַלטען.

נייע אגראַרישע באַפעלקערונגס געביטען, וואָלטען דעם צווייטען טאָג נאָכן זיג, געבראַכט נייע פּאַרלעגענהייטען דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה, געשטעלט זי פאַר א פאַטאַלער דילעמע: אָדער עקספּלואַטירען די נייע באַפעלקע־

רונגס־מאסען אויפן ברוטאלסטען אופן, אזוי ווי א זיגרייכער שונא פון א פרעמדען לאנד, אוועקנעהמען ביי זיי די רויהע שטאפען, צאלען קליינע לוינען זייערע קולטורעל־צוריקגעשטאנענע ארבייטער, אויספרעסען ביי זיי שווערע שטייערען א. א.וו. דאס וואלט געבראכט דערצו, אז די באפעלקערונג פון אט די דעראבערטע געביטען זאלען פארלירען זייער קאנסום־כח, און די דעראבערטע פראווינצען וואלטען פארלוירען זייער ווערט אלס אפזאץ־מערק; אדער — די זיגער פועל'ן ביי זיך צו באהאנדלען מענשליך די ניי־געוואונענע געביטען, דאן זיינען זיי פאר דער ווירטשאפט פון דער זיגער־מלוכה אין א קאפיטאליסטישען זין, זעהר א פראבלעמאטישער געווינס.

עס איז אויך באוויזען געווארען מיט סטאטיסטישע פאקטען, אז אגרארישע הינטער לענדער זיינען גאר ניט אזעלכע גוטע אפזאץ־מערק, ווי מען האט ביז איצט געגלויבט. אין צייט פון פראספעריטי איז באוויזען געווארען, האבען אינדוסטריעלע לענדער (ווי למשל דייטשלאנד) עקספארטירט אין אגראר לענדער סחורות אין באטרעף פון 66 מארק פער קאפ פון דער באפעלקערונג; פארקערט — אין אינדוסטריע לענדער האט דער עקספארט סחורות באטראפען 105 מארק פער קאפ פון דער באפעלקערונג.

נישט געקוקט דערויף, וואס אין די אגרארישע לענדער ווערען אויסגעארבייט ווייניג אינדוסטריעלע ארטיקלען, האט יעדער באוואוינער פון די דאזיגע לענדער געקויפט מיט קנאפע 30 פראצענט ווייניגער אויסלענדישע אינדוסטריע ארטיקלען, ווי יעדער באוואוינער פון די אינדוסטריע לענדער. ווען מען נעמט נאך אין אכט דעם גרויסען חלוק אין דער אינדוסטריעלער פראדוקציע צווישען דיביידע סארטען לענדער, קען מען זאגען, אז די באוואוינער פון אגרארישע לענדער פארברויכען נישט א העלפט אינדוסטריעלע פראדוקטען ווי די באוואוינער פון די אינדוסטריעלע לענדער.

דאס ווייזט, אז די באפעלקערונג פון אפגעשטאנענע לענדער האט ווייניגער קולטורעלע באדערפענישען און דער הויפט פראדוקט פון דער קאפיטאליסטישער אינדוסטריע איז דאך באשטימט אויף צו באפרידיגען קולטורעלע באדערפענישען פון די מענשען, נישט בלויז די נאטירליכע באדערפענישען זייערע, וועלכע ווערען באפרידיגט אויסשליסליך פון דער לאנדווירטשאפט. עס איז דאך קלאר, אז מענשען וואס לעבען אין פרימיטיווע באדינגונגען, וואס דערנערען זיך פון אליין אויסגעארבייטע לעבענס מיטלען, וואס טראגען אפילו מלבושים פון אייגענער הויזארבייט זיינען קנאפע קונים פון טעקסטיל סחורות, ראדיא, טעלעפאן, אויטאמאבילען, א.ד.גל.

די „ענגשאפט" ביי פאלקרייכע נאציעס, וואס איז גורם צו קריזיסען, איז נישט מעהר ווי א ביליגער תירוץ פון די אימפעריאליסטישע פאליטיקער, פאר מלחמה אוואנטורעס. יאפאן האט תמיד באגרינדעט איהר „רעכט" אויף קאלאניאלער אויסשפרייטונג דערמיט, וואס איהר גרויסע באפעלקערונג האט נישט גענוג ארט אויף די יאפאנישע אינזלען, פונדעסטוועגען האט יאפאן ביז צום

הײנטיגען טאָג נישט באַוויזען צו קאָלאָניזירען קיין גרויסע באַפעלקערונגס־מאַסען אין דער גרויסער, אַזוי שיטער באַוואוינטער מאַנטשוקאָ מדינה. אַזוי איז אויך מיט איטאַליע, וועלכע פאַרמאָגט קאָלאָניעס אין טריפּאָלי, האָט ערשט איינגע־שלונגען אַביסיניע, און דאָך שרייט זי, אַז עס איז איר ענג. וואָס שייך דייטש־לאַנד, האָט דאָס רייך קיינמאָל נישט קיין נחת געהאַט פון זיינע קאָלאָניעס.

אַלזאָ ניט קאָלאָניאַלע דעראָבערונג, נישט ביליגע רויע שטאָפען קאָנען ראַטעווען די וועלט, אָדער דעם קאַפּיטאַל. לייזען די שווערע פּראָבלעמען הײנט צו טאָג קאָן מען נאָר דורך שאַפען אַפּזאַץ מערק, צו זעהען אַז דער צירקולאַציע פּראָצעס זאָל געהען האַנט אין האַנט מיט דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס. דאָס קאָן געטאָן ווערען דורך ראַדיקאַלע ענדערונגען אין די האַנדעלס באַציהונגען אין זיין פון האַנדעלס־פרייהייט. עס מוז אויפהערען די ווילדע יאָגעניש פון מעכטיגע מלוכות, צו מאָנאָפּאָליזירען דעם מאַרק פאַר זיך און עס מוז נעמען אַ סוף צו די איבערמענשלאַכע אָנשטרענגונגען פון די קליינע מלוכות, זיך צו פאַרשפּאָרען אין ענגער דלת אמות פון נאַציאָנאַלער אויטאַרקיע.

נאָר פּלאַנמעסיגע ווירטשאַפט אין וועלט מאַסשטאַב קאָן אוועקשטעלען די נויטיגע האַרמאָניע צווישען פּראָדוקציע און צירקולאַציע, צווישען אינדוסטריעלער און רוי־שטאָף פּראָדוקציע. נאָר אַן אינטערנאַציאָנאַלע פּלאַן־ווירטשאַפט קאָן שאַפען דעם קאַפּיטאַל אַן אַרויסגאַנג פון דער איצטיגער ענגשאַפט; פאַרלענגערען זיין לעבען (פאַרשטעהט זיך נישט „ראַטעווען" איהם, ווייל דאָס איז נישט מעגלאַך) און אויסמיידען מלחמה. דורך מלחמה קאָן דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס נאָר ניט געווינען און דעריבער דאַרף ער ניט ריזיקירען מיט מלחמה.

מלחמה איז נאָר גוט פאַרן פאַשיזם, פאַר זיינע אָנהענגער, וועלכע זיינען ניט געקומען בויען, נאָר צושטערען אַלץ, וואָס איז געשאַפען געוואָרען אין משך פון דורות.

דער פאַשיזם גרייט צו דאָס נייע בלוט־באָד פאַר דער וועלט!

דער פאַשיזם איז די אידעאָלאָגיע פון דעם קאַפּיטאַליזם, באַשאַפען פון איהם אין אַ מאָמענט פון טיפסטער עקאָנאָמישער דערשיטערונג; אין אַ מאָמענט, ווען די פּאָליטישע ממשלה פונם קאַפּיטאַל איז געווען אין דער העכסטער געפאַהר אין איינציגע לענדער פון אייראָפּע.

די קאַפּיטאַליסטען האָבען זיך ניט גענאַרט. דאָס גייסטיגע קינד זייערס האָט געטאָן זיין חוב, געראַטעוועט זיין באַשעפער פון די שווערסטע נויטען. ער איז

געגאַנגען נאָך ווייטער ווי די קאַפּיטאַליסטען האָבען געפאָדערט: ער האָט מיט טעראָר און מאָרד „פּאַסיפיצירט" די לוין־שקלאַפען און פאַר'שיכור'ט די מוחות פון גאַנצע נאַציעס. ער דאַרשט נאָך בלוט, נאָך מאַכט. ער פאַרמעסט זיך, אונ־טערטעניג צו מאַכען די ווידערשפּעניגע פעלקער.

דער פאַשיזם האָט פאַרכאַפּט די טאָטאַלע הערשאַפט איבער לענדער, אויך איבער דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס, איבער זיין אייגענעם האַר. ער איז געקומען ראַטעווען דעם קאַפּיטאַל, אָבער גלייכצייטיג געגראָבען א קבר פאַר איהם. דורך מלחמה וועט ער אָבער אומברייגגען זיין הערשאַפט, דורך מלחמה וועט ער אליין אומקומען.

4. סאָציאַליזם און אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק.

(די פרידענס פּאָליטיק פון אַלוועלטליכען פּראָלעטאַריאַט)

די פּראָבלעם „אויסלענדישע פּאָליטיק" האָט אַמאָל לגמרי נישט געשפּילט קיין ראָליע אין דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע. דער „אוטאָפּישער" סאָציאַ־ליזם האָט זיך דערמיט ניט פאַרנומען, ווייל ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אן אידע־אַלע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט פאַר דעם גאַנצען ערד קוגעל, פאַר אַלע נאַציעס — פאַר דער גאַנצער מענשהייט. די פּיאָנערען פון סאָציאַליסטישען געדאַנק האָבען כמעט קיין שום אכט ניט געלייגט אויף דער אַנטוויקלונג פון צווישענפעלקערליכע באַציהונגען. זיי האָבען דעריבער ניט געדאַרפט פאָרמולירען קיינע קאָנקרעטע פאָדערונגען פון שלום און „ברידערשאַפט צווישען פעלקער".

די באַגרינדער פון וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם, מארקס און ענגעלס, וועלכע האָבען אַראָפּגעבראַכט דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל פון די הימלען אויף דער ערד אַראָפּ, זיינען געווען די ערשטע, צו פאַרשטעהען די וויכטיגקייט פון דער אויסלענדישער פּאָליטיק, וואָס איז ענג פאַרבונדען מיט פּראָלעטאַרישען קלאַסען־קאַמף. מארקס האָט פאָרמולירט די אַלגעמיינע פאָדערונג, אז די באַצי־הונגען צווישען מלוכות זאָלען רעגולירט ווערען דורך די זעלבע מאָראַלישע און רעכטליכע יסודות ווי די באַציהונגען צווישען יחידים. מארקס האָט אָפיציעל אויפגעפאָדערט דעם אינטערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט צו פאַרנעמען זיך גאַנץ ערנסט מיט די פראַגען פון „צווישענפעלקערליכע באַציהונגען". די פראַנצויזיש־פּרייסישע מלחמה אין 1871 האָט באַשטעטיגט די ריכטיגקייט פון מארקס צוגאַנג צו דער פראַגע. בעבעל און ליבקנעכט האָבען דעמאָלט אין רייכסטאַג געשטימט נעגען קרעדיטען, און דאָס איז געווען די ערשטע אָפענע אַקציע פון א סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי, אויפן געביט פון אויסלענדישער פּאָליטיק.

מארקס' און ענגעלס' ווענדונג בנוגע דער אויסלאַנד פּאָליטיק האָט אָבער דעמאָלט נאָך ניט ווי געהעריג בעאיינפלוסט די ערשטע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען

אין איירָאפּע. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל נאָך דעם קריג פון 1871 איז אין איירָאפּע א לענגערע צייט געווען רוהיג, אזוי אז עס איז נישט געווען אקטועל די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק, מען זאָל זיך מיט איהר אָפיציעל אָפּגעבען. ערשט אין די אכציגער יאָהרען האָט זיך געמערקט אן אויפשוואונג פון דער ארבייטער באוועגונג אין איירָאפּע, וואָס האָט ניט אויפגעהערט ביזן אָנהויב פונם וועלט־קריג. פאַר דער דאָזיגער צייט זיינען אויסגעוואקסען די מאָדערנע סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען, וואָס זיינען אין 1889 פאַראייניגט געוואָרען אין צווייטען אינטערנאַציאָנאַל.

צוזאַמען מיטן וואוקס פון די פּאַרטייען און דער איינשטעלונג פון סאָציאַ־ליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, האָט די פראַגע פון אויסלענדישער פּאָליטיק אָנגע־הויבען פאַרנעמען א וויכטיג אָרט אינם לעבען פון דער איירָאָפּיאישער ארבייטער באוועגונג. די אנטשטעהונג פון סאָציאַליסטישע פראַקציעס, כמעט אין אַלע איי־ראָפּיאישע פּאַרלאַמענטען, האָט געוועקט דעם אינטערעס צו אַלע פראַגען פון אויסלענדישער פּאָליטיק. די טעטיגקייט האָט זיך אויסגעדריקט אין כסדר'דיגען אויפדעקען די געפאַהרען פון אימפּעריאַליזם און מיליטאַריזם. זי האָט געטראָגען אַן אגיטאַציע כאַראַקטער. אָבער מיט דער צייט איז אַנטשטאַנען א ריינע פּלאַנירטע ארבייטער פּראָגראַם פאַר דער אויסלענדישער פּאָליטיק.

דער באַזעלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין יאָהר 1912 (צוויי יאָהר פאַרן קריג) האָט פאָרמירט די ליניע פון קאַמף פאַר איינהאַלטען דעם פרידען, און די מיטלען ווי אזוי צו ליקווידירען דעם קריג, אין פאַל ער וועט אויסברעכען. דאָס אַלץ איז אָבער געבליבען אויף'ן פּאַפּיר, צו קיין ווירקליכקייט איז עס ניט געקומען.

דער וועלט־קריג האָט געפיהרט צו דער פאַנאַנדערפאַלונג פון צווייטען אינ־טערנאַציאָנאַל, וועלכער האָט ניט אויסגעהאַלטען דעם שווערען נסיון פון קריג. עס האָט זיך אָנגעהויבען א סדרה שפּאַלטונגען אויף דער ליניע פון דעמאָקראַ־טישען סאָציאַליזם און דיקטאַטאָרישען קאָמוניזם, און דערביי זיינען זיך אויך די ליניעס פון אויסלענדישער פּאָליטיק שאַרף צוגאַנגען. קעגען דעם פּאַסיפיזם פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע, האָט דער קאָמינטערן געגענגעשטעלט די אָריענ־טאַציע אויף א נייעם אומפאַרמיידליכען וועלט־קריג, וואָס וועט פיהרען צו א בירגער קריג אין אַלע לענדער, און וועט ברייגנען די אַלוועלטליכע סאָציאַלע רעוואָלוציע.

אויך אין די רייהען פון דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל איז פאָרגע־קומען רייבונגען. ביי דעם ווערסאַילער פרידענס אָפּמאַך, איז פאָרגעקומען א גוואַלדיגער שטריט צווישען סאָציאַליסטען, וואָס האָט שיער געפיהרט צו א ריס אינם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל. די פראַנצויזישע סאָציאַליסטען האָבען געשטימט קעגען דעם ווערסאַילער פרידענס אָפּמאַך, אונטער וועלכען עס איז געווען דער אונטערשריפט פונם פאָרזיצער פונם אינטערנאַציאָנאַל, וואַנדערוועלדע, פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט — דער אונטערשריפט פונם פיהרער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע הערמאַן מילער, וואָס האָט רעפּרעזענטירט די באַזיגטע, יונגע דייטשע רעפּובליק.

אין יאָהר 1922 אויף דער קאָנפערענץ פון די פינף סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין פראַנקפורט, זיינען געשאַפען געוואָרען די יסודות פון דער סאָציאַליסטישער אויסלאַנד פּאָליטיק, אויף וועלכער אַלע סאָציאַליסטען האָבען איינגעשטימט.

אויף יענער קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען די דערנעהנטערונג צווישען די צוויי עקסטרעמען אין צווייטען אינטערנאַציאָנאַל — דעם „רעפאָרמיסטישען" לאַנדאָנער, מיט'ן „לינקען" ווינער אינטערנאַציאָנאַל. עס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אַ פּלאַן פאַר באַקעמפען דעם אולטראַ־נאַציאָנאַליזם, דעם שאָוויניזם, וואָס צוטיילט די מענשען אין ראַסען און רייצט איין מענשען אויפ'ן צווייטען. סאָציאַליזם וואָס איז באַזירט אויף דער הויכער עטיק פון באַרעכטיגען יעדען איינעם צו לעבען אויף גאָט'ס ערד, האָט אָנגעהויבען באַקעמפען דעם אימפּעריאַליזם און זיין פּאָליטיק, און געזוכט צו שאַפען פאַרשטענדיגונג צווישען פעלקער, צו פאַרווירקליכען דעם טרוים וועלכען אַלע סאָציאַליסטען האָבען געטרוימט — דעם טרוים וואָס ווערט אַזוי שעהן אויסגעדריקט ביי דעם באַרימטען פּוילישען דיכטער אדאם מיצקעוויטש, צו שאַפען באַדינגונגען פאַר דער צייט ווען „די פעלקער וועלען פאַרגעסען זייערע שטרייטען, און זיך פאַראייניגען אין איין גרויסער משפּחה."

נאָכ'ן אָנקום פון היטלעריזם אין דייטשלאַנד איז די לאַגע ראַדיקאַל געענדערט געוואָרען. די געפאַהר פון אַ נייער מלחמה איבער איירפּע, די סטיכישע איבערגרופּירונגען פון די מלוכות, און דער מורא'דיגער וואוקס פון באַוואָפנונג האָט געשאַפען אַ קריזיס אין דעמאָקראַטישען סאָציאַליזם און אין זיין אויסלאַנד־פּאָליטיק.

די מיינונגס פאַרשיידענהייטען, אין סאָציאַליסטישען לאַגער, בנוגע דער סאָציאַליסטישער אויסלאַנד פּאָליטיק, האָבען זיך פאַרגרעסערט און פאַרשאַרפט. אַזוי האָט זיך אין די רייהען פון דער דייטשער סאָציאַל דעמאָקראַטיע שטאַרק געלאָזט הערען די מיינונג, וואָס האָט שאַרף קריטיקירט די „נאָכגיביגקייט" פּאָליטיק. פון אַלע זייטען האָט מען געהערט קריטיק אויף דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אַז זי האָט געדאַרפט פיהרען אַ מעהר אַגרעסיווע פּאָליטיק, אַז זי האָט געדאַרפט פאָדערען אַ רעוויזיע אינם ווערסאַילער פרידענס אָפּמאַך, איידער היטלעריזם האָט טריאומפירט. מען האָט אויך קריטיקירט די פראַנצויזישע סאָציאַליסטען, פאַרוואָס זיי האָבען ניט אַרויסגעוויזען גענוג מוט און ענערגיע אין קאַמף פאַר מער רעאַלע הנחות פאַר דער דייטשער דעמאָקראַטיע.

היטלער'ס קומען צו דער מאַכט האָט אַ טייל איירפּייאישע סאָציאַליסטען געשטויסען אין דער ריכטונג פון דער באָלשעוויסטישער קאָנצעפּציע, פון דער אומפאַרמיידלאַכקייט פון אַ נייעם וועלט־קריג, וועלכער וועט ענדלאַך ברענגען די סאָציאַלע רעוואָלוציע. אַ סך האָבען אפילו געהאַלטען, אַז מען דאַרף אָפען אַרויסטרעטען אין אַן אַנטי־פאַשיסטישער מלחמה, איידער עס ווערט צו שפּעט. געגען אַזעלכע אָריענטאַציעס איז אַרויסגעטראָטען דער פיהרער פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטען און געוועזענער פּרעמיער פון פראַנקרייך, לעאָן בלום, מיט

ווען עס איז געשטאַנען כמעט די גאַנצע פּיהרערשאַפט פון אינטערנאַציאָנאַל. זיין מאָטיוו איז: אַז מלחמה קאָן קיין גוטס ניט ברענגען. אַז אַ מלחמה וועט אריינציהען אין בלוטיגען ווירוואַר גאַנצע נאַציעס, קליינע, אַזוי ווי גרויסע, אַז אַ מלחמה וועט איבערלאָזען נאָך זיך נאָר חורבות און פאַרוויסטונגען, פון וועלכע מען וועט ניט קענען אויפבויען קיין נייע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, אפילו די סאָציאַלע רעוואָלוציע זאָל זיגען.

באַוואוסטזיניגע סאָציאַליסטען ווייסען, אַז טראָץ דעם וואָס זיי קענען גאָר ניט געווינען פון קריג, קענען זיי נאָך פאַרלירען אין אַ בלוטיגען געפעכט, שוין מיט דעם אליין, וואָס מלחמה רופט אַרויס אַ רעאַקציאָנערע שטימונג, ווי עס זאָגט דער גריך: „מלחמה איז שלעכט מיט דעם אליין, וואָס זי באַשאַפט מער שלעכטע מענשען וויפיל זי נעמט אַוועק”. סאָציאַליסטען זיינען ניט קיין געגנער פון מלחמה לשם פּאַסיפיזם, ווייל מען טאָר ניט טויטען. ניין! ניט אין דעם זינען זיינען זיי געגנער פון מלחמה. דער פאַקט איז, אַז אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע פאַרנעמט אַ געהעריגען פּלאַץ אין זייער וועלט באַנעהם און קיין רעוואָלוציאָנערע איבערקעהרעניש — ווי די געשיכטע לערנט אונז — קאָן ניט אויסמיידען בלוט פאַרגיסונג. זייער געגנערשאַפט צו מלחמה דערקלערט זיך דערמיט, וואָס זיי זיינען איבערצייגט, אַז אַ מלחמה קאָן נאָר ברענגען רעוואָלוציעס וואָס באַזייטיגען לכתחילה פאַרשיידענע סאָציאַלע אומגערעכטיגקייטען, אָבער סוף־כל־סוף איז גובר די רעאַקציע, וואָס דערשטיקט די רעוואָלוציאָנערע דערגרייכונגען און וואַרפט צוריק דאָס לאַנד אין אַן ערגערען צושטאַנד ווי דעם פון פאַר דער קריג. דאָס האָט באַוויזען די מלחמה אין 1914, און אויך די ערשטע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, וואָס איז דערשטיקט געוואָרען, צוליב די מלחמות, וואָס זיי האָבען געפיהרט.

דער לעצטער קריג האָט אָט וואָס באַוויזען: די רעוואָלוציעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען אַלס רעזולטאַט פונ׳ם קריג, האָבען טאַקע צובראָכען הונדערט יאָריגע טראָנען און באַשאַפען דעמאָקראַטישע רעזשימען. אָבער דעם ביטערען סוף זעהען מיר איצטער: דער קריזיס וואָס האָט איבערגעריסען די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג, האָט באַשאַפען אַ פאַשיזם, וואָס שטיצט זיך אויף גוואַלדמאַכט, אויף עקספּלואַטאַציע, און אויף דעגראַדאַציע. דער קריג האָט אויפגעבויט דעם אָפּגאָט פון גוואַלד־מאַכט, פאַר וועלכען עס בוקען זיך רעגירונגען. דער קריג האָט פּראָדוצירט דיקטאַטאָרען מכל המינים, וואָס מאַכען צונישט אַלע דערגרייכונגען פון רעוואָלוציעס, צוטרעטען מיט די פיס די עלעמענטאַרסטע פרייהייטען, שמידען די אַרבייטער אין אַזעלכע קייטען, פון וועלכע מען האָט פריהער גאָר ניט געוואוסט, און טרייבען דער וועלט צו אַ נייער מלחמה, וואָס וועט מאַכען אַ תל פון דער גאַנצער קולטור און ציוויליזאַציע.

דער פּראָלעטאַריאַט מוז דעריבער, באַצייטענס, איידער עס ווערט ניט צו שפּעט, זיך נעהמען אָרגאַניזירען אין אַ שטאַרקען ווידערשטאַנדס כח, קעגען די אויפהעצער צו קריג. אינם דאָזיגען קאַמף דאַרפען זיין פאַראייניגט אַלע ראַדיקאַלע כחות אין איין גיגאַנטישען כח. דאָס איז דער געבאָט פון דער צייט — אַלע צוזאַ־

מען זאָלען זיין פאַראייניגט און אויף אַן אימפּאָזאַנטען אופן דעמאָנסטרירען דעם ווילען פון פרידען.

דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל, דער פּאַרלאַמענט פון אַלוועלטליכען פּראָלעטאַריאַט, מוז אויסאַרבייטען א גוט אויסגערעכנטען פּלאַן אויפ'ן וועג פון אויסלאַנדס פּאָליטיק. ערשטענס, מוז אָפען באַוויזען ווערען, אַז מיט באַוואַפנונג און מיליטערישע צוגרייטונגען וועט ניט געלייזט ווערען דער פרידענס פּראָבלעם. אַזאַ פּאָליטיק וועט פיהרען צו דער וועלט קאַטאַסטראָפע, אין וועלכער מענשען וועלען זינקען אין שמוץ און קראַנקהייטען און זיך באָדען אין בלוט פון אומשולדיגע קרבנות — אַז דאָס וועט טרייבען דער מענשהייט צום ראַנד פון אונטערגאַנג!

צווייטענס, דאַרף אָנגעוויזען ווערען, ווער עס זיינען געווען די אָנצינדער פון מלחמות און וואָס זיי האָבען געצילט. כמעט אַלע אימפּעריאַליסטישע מלחמות פון נאָך דער נאַפּאָלעאָנישער עפּאָכע טראָגען איין כאַראַקטער: עראָבערען וואָס מעהר באָדען און עקספּלואַטירען די שוואַכערע נאַציאָנען. אַזוי איז עס געווען אין די יאָהרען 1789, 1815, 1859, 1864, 1870 און אַזוי איז עס געווען מיט דער לעצטער וועלט מלחמה אין 1914, און אַזוי איז געווען מיט די מלחמות צווישען יאַפּאַן און כינע פאַר די לעצטע יאָהרען און מיט דער מלחמה צווישען איטאַליע און עטיאָפּיע. די שוואַכקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג באַשטייט אין דעם, וואָס ער שטיצט זיך אויף מלחמות און קאָנפליקטען. מלחמה ראַטעוועט דעם קאַפּיטאַליזם צייטווייליג, גיט איהם אָטעם, ער זאָל נאָך קענען אָנהאַלטען זיין נשמה.

דריטענס דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט באַקעמפען די „שטילע" געהיימע אָפּמאַכען צווישען לענדער. זיי ברענגען מער שאָדען ווי נוצען. איידער אַזעלכע אָפּמאַכען וואָס ברענגען נאָך מער פּלאָנטער און צוטומלעניש אין די מחות פון די פעלקער מאַסען, איז גלייכער זיך איינגאַנצען ניט צו פאַרנעמען מיט אָפּמאַכען.

דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל דאַרף אויך פאָדערען א רעוויזיע אין ווערסאַילער סיסטעם, א רעוויזיע אינם באַנעהם פון מלוכות צו דער נאַציאָנאַלער און אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

דער סאָציאַליסטישער אויסלאַנד פּאָליטיק איז לחלוטין פרעמד יעדע נאַציאָנאַלע באַגרעניצונג, זי שטעלט העכער פאַר אַלץ די אַלגעמיינע אינטערעסען פון פרידען, זי וואַרפט אונטער די פּריוואַטע פּראָבלעמען פאַר דעם הויכען מענשליכען ציל. דעריבער דאַרף דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל אַפּעלירען און וועקען די סאָציאַליסטען פון איבער דער גאַנצער וועלט זיי זאָלען מיט מעהר מוט און אָנטשלאָסענקייט פיהרען זייער קאַמף פאַר דער אָנהאַלטונג פונם אַלגעמיינעם שלום. אַזוי אַרום וועלען ווערען שטאַרקער די רייהען פון אָרגאַניזירטען ארבייטער קלאַס; אַזוי אַרום וועט ווערען צעמענטירט אַן אָרגאַניזירטער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט, געגען דעם פאַרדאָרבענעם אימפּעריאַליזם, וואָס וויל חרוב מאַכען די גאַנצע וועלט*).

---

*) אויספירליכער אין צווייטען טייל, קאַפּיטעל 10

5. דער פּראָלעטאריאט און זיין נאַציאָנאַלע אויפגאבע.

אין פריהערדיגען קאַפּיטעל, האָבען מיר אָנגעוויזען אויף דער אנטווישונג פון די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציעס, וועלכע האָבען געבראַכט מיט זיך פּונקט דעם היפוך פון דאָס ערוואַרטענדיגע. די אַנטווישונגען פון די לעצטע נאַציאָנאַלע רעוואָלוציעס מיינען אָבער דורכאויס ניט, אַז דער ארבייטער קלאַס אַלס אַזעלכער, דאַרף זיך לגמרי אָפּזאָגען פון זיין נאַציאָנאַלער אויפגאַבע. דער ארבייטער קלאַס טאָר זיך ניט אָפּזאָגען פון צו לייזען די נאַציאָנאַלע פראַגע פּונקט אַזוי גוט ווי ער זאָגט זיך ניט אָפּ פון זיין קאַמף צו לייזען די אַנדערע איבלען אין אונזער געזעלשאַפט. פּונקט אַזוי גוט ווי דער פּראָלעטאַריאַט האַלט זיך אין דעם מאַרקסיזם און אין זיין עקאָנאָמיש-וויסענשאַפטליכען אַנאַליז, אַזוי דאַרף ער זיך האַלטען ביי דער „נאַציאָנאַלער אידעע” צו קעמפען פאַר דער לייזונג פון די אָנגעוועהטאָגטע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

אויף דעם ארבייטער קלאַס ליגען צוויי פליכטען, וועלכע ער מוז אָפּהיטען און פאַרטיידיגען: ער דאַרף פאַרטיידיגען די אינטערעסען פון זיין קלאַס און די אינטערעסען פון זיין פאָלק. אין דעם ברייט-שניט פון דעם קלאַס שטעהען די ארבייטערשאַפטען איינע לעבען דער אַנדערער. דאָ דאַרף הערשען פולע גלייכבאַ־רעכטיגונג; ניט ארויפצוצווינגען דעם ספּעציעלען נאַציאָנאַלען פּרינציפּ און אויך ניט צו שטרעבען צו פאַרניכטען אַלע אַנדערע ארבייטערשאַפטען אָדער זיי צו אַסימילירען — נאָר זיי צו געבען די פולע גלייכבאַרעכטיגונג אַלס אַ באַזונדערע נאַציע, וואָס האָט זיין קלאַסען אינטערעס.

אין דעם לענג-שניט פון אַ פאָלק ליגען שוין די קלאַסען איינער אויף דעם אַנדערען. דאָ קאָן ניט זיין קיין רייד פון גלייכבאַרעכטיגונג, איין קלאַס זאָל ניט האָבען קיין איבערוואָג איבער אַן אַנדערען. אַזוי שנעל, ווי ס'ווערט אָפּגעשאַפט דער עקאָנאָמישער איבערוואָג מיט וועלכען די ניט ארבייטאָרישע קלאַסען דריקען אויף דער ארבייטערשאַפט, אַזוי ווערט גלייך אָפּגעשאַפט די חיונה-קוואַלען, וואָס שפּייזען זיי, און זיי מוזען פאַרשווינדען. „די קלאַסען פּאָליטיק פון אַן ארבייטער־שאַפט, אין דעם לענג-שניט פון זיין פאָלק” — לערנט אונז דער באַרימטער סאָ־ציאַליסטישער דענקער, דר. ח. זשיטלאָווסקי — „איז ניט די פּאָליטיק פון גלייכ־באַרעכטיגונג, נאָר די פּאָליטיק פון פאַרניכטונג. די ארבייטערשאַפט מוז שטרעבען אָפּצושאַפען אַלע אַנדערע קלאַסען, אויסצוראָטען זיי; ריכטיגער: עקאָנאָמיש אַסימילירען זיי, אריינצונעמען זיי אין זיך, זיי זאָלען ווערען גלייכבאַרעכטיגטע טיילען איהרע.”*)

זשיטלאָווסקי האָט אויף אַ גלענצענדען אופן ארויסגעבראַכט די יסודות פון אָט די פּרינציפּען, וואָס ליגען אויפן ארבייטער קלאַס, אַזוי אַז עס זאָל ניט פאָר־קומען קיין צוזאַמענשטויסען צווישען דעם נאַציאָנאַלען און סאָציאַלען קאַמף; אויף

---

*) דר. חיים זשיטלאָווסקי, „די ארבייטער פּאָליטיק אין נאַציאָנאַלע ענינים,” „צוקונפט” 1935, ז. 587.

א הארמאָנישען אופן אָנצוגעהן מיטן קאמף. „אין דער ערשטער ליניע — שרייבט ער — איז דאָס דער פּרינציפּ פון דער מענשליכער ארבייט, פון פיזישער ווי פון גייסטיגער. די ארבייטער באַוועגונגען פון דער פּראָגרעסיווער וועלט שטרעבען ניט נאָר צו פארבעסערען דעם איצטיגען מעמד פון די ארבייטאָרישע לאסטען. זיי שטרעבען אוועקצושטעלען דאָס לעבען פון זייער פאָלק אין אזעלכע באדינגונגען וואו דער ארבייטס פּרינציפּ זאָל ווערען דער הערשענדיגער; וואו די מענשליכע ארבייט, דער חיונה קוואל פון דער ארבייטערשאפט, זאָל ווערען פרוכטבארער און רייַנער, און וואו די פּראָדוקטען איהרע זאָלען געהערען נאָר צו דעם ארבייטענדען פאָלק, איינשליסענדיג אלע יענע קינדער זיינע, וואָס העלפען איהם צו באפרידיגען אויף א חשוב'ען מענשליכען אופן אלע זיינע מאטעריעלע און גייסטיגע הצטרכות'ן"*).

זשיטלאָווסקי איז אויך גאָר ניט מוותר, אויף דער דעמאָקראטיזירונג, פון דעם גאַנצען פּאָליטישען און געזעלשאפטליכען לעבען. דאָס איז ביי איהם דער צווייטער גרונט פּרינציפּ און באַשטרעבונג צו באקעמפען די פאשיסטישע און דעספּאָטישע רעגירונגס־פאָרמען, מיט דעם אויסבליק, אז אן אויפגעקלערטע פאָלקס־הערשאפט און זעלבסט פארוואלטונג וועט מוזען דערהויבען די ארבייטערשאפט צו דער מדרגה פון דעם אבסאָלוטען בעל־הבית איבער זיין געשיכטליכען גורל.

צו דעם קאמף פאר פּראָגרעס וואָס דער ארבייטער קלאס קעמפּט שוין יאָהרען לאַנג און וואָס נעמט אריין אין זיך די פרייהייט פון יעדען פּערזאָן, די סאָציאלע גערעכטיגקייט, די קולטורעלע פּרעכטיגע רייכקייט און דעם אינטערנאַציאָנאַליזם, קומט אויך צו דער נאַציאָנאַליזם, דער קאמף פאר נאַציאָנאַלער גלייכבארעכטיגונג: צו געבען די פולע רעכט יעדער נאַציע, ווי קליין זי זאָל ניט זיין, אין גייסטיגע און פיזישע כחות — זיך קענען אויסלעבען אויף איהר אייגענאַרטיגען שטייגער און קולטור. זי זאָל אויך ווערען פאררעכענט אלס משפחה אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אינסטיטוציע פון פעלקער פארברידערונג, זי זאָל פארנעהמען א פּלאַץ אין דער משפחה פון דער מענשהייט.

דער נאַציאָנאַליזם אין זיין איצטיגער פאָרמע איז א צושטערער פון אל־מענשליכעם. נאַציאָנאַליזם אין זיין איצטיגען לבוש איז שאָוויניזם, ברענגט אריין האַס צווישען פעלקער און רעגט אויף צו מלחמה. דער סאָציאַליסטישער אידעאַל פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, האָט אָבער קיין שום שייכות ניט מיט אזא פאר־דארבענעם באגריף פון נאַציאָנאַליזם. לויט דער סאָציאַליסטישער אידעע איז די נאַציע א לעבעדיגער קאָלעקטיוו פון א לעבעדיגער קולטור משפחה, וואָס דארף לעבען אין א פרייער, גערעכטער אָרדנונג.

דער סאָציאַליזם אַנערקענט נאַציאָנאַלע רעכט, אַנערקענט די עקזיסטענץ פון נאַציעס, ווייל דאָס איז א זאַך, וואָס איז איינגעוואָרצעלט געוואָרען אין דעם

*) דארטען ז׳ ז. 86־592.

—

מענשליכען געדאנק, זייט ער איז צום שכל געקומען. קיין פאָלק וויל ניט פארלירען זיין נאַציאָנאַליטעט. יעדער פאָלק וויל בלייבען ביי זיין נאַציע, ביי זיין נאַציאָנאַלער קולטור און לעבענס ארט. דער סאָציאַליזם, וועלכער שטרעבט צו א פרייער וועלט גיט דעריבער אבסאָלוטע פרייהייט דעם נאַציאָנאַלען קאָלעקטיוו, ער זאָל זיך קענען אויסלעבען קאָלעקטיוו, נאַציאָנאַל אין דער געזעלשאפטליכער אָרדנונג פון דער באפרייטער מענשהייט. אין סאָציאַליזם איז ניטאָ קיין אָרט פאר וועלכער עס איז אונטערדריקונג, עס איז ניטאָ קיין אָרט פאר סאָציאַלער פארשקלאַפונג און אויך ניט פאר נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. ער גיט אן אוניווערסאַלען ענטפער אויף דער סאָציאַלער פראַגע, אין אַלע איהרע ערשיינונגס פאָרמען: אן ענטפער אויך אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַשטימונג פאר באַדען באַזעצטע נאַציעס און פאר באַדענלאָזע נאַציעס — דאָס דארף זיין דער לאָזונג פונם מאָדערנעם סאָציאַליזם; א לאָזונג, וואָס איז צוזאַמענגעוואקסען הארמאָניש מיט די אַלגעמיינע לאָזונגען פון די מינימאַלע און מאַקסימאַלע סאָציאַליסטישע פראָגראַמען — א לאָזונג, וואָס שטעלט זיך פאר קיין זאך ניט אָפּ, און גיט צו נאַציאָנאַלע מינדערהייטען רעכט אפילו אויף אן אייגענער מלוכה. צום קולטורעלען אינהאַלט איז צוגעקומען דער טעריטאָריעלער — פאר יעדער נאַציע אן אייגענע רעגירונג! דאָס דארף זיין דער פּראקטישער אויספיהר פון דער פאָדערונג וועגען זעלבסט־באַשטימונג.

מעהר פון אַלץ דארף זיך דער ארבייטער קלאַס אָפּגעבען מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע ביי די מינאָריטעטען נאַציעס גופא. דער נאַציאָנאַלער צושטאַנד פון די מינאָריטעטען נאַציעס אין די לענדער וואו זיי האָבען נאָך ניט קיין פולע נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיגונג איז תמיד א קאַטאַסטראָפאַלער. ביי זיי ווערט בים־לאַכווייז דערוואַכט די טענדענץ צו יענער שטעלונג אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָס הערשט ביי א נאָרמאַלען, נאַציאָנאַלען זעלבסטשטענדיגען ארבייטער קלאַס בנוגע זיין פאָלק: ד.ה. די איבערגעגעבענהייט צו דעם אידעאַל פון פולער און גאַנצער נאַציאָנאַלער פרייהייט און אומאָפּהענגיגקייט, ווי דעם זיכערסטען פּאָר־באַדינג פאר אן אינטערנאַציאָנאַלער פּאראייניגונג מיט אַנדערע פעלקער.

אָבער אָט די דערוואַכונג קומט ניט מיט אמאָל. זי לויפט דורך פארשיידענע עטאַפּען. די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ פון דער מינאָריטעט איז אין איהרע ערשטע אַנטוויקלונגס פאַזען אסימילירט מיט דער קולטור שפּראך און לעבענס־גאַנג פון דער הערשענדיגער ארבייטערשאַפט. ממילא האָט זי דעם זעלביגען אסימילאַטאָרישען איינשטעל בנוגע איהר אייגען פאָלק. די פאָלקס מאַסען לאָזען זיך אָבער ניט אזוי גרינג אָפּווענדען פון זייער נאַציאָנאַלען באַוואוסטזיין, זיי ווילען ניט וויסען פון די טעאָריעס וועגען אסימילאַציע. פאַלען זיי דעריבער אונטער דער שטאַרקער השפעה פון יענער רעאַקציאָנערער אינטעליגענץ, וואָס בלייבט טריי דעם פאָלק. דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין פון די מאַסען באַקומט א שאַרף אויסגעשפּראָכענעם כאַראַקטער פון פינסטערען שאָוויניזם, וואָס די היימישע בורזשואַזיע נוצט אויס אויף ארויפצודריקען דעם אַנטי־סאָציאַליסטישען כאַראַקטער אויף די נאַציאָנאַלע שטרעמונגען.

עס קומט אויס, אז די בורזשואזיע איז די, וועלכע איז זיך מקריב פארן פאָלק, וועלכע קעמפט פאר נאציאָנאַלע רעכט; און די ארבייטער אינטעליגענץ איז די, וועלכע אנטלויפט פון פאָלק, וועלכע טרייסעלט פון זיך אָפּ דעם היימישען שטויב פון די פיס. עס ווערט אָנגענומען, אז די אסימילאציע מיט דער הערשענ־דיגער ארבייטערשאפט איז אומצורייסבאר, אז סאָציאַליזם האָט קיין שום שייכות ניט מיט נאציאָנאלער רעכט און פרייהייט און קאָן גאָר ניט געהן מיטן נאציאָנא־ליזם צוזאמען.

אזוי ווי די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ אנטלויפט פון דער נאציע בלייבט די נאציאָנאַלע היים דעמאָלט א נעסט פאר דעם בורזשואז־שאָוויניסטישן נאציאָנאַליזם און דער רעאקציאָנערער חושך פון די נאציאָנאַלע באוועגונגען אין דער היים, ווערט אלץ טיפער און געדיכטער.

אין דעם ליגט איינע פון די וויכטיגסטע אורזאכען, וואָס פיהרען צו אן אויסניכטערונג פון דער אסימילאטאָרישער שכרות, ביי דער פּראָגרעסיווער ארביי־טערשאפט. אין דער ערשטער ליניע וואקסט אויס די נויט צו געווינען, די ריין ארבייטאָרישע עלעמענטען פון דעם פאָלק, פאר דער סאָציאַליסטישער ארבייטער באוועגונג. דאָס פאָדערט א צוריקקעהר פון דער אסימילאטאָרישער אינטעליגענץ. דאָס פאָדערט אן אייגענע סאָציאַליסטישע ארבייטער באוועגונג אין דער אייגענער שפּראַך, און וואָס מעהר עס אנטוויקעלט זיך אָט די באוועגונג אין דער אייגענער קולטור ספערע, אלץ מעהר ווערט זי דורכגעדרונגען מיט יענע טראַדיציעס און יסודות פון דעם אייגענעם פאָלקס לעבען וואָס געהען ניט להיפוך צו איהר. וואָס ערנסטער און רייכער עס ווערט אזא סאָציאַליסטישע ליטעראטור, אלץ מעהר פלאַץ פארנעהמט אין איהר, דער שטודיום און נעהנטערע באקאַנטשאפט מיטן לעבען פון פאָלק און מיט זיין געשיכטע.

איבערהויפּט קומט דאָס פאָר דעמאָלט ווען עס באווייזען זיך שוין סאָציאַ־ליסטישע עלעמענטען אויפגעצויגענע אין דער היימישער קולטור ספערע. ביי זיי איז די באהאנדלונג פון דעם נאציאָנאַלען אינהאַלט שוין ניט בלויז א ריין קריטיש נעגאַטיווע. זיי געפינען שוין אין די לעבענס פאָרמען און אין דער פאָלקס־שאַפונג, געגנוג אוצרות פון מענשליכען אינהאַלט, אין א באשטימטען נאציאָנאַלען נוסח, וואָס קיין סאָציאַליזם קאָן ניט אָפּפרעגען.

און ווען די אנטוויקלונג געהט ווייטער אין דער זעלביגער ריכטונג, שטעלט זיך לסוף איין די פּולע נאָרמאַליזירונג פון דעם ארבייטערס שטעלונג צו זיין

איינענעם פאָלק. עס ווערט אויך ביי די אונטערדריקטע פעלקער געפונען די ריכטיגע הארמאָניע אין זייער אחריות אלס נאציע און קלאַס אינם פּראָגרעסיווען מאָדערנעם זין.

זשיטלאָווסקי גיט אָן זיבען עיקרים פאר א מאָדערנער ארבייטער פּאָליטיק.*) זיי זיינען:

1) ארבייטאָרישקייט
2) דעמאָקראטיזם
3) פרייהייט
4) סאָציאַלע גלייכהייט
5) קולטורעלע רייכקייט
6) אינטערנאציאָנאַלע ברידערלעכקייט און
7) באהערשונג פון אלע וויכטיגע פּאָזיציעס אין לעבען.

און צו די דאָזיגע זיבען דארף מען צוגעבען נאָך אן אכטען פּונקט:

8) נאציאָנאַלע באפרייאונג און זעלבסט־באשטימונג.

*) דארטען ז. 588.

צווייטער טייל

קעמפער און טרוימער פון אַ לאַנג־דויערענדען וועלט פרידען

(די עוואָלוציע פון פרידען)

קאפיטעל 6

די פארקעמפער פון אייביגען פרידען

1. רוסאָ, דער ערשטער פאָרקעמפער און באגרינדער פון פלענער פאר פרידען צווישען נאציעס.

צווישען די קעמפער פאר שלום און גערעכטיגקייט אינם אכצעהנטען יאָהר־הונדערט פארנעמען די צוויי אָנגעזעהענע פילאָזאָפען רוסאָ און קאנט דעם אויבענאָן.

זשאק רוסאָ, דער פאָרזאָגער פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע, וועמענס געדאנקען און טעאָריעס וועגען יושר, מאָראל און הומאנישקייט האָבען בעאיינ־פלוסט דאָס פראנצויזישע פאָלק, איז געווען כמעט דער ערשטער ארויסצוקומען אָפען מיט א פאָדערונג צו שאפען א באזיס פאר אן אייביגען פרידען. אין זיין קלאסיש ווערק „אן אייביגען פרידען" האָט רוסאָ ארויסגעבראכט די נעגאטיווע און פאָזיטיווע קאזואליטעטען פון קריג, און געזוכט מיטלען ווי אזוי זיי צו באזייטיגען.

די עסיי „פאקס פערפעטוא" באלאנגט צו דער ערשטער פעריאָדע פון זיין שאפען. ער האָט די עסיי געשריבען אין יאָהר 1756, און אפשר נאָך מיט א פאָר יאָהר פריהער, און דאָך ווען זי איז פארעפענטליכט געוואָרען, האָט זי געמאכט א טיפען רושם אין די ליטעראריש־פילאָזאָפישע קרייזען. זיי האָבען געזעהען אין דעם ווערק, אן ערנסטע און גרינדלאכע אָפהאנדלונג וועגען מלחמה און פרידען, וועגען דער לייזונג פון א פראָבלעם, וואָס איז שוין דעמאָלט געשטאנען מיט זיין פולער שארפקייט.

דער ערשטער טייל (דער מער אבסטראקטער) איז צום ערשטען מאָל פאר־עפענטליכט געוואָרען אין יאָהר 1761, א יאָהר פאר דער ערשיינונג פון זיין בארימט ווערק, דעם „סאָציאלען קאָנטראקט"; דער צווייטער טייל איז אָבער געבליבען א מאנוסקריפט אינם גרויסען „נייכאטעל" ביבליאָטעק און איז ארויס־געגעבען געוואָרען דורך מ. דרייפוס - בריסאק ערשט אין יאָהר 1896*).

דער ערשטער טייל איז א פארקירצונג פון אבבע דע סען פיערר'ס (1743-1658) ווערק איבער דער פראגע פון שלום און מלחמה. סען פיערר האָט געלעבט פאר רוסאן און אלע זיינע יאָהרען געווידמעט דער זאך פון פרידען. ער האָט זיך

*) זע: די הקדמה צו זיינע ווערק אין דער ענגלישער איבערזעצונג.

Jean Jacque Rousseau.
(C. J. Castel de Saint Pierre).
"A Lasting Peace through Federation of Europe, and the State of War".
Trans. by E. Vaughan, London, 1917.

באטייליגט אין קאָנגרעס פאַר פרידען צווישען פראַנקרייך און ענגלאַנד, וואָס איז פאָרגעקומען אין אוטרעכט אין יאָהר 1712, ער האָט צוגעגרייט דעם פּראָיעקט וואָס הענרי דער פערטער, האָט פאָרגעשלאָגען דער ענגלישער קעניגין עליזאבעטה צו זיכערען דעם אייראָפּייאישען פרידען. אַלס איינלייטונג צו זיין פּראָיעקט האָט ער אָנגעשריבען אַ ווערק (אין צוויי בענדער) פון 728 זייטען. דער בוך איז אָבער געווען געשריבען אין אַ שלעכטען סטיל, פול מיט גראַמאַטישע גרייזען, אַזוי אַז ער איז פאַרשווינגען געוואָרען, און ניט געקומען אין די הענט פון די אינטעליגענטע לייענער. רוסא האָט גענומען דעם דאָזיגען רויהען מאַטעריאַל, איהם בעאַרבייט אין זיין בריליאַנטענעם סטיל, און אין 1756 אָנגעשריבען דעם ערשטען טייל צו זיין באַרימטע פּובליציסטיש ווערק „אייביגער פרידען".*)

דער צווייטער טייל פון זיין ווערק, וואָס איז אָנגעשריבען געוואָרען מיט אַ סך יאָהרען שפּעטער, איז שוין פון רוסא'ן אַליין. דאָס בוך איז קודם־כל אַ קריטיק אויף סען פּיר'ס סכעמען, און גלייכצייטיג צייכענט ער זיך דאָרט אויס מיט זאַכ־ליכקייט, אָנגעבענדיג פאַרשיידענע פּראַקטישע און צוגענגליכע פּלענער כדי צו זיכערען דעם וועלט פרידען. מיט דעם ביכעלע האָט ער געמאַכט אַזא טיפען רושם אין די פילאָזאָפישע און ליטעראַרישע קרייזען, אַז די גרעסטע פילאָזאָפען פון יענער צייט, האָבען אָנגעהויבען טראַכטען וועגען דעם מלחמה פּראָבלעם. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז אויך דער באַרימטער דייטשער פילאָזאָף לייבניץ זאָל זיך מיט דער פּראָבלעמע אינטערעסירען און אויך אָנשרייבען אַ בוך אויף דער דאָזיגער טעמע.*)

פּיר'ס פּראָיעקט וועגען שאַפען אַ קאָאַליציע פון אַלע אייראָפּייאישע לענדער, זיין פאָרשלאָג וועגען שאַפען אַ פעדעראַציע געגען דער אָטאָמאַן אימפּעריע, האָט ניט אויסגענומען ביי די דעמאָלטדיגע פילאָזאָפען און פּובליציסטען. וואָלטעיר האָט אין דעם געזעהען בלויז פּוסטע חלומות, און ענטוזיאַסטישע פראַזען, וואָס מיינען גאָר ניט. ניט מער געהאַלטען פון דעם פּלאַן האָט דער דייטשער פילאָזאָף לייבניץ, וועלכער האָט געקוקט איראָניש אויף דער דאָזיגער אומזיסטער און אוננוצליכער אַרבייט. דער לעצטער שרייבט אין איינעם פון זיינע בריף וועגען פּיער'ס אַרבייט פאָלגענדעס: איך האָב געזעהען עפּעס פון סען פּיער'ס פּלאַן צו שאַפען אַן אייביגען פרידען. עס דערמאָנט מיך אין אַן אינסקריפּציע (אויפשריפט) פון אַ קירכע איבער „לאַנג דויערענדען פרידען". מילא פאַרן טויטען באַטייט דאָס: „איך שלאָג דיך מער נישט"; אָבער פאַרן לעבעדיגען? די לעבעדיגע וועלכע האָבען אַנדערע געדאַנקען, און דערצו די שטאַרקערע צווישען זיי, וועלען ווייניג רעספּעקט האָבען פאַר טריבונאַלען. זיי וועלען זיך אויסלאַכען פון אָנגעשריבענע פּלענער**)

* Political writings of J. J. Rousseau, Vol. 1, pp. 364-396.

אז ער האָט אומגעפער געשריבען זיין בוך אין יענער צייט, ווייסען מיר פון אַ בריף, וואָס זיין פריינד דארגסאן האָט געשריבען צו אן אנדערען פריינד: „רוסא איז זעהר פארנומען מיט אנאליזירען די ווערק פון סען פּיערר'ן" — נ.ש.

* Leibnitz: "Letters to Grimarist", p. 37, Note.

***) די ציטאטע איז א ביסעל פאראידישט.

דער איינציגער אין יענער צייט, וועלכער האָט געשענקט אויפמערקזאמקייט צו סען פיער׳ס פאָרשלאָג, און זיך באַצויגען ערנסט צו דער פראגע פון שאפען אַן אייביגען פרידען איז געווען רוסא. ער האָט געזעהען, אז אין תוך אַריין איז פיער גערעכט, אַז ראַטעווען אייראָפּע פון מלחמות קאָן מען נאָר דורך שאַפען א פעדעראַציע פון אַלע לענדער. די סכעמע פון א פעדעראַציע פון גאַנץ אייראָפּע, איר צו ראַטעווען פון מלחמה, האָט ער געהאַלטען פאַר פּראַקטיש און וויכטיג. די קאַמפען צווישען די אייראָפּייאישע שטאַטען, די אוזורפּאַציעס און רעוואָלוציעס פירען צו אָט דער פאַראייניגונג פון די אייראָפּייאישע פעלקער, כדי זיי זאָלען ניט אונטערגעהן.

רוסא זעהט די איינציגע רעטונג פון אייראָפּע אין סען פיער׳ס פּלאַן צו שאַפען א פעדעראַציע פון אַלע שטאַטען. די איינציגע שטערער פון אזא פּלאַן, זעהט ער, איז די מאָנאַרכיע. די מאָנאַרכיע, האַלט ער אין איין ווידערהאָלען, וויל זיך ניט און וועט זיך ניט אונטערגעבען אונטער א פאַראייניגונגס פּלאַן. דער אַבסאָלוטיזם פון דער פּרינצענמאַכט וועט זיך ניט אונטערוואַרפען אונטער א טריבונאַל פון נאַציאָנען, וואו אַלץ וועט באַשטימט ווערען. מלחמה, האַלט רוסא, איז א רעזולטאַט פון דעם מאָנאַרכיסטישען רעזשים. ער אַפּעלירט דעריבער אָפּצושאַפען די מאָנאַר־כיע, אויפצושטעלען רעפּובליקען און אויף אזא אופן גאַראַנטירען שלום אויף דער וועלט.

איז קיינער ניט מחולק אויף רוסא׳ס ערשטער באַהויפּטונג, אַז מאָנאַרכיע איז אַן אומגליק פאַר דער וועלט, און אַז די וועלט דאַרף רעגירט ווערען פון רע־פּובליקען, מיר קאָנען אָבער ניט מסכים זיין מיט דער צווייטער באַהויפּטונג רוסאָ׳ס, אַז נאָך דער אָפּשאַפונג פון דער מאָנאַרכיע וועלען מיר האָבען א פרייע פרידלעכע אויפגעטעכטע אייראָפּע. די געשיכטע האָט באַוויזען גאַנץ אַנדערש. מיר לעבען איצט אין א צייט, ווען די מאָנאַרכיע איז כמעט ווי אויסגעשפּילט. אין די מערסטע ציוויליזירטע לענדער שפּילט זי לגמרי ניט קיין ראָליע. און דאָך איז מלחמה ניט אָפּגעשאַפט געוואָרען. אדרבה דער הויפּט פּראָבלעם פון אונזער צייט איז די מלחמה פּראָבלעם. וואָלט רוסא היינט געלעבט, וואָלט ער געזעהען, אַז זיין שטרעבונג איז נאָך ווייט פון רעאַליזאַציע, ער וואָלט געפונען די וועלט אין דער זעלבער לאַגע, ווי אין די צייטען פון העגרי דעם פערטען; די זעלבע נידערטרעכטיגע מענשען, וועלכע רייצען אויף פאָלק געגען פאָלק, מענש קעגן מענש, וואָס האָבען אַמאָל געלעבט, לעבען נאָך היינט און באַנוצען זיך מיט דער זעלבער טאַקטיק ווי אַמאָל. פאַרכאַפּען פרעמדע טעריטאָריעס, פאַרגרעסערען אייגענעם באָדען איז נאָך אַלץ ניט אַרונטער פון דער וועלט אַרענע. אימפּעריאַלע אַרמייען קעמפען נאָך אַלץ צווישן זיך פאַר דער פאַרגרעסערונג פון זייערע אימפּעריעס.

רוסא האָט געגלויבט, אַז נאָך דער מאָנאַרכיע וועט ניט זיין קיין אורזאַך, אַז נאַציעס זאָלען צווישען זיך פיהרען מלחמות. צווישען אַנדערעס זאָגט ער: „ניט איך נאָר זיי (די מאָנאַרכיסטען) וועלען באַקעמפט ווערען. זייערע אונטערטאַנען

וועלען סוף־כל־סוף מיד ווערען פון פארגיסען זייער בלוט . . . אָבער אפילו די מאָנאַרכיע זאָל אונטערגעהן וועלען נאַציאָנען עקזיסטירען . . . זיי וועלען זיך אָבער ניט שלאָגען פאר זייערע אייגענע אינטערעסען, אָדער פאר גרויסקייט ווי עס טוען קעניגע".*)

כל־זמן די מאָנאַרכיע עקזיסטירט, גלויבט ער, וועט קיין שלום ניט הערשען. פרידען מיט מאָנאַרכיע קענען ניט לעבען אין איין הויז. זיי זענען סותר איינס דאָס צווייטע און וועלען קיינמאָל ניט אויסקומען צווישען זיך. סען פיער׳ס פלאַן איז דעריבער ניט מעהר ווי אַ טרוים אונטער אַ מאָנאַרכיסטישער הערשאַפט. אין דער צייט ווען פריוואַטע אינטערעסען שטעהען העכער פון פאָלקס אינטערעסען, קאָנען ניט פּראַקטיצירט ווערען אזעלכע פּלענער. ס׳מוז געענדערט ווערען פריהער די גאַנצע אָרדנונג, און נאכהער קאָן ערשט קומען צו אַ פאַרשטענדיגונג צווישען נאַציעס.

רוסא שטודירט דורך גרינדלאַך די אַכט פּונקטען פון סען פיער׳ס שלום פּראָיעקט:

„1. אבסאָלוטע פאַרזיכערונג דאָס אַלע זייערע דיספּוטען, געגענוואַרטיגע און צוקונפטיגע — זאָלען ערליידיגט ווערען אָהן קריג . . .

„2. אָפּצושאַפען פריהער אָדער שפּעטער די זאַכען, וואָס פאַראורזאַכען דיספּוטען און צו ליקווידירען די אַלע עקזיסטירענדע קלאָגעס . . .

„3. אַן אבסאָלוטע פרידענס גאַראַנטיע ניט בלויז פאַר די איינצעלנע פּער־זאָנען, די פּרינצען און זייערע פאַמיליעס, נאָר פאַר דער גאַנצער דאָמיניאָן . . .

„4. אַן אבסאָלוטע פאַרזיכערונג פאַר דער עקזעקוציע פון אַלע אָפּמאַכען צווישען די פּרינצען, אונטער דער גאַראַנטיע פון דער אייראָפּייאישער ווירטשאַפט.

„5. אַ פולשטענדיגע פּריהייט פון האַנדעל צווישען שטאַט און שטאַט אין די נאָענטע שטרעקעס, א.אז.וו.*)

אנאַליזירענדיג די אַלע פּראָיעקטען און באַטראַכטענדיג די שוועריגקייטען דורכצופיהרען אזעלכע פּלענער קומט רוסא צום אויספיר, אַז „קיין פעדעראַציע קאָן ניט עטאַבלירט ווערען, סיידען דורך רעוואָלוציע קעגען דער מאָנאַרכיסטישער הערשאַפט". און ער פרעגט פּיער׳ן: דו נעמסט אוועק פון די קעניגע דאָס רעכט צו מאַכען זייער אייגענע גערעכטיגקייט . . . דו נעמסט צו פון זיי די מאַכט צו מאַכען זיך גרוים אויף זייער שכנ׳ס חשבון . . . דו נעמסט אוועק פון זיי די מאַכט פון טעראָר, מיט וועלכער זיי האָבען ליב אָפּצושרעקען די וועלט . . . דו נעמסט אוועק פון זיי זייער גרויסקייט און אוזורפּאַציע, וואָס איז דער הויפּט־פּונקט פון זייער גלאָריע — דו נעמסט אוועק פון זיי זייער ליגנערישע טעטיגקייט, דו ווילסט זיי מאַכען אָרענטלאַך — וואָסערע אויסבעסערונגען קאָנסטו באַהויפּטען אויף צו

* Political writings, vol. I, pp. 396-101.

ענדרען זייערע גרויזאַמע פּריוואַטע באַדערפעניִשען ? ? ? גלייכער איז פּטור צו ווערען פון אַזאַ אונצופרידענער אָרדנונג! גלייכער פאַרניכטען די מאָנאַרכיס־טישע הערשאַפט!*)

ביי רוסאָ'ן ווערט דער שטאַאַט ניט געמאָסטען לויט זיין גרויס אין טעריטאָריע און לויט זיין גרויס פון דער באַפעלקערונג. ביי אים איז דער שטאַט ניט א זאַך פון אַזויפיל אינדיווידואומס און אַזויפיל קוואַדראַטנע מיילען . . . ביי אים איז דער שטאַט א ריינע, מאָראַלישע ספּיריטועלע באַשאַפונג. דעריבער האָט דער שטאַט ניט קיין רעכט צו רעכענען זיך מיט מאָס און מאַטעריעלער מאַכט. דער קליינער שטאַט דאַרף האָבען אַזויפיל רעכט ווי דער גרויסער. מלחמה דאַרף זיין די קאָנ־דיציע פון גאַנצען פאָלק. מלחמה קאָן ווערען באַרעכטיגט נאָר דאַן, ווען עס ווערט געפיהרט פאַר זעלבסט פאַרטיידיגונג, פאַר נאַציאָנאַלע און מאָראַלע פּרינציפּען. אָבער ניט פאַר די אינטערעסען פון רייכטום אין טעריטאָריע און ווירטשאַפט — פאַר דער פאַרגרעסערונג פון די גרעניצען פון זייער לאַנד צוליב אינדיווידועלע נוצען.

ענדיגען מלחמה, לויט רוסאָ'ס מיינונג, וועט מען נאָר קאָנען דאַן, ווען מאָנאַרכיע וועט ווערען אָפּגעשאַפט און עס וועט עטאַבלירט ווערען א פעדעראַציע פון אַלע אייראָפּייאישע לענדער. די פעדעראַציע דאַרף זיך שטיצען אויף א סאָלידען באַזיס פון קאַמף און גלויבען. קאַמפּס מעטאָדען אָנצונעמען קעגען יעדען איינעם וואָס וועט זיך אַרויסשטעלען צו צוברעכען די פעדעראַציע; און גלויבען אין לאָיאַליטעט, אָנצוהאַלטען די פעדעראַציע.**)

פאַרענדיגענדיג זיין עסיי, שרייט רוסאָ אויס: איך עפען די ביכער פון גערעכ־טיגקייט און עטיק; איך הער די רייד פון די פּראָפעסאָרען און געלערנטע, און מיין געדאַנק ווערט פול פון זייערע סעדוקטיווע דאָקטרינס וועגען שלום און גערעכטיג־קייט ביי דער ציווילער באַפעלקערונג . . . איך זע אונצופרידענע נאַציאָנען ליגענדיג אונטערן אייזערנעם צוים. איך זע ווי א מענשהייט ליגט אונטער דער שווערער האַנט פון די אונטערדריקער. איך זע הונגעריגע מאַסען ליידען און הונגערען נאָר דערפאַר, ווייל די רייכע דערטרינקען זיי אין זייער בלוט און אין זייערע אייגענע טרערען . . . איך זע דעם שטאַרקען, וועלכער באַהערשט געפערליך דעם שוואַכען. איך אַפּעליר צו די פילאָזאָפען און שרייבער, זיי זאָלען קומען פאַרשפּרייטען זייערע ביכער צווישען די זעלנער אויפן שלאַכט־פעלד, זיי זאָלען בעטען פאַר פרידען, און אויפקלערען די סאָלדאַטען דעם אומזין פון מלחמה.***)

---

*) זע דאַרטען, ז.ז. 72־73, 112

**) ווענען א פעדעראַציע פון אַלע קליינע אייראָפּייאישע לענדער האָט רוסאָ שוין פון פריהער געהאַט צוגעגרייט. א פראַגמענט פון זיין ארבייט האָט ער געהאַט איבערגעשיקט צו זיין פריינט ד'אַנטרעי. עס איז אָבער פאַרניכטעט געוואָרען אין א פּאַניק און ער האָט שפּעטער אויפסניי געמוזט אָנשרייבען זיין צווייטען טייל און נאָך אַמאָל אַרויסגעבראַכט די אידעע פון פעדעראַציע. זע זיינע פּאָליטישע שריפטען, צווייטער טייל ז. 135.

***) דאַרטען ז.ז. 121־122

רוסא האָט אין זיין עסיי אַרויסגעבראַכט די לעכערליכקייט פון קריג, אויפגע־דעקט די ברוטאַליטעט און נידערטרעכטיגקייט פון די, וועלכע פיהרען צו קריג. גלייכצייטיג האָט ער אָנגעוויזען, ווי אַזוי צו ראַטעווען די מענשהייט פון מלחמה, ווי אַזוי צו שאַפען אַ לאַנג דויערענדען וועלט־פרידען. דער טעות זיינער איז נאָר באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער זעהט אַז מיט דער ליקווידאַציע פון דער מאָנאַרכיע ווערט אָפּגעשאַפט מלחמה. מיר אָבער זעהען, אַז כל־זמן עס וועט הערשען אַ קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט וועט מלחמה ניט קאָנען באַזייטיגט ווערען. מלחמה איז אַ רעזולטאַט פון דער קאַפּיטאַליסטיש־אימפּעריאַליסטישער אָרדנונג. די איינ־ציגע לייזונג צו אַלע איבלען, אַריינגערעכענט דעם איבעל פון מלחמה קאָן נאָר זיין די קינפטיגע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, וואָס וועט פאַרניכטען די אַלע סימפּטאָמען פון מלחמה, וואָס וועט אויפשטעלען אַ פּראָגרעסיווע מענשהייט וואָס זאָל זיך פירען לויט די עטישע אַלמענשליכע געזעצען און פּרינציפּען.

רוסא דער בייזער, דער רעדנער, דער ניט פאַרשווייגער, האָט געהאַסט זיין צייט, די אָרדנונג און די געזעלשאַפט און איר אָפּען פאַרדאַמט, ניט אָפּשרעקענדיג זיך פאַר קיין זאַך. דאַגעגען אַנדערע פילאָזאָפען פון זיין צייט האָבען פאַרשוויגען עוולות און מיטגעגאַנגען מיטן שטראָם. דעריבער האָט רוסא געהאַט די זכיה זיינע ווערק זאָלען מער געלייענט ווערען ווי אירגענד אַנדערע פילאָזאָפישע ווערק. זיינע ביכער האָבען פאַראורזאַכט אַן איבערקערעניש אין דער ליטעראַרישער און פּאָלי־טישער וועלט. זיין „סאָציאַלער קאָנטראַקט”, זיין „אייביגער פרידען” ווערען געלייענט ביזן היינטיגען טאָג מיט דער גרעסטער ערנסטקייט און טיפען אינטערעס — ווייל זיי זיינען ניט געשריבען געוואָרען נאָר פאַר זיין צייט. זיי זיינען געשריבען פאַר אַלע צייטען און פאַר אַלע דורות. זיי זיינען אייביג־ווערטפולע ביכער, און וועלען אייביג נוצען דער פּראָגרעסיווער ראַדיקאַלער מענשהייט.

2. קאַנט און זיין פרידענס פילאָזאָפיע.

ביים ענדע פון אכצעהנטען יאָרהונדערט אין יאָר 1795, האָט דער באַריהמ־טער דייטשער פילאָזאָף קאַנט פאַרעפענטליכט זיין ווערק „צום עוויגען פרידען".*) אַ דאַנק דעם דאָזיגען בוך האָט מען קאַנט'ן פאַררעכענט אַלס איינעם פון די באַגייסטערטע יאַקאָבינער און קאָסמאָפּאָליטיקער.

עס איז קיין ספק ניט, אז קאַנט האָט פריהער געהאַט געזעהען די ווערק פון סט. פּיערס און רוסאָ, טראָץ דעם, וואָס ער דערמאָנט זיי נישט. ער האָט אודאי געהאַט דורכגעשטודירט די פילאָזאָפישע עסייען פון דעם באַריהמטען ענגלישען פילאָזאָף טאָמאַס האָבס (1588־1679), וועלכער האָט געלעבט מיט אַ הונדערט און פופציג יאָר פאַר איהם. עס איז איהם דורך רוסאָ'ן אויך באַקאַנט געווען די ווערק פון יאָן לאָק**) איבער מאָנאַרכיע און דינאַסטיע הערשאַפט.

אין די ספערען פון האָבס, לאָק, רוסאָ און אַנדערע האָט קאַנט זיך דורכ־געשניטען זיין אייגענעם וועג, פון וואָס ביי זיי זיינען געבליבען חורבות, האָט ער איבערגעבויט און געמאַכט דערפון די שענסטע בנינים מיטן פולסטען עסטעטישען גלאַנץ. ער האָט קיינמאָל ניט אַדאַפּטירט קיינע פרעמדע אָדער פאַרעלטערטע געדאַנקען, נאָר תמיד געשאַפען זיין אייגענס, צוגעפּאַסט צו דער צייט און צו די אומשטענדען אַזוי, אַז זיין וואָרט וועגען מלחמה און שלום איז געווען ניי, פריש, צוגעפּאַסט צום אכצעהנטען און אפילו צום ניינצעהנטען יאָרהונדערט.

זיין טעאָריע איבער דעם אורשפּרונג פון דער מענשהייט איז, וואָס אַן אמת, כמעט אידענטיש צו דער, וואָס האָבס האָט באַגרינדעט: מענשען זיינען פון דער נאַטור אומפּערפעקטע באַשעפענישען. זיי זיינען ניט געזעלשאַפטליך, אויך ניט צוטרוייליך; האָבען ליב נצחון, מאַכט . . . און דאָך איז דאָ אַ חילוק צווישען איהם און האָבס'ען. בעת האָבס לאָזט זיי אַזוי איבער ווי זיי זיינען, זיי זאָלען זיך אַליין אויסמענשלען, באַמיהט זיך קאַנט ווי וויט מעגליך זיי אויסצובעסערען. ער דרינגט טיף אריין אין דער געזעלשאַפט, לעבט מיט איר איבער אַלע חבלי לידה, מאַכט דורך אַלע גלגולים ווי איינער פון דער געזעלשאַפט, און וויל איהר העלפען אַנט־וויקלען זיך, פונקט אַזוי גוט ווי ער וויל זיך אַליין העלפען.

קאַנט שטודירט גרינטלאַך די מענשליכע אַנטוויקלונג און פּראָגרעס. ער זעהט די פאַרגאַנגענהייט פונם מענשען און אויך זיין צוקונפט. ער זעהט דעם מענשען אין זיין חיה'שען צושטאַנד. ער זעהט איהם אַלס באַרבאַר מיט זיינע מלחמה געטער; ער זעהט איהם אַלס יעגער און רויבער — ער פאַלט אָבער ניט אריין

---

*) ניט האָבענדיג די מעגליכקייט זיך צו באַנוצען מיטן אָריגינאַל אין דייטש האָב איך גענוצט פאַר מיין שטודיר־אַרבייט, די ענגלישע איבערזעצונג וואָס איז אַ געלונגענער און פּינקטלאַכער איבערזעצונג.
Emmanuel Kant: "Perpetual Peace", trans. by M. Campbell Smith, Second edition, London 1903.

*) יאָן לאָק (1632־1704) באַרימטער ענגלישער פילאָזאָף און רעפאָרמאַטאָר; געלעבט אין דער עליזאַבעטה־עפּאָכע.

אין קיין פעסימיזם. ער ווערט ניט בעאיינפלוסט פון קיינע פעסימיסטישע שטימונגען. אדרבה, ער זעהט דעם מענש אין זיין אונאויפהערליכען פראָצעס פון אנטוויקלען זיך. ער זעהט זיין ערהאבענע צוקונפט, און דעם איבערבוי פון דער מענשלאכער געזעלשאפט.

אויך די שלום אידעע איז ביי קאנט'ן ניט סתם אן אוטאָפּיע. דאָס איז ביי איהם א מאָראלער פּרינציפּ, וואָס מוז רעאליזירט ווערען. ער האלט אָבער ווי רוסא, אז פריהער מוז מען באזייטיגען די סימפּטאָמען, די שטערער, וואָס לאָזען ניט פארהיילען די וואונדען פון דער קראנקער געזעלשאפט. עס מוז פריהער באַזייטיגט ווערען די מאָנארכיע, וואָס איז אַ שטערונג צו שלום.

כאַראַקטעריסטיש איז זיין גרעניצלאָזע איבערגעגעבענהייט צו דער שלום אידעע. ער האָט געקעמפט פאר א רעפּובליק קעגען דער פּרייסישער מאָנארכיע און ניט פארמאָגט אין זיך קיין פונק פאַטריאָטיזם. דאגעגען שילער אין זיין פּאָעמע „די בראנט פאָן מאססינא" פארהערליכט גאָר קריג*). מערקווירדיג איז אויך העגעלס ענטוזיאזם פאר דער מאָנארכיע, זעהענדיג א שטאטליכען מוסטער אין פּרייסען, אונטער דעם גרויסען פרידריך. העגעל האָט אויך געהאלטען פון דער נויטיגקייט צו פיהרען מלחמה, אויב עס איז אין די אינטערעסען פון לאנד. „מלחמה — דריקט ער זיך ערגעץ אוים — לאָזט איבער די נאַציע שטאַרקער ווי זי איז געווען פריהער. אין שלום ווערט די מענשהייט ווייבעריש און דעגענערירט אין לוקסוס". ער האָט אויך געהאלטען ווי נאפּאָלעאָן, „אַז גאָט איז אויף דער זייט פונם גרויסען באַטאַליאָן".

קאַנט האָט געהאלטען, אַז דאָס אויפהאלטען פון מיליטער ביי זיך אין לאַנד, די אידעע פון מיליטאריזם, איז געפעהרליך פאר דער מענשהייט און דעריבער דארף מען איהר באקעמפען. ער איז אויך ווייט פון אריסטאָטעלס מילדקייט בנוגע מיליטאַריזם, וועלכער האלט, אַז דער צוועק פון מיליטערישער איבונג דארף זיין ניט צו פארשקלאפען אַנדערע נאָר זיך צו פאַרהיטען און פארטיידיגען פון שקלאַפעריי און באַהערשונג. דער לעצטער איז אויך מיט דער מיינונג, אז אימפעריאַליזם האָט אויף אזויפיל א בארעכטיגונג, ווען דאָס איז פארן בענעפיט פון דעם סוביעקט, אָבער ווען מען באדארף באזיגען א רעספּאָטישע מאַכט וואָס פארשקלאַפט און אונטערדריקט אַנדערע.**)

---

* "Die Brant von Messina"
Denn der mensch verkummert in Frieden
Mussige Ruh ist das grab des muth—
Das Gesetz ist der Freund des Schwachen,
Alles will es nur eben machen
Mochte gerne die Welt verflachten;
Aber die Krieg last die Kraft erschteinen
Alles erhebt ihr zum ungenumen
Selten dem Feigen erzengh ir den Muth.

פילע אַנדערע דייטשע פילאזאפען האבען פארהערליכט מלחמה און די מאָנארכיע. פון די ענגלישע איז גענוג באַקאַנט טעניסאָנ'ס און קיפּלינג'ס פּאַטריאָטיזם און זייער עקסטרעמער נאַציאָנאַליזם, וואָס זיי האָבען געזוכט איינצואווארצלען אין דער בריטישער יוגענט און ביי דעם ענגלישען סאָלדאט אָבער וועגען דעם אין מיין עסיי „רודיארד קיפּלינג" באריכות.

* Politics, Bk. IV ch. XIV, Wilson's trans. (in older edition), Bk. VII.

האָבס, ווען ער שרייבט אין זיין „איבער דאָמיניאָן" (קאַפּיטעל 6, ז. 3), אז פרידען איז די נויטיגסטע זאך פאר דער באשיצונג פון דער מענשהייט, איז נאָך אלעמען אויך אן אָנהעגנער פון באוואפנונג, אויב מען צילט דערמיט זיך צו פארטיידיגען פון פרעמדע אָנפאַלען (זע קאַפּיטעל 13). נאָך מער, אין זיין „לויתן" („לעוויאסאן" 1, קאַפּיטעל 14) שרייבט ער גאַנץ אָפען, אז יעדער מענש דארף מאכען שלום פארזוכען, אזוי לאנג ווי ער קאָן האָפען זיי צו פארווירקליכען; אויב אָבער ער זעהט, אז שלום איז נאָך ווייט פון רעאליטעט, אז מען קאָן נאָך ניט דורכפיהרען קיין שלום, מעג ער זיך באנוצען מיט קריג.

האָבס, דער פּראַקטישער און באַלעבאַטישער, וועלכער איז ניט קיין טרוימער, ניט קיין געדאנקען־שאפער, האָט מורא זיך צו פארלאָזען אויף אן אבסאָלוטען פרידען, דאגעגען קאַנט, דער גרויסער אָפּטימיסט, דער גרויסער קאָפּ צו זעהען די ווייטע צוקונפט, האָט זיך איינגעגלויבט אין דער מענשהייט און געהאַלטען, אז זי וועט קענען בייקומען אלע שטערונגען און אלע שטרויכלונגען אויפן וועג פון פרידען.

קאַנט בארירט אלע נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע קאָנדיציעס מיט וועלכע דאָס אָפּשאַפען פון מלחמות איז פארבונדען. אין די צוויי טיילען פון זיין „צום עוויגען פרידען" האָט קאַנט אויפגעבויט א קאָנסטיטוציע, אן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנסטי־טוציע, פאַר א פעדעראַציע פון אלע שטאַטען. אויספאָלגענדיג די דאָזיגע קאָנסטי־טוציע, איז די וועלט געזיכערט פון מלחמה, און פרידען קאָן שוין באהערשען דער מענשהייט.

אין די פילע פונקטען פון זיין קאָנסטיטוציע*) געהען אריין:

„1. קיין שלום אָפּמאכען זאָלען ניט אנערקענט ווערען, אויב זיי זיינען געמאכט געוואָרען מיט באהאַלטענע רעזערוואציעס, פון מאַטעריאַלען, וואָס קאָנען פירען צו א מלחמה . . . פרידענס־אָפּמאכען מוזען געגנצליך ענדיגען קאָנפליקטען . . .

„2. יעדער שטאַט זאָל האָבען פאר זיך אן אונאָפּהענגיגע עקזיסטענץ, זאָל שטענדיג זיין פארבונדען מיט אן אנדער שטאַט אין האנדעלס אויסטויש און אין אַלגעמיינעם פארקער . . . דער שטאַט איז ניט קיין פּאַטרימאָניע (ווירטשאפט־פארמעגען) . . . ער איז א צוזאַמענפארבינדונג פון א געזעלשאַפט איבער וועלכער קיינער האָט ניט דאָס רעכט צו רעגירען.

„3. די שטענדיג אויסגעהאַלטענע ארמייען מיט דער צייט ווערען ליקווידירט, ווייל זיי שטערען דעם וועלט פרידען . . . זיי וואָרענען, סטראַשען און שרעקען מיט מלחמה . . . אנטוואפנונג, אן אבסאָלוטע אָפּשאַפונג פון די ארמייען דארף זיין די פאָדערונג פון יעדען שטאַט.

„4. קיינע נאַציאָנאַלע רעפּאַראַציעס זאָלען ניט ווערען געדעקט, אָדער קאָנ־טראַקטירט, אין פארבינדונג מיט די אויסגאַבען פון שטאַט . . . דאָס דארף באַזונ־דער באַטראַכט ווערען . . . אָנצופרעגען די בירגער וועגען אזא נייעם בודזשעט . . . אפשר זיינען זיי ניט מסכים . . .

*) זע ז. ז. 107־137.

„5. קיין שטאט זאָל זיך ניט מישען אין דער אדמיניסטראציע פון אן אנדער שטאט. דאָס ברענגט צו סקאנדאלען און קאָנפליקטען. יעדער שטאט איז גענוג אונאָפהענגיג ביי זיך, זיינע אינערליכע אנגעלעגענהייטען אליין צו באטראכטען און באשליסען.

„6. אונטערצוזוכען אלע שטאטען, אויב דאַרטען געפינען זיך ניט קיין געהיימע גיפטען און פאַרדארבונגס מאטעריאלען. צו זעהען, אז אין קיין לאנד זאָלען זיך ניט געפינען קיין אויסערגעוויינליך פאַרדארבונגס מיטלען, וואָס איז ניט אין באזיץ פון אנדערע לענדער.

קאנט, ווי מיר זעהען, האָט אין זיינע נעגאטיווע פונקטען ארויסגעבראכט אלע וואָס שטערט דעם פערפעטועלען שלום, פאָדערענדיג אָפצושאפען מיליטאריזם, באוואפנונג, געהיימע אָפמאכען, א.אז.וו.

אינם צווייטען טייל פון זיין ווערק ברענגט ער ארוים גאנץ שאַרף די פּאָזיטיווע קאָנדיציעס וואָס זיינען נויטיג פאר א וועלט-פרידען. ערשטענס, פאַרלאַנגט ער, אז יעדער לאנד זאָל אָפשאפען ביי זיך די מאָנארכיע ווען זי זאָל זיין אן פאַרנעמען די רעפּובליק. ער איז געגען א מאָנארכיע, אפילו ווען זי זאָל זיין אן אוניווערסאלע (דאנטע'ס אידעע). צווישען אנדערעם באהויפּטעט ער, אז ער האָט ניט געפונען קיין צופרידענשטעלענדע מאָנארכיע אויסער די פון אגוסטוס. די מאָנארכיע דריקט קיינמאָל ניט אוים דעם ווילען פון פאָלק און שטעלט קיינמאָל ניט צופרידען די נאציאָנאלע אינטערעסען. ער וויל דורכאוים א קאָנסטיטוציע פון א פאָלקס רעפּרעזענטאציע, וואָס זאָל זיין באזירט אויף פאָלקס גערעכטיגקייט, אויף פרייהייט און גלייכהייט פאר אלע בירגער, אָן אויסנאַם.

צווייטענס פאָדערט ער א פאראייניגונג פון אלע נאציעס אויפן באזים פון קאָאָפּעראציע. ער וויל שאפען א פעדעראציע פון פרייע שטאטען . . . נאציעס זאָלען באהאנדעלט ווערען פונקט אזוי גוט ווי יחידים אין זייער לאנד. יעדער שטאט זאָל זיך אונטערוואַרפען די געזעצען פון אינטערנאציאָנאלער פאַרשטענדעניש. דאָ איז ער אידענטיש צו רוסאָ'ן און האָבס'ען וועלכער האָט אין זיין „לויתן" געהאלטען אין איין וועקען צו פאָרמירען א שטאט פון אלע נאציאָנען, ווי מען רופט עס אין לאטיין „ציוויטאס גענטיום". דאָס, גלויבט ער, וואָלט געמאכט א סוף צו אלע קאָנפליקטען און קריגעריי'ען צווישען נאציעס און לענדער.

אין דריטען ארטיקעל פון זיין קאָנסטיטוציע*) רעדט ער ברייט ארום וועגען די רעכט פונם מענש אלס בירגער פון דער גאנצער וועלט, ווי אזוי דאָס קאָן פּראקטיצירט ווערען, און שלאָגט פאָר צו שאפען אן אינטערנאציאָנאלע שפּראך, דורך וועלכער מענשען פון פאַרשיידענע לענדער זאָלען זיך קענען פאַרשטענדיגען און האָבען א מעגליכקייט צוזאמענצולעבען.

*) דארטען ז. 137

די קאַנדיציעס זיינע פאַר שלום און פאַראייניגונג, זיינע רעכטס געזעצען פאַרן יחיד און פאַר דער נאַציע, זיינען פון גרויס באַדייטונג פאַר דעם פרידענס קאַמף, וואָס די פּראָגרעסיווע וועלט פירט אָן. עס איז אַלעמענס אויפגאַבע זיך צו באַקענען מיט קאַנט'ס פילאָזאָפיע איבער מלחמה און פרידען, מיט זיינע גרונדלאַגעס און באַהויפּטונגען, ווייל זיי זיינען נוצליך פאַרן היינטיגען ראַדיקאַלען מענשען. זיי זיינען אמת'ן, וואָס וועלען קיינמאָל ניט אָפּגעלייקענט ווערען. שטודירענדיג אַלע ווערק, אַנאַליזירענדיג אַזעלכע געדאַנקען, שאַפט זיך פאַר אונז דאָס אמת'ע בילד פון אימפּעריאַליזם און זיינע שטרעבונגען. עס ווערט קלאָר פאַר אונז די אויפגאַבע פאַר וועלכער מיר דאַרפען קעמפען. מיר באַקומען דעם פולען באַוואוסטזיין פון פאַרשטעהען זיך, די נאַציע און די גאַנצע וועלט. מיר וויסען ערשט אויף וואָס פאַר א געפערליכען וועג מיר געפינען זיך, און ווי אַזוי זיך אַרויסצופּלאָנטערען פון די געפאַרען וואָס לויערען אויף אונז און אויף אונזערע קינדער.

3. די פרידענס קאָנגרעסען ביז דער לעצטער וועלט מלחמה.

די געשיכטע דערצעהלט אונז פון פאַרשיידענע מלחמות, זי דערצעהלט אונז אויך פון פרידענס אָפּמאַכען און קאָנגרעסען, צו זיכערען דעם שלום. סטיכיש, און אפשר באַוואוסטזיניג, האָט זיך אונטער די פאַרשיידענע פאָזען פון לעבען געשאַפען א דראַנג נאָך פרידען, נאָך פאַרשטענדניש צווישען נאַציעס.

אין די מוזעאומס און די ארכיוו־אוצרות געפינען מיר גענוג מאַטעריאַלען פון פאַרשיידענע אָפּמאַכען ביי די עגיפּטער, פּערסיאַנער, גריכען און רוימער. אין איינעם פון אַזעלכע אָפּמאַכען ביי אַלכינעס, געפינען מיר א רעקאָרד פון אַן אָפּמאַך צווישען פעלקער, וועלכע האָבען צווישען זיך באַשלאָסען פאָלגענדעס:

„מיר וועלען ניט מאַכען חרוב קיין שטאָט פון די אַמפיקטאָנס, ניט אָפּשניידען די לויפענדע וואַסערען אין פאַל פון מלחמה אָדער אין פרידען. אויב איינער וועט ברעכען זיין שבועה וועלען מיר זיך שלאָגען מיט איהם און חרוב מאַכען זיינע שטעט. אויב א מיטגליד וועט צונעמען גאָט'ס פאַרמעגען אָדער אפילו ער וועט נאָר העלפען צו אַזא פּלאַן, וועלען מיר איהם באַשטראָפען מיט עסען, מיר וועלען בינדען זיינע הענט (אַרעסטירען) און אויסנוצען אונזער גאַנצען כח אים צו באַקעמפען".*)

דער היסטאָריקער לעווי ברענגט פאַרשיידענע רעקאָרדען פון די לאַטיינישע ליגעס אין אַלטערטום, וועלכע האָבען געשיקט בריף צווישען זיך וועגען אַלגעמיינע קאָנפערענצען פון עטרוריע אין טעמפּעל פון וואָלטומא. דרייסיג שטעט האָבען געהערט צו דער ליגע וואָס האָט זיך נאָך געצויגען ווי א טראַדיציע פון אַלבאַ דער עלטסטער פון די לאַטיינישע קאַנטונען. מאָמזען דערצעהלט אונז: די פאַר־

* The False Legation, 11, 115.

זאמלונג פון די ליגעס איז פארדעכענט געוואָרען אלס א נאציאָנאלער (בעסער געזאָגט אינטערנאציאָנאלער) יום־טוב. מען איז אַרויף אויף דעם בארג אשבא, דאָרט געוועז איבער א טאָג, געפייערט דעם יום־טוב מיט אלע רעליגיעזע צערע־מאָניעס, מען האָט מקריב געוועז אן אקס לכבוד דעם לאטייניזען גאָט יופיטער, און פארבראכט אין דעם גרעסטען עקסטאז און התלהבות.

אין אָנהויב פון זיבעצעהנטען יאָרהונדערט, אין סאמע ברען פון דער רענע־סאנס עפּאָכע, האָט דער באַרימטער יוריסט, הוגא פאָן גראטיוס, געלייגט דעם פונדאמענט פון אוניווערסאלען געזעץ*), א געזעץ פאר אלע מענשען און נאציאָ־נען, פאר אלע ראסען און רעליגיעס; א געזעץ וואס זאָל זיין פריי אונאָפּהענגיג פון וועלכע ניט איז רעליגיעזע אונטערשיידען. שאפענדיג דעם נייעם געזעץ איז גראטיוס געוועז זיכער, אז דאָס וועט פיל העלפען אין דער שאפונג פון נענטערע באציהונגען צווישען פעלקער און ראסען.

גראטיוס' ווערק ווערט דעריבער פארדעכענט אלס דאָס ערשטע, און פון די בעסטע, אויפן געביט פון אינטערנאציאָנאלער פארשטענדעניש. ער איז געוועז דער ערשטער אָפּצוטיילען דעם שטאַט פון דער קירכע און געהאַט פיל ערפאָלג אין אויפקלערען דער דעמאָלטדיגער וועלט, אז דער שטאַט קאָן ניט צוטיילט ווערען צוליב רעליגיעזע אינטערעסען. ער איז אויך געוועז דער ערשטער צו באווייזען די שרעקליכע עולה וואס פעלקער באגעהען אין באשטימען גרעניצען ביי זיך אין לאנד, ניט לאָזענדיג קיינעם איבערטרעטען, אפילו ווען דאָס איז נויטיג פאר דעם וואוילזיין פון דער באפעלקערונג. ער האָט געהאלטען, אז גרעניצען דארפען זיין אָפען פאר האנדעלס צוועקען, און פארן מענשליכען פארקעהר.

ארויסקומענדיג פון די חורבות פונם אַלטען פעאָדאלען סיסטעם, פון שקלאפען סיסטעם און לייב אייגענטום, איז אנטשטאנען דער מאָדערנער שטאַט, אלס פרייער פּאָליטישער שטאַט, וואס איז אונאָפּהענגיג פון וועלכער ניט איז רעליגיע אָדער קירכע. עס איז אויך א ביסעל אָפּגעשוואכט געוואָרען די ממשלה פון קעניגע. עס האָט זיך אָנגעהויבען שאפען א קאפּיטאליסטישער שטאַט, מיט א מאָדערנער אינדוסטריעלער אויפלעבונג. עס איז אויך באלד געבוירען געוואָרען זיין צווילינג־ברודער דער אימפעריאליזם — דער קאפּיטאליסטישער שטאַט האָט זיך געוואָלט אויסברייטערען אין רוים און אין הויך. די קאָנפליקטען און קאמפען זיינען דעריי־בער נאָך מעהר פארשארפט געוואָרען. אנשטאַט די פריהערדיגע קליינע מלחמות צווישען קעניגע און קליינע פעלקער, זיינען איצטער געקומען מלחמות פון א גרויסען פארנעם. מלחמות, וואס האָבען געשטעלט אין געפאר די גאנצע עקזיסטענץ פון קלענערע מלוכות. די דאָזיגע געפאַרען האָבען געבראכט דערצו, אז פעלקער זאָלען זיך אָנהויבען וואָס מער פאראינטערעסירען אין אינטערנאציאָנאלע געזעצען אין אינטערנאציאָנאלע אָפּמאכען, דורך וועלכע מען זאָל קאָנען צווימען דעם דראנג צו מלחמה.

* "De Jure Belli ac Pascis"—1625.

„דער געזעץ פון מלחמה און שלום" דער ערשטער בוך וועגען אינטערנאציאָנאלען געזעץ, וואס איז ערשינען אין צפון אייראפּע.

איינער פון די בארימטע אינטערנאציאָנאליסטען אין 18־טען יאָהרהונדערט, ריכארד קאדען*) איז ארוים מיט פובליציסטישע ווערק און מיט לעקציעס צו פאָפולאריזירען דעם געדאנק פון פרייען האנדעל, און פאר דער שאפונג פון א הארמאָניזירטער מענשהייט. ער האָט געקעמפט געגען אינטערווענציע פון איין לאנד אין צווייטען, געגען אונטערשייד פון ראסע אָדער נאציע; ניט ווייניגער האָט ער געקעמפט פאר מענשלאָכער קאָאָפעראציע און פאראייניגונג. מערסטענס האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט ליבעראליזם און חוש פאר גערעכטיגקייט. דאָס ווייסען מיר פון זיינע בריף צו א געוויסען אמעריקאנער פאָליטיקער, סאָממערס, וועלכער האָט געשפּילט א גרויסע ראָלע אין צייט פון אמעריקאנער בירגער קריג. קאדען איז געווען בעאיינפלוסט פון די פריהער דערמאָנטע פילאָזאָפישע ווערק און ער האָט געוואָלט זיי פּראקטיצירען אין דער מענשלאָכער געזעלשאפט.

ביז'ן נײַנצענטען יאָהרהונדערט האָבען אָבער קיינע אינטערנאציאָנאלע אָפּמאכען ניט געטראָגען קיין אָרגאניזירטען כאראקטער. זיי האָבען אויך ווייניג־וואָס אויפגעטאָן פאר דער שאפונג פון א מענשליכער פארשטענדניש צווישען נאציעס און מלוכות. די דינאסטיעס זיינען געשטאנען אין וועג, און די דעמאָלט־דיגע מענשהייט איז נאָך ניט געווען גענוג דערוואקסען צו אזעלכע אָפּמאכען.

דער ווינער קאָנגרעס אין יאָר 1815 איז געווען דער ערשטער אין דער געשיכטע פון אייראָפּע, ווען אייראָפּייאישע גרוים מעכטע זיינען צוגעטראָטען לייגען דעם פונדאמענט פון פרידענס אָפּמאכען. שפּעטער זיינען פאָרגעקומען אונצעהליגע אזעלכע קאָנגרעסען, וועמענס כאראקטער האָט געטראָגען לפנים א פרידענס־כאראקטער. זיי זיינען אָבער אויסגענוצט געוואָרען פאר אנדערע צוועקען. געצילט האָבען די פאראייניגטע צו שטארקען איינער דעם צווייטען אין צייט פון עראָ־בערונג, פון אוזורפּאציע פון פרעמדער טעריטאָריע. דער אָרגאניזירטער פאסיפיזם אָלס א מאָניפעסטאציע פון פרידענס־ווילען, איז ווידער באטריבט געוואָרען ווי פריהער, און איז אויסגענוצט געוואָרען פאר די אימפעריאליסטען און מלחמה צינדער, וועלכע האָבען אין צייט פון מלחמה געלאכט דעם מענשען אין פנים אריין, שיקענדיג אים אויף די שלאכטפעלדער, זיך צו שלאָגען מיט זיין מיט־מענש. כדי אים צו פארטיידיגען; כדי אים מיט זיין פארמעגען צו פארהיטען . . .

דער אָרגאניזירטער פאסיפיזם, האָט אָנגעהויבען מאניפעסטירען זיין טעטיג־קייט אָלס באוועגונג ערשט אין דער צווייטער העלפט פונם 19־טען יאָהרהונדערט, ווען עס איז שוין געווען צוגעגרייט דער באָדען פאר אזא אָרגאניזאציע.

אין מיטן פונם פארגאנגענעם יאָרהונדערט, איז די וועלט פארפלייצט געוואָרען פון פארשיידענע ווערק, וועגען די שלום פּראָבלעמען ביי דער מאָדערנער מענש־הייט. גרעסערע און קלענערע ווערק, בראָשורען, פאמפלעטען, אויף דער טעמע, זיינען געשריבען געוואָרען פון די דעמאָלטדיגע בארימטסטע שרייבער פון אייראָפּע און אמעריקע.

* J. A. Hobson, Richard Codden—The Internationalist, man.—1918.

אומעטום אין אלע לענדער האָט אָנגעהויבען אריינדרינגען די פּאַסיפיסטישע אידעע פון פעלקער פאַרברידערונג. פאַרשטענדליך, אז די שלום אָרגאַניזאַציעס זיינען נאָך געווען סעקטאַנטיש, ניט טראָגענדיג קיין מאסען כאַראַקטער און ניט האָבענדיג קיין קאָנקרעטען פאָרם. מען האָט זיי געהאַלטען פאַר אוטאָפּישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט זאַכען, וואָס זיינען ניט מעגלאַך צו פאַרווירקליכען און קאָנען ניט אריינגעפּאַסט ווערען אין דער פּראַקטישער וועלט. זייערע פאָדערונגען, זייערע אָנווייזונגען, אויף דער שרעקליכקייט פון מלחמה, זיינען אָבער געגוג ענליך צו די פון אונזער צייט.

אין יוני 1843 איז אין לאָנדאָן פאָרגעקומען א גענעראַלער שלום קאָנגרעס, וואָס האָט געטראָגען אַ דורכאויס אינטערנאַציאָנאַלען און אינטערעסאַנטען כאַראַקטער. דער קאָנגרעס איז געפירט געוואָרען אונטערן פּאָרזיץ פון טשאַרלס הענדלעי, אַ פּאַרלאַמענט מיטגליד, און פּרעזידענט פון דער בריטישער שלום געזעלשאַפט. עס האָבען זיך דעמאָלט באַטייליגט אינם קאָנגרעס 324 דעלעגאַטען פון פאַרשיידענע לענדער. פון אמעריקע זיינען געווען אַנוועזענד 26 דעלעגאַטען.

דער קאָנגרעס האָט זיך אויסגעצייכענט אין אימפּאָזאַנטקייט, אָנהאַלטענדיג דריי טעג און דריי נעכט, און געבענדיג אַ געלעגענהייט יעדען רעדנער, ער זאָל קאָנען אָנווייזען אויף דער נויטווענדיגקייט פון פאַרשטענדיגונג צווישען פעלקער, און אויף דעם מצב פון זייערע לענדער. די רעזאָלוציע פון דעם דעמאָלטדיגען קאָנגרעס, האָט אפּעלירט צו אַלע פעלקער, קלאַסען און שיכטען, זיך צו פּאַראינ־טערעסירען און העלפען בויען דער פרידענס־געזעלשאַפט. אין דער דאָזיגער ארבייט זיינען אריינגעצויגען געוואָרען די באַרימטסטע שרייבער און פּובליציסטען. די אָנפירער פון דער דאָזיגער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג, וועלכע האָבען זיך בלב ונפש אריינגעלאָזט אין דער דאָזיגער נאָבעלער ארבייט זיינען געווען ריטשאַרד קאָבדען, טשאַרלס סאָממער, דער באַוואוסטער אמעריקאַנער שרייבער, בעקוויט בורדיט, טשאַרלז הענדלעי א. א.

אין יאָר 1867 איז אין גענף (שווייצאַריע) פאָרגעקומען דער באַרימטער קאָנגרעס פאַר שלום און פרייהייט. צו דעם קאָנגרעס זיינען געקומען נאָך מער דעלעגאַטען ווי צום פריהערדיגען, ניט נאָר פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס האָבען געשיקט זייערע פאָרטרעטער, נאָר כמעט אַלע דעמאָקראַטיש־ליבעראַלע רעגירונגען, האָבען געשיקט דעלעגאַטען צו דעם דאָזיגען קאָנגרעס, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע מער ניט צו דערלאָזען קיין מלחמות צווישען פעלקער.

צו דעם קאָנגרעס איז אויך געקומען מיכאאיל באַקונין, דער באַרימטער רוסישער רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט געפּריידיגט די אידעע פון אַנאַרכיזם — די פולשטענדיגע באַזייטיגונג פון אויטאָריטעט און מאַכט, און אַגיטירט פאַר דער אָפּליקענונג פון בירגערלעכקייט, וואָס דאַרף פאַרביטען ווערען אויף דעם פרייען מענש און קאָלעק־טיווען אייגענטום; אָפּצושאַפען יעדען סאָרט מלוכה.

באַקונין האָט דעמאָלט געהאַט געשאַפען זיין „אינטערנאַציאָנאַלע ברידער־שאַפט". ער האָט זיך געהאַט גענומען ווערבירען מיטגלידער פאַר זיין אָרגאַניזאַציע,

און נעטראכט, אז דאָ וועט ער געפינען דאָס פּאַסיגסטע אָרט צו פאַרשפּרייטען זיינע אידעען. ער האָט דעריבער ניט געוואָלט דורכלאָזען די דאָזיגע געלעגענהייט, און אויפן צווייטען טאָג פון קאָנגרעס האָט זיין מעכטיגע שטים פון דער טריבונע געדונערט איבערן זאַל און גערעדט האָט ער וועגען זאַכען וואָס האָבען אַלעמען אויפגעצייטערט. דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבען האָבען די אייראָפּייאישע דעמאָקראַטען, ליבעראַלען און פּאַסיפיסטען געהערט אַזעלכע שרעקלאַכע ווערטער ווי „אָפּשאַפען די מלוכה סיסטעם" אָדער „אָפּשאַפען דאָס פּריוואַטע אייגענטום און איינשטעלען אַ פרייע געמיינשאַפט פון פרייע מענשען".

זיי זיינען אויפגעשוידערט געוואָרען פון אַזעלכע געוואָגטע ראַדיקאַלע געדאַנקען און האָבען מורא געהאַט, צו שענקען זיי אויפמערקזאַמקייט. זיי האָבען באַקונינ'ען אפילו ניט ריכטיג אויסגעהערט, ווייל זיי האָבען זיך געשראָקען, טאָמער וועלען זיינע ווערטער האָבען אַן איינפלוס אויף זיי; טאָמער וועלען זיי צווייפלען אין דער נויטיגקייט פון אַ מלוכה־סיסטעם.

באַקונין איז פונם קאָנגרעס אוועק אַן אַנטוישטער. די צייט איז נאָך צו פריה, צו רויה געווען פאַר אַזעלכע געדאַנקען, מיט וועלכע ער האָט זיך אַרומגעטראָגען. ער האָט אויך איינגעזעהען, אַז די בירגערליכע דעמאָקראַטען וועלען קיינמאָל ניט מסכים זיין מיט זיין פּראָגראַם, ער האָט געזעהען, אַז ער וועט ניט קאָנען קאָאָפּערירען מיט דער „ליגע פאַר שלום און פרייהייט" און זיך אינגאַנצען דערווייטערט פון איהר.

נאָך דער פראַנצויזיש־פּרייסישער מלחמה (1870־71) איז דער געדאַנק פון אינטערנאַציאָנאַליזם, געוואָרען פּאָפּולער איבער גאַנץ אייראָפּע. אפילו גאָר אויפריכטיגע שטאַטסלייט האָבען אָנגעהויבען גלויבען, אַז כדי צו לייזען די מלחמה פראַגע, איז נויטיג אַן אינטערנאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט אויסגלייכען סכסוכים צווישען לענדער. דער פּאַציפיזם האָט וואָס אַמאָל מער אריינגעדרונגען אין די רעגירונגס און פּאַרלאַמענט קרייזען. אין די אַקאַדעמיעס און אין די אוניווערסיטעטען, האָט מען אָנגעהויבען שטודירען און דיסקוסירען די דאָזיגע פראַגען.

ניט קוקענדיג דערויף, וואָס שוואַרצע וואָלקענס האָבען זיך געהאַט פאַרשפּרייט פון צייט צו צייט אויפן מענשליכען האָריזאָנט, האָט אָבער די פרידענס־באַוועגונג באַקומען אַלץ מער אָנהענגער. די אידעע פון „אוניווערסאַלען פרידען" איז געוואָרען אַ פּאָלקס אידעאַל. אינטערנאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס אין אַלע לענדער האָבען אָנגעהויבען טראָגען אַ מאַסען כאַראַקטער און געוואַקסען פון טאָג צו טאָג.

דער נייינצעהנטער יאָרהונדערט האָט זיך געענדיגט מיט 425 פרידענס אָרגאַניזאַציעס איבער דער וועלט, וועמענס אַבזיכט איז געווען ניט צו דערלאָזען קיין מלחמות און צו שטאַרקען דעם שלום געדאַנק ביי דער מענשהייט. דענעמאַרק האָט פאַרמאָגט 94 אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס; אין דייטשלאַנד האָבען זיך נעפונען 72 אַזעלכע געזעלשאַפטען. אין גרויס בריטאַניע האָבען עקזיסטירט 46 אָרגאַניזאַציעס,

אין נאָרוועגיע האָבען פונקציאָנירט 38 אָרגאַניזאַציעס און אין שווייצאַריע — 26. צו קלענערע צאָלען פון אַזעלכע געזעלשאַפטען האָבען זיך געפינען אין פראַנקרייך — 16 און די פאַריייניקטע שטאַטען — 15, אין איטאַליע — 13, אין עסטרייך און האָלאַנד צו 9, אין רוסלאַנד, אונגאַרן, בעלגיע און פאָרטוגאַל — 15, און דריי אין יאַפּאַן און אויסטראַליע.

לויט דער סטאַטיסטיק זיינען ביים אָנהויב פון צוואַנציגסטען יאָרהונדערט, פאַרצייכענט געוואָרען 315 פרידענס אָפּמאַכען, וועלכע האָבען פיעל וועניג געהאָלפען אין דער אַנטוויקלונג פון פרידען איבער דער וועלט. עס איז געלייגט געוואָרען, אַזוי צו זאָגען, דער באָדען פאַר אַ פעלקער ליגע פון פרידליכער און ברידערליכער פאַרשטענדיגונג פון פעלקער. דער באַרימטער האַאַגער קאָנגרעס אין יאָר 1907, איז אַרויסגעקומען מיט פּאָזיטיווע מעשים לטובת דעם וועלט פרידען. דער אָפּמאַך צווישען די פעלקער, וואָס איז ראַטיפיצירט געוואָרען ביי יענעם קאָנגרעס, האָט אָנגעהאַלטען ביזן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, ביז׳ן יאָהר 1914.

מיטן אויסברוך פון דער וועלט מלחמה, ווען די גאַנצע וועלט איז מאָביליזירט געוואָרען פאַר די אַרמייען, האָט יעדער איינער געמיינט, אַז די גענעראַלען האָבען שוין געגעבען אַ טויט־קלאַפּ די פרידענס־אָרגאַניזאַציעס, אַ פעסימיזם האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט, מיינענדיג אַז מען האַלט שוין ביים ראַנד פון אונטערגאַנג. אין אמת׳ן אָבער, איז די טענדענץ פאַר פרידען אין צייט פון מלחמה נאָך מער געשטאַרקט געוואָרען. אויף אַ גאָר אינטענסיווען אופן האָבען אין געהיים געאַרבייט פאַרשיידענע קערפּערשאַפטען, כדי אָפּצושטעלען די מלחמה אויף אייביג, און צו פאַרגלייכען די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטען אויף אַזאַ וועג, אַז זיי זאָלען שוין מער קיינמאָל ניט אַרויסרופען קיין קריג.

ניט נאָר מענער האָבען אין צייט פון קריג געאַרבייט פאַר פרידען. אויך פרויען זיינען ניט געווען הינטערשטעליג, אין זייער ענערגישער אַרבייט פאַרן וועלט פרידען.

אין יאָר 1915 האָבען די פרויען אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ אין האַאַג צו אָרגאַניזירען אַן אינטערנאַציאָנאַלען פרויען בונד פאַר שלום און פרייהייט. אויפן קאָנגרעס (וואָס איז פאָרגעקומען דעם 18־טען אַפּריל) זיינען געווען אַנוועזענד 1100 פרויען פון 12 פאַרשיידענע לענדער. די פונקטען פון זייער פראָגראַם זיינען געווען אַזוי וויכטיג און אינטערעסאַנט, אַז רעגירונגען אין אייראָפּע און אמעריקא זאָלען זיי באַהאַלטען אין זייערע אַרכיוון. פרעזידענט ווילסאָן האָט דריי מאָנאַטען נאָכן קאָנגרעס זיך אויסגעדריקט אין אַ געשפּרעך מיט דער קלוגער דזשעין אַדאַמס: „איך האָב שטודירט אַלע רעזאָלוציעס אייערע; און איך באַטראַכט זיי אַלס די בעסטע וואָס זיינען ווען פאָרמולירט געוואָרען פון וועלכער עס איז אַסאָציאַציע”. אין זייער פּראָגראַם איז אַריין אַ סך פון די 14 פונקטען, וואָס פּרעזידענט ווילסאָן האָט געפאָדערט ביים שליכטען דעם וועלט־קריג, און ביים אײנדאָרסירען דעם געדאַנק פון שאַפען אַ פעלקער בונד, וואָס איז פאַרווירקליכט געוואָרען אין 1919, אַלס הויפּט־באַדינג פונ׳ם ווערסאַילער פרידענס אָפּמאַך.

ריזיגע, קאָלאָסאַלע שוועריגקייטען זיינען געלעגען אויפן וועג פון דער באַשאַפונג פון אַ פעלקער ליגע. אַ ליגע איז דאָך געשאַפען געוואָרען! ווייל עס איז געווען דער רצון דערצו. דער „פּראָיעקט פון אייביגען פרידען", פּיערד'ס, רוסאָ'ס, און קאַנט'ס פאָרשלאָגען פאַר אַ וועלט פרידען, האָבען אָנגעהויבען באַקומען אַ קאָנקרעטען פאָרם און איז געשטאַנען ביים שוועל פון פאַרווירקליכונג.

די מאָנאַרכיע איז אָפּגעשאַפט געוואָרען. דעמאָקראַטישע רעפּובליקען זיינען איינגעשטעלט געוואָרען, און עס האָט זיך אַנטוויקלעט אַ באָדען פאַר דערמעגליכען אַ פאַראייניגטע אייראָפּע, בעסער געזאָגט, אַ מעגליכקייט צו פאַראייניגען אַלע ציוויליזירטע לענדער. מען האָט געמיינט, אַז מען האָלט שוין קרוב צו דער גאולה, אַז די מענשהייט ווערט באַפרייט . . .

די וועלט איז געווען אין פולען עקסטאַז פונם געשלאָסענעם שלום. זי איז געווען אַנטוישט פון די מלחמה־רעזולטאַטען און האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון מלחמות. אַזוי שנעל אָבער ווי זי איז געקומען צו זיך, ווי זי האָט זיך באַרוהיגט, האָט זי שוין געהאַט פאַרגעסען פון דער שרעקלאַכקייט און גרויליכקייט פון מלחמה און גענומען זיך באַוואָפענען און גרייטען צו נייע מלחמות. די גענעראַלען און קריגערישע שאָוויניסטען האָבען זיך פאַר אַ ווײַלע אָפּגערוהט און ווידער זיך גענומען צו דער אַרבייט, ניט רעכענדיג זיך מיט דער פעלקער ליגע אָדער מיט דעם געוויסען פון די פעלקער, וועלכע שטעלען צוזאַמען די ליגע. פאַרוואָס? פאַרוואָס האָבען זיי זיך גאָר ניט געשראָקען פאַר דער פעלקער ליגע? ווייל דער פונדאַמענט אויף וועלכען דער גאַנצער בנין איז געבויט געוואָרען, איז געווען אַ שוואַכער, אַ פאַלשער. האָבען דען די פעלקער געמיינט טאַקע צו שאַפען אַ סופּערשטאַאַט וואָס זאָל קאָנטראָלירען אַלע שטאַטען? האָט דען די ליגע באַקומען פולע רעכט צו קאָנטראָלירען אַלע לענדער און זייער באַוואָפנונג? און האָט די ליגע געגעבען גלייכע רעכט צו אַלע אירע מיטגלידער? האָט זי נישט געמאַכט קיין אונטערשיידען צווישען גרעסערע און קלענערע מעכטע. ווי מיר וועלען ווייטער (אין קומענדען קאַפּיטעל) זעהן, האָט די ליגע ווייט ניט ערפילט איר אויפגאַבע, און דעריבער האָט זי פאַרלוירען איר פּרעסטיזש און באַדייטונג.

קאפיטעל 7

דער וועלט-קריג און זיינע רעזולטאטען

1. די דראמע וועלט־מלחמה.

די טראגישע דראמע פון דער לעצטער וועלט־מלחמה האט זיך אנגעהויבען דעם 24־טען יולי, 1914 און זיך געענדיגט דעם 11־טען נאוועמבער, 1918.

דער פראלאג פון דער דראמע הויבט זיך אן מיט דעם מארד פון דעם עסט־רייכישען פרינץ פראנץ יוזעף מיט זיין פרוי אין דער סערבישער הויפט־שטאט סעראיעווא, דעם 23־טען יוני, וואס האט אויפגעשטורעמט דער גאנצער וועלט. עסטרייך האט חושד געווען סערביע אין קאנספיראציע, אז די סערבישע רעגירונג זאל געווען האבען א האנט אין דעם. זי האט דעריבער געוואלט נעמען ראכע, א תל מאכען פון סערביע. זי איז געשטיצט געווארען פון דייטשלאנד, וועלכע איז זיך געקומען אננעמען עסטרייכ׳ס קריוודע, בעת רוסלאנד איז זיך געקומען אננע־מען די קריוודע פון איהר ליב־קינד סערביע.

ביז׳ן 23־טען יולי האט עסטרייך אלץ געפירט אונטערהאנדלונגען מיט דייטשלאנד וועגען דעם אינצידענט. דער דייטשער אמבאסאדאר אין וויען האט געפירט די אונטערהאנדלונגען און אויך אויסגעארבייט דעם פלאן פאר קאאפער־ראציע און ענגען צוזאמענבונד צווישען די צוויי לענדער. קייזער ווילהעלם האט געהעצט צו מלחמה, ווייל ער איז געווען זיכער אין זיין זיג, אז עס וועט איהם געלינגען צו באהערשען איראפע.

דעם 23־טען יולי האט עסטרייך איבערגעשיקט איר שטרענגען אולטימאטום צו סערביע, לויט וועלכען סערביע איז געהאלטען געווארען פאראנטווארטליך פארן אטענטאט. דער אולטימאטום, וואס איז געווען אונטערגעשריבען פון גראף בערכ־טאלד, דעם דעמאלטדיגען פרעמיער און אויסערן מיניסטער, האט ארויסגעשטעלט צען פאדערונגען און די ערשטע פאדערונג איז געווען, אז די סערבישע רעגירונג זאל אין איהר אפיציעלען ארגאן זיך דערקלערען שולדיג, און אז דער מארד איז א רעזולטאט פון דער פראפאגאנדע קעגען עסטרייך־אונגארן. סערביע האט אויך געדארפט פארזיכערען, אז אויף ווייטער וועט די אגיטאציע ווערען דערשטיקט און אונטערדריקט. מען האט דערויף געגעבען צייט צו ענטפערען נים שפעטער ווי דעם 25־טען, וואס איז דעמאלט אויסגעקומען שבת.

מיט דריי טעג שפעטער, דעם 28־טען האט שוין די עסטרייך־אונגארישע רעגירונג דערקלערט קריג געגען סערביע. דער אמביציעזער גראף בערכטאלד, וועל־כער האט געמיינט, אז עס וועט איהם אזוי לייכט אנקומען צו פארניכטען סערביע, און מיט איהר פארגרעסערען די עסטרייכישע אימפעריע, האט דורך זיין קורצזיכ־טיגער פאליטיק א רייב געטאן דעם שוועבעל פון דער פלאם־פיערדיגער איראפע, וועלכע האט זיך בליץ־שנעל אנגעצונדען.

פערצען גרויסמעכטע זיינען באלד אריינגעשלעפט געוואָרען אין שלאַכט: פיר אויף איין זייט — דייטשלאַנד, עסטרייך־אונגארן, טערקיי און בולגאַריע; אויף דער אַנדערער זייט: סערביע, רוסלאַנד, בעלגיע, פראַנקרייך, גרויס־בריטאַניע, יאפּאַן*), איטאַליע, פּאָרטוגאַל און מאָנטענעגראָ. די באַפעלקערונגען פוןביידע זייטען האָבען זיך גערעכענט: 160 מיליאָן ביים ערשטען צד און איבער 800 מיליאָן ביים צווייטען צד.

די שלאַכט האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצען ערד קוגעל. מען האָט זיך געשלאָגען אין פראַנקרייך, בעלגיע, עלזאַס לאָטרינגען, פּוילען, גאַליציע, קאַווקאַזער געגענט, מעסאָפּאָטאַמיע, פּערסיע, ביים סועץ קאַנאַל און אין אַנדערע לענדער. דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען ניט ווייניגער אין אַפריקאַ, אין אויסטראַליע (ביים אַרקטישען ים) ווי אין אייראָפּע. מיט די ערגסטע אכזריות'דיגע מיטלען האָט מען געפיהרט דעם קריג, און ווילעכען די מענשהייט האָט פאַרלוירען פערציג מיליאָן מענשען־קרבנות, זיך שלאָגענדיג אויף און אונטער דער ערד — עס איז דעמאָלט געווען „מן השמים נלחמו הכבבים במסלותם“ . . .

דער ערשטער שאָס צווישען עסטרייך און סערביע איז אָפּגעפייערט געוואָרען דעם 29־טען יולי נעבען בּעלקאַ. די סערבען האָבען דעמאָלט פאַרלוירען 800 סאָלדאַטען און די עסטרייכער צוויי הונדערט. עסטרייך האָט באַלד פאַרכאַפּט בעלגראַד. רוסלאַנד, די אַזוי גערופענע שיצערין פון די סלאַווישע ראַסען, איז באַלד געקומען צו הילף די סערבען; דייטשלאַנד — די עסטרייכער; און די מלחמה האָט זיך צופלאַקערט.

עס האָבען שוין מער ניט געהאָלפען קיינע אונטערהאַנדלונגען וועגען שלום. אַלע האָפנונגען אויף פרידען זיינען געוואָרען אויסגעלאָשען. עס האָבען שוין ניט געהאָלפען קיינע אַנטי־מלחמה דעמאָנסטראַציעס און אַנטי־מלחמה פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז באַלד אונטערדריקט געוואָרען. יעדער ערלאַכער פּאַסיפיסט האָט ריזיקירט מיט זיין לעבען, אויב ער איז אַרויסגעקומען מיט לשון קעגען די מלחמה צינדער.

אין יענער צייט (דעם 31־טען יולי) איז אין פראַנקרייך דערמאָרדעט געוואָרען דער באַרימטער סאָציאַליסט און קעמפער פאַר שלום זשאַן זשאָרעס. ער איז געפאַלען אַ קרבן פאַר זיין שאַרפער קעגנערשאַפט קעגען מלחמה. אין אַ שטילערער צייט וואָלט זיין טויט געמאַכט דעם גרעסטען רושם אין דער וועלט. דעמאָלט האָט מען עס באַלד פאַרגעסען. דאָס דונערן פון די האַרמאַטען פון אַלע זייטען, האָט פאַרהילכט די שרעקליכע בשורה.

זשאָרעס' מאָרד איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון זיין ליידענשאַפטליכען קאַמף, אין יענע קריטישע טעג, קעגען מלחמה. מיט זיין גאַנצען ברען האָט ער זיך דעמאָלט אריינגעוואָרפען אין דער אַרבייט אויף צו דערהאַלטען דעם פרידען. די שאָוויניסטישע פּרעסע פון פראַנקרייך האָט אָנגעפירט געגען איהם אַ מערדע־

*) יאַפּאַן האָט זיך אָנגעשלאָסען אין בונד מיט די עליים און אַרויס אין קריג דעם 23־טען אויגוסט 1914; נאַכהער האָט זי פאַראַטען די עליים און געשלאָסען אַ בונד מיט דייטשלאַנד—עסטרייך־אונגארן. — נ׳ ש.

רישע העצע, אים געשטעמפּעלט אלס פיינט פון פראַנקרייך, און געגעבען אַנצוהערען די פראַנצויזישע פּאַטריאָטען, אז מען דאַרף זיך אָפּרעכענען מיט דעם דאָזיגען „געמיינעם פאררעטער״.

די העצע האָט געבראַכט די געוואונשענע רעזולטאַטען: זשאָרעס׳ לעבענס פאָדים איז איבערגעריסען געוואָרען . . . מיט זיין טויט האָט די וועלט דעמאָלט פארלוירען איינעם פון אירע בעסטע זין, מיט אויסערגעוויינליך מוטיגע כחות, א גרויסען דענקער, און א גרויסע פערזענליכקייט.

רעדענדיג וועגען זשאָרעס׳ן, איז כדאי צו דערמאָנען דעם טעות פון אַנדערע סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען געגלויבט די נביאות פון שלעכטע פּאָליטיקער, וואָס האָבען געהאַלטען אין באַטאָנען, אז די וועלט איז ניט אימשטאַנד צו פיהרען מלחמה, אז די מלחמה וועט ניט אָנהאַלטען. געוועזען אויך אַזעלכע סאָציאַליסטען, וואָס האָבען געמיינט, אז עס וועט ניט געלינגען די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען צו געווינען די מאַסען פאַר מלחמה, און דעריבער האָבען זיי זיך גאָר ניט אָנגע־שטרענגט צו פאַראייניגען דעם ארבייטער קלאַס קעגען מלחמה. דער פאַקט איז געוועזען, אז נאָכן ערשטען שאָס, האָט מען שוין די מלחמה עפּידעמיע ניט געקאָנט קאָנטראָלירען און עס האָט אָנגעהאַלטען גאַנצע פיר יאָר.

כמעט ביי אַלע סאָציאַליסטען איז געווען אָנגענומען די מיינונג, אז א גרופּע קאַפּיטאַליסטען, אָן דעם ווילען פון פאָלק, וועט ניט געלינגען ארויסצורופען א וועלט־קריג. אין בערלין, ווי אין פּאַריז, אין בריסעל, ווי אין לאָנדאָן, האָבען סאָציאַליסטען געגלויבט, אז די וואַנט פון הומאַניטעט וועט ניט געבען קיין מעג־לאַכקייט דער הייפעלע מיליטאַריסטען, אָנצוהויבען א קריג. זיי זיינען דעריבער אַנטוישט געוואָרען דעם 4־טען אויגוסט, ווען זיי האָבען פּלוצלונג דערהערט די שיסעריי פון אַלע זייטען. זיי האָבען זיך געכאַפּט און ארויס מיט אן אגיטאַציע דאָן, ווען אויף די שלאַכטפעלדער איז שוין געווען גענוג מענשלאַך בלוט פארגאָסען.

דער „אינטערנאַציאָנאַל״ איז שוין געווען צו שוואַך צו מאָביליזירען זיינע כחות אויף צוריקצוהאַלטען דעם קריג. דער „אינטערנאַציאָנאַל״ איז צובראָכען געוואָרען. עס איז אָפּגעהאַקט געוואָרען מיט איינמאָל דער קאָנטאַקט צווישען די סאָציאַליסטישע פירער, עס זיינען ניט פאָרגעקומען קיינע פּלענאַרע סעסיעס. די סאָציאַליסטען פון אייראָפּע האָבען זיך געפינען אין א זעהר קריטישען צו־שטאַנד. זיי זיינען מיט איינמאָל געוואָרען פיהרערלאָז. זייערע פירער זיינען פארשפּאַרט געוואָרען און עס איז פארבאָטען געוואָרען די ארבייטער שטימע.

איידער די מלחמה איז אָפיציעל דערקלערט געוואָרען, האָט מען נאָך געהערט אויף די גאַסען פון בערלין און ווין דעם אויסגעשריי: „פרידען! פרידען! וויר ווילען קיינען קריג״! . . . טויזענטער סאָציאַליסטען האָבען נאָך ניט מורא געהאַט ארויסצוקומען מיט דער לאָזונג: „פרידען! נידער מיט קריג!״ די לייפּציגער

„פּאָלקס צייטונג" האָט נאָך געוואַגט דעם 24־טען יולי צו שרייבען: „אין עסטרייך איז דער שאָוויניסטישער רינג מער ווי ערגעץ אַנדערשוואו באַנקראָט; זייערע נאַציאָנאַליסטישע שרייער וועלען מוזען דעקען די עקאָנאָמישע רואינען . . . " אָדער ווי די עסטרייכישע „ארבייטער צייטונג" האָט געשריבען אז „יעדער פּונקט פון גראף בערכטאָלד'ס נאָטע רויכערט מיט פייער און בלוט . . . מיר, די ארבייטער וואַרפען פון זיך אַרונטער די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון דעם, וואָס קאָן פּירען צו געפערליכע קאָנסעקווענצען . . . "

דער אָפיציעלער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַן דער „פאָרווערטס" האָט זיך נאָך דערלויבט דעם 28־טען יולי צו שרייבען: „ווי אַזוי זאָלען מיר, דייטשע פּראָלעטאַריער, האַנדלען אין אַזאַ זינלאָזען פּאַראַקסיזם? — דער דייטשער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיך ניט מישען אין עסטרייכישען כאָאָס . . . " דעם זעלביגען טאָג איז ערשינען אין דער „ל'הומאַניטע" (פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער אָר־גאַן) און אין דער „טידען" (דער שוועדישער סאָציאַליסטישער אָרגאַן, אונטער דער רעדאַקציע פון היאַלמאַר בראַנטינג און ריכאַרד סאַנדלער) און אין אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע אָרגאַנען, דער מאַניפעסט, וואָס די דייטשע ארבייטער פּאַרטיי האָט פאַרעפענטליכט מיט איינינגע טעג פריהער, דעם 25־טען יולי, וואו עס רעדט זיך מיט א טאָן פון באַדויערונג וועגען דעם אינצידענט אין סערביע, און גלייכצייטיג ווערט געמאַכט א ווענדונג צו די מלוכות ניט צו דערלאָזען קיין מלחמה, און צו בעאיינפלוסען עסטרייך, זי זאָל שליכטען איר קאָנפליקט מיט סער־ביע אויף א פרידלאַכען אופן. דער מאַניפעסט ענדיגט זיך מיט פאָלגענדען רוף:

„פריינד, מיר רופען אייך צו לאָזען הערען אייערע שטימען אויף פילע פאַר־זאַמלונגען, צו מאַניפעסטירען אייער דראַנג פאַר שלום ביים פּראָלעטאַריאַט. עס איז איצט דער קריטישסטער מאָמענט, די געפאַהר איז נאָענט. מיר ווערען געסטראַשעט מיט אַן אַלגעמיינער מלחמה. די הערשענדע קלאַסען, וואָס אין פרידענס צייט האַלטען זיי אייך פאַרשקלאַפט, ווילען איצטער אייך אויסנוצען פאַר זייערע מלחמה אינטערעסען. זאָלען זיי הערען אייער שטימע: מיר ווילען נישט קיין קריג! נידער מיט קריג! לאַנג לעבען זאָל די אינטערנאַציאָנאַלע ברוי־דערליכקייט!"

די עקזעקוטיווע פון צווייטען אינטערנאַציאָנאַל האָט אָפּגעהאַלטען איר לעצטע סעסיע דעם 29־טען און 30־טען יולי. דעלעגאַטען פון בעלגיע, פראַנקרייך, דייטש־לאַנד, גרויס בריטאַניע, פּוילען, רוסלאַנד, איטאַליע, האָלאַנד, שווייצאַריע, דענע־מאַרק, שפּאַניע און עסטרייך־אונגאַרן, האָבען בייגעוואוינט די פאַרזאַמלונג. פראַנקרייך איז געווען פאַרטראָטען דורך זשאָרעס, וויילאַנט, סעמבאַט, געסט, און לאָנגע. דייטשלאַנד איז דעם ערשטען טאָג געווען פאַרטראָטען בלויז דורך איין מענש — האַאַזע, רייכסטאַג מיטגליד, און פּרעזידענט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער פאַרוואַלטונג. אויף צוזאַמענקונפט איז אויך געקומען צופאָרען ראָזא לוקסעמבורג, וואָס איז מיט א פּאָר טעג שפּעטער אַרעסטירט געוואָרען פאַר איר

אנטי־מלחמה פראפאגאנדע. עסטרייך־אונגארן איז געווען פארטראטען דורך וויקטאר אדלער, זיין זון פרידריך אדלער, נעמעץ (טשעך), און בוריאן (אונגארן). קיין איינציגער סערבישער דעלעגאט איז ניט געווען פארטראטען.

וויקטאר אדלער, דער וועטעראן פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי, איז געווען דער ערשטער אויף דער פלאטפארמע צו ערקלערען די סיטואציע אין עסטרייך. ער האט אויסגעדריקט די מיינונג, אז עס איז שוין צו שפעט צוריקצו־האלטען די מלחמה, ווען זי איז שוין אין פולען שוואונג. עס בלייבט נאר איבער פארן סאציאליסטישען אינטערנאציאנאל זיך אנצושטרענגען איינצוהאלטען דעם פראלעטאריאט און ניט צו דערלאזען צו קיין צעשפליטערטקייט. האאזע האט איבערגעגעבען, ווי אזוי די דייטשע סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי שטרענגט זיך אן מיט אלע כחות ניט צו דערלאזען צו קיין קריג. ער האט אפעלירט צום אינטער־נאציאנאל, אז זיינע פארטרעטער זאלען ניט אויפגעבען זייער האפנונג אויף פרידען זאלען ניט אריינפאלען אין יאוש, אז די מלחמה קען מען שוין ניט צוריקרופען; זיי זאלען קעמפען אין זייערע לענדער פאר דער צוריקרופונג פון מלחמה און אפשטעלען איר באוועגונג.

די רעזאלוציעס אויף דעם דעמאלטדיגען קאנגרעס אין בריסעל זיינען געווען פאלגענדע:

1. „דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער קאמיטעט, האט היינט ביי איהר זיצונג דעם 29־טען יולי געהערט פארשיידענע מיינונגען פון די רעפרעזענ־טאנטען פון אלע נאציאנען, וואס זיינען געסטראשעט געווארען פון אן אוניווער־סאלען קריג . . . עס איז אנגענומען געווארען דאס עס ליגט א חוב אויף די פראלעטאריער פון אלע נאציאנען ארויסצוטרעטען אין די גרעסטע דעמאנסטרא־ציעס קעגען קריג — צו פאדערען א שלום אויסגלייך און ארביטראציע בנוגע דעם עסטרייכיש־סערבישען דיספוט.

2. „די דייטשע און פראנצויזישע פראלעטאריער זאלען ארויפליגען אויף זייערע רעגירונגען א געוואלדיגען דרוק צו צווינגען עסטרייך זיך אונטערגעבען און באשטעהען אויף אן ערליכען אויסגלייך צווישען איהר און סערביע . . .״

עס איז אויך ארויסגעגעבען געווארען א שטרענגע אויפפאדערונג צו די רוסישע און בריטאנישע סאציאליסטען זיך אנצושליסען אין דער דאזיגער אקציע, און צווינגען זייערע רעגירונגען, אנצונעמען א פרידליכע שטעלונג, כדי ניט אריינצוטרייבען די וועלט אין פייער פון מלחמה.

די ענגלישע „ליבאר פארטיי״ האט אויסגעפאלגט די באשלוסען פון דעם „אינטערנאציאנאל״ און פארעפענטליכט א שלום מאניפעסט, וואס האט זיך געלייענט:

. . . „ניט סתם אזוי א רוף — אן אמת'ער רוף! א לאגישער און אינהאלטס־רייכער!

נידער מיטן קריג!

„ארבייטער פון גרויס בריטאניע, איהר האט דאך ניט קיין טענות צו די ארבייטער פון די אנדערע אייראפייאישע לענדער; זיי האבען אויך גארנישט צו אייך. דער סכסוך איז צווישען די הערשענדע קאפיטאליסטישע קלאסען אין אייראפע.

„מאכט ניט זייער סכסוך אייערען.

„א מיליאן דייטשע ארבייטער פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען האבען פראטעסטירט געגען מלחמה, מאכט זיי נישט חרוב.

„ארבייטער פון גרויס בריטאניע פאראייניגט אייך מיט די ארגאניזירטע ארבייטער פון פראנקרייך און רוסלאנד, דערקלערט זיי, אז טראץ דעם וואס אונזער רעגירונג האט דערקלערט קריג, זיינען מיר פאר שלום.

„שטעהט אמת׳דיג אין די שעה׳ען פון קריזיס. די פאן פון אינטערנאציאנאלער סאלידאריטעט איז גרעסער פון דער פאן פון בריטאניע, פון דייטשלאנד, פון פראנקרייך, פון עסטרייך, פון רוסלאנד א. א.וו. ער פלאטערט איבער אלעם.

„ווארום זאלט איהר געהן אין קריג? וואס קענט איהר געווינען פון קריג? וואס האט מלחמה אמאל געטאן פאר אייך? — דער ארבייטער האט קיינמאל ניט פראפיטירט פון מלחמה . . .

„האלט זיך צוריק פון קריג!

„ארבייטער, איר קאנט נאך אפילו איצטער צוריקהאלטען די מלחמה באוועגונג, אויב איהר וועט אולטימאטיוו ערקלערען אייער גרייטקייט צו קעמפען פאר שלום.

„זאגט עס!

„ . . . מארשירט אין די טויזענטער איבער די גאסען פון לאנדאן און זאגט עס — „נידער מיטן קריג!"

די ענגלישע סאציאליסטען, וועלכע האבען זיך אזוי מוטיג ארויסגעשטעלט קעגען קריג, האבען אבער דעמאלט נאך ניט געהאט קיין פאליטישען איינפלוס. זייער שטעלונג איז דעריבער געווען מינדערוויכטיג. דער סוף איז געווען, אז זיי האבען נאכגעטאן די ביישפילען פון אנדערע לענדער און זיך געשטעלט אין דינסט פון דער נאציע.

נאכדעם ווי דייטשלאנד האט איבערגעגעבען איר אולטימאטום צו בעלגיע (דעם 3-טען אויגוסט), זי זאל איר דערלויבען דורכפירען איר מיליטער צו די פראנצויזישע גרעניצען, און די לעצטע האט זיך געווענדעט צו ענגלאנד נאך הילף, האבען די ענגלישע סאציאליסטען אנגענומען אן אנדערע שטעלונג. די מאיאריטעט סאציאליסטען, אפילו פון די פאביאנער, און רעוואלוציאנער געשטימטע, האבען זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער פרא־מלחמה באוועגונג. אפילו ראמזיי מאקדאנאלד, דער דעמאלטדיגער רעוואלוציאנער און ארבייטער פירער, האט געשטימט פאר די רעגירונגס הלוואות און פאר קריג.

עס איז געקומען דער טראגישער קלימאקס, דער קאנצערט פון אייראפע וואס האט זיך געהאט אנגעהויבען מיט א חודש פריהער, האט זיך ווי פארענדיגט אין פלאמען און מלחמה קאנאנען. די נידערטרעכטיגע בייזוויליגע דיפלאמאטען, די

דרייסיג פרינצען פון יענער צייט, האָבען טראַנספאָרמירט די פרידליכע מיליאָנען מענשען אין באַרבאַרען. זיי האָבען פאַרוואַנדעלט דעם אייראָפּייאישען קאָנטינענט אין א פּלאַץ פאַר דעגענעראַציע, דעמאָראַליזאַציע און געמיינהייט. זיי האָבען פאַר'סמ'ט די פרידליכע מענשען און זיי אריינגעפיהרט אין א נעץ פון שנאה און מענשען האַס.

ניט נאָר דורכשניטלאַכע מענשען זיינען מיטגעריסען געוואָרען מיטן שטראָם פון מלחמה. אויך באַוואוסטזיניגע סאָציאַליסטען, האָבען אָנגעהויבען ארויסקומען מיט פּראָ־מלחמה לאָזונגען און געשטעלט זייערע נאַציאָנאַלע אינטערעסען העכער פון די קלאַסען אינטערעסען. אזוי האָבען געהאַנדעלט די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, שטימענדיג פאַר רעגירונגס הלוואות און פאַר צוטרוי צו דער רעגירונג. זיי האָבען ניט געהאַנדעלט ווי אויגוסט בעבעל ביים פראַנצויזיש־דייטשען קריג אין 1870, וועלכער האָט מיט מאַרקס' הסכמה ניט געוואָלט אונטער קיינע אומ־שטענדען שטימען פאַר רעגירונגס הלוואות אויף צו פיהרען מלחמה. אין אויגוסט, 1914 האָבען די מערהייט סאָציאַליסטען פון דער דייטשער סאָציאַל דעמאָקראַטיע געשטימט פאַר מלחמה הלוואות און געגעבען דער רעגירונג די גאַנצע פולמאַכט צו האַנדלען ווי אזוי עס וועט בעסער זיין פאַר דייטשלאַנד.

דעם 4־טען אויגוסט האָט דע־האַזע פאָרגעלייענט אין רייכסטאַג די דעקלאַ־ראַציע, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פון דער פּאַרטיי*). אין דער דאָזיגער שענדליכער דעקלאַראַציע ווערט אויסגעדריקט אין אָנהויב דער טיפער באַדויערען צוליב דעם, וואָס דער אימפּעריאַליזם פאַרשפּרייט זיך איבער גאַנץ אייראָפּע. אויך דעם ווייטאָג, וואָס מיליאָנען ארבייטער, וואָס האָבען גאָרניט איינער צום צווייטען וועלען דאַרפען זיך שלאָגען איינער מיטן אַנדערען.

ווייטער ווערען געזאָגט עטלאַכע „פערלדינגע" ווערטער, וואָס וועלען שטענדיג בלייבען אַ פלעק אויף דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. עס רעדט זיך דאָרט וועגען אונטערשייד צווישען די רוסישע ארבייטער, וועלכע קעמפען קעגען מלחמה און די דייטשע. די לעצטע, פּרובירט מען צו ערקלערען אין דער דעקלאַראַציע, דאַרפען געהן אין מלחמה, ווייל זיי שלאָגען זיך געגען רוסישען באַרבאַריזם און דעספּאָטיזם. זיי שלאָגען זיך פאַר דער קולטור, פאַר דער זעלבסטשטענדיגקייט פון זייער פאָטערלאַנד.

דאַרף מען דאָ קיינעם ניט דערצעהלען, אז עס איז אַ ליגען, דאָס דייטשלאַנד האָט זיך נאָר געשלאָגען געגען רוסלאַנד, ווי האַזע וויל דערקלערען. זי האָט זיך געשלאָגען מיט פראַנקרייך, ענגלאַנד און אמעריקע, מיט די דעמאָקראַטישע לענדער פון די עליים. אויך אַנדערע שטעלען פון דער דאָזיגער דעקלאַראַציע שטימען ניט מיטן אמת, און זיינען פול מיט פלאַכען שאָוויניזם, געשריבען אין אייל־עניש, אין היסטעריע, ניט אריינטראַכטענדיג אפילו, אז דעם ליגען וועט מען באַלד כאַפּען.

---

* P. G. La Chasnais: The Socialist Party in the Reichstag and the declaration of War, London 1915, pp. 37, 83, 90.

היסטאָריקער פון סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד וועלען מעגען זוכען און ענטפער אויף אָט דער דאָזיגער געשעהעניש. זיי וועלען מעגען איהר פאַרטיידיגען. פאַר דעם אָביעקטיווען געשיכטע שרייבער וועט די פּאָסירונג בלייבען אַ קשיא און וועט צוגערעכענט ווערען צו אַנדערע אונטאַקטישע און אונאויסגערעכענטע מעשים פון דער דעמאָלטדיגער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי, וועלכע האָט אונדירעקט געהאָלפען און ערמוטיגט די אַגרעסיווע עלעמענטען ביי זיך אין לאַנד.

2. וואָס האָט געפירט צו קריג?

וואָס האָט געפיהרט צום קריג? ווער זאָל מען באַשולדיגען אינם קריג? ווער ווען האָט אטאַקירט? ווי אַזוי האָט אויסגעבראָכען דער קריג?...

די דאָזיגע פראַגען אינטערעסירען יעדען איינעם. דער היסטאָריקער, פּונקט ווי דער סאָציאָלאָג, זוכט און נישטערט אין די אַרכיוועט און אין די רעגירונגס־אַנאַלען צו דערגעהען דעם אמת, ווער עס האָט פאַראורזאַכט דעם קריג. עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז דער מאָרד פון פּרינץ פערדינאַנד וואָלט ניט געווען געפיהרט צו מלחמה, ווען ניט די זייטיגע אינטערעסען און אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק. עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז דער מאָרד איז נאָר געווען דאָס שוועבעלע, מיט וועלכען מען האָט אונטערגעצונדען דעם פייער, די קוילען און אַלע פייער־מכשירים זיינען שוין פון פריהער געווען צוגעגרייט.

די עליים וואַרפען אַרויף די גאַנצע שולד אויף די צענטראַלע אייראָפּייאישע מלוכות, איבערהויפּט אויף דייטשלאַנד, וועלכע האָט געדרענגט צו אַ וועלט מלחמה; די דייטשען וואַרפען אַרויף די גאַנצע שולד אויף רוסלאַנד און אויף די עליים.

אין זיין ריזיג ווערק „לעקציעס פון דער וועלט מלחמה", שרייבט אוגוסטין האַמאָן: „מיר ווייסען געגעני פון די דיפּלאָמאַטישע דאָקומענטען, וואָס זיינען אַריין אין די אָפיציעלע ביכער, אַז דער וועלט קריג איז פאַראורזאַכט געוואָרען פון די צענטראַלע מלוכות: דייטשלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן . . .

„מיר ווייסען פון פאַקטען פון די רעוועלאַציעס פון געוויסע שטאַאַטסלייט, דאָס נאָך אין יאָר 1913 האָט דייטשלאַנד אינטריגירט עסטרייך־אונגאַרן און זיך געגרייט צו פאַרכאַפּען סערביע. זיי האָבען זיך צוריקגעהאַלטען ביז 1914, ווען דייטשלאַנד איז שוין פולשטענדיג געווען צוגעגרייט צו דער מלחמה . . .*)

האַמאָן פּרוּאווט צו ערקלערען די אורזאַכען, וואָס האָבען געטריבען דייטש־לאַנד צו קריג. עס זאָל הייסען, אַז דייטשלאַנד האָט אַנדערש ניט געקאָנט צופריי־דענשטעלען אירע גרויסע אינדוסטריאַליסטען און לאַנד אייגענטימער, די יונקערס, וועלכע האָבען געזוכט נייע פּאָזיציעס, נייע טעריטאָריעס, כדי צו פאַרבעסערען און פאַרזיכערען זייער עקאָנאָמישען מצב.

* Augustin Hamon: Lessons of the World War, trans. by Bernard Mialli, London pp. 288-294.

די לאַנד באַזיצער, וועלכע האָבען רעפּרעזענטירט אין רייכסטאַג אונטער דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, האָבען דורך מלחמה געוואָלט פּטור ווערען פון די צאָלונגען, וואָס דייטשלאַנד האָט געדאַרפט צאָלען צוליב אירע פרידענס־אָפּמאַכען. זיי צוהילף זיינען געקומען די גרויס־קאַפּיטאַליסטען און אינדוסטריאַליסטען. מער פאַר אַלעמען האָבען די אַמוניציע־פאַבריקאַנטען אַגיטירט פאַר מלחמה, דערזע־הענדיג אין איר אַ וועג ווי אַזוי צו מאַכען פּראָפיטען, אויסצוברייטערען און צו פאַרגרעסערען זייערע פאַבריקען.

די דאָזיגע פאַראינטערעסירטע אין מלחמה האָבען זייערע אמת'ע „מאָטיוועז" איינגעהילט אין אַ נאַציאָנאַלען לבוש, דערקלערענדיג פאַר אַלעמען, אַז דאָ גייט מען נאָר ראַטעווען די נאַציע פון געפאַהר; אַז מען גייט איר ראַטעווען פון דער רוסישער אויטאָקראַטיע, וואָס שטאַרקט זיך און אונטערדריקט פיל לענדער; אַז מען גייט קעמפען פאַר דער „וועלט'ס פרייהייט". שפּעטער האָבען די טענה אויס־גענוצט די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, ברייננענדיג באַווייזען, אַז אויך בעבעל, מאַרקס און ענגעלס האָבען געהייסען נעמען ביקסען געגען רוסישען צאַריזם, וואָס האָט דעמאָלט פאַרגעשטעלט די רעאַקציאָנערסטע רעגירונג אין דער וועלט.

די לעצטע וועלט־מלחמה איז אויך געקומען אַלס רעזולטאַט פון די באַלקאַ־נישע מלחמות און פון דעם בוקאַרעסטער אָפּמאַך אין יאָר 1913, אין וועלכען די סערבישע מאַכט איז רייכער געוואָרען מיט אַ היבשער טעריטאָריע, וואָס האָט פריהער געהערט צו טערקיי און בולגאַריע. די צענטראַלע מלוכות זיינען געקומען צו הילף דעם בולגאַרישען צאַר, וועלכער איז געווען אַן אָפּשטאַם פון פּרייסישען און זאַקסישען יחוס.

ווען דייטשלאַנד איז אַרויס אין קריג האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי גייט פאַרווירקליכען איר חלום צו ווערען אַ וועלט אימפּעריע. זי האָט גערעכענט פריהער צו פאַרכאַפּען אייראָפּע און שפּעטער זיך צו נעמען צו אַפריקע, אַזיע און אַנדערע קאָנטינענטען. די עליים, וועלכע האָבען פאַרשטאַנען דייטשלאַנד'ס צילען האָבען דעריבער געמוזט שטעלען אַ שטאַרקען ווידערשטאַנד, און זיך אָנגעגורט די לענדער ניט צו צולאָזען דייטשלאַנד קיין איין פוס פרעמדען באָדען.

פראַנקרייך איז נאָך געגאַנגען ווייטער. זי האָט געוואָלט אויסגלייכען אירע אַלטע חשבונות מיט דייטשלאַנד. זי האָט דערשפּירט, אַז עס מאַכט זיך אַ געלע־גענהייט צוריקצונעמען עלזאַס־לאָטאַרינגען, וואָס דייטשלאַנד האָט פון איר פאַר־כאַפּט אין יאָר 1870, און אויך בטל צו מאַכען דעם פראַנקפורטער אָפּמאַך, וואָס האָט פון איר אָוועקגערויבט גוואַלדיגע שטחים.

אויך רוסלאַנד, וואָס האָט שטענדיג געקוקט אויף דייטשלאַנד ווי אויף איהר ערגסטען שונא, האָט געמוזט היטען אירע אינטערעסען, ניט צו דערלאָזען דייטש־לאַנד'ס מאַכט זאָל פאַרגרעסערט ווערען, ווייל דאָס וואָלט געמיינט אַ געפאַהר פאַר איהר. דייטשלאַנד וואָלט פון איר געריסען שטיקער און איר ביסלעכווייז פאַר־כאַפּט.

דאָס זעלבע איז געווען מיט ענגלאַנד, טראָץ דעם וואָס זי איז דירעקט ניט אַטאַקירט געוואָרן, און האָט ניט קיין מורא געהאַט פאַר קיינע אַטאַקעס, האָבן אָבער די אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן איר דיקטירט אַריינצוטרעטן אין דער מלחמה כדי צו שטערן דייטשלאַנד׳ס אַמביציעס.

די בריטישע אימפּעריע איז צושפּרייט איבער ימים און קאָנטינענטן. ענגלאַנד גופא קאָן זיך אַליין ניט שפּייזן. זי מוז אָנקומען צו אירע דאָמיניאָנס. די איזאָ־לאַציע פון די בריטישע אינזלען וואָלט געמיינט דעם אונטערגאַנג פון ענלאַנד. די טיילן פון דער בריטישער אימפּעריע מוזן האָבן אָפענעם וועג איינער צום אַנדערן. זיי מוזן דעריבער פאַרהיטן די ימים, די טייכן, כדי צו האַלטן אָפן דעם וועג. די וויכטיגקייט פונם סועץ קאַנאַל, קיל קאַנאַל און באַרדאַ קאַנאַל, זיינען אונז באַקאַנט. ענגלאַנד האָט דעריבער געמוזט זיך פאַרבינדן מיט פראַנקרייך, איטאַליע און רוסלאַנד, כדי צו פאַרהיטן די פרייהייט פון מיטעללענדישן ים.

אין ענגלאַנד איז אויך געווען אַ קלאַס, וואָס האָט סתם אַזוי ניט געהאַט קיין סימפּאַטיע צו דייטשלאַנד. די ענגלישע אינדוסטריאַליסטן האָבן ניט געקאָנט צוזעהן די טריאומפן פון דייטשלאַנד אין אינדוסטריע און קאָמערץ, און האָבן איר געוואָלט דערנידעריגן.

דערצו נאָך איז געקומען דער ענין בעלגיע. ענגלאַנד האָט שטענדיג אָפּגעהיט בעלגיע׳ס גאַנצקייט. זי איז געווען מיט איר געקניפּט און געבונדן דורך פאַר־שיידענע אָפּמאַכן. און ווען דייטשלאַנד האָט אַטאַקירט בעלגיע, האָט ענגלאַנד געמוזט איר קומען צו הילף.

אַזוי שנעל ווי לאָרד קיטשענער האָט דערהערט, אַז דייטשלאַנד איז שוין אַרויף אויף בעלגישן באָדן און איילט זיך צום פראַנצויזישן גרעניץ, האָט ער געשלאָסן דעם אָפּמאַך מיט די עליים, מאָביליזירט די אימפּעריע און אַרוים אין קריג. ענגלאַנד האָט צוליב נאָך אַן אורזאַך ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז דייטשלאַנד זאָל באַהערשן בעלגיע, ווייל דאָס וואָלט איהר געגעבן אַ צוטריט צום מיטעל־לענדישן ים, דערנענטערט צו די בריטישע אינזלען, און געשטעלט אין געפאַהר דער גאַנצקייט פון דער בריטישער אימפּעריע.

דער היוצא לנו מדברינו איז: ניט דייטשלאַנד אַליין איז שולדיג אין דער וועלט מלחמה. גאַנץ אייראָפּע איז פאַראַנטוואָרטליך. שולדיג איז דער קאַפּיטאַליזם, דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, וואָס איז די הויפּט אורזאַך פון אַלע אומגליקען. אין איהם געפינען מיר די סימפּטאָמען פון אַלע מלחמות און אודאי פון דער לעצטער מלחמה. גערעכט איז טראָצקי, ווען ער זאָגט: „די מלחמה פון 1914 איז דער העכסט־קאָלאָסאַלער אויסברוך אין דער געשיכטע פון אַן עקאָנאָמישען סיסטעם, וואָס ווערט חרוב צוליב אירע צוזאַמענגעפּלאַכטענע קאָנטראַדיקציעס.

„די היסטאָריקער וועלכע האָבן ביז איצט געשטיצט די בורזשואזע געזעל־שאַפט און שטענדיג גערעדט אין איהר נאָמען, האָבן ביי דער וועלט מלחמה אָפען

דערקלערט זייער באנקראט . . . דער קאפיטאליזם האט באשאפען די נאטירליכע קאנדיציעס פון א נייער סאציאל עקאנאמישער סיסטעם, אימפעריאליזם האט גע־פירט די קאפיטאליסטישע נאציעס צו דעם היסטארישען כאאס . . . "(*)

ניט דער מענש ביים מאשין, ניט דער ארבייטער, ניט דער פויער האבען געוואלט מלחמה. די בורזשואזיע, די קאבינעט מענשען, זיי זיינען פאראנטווארט־ליך פאר דער מלחמה און פאר די גרויסע פארלוסטען, וואס די מענשהייט האט געליטען ביים וועלט־קריג. מלחמה איז די מעטאדע דורך וועלכער דער קאפיטאליזם ביים קלימאקס פון זיין אנטוויקלונג, זוכט זיך אויסצושפרייטען אויף פרעמדער טעריטאריע און שאפען נייע האנדעלס מערק. די מלחמה פון 1914 האט ארויס־געוויזען דעם כאאס פון דער היינטיגער ארדנונג, האט געוויזען די סתירות און די שוואכקייטען פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, און אירע אימפעריאליסטישע מאטיוועז.

3. די לעבענס פארלוסטען אין דער וועלט מלחמה

עס איז אונמעגליך פאר אונז פעסטצושטעלען א גענויע סטאטיסטיק פון די געפאלענע און פארוואונדעטע אין דער לעצטער וועלט־מלחמה. דאס איז דער־פאר, ווייל יעדער רעגירונג האט אויסבאהאלטען פון דער עפענטליכקייט די צאל קרבנות אירע; און א גרויסער טייל לענדער האבען לגמרי ניט פארעפענטליכט קיינע פארלוסטען.

די מאגערע ידיעות וועגען די געפאלענע אין בלוט און פייער, וואס מיר פארמאגען, זיינען א דאנק געוויסע צייטונגען און זשורנאלען, וועמענס קארעספאנ־דענטען האבען זיך געפונען אויף די שלאכטפעלדער, און האבען נאכגערעכענט, ווי וויט מעגליך, די צאל הרוגים און עס פארעפענטליכט אין זייערע צייטונגען, און פון די דאקטוירים, וואס האבען פארצייכענט זייערע פאציענטען און קראנק־הייטען אין דער קריגס פעריאדע.

נאכפאלגענדיג די אלע דאקומענטען, פארגלייכענדיג די פארשיידענע קארעס־פאנדענציעס, איז מען געקומען צום פאלגענדען שרעקלאכען אויספיהר:

דער אלגעמיינער סך־הכל פארלוסטען פון די עלף מלוכות ביז יאנואר, 1917 האט דערגרייכט די צאל פון 34,405,620. פון זיי דער'הרג'עטע און געשטארבענע 7,627,220; ערנסט פארוואונדעטע 9,974,150; לייכט פארוואונדעטע 9,930,960; פארשיקטע און קרימינאלען 5,873,290; פון דער דאזיגער צאל איז ארויסגעלאזט געווארען יאפאן, פארטוגאל און אפריקא.

ווען די מלחמה האט זיך פארענדיגט, האט זיך דער פארלוסט גערעכענט לויטן פאלגענדען באטרעף: פראנקרייך מיט איר איבער פערציג מיליאניגער בא־פעלקערונג האט פארלוירען 4,500,000 מענשען ערנסט פארוואונדעטע און 1,400,000 דער'הרג'עטע; בעלגיע, וואס האט געהאט א באפעלקערונג פון אכט

* Leon Trotsky: Bolshevism and world peace, pp. 23-24.

מיליאָן האָט געהאַט צו פאַרצייכענען 100,000 פאַרוואונדעטע און 30,000 דער־הרג׳עטע. רוסלאַנד האָט געהאַט 9,150,000 פאַרוואונדעטע; א מיליאָן מיט 700 טויזענט דער׳הרג׳עטע און 2,500,000 פאַרשיקטע אין אויסלענדישע טורמעס. די בריטישע אימפּעריע האָט פאַרלוירען אין דער וועלט מלחמה 3,089,757 פאַרוואונ־דעטע און א מיליאָן (1,000,000) דער׳הרג׳עטע. די פאַראייניגטע שטאַטען, וואָס זיינען ערשט ביים סוף אריין אין קריג, האָבען אויך געהאַט א פאַרלוסט פון 236,117 מענשען, פון וועלכע 50,000 זיינען געווען דער׳הרג׳עטע. דייטשלאַנד האָט פאַרלוירען 6,066,769 און עסטרייך־אונגאַרן — פינף מיליאָן.

די צאָל גע׳הרג׳עטע אויסער די פאַרוואונדעטע און שפּעטער געשטאָרבענע, האָט דערגרייכט ביז צעהן מיליאָן, וואָס די וועלט־מלחמה האָט אויפגעפרעסען.

צען מיליאָן! . . . עס געהט אריבער א שווידער איבערן לייב, אז מען באַטראַכט וואָס דאָס באַדייט פאַר אונז. גאַנצע צעהן מיליאָן מענשליכע קרבנות — דאַכט זיך גענוג! גענוג ביליג דאָס מענשליכע לעבען. מענשען ווי פליגען, ווי ווערים וואָס האָבען ניט קיין חשיבות . . . אין אמת׳ן אָבער נעמט די שרעקלאַך גרויסע צאָל ארום בלויז א טייל פון די מענשלאַכע קרבנות, וואָס די גרויזאַמע מלחמה האָט פאַרשלונגען. עס פעהלען נאָך אין דעם דאָזיגען סך הכל צוויי וויכטיגע חשבונות. ערשטענס:

אין דער אַלגעמיינער צאָל פון די צעהן מיליאָן, ווערען די רוסישע קרבנות אריינגערעכענט בלויז פאַר יענער צייט, ווען רוסלאַנד האָט אנטייל גענומען אין דער מלחמה, אלס איינע פון די „פאַרבינדעטע״ מלוכות ד. ה. ביז׳ן סוף זומער 1917, און עס ווערען אויך ארויסגעלאָזען די שרעקליכע פאַרלוסטען, וואָס עס האָבען נאָך דער דאָזיגער דאַטע געליטען די פאַרשיידענע לענדער, וואָס זיינען פריהער געווען אונטער דער רוסישער אימפּעריע.

צווייטענס:

אין דעם ציפער פון צעהן מיליאָן זיינען אומעטום אריינגערעכענט בלויז די מיליטערישע פאַרלוסטען און עס ווערען אינגאַנצען ארויסגעלאָזען די פאַרגרע־סערטע שטערבליכקייטען, וואָס די מלחמה האָט פאַראורזאַכט ביי דער ציווילער באַפעלקערונג. מלחמה פאַרניכטעט נישט בלויז דאָס מיליטער, נאָר אויך דער ציווילער באַפעלקערונג. מלחמה ברענגט אום מאַסענווייז נישט בלויז מענער, נאָר אויך פרויען; נישט בלויז יונגע לייט, נאָר אויך קינדער און אלטע; נישט בלויז געזונטע נאָר אויך קראַנקע. אין א מלחמה ווערען נישט נאָר גע׳הרג׳עט די מענשען, צו וועלכע עס דערגרייכען די קוילען פון די האַרמאַטען, נאָר אפילו די וועלכע געפינען זיך ווייט אַוועק פון די שלאַכטפעלדער, די עפּידעמיעס דערגרייכען איבער ימים און לענדער — א מלחמה איז דעריבער א בלוטיגער אַטענטאַט אויף דער גאַנצער מענשהייט.

אויך דאַרף מען וויסען, אז אין א סך לענדער, אפילו אויסער רוסלאַנד, האָבען די מיליטערישע אָפּעראַציעס זיך נישט אָפּגעשטעלט דעם 11־טען נאָוועמבער 1918, און נישט צווישען אַלע מלוכות איז דער שלום טראַקטאַט געשלאָסען געוואָרען

אין זומער 1919. טערקיי האָט נאָך שפּעטער אויך געפירט איר מלחמה מיט די אליאירטע און אַראַבישע לענדער. דאָס זעלבע איז געווען מיט גריכענלאַנד. אויך די מלוכות, וואָס זיינען באַפרייט געוואָרען האָבען נאָך יאָרען שפּעטער זיך געדאַרפט שלאָגען פאַר זייער אומאָפּהענגיגקייט און פאַר זייערע גרעניצען.

רוסלאַנד, דאַרף מען פאַרשטעהען, האָט זיך אין סאַמע ברען פון דער מלחמה נישט געקאָנט צוריקציהען פון דער וועלט־מלחמה, אין וועלכער זי איז אריינגעטראָטען צוזאַמען מיט די עליים. עס האָט זיך פאַר איהר אָנגעפאַנגען דער בירגער קריג, וועלכען די פריהערדיגע פאַרבינדעטע האָבען כסדר אונטערגעהאַלטען דורך באַוואָפענטער אינטערווענציע און אפילו מיט אָפענער מלחמה: די ענגלענדער פון צפון זייט (ביי די ברעגען פון ווייסען און באַלטישען ים), די פראַנצויזען פון דרום זייט (ביי אָדעס, שוואַרצען ים), די יאַפּאַנעזער אין מזרח (וולאַדיוואָסטאָק און סיביר) און די פּאָליאַקען אין די מערב־געביטען. פאַר רוסלאַנד האָבען זיך נאָר געביטען די קאָלירען פון די פאָהנען. דער קריג גופא איז געבליבען אויף נאָך גאַנצע דריי יאָהר, ביזן סוף פון 1920, ווען עס האָט זיך געענדיגט די מלחמה צווישען די באָלשעוויקעס און די פּאָליאַקען.

רוסלאַנד איז נאָך דער רעוואָלוציע געווען ארומגערינגעלט מיט שונאים פון אַלע זייטען. זי האָט געדאַרפט קעמפען גלייכצייטיג געגען איהרע אינלענדישע און אויסלענדישע שונאים, געגען אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וועלכע האָבען געוואָלט פאַרניכטען די רעוואָלוציע און דעריבער געשטיצט פּוילען אין איר קאַמף קעגען רוסלאַנד. די בורזשואזיע פון אַלע לענדער האָט זיך דערשראָקען פאַר דעם נייעם באָלשעוויסטישען רעזשים; מורא האָבענדיג פאַר אייגענע בירגער קריגען, האָט זי געזוכט מיטלען צו פאַרקלענערען און אָפּצושוואַכען דעם באָלשעוויסטישען כח. די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבען געשטיצט פּוילען זי זאָל זיין דער שטעכיגער דראָט ניט צוצולאָזען די באָלשעוויקעס איבערטרעטען אריבער די רוסישע גרעניצען. זיי האָבען דעריבער געהאָלפען פּוילען אָפּרייסען זיך פון דער רוסישער אימפּעריע און געשטיצט פּילסודסקי׳ן אין זיין מאַרש אויף קיעוו, צו דערשטיקען די יונגע אוקראַינישע סאָוועטען רעפּובליק.

אין דער צווייטע פאַזע פון דער רוסישער מלחמה זיינען די רוסישע פאַרלוסטען געווען גרעסער ווי אין דער ערשטער פאַזע. פאַר דער דעמאָגראַפישער ווירקליכקייט, פאַר דער שטערבליכקייט איז ניט וויכטיג די פאַרב פון די פאָנען, נאָר דער פאַקט פון דער מלחמה. אויב אין דעם פריהערדיגען אָפּאָזיציע קריג, וואו די שטרייטענדע צדדים האָבען זיך געהאַלטען חדשים לאַנג אין די טרענטשעס (שוץ גרובענס) האָט מען זיך נאָך פיל ווייניג געקאָנט אויסבאַהאַלטען, איז אָבער אַנדערש געווען ביי דער צווייטע פאַזע פון מלחמה, אין וועלכער די גאַנצע באַפעלקערונג איז געוואָרען פאַרוואַנדעלט אין רוצחים און אין איין מאַסע מערדער.

גאָר באַזונדער רייך אין קרבנות איז געווען די צווייטע פאַזע צוליב די שרעקליכע עפּידעמיעס אין די רוסישע אַרמייען. דאָס דעמאָלטדיקע רוסלאַנד איז געווען צוריסען אויף שטיקער, איזאָלירט פון דער ציוויליזירטער וועלט; אונאָרגאַ־

ניזירטקייט, אָרימקייט האָט געהערשט איבערן גאַנצען לאַנד. אין אַזאַ סיטואַציע איז פאַרשטענדליך, אַז עפּידעמיעס זאָלען געפינען פאַר זיך אַן אויסגעצייכענטען באָדען; און צו דער זעלבער צייט האָבען געפעהלט די איינפאַכסטע מיטלען צו באַקעמפען די פאַרשיידענע מגפות.

עס האָבען דאַן געבושעוועט אין די רוסישע אַרמייען עפּידעמיעס פון פּאָקען, כאָלערע, פלעק־טיפוס, סיפילים און אַנדערע קראַנקהייטען. די קראַנקהייט פלעק־טיפוס איז געוואָרען אַ מכת מדינה און האָט זיך שפּעטער פאַרשלעפּט אויסער די סאָוועטישע גרעניצען, דערהויפּט אין די אַמאָליגע רוסישע און עסטרייכישע פּראָווינצען פון פּוילען.

די פאַרלוסטען פון גע׳הרג׳עטע און געשטאָרבענע פון קראַנקהייטען אין דעם רוסישען מיליטער, האָבען ביז 1920 אָנגעטראָפען אונגעפער פינף מיליאָן (5,000,000), אויסער די לענדער, וואָס האָבען אַמאָל באַלאַנגט צו רוסלאַנד. די צאָל פון מיליטער לייט, דער׳הרג׳עטע אין דער גרויסער וועלט מלחמה, דערגרייכט שוין ווייט אַריבער דער צאָהל פון צעהן מיליאָן.

איצטער לאָמיר צוגעהן צו דער ציווילער באַפעלקערונג. מלחמות, ווי עס איז אונז באַקאַנט, הרג׳ענען אַוועק נישט בלויז דירעקט. דאָס הייסט נישט בלויז דאָס מיליטער, וואָס פאַלט אויף די שלאַכטפעלדער; נאָר אויך אונדירעקט, דורכדעם וואָס זיי הויבען שטאַרק אויף די שטערבליכקייטען ביי דער ציווילער באַפעלקערונג, אין די נייטראַלע לענדער, פונקט ווי אין די קריגס פירענדע לענדער.

מלחמות ווערען שטענדיג באַגלייט מיט פאַרשיידענע מגפות. די אונסאַניטאַרישקייט אין מלחמה צייט רופט אַרויס די שרעקליכסטע עפּידעמיעס. עס פאַרשפּרייטען זיך אַזעלכע אַנשטעקענדע קראַנקהייטען, פון וועלכע מען קאָן גאָרניט פטור ווערען. די פיזישע און גייסטיגע אויסגעמאַטערטקייט אין קריגס־צייט, רופט אַרויס אין דער אַרמיי און צווישען דער באַפעלקערונג אַזעלכע קראַנקהייטען וואָס שפּרייטען זיך אויס מיט אַ באַזונדערען אימפּעט, צוליב דעם, וואָס צו יענער צייט פאַרווענדעט די רעגירונג איר הויפּט ענערגיע אויף צו באַפרידיגען די באַדערפענישען פון פראָנט, און פאַרקוקט פון אַלע אַנדערע פּראָבלעמען אין דער מדינה.

אין אַמאָליגע מלחמות איז געווען אַ כלל, אַז די קראַנקהייטען פרעסען מער אויף ווי די שווערד און ביקס. בעת די מלחמות אין 19־טען יאָרהונדערט זיינען די געפאַלענע פון קראַנקהייטען געווען מער פון די געפאַלענע אויף די שלאַכטפעלדער. און אפילו אין די לעצטע יאָרען ווען די מעדיצינישע וויסענשאַפט האָט אַזוי פיל פּראָגרעסירט, איז נאָך אַלץ ניט געלונגען צו פירען די מלחמה אַזוי „וויסענשאַפטלעך", אַז די באַפעלקערונג זאָל זיין געשיצט קעגען עפּידעמיעס, איבערהויפּט אין די ווייניגער פאָרטגעשריטענע לענדער, וואו די סאַניטאַרישע פאַרזיכט מיטלען שטייען ניט אויף קיין איבעריג הויכען ניוואָ.

אין דער לעצטער וועלט מלחמה האָט זיך איבער דער גאַנצער וועלט פאַרשפּרייט אַן עפּידעמיע, וואָס האָט ניט געשאָנעוועט נישט דעם מיליטער, נישט דער ציווילער באַפעלקערונג, נישט מענער, נישט פרויען, נישט דערוואַקסענע און נישט

קינדער — דאָס איז געווען די אינפלוענציע. אין אָנהויב האָט די מיליטערישע צענזור פארבאָטען צו שרייבען וועגען דער עפּידעמיע, אָבער שפּעטער ווען די מגפה האָט זיך פארשפּרייט אפילו אין די נייטראַלע לענדער, האָט שוין די פּרעסע געהאַט אַ מעגליכקייט צו שרייבען וועגען דער אינפלוענציע, וואָס איז פון אַמעריקע אַריינגעבראַכט געוואָרען אין אייראָפּאַ און זיך פארשפּרייט איבער שטעט און דערפער.

די חרבנות, וואָס די אינפלוענציע האָט אָנגעמאַכט אין די יאָרען 1918-1919 זיינען אונבאַשרייבליך. פון דער דאָזיגער עפּידעמיע האָבען מערסטענס געליטען די לענדער, וואָס געפינען זיך אין ערגערע היגיענישע באַדינגונגען. איהרע גרעסטע פארוויסטונגען האָט די אינפלוענציע אָנגעמאַכט נישט אין אַמעריקא, נישט אין פאראייניגטען קעניגטום, נישט אין פראַנקרייך, נאָר גאָר אין אינדיע, אין יענעם גרויסען לאַנד, וואו די באַפעלקערונג איז נישט ווייניגער אָרים ווי גרויס אין צאָל. לויט די אָפּיציעלע רעגירונגס דאָקומענטען זיינען אין משך פון איינעגע חדשים אין יאָר 1918 זיבען מיליאָן מענשען אויסגעשטאָרבען אין בריטישער אינדיע, און אַנדערהאַלבען מיליאָן אין אַנדערע אינדישע מלוכות.

טראָץ דעם, וואָס מען ווייסט ניט גענוי די צאָל קרבנות פון דער אינפלוענציע, רעכענט מען אָבער אַ מינימום פון צען מיליאָן אין אַזיע; קרוב צו צוויי מיט אַ האַלבען מיליאָן אין אייראָפּע; אַנדערהאַלבען מיליאָן אין אַמעריקא און אַ מיליאָן איבער דער גאַנצער וועלט, וואָס מאַכט אויס אומגעפער פופצעהן מיליאָן (15,000,000) מענשליכע קרבנות, וואָס דאַרפען צוגעשטעלט ווערען צום באַלאַנס פונם וועלט קריג.

עס האָבען אויך שטאַרק געווילדעוועט אַנדערע קראַנקהייטען, ווי שווינדזיכט און טיפוס. די לעצטע קראַנקהייט האָט חרוב געמאַכט סערביע, געבושעוועט אין פוילען און אין אַנדערע סלאַווישע לענדער. די ערגסטע קראַנקהייט שווינדזוכט (טובערקולאָז) האָט שוין אינגאַנצען אַ תל געמאַכט פון דער וועלט. די דאָזיגע קראַנקהייט האָט געטראָפען די פרויען נאָך מער ווי די מענער. זי האָט זיך פאַר־שפּרייט זעהר שטאַרק אין ענגלאַנד, דייטשלאַנד, איטאַליע, און אין אַנדערע לענדער.

צוזאַמען רעכענענדיג די אונדירעקטע קרבנות מיט די דירעקטע, וועט די צאָל גרייכען איבער פערציג (40) מיליאָן מענשען, וועלכע זיינען אָפּגעווישט און אָפּגעמעקט געוואָרען פון דער ערד. אַ באַפעלקערונג וואָס שטייגט אַריבער איטאַליע. אין אייראָפּע אליין האָט דער קריג אומגעבראַכט קרוב צו 25 מיליאָן מענשען, אַ צאָל וואָס שטייגט אַריבער די באַפעלקערונג פון שוועדען, נאָרוועגיען, דענמאַרק, האָלאַנד און שווייצאַריע צוזאַמען.

אז מען רעדט שוין פון די פאַרלוסטען פון דער וועלט מלחמה, איז אויך כדאי אויפמערקזאַם צו מאַכען אויף איינער פון די נאָכפאָלגען פונם וועלט־קריג: אויף דעם צוזאַמענשטעל פון דער באַפעלקערונג לויט די געשלעכטער.

ווי ס'איז באוואוסט, איז קיין פולשטענדיגער גלייכגעוויכט צווישעןביידע מענשליכע געשלעכטער נישט פאראן. אויב אין די איינוואנדערונגס לענדער, דער־הויפט אין די לענדער מיט א פריש־איינגעוואנדערטער באפעלקערונג איז דא אן איבערפלוס פון מענער, ווייל צווישען די וואנדערענדע איז פאראן מער מענער, ווי פרויען, איז אין כמעט אלע אייראפיאישע לענדער פאראן א געוויסער דעפיציט פון מענער. אין נארמאלע צייטען קומט צו א רעלאטיווער גלייכגעוויכט. נאר אזוי ווי די שטערבליכקייט וואס די מלחמה פארשאפט דירעקט (די מיליטערישע) ברענגט אום אויסשליסלעך מענער, און כמעט אויסשליסלעך אין יונגען עלטער, קומט שוין אויס, אז די מלחמה זאל שטארק צושטערען דעם גלייכגעוויכט צווישען ביידע געשלעכטער, פארגרעסערענדיג דעם דעפיציט פון מענער.

ביי דער ערשטער פאלקסצעהלונג (צענזוס) נאך דער וועלט־מלחמה האט מען געפונען אויף הונדערט פרויען בלויז 91 מענער אין דייטשלאנד (1919) און 90.6 אין פראנקרייך (1921). אין עלטער פון 15 ביז 59 יאר איז דאס גלייכגע־וויכט געווען נאך מער צושטערט: אויף הונדערט פרויען פון אט דעם עלטער, איז אין דייטשלאנד געווען בלויז 88.2 מענער און אין פראנקרייך 89.5; מיט אנדערע ווערטער: פאר א ניינטעל פון אלע פרויען אין עלטער פון 15 ביז 59 יאר איז אין דייטשלאנד און אין פראנקרייך ניט געווען קיין מענער.

אין עלטער פון 20 ביז 40 איז די צושטערונג פון גלייכגעוויכט זעהר שטארק און טראגט מיט זיך די שווערסטע פאלגען. די פראבלעם פון עגונות און אלמנות, איז ביז היינט צו טאג איינע פון די שווערסטע, צו וועלכע עס איז ניטא קיין לייזונג. ביי דער גרופע פון 25 ביז 30 יאר זיינען די מענער קוים פיר פינפטעל פון די פרויען אין פראנקרייך און קוים דריי פערטעל אין דייטשלאנד. נאכן קריג איז פאר א פינפטעל פרויען אין פראנקרייך און פאר א פערטעל פרויען אין דייטשלאנד אין עלטער פון 25 ביז 30 יאר ניט געווען קיין מענער.

עס איז לייכט זיך פארצושטעלען וואס פאר א ווירקונג אזא צושטאנד מוז האבען אויף דעם דעמאגראפישען געביט און אויף דער מאראל און גייסטיגען סאציאלען לעבען. ווען ישעיה הנביא האט געוואלט שעלטען דעם אידישען פאלק האט ער זיי געשאלטען: „מתיך בחרב יפלו וגבורתך במלחמה . . . והחזיקו שבע נשים באיש אחד ביום ההוא לאמר: לחמנו נאכל ושמלתנו נלבש רק יקרא שמך עלינו אסוף חרפתנו" (ישעיה ג, כה: ד, א)*)

אזא פארקריפעלטער צוזאמענשטעל פון דער באפעלקערונג פארשווינדט נישט צוזאמען מיט דער מלחמה. ווי א קללה הענגט עס איבער דער באפעלקערונג פאר א משך פון צענדליגער יארען. עס נעמט גענוג צייט ביז די דיספראפארציע פון ביידע געשלעכטער גלייכט זיך אויס. אזא צושטאנד לאזט זיך פיינליך פיהלען אין משך פון א פערטעל יארהונדערט, ווען עס שטעהט אויף א נייער דור און דער פריהער־דיגער פארשווינדט.

*) עס וועלען אנכאפען זיבען פרויען אין איין מאנסביל, און וועלען איהם פארזיכערען צו עסען זייער ברויט, זיך אליין צו קליידען, אבי זיין נאמען זאל אויף זיי גערופען ווערען, און זייער שאנדע זאל ער פארדעקען.

4. די קאָסטען פון דער מלחמה

מלחמה אין בריטען זין פון וואָרט מיינט ניט נאָר אומצוברענגען די סאָלדאטען, אויסקוילען דעם שונא — עס מיינט אויך רואינירען דעם שונא אינטעלעקטועל, מאָראליש און פיזיש. מלחמה שאפט אָפּ דעם ווערט פון מאָראל און אנשטענדיגקייט, און מאכט פון מענשען א ווילדע חיה, א בלוט דורשטיגען בעל תאוה'ניק, וועלכער ווערט קאָנטראָלירט ניט פון זיין שכל, נאָר פון זיינע עמאָציעס און געפיהלען.

דער מענש האָט דעמאָלט ניט קיין רחמנות אויף קיין זאך; וואָס עס געפינט זיך ביים שונא וויל ער פארניכטען. ער זוכט מיטלען ווי אזוי חרוב צו מאכען יענעמס שטעט און דערפער, יענעמס פעלדער און וועלדער, יענעמס פאבריקען און אייזענבאהנען א. א.וו. די קאָנסעקווענצען זיינען גאָר טרויעריגע, זיי לאָזען זיך פיהלען יאָרען לאנג. ניט אזוי גיך געלינגט עס אויסצוריינינגען די לופט פון רויך און גאזען, וואָס האָט פריהער פארטשאדעט טויזענטער שטעט און צענדליגער לענדער.

די לעצטע וועלט מלחמה איז געווען די מערקווירדיגסטע מיט דער צאָהל סאָלדאטען. די פערצען גרויסמעכטע (גרויס בריטאניע, פראנקרייך, בעלגיע, איטאַליע, רוסלאנד, אריינגערעכענט די לענדער, וואָס האָבען געהערט צו דער רוסישער אימפעריע, סערביע, מאָנטאנעגרא, יאפאן, פּאָרטוגאל, רומעניע, דייטשלאנד, עסטרייך-אונגארן, טערקיי, בולגאריע ניט צו רעכענען די פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקע) האָבען צוזאמען געהאט אן ארמיי פון אריבער פופציג מיליאָן (50,000,000). די דאָזיגע מענשען, וועלכע זיינען פריהער געווען באשעפטיגט אין פארשיידענע אינדוסטריעלע צווייגען האָבען פארלאָזענדיג זייער ארבייט, אָנגעמאכט א כאָאָס אין דער וועלט פּראָדוקציע.

וויל איך זיך ניט פארנעמען מיט גענויע אָפּשאצונגען פון די היזקות און חורבות פון דער וועלט מלחמה. דאָס פּאָדערט א ספּעציעלען שטודיום. מיר קאָנען אָבער קאָנסטאטירען אין א פּאָר ווערטער, אז דער באטרעף פון די געלט היזקות בלויז פון די קאָמערציעלע, אינדוסטריעלע און אגריקולטורעלע אונטערנעמונגען, האָבען אָנגעטראָפען שווערע ביליאָנען פונטען, וואָס די וועלט איז ניט אימשטאנד צו באצאָהלען.

און וואָס איז מכח די אויסגאבען פאר אמוניציע און סאָלדאטען?

אוגוסטין האמאָן, אין זיין ווערק איבער דער לעצטער וועלט מלחמה, באמיט זיך אָפּצושאצען די קאָסטען פון 1914 ביז 1917*). בלויז אין ערשטען יאָר האָט מען שוין געהאט אויסגעגעבען פאר מאשין־ביקסען, עראָפּלאנען, סובמארינען, גאזען, קוילען, ביקסען, קליידונג, טראנספּאָרטאציע . . . אין גרויס בריטאניע א סומע פון 2,456,000,000 פונט שטערלינג (ארויסלאָזענדיג די קרעדיטען פון די דאָמיניאָנס); דייטשלאנד א ביליאָן (1,000,000,000); פראנקרייך האָט אויסגעגעבען 1,200,000,000 און עסטרייך־אונגארן, אויך רוסלאנד א ביליאָן.

---

* A. Hamon: Lessons of the world war, pp. 76-78.

ביזן סוף חודש יאנואר, 1917 האָט די סומע דערגרייכט די פאָלגענדע ציפערן:

	מילאָן פונט שטערלינג
בריטישע אימפעריע	3,640
פראנקרייך	3,000
רוסלאנד	2,500
איטאַליע	560
דייטשלאנד	3,500
עסטרייך־אונגארן	2,500
אנדערע לענדער	800
צוזאמען	16,500

אין דעם דאָזיגען חשבון איז אָנגעגעבען דער מינימום פון די אויסגאבען, אין דער ווירקלאכקייט זיינען געמאכט געוואָרען גרעסערע אויסגאבען. אָבער אפילו מען זאָל שוין אָננעמען דעם חשבון פאר ריכטיג, איז צו דרינגען, אז די מלחמה וואָס האָט אָנגעהאלטען ביז נאָוועמבער, 1918, האָט געדארפט קאָסטען א וואָסערע 29,600 ביליאָן (148,000,000,000 דאָלאר) וואָס האָט געמיינט דעם באנקראָט פון אַלע פעלקער און אלע מלוכות. קיינער איז ניט אימשטאנד צו דעקען אזעלכע סומען און וועט קיינמאָל ניט קאָנען זיי באצאָהלען. מען קאָן קוים באצאָהלען די פּראָצענטען פון די ריזיגע הלואות, דעם קרן וועט מען קיינמאָל ניט באצאָהלען.

נאָכ'ן וואפענשטילשטאנד האָבען די עליים געשאפען א ספעציעלע קאָמיסיע וואָס זאָל אונטערזוכען די היזקות און קאָסטען פון דער מלחמה. די דאָזיגע קאָמיסיע האָט פארעפענטליכט א דעקלאראציע, אין וועלכער עס זיינען סומירט געוואָרען די קאָסטען, וואָס דער שונא האָט געדארפט באצאָהלען. שרייבט זיך דאָרט צווישען אנדערעס:

„. . . כאָטש עס איז נאָך אלץ ניט מעגלאך פעסטצושטעלען גענוי דעם טאָטאלען קאָסט פון דער מלחמה, קאָן אָבער שוין פיל ווייניג איבערגעגעבען ווערען אין פיגורען דער קאָסט וואָס זאָל זיין ניט ווייניגער פון 24,000,000,000 פונט..." פראנקרייך אליין האָט פארלוירען 250,000 הייזער, וואָס האָבען אָנגעטראָפען א סומע פון 13,000,000,000 דאָלאר.

דער קאָמיטעט האָט געפאָדערט, אז די אלע געלט־שאָדענס זאָלען ארויפגעלייגט ווערען אויף דעם באזיגטען שונא. נאָך פארשיידענע דינגענישען, האָט מען זיך פארגליכען, אָבער בתנאי דער שונא זאָל דארפען צאָהלען געוויסע יערלאכע רעפּעראציעס, פּראָצענט פון די ריזיגע קאָלאָסאלע שאָדענס.

די גיגאנטישע חובות האלט מען נאָך אין צאָהלען אָבער בלויז דעם פּראָצענט. דער קרן וועט בלייבען אייביג אומבאצאָהלט. ניטאָ היינט צו טאָג קיין לאנד אויף דער גאנצער וועלט, וואָס זאָל זיין אימשטאנד צו באצאָהלען איהרע אָבליגאציעס.

ניט מיט קיין נאטירליכע רייכטימער, און אויך ניט מיטן אַנגענומענעם אויסטויש־מיטעל, מיט געלט. די גאַנצע פינאַנציעלע סיסטעם אז דעריבער געבויט אויף וועקסלען און פּראָצענטען, א הלואה אויף א הלואה און א הלואה איבער אַן הלואה, כדי צו דעקען בלויז די פּראָצענטען.

די דאָזיגע רעפּעראַציעס האָבען אריינגעפיהרט די וועלט אין א זומפּ, האָבען געפיהרט דער מענשהייט צו דעגענעראַציע און בייזוויליגקייט, האָט געבראַכט צום אונטערגאַנג פון געוויסע פעלקער, צו קריזיסען און אינפלאַציע. די מאָראַטאָריומס, וואָס ווערען געגעבען פון צייט צו צייט, זיינען ניט מער ווי א „בלאָף", וואָס פאַרלענגערט דעם גלות; דאָס קאָן אָבער בשום אופן ניט לייזען דעם פּראָבלעם פון דעם אָדער יענעם לאַנד, וואָס איז געבליבען הינטערשטעליג אין צאָהלען איהרע חובות.

5. די רעפּעראַציעס פראַגע

צווישען די הויפּט פּראָבלעמען היינט צו טאָג שטעהט די רעפּעראַציעס פראַגע אויפ'ן סאמע אויבענאָן. די לענדער, וואָס זיינען שולדיג, טראַכטען ווי אזוי פּטור צו ווערען פון די חובות, און די לענדער וואָס מאָנען, קלערען, ווי אזוי איינצומאָנען די געלטער. אמעריקא וועלכע האָט אין צייט פון קריג אריינגעלייגט אין אייראָפּע איבער צען ביליאָן דאָלער ($10,000,000,000) פאַר וועלכען זי דאַרף באַקומען אין משך פון די ערשטע צען יאָר א סומע פון $300,000,000 יערליך האַלט אין איין טראַכטען ווי אזוי צו איינקאַסירען די היפּשע סומע. זי איז צוליב דעם ענג פאַרבונדען מיט דער אלטער וועלט און שטאַרק באַזאָרגט וועגען די דאָרטיגע געשעהענישען.

די אייראָפּייאישע לענדער, האָבען אין צייט פון קריג זיך גענויטיגט אין געלט אויף צו פיהרען דעם קריג, און דעריבער זיך ניט אָפּגעשטעלט פון פאַרשיידענע פאַרשפּרעכונגען, אבי צו זעהען א מטבע. אמעריקא איז דעמאָלט געווען א לאַנד מיט ריזיגע קאַפּיטאַלען און געזוכט בעלנים צו באָרגען געלט אויף הויכע פּראָצענטען. זי האָט אוועקגעבאָרגט ענגלאַנד א סומע פון 4,075 ביליאָן דאָלאַר; פראַנקרייך 3,341 ביליאָן; 1,648 ביליאָן צו איטאַליע און קלענערע סומען האָט אמעריקא געבאָרגט צו אַנדערע לענדער.

ענגלאַנד וואָלט זיך נאָך געקאָנט אַרויסקאָפּען פון אירע חובות, אויב זי זאָל קאָנען אָפּנעמען אירע חובות. ענגלאַנד איז אַליין א קרעדיטאָרען (אפילו ווען מען זאָל ניט רעכענען אירע חובות ביי רוסלאַנד פון פאַר דער רעוואָלוציע) אויף א סומע פון 1,300,000,000 פונט און עס וואָלט איר נאָך געבליבען ווען זי צאָלט אָפּ אלע אירע רעפּעראַציע אויסצאָהלונגען פון דער סומע פון וואָסערע 460,000,000 פונט, איז אָבער דאָ דער אומגליק וואָס מען צאָהלט איר ניט, האָט זי ניט מיט וואָס צו צאָלען צו אַנדערע.

די פּראָצענטען זיינען גאָר הויכע. די געוויינליכע צינזען אויף רעפּאַראַציעס רעכענען זיך 5 פּראָצענט, דאָס מיינט אז פאַר 6,000 מיליאָן פונט דאַרף מען

צאָהלען א יערליכען פּראָצענט פון 300 מיליאָן פונט און דער קרן בלייבט אויף ווייטער אומבארירט. אויב מען צאָלט ניט קיין פּראָצענט וואקסט אָן פּראָצענט אויף פּראָצענט און דער חוב פארגרעסערט זיך כפל־כפלים.

אזעלכע קאָלאָסאלע חובות רופען זיך שטארק אָפּ אויף דער אנטוויקלונג פון לאנד. עס ברענגט אריין א דעמאָראַליזאציע אין דער גאנצער ווירטשאפט־סיסטעם. דאָס פאראורזאכט קריזיסען, און ברענגט צו רעוואָלוציעס, צו כאָאָס און צו שאָוויניזם.

אזא פאַל האָבען מיר אין דייטשלאנד, וואו דער אומגעלומפּערטער נאציזם האָט זיך באפעסטיגט און אויף א דעמאגאָגישען אופן אריינגעדרונגען אין די הערצער און אין די מוחות פון די דייטשע פאָלקס מאסען.

פון די אלע אייראָפּייאישע לענדער, וועלכע האָבען אויף זיך גענומען דעם לאסט פון צאָלונגען, איז דייטשלאנד דאָס לאנד וואָס האָט אויף זיך גענומען די גרעסטע אָבליגאציעס צו די עליים. אויף דעם באזיגטען דייטשלאנד האָט מען ארויפגעלייגט כמעט דעם גאנצען שאָדען פון דער מלחמה. לויט'ן ארטיקעל 231 פונם ווערסאילער פרידענס טראקטאט, דארף דייטשלאנד באצאָהלען פאר די היזקות, וואָס די ציווילע באפעלקערונגען האָבען געליטען. די רעפּעראציעס קאָמיסיע האָט אין מאי פון 1921 צוזאמענגעשטעלט א רעכענונג פון 6,600,000,000 פונט. דייטשלאנד האָט געדארפט צאָלען אויף דעם חשבון צו פראנקרייך 52 פּראָצענט; צו ענגלאנד 22 פּראָצענט; צו איטאַליע 10 פּראָצענט און דאָס איבריגע צו די קלענערע מלוכות.

דייטשלאנד וואָס איז אזוי אויך צושניטען און צעקאלעטשעט געוואָרען, האָט נאָך געדארפט צאָהלען אזא קאָלאָסאלע סומע. עס איז דעריבער געווען פארשטענדליך, אז זי וועט צוזאמענברעכען, אז זי וועט דאָס ניט קענען איבערטראָגען. זי האָט זיך געפּרואווט ראטעווען דורך מאָראטאָריומס, אָבער דאָס האָט אלע ניט געהאָלפען. זי האָט געמאכט ענדערונגען אין איר וואליוטע, עס האָט זיך אָנגעהויבען דער אינפלאציע פעריאָד, אָבער אויך דאָס האָט ניט געהאָלפען. שפּעטער איז געשאפען געוואָרען דער דאָאז פּלאן, וואָס האָט געמאכט, אז דייטשלאנד זאָל נאָר צאָהלען דעם מינימום פונם עקאָנאָמישען „סטאטוס קוואָ" און באקומען די קאָאָפּעראציע פון אלע עקאָנאָמישע מאכטען אין לאנד.

דאָס האָט דייטשלאנד פאר א צייט צוריקגעשטעלט אויף די פיס. עס איז צוריק איינגעשטעלט געוואָרען די סטאביליטעט פונם מארק, די אומאָפּהענגיגקייט און רעאָרגאניזאציע פון דער רייכסבאנק און א געוויסען קאָנטראָל איבער די פינאנציעלע פאקטאָרען פון לאנד. די פארוואלטונג פון דער רייכסבאנק איז צוזאמענגעשטעלט געוואָרען פון פערצען מיטגלידער: זיבען דייטשען און צו איינעם פון אמעריקע, ענגלאנד, פראנקרייך, איטאַליע, בעלגיע, האָלאנד און שווייצאריע.

לויטן דאָאז פּלאן האָט דייטשלאנד געדארפט צאָלען אויף אירע רעפּעראציעס 125,000,000 פונט (צוויי און א האַלבען ביליאָן מארק). פאר די ערשטע יאָרען (1924-25) איין ביליאָן; 122 מיליאָן אין 1925-1926; און אין 1927; 1,750

מיליאָן מאַרק אין 1927־1928 און אויף ווייטערע יאָרען — 2,500 מיליאָן דייטשע מאַרק. אינם ערשטען יאָר האָט די רייכסבאַנק באַלאַנסירט דעם בודזשעט, אוועק־געבענדיג די אייזענבאַהנען פאַר 1,500 מיליאָן מאַרק. זי האָט אויך אַרויסגעלאָזט באָנדס (אַקציעס) און אַנדערע ליי־פאָנדען. אין די יאָרען 1927־1929 האָט זי באַקומען גרויסע הלוואות און מאַראַטאָריומס אויף די פריהערדיגע חובות. פון אַמעריקאַ אַליין האָט זי זיך אין יענע יאָרען געבאָרגט אַ סומע פון 5,209 מיליאָן דייטשע מאַרקען. דאָס אַלץ האָט פאַר אַ צייט געשטעלט דייטשלאַנד אויף אירע פיס, און עס האָט איר געגעבען אַ מעגליכקייט, אָפּצואָטעמען פון אירע שווערע נאָך מלחמה יאָרען.

מיט'ן אָנקום פון אַלוועלטליכען קריזיס, האָט זיך די דעפּרעסיע אָנגעהויבען שטאַרק פילען אין דייטשלאַנד מער ווי ערגעץ אַנדערשוואו. דאָס צובראָכענע דייטשלאַנד, וואָס האָט געהאַט אַ קליינעם עקספּאָרט, אַ פאַרקלענערטען האַנדעל מיט אויסלאַנד, און צו דער זעלבער צייט געמוזט צאָלען אירע אָבליגאַציעס, האָט געמוזט צוזאַמענברעכען און זיך ערקלערען באַנקראָט.

די פאָלגען פונם קריזיס זיינען אַלגעמיין באַקאַנטע. די דעמאָקראַטיע, וואָס האָט זיך פאַרפליכטעט צו די עליים איז אַרונטער. איר פּלאַץ פאַרנעמט אַ דיקטאַ־טאָרישער רעזשים, אַ היטלעריסטישער, וואָס צייכענט זיך אויס מיט ברוטאַליטעט און אכזריות'דיגקייט און שרעקט דער גאַנצער וועלט מיט אַ נייער מלחמה.

די זיגער אין דער וועלט־מלחמה, וועלכע האָבען זיך פאַרזאַמעלט אין פּאַריז אין יאָר 1919 צו שאַפען אַ לאַנג דויערענדען פרידען האָבען דורך זייערע געאָגראַ־פישע און עקאָנאָמישע ענדערונגען אַליין געשאַפען די מאָטיוון פאַר אַ צווייטער מלחמה.

די „גרויסע פיר" — פּרעזידענט ווילסאָן, ללויד דזשאָרדזש, קלעמאַנסאָ און אָרלאַנדאָ (פּרעמיער פון איטאַליע), וועלכע האָבען אוועקגערויבט פון דייטשלאַנד דאָס בעסטע, רייכסטע און פּראָדוקטיווסטע, צעבראָכען די דייטשע אימפּעריע אויף שטיקלאַך און ברעקלאַך, מיינענדיג דערמיט צו זיכערען דעם פרידען, האָבען אַליין געשאַפען דעם באָדען פאַר אַ קומענדער מלחמה. זייער שלום האָט דעריבער לכתחילה געמיינט קריג, ווייל עס האָט נאָך מער פאַרשאַרפט די באַציהונגען צווישען פעלקער; נאָך מער געדעגט איין פאָלק קעגען צווייטען.

קאפיטעל 8

דער פעלקער בונד, זיין געבורט און פּאַרנעם אויף דער פּאָליטישער אַרענע

1. ווען און ווי אזוי דער פעלקער בונד איז געבוירען געוואָרען.

עס איז געווען נאָך דער שטורמישער וועלט מלחמה. די וועלט־מאסען זיינען געווען אַנטוישט ביז גאָר פון די קאָנסעקווענצען און רעזולטאטען פון די פיר יאָר מלחמה. די לעבענגעבליבענע סאָלדאטען, אהיימקומענדיג צו זייערע פארוויסטע, רואינירטע היימען, ניט האָבענדיג זיך וואו אהינצוטאָן, האָבען זיך געפונען אין אַ געדריקטער שטימונג. אומעטום איז געפייערט געוואָרען וואפענשטילשטאנד. אומעטום האָט מען דעמאָנסטרירט קעגען קריג, און אויסגעדריקט דערביי דעם וואונש שוין מער ניט צו גיין אויף די שלאכט־פעלדער. אז דער קריג זאָל שוין זיין דער לעצטער. די זיגער, ווי די באזיגטע, האָבען אָנגעהויבען טראכטען וועגען שאפען אַן אינטערנאציאָנאלע אינסטיטוציע, וואָס זאָל פאַרבינדען און פאראייניגען אלע לענדער, אַז מער קיין מלחמות זאָלען שוין ניט דארפען פּאָרקומען.

דער ערשטער, וועלכער איז אָפען אַרויסגעקומען מיט דער דאָזיגער נביאים־אידייע צו שאפען א בונד פון פעלקער אויף צו זיכערען דעם אייביגען שלום, איז געווען פרעזידענט וואודרא ווילסאָן, פון די פאראייניגטע שטאטען. זיין פּאָדערונג פון „אַן אלגעמיינער אסאָסיאציע פון אלע נאציאָנען” איז אינדאָרסירט געוואָרען ביים שלום־אָפּמאך אין ווערסאיל. ביי דער זיצונג פונם שלום קאָמיטעט אין פאריז דעם 11־טען אפריל, 1919, איז אויסגעארבייט געוואָרען דער קאָווענאנט פון דער ליגע, און איז ראַטיפיצירט געוואָרען אין ווערסאיל ביי די זיצונגען פון 28־טען אפריל פון זעלביגען יאָר.

דער גאנצער ערשטער טייל פונם ווערסאילער פרידענס טראקטאט, איז געווידמעט הויפּטזעכלאך דער קאָנסטיטוציע פון דער פעלקער ליגע*); די אויפגאבען,

*) די קאָנסטיטוציע פונם פעלקער בונד אַנטהאַלט 26 ארטיקלען געטיילט אין פארשיידענע פּאַראַגראפען. צוליבען מאַנגעל אין פּלאַץ האבען מיר געמוזט דורכלאָזען דעם פולען טעקסט פונם קאָווענאַנט. נאכצוקוקען:

* Florence Guertin Tuttle: Women and world federation, New York, 1919. Appendix A, pp. 201-204; Appendix B, pp. 205-224; Robert Jean & S. S. Sherman: The League of Nations, London 1927, Appendix D, pp. 191-205.

דאָרט צו געפינען דעם גאנצען טעקסט פון דער ליגעס קאָווענאַנט און אויך די אמענדמענטס (צו־גאבען), וועלכע זיינען ראטיפיצירט געווארען ביי די פּלענארע זיצונגען אין סעפּטעמבער, 1924, אויך צו זעהן:

“The First Assembly of the League of Nations“ by Oliver Brett, London 1921.

ווילסאָנ'ס פערצען פונקטען פאר פרידען (פארעפענטליכט געווארען 8־טען יאנואר, 1918), זיינען פאָלגענדע:

1. אַ וועלטלאכען פעלקער בונד: צו שאפען א פעלקער־בונד אין וועלכען די גאנצע וועלט

די קאַנדיציעס און די באַדינגונגען פון דער ליגע. עס ווערט דאָרט אויסגעדריקט דער מהות און דער כאַראַקטער פון דער ליגע, וואָס איז באַגרינדעט אויף קאָאָפּעראַציע און מיטהילף פון נאַציעס איינער צו דער אַנדערער. עס ווערט דאָרט ברייט אַרומגערעדט וועגן סטאַטוס פון פעלקער־בונד, וועגן דער איינשטימיגקייט פון אַלע פעלקער־בונד מיטגלידער, וואָס פאָדערט זיך ביים באַשטימען וויכטיגע ענינים. אין די ווייטערע אַרטיקלען רעדט זיך מכח דער באַציהונג פון די מערהייט פעלקער צו זייערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, צו זייערע רעליגיעזע און שפּראַכליכע מיעוטים וואָס רירט אָן געוויסע פּונקטן אויפ׳ן אייראָפּייאישן קאָנטינענט.

דעם 28־טען יוני 1919, איז דער ווערסאילער אָפּמאַך אונטערגעחתמ׳עט געוואָרען, סיי פון די אַליאירטע מלוכות און סיי פון די צענטראַלע מלוכות. די דאָזיגע ראַטיפיצירונג האָט אויך געמיינט דעם באַשלוס צו פאָרמירען אַ פעלקער־בונד. עס איז אָבער אָפּגעלייגט געוואָרען אויף אַ צייט ביזן 10־טען יאַנואַר, 1920, ווען ער איז אריין אין קראַפט.

אזוי ווי די פעלעקר־ליגע איז געקומען נאָך אַ פרידענס אָפּמאַך צווישען קריגערישע צדדים, האָט זי געטראָגען אַ כאַראַקטער וואָס האָט אונטערשידען צווישען אָריגינעלע און אַריינגענומענע מיטגלידער, צווישען נאָבעלע און פשוטי׳ע מיטגלידער, צווישען גרעסערע און קלענערע מעכטע. די בורזשואזע דיפּלאָמאַטען

זאָל זיין פּאַרטראַטען. אין אַנדערע ווערטער מיינט עס צו שאַפען אַ וועלט פּאַרלאַמענט מיט אַ קאָנסטיטוציע (1) אָפּצוהאַקען פון די פריהערדיגע שלום אָפּמאַכען (2) אָפּצושאַפען די דאָקטרין פון „סאַנקציעס״.

2. אוניווערסאַלע אַרביטראַציע: דער קאָוועַנאַנט זאָל זיין באַגרינדעט אויף אַרביטראַציע, אויף אויסגלייכען די שאַרפסטע אינטערנאַציאָנאַלע פראַגען דורך אַן אַרביטראַציע צווישען פעלקער. די פאַרבינדעטע זאָלען זיין געצוואונגען נאָכצוקומען די אַרביטראַציעס.

3. אַ וועלט־געריכט פאַר גערעכטיגקייט: צו שאַפען אַ פּערמאַנענטען וועלט־געריכט, וואָס זאָל שאַפען אינטערנאַציאָנאַלע געזעצען, וועמענס הויפּט־פּרינציפּען זאָלען זיין יושר און צדק; וואָס זאָל דעצידירען לעגאַלע אָדער געזעצליכע דיספּוטען. דער געריכט זאָל זיין דאָס געוויסען פון דער וועלט . . .

4. צו געבען אַלע פעלקער גלייכע עקאָנאָמישע רעכט. די גאַנצע מענשהייט פון אַלע פעלקער זאָל האָבען איין און דעם זעלבינען רעכט בנוגע אינטערנאַציאָנאַלען האַנדעל און בנוגע עמיגראַציע.

5. מלחמה רעפּאַראַציעס: קאַנצעלאַציע אויף אַלע פריהערדיגע חובות און אַ רעדוקציע אויף מלחמה רעפּאַראַציעס.

6. דייטשע קאָלאָניעס: רעסטאַווראַציע פון אַלע דייטשע קאָלאָניעס. גאָר נישט צו אוזורפּירען פון דייטשער טעריטאָריע אָדער דייטשע קאָלאָניעס.

7. ראַקטיפיצירען (אויסגלייכען) די גרעניצען לויט דעם ווערסאילער אָפּמאַך און אַנערקענען די אַנדערע נאָך מלחמה אָפּמאַכען. ניט צו מאַכען קיינע ענדערונגען.

8. דייטשלאַנד׳ס אנטוואָפנונג: רעדוצירען אַלע אירע באַוואָפנונגען, אויך איר פּאָליציי־מאַכט; אַרויסצוגעבען אַ טאָטאַלען פאַרבאָט אויף סובמאַרינען, אַוויאַציע, גאַזען, און נאָך אַזעלכע קריגס מאַטעריאַלען.

9. פרייהייט פון ים׳ען: צו געבען אן אבסאָלוטע פרייהייט צו אַלע פעלקער זיך צו באַנוצען מיט די טעריטאָריעלע וואַסערען . . .

10. אינטערנאַציאָנאַליזאַציע פון אַלע וויכטיגע סטראַטעגישע פּונקטען: פּלאַטען פּאָזיציעס, פּאַנאַמאַ קאַנאַל, סועץ קאַנאַל, די דאַרדאַנעלען א. א.וו.

11. עמיגראַציע פּראַגען: צו עטאַבלירען אַ פּערמאַנענטע קאָמיסיע, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט עמיגראַציע־פּראָבלעמען; וועמענס אויפגאַבע עס זאָל זיין צו אָרגאַניזירען אַ דיסטריבוציע פון באַפעלקערונג . . .

דער פערצעגטער פּונקט פאָדערט קאָמערציעלע פרייהייט פאַר אַלע לענדער. קיינע דיסקרי־מינאַציעס אין קאָמערץ אָדער האַנדעל; קיינע מאָנאָפּאָליזאַציעס אויף רויהע מאַטעריאַלען, קיינע באַגרענעצונגען אין אינדוסטריאַליזאַציע . . .

האָבען אויך אַרויסגעוויזען אַ שנאה צו דער רעוואָלוציאָנערער רוסלאַנד. זיי האָבען אַרויסגעשיקט איינלאַדונגען כמעט צו אַלע מלוכות, אָבער ניט צום ראַטען־פאַרבאַנד, וואָס האָט רעוואָלטירט קעגען צאַר, אַרויס פון די עליים, און ביי זיך איינגעפירט אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג. ביי דעם ערשטען פּלענום איז באַשטימט געוואָרען אַז אַריינטרעטען אין דער ליגע, קאָנען נאָר אַנערקענטע מלוכות, און אַזוי ווי די נייע רוסישע מלוכה איז ביי זיי ניט אַנערקענט געוואָרען, קאָן זי דעריבער ניט אַריינגענומען ווערען.

ביי דער ערשטער פעלקער פאַרזאַמלונג אין 1920 האָט די ליגע געהאַט 42 מיטגלידער; צו דער צווייטער פאַרזאַמלונג זיינען צוגעקומען נאָך זעקס מיטגלידער; צו דער דריטער נאָך דריי; אין 1922 איז אונגאַרן אַריינגעטראָטען אינם פעלקערבונד, נאָכהער אַביסיניע, אירלאַנד (פריי שטאַטען), אין 1924 סאַן דאָמינגאָ, צו דער זיבעטער זיצונג איז דייטשלאַנד אַריינגעקומען אַלס מיטגליד. און אין 1934 איז שוין דער סאָוועטען פאַרבאַנד אויך אַריינגענומען געוואָרען אין דער פעלקער משפחה.*)

אַמעריקע, די הויפּט־גרינדערין פון דער ליגע, איז לכתחילה ניט אַריינגעטראָטען אַלס אָפיציעלער מיטגליד. דער אַמעריקאַנער סענאַט האָט ניט דערלאָזט ווילסאָנ'ען זיך צו באַטייליגען אין דער ליגע און זיך צו מישען אין דער אייראָפּייאישער פּאָליטיק. דאָס האָט שטאַרק אָפּגעשוואַכט דעם כח פון דער ליגע. זי איז געפאַלען מאָראַליש אין די אויגען פון די אַנדערע מלוכה פירער. דער פּרעסטיזש אירער האָט דורכדעם געליטען. שפּעטער האָבען דאָס געקאָנט טאָן אַנדערע מלוכות ווי דער פאַל איז געווען מיט יאַפּאַן און דייטשלאַנד, וועלכע האָבען זיך דאָרט געפילט אַ ביסעל געטראָפען און האָבען פאַרלאָזט דעם פעלקער בונד. אויך קלענערע מלוכות ווי בראַזיל, שפּאַניע, פּאָרטאָ ריקאָ און פּאַראַגוויי האָבען נאָכגעטאָן איינער דער אַנדערער און פאַרלאָזט דער ליגע צוליב פאַרשיידענע אורזאַכען.

דער פעלקער בונד איז ערקלערט געוואָרען אַלס פרייע רעגירונג, וואָס קאָן טאָן אַלץ, לויט די החלטות פון זיינע מיטגלידער. ער איז אָבער געצוואונגען אָפּצוהיטען דעם „סטאַטוס קוואָ”, וואָס איז געשאַפען געוואָרען אינם ווערסאַילער פרידענס אָפּמאַך. די דאָזיגע פאַקטען זיינען ניט אין זיין רשות צו ענדערען. אַזוי

*) אין יאָר 1919 זיינען צוגעשטאַנען צו דער גרינדונג פון דער דאָזיגער אינטערנאַציאָנאַלער אינסטיטוציע די פאָלגענדע לענדער: אויסטראַליע (איין פאַרטרעטער) אורוגאוויי (מיט צוויי פאַרטרעטער), איטאַליע, אינדיע, אַרגענטינע (צו דריי פאַרטרעטער). באָליוויע, בראַזיל, בעלגיע און בריטישע אימפּעריע (מיט דריי מיטגלידער), גוואַטעמאַלאַ, גריכענלאַנד (צו דריי דעפּוטאַטען). דענעמאַרק, האַיטי, ווענעזועלאַ (אַלע צו דריי מיטגלידער). זיד אַפריקאַ (צוויי), טשעכאָסלאָוואַקיע (דריי), טשילי (צוויי), יאַפּאַן (דריי), כינע (צוויי), ליבעריאַ (איין מיטגליד), נאָרוועגיע, נידערלאַנד (יעדער צו דריי מיטגלידער), ניי זעעלאַנד, ניקאַראַגואַ (איינציגע דעפּוטאַטען). סאַלוואַדאָר, סערב־קראָאַט־סלאָווען שטאַט, סיאַם — אַלע צו דריי פאַרטרעטער. פּאַנאַמאַ (צוויי), פּאַראַגוויי (איין מיטגליד). פּאָרטוגאַל (דריי), פּוילען (צוויי — פּאַדערעווסקי און ש. אשכנזי), פּערסיע (צוויי), פּערו, פראַנקרייך, קאַנאַדע (צו דריי דעפּוטאַטען), קאָלאָמביאַ (צוויי), קובאַ, רומעניע, שווייצאַריע, שוועדען און שפּאַניע — יעדער צו דריי פאַרטרעטער. צוזאַמען: 42 לענדער מיט 111 מיטגלידער.

אין 1920 זיינען צוגעקומען: אַלבאַניע, בולגאַריע, לוקסעמבורג, עסטרייך, פינלאַנד. 1921: — עסטאַניע, לאַטוויע, ליטאַ. 1922: אונגאַרן. 1923: אַביסיניע, אירישע פריי שטאַטען. 1924: סאַן דאָמינגאָ. 1926: דייטשלאַנד. 1934: סאָוועט־רוסלאַנד.

ווי דער פעלקער בונד שטעלט מיט זיך פאר א פריוויליגע פאראייניגונג פון פילע פארשיידענע מלוכות, האט ער אין דער פראקטיק ניט די מעגליכקייט צו ברענגען צום אויסדרוק די מיינונג און דעם ווילען פון דער מערהייט מיטגלידער זיינע, אפילו אין אזעלכע פאלען, ווען דאס אביעקטיווע רעכט פארלאנגט א קלארע שטעלונג. די סתירה צווישען די באמיהונגען פון די איינצעלנע מלוכות צו שיצען זייער סואווערעניטעט קעגען יעדער אריינמישונג מן הצד, און צווישען דעם גייסט פון פעלקער בונד, וואס דארף לויט זיין מהות, אלס אן איבער'מלוכה'שער שטאט זיך אנטקעגנשטעלען די עקסטרעמען פון סואווערניטעט—אט די סתירה איז געווארען פון טאג צו טאג בולט'ער און האט פאראליזירט דעם פעלקער בונד און אלע זיינע איידעלסטע און בעסטע כוונות. דער פעלקער בונד, ווי די ערפאהרונג האט אונז געלערנט, איז גרויס און באדייטענד לויט זיין עצם מהות. ער איז אבער ניט בכח צו באהערשען די מיטגלידער זיינע, די איינצעלנע מלוכות. דאס פירט דערצו, אז דער פעלקער־בונד זאל ניט זיין אומשטאנד, ווען ס'איז נויטיג, צו טאן דאס, וואס ער וויל און מוז טאן. דאס פירט צו א דיסקרעדיטירונג פון דער גאנצער אידעע פונם פעלקער בונד, און רופט ארויס אנטוישונגען ביי די, וועלכע האבען אויף אים געקוקט ווי אויף א מאראלישען פאקטאר, וואס דארף ברענגען די ישועה און נעמען אויף זיך די איניציאטיוו דורכצופירען יושר אנשטאט דעם פריהערדיגען אומיושר.

לויטן ארטיקעל 14 פון דער ליגע'ס קאווענאנט, איז באשטימט געווארען אן אינטערנאציאנאלער געריכט, וואס זאל זיך אפגעבען בלויז מיט אינטערנאציאנאלע געזעצען, און אין וועמענס הענט עס זאל ליגען דער כח ארויסצוגעבען אנטשיידונגען אין אינטערנאציאנאלע סכסוכים. דער אינטערנאציאנאלער הויף־געריכט (דער „סנהדרין") באשטייט פון 15 וועלט בארימטע יוריסטען, וועלכע זיצען אין האג, אינם פרידענס פאלאץ, און האבען די אויפזיכט איבער דער אינטערנאציאנאלער לעגאליטעט און יוריספרודענץ. די ריכטער, וועלכע ווערען ערוועהלט אויף ניין יאהר, דארפען זיין עקספערטען אין אינטערנאציאנאלע אנגעלעגענהייטען, און גלייכצייטיג אויך זיין אויטאריטעטען אין הלכות געזעץ. זיי דארפען זיין געננג קאמפעטענט צו קאנען נאכפאלגען יעדע פאסירונג אדער געשעהעניש פון אן אינטערנאציאנאלען באדייט.

אינם ערשטען טייל, ארטיקעל 13, פונם ווערסאילער פרידענס אפמאך, ווערט אויך צווישען אנדערעס געזאגט, דאס „דער וועלט־פרידען מוז זיין באזירט אויפן סאציאלען פרידען". עס איז דעריבער געווען איינע פון די אויפגאבען פון דער פעלקער ליגע צו עטאבלירען אן אינטערנאציאנאלע ארבייטער ארגאניזאציע, וואס זאל זיך בלויז אינטערעסירען מיט ריין עקאנאמישע און ארבייטארישע פראבלעמען.

אזא ארגאניזאציע איז געשאפען געווארען אין פאריז אין יאר 1919. אין דער קאמיסיע אויסצואורבייטען די פלענער פאר דעם גאנג און אויפגאבען פון אזא אינסטיטוציע, זיינען אריין ארבייטער פארשטעהער פון ענגלאנד, פראנקרייך, איטאליע, יאפאן א.א. דער פארזיצער פון דער קאמיסיע איז געווען סעמועל

גאמפערס, דער דעמאלטדיגער פרעזידענט פון דער אמעריקאנער ארבייטער פעדע־ראציע („אמעריקען פעדערישאן אוו ליבאר.")

אין די פארשיידענע פונקטען פון דער ארבייט פון אט דער אינסטיטוציע געהען אריין:

1. ארבייט זאל ניט עקספלואטירט ווערען פון די גרויס־אינדוסטריאליסטען פאר קאמערציעלע צוועקען.

2. די רעכט אויף צו שאפען פראפעסיאנעלע פאראיינען צו ארגאניזירען די ארבייטער און זיי פאראייניגען.

3. שכירות, ארבייטער־לוין, זאל באשטימט ווערען לויטן סטאנדארד פון לעבען, צייט און לאנד. יעדער ארבייטער זאל פון זיין ארבייט קאנען מאכען א פיין לעבען, לויט דער פאדערונג פון לאנד.

4. צו אנערקענען דעם אכט־שטונדיגען ארבייטס טאג, אדער אן אכט־און פערציג־שטונדיגע ארבייטס וואך.

עס ווערט דארט באריכות ארומגערעדט וועגען ארבייט פון מינדעריאריגע קינדער און פרויען, אויך וועגען אינטערנאציאנאלע באציהונגען צווישען ארביי־טער. די אויפגאבע פון דער ארגאניזאציע דארף אויך זיין צו שטודירען די לאגע פון דעם ארבייטער קלאס, וועגען די פראבלעמען פון ארבייטסלאזיגקייט, ארבייטס קולטור, סאניטארישע איינריכטונגען און וועגען פארזיכערונג.

אלס גענעראל סעקרעטאר איז באשטימט געווארען דער בארימטער פראנצוי־זישער סאציאליסט אלבערט טיאמא. דער לעצטער האט פיל מיה אוועקגעגעבען פאר דער אויפהאלטונג פון אט דער וויכטיגער אינטערנאציאנאלער אינסטיטוציע, אין וועלכער עס זיינען געווען פארטראטען כמעט אלע פאך־פאראיינען. עס זיינען דארט געווען פארטראטען די סאציאליסטישע פראפיסיאנעלע פאראיינען, די רע־פארמיסטישע ארבייטער ארגאניזאציעס, די קאנסערוואטיוו־נאציאנאלע, אויסער די דואלע און עקסטרעם לינק־געשטימטע פאראיינען.

וועגען די אויפטואונגען און דערגרייכונגען פון דער דאזיגער ארגאניזאציע איז וויכטיג איבערצוקוקען די פארשיידענע מאטעריאלען, וואס זיינען צונגרייט געווארען פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער ארגאניזאציע און בארנעס'עס „געשיכטע פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער ביורא."*)

2. צו איז דער פעלקער בונד בכוח עפעס צו טאן?

צי איז בכלל דער פעלקער־בונד בכח נישט צו דערלאזען, אדער נעמען אויף זיך די איניציאטיוו, אז . . . ?

אזעלכע אדער ענליכע פראגען הערט מען אויף טריט און שריט. און דאס רוב מוז מען אויף די אלע שאלות ענטפערען: ניט תמיד איז דער פעלקער־בונד בכח. די ביז איצטיגע פראקטיק האט באוויזען, אז אין פראגען וואס רירען אן

---

* G. M. Barnes: History of International Labour Office.

די אינטערעסען פון די אזוי־גערופענע „גרויס־מאכטען", קאָן דער פעלקער־בונד ניט האָבען קיין אויסזיכטען אויף אַ באַדייטענדיגען ערפאָלג. ווי מיר האָבען פריהער אָנגעוויזען, איז די סיבה דערפון, וואָס לויטן סטאַטוט פון דער פעלקער ליגע, קאָן קיין זאַך ניט באַשלאָסען ווערען, אויב עס איז ניט אין הסכם פון אַלע פעל־קער־בונד מיטגלידער.

און דאָך, ווי ריכטיג עס זאָלען ניט זיין אונזערע הנחות, דאַרף מען בשום אופן ניט אונטערשאַצען דעם מאָראַלישען באַדייט פון די באַשלוסען, וואָס די מערהייט פון פעלקער־בונד נעמט אָן, ווען אפילו דער באַשלוס איז ניט גילטיק. איבערהויפּט קאָן דער פעלקער־בונד ווערען אַ וויכטיגער אינסטרומענט אינם קאַמף פאַר געקריוודעטע פעלקער. אַזוי, למשל, לאָזט זיך שטאַרק ווירקען אויף קליינע מלוכות, וואָס זיינען אָפּהענגיג פונם פעלקער בונד, זיי זאָלען ניט עובר זיין אויף אינטערנאַציאָנאַלע טראַקטאַטען. אַזעלכע קליינע מלוכות, ווי פוילען, אונגאַרן, ליבעריאַ, אורוגוואַי, וועלכע זיינען אָנגעוויזען אויף דער עפנטליכער מיינונג פון דער וועלט, און קאָנען זיך ניט דערלויבען דעם לוקסוס צו רעוואָלטירען, אָדער צו שרעקען, אַז זיי וועלען פאַרלאָזען זשענעוואַ.

דער פעלקער בונד האָט אויך אַ געוויסען קאָנטראָל־רעכט איבער מאַנדאַטען געביטען, און איבער יענע געביטען איבער וועלכע ער באַזיצט דירעקט די סואווע־רעניטעט־רעכט, ווי עס איז געווען מיט דאַנציג, דעם סאַאַר געביט א. ד. גל. פאַרשטייט זיך, אַז מיט דער צייט איז אויך דאָרט אָפּגעשוואַכט געוואָרען איר כח, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט מעמעל, וואָס איז אין אַ שיינעם פרימאָרגען אָקופּירט געוואָרען פון ליטע און איז עד היום פאַרבליבען ביי איר, הגם, דאָס שטייט אין שאַרפסטער סתירה צו די באַשטימונגען פון די שלום טראַקטאַטען. דאָס זעלביגע וועט פּאַסירען מיט דאַנציג, וואָס איז שוין כמעט אין אנשלוס מיט היטלער׳ס דייטשלאַנד.

אין אָנהויב, אָבער, איז איר ווירקונג געווען שטאַרק, אויף אַזעלכע געביטען, און אויף אַזעלכע ענינים, וואָס האָבען ניט דירעקט אָנגערירט די אינטערעסען פון די גרויס־מאַכטען, ווי מינדערהייטען שוץ, גרענעצען, פרידליכקייט, וכדומה. טראָץ אַלע מניעות וואָס שטייען דעם פעלקער־בונד אין וועג, מניעות וואָס פאַרשוועכען און פּאַראַליזירען זיין טעטיגקייט, איז אים דאָך געלונגען פאַר אַ געוויסען פעריאָד צו פאַרגלייכען דיספּוטען, צו שליכטען אינטערנאַציאָנאַלע סכסוכים און אָפּצו־האַלטען די וועלט פון מלחמה.

דער פעלקער בונד האָט נאָכגעלעמען צו פאַרצייכענען עטלאַכע גוטע אויפ־טואונגען אויף׳ן פעלד פון פאַרגלייכען דיספּוטען און שטרייטען:

א. דער שוועדיש־פינלענדישער דיספּוט אַרום דעם אַאַלאַנד אינזעל.

פינלאַנד, און די אַאַלאַנד אינזלען האָבען אַמאָל, אין גאָר אַלטע צייטען, געהערט צו שוועדען. אין צייט פון קאַרל דעם 12־טען, האָט שוועדען פאַרלוירען דעם מזרח, וואָס רוסלאַנד האָט פון איר אַרויסגעכאַפּט. שפּעטער, אין די נאַפּאָ־לעאָנישע מלחמות, איז אויך דער מערב מיט אַלע זיינע אינזלען איבערגעגאַנגען צו רוסלאַנד. די לעצטע האָט זיי געהאַלטען פון יאָר 1809 ביז נאָך דער רעוואָלוציע

פון 1917. אונטער דער רוסישער הערשאפט זיינען די אינזלען געווארען פאראייניגט מיט פינלאנד, אונטער איין טעריטאריעלער הערשאפט. און אויך נאך דער רעוואלוציע, האבען געוויסע באלשעוויקעס פון פינלאנד, צווישען זיי דער באוואוסטער פינלענדישער באלשעוויק, אנטיקאינאן, געוואלט בלייבען אויף ווייטער פאראייניגט מיט'ן ראטענפארבאנד. ווען ניט די אויסלענדישע אינטערווענציע, איבערהויפט די דייטשע, וואלט פינלאנד געבליבען אויף ווייטער צוזאמענגעגאסען מיט די איבעריגע רוסישע סאוועטען. די בורזשואזיע האט געטאן אלץ וואס איז געווען מעגלאך, אפצוטיילען פינלאנד פון רוסלאנד, און אין יאר 1920, ביים אפמאך אין דארפאט, איז פינלאנד געווארען אנערקענט פאר א זעלבסטשטענדיגער מלוכה.

די אאלאנד אינזלען (300 אין צאל, מיט א באפעלקערונג פון 30 טויזענט), ליגען צווישען פינלאנד און שוועדען. זייער שפראך, קולטור, ליטעראטור, איז שוועדיש. די איינוואוינער האבען געוואלט בעסער זיך פאראייניגען מיט שוועדען, געהערען צו דער שוועדישער מלוכה. פינלאנד האט גע'טענה'ט, אז אזוי ווי זיי זיינען געווען ביז איצטער פאראייניגט, זאלען זיי אויף ווייטער בלייבען פאראייניגט. שוועדען האט פארשטענדליך געהאלפען דער ארטיגער באפעלקערונג זיך אפצורייסען פון פינלאנד. דער קאנפליקט צווישען די צוויי לענדער איז געווארען גאר ערנסט, און עס האט געהאלטען ביי א מלחמה צווישען פינלאנד און שוועדען.

די זאך איז געקומען פארן פעלקער־בונד, וועלכער האט פאררופען אן עקזעקוטיוו־זיצונג. שטיצענדיג זיך אויף די ארטיקלען 4 און 17 פון דער ליגע'ס קאווענאנט, וואס ערלויבען זיך צו פאראינטערעסירען און צוזאמענרופען לענדער, וואס זיינען ניט קיין מיטגלידער צו שליכטען זייערע קאנפליקטען, זיינען איינגעלאדען געווארען פארטרעטער פון פינלאנד און שוועדען, און נאך לאנגע באמיהונגען מיט פארשיידענע אויספארשונגס קאמיסיעס און סוב־קאמיסיעס, איז די זאך ערלעדיגט געווארען אויף א קאמפראמיסליכען אופן: פינלאנד זאל אנהאלטען דעם אאלאנד, בתנאי, עס זאלען אנגענומען ווערען שריט פאר דער פרעזערוואציע פון שוועדישען כאראקטער פון די איינוואוינער. דער דיספוט איז אזוי ארום געשליכטעט געווארען.

ב. דער איטאליעניש־גריכישער דיספוט

דא האט די ליגע שוין געהאט צו טאן מיט אן אנגעזעהענעם מיטגליד, מיט איינעם פון די גרויס מעכטע אין איראפע, מיט איטאליע. זי האט אבער ריזיקירט און געגומען א שטעלונג.

דער דיספוט איז אנטשטאנען נאכן מארד (27־טען אויגוסט, 1923), פון אן איטאליענישען גענעראל מיט זיינע ארויסהעלפער, אן איטאליענער און אן אלבאנער דער איטאליענישער גענעראל איז דעמאלט געווען ביים אמבאסאדארען קאנגרעס וועגען אויסגלייכען די גרעניצען צווישען גריכענלאנד און אלבאניע. ארויפקומענדיג אויף גריכישער טעריטאריע, איז ער באפאלען געווארען פון גריכישע פאטריאטען, וועלכע האבען גענומען נקמה און איהם דערמארדעט איידער ער האט נאך פארטיידיגט אלבאניע.

די איטאַליענישע רעגירונג האָט תיכף אַריינגעשיקט אַ נאָטע קיין גריכענלאַנד זי זאָל באַצאָהלען די שאָדענס און זיך אַנטשולדיגען אויף אַן אָנשטענדיגען אופן פאַר דעם טאָט. גריכענלאַנד האָט זיך אָבער געמאַכט ניט וויסענדיג פון דעם גאַנצען ענין, און ניט געוואָלט נאָכקומען די איטאַליענישע פאָדערונגען. דער רעזול־טאַט איז געווען: איטאַליע האָט פאַרכאַפּט קאָרפו. גריכענלאַנד, וויסענדיג אַז איטאַליע איז מיליטעריש פיל שטאַרקער פון איר, האָט אָנגעהויבען אַפּעלירען צום פעלקער־בונד, ער זאָל איר העלפען אין דער עת־צרה.

די פעלקער ליג האָט אָבער מורא געהאַט זיך צו מישען אין דעם קאָנפליקט, זי האָט מורא געהאַט פאַר איטאַליע. נאָך לאַנגע באַראַטונגען, איז דער ענין איבערגעגעבען געוואָרען צו דעם אַמבאַסאַדאָרען קאָנפערענץ, וואָס האָט אינגאַנצען נאָכגעגעבען די איטאַליענישע פאָדערונגען. אויך ביי דעם אויסגלייך צווישען פראַנקרייך און ענגלאַנד, וועגען אַ שטיק מאַראָקאָ, וואָס האָט באַלאַנגט צו פראַנק־רייך, און ענגלאַנד האָט עס געוואָלט אָקופּירען, האָט דער פעלקער בונד זיך ניט געוואָלט מישען, און די זאַך איז איבערגעלאָזען געוואָרען צו די צדדים, זיי זאָלען זיך אַליין פאַרגלייכען. אין די דאָזיגע פאַלען האָט דער פעלקער־בונד אָנגעהויבען פאַרלירען זיין פּרעסטיזש אַלס דאָמינירענדער פאַקטאָר, ווייל אויב פאַר אַ תקיף האָט מען מורא, טאָ זיינען אַלע תקיפים — האָבען אַנדערע לענדער אָנגעהויבען טראַכטען ביי זיך.

ביים דיספּוט צווישען איראַק און טערקיי, אין וועלכען ענגלאַנד איז געווען זעהר פאַראינטערעסירט, האָט אויך די ליגע זיך געוואָלט אָפּ׳פּטר׳ען און עס איבער־לאָזען צו ענגלאַנד.

דער סכסוך איז פאָרגעקומען צוליב דעם, וואָס איראַק איז ערקלערט געוואָרען אַלס מאַנדאַט־לאַנד, וואָס זאָל רעגירט ווערען לויטן עגיפּטישען מאָדעל — דורך אַ קעניג, אַ סענאַט און אַן ערוועהלטען פּאַרלאַמענט.

פאַרן קריג האָט איראַק געהערט צו טערקיי. ווען דער קריג האָט אויסגע־בראָכען, און טערקיי איז אַריין אין קריג, צוזאַמען מיט דייטשלאַנד קעגען די עליים, האָט איראַק אויסגענוצט די געלעגענהייט זיך צו ערקלעהרען אַלס זעלבסט־שטענדיגע מלוכה. זי איז געשטיצט געוואָרען פון ענגלאַנד, וועלכע האָט געוואָלט האָבען אַ האַנט אין די אוילפעלדער לעבען פערסישען גאָלף.

נאָכן קריג איז זי ערקלערט געוואָרען אַלס בריטישער מאַנדאַט קלאַס „אַי". עס איז אויך אָנערקענט געוואָרען איר זעלבסטשטענדיגקייט. אין 1921 איז עמיר פעיזאַל ערוועהלט געוואָרען אַלס קעניג, און בריטישער מיליטער מיט אַ בריטישען קאָמיסאַר איז געשיקט געוואָרען אים אַרויסצוהעלפען אין איינשטעלען אָרדנונג. טערקיי איז דאָס ניט געפעלען געוואָרען. זי האָט זיך ניט געקאָנט פאַרשטעלען, אַז די מזרח לענדער זאָלען פלוצלונג באַפרייט ווערען, און האָט אָנגעהויבען זיך מישען אין די רעגירונגען, צו שטערען זיי, בונטעווען די באַפעלקערונג און רעגען צו אויפשטאַנדען. ענגלאַנד, וועלכע איז געווען פאַראינטערעסירט אַרויסצושטופּען טערקיי פונם מזרח, האָט דערלויבט איר מיליטער אַריינצודרינגען אין געוויסע

פונקטען, וואס טערקיי האט זיי געדעכענט פאר אייגענס. עס איז פארגעקומען א צוזאמענשטויס צווישן טערקיש און בריטיש מיליטער איבער דעם ווילייעט פון מאסול. די זאך איז איבערגעגעבן געווארן צו דער פעלקער ליגע, וועלכע האט פאר דעם באשטימט א ספעציעלע קאמיסיע, צו אנטשיידען צו וועמען דאס פלאץ געהערט.

טערקיי האט דעמאלט אויסגענוצט אלץ וואס איז געווען אין אירע מעגליכ־קייטען צו געווינען די קאמיסיע אויף איר זייט. אנגעווענדעט אלע מיטלען: דע־מאנסטראציעס פון סטודענטען, אפענע פראטעסטען פון ציווילע און מיליטערישע אפטיילונגען. זי האט איבערגעוואויגען דער קאמיסיע, זי זאל אפגעבן א באריכט צו גונסטען טערקיי'ס פאדערונגען. די ליגע האט אבער מורא געהאט צו נעמען א שטעלונג און זאגען איר אייגען ווארט. ערשט ביים אפמאך צווישן טערקיי און ענגלאנד אין יאר 1926, איז דער ווילייעט דיסטריקט איבערגעגאנגען צו טערקיי.

דער פעלקער בונד האט נאר איינמאל ארויסגעוויזען זיין שטאנדהאפטיגקייט ביים קאנפליקט צווישן גריכענלאנד און בולגאריע אין יאר 1925. דער קאנפליקט איז אנטשטאנען צוליב דער גרעניץ ביי נארד סאלאניקי. גריכענלאנד איז אנגע־פאלען אויף איר באלקאנישען שכן בולגאריע. די לעצטע האט זיך געווענדעט מיט א הייסען אפיל צום פעלקער־בונד, וועלכער האט פאררופען דעם 26־טען אקטאבער א ספעציעלע זיצונג אונטערן פארזיץ פון בריאן. קודם כל האט דער פעלקער־בונד יוועקגעשיקט א שטרענגע נאטע צוביידע לענדער, זיי זאלען ניט נעמען קיין מיליטערישע שריט ביז די ליגע וועט אונטערזוכען דעם ענין. מען האט אפילו געווארענט מיט אינטערווענציע, אויב די ווארנונג וועט ניט גענומען ווערען אין אכט. די פעלקער־ליגע איז דעמאלט ארויסגעקומען מיט אפענע דבורים. און נאך די אונטערזוכונגען האט זי באשטראפט גריכענלאנד מיט 45,000 פונט אלס רעפע־ראציעס צו בולגאריע. אויב ניט האט מען איר געסטראשעט מיט ערגערע שטראפען. גריכענלאנד האט זיך דערשראקען און אויסגעפאלגט אלץ וואס די ליגע האט געפאדערט פון איהר.

ג. דער פעלקער־בונד און די גרעניץ פראבלעמען

דער פעלקע־בונד, אלס א קינד פונם ווערסאילער טראקטאט, האט געדארפט דורכפירען דעם „סטאטוס קווא" פונם אפמאך, הן בנוגע גרעניצען, און הן בנוגע נייע־צוגעקומענע לענדער: צו העלפען איינשטעלען די נאך מלחמה - געבוירענע לענדער.

נאך דער וועלט־מלחמה, מיטן אויפקום פון א צאל נייע לענדער, האט זיך אנגעהויבען א סעריע קאמפען ארום דער אויסברייטערונג פון זייערע גרעניצען. יעדער נייע לאנד האט געוואלט זיך וואס מער אויסשפרייטען. דער שארפסטער קאמף איז געווען צווישן פוילען און דער נייער ליטע — א קאמף וואס האט זיך געצויגען פון 1918 ביז 1923, א קאמף וואס איז נאך היינט א ניט פארענדיגטער.

פוילען, וואָס איז געווען ארומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט שונאים, האָט ביים באַשטימען אירע גרעניצען געמוזט פירען אַ קאַמף מיט אַלע אירע שכנים. אויסער דער גרעניץ ביים באַלטישען ים, דער נאַטירליכער גרעניץ־פונקט, האָט זי זיך ארומגעריסען מיט אַלע אַנדערע ביים באַשטימען די פוילישע גרעניצען, ניט צו לאָזען אָפּשניידען פון איר דאָס וואָס האָט אַמאָל באַלאַנגט צו פוילען. די פּילסודסקי פּאַטריאָטען האָבען ניט געוואָלט דאָס עטנאָגראַפישע פוילען, נאָר דאָס אַמאָליגע, דאָס גרויסע און מעכטיגע פוילען.

דער גרעסטער שטרייט איז אַנטשטאַנען ביי דער פויליש־ליטווישער גרעניץ. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דער שטאָט ווילנע און אומגעגנט. ניט רעכענענדיג זיך מיט די גערעכטע פוילישע טענות, אַז ווילנע האָט שטענדיג געהערט צו פוילען, האָט ליטע מיט דער רוסישער הילף, פאַרכאַפּט די שטאָט. פּילסודסקי און זיינע מיליטאַריסטישע אַרויסהעלפער, וועלכע האָבען געקעמפט פאַר פּאָלאָניזאַציע, האָבען זיך מיליטעריש צוגעגרייט און זיינען ארויס אין אַן אָפענעם קאַמף מיט ליטע. צו דער זעלבער צייט האָבען אַנדערע פוילישע דיפּלאָמאַטען געטאָן וואָס עס איז נויטיג געווען, אויף צו געווינען די סימפּאַטיע פון די גרויס מעכטע, צו געווינען דעם פעלקער בונד אויף זייער זייט.

די ליגע האָט זיך דאָ שטאַרק פאַראינטערעסירט; געשיקט אַן אינטערנאַציאָנאַלען מיליטערישען פּאַטרול, צו היטען, עס זאָל ניט אויסברעכען קיין קריג צווישען די צוויי ניי־אויפגעקומענע לענדער, און אויך פאַרמירט אַ קאָמיסיע, וועמענס צוועק עס איז געווען, אונטערצוזוכען די לאַגע דאָרט און אויסצוהערען די טענות פון ביידע צדדים. די קאָמיסיע האָט באַשטימט אַ פּלעביסציט, אין וועלכען די באַפעלקערונג האָט געשטימט איבערצוגיין צו פוילען, און ווילנע איז געוואָרען אַ פוילישע פּראָווינץ.

דער פעלקער־בונד האָט אויך באַדאַרפט פאַרגלייכען דעם שטרייט איבער מעמעל, וואָס האָט פאַרן קריג געהערט צו דייטשלאַנד. ליטע האָט אָבער ניט געוואַרט און האָט פּלוצלונג פאַרנומען די שטאָט. אין יאָר 1924 איז די שטאָט אָפיציעל געוואָרען אַ ליטווישע, אונטער געוויסע אויטאָנאָמישע רעכט, און אויך אונטער אַ פאַרזיכערונג, אַז דער פּאָרט וועט פאַרבלייבען אַן אינטערנאַציאָנאַלער.

דער פעלקער־בונד האָט אויך געהאַט אַ שווערען פּראָבלעם מיט אויבער־שלעזיע. פוילען'ס ווידערגעבורט האָט מיט זיך געבראַכט גרויסע און וויכטיגע געאָגראַפישע ענדערונגען ביי די מזרח דייטשע גרעניצען. פראַנקרייך און אַנדערע שכנ'ישע לענדער האָבען פון איין זייט מורא געהאַט פאַרן רעוואָלוציאָנערען רוסלאַנד; פון דער צווייטער זייט — פאַר אַ שטאַרקער דייטשלאַנד. זיי האָבען דעריבער געוואָלט אויף זייער חשבון אויפבויען אַ שטאַרקע און מעכטיגע פוילען. זיי האָבען געוואָלט, פוילען זאָל זיין די שטעכעדיגע דראָט פאַר די באָלשעוויקעס, ניט צו סענען איבערטרעטען זייערע גרעניצען, אָדער ערָאָבערען דייטשע טעריטאָריעס, אויף וועלכע זי האָט די מינדעסטע טענה . . .

אויבערשלעזיע איז געווען איינע פון די רייכסטע קוילען און אייזען דיסט־ ריקטען אין דער דייטשער אימפעריע. פאר דייטשלאנד איז דער געגענט געווען נוצליך אין איר אינדוסטריעלער אנטוויקלונג. די עליים האָבען אָבער געזוכט מיטלען אָפצורייסען פון דייטשלאנד דעם דאָזיגען ווערטפולען דיסטריקט, און ביים שלום קאָנפערענץ אין 1919, ווען פוילען האָט גע'טענה'עט, אז עס געהערט צו איהר, אז די דאָרטיגע איינוואוינער זיינען מערסטענטייל פּאָליאקען, האָבען די עלאים די זאך געוואָלט שנעל אָפּ'פּטר'ן און עס אוועקגעגעבען צו פוילען; האָט אָבער דייטשלאנד ארויסגעשטעלט א שטארקען ווידערשטאנד, באווייזענדיג אז פאר די לעצטע 600 יאָר האָט דער געגענט געהערט צו איר, און אז די דאָרטיגע איינוואוינער זיינען גאָר דייטשען. דער ענין איז געבליבען אונפארענדיגט ביז א קאָמיסיע וועט דורכפירען א פּלעביסציט צווישען די איינוואוינער, זיי זאָלען אליין באשטימען צו וועמען זיי ווילען געהערען.

דער רעזולטאט פונם פּלעביסציט איז געווען צו גונסטען דייטשלאנד. אין די וואהלען דעם 20־טען מערץ, 1921, האָבען געשטימט 7,160,000 פאר דייטשלאנד און 4,710,000 פאר פוילען. פון די זיבעצען פּראָווינצען האָבען די דייטשען געוואונען דרייצען און די פּאָליאקען בלויז פיר.

פוילען איז אָבער געבליבען אונצופרידען. די פוילישע פּאטריאָטען האָבען גאנץ גוט פארשטאנען, ווי נויטיג עס איז פאר פוילען צו האָבען פאר זיך אויבער־ שלעזיע און דעם קאָרידאָר, וואָס פירט צום באלטישען ים. קאָרפאנטי האָט זיך שטארק אָנגעשטרענגט, געארבייט מעשים צו געווינען דעם דיסטריקט. פראנקרייך האָט געהאָלפען איר ליבלינג פוילען. ענגלאנד איז אָבער דאָ געווען פּראָ־דייטשיש. געהאלטען, אז מען טאָר ניט אוועקנעמען די קוילען מינען פון דייטשלאנד. ענגלישע שרייבער האָבען געגוואלדעוועט קעגען אזא „פארברעכען"*). פארשטענדליך, אז ענגלאנד איז זיך ניט געגאנגען אָננעמען פאר דייטשלאנד, סתם אזוי — לשם יושר. עס איז געווען נאך א מאָטיוו, זי האָט ניט געוואָלט אויפשטעלען א ניי קאָנקורענט אויפן קוילען מארק. זי האָט געוואוסט, אז פוילען וועט ניט פארברויכען די גאנצע קוילען, און וועט זוכען קונים פון אויסלאנד, און אז זי וועט קאָנען פארקויפען א סך ביליגער ווי ענגלאנד, ווייל זי וועט קריגען ארבייטער־הענט א סך ביליגער. דעריבער האָט ענגלאנד ניט געוואָלט איבערלאָזען אויבערשלעזיע אין פוילענ'ס הענט.

דער סוף איז געווען, אז דער פעלקער־בונד האָט דאָ גע'פּסק'ענט „כל דאלים גבר" — ווער ס'איז שטארקער דער זאָל זיגען. אזוי ווי פוילען האָט שוין פּ באפּט דעם דיסטריקט געהערט ער צו איהר.*)

* See Sidney Osborne: The Upper Silesian Question and Germany's coal problem (1920); also The problem of Upper Silesia (1921).

**) מער באריכות וועגען דער פראגע און פון דעם דאנציג פּראָבלעם, אין דריטען טייל פון דיזען בוך.

3. די שאַפונג פון מאַנדאַטען סיסטעם דורכ'ן פעלקער בונד

דער מאַנדאַטען סיסטעם איז אַ נייער עקספּערימענט אין דער וועלט־פּאָליט די צוריקגעשטאַנענע לענדער ווערען איבערגעגעבען אין רשות פון די פאָרטגע־שריטענע, וועלכע זאָלען זיי ציוויליזירען און העלפען אנטוויקלען.

דער שלום אָפּמאַך אין ווערסאַיל האָט אונטער דעם אויסרייד, געשאַפען אַ סיסטעם וואָס דערלויבט אוועקצונעמען לענדער—קאָלאָניעס וואָס האָבען געהערט צו דייטשלאַנד, אָדער צו טערקיי און זיי איבערגעבען אין רשות פון די אַליאירטע לענדער, אָדער אין רשות פון דעם פעלקער בונד.

דער מאַנדאַטען סיסטעם טיילט איין די מאַנדאַטען־לענדער אין דריי קלאַסען: קלאַס „א"; קלאַס „ב"; קלאַס „ג".

לויטן אַרטיקעל 22 פון דער קאָנסטיטוציע זיינען די „א" מאַנדאַט־לענדער אַזעלכע, וואָס זיינען שוין מער אָדער ווייניגער אַנטוויקעלט. זיי ווערען אָנערקענט אַלס עקזיסטירענדע זעלבסטשטענדיגע לענדער, וואָס ווערען נאָר אַרויסגעהאָלפען פון די גרויס־מעכטע, זיי זאָלען שטיין אויף דער שטופע פון רעגירען איבער זיך אַליין.

אין דער קאַטעגאָריע געהען אַריין פּאַלעסטינע (ארץ ישראל), סיריע און מעסאָפּאָטאַמיע (איראַק). פראַנקרייך האָט באַקומען דעם מאַנדאַט איבער סיריע, און ענגלאַנד איבער די אַנדערע צוויי. די דאָזיגע לענדער שטעהען ביי די וואַסערען צווישען אייראָפּע און אַזיע. זיי זיינען פול מיט מדבריות'ן און די מענשען דאָרט לעבען אין נויט און אין פּיין. זיי ליידען פון דאָרשט. און לעבען אַ פּרימיטיוו, אונציוויליזירט לעבען. די הויפּט נאַטירליכע אוצרות זיינען די אויל־פעלדער פון מאָסול און די זאַלץ־קוואַלען פון ים המלח („טויטען ים".)

מילא, מיט די לעצטע צוויי קאָן די ליגע ־רייכקומען אָן אַ וואַסערע שטרייטען. טראָץ דעם, וואָס זיי פאַרלאַנגען זייער פולע זעלבסטשטענדיגקייט, טוען שוין די אימפּעריאַליסטען אַזוי, אַז זיי זאָלען זיין אונטערוואָרפען דער מאַנדאַט־הערשאַפט. שלעכט איז אָבער מיט דעם ערשטען לאַנד, וואָס איז דער אָנגעווייטאָגסטער פּראָב־לעם אין דער ענגלישער קאָלאָניאַל פּאָליטיק און אין דער ליגע'ס מאַנדאַט פּאָליטיק. פּאַלעסטינע איז דאָס „הייליגע" לאַנד פון אַלע דריי גלויבענס: אידישער, מאַכמע־דאַנישער און קריסטלאַכער. אַ לאַנד אויף וועלכען אַלע האָבען פּרעטענציעס איבערהויפּט די אַראַבער און די אידען, וועלכע שלאָגען זיך איבער דעם שוין 20 יאָר — זינט דער פּראָקלאַמירונג פון דער באַלפור דעקלאַראַציע, וואָס האָט פאַר־שפּראָכען די אידען צו עטאַבלירען דאָרט אַ אידישע נאַציאָנאַלע היים...

ווען אין ארץ ישראל זאָלען ניט זיין קיין אַנדערע אינטערעסען ווי רע־ליגיעזע, וואָלט עס אויך געווען דאָס געפערלעכסטע פּלאַץ אויף דער וועלט. די רעליגיע דאָרט ברענט מיט ניט קיין נאַטירליכער היץ, נאָר מיט איבערנאַטירליכען פלאַקער. דאָרט זעהט מען די שאָטענס פון דער פאַרגאַנגענהייט. יעדער שטיין טראָגט מיט זיך אַ פאַרהייליגטען אָנדענק. דאָרט געפינען זיך די קברים פון אדם'ן, די דריי גרויסע אבות, די מלכים, די תנאים, די מערת המכפלה . . . דער כותל

המערבי וואס איז איבערגעבליבען פון צווייטען בית המקדש איז דאך א פלאץ וואו אידען שטראמען, וואו אידען גיסען אויס זייערע ביטערע הערצער, גלוי־בענדיק אז נאר דארטען וועלען זייערע תפלות געהערט ווערען... צוליב דעם כותל המערבי אליין האבען אידען גענוג בלוט פארגאסען. די געשעהענישען פון אוגוסט 1929 זיינען געווען א דירעקטער רעזולטאט פון די תפלות ביים כותל המערבי, איבער דעם כותל המערבי זיינען שוין פארפירט געווארען פראצעסען, און אין 1930 האט ענגלאנד, מיט דער הסכמה פון דער מאנדאט קאמיסיע, דורכגעפירט א פראצעס, קלאר צו מאכען צו וועמען „די וואנט" געהערט. די אראבער טענה'ען, אז אויך ביי זיי איז דער כותל המערבי הייליג. מאכמעד—זאגט די לעגענדע—איז דארט פארבייגעריטען מיט זיין וויסען פערדעל...

אין פאלעסטינע אבער זיינען דא אנדערע אורזאכען וואס פאראורזאכען טער־ראר און אויפשטאנדען: ענגלאנד'ס עקספערימענט צו אנטוויקלען דארט א לאנד פאר צוויי נאציאנען, פאר אידען און אראבער. לויט דער באלפור דעקלאראציע, וואס איז שפעטער ראטיפיצירט געווארען אין דעם קאווענאנט פון פעלקער־בונד, האט די מאנדאטען־מאכט פארשפראכען „אויפצובויען א אידישע היימלאנד אין ארץ ישראל". אויף דעם באזיס האבען הונדערטער טויזענטער אידען פאר־לאזען זייערע היימאט־לענדער, דעם „גלות", און געפארען אין "אייגענעם" לאנד, דארט אויפגעבויט אן אינדוסטריע, אנטוויקלעט אן אגריקולטור, אויסגעטרו־קענט זומפען און געמאכט פון טרוקענעם באדען א פרוכטבארען גן־עדן. אידען האבען געקוקט אויף דעם לאנד ווי אויף אן אנטרינונגס פונקט, וואו מען וועט זיין געהיט קעגען פאגראמען, קעגען אנטיסעמיטיזם, קעגען באיקאט...

די אראבער האבען פון זייער זייט ניט געוואלט און ווילען ניט אנערקע־נען די נייע תושבים, זיי ווילען ניט וויסען פון קיינע דעקלאראציעס — זיי טענה'ן, אז דאס לאנד געהערט צו זיי — די ארטיגע תושבים — שוין טויזענט יאר. זייער לעגאלע רעכט באגרינדען זיי אויך אויף דעם, וואס זיי צעהלען נאך אלץ דעם רוב מנין ורוב בנין אין דער באפעלקערונג.

זיי האבען דאס באוויזען מיט רייאטען, מיט אנפאלען, מיט רציחות אין יאר 1921, 1929, 1936, 1937, 1938 און מיט אפטע פראטעסטען קעגען דער ענג־לישער מאכט און קעגען דער אידישער איינוואנדערונג. די לעצטע טעראר אקטען האלטען שוין אן איבער צוויי יאר און מען קאן אלץ ניט דערשטיקען די טעראר־באנדעס. עס זיינען שוין געפאלען טויזענטער קרבנות — אראבישע, אידישע און ענגלישע, און צו קיין ענדע קומט אלץ ניט. מען האט שוין ארעסטירט אלע אראב־בישע פיהרער, אפילו דעם מופטי מיט זיינע משרתים, און עס שטילט זיך נאך אלץ ניט איין. ווען ניט די אידישע שמירה וואלט שוין דער גאנצער ישוב געווען פארניכטעט. ארץ ישראל וואלט שוין פון לאנג געווען אפגעגאנגען אין רויך און אין פלאמען... עס וואלט שוין ניט געווען קיין צייכען פון א אידישען ישוב.

די מאנדאטען־קאמיסיע, וועלכע וואלט געקענט אונטערדריקען דעם טעראר, און אפשרעקען די אויפגערעגטע אראבער, האט ביז איצט ניט געטאן קיין ממשות'־דיגעס צו שאפען א פרידענס באזיס פאר די ביידע פעלקער. ענגלאנד האט ניט

נאָר ניט געהאָלפען ברענגען פארשטענדיגונג נאָר אַפט געשטאַנען אין וועג פון שלום און קאָאָפעראַציע. אינם קליינעם ארץ ישראל האָט זי זיך אויך באַנוצט מיט דער אלטער אימפעריאליסטישער טאַקטיק פון „צעטייל און הערש" און אַזוי אַרום דאָרט געשאַפען אַן אַטמאָספערע וואָס איז פול מיט האַס, מיט שנאה איי־נער צו דעם אַנדערען... זי האָט געלאָזט צופלאַקערען דעם האַס און דעם פייער פון מלחמות אַזוי גרויס, אַז עס איז שוין ניטאָ קיין מעגלעכקייט עס איינצושטילען.

נאָך די אונרוהען פון 1936 האָט ענגלאַנד אַריבערגעשיקט אַ קעניגליכע קאָ־מיסיע מיט לאָרד פּיל בראש, זי זאָל אויספאָרשען די לאַגע אין ארץ ישראל. דער באַריכט פון דער קאָמיסיע איז פאַרעפענטליכט געוואָרען דעם 8־טען יולי 1937. דער באַריכט אַ 400 זייטיקער בוך, רעדט וועגען צוטיילען פאַלעסטינע. באַטראַכ־טענדיג די היסטאָרישע און פּאָליטישע סבות וואָס האָבען גורם געווען צו פאַר־זיכערען די אידען און די אַראַבער זייער רעכט אויף ארץ ישראל, אויך וועגען דעם האַס און קאָנפליקט צווישען ביידע פעלקער, וואָס האַלט אָן זינט אידען האָבען געשטעלט זייערע פיס אויף פּאַלעסטינער באָדען, באַשליסט די קאָמיסיע צו לייזען דאָס אָנגעוועהטאָגטע פּראָבלעם דורך „יחלוקו" — איינצוטיילען דאָס לאַנד אין דריי טיילען, צו זיכערען יעדען טייל אַ פרייע זעלבסטשטענדיגע מלוכה, און אויף אַזאַ אופן צו זיכערען דעם שלום צווישען אידען און אַראַבער.

דער דאָזיגער באַריכט האָט אַרויסגערופען דעם גרעסטען שטורם פון אַנ־טווישונג און באַגייסטערונג ביי די פאַראינטערעסירטע צדדים. פילע ציוניסטישע פירער זעהן אין דעם אַ פאַרווירקליכונג פון דער באַלפור דעקלאַראַציע — צו שאַפען אַ נאַציאָנאַלע אידישע זעלבסטשטענדיגע היים, אידען זאָלען ווערען איי־גענע בעלי־בתים איבער ארץ ישראל (זאָל זיין אַ קליין לאַנדל אבי אַן אייגענס).

דער באַריכט איז אַנדערש פון די אַלע פריהערדיגע באַריכטען, דערמיט אַליין וואָס אין אים רעדט זיך וועגען ממשות'דיגעס, וועגען אידענשטאַט און וועגען אידישע מלוכה. „די אידישע נאַציאָנאַלע היים איז שוין מעהר ניט קיין עקספּע־רימענט" — זאָגט דער רעפּאָרט, אָנווייזענדיג אויף דער עקאָנאָמישער אַנטוויק־לונג און מאָדערנער קאָלאָניזאַציע אַרבעט וואָס אידען האָבען דאָרט אַריינגע־בראַכט. די קאָמיסיע לויבט דעם ציוניזם פאַר זיין ערפאָלגרייכער אַרבעט, פאַר זיין ענערגיע און איבערגעבענהייט אינם אויפבוי פון אידישען היימלאַנד.

די קאָמיסיע אַנערקענט אויך די היסטאָרישע רעכט פון די אידען אויף ארץ ישראל, די ביבעל־מענטשען לייגען גרויס אַכט אויף דער ביבעל וואָס האָט גע־געבען ארץ ישראל צו אברהם'ס אייניקלאַך. דער רעפּאָרט רעדט אויך מיט גרויס ליבע וועגען די אידען, וועלכע האָבען געשוואוירען ביי די טייכען פון בבל: „אויב איך וועל דיך פאַרגעסען, ירושלים, זאָל פאַרגעסען ווערען מיין רעכטע האַנט!" אידען האָבען קיינמאָל ניט אויפגעגעבען ארץ ישראל. פאַר די גאַנצע צוויי טוי־זענט יאָר וואָס זיי זיינען אין גלות, האָבען זיי אין ירושלים ניט פאַרגעסען...

די קאָמיסיע באַדויערט וואָס אידען מוזען זיך האַלטען ביים ענגען גרע־ניץ פון רעכט, אין דער צייט ווען דער צווייטער צד האַלט זיך ביי דער רעג־פון מאַכט.

און דאָך!

און דאָך קומט די קאָמיסיע צום אויספיהר, אז די אראבער זיינען מעהר בארעכטיגט אויף פאלעסטינע דערפאר, „ווייל פאלעסטינע איז געווען און איז אין אראבישען באזיץ”; דאָרטען האָבען זיי געלעבט, און דאָרטען האָבען זיי זייערע קברים”. אינם רעפּאָרט ווערט ציטירט די שוין באקאנטע אראבישע טענה:

„איהר זאָגט, אז עס געהט מיר איצטער בעסער; איהר זאָגט, אז מיין הויז איז בארייכערט געוואָרען דורך די פרעמדע וואָס זיינען אהין אריינגעקומען. אָבער עס איז מיין הויז און איך האָב די פרעמדע ניט איינגעלאדען צו קומען צו מיר; איך האָב זיי ניט געבעטען עס רייך צו מאכען; מיך ארט ניט צי מיין הויז איז רייך אָדער אָרים — איך וויל זיין דער באלעבאָס איבער דאָס מייניגע...”

ווי עס איז צו זעהן, איז נאָך גאנץ שווער דורכצופירען די שלום פלענער, פאָרגעשלאָגענע פון דער קאָמיסיע, און אז דאָס זאָל שוין ברענגען שלום*) מען דארף זיין א גרויסער אָפּטימיסט צו גלויבען אין דער אנטוויקלונג פון שלום צווישען ביידע פעלקער, אָן א וואָסערע מלחמות, אָן קרבנות און הזקות. דער קאַמף וועט אזוי לאנג אָנהאַלטען, ווי די אראבער וועט זיין ערלויבט צו דערציהען א שאָוויניסטישער יוגענט, אין וועלכער עס ווערט אריינגעפלאנצט דער פייער פון פעלקער שנאה וואָס קאָן שפּעטער ניט פארלאָשען ווערען.

די טעריטאָריעס פון קלאָס „ב” באשטעהען אממיינסטענס פון די געוועזענע דייטשע קאָלאָניעס אין צענטראל אפריקא, טאגאָלאנד און קאמערונס (איינגעטיילט צווישען פראנקרייך און ענגלאנד), און אין מזרח אפריקא (איינגעטיילט צווישען ענגלאנד און בעלגיע). די אייגענע רעגירונגען. די דאָרטיגע, זיינען ניט קיין אנערקענטע; די מאנדאטאָרען האָבען די פולע רעכט אויף דער אדמיניסטראציע און די אינטערעסען פון דער באפעלקערונג. זיי האָבען אויך די רעכט איינצופירען אייגענע רעגירונגען אום צו זיכערען די עקאָנאָמישע גלייכבארעכטיגונג פון אלע נאציאָנאליטעטען וואָס געפינען זיך דאָרט.

די דריטע גרופּע קלאס „ג” באשטעהט פון זיד־וועסט אפריקא (מאנדאטאָר אוניאָן פון זיד אפריקא) און די געוועזענע דייטשע פּאָזיציעס ביים פּאסיפיק (די סאמאָאן אינזלען ווערען רעגירט פון ניי זעלאנד; נאורא פון דער קעניגליכער רעגירונג פון גרויס בריטאניע; זיד עקוואטאָר פון אויסטראליע און נאָרד עקוואטאָר פון יאפּאן). די אלע טעריטאָריעס מיט זייערע נאטירליכע רייכטימער זיינען זעהר וויכטיג פאר דער מאָדערנער קאָמערציעלער אנטוויקלונג.

די דאָזיגע געגענטען זיינען געווען זעהר צוריקגעשטאָנען. די שבטים וואָס לעבן דאָרט האָבען געלעבט אן אלט פרימיטיוו לעבען. די מאנדאט־מעכטע האָבען זיי אויפגעלעבט און געמאכט דאָרט א רעוואָלוציע אין דער אגריקולטור און אין

*) וועגען די פארשיידענע געשעהענישען אין ארץ ישראל, די אורזאכען און רעזולטאטען פון די געשעהענישען, די גרויסע אידישע אנטוישונג אין ענגלאנד, און אין דער פעלקער ליגע, די באלפור דעקלאראציע און די צוטיילונג פון ארץ ישראל, די פראגע פון קאָנטאָניזאציע און די אלע פּראָבלעמען וואָס זיינען פארבונדען מיטן הויפּט אראביש־אידישען פּראָבלעם — אין מיינער א באזונדערער אָפּהאנדלונג. — נ. ש.

דער אינדוסטריע. זיי אנטוויקלען דאָרט א ציוויליזירט לעבען. זיי עקספּלואטירען אָבער די באַפעלקערונג, מאַכענדיג פון זיי שקלאַפען, כדי צו פאַרגרעסערען די פּראָפיטען.

בכלל איז דער אויפטו פון א מאַנדאַטען־סיסטעם זעהר אן אויסגעהאַלטע־נער, אויב מען פירט נאָר דורך די אויפגאַבען און מיסיעס וואָס ווערען אַרויפגעלייגט אויף די מאַנדאַט־מאַכטען.

די ליגע האָט א דעה אין דער אָנפירונג פון די דאָזיגע מלוכות, זי האָט א רעכט אָפּצוזאָגען איין מאַנדאַטאַר און באַשטימען א צווייטען. זי נעמט אַלע־מאָל אויף באַריכטען וועגען דער אנטוויקלונג און פראַגעס פון די מאַנדאַט־לענדער. דער פעלקער בונד דערלאָזט ניט קיין פּאָלשטענדיגע שקלאַפעריי. אינ־טערעסירט זיך אין שאַפען מעדיצינישע הילף פאַר די טראָפּישע קראַנקהייטען, ווי אויך אויסצובעסערען דעם לעבען פונם נאָך ניט ציוויליזירטען מענשען.

* * *

דער פעלקער־בונד האָט אויך געהאָלפען רואינירטע לענדער נאָך דער מלחמה, זיי זאָלען זיך קענען צוריק איינשטעלען. די ליגע האָט פינאַנציעל גע־האָלפען עסטרייך, וואָס איז נאָך דער מלחמה אַרויסגעקומען אַ צעבראָכענע און צעקאַליעטשעטע.

די קליינע עסטרייך האָט אויף ווייטער ניט געקאָנט עקזיסטירען. די שווע־רע מיליאָנען וואָס זי איז שולדיג געווען האָט זי ניט געקאָנט באַצאָהלען. קיין נייע געלטער צו באָרגען האָט זי מער ניט געקאָנט באַקומען. דער קראָן איז אינ־גאַנצען געפאַלען און דאָס לאַנד איז געשטאַנען פאַר א באַנקראָט.

דער פעלקער בונד האָט פאַר דעם צוועק געשאַפען א קאָמיטעט וואָס זאָל פינאַנסירען עסטרייך, און עפענען פאַר איר נייע קרעדיטען. דר. צימערמאַן, דער הויפּט פונם קאָמיטעט, האָט רעאָרגאַניזירט די עסטרייכישע באַנק מיט א קאַפּי־טאַל פון 100,000,000 גאָלד מאַרקען (30,000,000 קראָנען האָט ער באַקומען פון דער רעגירונג; 30,000,000 פון דער ווינער באַנק; 20,000,000 פון אַקציעס און 50,000,000 — אַן אינטערנאַציאָנאַלע הלואה). צו דעם קאַפּיטאַל האָט עסט־רייך באַקומען נאָך א הלואה פון 3,500,000 פונט, און אין 1922 נאָך א הלואה פון 27,000,000 פונט שטערלינג. אַזוי אַרום האָט זי זיך צוריק געשטעלט אויף אירע פיס, און זיך גענומען אויפבויען אירע רואינען. די ליגע האָט אויך פאַר איר געעפענט דעם וועלט מאַרק און אויסגעגליכען איר וואַליוטע.

דער פעלקער־בונד האָט זיך אויך פאַרנומען מיט זיכערען די מינאָריטעטען־רעכט וואָס איז נאָך דער מלחמה געוואָרען א זעהר שאַרפע פּראָבלעם. מינדער־הייט נאַציעס וואָס ווילען זיך ניט צופּאַסען צו דער מערהייט פון זייערע וואוין לענדער געפינען זיך אין איראָפּע אליין איבער דרייסיג מיליאָן.

פאַרשיידענע אָפּמאַכען און דעקלאַראַציעס וועגען גאַראַנטירען די רעכט פון די מינדערהייטען זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען. די פאַרשיידענע שלום אָפּ־מאַכען בנוגע דער מינדערהייט פּראָבלעם (16 אָפּמאַכען אַזעלכע זיינען שוין פאַ־

ראן) — זיכערען די פרייהייט פון רעליגיע, שפראך און קולטור. די מינדערהייטען זאָלען האָבען די זעלבע רעכט ווי די מערהייט בנוגע בירגערשאפט.

די דאָזיגע אלע רעכט־גאראנטיעס זיינען אָבער געבליבען אויפן פאפיר. יעדער לאנד באהאנדעלט אירע מינדערהייט־בירגער אויף איר שטייגער. דייטשלאנד, פוילען, רומעניע און אנדערע לענדער, וואו די מינדערהייט־פראגע איז נאָך אלץ אויפן טאָג אָרדענונג, איגנאָרירען לגמרי די וואָרנונגען פונם פעלקער־בונד. זיי באהאנדלען די מינדערהייטען, איבערהויפט די אידען, ווי א צווייט קלאסיגען בירגערטום.

דער פעלקער־בונד גיט זיך אויך אָפּ מיט פילאנטראָפּישער טעטיגקייט: שטיצט אָרימע לענדער, פליכטלינגען און עמיגראנטען. דער ערשטער הויך־קאָמיסאר פאר פליכטלינגען, דר. נאנסען, פון נאָרוועגיע, האָט זעהר פיל אויפגעטאָן אויף דעם געביט. ער האָט געשאפען א ספּעציעלען פאָנד צו העלפען די פארקריפעלטע און היימלאָזע סאָלדאטען, זיי באזעצט אין פארשיידענע טיילען פון דער וועלט.

דער שווערסטער פליכטלינג־פראָבלעם, אין די ערשטע נאָך מלחמה יאָרען, איז געווען דער גריכישער. אין 1922 האָט זיך גריכענלאנד געשלאָגען מיט טערקיי. די לעצטע האָט איר באזיגט און ארום אנדערהאלבען מיליאָן גריכען און ארמענער האָבען פארלוירען זייער היימאט. עס איז פאָרגעקומען אן עוואקואציע, א גירוש וואָס טרעפט זיך זעהר זעלטען. די גריכישע פליכטלינגען, אויסגעמוטשעטע מענער, פרויען און קינדער, האָבען זיך ניט געהאט וואו אהינצוטאָן. די ליגע האָט באשטימט א קאָמיסיע פון איין אמעריקאנער (העברי מארגענטוי, (א איד) אמעריקאנער אמבאסאדאָר אין קאָנסטאנטינאָפּאָל) איין ענגלענדער און צוויי גריכען, וועלכע האָט זיך אָנגעשטרענגט צו שאפען הלוואות, זאמלען געלט, אויף צו באזעצען די גריכישע פליכטלינגען אין דערפער און אין קאָלאָניעס.

אויך נאָך דער היטלער איבערקערעניש אין דייטשלאנד, ווען צענדליגער טויזענטער אידען האָבען געמוזט פארלאָזען היטלער לאנד, האָט די ליגע באשטימט אלס הויך קאָמיסאר דעם באוואוסטען אידען־פריינד דזשיימס ג. מעקדאנאָלד, וועלכער האָט פיעל אויפגעטאָן צו באזעצען אידען אין ארץ ישראל, בראזיל, ארגענטינע, און אנדערע אמעריקאנישע און אייראָפּייאישע שטאאטען. *)

---

*) נאָך די לעצטע בלוטיגע מיטעלאַלטערליכע פאסירונגען אין דייטשלאנד, מוזען כמעט אלע אידען פון גרויס דייטשלאנד (אריינגערעכענט עסטרייך און דאס טשכעסלאָוואקישע סודעטען לאנד, וואס היטלער האט איינגעשלונגען) פון דארט ארויסוואנדערען. דער בעסערער טייל פון דער מענשהייט זוכט איצט אן „ארץ מקלט" פאר די אידישע פליכטלינגע פון נאצי דייטשלאנד. איבערהויפט אמעריקא און איר פּרעזידענט פראנקלין דעלינא רוזוועלט איז שטארק באזארגט וועגען דער טרויעריגער לאגע פונם אייביג וואנדעריגען איד.

פּרעזידענט רוזוועלט איז געווען דער ערשטער צו פאררופען א קאנפערענץ אין עוויאן (פראנקרייך) צו באטראכטען די אידישע לאגע, און אנגעווענדעט אלע זיינע כחות צו געפינען פאר אונז אן אנטרונונגס־פּלאץ, און אויף ווי ווייט עס איז געווען אין זיין מאכט — געענדערט די אמעריקאנער קוואָטא־געזעצען צו גונסטען דער אידישער איינוואנדערונג פון דייטשלאנד. די אידישע עפענטליכקייט פון אמעריקא פאדערט אבער נאך מער: צו עפענען די אמעראַקאנער טויערען פאר די דייטשע אידען! אויפצונעמען די אונטערדריקטע פון נאציזם. — ג. ש.

דער פעלקער־בונד איז אויך טעטיג געווען אין אנדערע סאָציאַלע ארבייטען, ווי געזונדהייט, בילדונג, און אַנטי־שקלאַפעריי... די ליגע פירט א העפטיגען קאמפיין קעגען שקלאפען־הענדלער, קעגען לעבעדיגען מסחר מיט קינדער און פרויען. ניט נאָר שטיצט דער פעלקער בונד די ווייסע פרוי, נאָר אלע פרויען פון אלע קאָלירען. זי קעמפט אויך, ווי ווייט מעגלאך, פאר פרויען רעכט און פאר דער ציוויליזאציע פון די אונציוויליזירטע.

4. רוסלאַנד׳ס אריינטריט אינם פעלקער בונד

דער אכצענטער סעפטעמבער 1934 וועט בלייבען א היסטאָרישער דאטום אין דער געשיכטע פון דער אינטערנאציאָנאלער פאָליטיק: ראטענלאנד איז דאן אריינגעטראָטען אין דער פעלקער־ליגע. די דריי גרויסע מלוכות ענגלאנד, פראנקרייך און איטאליע האָבען געשטיצט דעם אריינטריט, ניט נאָר אלס מיטגליד צו דער גרויסער משפחה נאָר אויך אלס מאכט; צו פארנעמען א פלאץ אינם ראט פון דער ליגע און צו ווערען אנערקענט פאר א גרויס־מאכט.

דער גרויסער באדייט פון אָט דער וויכטיגער געשעהניש ליגט קודם־כל אין דער פארשטארקונג פונם פרעסטיזש פון דער ליגע, און במילא אויך אין דער פארשטארקונג פון די שאנסען אויפצוהאלטען דעם וועלט פרידען. די ליגע, וועלכע האָט פארלוירען איר פרעסטיזש נאָכן ארויסטריט פון יאפאן און דייטשלאנד, איז געשטארקט געוואָרען פון אָט דעם אריינטריט. עס זיינען אויפסניי אָפּגעפרישט געוואָרען די כחות פון דער ליגע, עס האָט זיך אָנגעהויבען באוויזען אביסעל ליכט אין דער גדיכטער פינסטערניש, וואָס האָט באהערשט דער ליגע.

די נייעס פונם אריינטריט האָט באקומען די גרעסטע אויפמערקזאמקייט און האָט ארויסגערופען גרוים באגייסטערונג ביי אלע פרידענס ליבענדע מענשען.

זי איז אָבער געווען אן איבערראשונג פאר א גרויסען טייל פון וועלט אָריענטירטע פאָליטיקער. זיי האָבען אין דעם געזעהן א מערקווירדיגע ערשיינונג: ערשט מיט א צייט צוריק האָט די סאָוועטען מאכט געזעהן אין דעם פעלקער־בונד „א נעסט רויבער" און פלוצלינג איז זי אליין געקומען זיצען מיט די רויבער ביים רונדען־טיש. ביז גאָר ניט לאנג האָבען זיך די קאפיטאליסטישע אריסטאָקראטען געשעמט צו זיצען מיט די „בלוטיגע" קאָמוניסטען ביי איין טיש, מען האָט זיי ניט געוואָלט האָבען אין דער נאָבעלער אריסטאָקראטישער משפחה, און דאָ פלוצלינג האָט מען זיי שוין גע׳כשר׳ט.

אין א רעזאָלוציע פונם קאָמינטערן ביי זיין דריטען קאָנגרעס, ווערט עפענטלאך דערקלערט, אז „די פעלקער ליגע איז א בונד פון די זיגרייכע מלוכות כדי צו עקספלואטירען די באזיגטע לענדער און קאָלאָניאלע פעלקער".

און איצטער קאָן שוין „כאווער" סטאלין זיך אויסדריקען: „אויב די פעלקער ליגע איז כאָטש א קליינטשיק בערגעלע, וואָס קאָן אביסעל אויפהאלטען דעם גאנג פון מלחמה און העלפען דעם שלום, איז עס ניט אויסגעשלאָסען, אז מיר וועלען שטיצען די ליגע ניט קוקענדיג אויף איהרע קאָלאָסאלע פעהלערען" און ליטווינאָוו,

רוסלאנד׳ס אויסלאנד מיניסטער, איז געגאנגען ווייטער; „עס מעג אנגענומען ווערען, אז יענע טענדענצען, וואס זיינען פאראינטערעסירט אין דער אויפהאל־טונג פון שלום, געווינט אלץ מעהר. דאס דערקלערט זיך אפשר מיט די טיפע ענ־דערונגען וואס קומען פאר אין דעם צוזאמענשטעל פון דער פעלקער ליגע. *)

דאס ווייזט, אז די קאמוניסטישע אריענטאציע אויף א נייער מלחמה אין פארבינדונג פון דער אלוועלטלאכער סאציאלער רעוואלוציע האט זיך אינגאנצען געענדערט. דער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל וואס האט אמאל געקעמפט קעגען יעדער פאסיפיסטישער שטרעבונג, קעגען בריאנ׳ס באמיהונגען צו שאפען א פאראייניגטע אייראפע, האט ראדיקאל איבערגעביטען זיין שטעלונג, און איז גרייט צו טאן אלץ אין דער וועלט, אבי אנצוהאלטען דעם שלום. דער סאוועטען פארבאנד בארעכטיגט דעריבער זיין אריינטריט אין דעם פעלקער־בונד דער־מיט, וואס דער פעלקער בונד איז איצט דער איינציגער אינסטרומענט אויפצו־האלטען דעם שלום.

דער ראדיקאלער איבערבייט אין קאמוניסטישען לאגער מיינט ניט בלויז דאס פארלאזען די וואג־שאל פון קריג אלס פארבינדונג מיט רעוואלוציע, עס מיינט אויך אז דער סאוועטען פארבאנד קאאפערירט מיט די קאפיטאליסטישע לענדער אין זייערע שלום פלענער.

וואס האט געבראכט צו דער דערנענטערונג צווישען דער ליגע און דעם ראטענלאנד? וואס האט זיי געצוואונגען צו פאראייניגונג? . . .

די ענדערונג איז פארגעקומען צוליב דעם ארויסטריט פון יאפאן און דייטש־לאנד פון דער ליגע. סיי יאפאן און סיי דייטשלאנד ווילען ניט דולדען די באגרע־נעצונגען וואס דער ווערסאילער פרידענס־אפמאך האט אויף זיי ארויפגעלייגט. דיביידע לענדער זוכען אויסצושפרייטען זייערע גרעניצען, צו פארכאפען פרעמדע טעריטאריע — זיי זוכען א נייע מלחמה, ווייל דאס איז פאר זיי דער איינציגער אויסוועג. יאפאן באהאלט גאר ניט אירע פלענער, זי פירט א כסדר׳דיגע מלחמה מיט כינע און רייסט פון איר שטיקער, גראבט זיך טיפער און טיפער אריין אין כינע׳ס לייב און גרייט זיך ארויסצויאגען רוסלאנד פונם ווייטען מזרח, פון אזיע.

פאר יאפאן און דייטשלאנד האבען מורא סיי די דעמאקראטישע־קאפיטאליס־טישע לענדער, סיי דער סאוועטען פארבאנד, און דעריבער האבען זיי זיך אלע גענומען שטארקען און הויבען דער פעלקער ליגע׳ס פרעסטיזש, מיינענדיג דערמיט אפצושרעקען די פאשיסטיש־קריגערישע לענדער. דער סאוועטען פארבאנד האט אין דעם געפערלאכען און היסטארישען מאמענט איינגעזעהען, אז פאר אים איז פיל בעסער צו זיין פון אינווייניג איידער שטעהן פון דערוויטענס . . . דער קאמוניס־טישער אריינטריט האט אבער געהאט פאר זיך נאך א מאטיוו, און אן עיקר׳דיגען: צו פארהיטען דעם ראטענפארבאנד, צו פארהיטען דאס פראלעטארישע פאטערלאנד.

וואס פאר א מאטיוון רוסלאנד זאל ניט געווען האבען, איז אבער איין זאך זיכער: דער אריינטריט האט דאן א ביסעלע אויסגעלייטערט די הימלען איבערן

*) וואלטער דיוראנטי, „ניו יארק טיימס" 25־טער דעצעמבער 1934. — נ. ש.

אייראָפּייאישען האָריזאָנט און דעריבער איז די נייעס אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס שמחה. רוסלאַנד׳ס אריינטריט, האָט מען געמיינט, וועט פירען דערצו, אז אויך אַנדערע לענדער, איבערהויפּט די פאַראייניגטע שטאַטען, וועלען נאָכטאָן איר ביישפּיל. אַמעריקאַ באַטראַכט אייראָפּע אַלס אַ „נעסט פון כאַאָס און אומזי־ניגע שטרייטען״, אייראָפּע באַשולדיגט אַמעריקאַ אַלס די אַרויפצווינגערין פונם איצטיגען פרידען אין דער ציִיט וואָס זי האָט זיך אַליין אָפּגערוקט אין אַ זייט. נאָך רוסלאַנד׳ס אריינטריט האָט מען געקענט האָפען, אַז אויך אַמעריקע וועט זיך אָפיציעל אָנהויבען מישען אין אייראָפּע׳ס פּאָליטיק. מען האָט געמיינט, אַז דער גאַנג פון דער אַמעריקאַנישער אינלענדישער פּאָליטיק, די נ. ר. א., די אונטערזוכונג קאָמיסיעס, די רוזוועלט אַדמיניסטראַציע, וועט פירען צו דער אויסברייטערונג פון אַמעריקע׳ס פעלד אויך אין איר אויסלענדישער פּאָליטיק.

דערווייל האָט אַזעלכעס ניט פּאַסירט. אַמעריקאַ פירט זיך איר אייגענע דיפּלאָמאַטיע, און אייראָפּע גייט אָן מיט איר זיג־זאַגישער דיפּלאָמאַטיע. מען מאַכט אָפּמאַכען און מען פאַרראַט זיי . . .

5. די סטרעסאַ קאָנפערענץ פאַרשטאַרקט דעם פעלקער בונד

סטרעסאַ, דאָס קליינע איטאַליענישע שטעטעל איז מיט פיר יאָר צוריק פּלוצלונג באַריהמט געוואָרען. סטרעסאַ, וואָס געפינט זיך אויפן שטילען אינזעל, איזאָלאַ בעלאַ (די שעהנע איינזאַמקייט), אין מיטען פון דער וואונדערבאַרער אָזערע, לאַגאַ מאַדזשיאַרע, איז אין אַפּריל, 1935 געוואָרען דער פּאָפּולערסטער פּלאַץ און האָט געצויגען צו זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. דאָרטען, אין יענעם קליינעם שטעטעל, איז פאָרגעקומען די וויכטיגסטע קאָנפערענץ. זינט דעם היס־טאָרישען, נאָך־מלחמה׳דיגען וואַפענשטילשטאַנד, איז נאָך אַזאַ וויכטיגע קאָנפע־רעניי, אין וועלכער עס זאָלען זיך באַטייליגען די דריי אָנגעזעהענסטע אייראָפּייאישע מלוכות: ענגלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע — ניט פאָרגעקומען.

אויף דער דאָזיגער קאָנפערענץ איז פאַרהאַנדעלט געוואָרען די לאַגע אין אייראָפּע. ברייט און אָפען האָט מען דיסקוטירט די פראַגע פון אויפהאַלטען דעם שלום. ברייט און אָפען האָט מען גערעדט וועגען דעם חוצפה׳דיגען היטלער, וואָס פּאָכעט מיט זיין שווערד און סטראַשעט מיט מלחמה. ברייט און אָפען האָט מען גערעדט וועגען דער נערוועזער מלחמה שטימונג, וואָס הערשט אין גאַנץ אייראָפּע. די אויפגאַבע פון דער קאָנפערענץ איז געווען: צו שאַפען אַ פאַראייניגטען פרידענס פראָנט קעגען היטלער דייטשלאַנד.

היטלער׳ס פּאָליטיק, האָט כמעט ווי אויטאָמאַטיש אַרויסגערופען פּרוּווען צו אַ דערנעהנטערונג צווישען די געוועזענע פאַרבינדעטע (עליים). היטלער׳ס פיינדליכע פּאָליטיק צום סאָוועטען פאַרבאַנד, און פּוילען׳ס פריינדשאַפט מיט דייטשלאַנד, האָט סטימולירט די פראַנצויזיש־רוסישע דערנעהנטערונג. פראַנקרייך, וואָס האָט פּונקט ווי אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ביז דעמאָלט געהאַסט דאָס פּראָלעטאַרישע רוסלאַנד, איז געווען געצוואונגען זיך צו פאַראייניגען מיט איהר.

פראנקרייך האט ארויסגערוקט דעם לאקארנא מזרח־אייראפייאישען פלאן צו באשיצען דעם סאוועטען פארבאנד, און צו דער זעלביגער צייט זיך צוגעאיילט מיט פארבינדען זיך מיט איהרע מערב שכנים, מיט ענגלאנד און איטאליע.

צו דערגרייכען א פארשטענדיגונג צווישען פראנקרייך און איטאליע איז אנגעקומען גאנץ שווער. די רעאליסטישע געגענזאצען האבען געשטערט דער פראנצויזיש־איטאליענישער דערנעהנטערונג. די געגענזאצען אין דער קאלאניאלער פאליטיק; פראנקרייכ׳ס און איטאליע׳ס אינטערעסען אין דער צפון־מזרח׳דיגער אפריקע; און די געגענזאצען אין די אינטערעסען אויף די באלקאנען און צענטראל אייראפייאישע לענדער זיינען שטענדיג געשטאנען אין וועג פון פאראייניגונג. די הנחות פאר איטאליע׳ס אימפעריאליסטישער פאליטיק.
היטלער געפאהר האט אבער געצוואונגען פראנקרייך איינצוגעהן אויף באדייטענדע

צו דערגרייכען א פארשטענדיגונג צווישען פראנקרייך און ענגלאנד איז אנגעקומען נאך שווערער.

פראנקרייך און איטאליע זיינען געשטאנען שטאל און אייזען פעסט פאר דעם „סטאטוס קווא", ד.ה. פאר דער מאפע, וואס דער ווערסאילער פרידענס טראקטאט האט באשטימט. פראנקרייך טאר דאך ניט דערלאזען, אז מען זאל נאכגעבען דייטשלאנד צו ענדערען די מאפע, ווייל דאס וואלט געווען די גרעסטע געפאהר פאר פראנקרייכ׳ס ווייטערער אנטוויקלונג. אוים מורא פאר א באוואפענטער דייטשלאנד האט זי זיך דעריבער פארבונדען מיליטעריש מיט מאסקווע. ענגלאנד האט אבער געוואלט אנהאלטען איר טראדיציאנעלע פאליטיק פון „גלענצענדער איזאלאציע", אלס בורר אין די אייראפייאישע סכסוכים; צו שפילען א נייטראלע ראל, ניט צו נעמען אויף זיך וועלכע עס איז התחייבותן אין אייראפע.

פארוואס ענגלאנד וויל שטעהען אין א זייט איז גאר פשוט: ענגלאנד איז זאט אין טעריטאריע; זי איז די מעטראפאליע פון א וועלט אימפעריע, וואס האט זיך צעשפרייט איבער אלע טיילען פון דער וועלט; זי זוכט שוין מער ניט קיין דעראבערונג. זי וויל אנהאלטען דאס וואס זי האט שוין פארכאפט. זי ווידמעט אלע איהרע כחות דער פארפעסטונג און אנטוויקלונג פון דער ריזיגער אימפעריע. א מלחמה, האט זי מורא, קאן שאפען אזא לאגע, וואס זאל רואינירען די אימפעריע. געוויסע טיילען זאלען אוועקפאלען און זיך אפרייסען. ענגלאנד האט א שווערען פראבלעם מיט אינדיע וואס וויל זיך ארויסרייסען פון אירע הענט.

די פאליטיק פון „איזאלאציע" האט זיך אבער ארויסגעוויזען צו זיין אן אוטאפישע, מחמת דער געפאהר פון דייטשלאנד׳ס פיבערהאפטער באוואפנונג. אין געגענטייל, אזא פאליטיק שטארקט אונדירעקט דעם פרעסטיזש פון דער היטלער פאליטיק און באדראהט דער וועלט מיט א נייער מלחמה, אין וועלכער ענגלאנד וועט מוזען, צי זי וויל עס יא, צי ניט, ארייננגעשלעפט ווערען. היטלער וויל דאך שוין צוריק די קאלאניעס, וועלכע דייטשלאנד האט פארלוירען אין דער לעצטער וועלט מלחמה, און ווער קאן גאראנטירען, אז מיט דעם וועט ער שוין שטילען זיין דורשט?

די ענגלישע אימפעריאליסטען זיינען ניט צופרידען פון דער סאָוועטישער אקטיוויטעט אין צענטראל אזיע, און הערט זיך טאָקע צו מיט ביידע אויערען צו די היטלעריסטישע רייד, וועגען דייטשלאנד'ס מיסיע „צו באשיצען איירא̈פּע פון באָלשעוויזם”. ענגלאנד האָט אָבער דאָך מורא פאר היטלער'ס אגרעסיווער פּאָליטיק. די ענגלישע דיפּלאָמאַטען ווייסען גאנץ גוט, אז אויך זיי דארפען מורא האָבען פאר אן אָנפאל אויף זייערע וויכטיגסטע צענטערען, פון דעם דייטשען לופט־פלאָט — דאָס האָט זיי געצוואונגען זיך צו וועלען פאראייניגען מיט אנדערע מלוכות און צו באטייליגען זיך אין דער סטרעסאַ קאָנפערענץ.

די קאָנפערענץ האָט אָנגעהאַלטען דריי טעג פונם 11־טען ביזן 14־טען אפּריל, 1935 און האָט קלאָר באוויזען, אז ניט קוקענדיג אויף די אַלע דיפּלאָמאַטישע באמיהונגען מצד ענגלאנד, זיך צו פארבינדען מיט נאצילאנד, זוכט נאָך אַלץ ענגלאנד פראנקרייכ'ס הילף און שטיצע. דאָס קאָן מען זעהען פון די רעזאָלוציעס, וואָס זיינען דעמאָלט אָנגענומען געוואָרען. די סטרעסאַ רעזאָלוציעס דערקלערען, אז:

1. איטאַליע און ענגלאנד שטייען צו צו פראנקרייכ'ס פּראָטעסט געגען דייטשלאנד'ס באוואפנונג . . . זיי פאָדערען אויף דעם פעלקער־בונד, ער זאָל נעמען געהעריגע שריט אין דעם ענין.

2. אַלע דריי מלוכות באשטעטיגען די גרונט פּרינציפּען פון דעם לאָקארנאָ אָפּמאַך פון 1925, וואָס גאַראַנטירט דעם שלום אין מזרח איירא̈פּע.

3. די ווידער באוואפנונגס פארלאנגען פון עסטרייך־אונגארן און בולגאריע ווערען גוטגעהייסען . . .

4. עס זאָל פּראָקלאמירט ווערען א רוף צו אן אלגעמיינער איירא̈פּייאישער קאָנפערענץ, וואָס זאָל פאָרקומען דעם 20־טען מאי אין רוים, צו באטראַכטען אן אָפּמאַך פון די דונאי לענדער, איינשליסענדיג: דייטשלאנד, עסטרייך, פּוילען, רומעניע, ענגלאנד, איטאַליע, שווייצאריע, יוגאָסלאַוויע און טשעכאָסלאָוואַקיע*).

5. די קאָנפערענץ באשטעטיגט אן אלגעמיינעם לופט־שוץ־בונד צווישען די דריי גרויס מעכטע און אויך ווערט ערלויבט צוויי־זייטיגע לופט שוץ אָפּמאַכען, ווי צווישען פראנקרייך און ענגלאנד, פראנקרייך און איטאַליע א. א.וו.

6. די דריי איירא̈פּייאישע מלוכות זיינען איינשטימיג און האָבען די זעלביגע אינטערעסען בנוגע די איירא̈פּייאישע פּראָבלעמען.

7. די דריי מלוכות, וועמענס פּאָליטיק צילט צו א קאָלעקטיווער פארזיכערונג פון איירא̈פּייאישען פרידען אין די ראַמען פון דער פעלקער ליגע, געפינען זיך פולשטענדיג איינפארשטאַנען צו באקעמפען מיט אַלע כחות יעדען איינזייטיגען ברוך פון אָפּמאַכען, וואָס שטעלט אין געפאַהר דעם שלום פון איירא̈פּע . . .

*) צו דער קאָנפערענץ איז דער סאָוועטען פארבאנד ניט איינגעלאַדען געוואָרען. דאָס איז געווען דער פארלאנג פון ענגלאנד און איטאַליע. אזא קאָנפערענץ איז אָבער ניט פארגעקומען. מען איז נאָר אָפּגעקומען מיט רעזאָלוציעס. — נ. ש.

ווי עס איז צו זעהען, האָט די סטרעסא קאָנפערענץ געשטארקט דעם פעלקער־בונד, געשאפען א פארשטענדיגונג צווישען די דריי אייראָפּיאישע גרויס מאכטען, אויסגעשמידט א פעסטען רינג קעגען היטלערן און גוטגעהייסען דעם מערב'דיגען אוויאציע אָפּמאך געגען דייטשלאַנד.

די פראגע איז אָבער, וואָס האָבען די מלוכות געטאָן נאָך דער קאָנפערענץ? האָבען זיי שפּעטער אויך אויסגעפירט די באשלוסען? זיי האָבען קיינמאָל ניט נעטראכט וועגען דורכפירען אזעלכעס, וואָס זאָל אָפּשרעקען היטלער'ן. דער גאנצער אָפּמאך איז נאָר געבליבען אויפן פּאפּיר. אויף צו מאָרגענס נאָכ'ן אָפּמאך האָט יעדער געהאנדעלט ווי עס איז איהם בעסער געווען. זיי זיינען ווידער געגאנגען אין די אַלטע אויסגעטראָטענע דיפּלאָמאטישע וועגען, וואָס זיינען קאפּאבעל צו פיהרען צו א נייעם וועלט־קריג, צו א נייער שחיטה אויף דער מענשהייט.

ראטעווען די וועלט פון מלחמה קאָן מען נאָר דורך אַן אמת'ער פאראייניגונג פון אַלע נאציעס. דער אמת'ער פרידען קאָן נאָר געמאָלט זיין דאן, ווען די פעלקער וועלען זיין פאראייניגט אין איין גרויסער משפחה. היטלער'ס כח ליגט אין דער צושפּליטערטקייט פון די אייראָפּיאישע מלוכות. די אייראָפּיאישע שטאטסלייט דארפען שאפען א פאראייניגטע אייראָפּע אין דער פאָרמע פון די פאראייניגטע צפון אמעריקאנישע שטאאטען. אזוי ארום וואָלט אויף אייביג געזיכערט געוואָרען דער וועלט פרידען. די דיפּלאָמאטישע שפּיל פירט נאָר צו מער פארשארפטע און פארפּלאָנטערטע פּראָבלעמען, זיי רעגען און רייצען צו מלחמה.

6. די ליגע — א חלום, ניט קיין ווירקליכקייט

דער פעלקער בונד וואָס איז געשאפען געוואָרען נאָך דער וועלט מלחמה האָט געדארפט — ווי מיר האָבען געזעהן — לייזען די אָנגעווייטאָגטע אינטערנאציאָנאלע פּראָבלעמען ניט צו דערלאָזען די אנארכיע וואָס האָט געהערשט דורכ'ן גאנצען נייִנצענטען יאָרהונדערט; יעדער מלוכה האָט געהאט איר געזעץ, איר יוסטיץ, איר אָרדענונג. קיין אינטערנאציאָנאלע געזעצען צווישען לענדער איז גאָר ניט גע־מאָלט געווען. דער מינדעסטער סכסוך האָט באלד געפיהרט צו קריג. איז געקומען דער פעלקער בונד, אלס א סופּער־שטאאט און באשאפען אינטערנאציאָנאלע גע־זעצען און פארשטענדנישען.

אנאליזירט מען אָבער די סטרוקטור און אקציע פון דער דאָזיגער איינציגער פרידענס אינסטיטוציע, שטעלט זיך באלד די פראגע: איז די ליגע דאָס וואָס זי האָט באדארפט זיין? איז זי טאקע אַן איבער־מלוכה איבער אַלע מלוכות? קען די ליגע האנדלען אָן דער הסכמה פון די גרויס־מאכטען?

פון דער ערשטער מינוט אָן זייט דער גרינדונג פונ'ם פעלקער־בונד, רעדט מען וועגען זיין מאכט און שטארקייט. פון צייט צו צייט קומען אָן ידיעות פון קאָנפערענצען און בארא‌טונגען אין זשענעווע, בנוגע די מיטלען און מעטאָדען

וואָס דאַרפֿען אָנגעווענדעט ווערען געגען דעם אָדער יענעם לאַנד, וואָס פֿאָלגט ניט אויס די באַשלוסען פֿון דער ליגע; וואָס קומט ניט נאָך די פּרינציפּען אויף וועלכע דער קאָווענאַנט איז באַזירט.

ווייטער פֿון קאָנפֿערענצען און באַשלוסען איז עס ניט געגאַנגען. ווייטער פֿון פּראָזען און רעזאָלוציעס האָט מען ניט געוואַגט פֿאָרצושלאָגען . . . עס איז געקומען איין צוזאַמענשטויס נאָכ'ן צווייטען און דער פֿעלקער־בונד האָט אַלץ געשוויגען. עס איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישען דער ליגע און דער מיליטאַריסטישער יאַפּאַן; אַ צוזאַמענשטויס צווישען דער ליגע און דער פֿאַשיסטישער איטאַליע — אָבער דער פֿעלקער בונד איז געזעסען בחבוק־ידים; ער איז אָפּגעקומען בלויז מיט פּאַפּירענע פּראָטעסטען, מיט אויספֿאָרשונגען, מיט באַטראַכטען מיטלען ווי אַזוי צו פֿאַרפֿעסטיגען דעם פֿרידען און די גערעכטיגקייט צווישען פֿעלקער.

דער פֿעלקער־בונד האָט אויסגעגליכען סכסוכים צווישען קליינע מלוכה־לאַנד, האָט אַרויסגעוויזען שטאַנדהאַפֿטיגקייט ביים דיספּוט צווישען בולגאַריע און גריכענ־לאַנד. ער האָט אָבער קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזען קיין כח און קיין שטאַנדהאַפֿ־טיגקייט, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען עוולות פֿון די גרויס־מאַכטען. גע־רעכט איז דר. ראַפּאַרד, וועלכער האָט אַזוי געלונגען כאַראַקטעריזירט דעם פֿעלקער־בונד, אַז „די רעאַלע רעגירונג פֿון דער ליגע איז ניט אין זשענעווע, ניט אפילו ביי די סעסיעס פֿון דער ליגע'ס ראַט. דער פֿעלקער בונד ווערט ניט רעגירט פֿון אירע פֿאַרשטעהער, פֿון אירע זיץ־ערטער; נאָר פֿון די מיניסטעריומס און פּאַרלאַמענטען פֿון יעדען לאַנד באַזונדער . . . *)

אַזוי אַרום האָט די ליגע פֿאַרלוירען דעם צוטרוי ביי די קליינע מלוכות, וועלכע האָבען געזעהן, אַז זי דינט נאָר די אינטערעסען פֿון גרויס־מאַכטען, האָבען זיי בעס־סער אָנגעהויבען זיך זוכען שוץ דורך אָפּמאַכען מיט אַנדערע גרעסערע מלוכות און אויפֿגעהערט זיך פֿאַרלאָזען אויפ'ן חסד פֿון דער ליגע.

נאָך איטאַליע'ס אַריינדרינגען אין עטיאָפּיע וואָס האָט אויפֿגעשטורעמט ניט נאָר די ליבעראַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטען פֿון דער וועלט, נאָר בעיקר די ענגלישע אימפּעריאַליסטען, האָט מען געמיינט, אַז אַט קומט די ליגע אַרויס קעגען איטאַליע און זי נעמט זיך דורכפֿירען אַלע גרונד־פּרינציפּען פֿון איהר קאָנסטיטוציע, אַז זי נעמט שריט קעגען מוסאָליני'ס אינוואַזיע . . .

ענגלאַנד האָט זיך שטענדיג קעגענגעשטעלט דעם, וואָס האָט געוואָגט צו פֿאַרכאַ־פּען דעם צוטריט צו איהרע קאָלאָניעס. אין יאָהר 1798, ווען נאַפּאָלעאָן האָט פֿאַרנו־מען עגיפּטען, האָבען די ענגלענדער קעגען איהם געקעמפּפֿט מיט אַלע כוחות, און ער האָט דאָרטען געהאַט זיינע ערשטע שווערע נידערלאַגעס. אין יאָהר 1854 האָט ענגלאַנד געפֿירט אַ מלחמה מיט רוסלאַנד, ווען זי האָט געוואָלט פֿאַרכאַפּען די דאַרדאַנעלען, די אויסגוסען פֿון שוואַרצען ים אין מיטעללענדישען, אויפ'ן וועג קיין עגיפּטען.

*) W. E. Rappord International Relations Viewed from Geneva P. 161.

עס איז דאריבער פארשטאנען געוואָרען, אז אזוי שנעל ווי מוסאָליני האָט זיך פארנומען אויף נאפּאָלעאָנ'ס וועגען, וועט ער ארויסרופען די זעלבע געגנערשאפט און פארביטערטקייט מצד ענגלאנד, און אז דאָס וועט במילא פיהרען צו א פאר־שטארקונג פון דער ליגע, וועלכע ווערט הויפּטזאכליך קאָנטראָלירט פון ענגלאנד.

דאָס אלעס איז אָבער נאָר געווען א גוטער וואונש, די ליגע, ווי אויך ענגלאנד און פראנקרייך, האָבען די עולה פון דער מוסאָליני אוואנטיורע אין עטיאָפּיע, ארונטערגעשלונגען. מען האָט פארביסען מיט די ליפּען און געמאכט א שוויג, פּונקט ווי עס וואָלט גאָר ניט פּאסירט. לכתחילה האָט מען אָנגעהויבען אָנווענדען סאנקציעס, אָבער לסוף איז אויך דאָס בטל געוואָרען, און דער איטאליענישער פאשיזם האָט טריאומפיהרט.

די אגרעסיווע לענדער, זעהענדיג, אז מען לאָזט זיי פראנק און פריי זיך באַ־וואפענען און עראָבערען, האָבען זיי זיך גענומען באוואפנען און פארבינדען איינע מיט אנדערע, צו שאפען א פאשיסטישען בלאָק קעגען דעמאָקראַטישען. זיי פילען זיך שוין אזוי שטארק, אז זיי האָבען שוין גאָר ניט קיין מורא צו רעדען אָפען וועגען אוזורפאציע.

היטלער רעדט גאנץ אָפען וועגען די גרויסע רייכטימער פון רוסלאנד, אין וועלכע דייטשלאנד נויטיגט זיך זעהר שטארק; ער רעדט וועגען סיביר, וואָס איז פול מיט נאטירליכע אוצרות; ער רעדט וועגען דער רוסישער אוקראינע, וואָס איז אזא פּרוכטבאר לאנד, און ער פאָדערט אולטימאטיוו די דייטשע קאָלאָניעס.

יאפּאן שארפט שוין פון לאנג איהרע צייהן אויף רוסלאנד. יאפּאן טראכט אויך ווי אזוי צו פארכאפּען גאנץ כינע. די מלחמה צווישען יאפּאן און כינע איז ניט נאָר פאר א פּאָר פּראָווינצען, נאָר פאר דער גאנצער כינעזישער טעריטאָריע. דער קאמף צווישען די צוויי פעלקער פון דער געלער ראסע איז ניט א קאמף פון גרעניצען, נאָר א קאמף פאר זעלבסטשטענדיגקייט אָדער פארשקלאפונג.

דאָס זעלביגע איז מיט איטאליע, וועלכע ברעכט אָפּמאכען, פארשטארקט איהר מאכט אומעטום, וואו נאָר זי קאָן גרייכען. אינטערוועניערט אין אנדערע לענדער, רעגט און רייצט צו מלחמה — און די ליגע האָט אפילו ניט פּרובירט אָנצונעמען די מינדעסטע ווירקזאמע מיטלען ניט צו דערלאָזען צו פאשיסטישער הפקרות.

דער פעלקער־בונד האָט חלילה ניט געדארפט באנוצען מלחמה מיטלען קעגען די ארויסטריטען פון איהרע מיטגלידער. מען האָט געקענט ראטעווען דעם וועלט־פרידען, דורך דעם, וואָס אלע מלוכות, פאראינטערעסירטע אין פרידען, זאָלען זיך געווען אוועקשטעלען איינִיג געגען יעדען שטערער, אים אָפּזונדערען פון דער פעל־קער משפחה, עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, צו שאפען א מאכט קעגען איהם. . . .

די קריגעריש־דיקטאטאָרישע לענדער וואָלטען זיך במילא געמוזט אונטער־געבען. איטאליע איז פינאנציעל און עקאָנאָמיש ניט אומשטאנד צו פיהרען מלחמה אָן דער שטיצע פון אויסלאנד. איטאליע האָט אין עטיאָפּיע געמוזט האָבען א ריזיגע ארמיי. די צאָהל איטאליענישע סאָלדאטען וואָס זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען קיין עטיאָפּיע האָט דערגרייכט ביז א האלבען מיליאָן. מיט א גרויסער מיליטע־

רישער מאכט האָט איטאַליע פאַרכאַפּט עטיאָפּיע, און נאָר מיט א גרויסער מיליטערישער מאַכט וועט זי קאָנען אָנהאַלטען איר זיג. איטאַליע האָט דאַריבער שטאַרק מורא פאַר א בונד קעגען איהר. זי ציטערט פאַר איזאָלאַציע פון אַנדערע פעלקער . . .

די פעלקער ליגע האָט געדאַרפט זיין דער אינסטרומענט מיט וועלכען מען זאָל אָפּהיטען דעם וועלט־פרידען. דורך איהר זאָלען געפיהרט ווערען אונטערהאַנדלונגען; דורך איהר זאָלען לענדער ווערען געצוואונגען אויסצופאָלגען באַשלוסען און אָפּמאַכען, דורך איהר זאָלען לענדער באַשטראָפט ווערען פאַר אָפּרייסען זיך פון דער פעלקער משפחה.

די פעלקער ליגע האָט געדאַרפט זיין מעהר ווי א גוטער ווילען — ווי דער קאַנאַדער פּרעמיער קינג וויל דאָס אונז איינרעדען *) זי האָט געדאַרפט זיין א געשלאָסענער בונד קעגען אַלע שטערער פון פרידען. אַזא ענגער פּראַנט פון אַלע דעמאָקראַטישע לענדער וואָלט געווען גענוג מעכטיג צו קענען צווינגען די דיקטאַטאָרען און די פאַשיסטישע לענדער זיך צוריקצוהאַלטען פון מלחמה אַוואַנטיורעס. אַזוי האָט די וועלט פאַרשטאַנען די גרונד־פּרינציפּען פון דער ליגע; אַזוי האָט יעדער רעכטדענקענדער מענש געמיינט, אַז די ליגע וועט זיין א בונד פון מלוכות, וועלכע וועלען זיין פאַרפּליכטעט איינע צו דער צווייטער, צו קאָאָפּערירען, און מיטצואַרבייטען פאַר שלום; צו צווינגען די מלחמה אַוואַנטוריסטען זיך צו צוימען און ניט וועלען פאַרפיהרען קיין קריג מיט קיין פאַרבינדעטע מלוכות.

אין דער ווירקליכקייט האָט זיך די ליגע ניט געריררט ווייטער פון פּרינציפּ פון זעלבסט באַשטימונג. זי האָט געלאָזט יעדען אַוואַנטיוריסט, יעדען מלחמה מאַניאַק פיהרען קריג, עראָבערען באָדען, אויסשפּרייטען גרעניצען . . . דערפאַר זעהט זי אַזוי אויס. דערפאַר איז איהר כח אַזוי שפּל'דיג. דערפאַר זעהען מיר אין אייראָפּע, באַוואָפענט מיט די נייעסטע טעכנישע ערפינדונגען; דערפאַר קלינגען טאָקע אַפילו די מינימאַלסטע פאָדערונגען ביי היינטיגען טאָג אַזוי אוטאָפּיש. די ביישפּילען פון כינע און עטיאָפּיע זיינען געווען די שטאַרקסטע קלעפּ פאַר דעם גלויבען און מענשלאַכען פּראָגרעס, און אין מענשלאַכער פאַרשטענדניש.

דער פעלקער בונד, א קינד פון יענער כאַאָטישער צייט, האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע גלגולים: די אָרגאַניזאַציע פּעריאָדע פון 1920 ביז 1925; די ערפאָלגרייכע צייט פון 1926 ביז 1929, און פון דעמאָלט אָן האַלט זיין פּרעסטיזש אין איין פאַלען. זיין מאָראַלישער כח האַלט אין איין זינקען; ווייל: כל זמן די אָרדענונג פון עקספּלואַטאַציע און רויבעריי הערשט אויף דער וועלט, קאָן קיין ליגע ניט האָבען קיין קיום. „פרידען — זאָגט וואָלטעיר — קאָן ניט עקזיסטירען צווישען

*) נאָך זיין אומקערען זיך פון אייראָפּא אין זומער 1936 האָט דער קאַנאַדער פּרעמיער האָנאָרייבעל וויליאַם מעקענזי קינג, געהאַלטען עטלאַכע רעדעס איבער דער ראַדיאָ, דערקלערענדיג דעם קאַנאַדער פאָלק די סיטואַציע אין אייראָפּע. באַרירענדיג די אויסלאַנד פּאָליטיק פון דער בריטישער אימפּעריע, און אויך וועגען דער רעאַליזאַציע פונם פעלקער־בונד, האָט ער צווישען אַנדערעס קאָמענטירט דער קאָווענאַנט פון דער פעלקער ליגע, וואָס איז געשטיצט בלויז אויף גוטען ווילען אָן א וואָסערער דיקטאַטאָרישער אָדער דעמאָקראַטישער צוואַנג.

צוויי פרינצען, פונקט אזוי ווי עס קאָן ניט עקזיסטירן צווישן עלעפאנטען, צווישן הונט און חיות. קארניווארען וועלן שטענדיג ארויסרייסן איינער פון אנדערן דעם ביסן . . .״

אויב מען מיינט באמת צו שאפן א סופערשטאט, וואָס זאָל זיין באפולמעכטיגט ניט צו דערלאָזן אוואנטוריסטען רעגירען איבער דער וועלט, ניט צו דערלאָזן אז דער שטארקער זאָל אָנפאלען און בארויבען דעם שוואכען, דעם הילפלאָזען, האָט מען פריהער געדארפט באקעמפען די איצטיגע אָרדנונגען פון קריגערישען שאָוויניזם, איבערצובויען די געזעלשאפט, צו באפרייען אלע נאציאָנען, צו באפרידיגען אלע מינאָריטעטען און ניט צו מאכען קיינע אונטערשיידען צווישען קלענערע און גרעסערע, שטארקערע און שוואכערע מלוכות — אלע זאָלען זיין בארעכטיגט צו לעבען אויף גאָטס ערד, אויף גאָט'ס וועלטעל. *)

7. דער מינכענער אָפּמאך האָט געמאכט א סוף צו פעלקער ליגע

פרייטאָג דעם 31־טען סעפטעמבער 1938, זענען מיר געווען דערשיטערטע עדות פון א גרויסען נצחון וואָס דער גרעסטער טיראן פון אלע צייטען, דער אשמדאי פון אונזער צייט, האָט אָפגעשפילט פאר אונזערע אויגען, א דאנק דעם אומפארגלייבלאכען פארראט פון די צוויי גרויסע אייראָפּעאישע דעמאָקראטיעס: גרויס־בריטאניע און פראנקרייך, וועלכע האָבען געצוואונגען טשעכאָסלאָוואקיע זיך לאָזען פאלמעסען אָן א ווידערשטאנד. די צוויי גרעסטע אייראָפּיאישע דעמאָקראטישע מלוכות האָבען געבראָכען זייער אָפּמאך מיט טשעכאָסלאָוואקיע, אין איר ערגסטער שעה פון נויט, איבערגעבענדיג איר אין די וועלפישע לאפעס.

ניט רעכענדיג זיך מיט די פארדאמונגען און פראָטעסטען פון דער גאנצער וועלט; ניט רעכענדיג זיך מיט דער וועלטס סימפאטיע צו דער אומגליקלאכע טשעכאָסלאָוואקישער רעפובליק, וואָס די גרויסמעכטע האָבען מיט צוואנציג יאָר צוריק געשאפען, האָט נעוויל טשעמבערליין, ענגלאנדס פרעמיער מיניסטער, און עדוארד דאלאדיע, פראנצויזישער פרעמיער, קאפיטולירט פאר היטלער'ן און אים נאָכגעגעבען צו צעשניידען טשעכאָסלאָוואקיע, אוועקגעבענדיג דייטשלאנד דעם אינדוסטריעלען געגענט, דעם אזוי גערופענעם סודעטען געביט; צו פוילען דעם קוילענרייכען טשען געגענט און טשעכישער שלעזיע, וואָס איז באוואוינט פון א סך פּאָליאַקען, און צו אונגארן איר „חלק״, וואָס זי האָט אָנגעהויבען מאָנען.

דער טראגישער מינכענער אָפּמאך צווישען דייטשלאנד, ענגלאנד, פראנקרייך און איטאליע, האָט היטלער'ן געגעבען אָן מלחמה, בלויז מיט'ן כח פון סטראשען און פאָכען מיט'ן שווערד, דעם בעסטען דיסטריקט פון טשעכאָסלאָוואקיע, וואָס האָט קיינמאָל ניט באלאנגט צו דייטשלאנד.

*) אין דעם קאָווענאנט פון דער פעלקער ליגע (ארטיקעל 1.) ווערט געזאגט: „אין פעלקער בונד קאָנען זיך נאָר באטייליגען אזוינע מדינות, דאמיניאנס און קאלאניעס וואָס רעגירען זיך אליין, און זיינען לחלוטין זעלבסטשטענדיג״ די אימפעריאליסטישע מלוכות האָבען ניט געוואָלט, אז די פאריאכטע און פארשקלאפטע זאָלען זיך אין אים קאָנען באטייליגען. — נ. ש.

עס איז געווען דער שווערער גזר דין פון דינים, וועלכע האָבן גע׳פּסק׳ענט „כל דאלים גבר״, נאָכצוגעבען דעם שטארקען אלץ וואָס ער פארלאנגט, אום צו פארטיידיגען זייערע מעשים, האָבן די פאלשע שופטים געזוכט איינצורעדען דער וועלט, אז מ׳האָט אויסגעמיטען מלחמה, בלוט פארגיסונג, און חורבן. אונטער דער פאסיפיסטישער מאסקע, האָט מען געזוכט צו באַרעכטיגען דעם דאָזיגען טראגישען אָפּמאך — אז צוליב׳ן שלום איז מען עס איינגעגאנגען אויפ׳ן קאָמפּראָמיס.

די דאָזיגע „רודפי׳שלום׳ניקעס״ האָבן אָבער געפירט א פאסיפיסטישע פּאָלי־טיק אויף יענעמס חשבון; געמאכט דעם ערשטען שריט איבערצוגעבען אייראָפּע אין אגרעסאָרס רשות, היטלער זאָל איר העגעמאָניזירען.

די וועלט איז אָבער ניט אזוי נאַאיוו, און פארשטייט גאנץ גוט וואָס מען איז דאָ אויסען געווען. טשעמבערליין איז אויסען געווען צו צעשמעטערען דעם פראנ־צויזיש־סאָוועטישען אָפּמאך, צו איזאָלירען און אָפּשוואכען דעם סאָוועטען־פאר־באנד.

ווייל אויב די רודפי׳שלום׳ניקעס זאָלען געווען מיינען ערנסט, וואָלטען זיי זיך ניט געדארפט גרייטען אזוי אינטענסיוו, אידעאיש, פּסיכאָלאָגיש און טעכניש צו דער נייער מלחמה וואָס זיי האלטען פאר אומפארמיידלעך. אויב זיי מיינען באמת אלץ נאָכצוגעבען, אבי צו ראטעווען דעם וועלט פרידען, טאָ צו וואָס די פיבער־האפטע פּראָדוקציע פון נייע און גרעסערע קריגס שיפען, עראָפּלאנען, טאנקען און גאזען מכל המינים? צו וואָס באוואָפענט זיך ענגלאנד אלץ מערער און שטארקער אויף אירע אינזלען, אויף אירע באזעס אין מיטעללענדישען ים, אויף די סטראטע־גישע פונקטען פונ׳ם נאָענטען מזרח אין סינגאפּאָר און אין האָנג קאָנג — צוליב שלום? צוליב שלום אונטער אלע באדינגונגען? . . .

ביי דעם מינכענער אָפּמאך איז אויף א מיאוסען אופ׳ן צעבראָכען געוואָרען דער „סטאטוס קוואָ״ וואָס דער ווערסאילער פרידענס אָפּמאך האָט אויפגעשטעלט און איז געווען אזוי הייליג און טייער. מיט דעם אקט האָט מען אָנגעוואָרפען א שרעק אויף אלע מלוכות פון דעם באלקאנישען האלב־אינזעל און פון גאנץ אייראָפּע. מען האָט אָנגעוואָרפען א שרעק אויף אלע פרייהייטס־ליבענדע מענשען פון איבער דער גאנצער וועלט.

דער שיקזאל פון טשעכאָסלאָוואקיע, א קליין לאנד וואָס איז געבוירען געוואָ־רען אין דעם שוים פון בריטיש־פראנצויזישען אימפּעריאליזם, און זיך פארלאָזט אויף אירע פאלשע טאטע־מאמע, איז פארזיגעלט געוואָרען צום אונטערגאנג. מ׳האָט פון איר מיט איינמאָל געמאכט א קליין לענדעלע, וואָס קאָן קוים זשיפען און איז עקאָנאָמיש אָפּהענגיג אין דייטשלאנד.

דער סך־הכל פון דעם טרויעריגען מינכענער אָפּמאך איז:

היטלער איז ארויס א פולשטענדיגער זיגער. דער פאשיזם איז געשטארקט געוואָרען איבער דער גאנצער וועלט. עס איז באגראָבען געוואָרען די טשעכאָסלאָ־וואקישע רעפּובליק, צעבראָכען געוואָרען די קאָלעקטיווע זיכערקייט, און עס איז ארויפגעלייגט געוואָרען דער „גולל״ אויף דעם פעלקער־בונד.

די דעמאָקראטישע אימפעריאליסטען האָבען קאפיטולירט פאר די דיקטאטאָרישע, ווייל אזוי האָט זיך זיי בעסער געלוינט, ווייל אזוי האָבען זיי געוואָלט: אָפּלייגען די פינאלע מלחמה. מיט דעם מינכענער אָפּמאך איז פארענדיגט געוואָרען דער דריטער בלוטיגער אימפעריאליסטישער שפיל: עטיאָפּיע איז געווען נומער איינס; שפאניע נומער צוויי; טשעכאָסלאָוואקיע נומער דריי — דער גרעסטער און דער שרעקליכסטער. די אימפעריאליסטישע פירער פארגעסען אָבער, אז דערמיט וואָס זיי טראָגען אונטער היינט דעם זיג די פאשיסטישע דיקטאטאָרען, גרייטען זיי צו אויף מאָרגען זייער אייגענע מפלה. זיי פארגעסען דאָס, אָדער מאכען זיך דערפון פארגעסען . . . זיי גראָבען פאר זיך אליין א גרוב.

קאַפּיטעל 9

די געפאר פון א וועלט-מלחמה אין דער נאָהענטסטער צוקונפט

1. היטלער ברעכט אינטערנאציאָנאלע אָפּמאכען.

זינט היטלער איז אריין אין מאכט, (1933) האָט מען זיך אָנגעהויבען שרעקען פאר א וועלט־מלחמה. זינט ער האָט אָנגעהויבען ברעכען דעם ווערסאילער פרי־דענס־אָפּמאך, און זיך גענומען מיליטעריש באפעסטיגען, האָט מען געזעהן, אז עס דערנענטערט זיך דער טאָג, ווען די געדיכטע כמארעס וועלען זיך ארונטערלאָזען מיט א שטורעם, מיט שלאקס רעגענס, מיט דונערען און בליצען. מען האָט געזעהן באשיינפערליך, ווי עס ווערט אויפגעבלאָזען די סטיכיע פון קריגערישען שאָוויניזם, ווי די שווארצע כמארעס ווערען אלעמאָל געדיכטער און לאָזען זיך ארונטער נידריגער . . .

ביז היטלער'ן האָט די דייטשע סאָציאל דעמאָקראטיע — די פעסטונג פון שלום און אינטערנאציאָנאלער פארשטענדיגונג, צוריקגעהאלטען דאָס דייטשע פאָלק פון וועלכער עס איז אגרעסיווער אקציע. מיט'ן אָנקום פון נאציזם אין דייטשלאנד, האָבען צוריק אויפגעוואכט יענע קריגערישע כחות וואָס ווילען אריינפירען די וועלט אין א קאטאסטראָפע, אום צופרידענשטעלען זייערע נאציאָנאליסטישע אפעטיטען. די נאצים ווילען צוריק די דייטשע קאָלאָניעס, טערי־טאָריעס און פּאָרטען, די האפען שטאָט דאנציג; (דאָס. . . הילפלאָזע עסטרייך האָבען זיי דאָך שוין איינגעשלונגען). די נאצים ווילען די פּאָליטישע העגעמאָניע אין צענטראל אייראָפּע. פאר דעם צוועק מאָביליזירט היטלער דאָס דייטשע פאָלק, די דייטשע בענק און די דייטשע ווירטשאפט — אלץ זאָל זיין צוגעגרייט צו דעם היס־טאָ־ישען טאָג, ווען מען וועט מיט איינמאָל דארפען אויפבויען דאָס „דריטע רייך".

היטלער האָט אָנגעהויבען דורכפירען זיין „מיסיע" מיט זיין ארויסטריט פון דער פעלקער ליגע, מיט זיין ברעכען דעם ווערסאילער פרידענס־אָפּמאך, כדי צו קענען זיך באוואָפנען, און מיט זיין ברעכען דעם לאָקארנאָ אָפּמאך, דורך אריינ־שיקען מיליטער אין דער רהיין געגענט, וואָס טאָר נישט — לויט דעם ווערסאילער טראקטאט — מיליטעריש ווערען באפעסטיגט. מיט דעם אלעם האָט ער באוויזען, אז ער רעכענט זיך ניט מיט דער וועלט'ס געוויסען; אז ער וועט זיך ניט אָפּשטעלען פאר קיין זאך, וואָס וועט איהם שטעהן אין וועג פון זיינע פּלענער —אויפצושטעלען די דייטשע דריטע אימפעריע.

מיט זיין מיליטאריזירען דעם רהיין געגענט האט היטלער געבראכען דעם ווערסאילער פרידענס־אפמאך פון 1919, און דעם לאקארנא־אפמאך פון 1925. לויטביידע אפמאכען, איז דייטשלאנד שטרענג פארבאטען צו האלטען מיליטער און בויען פעסטונגען אין די רהיין פראווינצען. דער חילוק צווישען דעם ווער־סאילער און לאקארנא'ר אפמאך באשטעהט נאר אין דעם, וואס דעם ערשטען האט דייטשלאנד אונטערגעשריבען מיט געוואלד און דעם צווייטען האט זי אונטערגע־שריבען מיט איהר אייגענעם ווילען.

אין 1925, ווען אין דער שווייצארישער שטעטעלע לאקארנא, איז אונטערגע־שריבען געווארען דער אפמאך צווישען פראנקרייך, דייטשלאנד, ענגלאנד, איטאליע און בעלגיע, איז עס באצייכענט געווארען אלס א נייער קאפיטעל אין דער נאך־מלחמה'דיגער געשיכטע פון אייראפע.

דער ווערסאילער אפמאך פון 1919 האט אין זיך פארקערפערט די גאנצע שנאה וואס די מלחמה האט געהאט באשאפען. דארט זענען געווען פארטראטען צוויי קריגערישע צדדים: די עלאיס פון איין זייט, און דייטשלאנד פון דער צווייטער זייט. דייטשלאנד איז געזעסען אויף דער באשולדיגונגס־באנק; מען האט איר בא־טראכט ווי א פארברעכערין; אלס שולדיגע אין דער וועלט־מלחמה; מען האט איר באטראכט ווי א באזיגטע ועעמען מען קען און מען דארף בינדען.

ביי דעם לאקראנא אפמאך איז שוין ניט דערמאנט געווארען דאס ווארט „עליים" אדער „פיינד". ער האט געטראגען א פרידענס־כאראקטער. די פעלקער האבען זיך אויף א פרידליכען אופן אונטערגעשריבען און זיך פארפליכטעט, צו ערליידיגען און אויסגלייכען סכסוכים אויף א פרידליכען אופן, כדי צו זיכערען דעם אייראפייאישען און אלוועלטליכען פרידען.

דער לאקארנא־אפמאך האט פארפליכטעט די אונטערגעשריבענע לענדער צו רעספעקטירען די גרעניצען, ווי זיי זענען אויסגעארבייט געווארען אינ'ם ווערסאילער פרידענס־אפמאך. איטאליע און ענגלאנד האבען זיך פארפליכטעט צו גאראנטירען דעם אפמאך: אז אויב דייטשלאנד זאל אטאקירען פראנקרייך דארפען זיי העלפען דער לעצטער, און אויב פארקעהרט—צו העלפען דייטשלאנד. אנדערע אייראפייאישע פעלקער זיינען אויך אריינגעצויגען געווארען, צו זיכערען דעם יסוד פון פרידען צווי־שען די היסטארישע בלוטיגע שונאים, — דייטשלאנד און פראנקרייך.

דער ווערסאילער פרידענס אפמאך האט באשטימט, אז דייטשלאנד טאר ניט האבען קיינע פעסטונגען, און טאר ניט האלטען קיין מיליטער אויף די ברעגען פון טייך רהיין. א שטרעקע פון פופציג קילאמעטער, איז באשטימט געווארען, וואו דייטשלאנד טאר ניט אריינשיקען קיין סאלדאטען, טאר ניט בויען קיין פעסטונגען, וואפען־פאבריקען, א. ד. גל. דער לאקארנא אפמאך האט נאך מעהר בעפעסטיגט און פארצוימט דעם רהיין געגענט מיט זיין זיבען מיליאניגער באפעלקערונג, פון וועלכע עס איז מיליטערישע פעסטונגען. דאס אלץ איז געטאן געווארען צו זיכערען פראנקרייך פון א מעגלאכען דייטשען אנפאל אויף איהר.

מיט זיין מיליטאריזירען דעם רהיין־געביט האָט היטלער מיט איינמאָל געבראָכען ביידע אָפּמאכען, און זיך באוויזען מיט זיין אמת'ן פּרצוף — אז ער גרייט זיך צו פארכאפּען די דייטשע קאָלאָניעס און צוריק צוזאמענשטעלען די דייטשע אימפּעריע.

פון וואנען נעמט זיך היטלער'ס געוואגטקייט? . . . היטלער בויט זיין פּאָליטיק ניט אזוי אויף דער שטארקייט פון דייטשלאנד ווי אויף דער צוריסענקייט פון זיינע געגנער. ער ווייס, אז די אינטערעסען פון ענגלאנד, פראנקרייך, איטאליע און פון די אנדערע פארבינדעטע זענען די זעלביגע ווי אלעמאָל. ער ווייס אז איטאליעס אוואנטיורע אין אפריקע האָט געשאפען די געלעגענהייט, ער זאָל זיך נעמען צו זיינע פּלענער. ער האָט געלערענט פון זיין רבי'ן מוסאָליני'ן, אז סקאנדאלען ווערען אָפּגעטאָן און פארשוויגען. דעריבער האָט ער זיך גענומען צו דעם געפערליכען שפּיל. דער ערשטער שריט, די באוואפנונג פון דייטשלאנד, איז טאקע פארשוויגען געוואָרען. מען איז אָפּגעקומען מיט קאָנפערענצען, געהיימע און אָפענע, און קיין ממשותדיגעס קענען דייטשלאנד איז ניט געטאָן געוואָרען. ביים ברעכען דעם לאקארנאָ אָפּמאך, האָט היטלער'ס חוצפה שוין געבראכט מיט זיך אביסעל שטורעם. ווייל, אויב, ביים ברעכען דעם ווערסאילער־אָפּמאך האָט היטלער געהאט דעם אויסרייד: דער אָפּמאך איז מיט געוואלד ארויפגעצוואונגען געוואָרען אויף דייטשלאנד; אז ער איז ניט פארפליכטעט צו אנערקענען אן אָפּמאך, צו וועלכען דייטשלאנד זאָל האָבען צוגעשטימט ניט מיט איר פרייען ווילען. ער קאָן אָבער דאָס ניט זאָגען בנוגע דעם לאקארנאָ אָפּמאך, צו וועלכען דייטשלאנד איז צוגעשטאנען פרייוויליג, אָן שום צוואנג פון דרויסען.

פראנקרייך האָט טאקע גאָר ערנסט אויפגענומען די געשעהענישען ביים רהיין געביט, די ערשטע זאך וואָס זי האָט געטאָן, איז געווען, ארויסצושיקען נייע מיליטער אָפּטיילונגען צו די דייטשע גרעניצען. זי האָט אויך געמאכט צוויי קלאגעס אויף דייטשלאנד: איינע צו דער פעלקער ליגע, פאר ברעכען דעם ווערסאילער פרידענס־אָפּמאך; און איינע, צו די לענדער וואָס האָבען אונטערגעשריבען און גאראנטירט דעם לאקארנאָ־אָפּמאך.

צו פראנקרייך זענען צוגעשטאנען: טשעכאָסלאָוואקיע, די קליינע אנטאנטע: יוגאָסלאוויע און רומעניע, און דער סאָוועטען־פארבאנד. אין מאָסקווע איז מען זיכער, אז היטלער'ס מאנעוורעס צילען צום מזרח. ווען היטלער טריפט מיט מילך און האָניג וועגען אלע לענדער פון דער וועלט, רעדט ער מיט גאל בנוגע דעם סאָוועטענלאנד.

איטאליע, וועלכע האנדעלט זיג־זאגיש, האָט דאָ אויך אזוי געהאנדעלט. פאר דער שטיצע צו פראנקרייך האָט זי פארלאנגט די אנערקענונג פון איר הערשאפט אין עטיאָפּיע. מוסאָליני האָט געוואלט אויסנוצען די געלעגענהייט. פּוילען, אונגארן, בולגאריע און עסטרייך — זיי ווארטען נאָך. זיי ווילען פריהער וויסען, ווי אזוי עס וועט זיך זיי בעסער לוינען. מיט פּוילענס, אויסלענדישער פּאָליטיק איז מען בכלל ניט זיכער. פּוילען מוז זיין מיט פראנקרייך — איר באשיצערין; זי

קאָן ניט, טאָר ניט אויפגעבען איר „יוגענט ליבע״; זי מוז שטעהן פעלזען־פעסט מיט פראנקרייך. לעצטענס זעהט מען אָבער, ווי זי האלט זיך אין איין חנ׳דלען צו נאצי־דייטשלאנד, מאכט מיט איר אָפּמאכען, אָן פראנקרייכס הסכמה.

און איצטער קומען מיר צום סאמע עיקר — צו ענגלאנד. געדאכט האָט זיך, אז אויך ענגלאנד איז אויפגעבראכט געגען היטלער׳ס האנדלונג, און אז זי וועט נעמען א שטעלונג. דער סוף איז געווען, אז ענגלאנד האָט גאָר געוואָלט שליסען א נייעם אָפּמאך מיט נאצי־דייטשלאנד און פארשווייגען דעם רהיין אינצידענט. די מאָטיוועו זענען געווען גאַנץ פשוט׳ע: ענגלאנד איז ניט אזוי פאראינטערעסירט אין אָפּהיטען און באשיצען אינטערנאציאָנאלע אָפּמאכען, ווי אין באשיצען אירע אייגענע נאציאָנאלע אינטערעסען.

אין ענגלאנד האָט מען אויך געשטעלט קעגען פראנקרייכס פאָדערונגען גאַנץ שארפע און בארעכטיגטע ארגומענטען. מען האָט געפרעגט, פארוואָס פראנקרייך האָט ניט געוואָלט קיין שארפע שטעלונג בנוגע איטאליע? מיט דעם איטאליעניש־עטיאָפּישען קאָנפליקט איז דאָך פאָרגעקומען אן ערגערער סקאנדאל: איטאליע האָט זיך דאָך ארייגעריסען מיט איהר ארמיי אין א פרעמד לאַנד; פארוואָס זשע איז פראנקרייך געווען אזוי מילד, ווען עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען סאנקציעס געגען איטאליע? אין ענגלאנד האָט מען אויך גערעדט וועגען דעם פאקט, וואָס אינטער־נאציאָנאלע אָפּמאכען זענען שוין ניט איינמאָל געבראָכען געוואָרען נאָך די מלחמה יאָרען, און מען האָט דערפאר קיין קריג ניט דערקלערט. טאָ פארוואָס זשע זאָל מען שוין דערקלערען קריג דייטשלאנד, צוליב איר ברעכען אָפּמאכען? . . .

עס האָבען זיך אויסגעפורעמט צוויי ריכטונגען: איין ריכטונג, די פראנצויזישע, האָט געוואָלט ארויסשטעלען היטלער׳ן שטארקע פאָדערונגען, ער זאָל צוריקציהען דאָס מיליטער פון רהיינלאנד, און זיך אָפּצורעכענען מיט איהם פאר ברעכען אָפּמאַ־כען. פראנקרייך איז געווען געניויגט צו פיהרען מלחמה מיט דייטשלאנד, אויב זי זאָל ניט נאָכקומען די פאָדערונגען. זי זעהט, אז מלחמה מיט היטלער׳ן איז אומ־פארמיידליך, פריהער אָדער שפּעטער, וועט זי אויסברעכען, איז שוין גלייכער איצ־טער, ווען ער איז נאָך ניט באפעסטיגט, ווען ער איז נאָך ניט אינגאנצען צוגעגרייט צו מלחמה.

די פראנצויזישע ריכטונג איז געווען מיט דער מיינונג, אז עס איז געקומען די צייט צו קעמפען פאר אינטערנאציאָנאלע באשלוסען און אָפּמאכען — צו מאכען א סוף צו דער הפקרות און צום כאאָס וואָס הערשט איבער דער גאנצער וועלט.

די צווייטע ריכטונג, די ענגלישע, איז געווען און איז מילד צו היטלער׳ן. זי האָט איִם פארדאמט, געהאלטען פאר אן עולה — דאָך האָט זי ניט געוואָלט אָננע־מען פראנקרייכס צו שארפע שטעלונג. זי וויל ניט ארוים אין קריג, צוליב ברעכען אן אָפּמאך. אין ענגלאנד איז פאראן א מיינונג, אז נאָר דאן ווען היטלער וועט אָנגרייפען פראנקרייך אָדער זיך ארייגרייסען אין א פרעמד לאנד אריין, נאָר דאן וועט זיין א גרונט צו פארפירען אַ מלחמה. דאָס ברעכען אן אָפּמאך, ווי סקאנדאליעז דאָס זאָל ניט זיין, בארעכטיגט נאָך אלץ ניט קיין מלחמה וואָס דארף זיין דער לעצ־

מער מיטעל. (היינט איז ענגלאַנד אונטער טשעמבערליינ׳ען נאָך מער מילד געוואָ־רען צו היטלער׳ן זי האָט אים שוין געלאָזט אריינרייסען זיך אין א פרעמד לאַנד ווי דער פאַל מיט טשעכאָסלאָוואַקיע).

היטלער פון זיין זייט, איז דעמאָלט ארויסגעקומען מיט א דערקלערונג, אז פראַנקרייך האָט פריהער געבראָכען דעם לאָקאַרנאָ־אָפּמאַך דערמיט וואָס זי האָט געשלאָסען א מיליטערישען־בונד מיט סאָוועט־רוסלאַנד. וואָס וועט ער אָבער ענט־פערען בעלגיען, וועלכע האָט ניט געשלאָסען קיין באַזונדערע אָפּמאַכען? . . . איינס איז קלאָהר, היטלער׳ן איז ניט צום הארצען דער מיליטערישער אָפּמאַך צווישען פראַנקרייך און דעם סאָוועטען־פארבאַנד. ער האָט מורא פאַר א באוואפענטער ארומרינגלונג, וואָס וועט אים שטערען אין זיינע ערָאבערישע פּלענער. דעריבער איז ער אזוי אויפגעבראַכט אויף פראַנקרייך פאר איהר אָפּמאַך מיט׳ן סאָוועטען־פאַר־באַנד. עס איז פאַר קיינעם קיין סוד שוין מער ניט, אז היטלער צילט איצט מער געגען סאָוועטען־פאַרבאַנד, וואָס שטעקט אים ווי א ביין אין האַלז אויפ׳ן מזרח גרעניץ, ווי קעגען פראַנקרייך, פון וועמען ער וויל פאַרכאַפּען טעריטאָריע, איבער־הויפּט אלזאַסלאָטרינגען, וואָס פראַנקרייך האָט זיך צוריקגענומען נאָך דער וועלט מלחמה.

היטלער האָט אויך שוין ניט איינמאָל דערקלערט, אז דייטשלאַנד דאַרף זיך אויסשפּרייטען אויפן חשבון פון די מזרח־לענדער. ער וואָלט גערן געוואָלט אוועק־נעמען פון פּוילען דעם „קאָרידאָר", וועלכער האָט פאַקטיש צוטיילט דייטשלאַנד אויף צוויי שטיקער, איבערגעהאַקט די פאַרבינדונג מיט פּרייסען. ווי אזוי קאָן מען צוריק באַקומען דעם קאָרידאָר?

דער ענטפער איז: דורך אן אָפּמאַך מיט פּוילען, צו מאַכען מיט איהר אן אויסטייש אין טעריטאָריע, היטלער האָט בדעה אוועקצורייסען פון סאָוועט־רוסלאַנד א שטיק אוקראַינע און עס אוועקגעבען פּוילען פאַר׳ן קאָרידאָר.

אזוי ווי דייטשלאַנד גרעניצט זיך ניט דירעקט מיט׳ן סאָוועטען־לאַנד, — צווי־שען רוסלאַנד און דייטשלאַנד שטעהט פּוילען אויף דער צפון־זייט, טשעכאָסלאָ־וואַקיע און רומעניע אויף דרום־זייט — און צו צוקומען צו דער רוסישער גרעניץ מוז מען דורכגעהן די לענדער, דאַריבער וויל ער אָדער מאַכען מיט זיי „פריידליכע" אָפּמאַכען, זיי זאָלען איהם געבען א וועג. אָדער ער זאָל זיי פארכאַפּען און צערייסען אויף שטיקער ווי דער פאַל מיט טשעכאָסלאָוואַקיע.

איז גאַנץ מעגלאַך אז היטלערס מיליטאַריזירען דעם רהיין געגענט האָט צו טאָן מיט פראַנקרייכס אָפּמאַך מיט׳ן סאָוועטען־פאַרבאַנד, אין וועלכען ביידע לענ־דער פאַרפליכטען זיך צו העלפען איינער דעם צווייטען אין פאַל זיי ווערען באַפאַלען פון אן אויסערלאַכען שונא. ער האָט געוואָלט שטערען דעם דאָזיגען פּלאַן, ער האָט אָנגעהויבען זאָרגען פאַר א שטאַרקער באַפעסטיגטער ליניע איבער דער לענג פון דער פראַנצויזישער גרעניץ, אום אָפּצוהאַלטען פראַנקרייך פון געבען וועלכע עס איז שטיצע צו רוסלאַנד אין צייט פון אן אטאַקע אויף איהר. ער צילט אויך אָפּצושוואַכען פראַנקרייכ׳ס כח אלס גרויס־מאַכט.

מילא, האָט דער לאַקאַרנאָ־פּאַל נאָך ניט געפירט צו קיין מלחמה, ענגלאַנד האָט צוריקגעהאַלטען פראַנקרייך, און די לעצטע האָט געמוזט פאַרשווייגען. עס איז אָבער קיין צווייפל ניט, אַז דאָס איז געווען אַ טריט נעהענטער צו אַן אָפענער מלחמה פון דייטשלאַנד קעגען סאָוועטען־פאַרבאַנד און מעגלאַך אויך קעגען פראַנקרייך. דער טומל ארום דעם ענין רהיינלאַנד האָט אויך באַוויזען, אַז די גאַנצע לופט אין אייראָפּע, איז אָנגעזאַפּט מיט פולווער און קאָן אַ ליאַדע טאָג פלוצלונג עקספּלאָדירען.

2. דער שרעק פון מלחמה, וואָס דער איטאַליעניש־עטיאָפּישער קאָנפליקט האָט ארויסגערופען.

אין אויגוסט 1935 האָט אייראָפּע איבערגעלעבט כמעט דאָס זעלבע וואָס אין יוני־יולי פון 1914. די זעלבע נערוועזיטעט, די זעלבע זאָרגען און די זעלבע שרעק פאַר דעם מאָרגען . . . די טאָג־טעגליכע פראַגען פון אינערליכער פּאָליטיק; די פּראָבלעמען פון קאַמף מיטן עקאָנאָמישען קריזיס; די סטאַביליזאַציע פון דער וואַליוטע — אַליץ איז געוואָרען אָפּגערוקט אָן אַ זייט, אַליץ איז געוואָרען אָפּגעלייגט; געהערשט האָט נאָר איין זאָרג — די פּראָבלעם פון צוגרייטען זיך צו דער מיליטערישער קאַטאַסטראָפע וואָס האָט זיך גערוקט נעהענטער און נעהענטער.

פראַנקרייך האָט גענומען זוכען פאַרבינדעטע, אין פאַל פון אַ מיליטערישען צוזאַמענשטויס מיט דייטשלאַנד. זעהענדיג אַז איר קינד, פּוילען, וואָס איז אַ דאַנק איר אויפגעשטאַנען תחית המתים, האָט זיך גענומען פירען אַ זעלבסטשטענדיגע אומאָפּהענגיגע פּילסודסקי ליניע, און געשלאָסען אַן אָפּמאַך מיט איר שונא־דייטשלאַנד, האָט זי זיך פאַרמירט און פאַרפעסטיגט אַ נייעם אָפּמאַך — דעם פראַנצויזיש־סאָוועטישען, אום צו זיכערען זיך אויף דער מזרח זייט. אויפ׳ן מערב זייט האָט פראַנקרייך געזוכט שטיצע פון ענגלאַנד און איטאַליע. פראַנקרייך איז איינגעגאַנגען אויף אַלע קאָמפּראָמיסען, אבי צו דערגרייכען די דערנענטערונג צווישען די דריי זיגרייכע לענדער: פראַנקרייך, ענגלאַנד און איטאַליע.

די פראַנצויזיש־איטאַליענישע פאַרשטענדיגונג איז דערגרייכט געוואָרען אַ דאַנק די טעריטאָריעלע הנחות וואָס איטאַליע האָט באַקומען אין צפון־אפריקע, וואו דער איטאַליענישער אימפּעריאַליזם, האָט פּראָוואָצירט אַ מלחמה מיט אביסיניע, כדי צו פאַרפעסטיגען זיין העגעמאָניע פריער אויפ׳ן שוואַרצען קאָנטינענט, און שפּעטער אויפ׳ן ווייסען קאָנטינענט — אייראָפּע, פראַנקרייך האָט זיך אויך מתחייב געווען צו שטיצען דעם פּלאַן פון אַ דונאַיאישען אָפּמאַך, וואָס האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר איטאַליע אין דער אייראָפּייאישער מלחמה. פראַנקרייך איז זעהר שווער אָנגעקומען דאָס צו דערגרייכען. עס איז געווען גענוג שווער צו באַרוהיגען די קליינע אַנטאַנט, און באַזונדערס יוגאָסלאַוויע, וועלכע איז ניט איבעריג צופרידען פון איטאַליעס פירערשאַפט אין צענטראַל אייראָפּע. זי האָט דאָס אָבער

געמוזט דורכפירען, זיך צו פארפעסטיגען קעגען דייטשלאנד. איטאליע האט איר פארשפראכען צו שטיצען די אידייע פון א מזרח אייראפייאישען אפמאך וועגען געגענזייטיגע הילף.

ענגלאנד איז אין אנהויב געווען צופרידען מיט דעם פראנצויזיש־איטאליעני־שען אפמאך. די ענגלישע דיפלאמאטען האבען אין דעם געזעהן א פארפעסטיגונג פונ׳ם אייראפייאישען פרידען. זיי האבען אבער נאך געקוקט מיט גרויס פארדאכט אויף איטאליעס פריינדשאפט, און גענומען זוכען פארבינדונגען מיט היטלער־דייטשלאנד. זיי האבען היטלער׳ן נאכגעגעבען וועגען סאנקציאנירען די דייטשע באוואפנונג, מבטל צו מאכען די באגרעניצונגען פונ׳ם ווערסאילער אפ־מאך. היטלער פון זיין זייט, האט געטאן אלץ וואס נאר מעגליך כדי ארייננצושלא־גען א קלין צווישען פראנקרייך און ענגלאנד, און עס איז אים טאקע אביסעל געלונ־גען: עס האט זיך געענדיגט מיט א סעפאראטען (באזונדערען) פלאטען אפמאך צווישען ענגלאנד און דייטשלאנד, וואס האט אויפגערודערט דער גאנצער וועלט.

די וואקעלדיגקייט און ניט אויסגעהאלטענקייט פון דער ענגלישער אויסלענ־דישער פאליטיק, וואס איז געגויגט צו פארשיידענארטיגע פשרה׳דיגע קאמבינא־ציעס, האט ארויסגערופען פיל אומצופרידענהייט אין אייראפע, וואס גלויבט שוין מער ניט אין דער מעגליכקייט דורכצופירען ענגלאנד׳ס שלום־פאליטיק. אין געגענ־טייל: אייראפייאישע מלוכות זענען מיט דער מיינונג, אז אזא ניט שטאנדהאפטיגע פאליטיק מצד ענגלאנד, גיט א געלעגענהייט די מלחמה צינדער זיך צו באפעסטיגען און צוגרייטען צו מלחמה.

דאס האבען מיר געזעהן ביי דער מוסאליני אוואנטורע אין עטיאפיע. מען האט מוסאליניין געלאזט וואקסען אזוי גרויס, ביז ער האט אויף זיך גענומען די „גרויסע" מיסיע ארייצוברענגען ליכט און ציוויליזאציע אין דער פינסטערער אפ־ריקע, וועלכע ער האט געוואלט באפרייען מיט געוואלד, ניט רעכענדיג זיך דערמיט, וואס די עטיאפער האבען אים מוחל געווען די טובה. ווייל וואס הייסט ביי מוסא־ליניין: זיי ווילען ניט? מען צווינגט זיי, אז זיי זאלען יא ווילען! דאס איז מוסא־ליני׳ס מעטאדע פון יושר, פון גערעכטיגקייט — א דיקטאטאר׳ישע גערעכטיגקייט.

ניט דער פעלקער־בונד האט אים צוריקגעהאלטען, ניט דער קעניג פון עטיא־פיע, ניט די „תחנונים" און „בקשות" פון ענגלאנד און פראנקרייך — מוסאליני האט געטאן דאס זייניגע; אקופירט עטיאפיע, און זיך אויסגעלאכט פון אלע ווארנונ־גען און אולטימאטומס פון די צוויי אימפעריאליסטישע מלוכות, וועלכע זענען בלויז פאראינטערעסירט געווען ניט צו דערלאזען א קאנקורירענדע אימפעריאלע מלוכה אויפ׳ן אפריקאנישען קאנטינענט. זיי האבען דעריבער געוואלט שטערען מוסאליני׳ן אין זיינע אפעטיטען צו פארכאפען עטיאפיע, וואס מיינט אן אנהויב פון העגעמאניע אויפ׳ן מזרח, און איבערהויפט איבער די אראבישע לענדער. אי־טאליע האט אבער געפאלגט איר דיקטאטאר, ניט געשראקען זיך פאר אלע התראות, מאביליזירט איר ארמיי און ארויס אין קריג. דער איטאליענישער פארטרעטער ביי דער פעלקער ליגע, באראן פאמפעא אלאיזי האט אויף אלע סטראשונקעס גע־

ענטפערט מיט חוצפה: „איך זעה ניט קיין באזים באר ווייטערע דיסקוסיעס, און איך האב ניט קיין האפנונג אויף זשענעווע. איטאליע וועט ניט פארלאזען זשע־נעווע, אבער אויב מיר וועלען צוגעפירט ווערען צו דער טיר, וועלען מיר מוזען פארלאזען". איטאליע האט דעמאלט ניט פארלאזט די ליגע. ערשט אין 1937, צוליב אנדערע סכסוכים, איז זי אוועק פון דער ליגע.

אינטערעסאנט איז ענגלאנדס געביטענע שטעלונג צום אביסיניש־איטאליעני־שען פלאנטער. פאר די לעצטע יארען האט איטאליע געהאלטען אין איין ארייג־דרינגען אין מזרח־אפריקע, און געקוקט אויף דער נאך איבערגעבליבענער זעלבסט־שטענדיגער אביסיניע מיט דער כוונה איר צו פארכאפען. אין יאר 1934 (5־טען דעצעמבער) איז פארגעקומען א שארפער קאנפליקט צווישען איטאליע און אביסי־ניע לעבען דעם אאזיס וואלואל. אויף דער גרענעץ פון דער איטאליעניש־אביסי־נישער קאלאניע סאמאלילאנד, איז פארגעקומען א באוואפענטער צוזאמענשטויס צווישען אביסינישע און איטאליענישע סאלדאטען.

לויט דער איטאליענישער רעגירונג, זענען די אביסיניער געווען די ערשטע וואס האבען געמאכט דעם אנפאל אבער לויט די אביסיניער, האבען די איטאליענער אנגעהויבען פריהער זייער אטאקע. דער סכסוך איז דעמאלט געווען איבער דער פראגע: וועמען וואלואל געהערט. די איטאליענישע רעגירונג האט גע'טענה'ט, אז זי געפינט זיך אויף דער סאמאלילאנד טעריטאריע און עס געהערט צו איהר. אבי־סיניע האט אבער באוויזען מיט געאגראפישע ראיות, אז וואלואל איז ווייט אוועק פון סאמאלילאנד און ליגט אין די גרעניצען פון אביסיניע. אביסיניע האט אויך זיך געוואלט פארלאזען אויף א פרידליכען אויסגלייך מיט איטאליע אין איינקלאנג מיט'ן אפמאך צווישען זיי פון 1929.

איטאליע האט קיינמאל זיך ניט גערעכענט מיט קיינע אפמאכען, אודאי ניט מיט קיין אפמאך פון א שוואך ארים לאנד. פאר דער גאנצער צייט האט זי קאנצענ־טרירט אין עריטרעא און אין סאמאלילאנד טויזענטער סאלדאטען מיט עראפלאנען, טענקס, כעמישע אמוניציע, ווי אויך שווערע הארמאטען און קוילען־וואַרפער. איטאליע האט געהאלטען אין איין פארגרעסערען איר ארמיי אין מזרח־אפריקע. זי האט אויך באדייטענד פארגרעסערט איר פלאטע אויפ'ן רויטען ים. די גאנצע וועלט האט פארשטאנען וואס איטאליע מיינט מיט איר פארשטארקען די מיליטערישע כחות אין מזרח אפריקע. ענגלאנד האט אבער דערויף געקוקט מיט גלייכגילטיגקייט, זי האט געמיינט, אז איטאליע וועט זיך ניט קענען אליין פארפעסטיגען אין אבי־סיניע; זי וועט מוזען צונעמען ענגלאנד פאר א שותף, און אלס אזעלכע וואלט זי מסכים געווען צו צוטיילען אביסיניע צווישען זיך, ווי זי האט שוין אמאל צוגע־שטימט, אין 1925, אינ'ם ענגליש־איטאליענישען אפמאך.

ערשט גאר ביים סוף, האבען די ענגלענדער איינגעזעהן זייער טעות. עס איז שוין געווען צו שפעט. מוסאלינים ביטערע פאליטיק האט געארבייט אזוי אינטענסיוו, אז איידער די פעלקער האבען זיך ארומגעקוקט און אריינגעטראכט וואס צו טאן, האט איטאליע שוין געהאט פארכאפט אביסיניע און איר אקופירט אינגאנצען פאר

זיך. באזונדערס האָט מוסאָליני זיך ניט געשראָקען, ווייל ער האָט געהאט הינטער זיך א גרויסע אייראָפּייאישע מאכט, דייטשלאנד איז אים באלד געקומען צו הילף און געשטארקט זיינע פּאָליטישע אספּיראציעס. עס איז געווען „שמור לי, ואני אשמור לך" — מוסאָליני האָט פאר דעם פּרייז פארזיכערט זיין תלמיד היטלער, צו שטעהן מיט אים אין נויט און אין פריידען.

3. די געפאר אין ווייטען מזרח.

דער קאָנפליקט צווישען יאפּאן און דעם סאָוועטען־פארבאנד, ווערט וואָס אמאָל שארפער און אָנגעצויגענער. יאפּאן וויל דורכאוים פארכאפּען דעם סאָוועטישען ווייטען מזרח — א טעריטאָריע וואָס פארנעמט א שטח פון 2,700.000 קוואדראטנע קילאָמעטער, גרעסער פון פראנקרייך, ענגלאנד, איטאליע, דייטשלאנד, שפּאניע און פּוילען צוזאמענגענומען.

אויף דער דאָזיגער טעריטאָריע האָט מען אנטדעקט ריזיג־גרויסע רעזערוועז פון שטיינקויל. גאנצע אוצרות פון נאפט. קאָלאָסאלע רעזערוועז פון אייזען. מיט א פּאָר יאָר צוריק, האָט מען דאָרט געפונען אין די בערג פון כינגאן, ניט ווייט פון בירא־בידזשאן, נייע שיכטען פון אייזען, גאָלד, צין, זילבער, קופער, פּלאטינום און אנדערע זעלטענע מעטאלען.

חוץ דעם איז דער ווייטער מזרח ריזיג רייך מיט וועלדער, וועלכע פארנעמען אן ערך פון 90 מיליאָן העקטאָרען, און קענען גרינג אויסגענוצט ווערען. וואָרום די האָלץ מאטעריאלען קאָנען לייכט עקספּאָרטירט ווערען קיין אויסלאנד דורך די טייכען, וועלכע פאלען אריין טיילווייז אין אמור און טיילווייז אין פאסיפישען ים. דאָרטען זענען אויך פאראן אומענדליכע רעזערוועז פון פיש, לענג אוים דעם ברעג פון פאסיפישען אָקעאן, פון וולאדיוואָסטאָק ביז קאמטשאָטקא.

רוסלאנד האָט דאָרטען אריינגעלייגט גוואלדיגע סומען, מיליארדען רובעל, אויפצובויען אייזענבאהנען, אום צו באלעבען די דאָזיגע ווילדע שטרעקעס; צו עפענען די מעגלאכקייט גיך איבערצוואוארפען כל׳ערליי סחורות פון רוסלאנד קיין סיביר און כינע און באקומען די נויטווענדיגע סחורות פון כינע און אמעריקא.

די יאפּאנישע אָקופּאציע פון רוסישען ווייטען מזרח אין 1922־1918 האָט קלאָר באוויזען, אז די יאפּאנישע מיליטאריסטען האָבען אן ענטשיידענע כוונה. אין א געהעריגען מאָמענט אָפּצונעמען ביי רוסלאנד די גרויסע און רייכע טערי־טאָריע. פון דעמאָלט אָן איז קלאָר געוואָרען פאר דער וועלט, אז יאפּאן צילט צו פארכאפּען די טעריטאָריע פון ראטענלאנד. די יאפּאנישע דיפּלאָמאטען מאכען שוין איצט קיין סוד ניט וועגען זייערע אפּעטיטען צום רוסישען ווייטען מזרח. זיי טראכטען אוים פארשיידענע מאָטיווען, צו באווייזען, אז דער ווייטער מזרח מוז געהערען „דעם לאנד פון דער אויפגעהענדער זון"; אז זיי היטען די וועלט פון דער „רויטער געפאר"; אז זיי ווילען דערווייטערען די באָלשעוויסטישע מאכט פון כינע און יאפּאן.

די יאפאנישע דיפּלאָמאַטען האָבען זיך געשאפען אן אזיאטישע דאָקטרין, לויט וועלכער, אזיע דארף געהערען נאָר צו די אזיאטען, און אז די רוסען, וועלכע זענען ניט קיין אזיאטען, דארפען זיך אָפּרוקען צוריק קיין אייראָפּע.

ארום דעם ווייטען מזרח קומען פאר אָפטע דיפּלאָמאטישע שטרייטען צווישען יאפאן און ראטענלאנד. עס זיינען שוין פארגעקומען אָפענע קאָנפליקטען, ווי דער פאַל אין 1929, ווען עס איז פאָרגעקומען א קאָנפליקט צווישען דער ראטען־רעגירונג און דער מאנדזשוריער העכערער אדמיניסטראציע איבער דער כינעזיש־מזרחדיגער אייזענבאהן. די יאפאניש־כינעזישע פארוואלטונג האָט זיך דעמאָלט זעהר שלעכט אויפגעפירט מיט די סאָוועטישע בעאמטע פון די אייזענבאהנען. די לעצטע זענען אויף א מיאוסען אופן ארעסטירט געוואָרען, אָן באשטימטע קלאגעס.

לויט דעם אָפּמאך צווישען דעם ראטענפארבאנד און יאפאן, האָט זיך יאפאן פארפליכטעט ניט ארייצופירען קיינע סאָלדאטען אין א זאָנע פון 25 קילאָמעטער אויף ביידע זייטען פון דער מזרח־כינעזישער אייזענבאן. די יאפאנער האָבען דעם אָפּמאך לגמרי ניט אויסגעפאָלגט. ווי נאָר יאפאניש מיליטער האָט זיך ארייגעריסען אין מאנדזשוריע אין 1931, האָבען זיי גלייך פארנומען א רייהע סטאנציעס אויף דער מזרח־כינעזישער אייזענבאהן און זיי אפילו פארוואנדעלט אין מעכטיגע סטראַ־טעגישע באזיסען.

יאפאן האלט אין איין וואָרענען דעם ראטענפארבאנד, ער זאָל אָפּטרעטען ווייט אוועק פון מאנדזשוריע. די יאפאנישע אימפּעריאליסטען שעמען זיך ניט אָפען דאָס צו פארלאנגען, און ניט נאָר דעם ווייטען מזרח אליין גרייטען זיי זיך צו פאר־כאפּען, נאָר גאנץ כינע. *) פון די שטימונגען ביים יאפאנישען פאָלק ווערט קלאָר, אז זייערע גענעראַלען גרייטען זיך אין דער נאָענטסטער צוקונפט צו פארכאפען דעם רוסישען ווייטען מזרח. דער ערשטער עטאפּ פון דער יאפאנישער אגרעסיע וועט זיין די אָקופּאציע פון פּרימאריע, אמורער געביעט, און ענדליך פון דער זאבאיקאַ־ליער געביט, און נאָכהער ווייטער און ווייטער אין מזרח'דיגען טייל פון רוסלאנד.

עס איז קיין ספק ניט, אז טראָץ די אַלע נאָכגעבונגען מצד דעם ראטענפאר־באנד, אין באצוג צו יאפאן, כדי צו פארמיידען א מלחמה; שטעהט די געפאר פון מלחמה מיט יאפאן נאָענט און דראָענד. יאפאנס מאכט און עזות איז גענוג גרוים. די יאפאנישע דיפּלאָמאַטען שרעקען זיך ניט פאר'ן וועלט'ס געוויסען. זיי שרעקען זיך ניט אָפּ פאר די קאָמוניסטען — זיי שטעלען זיך ניט אָפּ אין זייער מארשרוט צו פארכאפּען און באהערשען אזיע. זיי ווילען זיך ניט באגנוגענען מיט בלויז אייזענבאהנען, זיי וועלען זיך ניט באנוגענען מיט כינעזישע פראָווינצען, זיי ווילען אלץ איינשלינגען.

יאפאנס אינטריגעס און פּראָוואָקאציעס זענען גרעניצלאָזע. טאָג־טעגלאך גרייפט זי אָן אנדערע און שרייט, אז מען אטאקירט זי, אז זי מוז זיך פארטיידי־גען . . . זי מאכט דעם אָנשטעל פון א נעבעכל, פון א הכנעהדיגע בריאה, אויף וועל־

*) אינגים דריטען אפטייל ווערט גרינדליך באהאנדעלט און אנאליזירט די איצטיגע מלחמה צווישען יאפאן און כינע.

כער מען פאלט אָן, און דערווייל רייסט זי זיך אריין אין פרעמדע גרענעצען, פאַר־כאַפּט און בארויבט.

די סאָוועטישע רעגירונג, ווי ווייט זי זאָל זיך ניט וועלן אויסבאַהאַלטען פון א קריג מיט יאפּאַן, ווי ווייט זי זאָל ניט וועלן אויסמיידען דעם פאַטאַלען קאָנ־פליקט, איז אָבער געצוואונגען זיך צו גרייטען מיליטעריש און עקאָנאָמיש פאַר דעם טאָג, ווען יאפּאַן וועט וועלען פאַרווירקליכען איר חלום, — צו פאַרכאַפּען דעם ווייטען מזרח, כינע און דעם איבריגען אַזיאַטישען טייל.

אויסער די ריין אימפּעריאַליסטישע אינטערעסען האָט יאפּאַן נאָך א גאָר וויכטיגען מאָטיוו ארויסצושטויסען רוסלאַנד פונם ווייטען מזרח.

די פיבערישע אָנשטרענגונגען מצד דער ראַטענמאַכט צו אינדוסטריאַליזירען דעם ווייטען מזרח באַאומרוהיגט שטאַרק די יאַפּאַנעזער. זיי האָבען מורא, אַז רוסלאַנד זאָל מיט דער צייט ניט ווערען זייער געפערליכער קאָנקורענט אויף דעם כינעזישען מאַרק.

יאפּאַן, ווי מען ווייסט, פיהלט א שאַרפען מאַנגעל אין נאַפט, שטיינקוילען, אייזען און אַנדערע מעטאַלען. עס פעהלען איר אפילו אַזעלכע וויכטיגע שפּייז פּראָדוקטען ווי רייז און פיש. אַזוי ווי די יאפּאַנישע באַפעלקערונג וואַקסט אויסער־געוויינליך, מוזען די יאַפּאַנער פון יאָהר צו יאָהר אַלץ מער אימפּאָרטירען רייז און פיש. די קאָסטען פון אימפּאָרט מוזען זיי דעקען מיט אַן ענטשפּרעכענדען עקספּאָרט פון זייערע אינדוסטריעלע פאַבריקען. אַזא צושטאַנד רופט זיך זעהר שלעכט אָפּ אויף דעם יאפּאַנישען בודזשעט, און אויף דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער לאַגע פון לאַנד. צוליב די דאָזיגע פּאָליטישע, סטראַטעגישע און עקאָנאָמישע מאָטיווען האָט זיך אַנטוויקעלט ביי די יאַפּאַנער א שטאַרקער דראַנג צו פאַרכאַפּען די גרויסע נאַטירליכע אוצרות פון דער ריזיגער מזרח אַזיאַטישער טעריטאָריע, וואָס באַלאַנגט צו רוסלאַנד. דאָס זאָל אויך זיין א שריט נענטער צו דער אָוזור־פּאַציע פון כינעזישע פּראָווינצען, צו דער באַהערשונג פון כינע.

יאפּאַן וויל אויך ארויסיאָגען פון מזרח אַלעמען וואָס שטערען איר אין איר אַנטוויקלונג. יאפּאַן וויל ארויסשטויסען פון כינע איר געפערליכען קאָנקורענט, די פאַראייניגטע שטאַאַטען. די יאפּאַנישע דיפּלאָמאַטען זענען איבערצייגט אַז א באַוואָפענטער צוזאַמענשטויס צווישען יאפּאַן און די פאַראייניגטע שטאַאַטען איז אומפאַרמיידליך. זיי האַלטען אָבער, אַז פריהער מוזען זיי ארויסרייסען דעם ווייטען מזרח ביי דעם ראַטענפאַרבאַנד, און נאָכהער פאַרפיהרען א מלחמה מיט די פאַראיי־ניגטע שטאַאַטען. יאפּאַן וויל דערגרייכען די פאָלגענדע דריי צילען: צו באַקומען די ווייט־מזרח׳דיגע טעריטאָריע מיט אַלע אירע רייכטימער; ארויסצוזיאָגען אַלע קאָנקורענטען אויף׳ן כינעזישען מאַרק; אָפּצונעמען ביי די אַמעריקאַנער יעדע מעג־ליכקייט, אין דער צוקונפט אויסצונוצען די רוסישע ברעגען פון פּאַסיפישען אָקעאַן פאַר מיליטעריש־סטראַטעגישע צוועקען, פאַר אַוויאַציע באַזעס א. ד. גל.

די סאָוועטען מאַכט, ווי די פאַראייניגטע שטאַאַטען, פּאַסען אויף די דאָזיגע חוצפה׳דיגע צילען פון די יאַפּאַנעזער מיליטאַריסטען, און דעריבער שטאַרקען

זיי זייערע כחות צוריקצוהאלטען יאפּאַן פון אירע רויבערישע אַפּעטיטען. אַמעריקאַ האַלט אין איין פאַרגרעסערען אירע אוויאַציע כחות, איר פלאָטע, אירע ים פאַנצער און זעגעל שיפען און גרייטען זיך פאַר יאַפּאַנס אַנגריף.

רוסלאַנד איז דעריבער שטאַרק באַזאָרגט וועגען אירע אויסערלאַנדישע שונאים. זי באַמיהט זיך מיט אַלע כחות בייצוקומען ביי די דעמאָקראַטישע לענדער דעם ווידערווילען געגען דער עקזיסטירענדער פאָרם פון סאָוועטען רעזשים. דאָס זעלבע טוט זי אין לאַנד. דאָס אויסגלייכען די וואַהל־רעכט פון די פויערים מיט די אַר־בייטער וואָס איז לעצטענס געטאָן געוואָרען איז אַ פּאָליטיש־מיליטערישע נויטווענ־דיגקייט, כדי מאָראַליש צו פאַרשטאַרקען די פאַרטיידיגונגס־קראַפט פון דעם סאָ־וועטען־לאַנד איז אומבאַדינגט נויטיג בייצוקומען דעם אונצופריעדענהייט פון דער אינטע־ליגענץ און פויערטום צו דער הערשענדער מאַכט.

דער הויפּט מאָטיוו פון דער לעצטער קאָנסטיטוציאָנעלער רעפאָרמע איז געווען צוליב די פויערים און כדי זיך באַפעסטיגען פון אינווייניג. וואָס שטאַרקער עס ווערט די געפאַהר פון אַ מלחמה אַלץ בולט'ער ווערען די נייע פּאַטריאָטישע טענ־דענצען אין סאָוועטענלאַנד. נייע שטימונגען באַהערשען דעם סאָוועטישען עולם. מען שטעלט זיך מיט'ן פּנים צו דער היימאַט, צו דער נאַציע, צום פאָלק. דאָס פויערטום און די אינטעליגענץ ווערט אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט. מען רעכענט זיך איצטער מיט זיי, ווייל מען נויטיגט זיך אין זיי מער ווי פריהער.

די רוסישע אַרמיי, אָדער ווי איר פולער נאָמען איז „די רויטע אַרמיי פון די אַרבייטער און פויערים" איז היינט צו טאָג איינע פון די גרעסטע און שטאַרקסטע אין דער וועלט. באַלד נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע איז אויף לענינ'ס באַפעהל אָרגאַניזירט געוואָרען אויף אַן אויסגעצייכענטען אופן די דאָזיגע אַרמיי. דער אָר־גאַניזאַטאָר איז געווען דער מענש, וועלכער איז היינט פאַרטריבען אין גלות און ווערט גערודפט פון אַלע סטאַליניסטישע קאָמוניסטען, וועמענס נאָמען מען טאָר היינט ניט דערמאָנען אין רוסלאַנד — דער באַרימטער באָלשעוויק און רעוואָלוצי־אָנער לעאָן טראָצקי.

די סאָוועט רעגירונג וועלכע האָט בסדר מורא פאַר אַן אַטאַקע האָט זיך צו־געגרייט מיט אַלע אירע כחות. ניט געקאַרגט קיין מי, קיין געלט און קיין ענערגיע וואָס שנעלער און וואָס שטאַרקער אויסצובילדען און צו פאַרגרעסערען איר אַרמיי.

אין פרידענס־צייט האָט די סאָוועט־רעגירונג אַ רעגולערע אַרמיי פון נאָענט צו אַ מיליאָן. עס ווערט געשאַצט, אַז אין קריגס צייט וועט די רויטע אַרמיי באַ־שטיין פון 8 מיליאָן סאָלדאַטען. פאַר דעם צוועק העכערט זי בסדר דעם קריגס־בודזשעט וואָס גרייכט שוין ביז 6 ביליאָן דאָלער.

די רויטע אַרמיי איז אַן אויסגעשלאָסענע קלאַסען אָרגאַניזאַציע. נאָר „האָ־רעפּאַשניקעס" איז דערלויבט צו טראָגען וואַפען. די סאָוועט רעגירונג וויל זיך ניט אויסזעצען דער געפאַר צו האָבען ביי זיך אַ באַוואַפענטע קאָנטר־רעוואָלוציע. די

דאָזיגע מעכטיגע ארמיי ווערט איצט געפירט פון קלעמענטי וואָראָשילאָוו, וועלכער שטאַמט פון איינפאַכע פויערים, און איז שטענדיג מיט סטאַלינען, פאָלגט אוים זיינע באַפעלען און באַשלוסען.

די רויטע ארמיי ווערט געפירט כמעט פון דורכאויס קאָמוניסטען. גאָר ווייניג אָפיציערען זענען פון צארישען רעזשים. און אויך אויף די ווייניגע ווערט געהאַלטען אַן אויג פון ספּעציעלע קאָמיסאַרען, וואָס זענען באַשטימט דערויף. די מערסטע אָפיצירען ווערען גענומען פון דעם פויערים קלאַס, וועלכע שטודירען מיט גרויס חשק און פליים, אין די פאַרשיידענע שולען, וואָס די סאָוועט רעגירונג האָט אויפגעשטעלט.

אויך פרויען באַטייליגען זיך אין דער רויטער ארמיי. פרויען קאָנען אפילו ווערען מיליטערישע קאָמאַנדירען, אויב זיי האָבען די פעהיגקייט דערצו. אין יאָר 1935 זענען שוין געווען 149 פרויען אָפיצירען און 340 סטודענטקעס אין די מיליטערישע שולען. די צאָל ווערט גרעסער פון יאָר צו יאָר. די סאָוועטישע פרוי, וואָס איז אין אַלגעמיין באַפרייט געוואָרען פון פרויאישען יאָך, און האָט דאָס רעכט, פונקט ווי דער מאַן, זיך צו באַטייליגען אין אַלע צווייגען פון דער אינדוסטריע און אויפבוי, האָט אויך די פולע רעכט אריינצוטרעטען אין דער ארמיי און פאַרנעמען אַנגעזעהענע פּאָסטענס.

אַזוי ווי יעדערער דענקט, אַז דער קומענדער קריג וועט אָנגעפירט ווערען צום גרעסטען טייל מיט פאַרשיידענע מאַשינען און מאָטאָרען, ארבייט דער שטאַב פון דער ארמיי טאָג און נאַכט צו מעכאַניזירען און מאָטאָריזירען זי כדי זי זאָל זיך קענען ווי אמשנעלסטען באַוועגען. זי באַזאָרגט זיך מיט עראָפּלאַנען, אויטאָמאָבילען און טאַנקען. די רויטע ארמיי באַזיצט א גאָר גרויסע לופט פלאָטע, פון ארום פיר טויזענט קריגס עראָפּלאַנען, און אויך א גאָר גרויסער צאָל האַנדעלס עראָפּלאַנען, וואָס זענען געבויט אַזוי, אַז מען זאָל קאָנען נוצען אין צייט פון קריג. ביי דעם אַלעם ווערען די אינפאַנטריע, די פוס סאָלדאַטען, און די קאַוואַלעריע, אויך ניט פאַרנאַכלעסיגט. זיי זיינען אויך גוט און געהעריג אויסגעשטאַט.

* * *

פאַראַן ביי אונז אַזעלכע אָפּטימיסטען, וואָס האַלטען, אַז א מלחמה אין דער נאָענטער צוקונפט איז דאָך אַן אונמעגלאַכע זאַך און זיי באַווייזען עס מיט פאָלגענדע ארגומענטען:

א מלחמה קאָסט א סך מענשלאַכע קרבנות, פאַרניכטעט א סך אייגענטום, און קאָסט א סך געלט. מילא, אויף וויפיעל עס איז נוגע מענשלאַכע לעבענס קאָן ניט זיין קיין אָפּהאַלט. מענשלאַכע לעבענס זינען איצט פונקט אַזוי הפקר ווי ווען עס איז פריהער, און דאָס וועט ניט אָפּהאַלטען די מלחמה מאַכער; די פאַרניכטונג פון אייגענטום קאָן אויך ניט צוריקהאַלטען, און וועט ניט זיין קיין מניעה — אָבער געלט? וואו נעמט מען געלט?

דער לעצטער קריג האָט דאָך פּאַקטיש אויסגעשעפּט אַלע קרעדיט־מעגליכקייטן פון די מלחמה־פיהרענדע לענדער — וואו וועלען זיי איצט נעמען נייע געלטער? אין פאַל פון אַ מלחמה וועט דאָך דייטשלאַנד זיכער זיין אינדערמיטען, פון איהר שטאַמט דאָך די הויפּט געפאַר — אָבער וואו קאָן דייטשלאַנד נעמען דאָס געלט אויף צו פירען מלחמה, ווען זי האָט באַנקראָטירט און אָנגעזועצט דער גאַנצער וועלט?

זיי פרעגען אויך ווער וועט דאָס וועלען אריינטרעטען אין אַ מלחמה, נאָכדעם ווען מען האָט שוין געזעהן די רעזולטאַטען פון דער לעצטער מלחמה? די מאַסען וועלען היינט בשום אופן ניט וועלען גיין זיך מקריב זיין פאַרן „פאָטערלאַנד"; די היינטיגע מענשען זענען מער ציוויליזירט ווי פאַר דער קריג און וועלען זיך נישט ארונטערלאָזען צו אַזאַ ברוטאַלען באַרבאַריזם; די היינטיגע יוגענט איז געשטימט פּאַסיפיסטיש און וועט זיך בשום אופן ניט וועלען שלאָגען . . .

אַזעלכע און ענלאַכע פראַגען שטעלען אונז די נאַאיווע אָפּטימיסטען. וואָס שייך דעם ערשטען ארגומענט, דער געלט פראַגע, ווייס מען דען נישט, אַז אויך פאַר'ן לעצטען קריג האָבען די עקאָנאָמיקער באַוויזען, אַז די וועלט איז ניט אומ־שטאַנד צו פיהרען אַ לאַנגע מלחמה. און דאָך! — האָט די מלחמה אָנגעהאַלטען גאַנצע פיר יאָר!

די געשיכטע האָט אונז געלערענט, אַז אין מלחמה משוגעת איז ניטאָ ניט קיין לאָגיק, ניט קיין טעאָריע און ניט קיין נביאות. די קאַפּיטאַליסטען האָבען נאָך גענוג געלט אויף צו פינאַנסירען אַ מלחמה, פּונקט אַזוי גוט ווי זיי האָבען גענוג געלט צו פינאַנסירען די רעאַקציאָנערע און פאַשיסטישע באַוועגונגען איבער גאָר דער וועלט. עס וועלען זיך נאָך געפינען גענוג גרויסע קאַפּיטאַליסטען, וועלכע זוכען פּראָפיטען פון זייערע קאַפּיטאַלען וואָס ליגען אין די בענק אונבאַרירט. זיי וועלען באָרגען אויף הויכע פּראָצענטען אפילו ווען זיי זאָלען קלערען, אַז דער קרן וועט זיין פאַרפאַלען, צוליב די הויכע פּראָצענטען לוינט זיך זיי אוועקצובאָרגען. די פּראָצענטען צאָלט מען דאָך נאָכאַלעמען אייביג.

און וואָס שייך דער יוגענט און די היינטיגע מאַסען, קאָן מען גאַנץ אויפריכטיג זאָגען, אַז די היינטיגע יוגענט איז פּונקט אַזוי גוט — און אפשר נאָך מער — מילי־טאַריסטיש געשטימט ווי אין 1914. די זעלבע וועטעראַנען און סאָלדאַטען, וועלכע האָבען געליטען פונם קריג, וועלען ווידער — אויסער אַ קליינעם טייל — גיין אין מלחמה, צו פאַרטיידיגען די נאַציע. סאָלדאַט בלייבט סאָלדאַט! די היינטיגע סטו־דענטען זענען נאָך גענוג רעאַקציאָנער־שאָוויניסטיש געשטימט — אַ באַוויז די פאַשיסטישע באַוועגונגען, וועמענס פאָנען־טרעגער עס איז די יוגענט.

די יוגענט וואָס איז קאָמבאַטיוו, ענערגיש און מיליטאַנטיש, שפּילט אַ דאָמי־נירענדער ראָלע אין יעדער מלחמה. די יוגענטלאַכע עלעמענטען פירען אָבער ניט דעם קריג. זיי ווערען געפירט און באַאיינפלוסט פון אַנדערע. די רעליגיעזע פירער, די לערער אין די שולען, די פּראָפעסאָרען אין די אוניווערזיטעטען, זיי האָבען די דעה איבער דער יוגענט. זיי זענען עס די יעניגע, וועלכע קאָנען זאָגען דאָס לעצטע

וואָרט אין צייט פון קריג; זיי קאָנען עס אויפהעצען די יוגענט; זיי קאָנען עס אויפוועקען די הייסע געפילען פון בלוט־פארגיסונגען, פון דורשט נאָך מלחמה, נאָך קאַמף, צו זיג . . .

די דאָזיגע עלעמענטען דינען שטענדיג די אינטערעסען פון דער הערשענדער מאכט. זיי שטעלען זיך איין פאר די וועלכע האלטען זיי אויס. זיי ווייסען אויך מיט וואָס צו געווינען די יוגענט. זיי נוצען דעמאגאָגישע שטיק צו געווינען די יוגענט, וואָס האָט א טענדענץ צו הערואיזם, צו רוהם, צו מארטירערטום. זיי שאַפען די נויטיגע שאָוויניסטישע לידלאך וואָס רייצען צו מלחמה. די ריטמישע מיליטערישע מארשען רייצען די לײדענשאפטען ביי דער היציגער טעמפעראמענט־פולער יוגענט. זיי רופען ארויס דעם מלחמה עקסטאז, וואָס פאר׳שכור׳ט די יוגענט.

דעם יונגען סאָלדאט רעדט מען איין, אז די שווערד איז דער סימבאָל פון מאכט, אז וואָס מער קעפ פון שונא ער וועט אָפראמען, אלץ א גרעסערער העלד, אלץ א גרעסערער פאטריאָט וועט ער זיין. מען רעדט אים איין, אז פאר יעדען קאָפ וועט ער באקומען א מעדאל, פאר יעדער שטאט — א מעדאל; ער וועט ווערען אן אָפיציר, א פולקאָווניק, א גענעראל, אז ער קאָן זיך דערהויבען צו דער העכסטער שטופע פון מאכט און רוהם. די אויפגאבע פון יונגען סאָלדאט — לערענט מען אים — איז צו פארניכטען און חרוב מאכען, אז „דער יונגער סאלדאט דארף טאָן נישט דאָס וואָס זיין פארשטאנד דיקטירט אים, נאָר דאָס וואָס מען הייסט אים טאָן״ (טעניסאָן).

די דעמאגאָגען און רעאקציאָנערען, האָבען שוין זייערע אגיטאציע מיטלען, און זיי קאָנען געווינען די יוגענט, זיי זאָלען באווייזען מיט זייער געוואגטקייט און בראווקייט. זיי זאָלען ארויס קעמפען פאר זייער מוטערלאנד, צו נעמען „די שווערד פון גערעכטיגקייט״ און זיך לאָזען אויף די שלאכטפעלדער.

קאַפּיטעל 10

בורזשואזער און פּראָלעטאַרישער פּאַסיפיזם

1. אוטאָפּישער אָדער רעאַליסטישער שלום־אידעאַל?

דער קאַמף פאַר שלום, די אַגיטאַציע פאַר פרידען — ווי מיר האָבען פריהער געזעהן — איז שוין גאָר אַן אַלטע זאַך, כמעט אַזוי אַלט ווי די מענשהייט אַליין. אַזוי שנעל ווי דער מענש איז אַרויף אויף דער ערשטער מדרגה פון ציוויליזאַציע, האָט ער באַלד איינגעזעהן די נויטיגקייט פון פרידען אויף דער וועלט.

כמעט אין אַלע צייטען האָבען זיך געפונען ישעיה'ס, וועלכע האָבען גע־שטראָפט דאָס פאָלק, און האָבען אַפּעלירט פאַר'ן וועלט פרידען. צו יעדער צייט האָבען זיך באַוויזען נביאים, וואָס האָבען געזעהן דעם „אחרית הימים" פון אַ פעל־קער פאַרברידערונג, פון אַ צייט, ווען די גאַנצע מענשהייט וועט ווערען איין נאַציע, די גאַנצע ערד איין לאַנד, און אַלע מלוכות — איין גרויסער שטאַאַט.

די פאַרשיידענע נביאים פון אַלע צייטען, אַריינגערעכענט אויך פון אונזער צייט, ווי דזשאָרדזש הערבערט וועלס, אַפּטאָן סינקלער א. א., האָבען געשילדערט די גרויזאַמקייט פון מלחמה; און אויך דאָס אויסזעהען פון אַ פאַראייניגטער מענש־הייט, אין וועלכער עס וועט ניט הערשען קיין עקספּלואַטאַציע, קיין אוזורפּאַציע, קיין אַנטאַגאָניזם, קיין ראַבע און קיין מיליטערישע באַשיצונג — גאָט'ס מענשען וועלען ווערען ווי גאָט אַליין; וועלען זיך אָפּלערנען פון איהם, און איבערנעמען זיינע מדות: „מה הוא רחום", וכו. זיי, די דאָזיגע גייסטיג העכערע מענשען, האָבען אָבער דאָס אַלץ נאָר געזעהן אין אַ וויזיע; זיי האָבען עס טעאָרעטיש באַגריפען; קיין פּראַקטישען וועג דערצו האָבען זיי ניט אָנגעוויזען, דעם רעאַלען צוטריט צו אָט דעם געדאַנק האָבען זיי ניט געקענט שאַפען. זיי זענען געווען ווייט פון דער ווירקליכקייט . . .

דער אידעאַל פון פרידען אין דער רעאַליסטישער וועלט איז כמעט ווי פון זיך זעלבסט אויסגעוואַקסען. די וועלט־מלחמה האָט אים געבוירען; ער איז אַרויס־געוואַקסען פון דער ערד, וואו עס זענען באַגראַבען געוואָרען די מיליאָנען סאָלדאַ־טען. די יאָרען פון 1914־1918, האָבען באַשאַפען דעם גוטען ווילען פון שלום און פאַרברידערונג; זיי האָבען געשאַפען דעם מענשלאַכען פּאַטריאָטיזם, וואָס זאָל זיך אויסדריקען אין ליבע צו זיינע מיטמענשען, און לאָיאַליטעט צו דער מענשהייט.

דער פּראַקטישער פּאַסיפיזם אין אונזער צייט איז באַזירט אויף דער פעלקער ליגע, וואָס איז עטאַבלירט געוואָרען פאַר דעם צוועק: צו פאַרזיכערען אינטערנאַ־ציאָנאַלע קאָאָפּעראַציע, און צו פאַרמיידען מלחמה. דאָס אַליין איז אָבער נאָך ניט גענוג צו פאַרזיכערען דעם וועלט פרידען. דער ליגע'ס כח איז דאָך ניט מער

ווי דער כח און ווילען פון די מלוכות וואָס פאַרמירען זי. וואָס פאַר א פרידענס פאַרזיכערונג קאָן דאָס זיין, ווען די גאַנצע פאַרזיכערונג ליגט אין איינצעלנע דיפּלאָ־מאַטישע הענט?

דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערען מכח דער פראגע פון אויסוואַפנונג און באַוואפנונג.

פאַראַן פּאַציפיסטען, וועלכע ווילען איבער דער גאַנצער וועלט זעהן דורכאויס איין־איינציגע ארמיי, איין־איינציגע פלאָטע, איין־איינציגע לופט־מאַכט, וואָס זאָל קאָנטראָלירט ווערען פונ׳ם פעלקער־בונד אָדער פון אן אנדערען סופּער־שטאַט. די דאָזיגע פּאַציפיסטען לייקענען לגמרי דער מעגליכקייט פון אָפּשאַפען דאָס גאַנצע מיליטער; זיי דאַרפען דאָס מיליטער אויף אָנצוהאַלטען די מאַכט, צו זיין מיליטעריש צוגעגרייט קעגען וועלכער עס איז רעוואָלוציע, קעגען וועלכער ניט איז גרופּע וואָס וויל פאַרפירען קריג. די דאָזיגע פּאַסיפיסטען קאָנען מיר אָנרופען די מיליטאַ־ריסטישע פּאַסיפיסטען, ווי פּאַראַדאַקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען.

ווי באַוואוסט זענען פאַר אונזער עפּאָכע געווען דריי דיסטינקטיווע אידעאַלען אין דער וועלט־פּאָליטיק. די ערשטע איז געווען די אידייע פון אן אוניווערסאַלער אימפּעריע, אונטער איין דאָמיניאָן. דער דאָזיגער געדאַנק איז געקומען צו א פיל־וועניגער רעאַליזאַציע אין דער צייט, ווען די מערב־וועלט איז געווען קאָנצענטרירט אונטער דער רוימישער הערשאַפט. דער צווייטער אידעאַל איז געווען דער אולטראַ נאַציאָנאַלער, דאָס שטרעבען פון יעדער נאַציע זיך אָפּצורייסען פון די גרויסע און זיך פאָרמירען א נאַציאָנאַלען אונאָפּהענגיגען שטאַט, דאָס אויסצוקעמפען האָט דער וועלט געקאָסט נענוג מענשלאַכע קרבנות, גענוג מיה און אָנשטרענגונג. דער פאַרשטאַרקטער פּאָליטישער נאַציאָנאַליזם האָט פאַראורזאַכט אונצעהליגע מלחמות און פאַרביסענע קאַמפען. דער דריטער געדאַנק איז דער פּראָגרעסיוו נאַציאָנאַלער, וואָס שטיצט זיך אויף מאָראַלע און עטישע געזעצען, אויף גלייכבארעכטיגונג און קאָאָפּעראַציע צווישען אַלע פעלקער, קליינע און גרויסע. דער לעצטער פּונקט אין דער פאָרמירונג פון וועלט־שטאַאט שטעלט ארויס די פאָדערונג צו פאָרמולירען געזעצען וואָס זאָלען זיין פון אן אינטערנאַציאָנאַלען כאַראַקטער און זאָלען זיך צופּאַסען צו יעדען פאָלק באַזונדער. יעדער נאַציע זאָל זיין בארעכטיגט צו לעבען אין זיין אייגענער קולטור ספערע; אין זיינע אייגענע טראַדיציאָנעלע אייגענשאַפ־טען, ניט אונטערדריקט צו ווערען, און אויך זיך ניט צו אסימילירען.

די האַלבע פּאַסיפיסטען זענען די, וועלכע גלויבען אין דער אָנפירונג און ווי־דעראויפבוי פון דער ערשטער קאָנצעפּציע וואָס וויל איין גרויסע אימפּעריע פון אַלע לענדער. די געגענזאַצען און שוועריגקייטען אין אָט דער קאָנצעפּציע וועלען אָבער קיינמאָל ניט דערלאָזען צום אויספיר פון אזא פאַראייניגונג. פון די אַלע פאַרזוכען ביז היינט איז גאָר ניט געוואָרען, דערפאַר, ווייל יעדער איינער וויל באַ־קומען די אויבער מאַכט; יעדער איינער וויל זיין דער אויבערהערשער. יעדען איינעם דאַכט זיך, אז איהם קומט די בכורה, אז די אימפּעריע דאַרף קאָנטראָלירט ווערען דורך אים, דורך זיין נאַציע און פאָלק.

עס זענען אויך דאָ פּאַסיפיסטען וועלכע קעמפען מיט אַלע כחות קעגען מלחמה און מיליטאַריזם, ניט נאָר לשם „ליבע" צו מענשען נאָר פּשוט דערפאַר, ווייל זיי זענען איבערצייגט, אַז מלחמה איז גורם אַלדאָס בייז; אַז מלחמה פיהרט צו שרעק־ליכער מאָראַלישער פאַרווילדונג און דעגענעראַציע, — מלחמה איז דער קולט פון פּיזישען געוואַלדטהאָט און ציהט נאָך זיך רעאַקציאָנערע, קאָנסעקווענצען.

אין דער דאָזיגער קאַטעגאָריע פּאַסיפיסטען געהען אריין נאָר ראַדיקאַלע און פּראָגרעסיווע עלעמענטען. די דאָזיגע עלעמענטען, אַבוואָהל זיי גלויבען אין סאָ־ציאַלע רעוואָלוציעס, וואָס זענען אָפט אַ רעזולטאַט פון מלחמה, ווייסען אָבער, אַז די רעאַקציעס וואָס קומען נאָך די מלחמות, דערשטיקען די רעוואָלוציאָנערע דער־גרייכונגען און וואַרפען צוריק אריין די לענדער אין פינסטערניש. דער באַרימטער פראַנצויזישער סאָציאַליסט זשאַן זשאָרעס, האָט ניט איינמאָל אָנגעוויזען אויף דעם פּאַטאָלאָגישען פעלער פון דער ערשטער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — די מלחמות וועלכע זי האָט געפיהרט. די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך געהאַט איינגערעדט, אַז זיי וועלען אויף די שפּיצען פון די סאָלדאַטישע באַגנעטען ברענגען די פרייהייט צו די פאַרשקלאַפטע אייראָפּייאישע פעלקער, אין אמת׳ן אָבער האָבען די מלחמות דערשטיקט די פרייהייט אין פראַנקרייך און פראָדוצירט נאַפּאָלעאָנען.

די וועלט־מלחמה פון 1914 האָט די דאָזיגע מיינונג אויף אַ גלענצענדען אופן באַשטעטיגט. די רעוואָלוציעס, אין רעזולטאַט פון דער דאָזיגער מלחמה, האָבען טאַקע צובראָכען די שוין לאַנג באַזעסענע טראָנען און באַשאַפען נייע רעפּובליקען. אָבער דעם ביטערען סוף זעהען מיר איצט: די מלחמה וואָס האָט איבערגעריסען די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג און געבראַכט דעם שרעקלאַכען עקאָנאָמישען קריזיס, האָט מיט זיך געשאַפען צו דער זעלבער צייט דעם מאָראַלישען קריזיס: די גיפטיגע אַטמאָספערע פון נייע פינסטערע רעזשימען פון פאַשיסטישע און האַלב פאַשיסטישע דיקטאַטאָרען, וואָס האָבען ניט זייער גלייכען אין דער געשיכטע. דאָס זענען רעזשי־מען, וואָס מאַכען צונישט אַלע דערגרייכונגען פון די רעוואָלוציעס, צוטרעטען מיט די פיס די עלעמענטאַרסטע פרייהייטען, שמידען די אַרבעטער אין אַזעלכע שטאָ־לענע קייטען, פון וועלכע מען האָט פריהער ניט געוואוסט, מאַכען אַ תל פון דער גאַנצער ביז איצט געשאַפענער קולטור.

די דאָזיגע פּאַסיפיסטען זענען דעריבער, ווי מיר וועלען ווייטער זעהן, די ערשטע אָנצופיהרען אַן אינטענסיווע אַגיטאַציע פאַר אַנטוואָפנונג און פרידען, פאַר דער דערהאַלטונג פון שלום און פאַרשטענדיגונג צווישען פעלקער.

זיי זיינען געגען מיליטאַריזם, קעגען דער אויפהאַלטונג פון אַרמייען, ווייל דאָס ליגט ווי אַ לאַסט אויפען פאָלק און רופט זיך שרעקליך אָפּ אויף די מאַסען, און אויך דערפאַר ווייל דאָס ברענגט אַריין אַ מיליטערישען גייסט צווישען דער יוגענט. די מיליטערישע אוניפאָרמען, די מאַרשען און געזאַנגען פון די סאָלדאַטען האָבען אַ ווירקונג אויף דער קינדערשער פּסיכאָלאָגיע, זיי באַאיינפלוסען דער יוגענט מיט זייער ריטם און פּאַטריאָטישע לאָזונגען. זיי פאַרפירען דער יוגענט, צעווילדעווען און דעמאָראַליזירען זי. די יוגענט שאַפט זיך פאַר אַן אָפּגאָט דעם מלחמה העלד,

און דער גאָט פון באַקכוס, פון אויסגעלאַסענקייט, רעגירט און היפּנאָטיזירט די יונגע נשמות. מאַרס ווערט דער באַהערשער פון דער וועלט און אַלע הומאַנע, מענשליכע געטער, ווערן פאַרגעסען, פאַרניכטעט . . .

די לאָזונג דאַרף דעריבער זיין: „אָפּשאַפען יעדען פאָרם, וואָס רעגט און רופט צו מלחמה; ליקווידירען דעם מיליטאַריזם, אים אויסוואָרצלען פון הארץ און נשמה פון מענש. שאַפען באַדינגונגען וואָס זאָלען מאַכען פאַרגעסען דעם מלחמה קולט.

2. סאָציאַליזם און מלחמה.

אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט קומט איצט פאָר א שווערע פּאָ־לעמיק וועגען דעם, ווי אַזוי דער סאָציאַליזם זאָל רעאַגירען אויף די מלחמה געפאַה־רען. וואָס פאַר א שטעלונג ער זאָל נעמען אין דער דאָזיגער פראַגע, זאָל ער שטיצען די לענדער וואָס וועלען זיין געצוואונגען צו פיהרען מלחמה מיט'ן פאַשיזם? זאָל ער אויסנוצען די געלעגענהייט פאַר א בירגער קריג? . . .

די און נאָך אַזעלכע ענלאַכע פראַגען געהען ניט אַראָפּ פון טאָג־אָרדענונג פון סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע פאַרזאַמלונגען. כאַראַקטעריסטיש דערביי איז דאָס, וואָס די אַמאָליגע „לינקע” וועלכע האָבען אין דער צייט פון דער וועלט מלחמה געהאַלטען, אַז דער פּראָלעטאַריאַט טאָר ניט געהן אין קריג צוזאַמען מיט די בור־זשואַזיע לענדער, אַז עס איז דער פליכט פון יעדען אַרבייטער צו פאַרוואַנדלען די אימפּעריאַליסטישע מלחמה אין א בירגער קריג, דורכצופירען די סאָציאַלע רעוואָ־לוציע; די דאָזיגע אומקאָמפּראָמיסלאַכע שטעלונג איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען פון קאָמוניסטען, — לענינסטען — און איצטער קומען גאָר אַרויס לענינם נאָכפאָל־גער, באַטייליגען זיך אין פאַרשיידענע אָפּמאַכען מיט בורזשואַזע לענדער, מאַכען מיליטערישע אָפּמאַכען מיט די אימפּעריאַליסטישע לענדער, כדי צו זיין שטאַרק און מעכטיג אין קריג. דער סאָוועטען פאַרבאַנד איז אויך א מיטגליד אין דער פעלקער ליגע, וואָס איז פריהער פון די קאָמוניסטען באַטראַכט געוואָרען פאַר א קאַפּיטאַליסטיש קרעמעל. דער סאָוועטען פאַרבאַנד האָט אויך א מיליטערישע אַליאַנץ מיט פראַנקרייך און אַנדערע בורזשואַזע לענדער, וועלכע זענען מחויב זיך צו שיצען מיליטעריש איינער דעם אַנדערען.

די קאָמוניסטען האָבען געביטען זייער שטעלונג צו א סך אַנדערע פּראָבלעמען. זיי האָבען געביטען זייער שטעלונג בנוגע רעליגיעזע באַוועגונגען, בנוגע די קאַטאָ־ליקען, אויך בנוגע דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — זייער טאָלעראַנץ איז ווייט ניט דער אַמאָליגער. דעם דאָזיגען צוריקקעהר, האָט געמאַכט דער „פאַראייניגטער פראָנט” מיט וועלכען דער „קאָמינטערן” איז אַרויסגעקומען מיט עטלאַכע יאָר צוריק. *) איבערהויפּט האָט דער קאָמינטערן געענדערט זיין שטעלונג צו מלחמות.

*) די פראַגע פון פאַראייניגטען פראָנט ווערט באַהאַנדעלט ביי מיר אין א נאָך־ניט־פאַר־עפענטליכער בראָשור. — נ. ש.

אין דער מלחמה פון 1914־1918 איז די וועלט ארום קעגען אימפעריאלע מלחמות, לטובת דעמאָקראטיע. אזוי האָבען איינגערעדט די אָנהענגער פון מלחמה. דאָס רוב אייראָפּייאישע סאָציאַליסטען האָבען מיט א ווידערווילען געשטיצט זייערע אייגענע רעגירונגען אין דער דאָזיגער מלחמה. פאר די דייטשע סאָציאַליסטען איז דער הויפּט מאָטיוו פאר מלחמה געווען, אז מען גייט באקעמפען דעם צארישען אימפעריאליזם. פאר די סאָציאַליסטען פון די אלייאירטע לענדער, איז דער הויפּט שונא געווען דער דייטשער אימפעריאליזם.

די באָלשעוויקעס, די שפּעטערע קאָמוניסטען, האָבען אָבער גע'טענה'ט, אז קיין זאך קען ניט דערלויבען סאָציאַליסטען צו שטיצען זייערע בורזשואזע רעגירונגען. זיי האָבען געהאלטען אין איין ווידערהאָלען דעם געדאנק, אז מען דארף אויסנוצען די מלחמה פאר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. לענין האָט זיך פעסט געהאלטען ביי דער טראנספאָרמאציע פון דער אימפעריאליסטישער מלחמה אין א בירגער קריג; צו אָרגאניזירען די רעוואָלוציאָנערע ארבייטער אין פאל פון מלחמה, זאָלען זיי גרייט זיין, כדי איר צו פארוואנדלען אין א רעוואָלוציע. ער האָט אָבער בשום אופן ניט מסכים געווען צו פאראייניגען זיך מיט די אימפעריאליסטישע לענדער.

לענין האָט אויסגעקוקט אויף א מלחמה. אין אָנהויב פון יאָהר 1913 האָט ער געשריבען אין א בריף צו מאקסים גאָרקי'ן:

„א מלחמה צווישען עסטרייך און רוסלאנד וואָלט געווען זעהר א נוצליכע זאך פאר א רעוואָלוציע (אין מזרח־אייראָפּע). עס איז אָבער שווער צו גלויבען, אז פראנץ יאָזעף און ניקאָלאי זאָלען אונז פארשאפען אזא פארגעניגען". *)

לענין האָט אויפגעפאָדערט די ארבייטער פון אלע קריגס־פיהרענדע לענדער צו פארוואנדלען די מלחמה אין א בירגער קריג, ד. ה. אנשטאט מלחמה צו האלטען מיט'ן אויסלענדישען שונא, זאָלען די ארבייטער פון יעדען לאנד, בעסער ערקלעה־רען קריג זייערע אייגענע קאפּיטאליסטען און שטירצען די בורזשואזע אָרדנונג ביי זיך אין לאנד.

דעם 11טען נאָוועמבער 1914, האָט ער געשריבען אין זיין צייטונג „סאָציאַל־דעמאָקראט".

„מלחמה איז ניט קיין צופאל און אויך ניט קיין זינד. ווי די קריסטליכע פּאַפּ־סטען דענקען (זיי, ווי אלע אפּארטוניסטען, פּרעדיגען פּאטריאָטיזם, הומאניזם און פּאציפיזם). די מלחמה איז אן אומפארמיידליכער טייל פון קאפּיטאליזם, פּונקט אזא געזעצליכער פאָרם פון קאפּיטאליסטישען לעבען ווי פרידען. „קאָנשיאָנס־אב־דזשעקשאנס", סטרייקס געגען מלחמה און נאָך אזעלכע מיטלען פון דעם סאָרט, זענען ניט מעהר ווי מיזעראבלע, פּחדנ'ישע פּוסטע חלומות! וועלכער אידיאָט גלויבט עס, אז א באוואפענטער בורזשואזיע קאָן געשטירצט ווערען אָהן א קאמף? עס איז איינפאך א משגעת צו רעדען וועגען אָפּשאפען דעם קאפּיטאליזם אָהן א

*) זעה: ד. שוב „לענין" ז. 126 ארויסגענומען פון „לענינסקי סבאָרניק" (לענינ'ס זאמעל־בוך) נומער איינס.

שרעקלאכען בירגער־קריג, אָדער אָהן א גאנצער סעריע פון בירגער קריגען! די פּליכט פון די סאָציאַליסטען איז בעסער צו אגיטירען פאר׳ן קלאסען־קאמף דורך דער צייט פון דער מלחמה. די איינציגע אויפגאבע פון די סאָציאַליסטען אין דער צייט ווען עס ברעכט אוים אן אימפּעריאַליסטישע מלחמה צווישען דער בורזשואזיע פון פארשייּ־דענע נאציאָנען, דארף זיין צו פארוואנדלען די מלחמה צווישען פעלקער אין א מלחמה צווישען קלאסען. נידער מיט דעם סענטימענטאלען, היפּאָקריטישען אויס־געשריי: „פרידען אום יעדען פּרייז!“ „לעבען זאָל דער בירגער קריג!“ *)

לענין האָט שטענדיג גערעדט מיט׳ן גרעסטען סארקאזם וועגען די וואָס קו־מען ארויס מיט לאָזונגען וועגען פרידען. ער האָט חוזק געמאכט פון די פּאַסיפיס־טען און ערקלערט פאר פאררעטער אלע סאָציאַליסטען, וואָס האָבען ארויסגעשטעלט די פאָדערונג פון אנטוואפנונג.

זיין געגנערשאפט צו דער פאָדערונג פון אנטוואפנונג ווידערהאָלט ער אין א רייהע ארטיקלען, וואָס ער האָט געשריבען אין צייט פון מלחמה. אין איינעם אן ארטיקעל, וואָס ער האָט פארעפענטליכט אין דעצעמבער 1916, שרייבט לענין צווישען אנדערם:

„. . . דער אידעאל פון סאָציאַליזם איז אנטוואפנונג. אין א סאָציאַליסטישער געזעלשאפט וועלען קיין מלחמות ניט זיין, פאָלגליך וועט פארווירקליכט ווערען די אנטוואפנונג, אָבער דער איז ניט קיין סאָציאַליסט, ווער עס ערווארטעט די פארווירק־ליכונג פון סאָציאַליזם אָהן א סאָציאַלער רעוואָלוציע און א דיקטאטור פון פּראָלע־טאריאט. דיקטאטור איז מלוכה־מאכט, וואָס שטיצט זיך דירעקט אויף גוואלד. און גוואלד איז אין 20־טען יאָרהונדערט ניט קיין דובינע און ניט קיין פויסט, נאָר אן ארמיי. אריינשטעלען אין פּראָגראם די פאָדערונג פון „ענטוואפנונג“, מיינט איינפאך זאָגען: מיר זענען „געגען געברויכען געוועהר, און דאָס איז פונקט אזוי ניט מארקסיסטיש, ווי זאָגען, אז מיר זענען געגען אָנווענדען גוואלד־מיטלען! פאָ־דערען אנטוואפנונג איז דאָס זעלבע ווי פולשטענדיג אָפּזאָגען זיך פון דעם שטאנד־פּונקט פון קלאסען קאמף, ווי פארוואָרפען יעדען געדאנק וועגען א רעוואָלוציע“.

לענין איז ניט געווען קיין פּאַסיפיסט. לענינס אידעע איז, ווי געזאָגט, געווען צו פארוואנדלען די וועלט־מלחמה אין א בירגער קריג גלייכצייטיג אין אלע לענדער, מיט׳ן צוועק איינצופיהרען דעם סאָציאַליזם.

דער רוב סאָציאַליסטען זענען געווען געגען לענינ׳ם שטעלונג, זיי האָבען גע־שטיצט זייערע רעגירונגען און פארטיידיגט זייער לאַנד קעגען די שונאים. עס זע־נען אָבער אויך געווען גרופּען סאָציאַליסטען, וואָס זענען ניט געווען צופרידען מיט דער שטעלונג פון די סאָציאַליסטישע פּארטייען צום קריג. עס זענען געווען אזעלכע

---

*) פון אָט־דער ציטאטע פון לענינ׳ס ארטיקעל, וואָס ער האָט געשריבען נאָך אין 1914, זיינען קלאָר צוויי זאכען: ערשטענס, אז לענין איז אימער געווען אן אנטשיידענער געגנער פון פּאַסיפיזם, אז ער האָט גערעדט מיט פאראכטונג פון די וואָס פאָדערען נאָר „פרידען אום יעדען פּרייז“. צווייטענס, אז דער בירגער קריג אין רוסלאַנד איז ניט געקומען אלס רעזול־טאט פון דער אויסלענדישער אינטערווענציע, נאָר אז לענין האָט דעם פּלאַן נאָך אויסגעאַר־בייט אין יאָהר 1914, זיצענדיג אין ציריך. לענין איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט ארויס־געשטעלט דעם לאָזונג: „לעבען זאָל דער בירגער קריג“. ז.ז. 127־128.

סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען געהאַלטען, אַז די ארבייטער פון דער גאַנצער וועלט דאַרפען זיך אַריינמישען און דורך רעוואָלוציאָנערע מיטלען אָפּשטעלען דעם קריג. זיי האָבען געדענקט, אַז די ארבעטער דאַרפען צוריק אויפשטעלען זייער סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז מיט׳ן אויסברוך פון קריג פאַרניכטעט געוואָרען, און דורך דעם אינטערנאַציאָנאַל אויסאיבען א דרוק סיי אויף די רעגירונגען און סיי אויף די פעלקער, זיי זאָלען שליסען א שלום וואָס זאָל זיין אָננעמבאַר פאַר אַלע צדדים. און עס זענען אויך געווען אַזוינע, ווי לענין און זיינע חברים, וואָס האָבען געהאַלטען, אַז עס איז געקומען די צייט צו פאַראייניגען אַלע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען אין איין אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זיין אויפגאַבע זאָל זיין: „צו פאַרוואַנדלען די אימפּעריאַליסטישע מלחמה אין א בירגער קריג אין יעדען לאַנד”. *)

די זעלבע מיינונגען געפינען מיר ביי טראָצקי׳ן, אין זיין בראָשורע „מלחמה און דער אינטערנאַציאָנאַל”, וואו ער שרייבט צווישען אנדערעס: „דער איינציגער וועג, דורך וועלכען דער פּראָלעטאַריאַט קאָן באַגעגענען די אימפּעריאַליסטישע פּערפּלעקסיטעט פון קאַפּיטאַליזם איז איר געגענצושטעלען מיט א פּראַקטישען פּראָגראַם פון סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיע . . .”

„מלחמה איז די מעטאָדע, ביי וועלכער דער קאַפּיטאַליזם, אין זיין קלימאַקס פון אַנטוויקלונג, זוכט צו לייזען זיינע ווידערשפּרוכען. צו דער מעטאָדע מוז דער פּראָלעטאַריאַט אַרויסשטעלען זיין אייגענע מעטאָדע, פון סאָציאַלער רעוואָלוציע. . .” טראָצקי באַשולדיגט, פּונקט אַזוי ווי לענין, די דייטשע סאָציאַל דעמאָקראַטיע אין פאַרראַט צום סאָציאַליזם, דערפאַר, ווייל זי האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער נאַציע, פאַרטיידיגט די אינטערעסען פון דער דייטשער מאָנאַרכיע, געשטימט פאַר קריג און איר ניט פאַרוואַנדעלט אין א סאָציאַלער רעוואָלוציע.

דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל וואָס איז אָפיציעל אָרגאַניזירט געוואָרען אין מערץ 1919 (ביים קאָנגרעס אין מאָסקווע) *) האָט נאָכגעפאָלגט לענינען און גערופען אַלע פּראָלעטאַריער פון דער גאַנצער וועלט צו פאַרוואַנדלען די אימפּעריאַליסטישע מלחמה אין א בירגער קריג.

אין זיינע 21 פּונקטען פון דער קאָנסטיטוציע געפינט זיך פאָלגענדער פּונקט (דער 9־טער):

„יעדע פּאַרטיי (קאָמוניסטישע) איז פאַרפליכטעט צו פיהרען א האַרטנעקיגען קאַמף קעגען דעם אַמסטערדאַמער טרייד יוניאָן אינטערנעציאָנאַל, קעגען די „געלע” טרייד־יוניאָנס, קעגען סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם און סאָציאַל־פּאַסיפיזם — קעגען דעם גלויבען אין דער פעלקער ליגע, אין אַנטוואָפנונג און ארביטראַזש אלס מיטעל צו פאַרמיידען מלחמות . . .”

*) צוליב דער באַשרענקונג פון פּלאַץ, וועלען מיר מקצר זיין, די לעניניסטישע טעאָריע וועגען מלחמה און קאַמף און עס איבערלאָזען פאַר א צווייטער ארבייט. — נ. ש.

**) דער באַדען פאַר אַזא „אינטערנאַציאָנאַליזם” פון עקסטרימיסטען איז געשאַפען געוואָרען נאָך אין 1915 ביי דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ פון אַלע „סאָציאַליסטען אינטערנאַציאָנאַליסטען”. — נ. ש.

דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל וואָס האָט זיך כסדר אָריענטירט אויף דער „אומפאַרמיידליכקייט" פון א וועלט־מלחמה אלס פאָרשפּיל צו דער אלוועלטלי־כער סאָציאַלער רעוואָלוציע, האָט געענדערט זיין שטעלונג. לעצטענס זוכט מען נאָר צו מאכען אָפּמאכען מיט די דעמאָקראַטיש־קאַפּיטאַליסטישע לענדער, מען וואַרפט זיך אונטער אלע פאָדערונגען פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אבי צו שאַפען אן אַליאַנץ מיט זיי. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט לעצטענס דעם קאַמף געגען מלחמה געשטעלט בראש פון זיין אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

מיט וואָס דערקלערט זיך די דאָזיגע ענדערונג?

די סיבה צו דער געענדערטער שטעלונג איז אָט וואָס: אין 1914 איז ניט געווען קיין סאָוועטען פאַרבאַנד צו פאַרהיטען. עס איז אויך ניט געווען קיין מעכטיגע רעאַקציאָנערע באַוועגונג, וואָס זאָל אָנשרעקען מיט איר גרויזאַמען מיליטערישען כח און ארבייטער פיינדליכקייט, עס איז ניט געווען קיין אָרגאַניזירטער פאַשיזם און נאַציזם.

צוליב דער אנטשטאַנענער סיטואַציע האָט זיך געשאַפען מיינונגס־פאַרשיידענ־הייטען אין די סאָציאַליסטישע אזוי גוט ווי אין די קאָמוניסטישע פּאַרטייען. די מערסטע פון זיי האַלטען, אז דער געבאָט פון דער שעה פאָדערט צו שטיין פעסט מיט זייערע דעמאָקראַטישע רעגירונגען, און אפילו זיי אויפצוהעצען אין קריג קעגען דעם פאַשיזם. די מינדערהייט סאָציאַליסטען האַלטען אָבער, אז ניט געקוקט ווי הויך און הייליג עס זאָל ניט זיין דער ענדציל פון אזא מלחמה, מוז מען אלץ באַקעמ־פען מלחמה, וואָס קאָן ברענגען דערצו, אז איירָאָפּע זאָל בלייבען א רויכענדיגע רואינע. די רעזולטאַטען קענען זיין דער היפוך צו די באַדינגונגען וואָס זענען נויטיג פאַר דעם אויפבוי פון א נייער און שעהנער געזעלשאַפטליכער אָרדענונג. נאָך א מלחמה בלייבט איירָאָפּע איינגעהילט אין א מוראַדיגער כאַאָס שטימונג, אין עלענד און האַס . . .

מען קאָן אויך ניט האָבען קיין גאַראַנטיע, אז די דעמאָקראַטישע לענדער וועלען זיין אייניג צווישען זיך. עס קאָן אמאָל טרעפען, אז ענגלאַנד זאָל אין אַנהויב קריג שטעהען אויף דער זייט פון פראַנקרייך מיט אירע פאַרבינדעטע און שפּעטער זאָל זי גאָר ענדערען איר שטעלונג, אויב עס וועט זיך איהר לוינען. בריטאַניע וועט האַנדלען אין די אינטערעסען פון דער בריטישער אימפעריע, און אויב עס וועט זיך איר לוינען צו שטעהן אויף דער זייט פון איטאַליע, אָדער דייטשלאַנד, וועט איר קיין זאַך ניט צוריקהאַלטען.

די דאָזיגע געגנער פון מלחמה זענען מיט דער מיינונג, אז מלחמה איז געפעהר־ליך, ניט אכטענדיג וואָס איר ציל זאָל ניט זיין, מעג עס זיין די פאַרניכטונג פון פאַ־שיזם אָדער די סאָציאַלע רעוואָלוציע. זיי האַלטען, אז דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם טאָר זיך בשום אופן ניט אונטערגעבען דעם פאַטאַליזם פון אן אומפאַר־מיידליכען קריג. מען טאָר זיך ניט לאָזען פאַרפירען פון אילוזיעס פון סאָציאַלער רעוואָלוציע, פון באַקעמפען דעם פאַשיזם. דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם דאַרף פריער פאַר אלץ אויפנעמען די נויטיגסטע שריט צו פאַרמיידען מלחמה; דער

פראָלעטאַריאַט דאַרף זיך אָנשטרענגען מיט אַלע כחות צו באַפעסטיגען דעם פרידען. ענערגיש צו באַקעמפן די שאַנסן פון מלחמה, זיך צו האַלטן ביי דער אַלטער פאַסיפיסטישער אָריענטאַציע . . .

גאָר אָנגעזעענע סאָציאַליסטן אַזעלכע ווי אָטאָ באַוער, זשיראָמסקי, און אַנדערע זענען אָבער מיט דער מיינונג אַז דער אינטערנאַציאָנאַל דאַרף אויסאַרביי־טן אַ „סטראַטעגישן פּלאַן" נאָר פאַר איין וואַריאַנט פון אַ מעגליכער אייראָפּייאי־שער אָדער אַלוועלטליכער מלחמה. צו שטעלן היטלער'ס דייטשלאַנד מיט זיינע פאַרבינדעטע אויף איין זייט און סאָוועט רוסלאַנד מיט ענגלאַנד, פראַנקרייך, די קליינע אַנטאַנטע מיט זייערע פאַרבינדעטע אויף דער צווייטער זייט — צו פאַר־וואַנדלען די מלחמה מיט היטלער'ס דייטשלאַנד אין אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָ־נערער אַנטיפאַשיסטישער מלחמה.

אָטאָ באַוער, רעדענדיג אויף דער טעמע: „סאָציאַליזם און די דייטשע פראַגע", גייט נאָך ווייטער. צווישן אַנדערעס זאָגט ער: „ווען דער דייטשער פאַשיזם וועט אַרויסרופן דעם קריג, דאַן פאָדערט דער לעבענס־אינטערעס פון דער פרייהייט, פון דער דעמאָקראַטיע, פון סאָציאַליזם, אַז דייטשלאַנד זאָל ווערן באַזיגט. דערפון דרינגט אַרויס, אַז די דייטשע סאָציאַליסטן דאַרפן — נאַטירליך לויט זייערע מעג־ליכקייטן — מיטווירקן צו דער מפּלה פון פאַשיסטישן דייטשלאַנד.

„אָבער וואָס פאַר אַ גורל דערוואַרט דאָס דייטשע פאָלק, ווען דייטשלאַנד וועט באַזיגט ווערן? צי קען זיך דאַן נישט איבער'חזר'ן אין אַ נאָך גרעסערן פאָרנעם, דער ווערסאַילער שלום־דיקטאַט? צי וועלן די זיגער, וועלכע האָבן זיך איבער־צייגט, אַז דער ווערסאַילער טראַקטאַט האָט צו וועניג באַוואָרענט זייער מאַכט, צי וועלן זיי נישט פּרובירן צו גאַראַנטירן זיך די פּרוכטן פון זיג דורך צעשטיק־לען דייטשלאַנד? ווי אַזוי קאָן דאָס דייטשע פאָלק אויסמיידן, אַז די אומבאַדינגט נויטיגע (פאַר אונז און פאַר דער גאַנצער אַרבייטענדער מענשהייט) מפּלה פון היט־לער דייטשלאַנד זאָל נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מפּלה פאַר'ן דייטשן פאָלק".

„דערצו איז פאַראַן נאָר איין מיטל: נאָר ווען אין פאַרלויף פון קריג וועט פונ'ם פאַשיסטישן דייטשלאַנד ווערן אַ רויט דייטשלאַנד, נאָר דאַן וועט די מפּלה פון דריטן רייך באַדייטן אַ זיג פון פרייהייט אי פאַר דער וועלט, אי פאַר'ן דייטשן פאָלק, ווייל דאַן וועט דאָס רויט־געוואָרענע דייטשלאַנד פאַרלייגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און זיינע פאַרבינדעטע אַ שלום אָן אַנעקסיעס און אַנטשעדיגונגען און דער ביז איצט אַנטי־דייטשער קריגס־לאַגער (אין וועלכן ס'געפינט זיך שטענדיג רוס־לאַנד) וועט זיין גרייט אַזאַ שלום צו שליסן".

„די דייטשע סאָציאַליסטן — האַלט באַוער — מוזן קאָנען איבערצייגן דאָס דייטשע פאָלק, אַז נאָר זייער זיג בילדעט די גאַראַנטיע פאַר דער פרייהייט פון דייט־שען פאָלק, פאַר דער גאַנצקייט פון זיין טעריטאָריע, וואָס איז באַדראָהט דורך היטלערס מלחמה צוגרייטונגען . . ."

ווי מיר זעהען, אַלזאָ, איז שוין פאַראַן אַ שאַרפע מיינונגס פאַרשיידנהייט, נאָך איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. מען קאָן זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס

פאַר א חלוקי־דעות די מלחמה וועט אַרויסרופען דורך די ליידענשאַפטען, וואָס דער קריגס־שטורם רייצט אויף. דאָס האָט אונז געוויזען די פראַנצויזיש־פּרייסישע מלחמה פון יאָר 1870. אין יענער מלחמה האָבען זיך באַטייליגט נאָר צוויי מלוכות, און דאָך ווי גרויס זענען דעמאָלט געווען די מיינונגס פאַרשיידענהייטען אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, צווישען בעבעל און ליבקנעכט פון איין זייט און דער פּאַרטיי־עקזעקוטיווע פון דער אַנדערער!

עס וואָלט דעמאָלט לייכט געקענט קומען צו א שפּאַלטונג פון דער דייטשער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און אפילו פון סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, ווען די מלחמה וואָלט זיך פאַרצויגען לאַנג אָן א מיליטערישער און פּאָליטישער אנטשיידונג. אין יאָהר 1870 זענען די געשעהנישען אין דער מלחמה געווען אַנדערש ווי אין די יאָרען 1914־1918. אין פאַרלויף פון איין חודש זענען די אַרמייען פון דער פראַנצויזישער אימפּעריע געווען צוקלאַפּט. די ניי־געגרינדעטע פראַנצויזישע רעפּובליק האָט אָנגעבאָטען אן עהרענהאַפטען פרידען, אָבער די פּרייסישע מיליטערישע מאָנאַרכיע האָט געפאָדערט א טייל פון פראַנקרייך ניט צוליב נאַציאָנאַלע נאָר צוליב מיליטערישע אורזאַכען; די איינוואוינער פון דער פּראָווינץ עלזאַס זענען ניט געווען קיין דייטשען און האָבען זיך ענערגיש געשטעלט געגען דעם, מען זאָל זיי אָפּרייסען פון פראַנקרייך. אום צו פאַרנעמען די פּראָווינץ מיט געוואַלט, האָבען די דייטשען געפירט די מלחמה ווייטער, ביזן זיג ביי סעדאַן, וואָס האָט שוין די מלחמה אנטשידען. *)

ביי דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט זיך די מיינונגס־פאַרשיידענהייט אַזוי פאַרשאַרפט, אַז דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז זיך צופאַלען, און עס האָט זיך געשאַפען צוויי לאַגערען אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, א דעמאָקראַטישער און אן אַנטי־דעמאָקראַטישער.

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען איז דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל צופאַלען ניט דערפאַר, ווייל עס האָט געפעהלט באַוואוסטזיין אָדער סאָלידאַריטעט, דאָס קאָן מען ניט זאָגען. עס איז דאָך א פאַקט, אַז נאָך דער מלחמה האָבען זיך די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די פאַרשידענע לענדער באַלד ווידער פאַראייניגט. דער אינטערנאַציאָנאַל איז צופאַלען הויפּטזעכליך דערפאַר, וואָס עס איז ניט געווען קלאָר דער כאַראַקטער פון דער מלחמה און צוליב דעם אידעאישען קאַמף ביי די סאָציאַליסטען גופא — דער קאַמף צווישען קאָמוניסטען און סאָציאַליסטען דעמאָקראַטען.

די פראַגע איז דעריבער: וואָס זאָלען סאָציאַליסטען טאָן, ווען א מלחמה ברעכט אויס? וואָס זאָלען זיי טאָן, ווען עס איז זיי שוין קלאָר די צילען און דער כאַראַקטער פון דער מלחמה? ווי אַזוי זאָלען סאָציאַליסטישע פּאַרטייען רעאַגירען אויפן גאַנג פון דער מלחמה? וואָס זאָלען זיי טאָן, אום צו פאַרמיידען אָדער לכל הפּחות פאַר־

*) וועגען מאַרקס און ענגעלס באַציהונג צו דער פראַנצויזיש־פּרייסישער מלחמה זייערע ענטפערס צו ליבקנעכט'ן און בעבל'ן נאַכצוקוקען אין דער קאָרעספּאָנדענץ צווישען זיי: בריוו 144, 145, 146 ז. ז. 293—299 אין דער ענג. אויסגאַבע. ביידע האַלטען פאַר דייטשלאַנד, און זיינען געגען רוסלאַנד, פראַנקרייך.

שנעלערען דעם ענד פון דער מלחמה, נאָכדעם ווי זי האָט שוין אויסגעבראָכען? ווי אזוי זאָלען אמעריקאנער פּראָגרעסיסטען, ארבייטער און סאָציאַליסטען רעאגירען אויף א מלחמה צווישען אייראָפּייאישע לענדער? . . .

3. וואָס מארקס און ענגעלס האָבען געטראכט וועגען מלחמה

— די פּרינציפּען פון סאָציאַליסטישער פּאָליטיק —

ביים איינשטעלען די פּרינציפּען פון סאָציאַליסטישער פּאָליטיק, דארף מען נעמען אין אכט ניט נאָר די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אויפ'ן געביט פון עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע באציהונגען, נאָר אויך די ענדערונגען אין דער מאסען־פּסיכאָלאָגיע און די ראדיקאלע ענדערונגען אין כאראקטער פון מלחמה גופא.

לאָמיר געבען א פּאָר ביישפּילען וועגען די ענדערונגען וואָס קומען פאָר. פריהער, איידער דער קאפּיטאליזם איז אנטוויקעלט געוואָרען איז געבוירען געוואָרען דער מאָנארכיזם, די דאָקטרין פון קעניג־הערשאפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטען עטלאכע יאָרהונדערטער. די אידעע איז ארויסגעשוואומען א דאנק דעם פארלאנג צו פאראייניגען די מערב קריסטלאכע ציוויליזאציע אונטער דער הערשאפט פונ'ם פּויפּסט און דעם אימפּעראטאָר. לויט דער סכעמע האָט שוין מער קיין פּלאץ ניט געקאָנט זיין, ווי פאר'ן פּויפּסט און דעם מלוכה-פירער, וועלכער דארף אויך זיין אונטערוואָרפען דער קריסטלאכע רעליגיע.

צוליב די מלחמות צווישען די רעליגיעזע און מלוכה־פירער, איז אָפּגעשוואכט געוואָרען דער איינפלוס פון די ערשטע, און דער שטאַט איז אָפּגעטיילט געוואָרען פון דער רעליגיע. עס איז געבוירען געוואָרען די אליין־הערשאפט, די מאָנארכיסטישע סיסטעם פון פארכאפּען לענדער, בויען אימפּעריעס, און אזוי ארום פאראייניגען קליינע לענדער, קליינע נאציאָנען אין איין גרויסער מלוכה.

אין אָנהויב פון דער רענעסאנס עפּאָכע, זענען די ערשטע שוואלבען פון דער נייער ערא: סט. אגוסטין, דאנטע א. א. ארויסגעקומען מיט א געדאנק וועגען קאָאָפּעראציע און אייניגונג צווישען אלע נאציעס. זיי האָבען אָבער דוקא געוואָלט שאפען א קריסטלאכע אייראָפּע, איבערצוגעבען די ממשלה דעם פּויפּסט און צוריק אויפלעבען די אויטאָקראטיע אין אייראָפּע. דער דאָזיגער געדאנק פון פעדעראציע פון אלע קריסטלאכע לענדער איז שוין דעמאָלט ניט געווען אין צייט. אייראָפּע איז שוין דעמאָלט געווען דערוואקסען און גענוג ציוויליזירט, ניט צו לאָזען זיך רעגירען פון א פּויפּסט אָדער פון וועלכען עס איז רעליגיעזען אויטאָקראט. אייראָפּע איז דעמאָלט געשטאנען ביים שוועל פון גרויסע ענדערונגען, ביים אויפקום פון דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט!

אין יענע צייטען איז די בורזשואזיע אלס א סאָציאַלע פאָרמאציע ניט געווען „צום ארויסוואַרפען", ווי אין אונזערע טעג. די בורזשואזיע, אלס א קלאס, דארף מען געדענקען, איז א „היסטאָרישע קאטעגאָריע" וואָס האָט זיך ארייגעפּאסט

אין געשיכטליכען ראם, פארנעמענדיג אן אָרט אין דער פּראָדוקציע און דיס־טריבוציע . . . זי פארמאָגט טאָפּאָגראַפיע און כראָנאָלאָגיע.

די בורזשואזע אלס אזעלכע האָט איבערגעלעבט פארשיידענע עפּאָכען און דורכגעמאכט פארשיידענע קאָנזעקאַטיווע אנטוויקלונגס־עטאַפּען. זי איז אמאָל געווען אגרעסיוו, קריגעריש, שטרייטפעהיג און שטרייטלוסטיג. זי איז אמאָל אויך געגאנגען באדרג־ארויף און אָנגעפירט מיט די אפּענסיוועס פון די אויפקומענע געזעלשאפטליכע ענערגיעס קעגען דער אָפּשטארבענדיגער אינערציע, צעפאלענדיגער אָרדנונג פון פעאָדאליזם, וואָס האָט דעמאָלט געהאלטען אין אגאָניזירען. זי איז דעמאָלט אויך געווען „פּראָגרעסיוו", אורוגאניש און וואולקאניש. עס איז דעמאָלט געווען איר „שטורם און דראנג" פּעריאָד און אלס אזעלכע איז זי ארויפגעקומען אויף דער פּאָליטישער ארענע.

„זי (די בורזשואזיע) איז געווען די ערשטע צו ווייזען וואָס מענטשלאכע טע־טיגקייט קען אויפטאָן. זי האָט געצייגט וואונדער, וואָס שטייגען אריבער די עגיפּ־טישע פּיראמידען, די רָאמאנישע וואסערלייטונגען און די גאָטישע קאטעדראלען. זי האָט געפירט עקספּעדיציעס וועלכע פּארטונקלען אלע פריערדיגע עקזאָדוסען פון פעלקער און קרייץ־צוגען (קאָמוניסטישער מאניפעסט).

„די בורזשואזיע, אין פארלויף פון איר ערשאפט פון קנאפּע הונדערט יאָר, האָט באשאפען פּראָדוקציע כחות, וואָס זענען מאסיווער און קאָלאָסאלער פון אלץ וואָס איז געלייסטעט געוואָרען פון אלע פריהערדיגע דורות צוזאמענגענומען. דאָס באזיגען פון די נאטור־קרעפטען, דאמף־שיפעריי, אייזענבאהנען, עלעקטרישע טע־לעגראפען, די קולטיווירונג פון גאנצע קאָנטינענטען, די קאנאליזאציע פון טייכען, גאנצע באפעלקערונג זיינען ארויפגע'כישופ'ט געוואָרען פון סאמע גרונט — וועלכער פריהערדיגער דור האָט כאָטש א פאָרגעפיהל געהאט, אז אזעלכע פּראָדוק־טיווע כחות דרעמלען אין שויס פון סאָציאלער פּראצע" (דאָרטן).

ענגעלס, רעדענדיג וועגען דער ראָלע פון דער בורזשואזיע אלס א פּראָדוקטי־ווער כח שרייבט:

„צו קאָנצענטרירען און אויסברייטערען אָט די צעוואָרפענע און באגרענעצטע פּראָדוקציע־מיטלען, צו פארוואנדלען זיי אין מעכטיגע פּראָדוקציע־ריטשאגען פון אונזער צייט, דאָס איז טאקע די היסטאָרישע ראָלע פון דעם קאפּיטאליסטישען פּראָ־דוקציע מאָדוס און זיין פאָרשטעהערין, די בורזשואזיע". *)

דאָס איז אָבער נאָר געווען אין דער פארגאנגענהייט, אין אירע ערשטע יאָרען. דעמאָלט איז זי געווען אין אירע „מיידעלשע כחות" יונג, קרעפטיג, אויפטועריש אויף אלע געביטען פון מענשליכען און געזעלשאפטליכען אָנשטרענג. ביסלאכווייז האָט די בורזשואזיע פארלוירען איר כח, געוואָרען א שוואכלינג א נאָכשלעפּערען צו אלע געזעלשאפטליכע צרות, פארלירענדיג איר סאָציאלען באגאזש, איר היסטאָ־רישען געוויכט און וויכטיגקייט. ניט נאָר האָט זי פארלוירען איר מוט און קוראזש, נאָר געוואָרען פּוסט פון אלע אידעאלען; זי האָט זיך ארייגעוואָרפען אין שויס פון

*) פרידריך ענגעלס, אנטי־דיורינג, ז. 301 ענג. אויסגאבע.

יענע קאפיטאליסטען וועלכע האָבען איר אזוי שענדליך אויסגענוצט און עקספּלו־אטירט, איר געבראכט צום פאנאנדערפאל.

די אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם, די איבערפּראָדוקציע אין יעדען לאנד צוליב די נייע טעכנישע ערפינדונגען, האט געבראכט כאָאס, צוטומלעניש אין דער ווירט־שאפט; האָט געבראכט צו קריזיסען אין די קליינע זעלבסטשטענדיגע מלוכות, האָט פאראורזאכט די אימפּעריאַלע מלחמות, וועמעס ציל עס איז צו פארגרעסערען טע־ריטאָריעס, אויסברייטערען גרעניצען און פארכאפּען נייע פּאָזיציעס וואָס זענען נויטיג פאר דער עקאָנאָמישער פארזיכערונג פון א לאנד.

די אונקאָנטראָלבארע אָרדנונג וואָס קאָן ניט אויסמיידען קריזיסען און דע־פרעסיע, האָט געמוזט זיך אָנשטרענגען צו געפינען נייע לענדער פאר עקספּלואטא־ציע, פאר פּראָפיטען, און צו דער זעלבער צייט אויך געפונען חיי שעה פאר דער אלגעמיינער באפעלקערונג. די פּאָליטיק פון אימפּעריאליזם און גרויס קאפיטאליזם האָט פאראורזאכט די געשעהנישען אין די יאָהרען 1789, 1815, 1848, 1859, 1864־1866, 1870, און לסוף די וועלט מלחמה 18־1914. זי האָט אָבער גלייכצייטיג דע־מאָנסטרירט איר דורכפאל און איר פאראורטייל צום אונטערגאנג—ווייל אָן מלחמה האָט זי שוין מער ניט קיין עקזיסטענץ כח און ממילא מוז זי דאָך ווערען אנאכ־ראניש.

די איינציגע אָרדנונג וואָס קאָן אויסקומען אָן מלחמה איז א פּראָלעטארישע. אין א סאָציאליסטישער געזעלשאפט וועט ניט זיין קיין רייד וועגען מלחמה, ווייל סאָציאליסטען וועלען ניט זיין פאראינטערעסירט צו פארפירען קריג מיט אן אנדער פּאָלק. בכלל דארף זיך די פּראָלעטארישע געזעלשאפט ניט שטיצען אויף דעם אגרע־סיווען נאציאָנאליזם, אויף דער אידעאָלאָגיע פון אונטערשיידען צווישען ראסען און פעלקער, אויף דעם אונטערשייד צווישען אינפעריאָריטיווע און סופּעריאָריטיווע נאציעס. די סאָציאליסטישע געזעלשאפט דארף אנערקענען די גאנצע מענשהייט. אלע ראסען, נעגער, געלע, מאנגאָלישע, סעמיטישע, ברוין און טונקעל הויטיגע — אלס בארעכטיגטע צו לעבען פריי אויף קאָלעקטיווע יסודות.

די פּראָלעטארישע געזעלשאפט האָט פארשיידענע וועגען, פארשיידענע אידייען, ווי אזוי צו לייזען די שווערסטע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. סאָציאליזם איז פול מיט אידייען, מיט פּלענער, מיט אויפטועונישען, מיט פארנעם. סאָציאליזם האָט אן אידעאָלאָגיע. ער איז באלעבט פון אידעאלען, פון פּאָטוריטעט און דארף ניט אָנקו־מען צו נקמה, צו שטיצען אויף אזא אופן דעם פּאָלקס־צאָרן־אויסגוס . . .

וואָס זאָלען אָבער סאָציאליסטען טאָן אונטער א קאפּיטאליסטישער אָרדנונג, ווען מלחמה ברעכט אויס?

מארקס און ענגעלס, די באגרינדער פון וויסענשאפטליכען סאָציאליזם האָבען פיעל געטראכט וועגען דעם. זיי האָבען געהאלטען, אז פריהער פאר אלץ מוזען סאָציאליסטען נאָכפאָרשען ווער עס איז דער אָנגרייפער; וועלכער צד איז שטארקער און וועט מעגאלך זיגען; ווי אזוי די נייע־געשאפענע לאגע וועט זיך אָפּרופען אויף דער דעמאָקראטיע און אויף דעם קלאסען קאמף פון די ארבייטער.

מארקס און ענגעלס האָבען אויך געזעהן אין מלחמה ביי געוויסע באדינגונגען — א פּאָזיטיווען פאקטאָר, וואָס איז פעהיג צו פארניכטען די פעסטונגען פון אינטערנאציאָנאלער רעאקציע ווי דעם רוסישען צאריזם. א לאנגע צייט האָבען זיי געהאלטען, אז עס איז ניטאָ קיין אנדער מיטעל אומצואווארפען די צארישע רעגירונג, ווי נאָר דורך א מלחמה פון די מערב־אייראָפּייאישע לענדער געגען רוסלאנד. אין יאָר 1878 האָבען זיי געהאלטען, אז א מלחמה פון ענגלאנד און עסטרייך — אונגארן איז דורכאויס נויטיג.

מען דארף אָבער פארשטעהן, אז מארקסעס מיינונג, איז נאָר געווען לשעתו. אין יענער צייט ווען די מלחמות האָבען געפירט ניט קיין גרויסע ארמייען, געדויערט ניט לאנג, די פאָלגען זענען פארהעלטניסמעסיג ניט געווען אזוי שעדליך, אזוי צורשטערענד. איצט אָבער, ביי די נייע טעכנישע צושטערונג־מיטלען, ווען ס'ווערט פארשוואונדען דער אונטערשייד צווישען מלחמה פראָנט און הינטערלאנד; ווען די גאנצע באפעלקערונג ווערט סיסטעמאטיש אריינגעצויגען אין מיליטערישען אפּאַראט; ווען די שטרייטענדע צדדים פארמעסטען זיך צו פארניכטען איינע די אנדערע, איז די לאגע לגמרי אן אנדערע. אין נייִנצענטען יאָרהונדערט האָט מען נאָך געקענט פארבינדען מיט מלחמה, רעוואָלוציאָנערע פּערספּעקטיווען און אויפגאבען. מיט'ן מאָדערנעם קריג קען דער פּראָלעטאריאט ניט אזוי לייכט פארבינדען רעוואָלוציאָנערע אילוזיעס.

פאר ענגעלס'ן, וועלכער האָט נאָך איבערגעלעבט אזא צייט, איז קלאָר געוואָרען, אז יעדע מלחמה איז א צו שרעקלאכע זאך מען זאָל מיט איהר פארבינדען רעוואָלוציאָנערע אילוזיעס, אז ניט נאָר מאכט מלחמה אָן שוידערליכע חרבנות, נאָר זי טוט אויך אָן אן אומגעהויערען מאָראלישען און פּאָליטישען שאָדען וואָס וועגט אריבער די נוצען פון מלחמה פאר א סאָציאלער רעוואָלוציע.

ענגעלס איז געקומען צו דער דאָזיגער איבערצייגונג נאָכדעם ווי ער האָט נאָכגעפאָרשט דעם גוואלדיגען פּאָרשריט פון דער קריגס טעכניק, וואָס ציהט אריין אלץ גרעסערע מאסען מענשען אין די ארמייען און גיט זיי אין די הענט אלץ שרעקלאכערע פארניכטונגס מיטלען .

רעוואָלוציעס, וואָס זענען געבוירען געוואָרען אין פייער פון מלחמות, טראָגען אין זיך דעם סם פון דעגענעראציע און אומקום. באזונדערס ריכטיג איז עס בנוגע סאָציאלע רעוואָלוציעס, וואָס זענען פארבינדען מיט לאנג־דויערענדע פּעריאָדען, און נויטיגען זיך פאר זייער ערפאָלג אין א הויך אנטוויקעלטען מאטעריעלען באזיס און א קולטורעלען מענשליכען מאטעריאל.

דאָס האָבען מיר געלערענט פון ערפאהרונג פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציע וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט א מלחמה אין 1792 יאָר און געבראכט צום אונטערגאנג פון דער רעוואָלוציאָנערער פארטיי פון די „יאקאבינער" זינט דעמאָלט, האָבען זיך נאָך פיהל מער, פארמעהרט די אורזאכען פארוואָס מיר דארפען ניט נאָכמאכען די יאקאבינער פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע.

מען טאָר ניט פארגעסען דעם פאקט, דאָס די „יאקאָבאנישע" מלחמה האָט פריי געמאכט דעם וועג פאר נאפּאָלעאָנ'ען און געבראכט צו דער מאַכט דעם „הייליגען פארבאנד" פון דער שווארצער רעאקציע וואָס האָט „איינגעפרוירען" איירָאָפּע אויף לאנגע צענדליגע יאָרען. אין די באדינגונגען פון צוואנציגסטען יאָרהונדערט, ביי די מורא'דיגע אויפגעשרויפטע נאציאָנאליסטישע שטימונגען קען א „יאקאָבאנישע" מלחמה אין א לאנד וואו ס'האָבען אריינגעדרינגען די רויטע שפּיזען ארויסרופען ניט קיין פּראָלעטאריש-רעוואָלוציאָנערע רעוואָלוציע, נאָר א נאָך שטארקערען אויס-ברוך פון נאציאָנאליסטישע שטימונגען, ווי דאָס האָט פּאסירט נאָך דער וועלט מלחמה.

„אין א וועלט פון באוואפנונג — שרייבט דער באריהמטער פראנצויזישער סאָציאליסט געוועזענער פּרעמיער לעאָן בלום—„שטארקט זיך די אגרעסיע, דער געדאנק פון מלחמה ווערט פּאָפּולער און די שטימונג ווערט א קריגעריש. אין אַן איירָאָפּע, לאָמיר זיך פאָרשטעלען, וואו דער מיליטאריזם איז אָפּגעשאפט, איז במילא ניטאָ קיין שרעק פאר מלחמה. אין אַן איירָאָפּע אָן רעקרוטען, אָן ארמייען, אָן ארטילעריע, אָן מוניציע פאבריקען, איז ניטאָ קיין מורא פאר מלחמה.

„די באגרינדער פונם פעלקער בונד האָבען דאָס אויסגעצייכענט פארשטאנען. אין ארטיקעל 8 פון ווערסאילער אָפּמאך זאָגט זיך בפירוש, אז די מיטגלידער פון דער פעלקער ליגע אנערקענען אבזיכליך, דאָס דער הויפּט פונקט פון וועלט פרידען איז אָפּהענגינג אין דער רעדוקציע פון נאציאָנאלע באוואפנונגען. אז די מיטגלידער דארפען פארקלענערען זייערע באוואפנונגען אויפן נידריגסטען פונקט.

„ווען מיר רעדען פון אנטוואפנונג מיינען מיר די אנטוואפנונג פון אלע לענ-דער גלייך, אז אלע נאציעס זאָלען אויפגעבען זייערע מיליטערישע כחות און זיי איי-בערגעבען אין רשות פון אַן אינטערנאציאָנאלען שטאט מיט אַן אינטערנאציאָנאלער ארמיי, וואָס זאָל היטען און גאראנטירען אלע אירע מיטגלידער פון וועלכען עס איז אָנפאל. אלע סכסוכים זאָלען געשליכטעט ווערען דורך ארביטראציע און ניט דורך מלחמה מצד דעם שטארקערען. *)

דעריבער מיינען מיר, אז דער בעסטער וועג פאר סאָציאליסטען, איז זיך צו האלטען פעסט ביים אָנווענדען אלע כחות זייערע קעגען מלחמה, ניט קוקענדיג וואָס זיינע צילען זאָלען ניט זיין; צו פארבלייבען אויף דער אלגעמיינער פּאָזיציע, ווי זי איז פאָרמולירט געוואָרען אויף די לעצטע פאר'מלחמה'דיגע קאָנגרעסען פון אינטער-נאציאָנאל אין שטוטגארט, באזעל און קאָפּענהאגען: „אין פאל פון א מלחמה דאר-פען די סאָציאליסטען אומעטום שטרעבען מיט אלע כחות צו פארענדיגען די מלחמה וואָס שנעלער". אָריענטירענדיג זיך אויף דער גרינטליכער פאָדערונג וועלען די סאָציאליסטען קענען זיך שטעלען אויך די צווייטע אויפגאבע, וואָס איז פאָרמולירט געוואָרען אויף די זעלבע קאָנגרעסען: „די סאָציאליסטען דארפען שטרעבען מיט

* Leon Blum: Peace and Disarmament, London 1932, pp. 115-116.

אלע מעגליכקייט צו דעם, אז דער פּאָליטישער און ווירטשאַפטליכער קריזיס זאָל אויסגענוצט ווערן כדי צו פאַרשנעלערן די ענדע פון קאַפּיטאַליסטישער קלאַסן־הערשאַפט".

אויבנאויף דאַכט זיך, אז צווישן די צוויי געשטעלטע אויפגאַבען איז דאָ א גוואַלדיגע סתירה. טראַכט מען אָבער טיפער אריין, זעהט מען ווי האַרמאָניש די צוויי פּרינציפּען זענען. נאָר אין קאַמף פאַר א שנעלען ענד פון דער מלחמה, וועלען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אויף ביידע זייטען פון פראָנט קענען אָרגאַניזירען ארום זיך ניט נאָר די פּראָלעטאַרישע מאַסען, נאָר אויך די ברייטע קרייזען פון קליינבירגערטום, פּויערטום און אינטעליגענץ, וואָס איז נויטיג פאַר דער סאָציאַליסטישער הערשאַפט. וואָס שנעלער די מלחמה וועט זיך ענדיגען, אלץ גינסטיגער וועלען זיין די נויטווענדיגע באדינגונגען פאַר דער ליקווידאַציע פון דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט. פאַרציהען א מלחמה אויף א לענגערער צייט — אפילו אין די אינטערעסען פון א סאָציאַלער רעוואָלוציע — וואָלט אביעקטיוו געהייסען פאַרהאַלטען דעם ענדגילטיגען נצחון פון סאָציאַליזם.

דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם דאַרף דעריבער אויפנעמען די וויכטיגסטע אויפגאַבע צו פאַרמיידען די מלחמה און אָרגאַניזירען דעם פרידען. ניט אונטערגעבען זיך דעם פאַטאַליזם פון אן אומפאַרמיידליכען קריג, פון וועלכען עס וועט דורך נסים ונפלאות ארויסשפּרינגען אן אלוועלטליכע סאָציאַלע רעוואָלוציע מען טאָר זיך ניט פאַרלאָזען אויף אילוזיעס.

דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם דאַרף זיך אריענטירען אויף דער פעלקער ליגע אויף דער סיסטעמע פון קאָלעקטיווער זיכערקייט . . . ער דאַרף שטרעבען מיט אלע כחות צו פאַרפעסטיגען די פעלקער־ליגע אזוי, אז זי זאָל ארומנעמען אלע מלוכות אויף דער וועלט, פאַרוואַנדלען זי בעסלעכוויז פון א ליגע פון רעגירונגען אין א פעלקער־ליג, פון נאַציעס. צו טאָן אלץ וואָס נאָר מעגליך, זי זאָל באַפּולמעכטיגט ווערען מיט פונקציעס פון אינטערנאַציאָנאַלער יוסטיץ און אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליציי אויפ'ן חשבון פון באַגרענעצטען סואווערניטעט פון באַזונדערע מלוכות.

דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם דאַרף זיך באַמיהען, אז דער פעלקער־בונד זאָל האָבען א רעכט צו באַשטראָפען א לאַנד וואָס איז מורד געגען דער קאָלעקטיווער זיכערקייט. אויך, אז דער קאָנוואַנט זאָל רעווידירט און אויסגעאַרבייט ווערען אויף א מער פרידליכען באַזיס. צו שאַפען מיטלען פון פרידליכער ענדערונג פונם ווערסאַילער פרידענס אָפּמאַך. דאָס איז אן אלטע פאָדערונג פון סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, און דאָס דאַרף איצט נאָכאַמאָל ארויסגעשטעלט ווערען, כדי צו קעמפען פאַר אלגעמיינער אנטוואָפענונג — צו באַנייען די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ וועגען אלגעמיינער אנטוואָפנונג.

די סאָציאַליסטישע פּאָליטיק דאַרף זיך האַלטען פעסט ביי דער פאָדערונג פון א יושר'דיגער רעוויזיע אינם ווערסאַילער אָפּמאַך אויפן יסוד פון פרייער זעלבסטבאַשטימונג, אין וועלכער עס זאָלען ניט זיין קיין זיגער און באַזיגטע. זאָל מען נאָר פּרואוון יושר'דיג באַהאַנדלען די אונטערדריקטע און באַעולה'טע פעלקער,

דאן פאלט דער נאציזם און פאשיזם. דער נאציאנאליסטישער פסיכאז וואלט פאר־לוירען זיין מקור, זיין אינהאלט און וואלט אונטערגעגאנגען.

דער ווערסאילער פרידענס אפמאך האט געשטארקט די שאוועניסטישע באוועגונגען, האט ארויסגעשטעלט אין פאדערגרונט דעם פאשיזם, וואס האט אויף א קונציגען אופן אויסגענוצט די נאציאנאלע און סאציאלע אומצופרידענהייט פון די מיטעלשטאנד קלאסען. אזוי ארום איז באשאפען געווארען א היטלער פאליטיק פון אפענעם ברעכען דעם ווערסאילער אפמאך און פון שטארקען די מלחמה געפאר. אין דער פארמע פון נאציזם שטרעבט דער דייטשער נעא־אימפעריאליזם אויסצור־שפרייטען זיך אין איראפע און איבעראל. וואלט מען אבער געענדערט די שלום טראקטאטען, דאן וואלט מען ארויסגענומען ביים פאשיזם זיין כלי־זין, און דאס אליין וואלט שוין פאראורזאכט זיין מפלה.

די אלע פארמען און מעטאדען פון ארגאניזירען די קאלעקטיווע זיכערקייט, די פרידליכע רעוויזיע פונם ווערסאילער אפמאך, און די אלגעמיינע אנטוואפנונג — קענען שאפען באדינגונגען, אויב ניט פאר אן „אייביגען", איז לכל־הפחות א לאנג דויערענדען פרידען.

און אויב א מלחמה ברעכט אויס נאך איידער דער איינשטעלונג פון קאלעקטי־ווער זיכערקייט, דארף דער אינטערנאציאנאלער סאציאליזם זיכערען די ארגאניזא־ציאנעלע פונקציאנירונג פון אינטערנאציאנאל בעת דער מלחמה, ווי א העכערער אינסטאנץ, וועלכער עס דארפען זיך אונטערווארפען אלע סאציאליסטישע פארטייען. און כדי צו שאפען איינינקייט אין דער פאליטיק פון סאציליסטישע פארטייען בעת א מלחמה, דארף מען פעסטשטעלען דעם וויכטיגסטען לאזונג פון סאציאליסטישען אינטערנאציאנאל: וואס שנעלער פארענדיגען דעם קריג.

די לאזונג פון אלע שלום־ליבענדיגע מענשען דארף זיין: קיין מלחמה טאר ניט זיין! — א מלחמה וועט ניט זיין, אויב די ארבייטענדיגע פאלקס מאסען וועלען האנדלען פאראייניגט, דרייסט און אנטשלאסען!

אויב דאס איז געזאגט געווארען בנוגע די פאלקס מאסען פון איראפע, איז עס אודאי, און אודאי געזאגט פאר די אמעריקאנער שלום'דיגע מענשען, וועלכע דארפען זיך האלטען פעסט ביי דער מיינונג, אז אמעריקא דארף אננעמען פארשיי־דענע מיטלען געגען אירע אנגרייפער דירעקטע אדער אונדירעקטע, אבער דורכאוס ניט פארפירען קיין קריג, וואס זאל זיין נוצליך פאר הוירסט'ן און אנדערע פון זיין מין.

די אמעריקאנער ארבייטער דארפען קעמפען קענען צו שטארקער באוואפנונג, און פאר אן אמת'ער נייטראליטעט צו די איראפייאישע לענדער סיידען עס האנ־דעלט זיך וועגען זיכערען קאלעקטיוויזאציע און פרידענס גאראנטיעס, וואס קאן גע־שטארקט ווערען דורך סאנקציעס און עקאנאמישען באיקאט. די אמעריקאנער פאלקס־מאסען האבען א רעכט צו פאדערען פון דער אמעריקאנער רעגירונג, אז

מיט מלחמה־האלטענדיגע אָדער אזעלכע לענדער וואָס גרייטען זיך צו מלחמה, זאָל ניט געפיהרט ווערען קיין שום פארהאנדלונג בנוגע הלואות, וואפען, אמוניציע אָדער מאטעריאלען וואָס קאָנען נוצען אין א קריג.

די ארבייטער פון אמעריקא דארפען ווייזען דער וועלט א ביישפיל, ווי אזוי מען דארף ניט אָנקומען צו אן אינטערנאציאָנאלער מלחמה צו באשיצען דעם „סטאטוס קוואָ" — א ביישפיל פאר אלע פעלקער און לענדער; א ביישפיל פאר אלע פראָלעטאריער, וועלכע זאָלען דאָס פאָדערען פון זייערע רעגירונגען. די אמע־ריקאנער פונקט אזוי גוט ווי די אנדערע ארבייטערשאפטען דארפען פאָדערען די מאניפולאציע פון דער דאפלאָמאטיע, וועלכע זאָל נאָר ארבייטען לטובת פראָגרע־סיווע רעפאָרמען און אנטי־פאשיסטישע ענדצילען.

די פאָדערונג פון אלע פראָגרעסיווע עלעמענטען דארף אויך זיין: די פאראיי־ניגונג פון אלע אייראָפּיאישע לענדער אונטער איין אָרגאניזם — צו פארווירקליכען די חלומות פון די גרויסע מזרח אייראָפּייאישע דיכטער, פושקין און מיצקעוויטש, און זייערע טרוימען וועגען א צייט, ווען „די פעלקער וועלען זיין פאראייניגט אין איין גרויסער משפחה".

דאָס איז געווען נאָך די בלוטיגע נאפאָלעאָנישע מלחמות, וואָס האָבען אריינ־געשלעפט אין זייער ווירוואר גאנץ אייראָפּע. דעמאָלט האָט נאָך ניט געקאָנט פאר־ווירקליכט ווערען די פאראייניגונג פון דעם פארביג־מאָזאאישען נאציאָנאלען צו־זאמענשטעל פון אייראָפּע. עס איז געווען א צו דרייסטער אוטאפישער פרואווארי־בערצושפרינגען די סטאדיע פון נאציאָנאלער מלוכהש'ער קאָנסאָלידאציע פון די אייראָפּעאישע פעלקער ווי א באזע פאר דער אנטוויקלונג פון די נייע בורזשואז־קאפּ־פיטאליסטישע באציהונגען.

באזונדערס האָט דער נצחון פון דער מאָנארכיסטישער קאָאליציע פון דייטש־לאנד, עסטרייך, רוסלאנד, צונישט געמאכט דעם טרוים פון א פאראייניגטער איי־ראָפּע. דער ווינער קאָנגרעס אין 1818 האָט פארטשאדעט אויף צענדליגע יאָרען און ניט דערלאָזט צו קיין פאראייניגונג.

די גינסטיגע צייט צו פאראייניגען אייראָפּע אין איין גרויסער משפחה פון לענדער און פעלקער, לויטן מוסטער פון די פאראייניגטע שטאאטען, אלס גאראנטיע פאר דעמאָקראטיע און פרידען, איז געווען נאָך דער וועלט מלחמה. אזוי האָבען געפיהלט און געטראכט די בארימטע פראנצויזישע שטאאטסלייט, אריסטיד בריאן, לעאָן בלום; אזוי האָט געדענקט דער בארימטער היסטאָריקער נאָוועליסט ה. ג. וועלס; *) אזוי האָט געהאלטען דער בארימטער באָלשעוויק לעאָן טראָצקי . . .. האָבען

* Common sense of World Peace, H. G. Wells, London, 1924.

*) וועלס איז צו ווייט פארקראכען אין זיין קאָסמאָפּאָליטישער טעאָריע, בא־הויפּטענדיג אז פרידען און נאציאָנאלע זעלבסט באשטימונג קאָנען ניט געהן צוזאמען, זיינען זיך סותר איינס דאָס אנדערע. (ער האָט אויך א פאלשע מיינונג וועגען אידען און אידישקייט — ער איז אן אבסטראקטאר — אידן־פיינט) מיר האלטען אז אינטערנאציאָנאליזם מיינט ניט די אפּשאפונג פון נאציעס; אז קאָסמאָפּאָליטיזם אין דער אנארכיסטישער אויפפאסונג איז אן אוטאָפּיע.

אבער די הויפט דעה זאגער פונם אפמאך ניט געוואלט זיך רעכענען מיט אט די מיינונגען, נאר אנשטאט צו פאראייניגען איראפע, נאך מער איר צעריסען. זיי האבען געזעהט די קערנער פון נייע שטרייטען, נייע קאנפליקטען, וואס פירען צו נייע מלחמות.

די ארבייטער־פאליטיק קאן רעזומירט ווערען אין פאלגענדע פונקטען:

א) דער פראלעטאריאט מוז אנווענדען אלע זיינע כחות ניט צו דערלאזען, אז א קריג זאל אויסברעכען. ער מוז זיך דעריבער אקטועל באטייליגען אין דער אינלענדישער און אויסלענדישער פאליטיק, אום צו האבען אן איינפלוס אין דער פאליטישער וועלט.

ב) צו שטרעבען, אז דאס פאלק זאל אן וועלכע עס איז זעלבסט־געקרוינטע דיקטאטארען זיין דער באלעבאס אויף דעם אייגענעם גורל.

ג) צו שטרעבען צו פארנעמען די וויכטיגסטע פאזיציעס אין דעם פאליטישען, נאציאנאלען, געזעלשאפטליכען און קולטורעלען לעבען פון פאלק, כדי דורכצופיהרען די פאדערונגען פון דעם מענשליכען פראגרעם, וואס זיינען:

1) די פרייהייט פון יעדען פערזאן;
2) די נאציאנאלע גערעכטיגקייט און גלייכהייט;
3) די אינטערנאציאנאלע פארברידערונג פון אלע פעלקער, אזוי אז קיין פאלק זאל ניט זיין קיין מושל איבער'ן צווייטען.

ד) די פראדוקציע זאל אזוי געטיילט ווערען, אז זי זאל צופרידענשטעלען אלע וואס זענען בארעכטיגט צו איהר. די מוטער־ערד זאל דינען טריי איהרע קינדער וועלכע באארבייטען, קולטיווירען און עקספלואטירען זי.

ה) צו דערהויבען דעם מענשען אויף דער העכסטער שטופע פון עטיק און מאראל, ער זאל פארוואנדעלט ווערען אין אן ערדישען מלאך; צו דערהויבען די קולטורעלע רייכקייט פאר יעדען יחיד, און פאר יעדען פאלק. צו זעהן, אז יעדער פאלק זאל זיך קענען אויסלעבען אין זיין שפראך, קולטור און טראדיציע . . .

4. קאנאדע אין דער וועלט מלחמה

מיט פינף יאר צוריק, אין 1933, נאך די דייטשע געשעהענישען, האבען די דריי פירער פון די דריי קאנאדער פאליטישע פארטייען, פארעפענטליכט א פרידענס־פראקלאמאציע און דערמיט געצויגען די אויפמערקזאמקייט און אינטערעס אין די קאנאדער פאליטישע קרייזען.

די דריי פאליטישע פירער, ריכארד ב. בענעט, געוועזענער פרעמיער און פיהרער פון דער קאנסערוואטיווער פארטיי; מעקענזי קינג, פרעמיער און פירער פון די ליבעראלען, און דזשיי. ס. וואודסוואירטה, פירער פון דער סי. סי. עף. (קאנאדער סאציאליסטישע פארטיי) האבען אין יענער פראקלאמאציע אויפגע־פאדערט דאס קאנאדער פאלק, צו קעמפען פארן וועלט־שלום, און צו שטיצען די איינציגע אינטערנאציאנאלע אינסטיטוציע — דעם פעלקער־בונד.

אין יענער פראקלאמאציע איז אויך געשילדערט געווארן די שרעקלעכקייט פון מלחמה, די ברוטאליטעט פון קריג, און אז פאר קאנאדע לוינט זיך ניט צו נעמען אן אנטייל אין די אייראפייאישע סכסוכים און פארפלאנטערט צו ווערן אין א מלחמה, וואס וועט פאר איר ברענגען מער שאדען ווי נוצען.

פון יענער פראקלאמאציע האט מען געקענט ארויסדרינגען, אז קאנאדע איז געגען מלחמה, אז זי סאלידאריזירט זיך מיט יענעם טייל פון דער מענשהייט, וואס קעמפט קעגען מלחמה, און קעגען די „סטרא־אחרא כחות, וואס ווילען איבער־דעקען דעם אייראפייאישען האריזאנט מיט בלייענע וואלקענס פון קאנאנען און הארמאטען."

פון יענער פראקלאמאציע האבען פרידענס־ליבענדע מענשען געלערנט, אז קאנאדע איז א פראגרעסיווע לאנד, אז זי איז נאך ניט פאר'סמ'ט פונם אייראפיי־אישען שאוויניזם, פונ'ם גרילצענדען פאטריאטיזם וואס האט פארכאפט דעם אייראפייאישען געוויסען; — אז קאנאדע וועט זיך ניט לאזען פארפיהרען פון פאלשע פאליטיקער, ארייננעשלעפט צו ווערען אין א מלחמה, אויב ס'וועט אויס־ברעכען. עס זיינען געווען אזעלכע, וואס האבען דאס אויסגעטייטשט ווי אן אנצו־הערעניש, אז קאנאדע זאל אין פאל פון א מלחמה, ניט שיקען קיין סאלדאטען און ניט אוועקגעבען קיינע מענשליכע לעבענס אפילו פאר דער „מוטערלאנד" ענגלאנד.

זיינען אבער אט די חלומות מיט אמאל צורונען געווארען. אין 1934 צום צוואנציגסטען יארצייט פון דער וועלט־מלחמה, האט דא געוויילט דער בארימטער לארד אלענבי און דער אדמיראל טירוויט פון דער ענגלישער פלאטע. זיי האבען דא צוריק אויפגעוועקט דעם קאנאדער פאטריאטיזם צו דער „מוטער" ענגלאנד און אויפגעמונטערט דעם מיליטערישען גייסט ביי די קאנאדער וועטעראנען.

די דאזיגע צוויי חשוב'ע געסט פון ענגלאנד, וועלכע זיינען דא מיט גרויס כבוד אויפגענומען געווארען, האבען אויסגענוצט די געלעגענהייט צו אגיטירען פאר א פארגרעסערטער און שטארקערער מיליטערישער קראפט. זיי האבען פאר־לאנגט פון קאנאדע, זי זאל בויען לופט באזעס, קאנאדע זאל ניט זיין הינטערשטעליג אין אוויאציע, אז קאנאדע אלס א קינד צו דער מוטער ענגלאנד, זאל איר ארויס־העלפען אויפצובויען די גראנדיעזע פלאטע.

פון די באגייסטערטע באגריסונגס־רעדעס ביי די עפענטליכע רעגירונגס־אויפנאמעס לכבוד די גרויסע געסט, האט מען געקאנט דרינגען, אז דער וויזיט פון די מיליטערישע פארשטעהער, איז געווען א פאליטיש פלאנירטער; אז די רעגירונגס אנפירער האבען מיט דעם באצוועקט, נאך מער און נאך שטארקער צו פארבינדען קאנאדע מיט דער בריטישער אימפעריע. קאנאדע זאל זיין די ערשטע זיך איינצושטעלען — ווען די צייט וועט קומען — פאר ענגלאנד. די פירער פון די ליבעראלען און פון די קאנסערוואטיווען, האבען אפען אויסגעדריקט זייער גרייטקייט צו שטעהען מיט דער אימפעריע, פונקט אזוי גוט ווי זיי זיינען געשטא־נען מיט דער גרעסטער אפפערווילינקייט אין דער גרויסער מלחמה.

דער איינדרוק פון אלע רעדעס איז געווען אזעלכער, וואס האט אונז געמאכט צווייפלען אין דער ערנסטקייט און אמת'דיגקייט פון דער פריהערדיגער פראקלא־

מאציע. קאנאדע האט זיך גאר באוויזען אין אן אנדער געשטאלט, אין א פאטריאָ־טישען, אז זי איז גרייט ביי דעם מינדעסטען אנפאל אויף דער מוטערלאנד זיך מקריב צו זיין פאר איהר מיטן גרעסטען מסירת נפש און ענטוזיאזם . . .

לעצטענס האט זיך קאנאדע אנגעהויבען גרייטען מיט אמוניציע און מיט אנדערע נויטיגע מיליטערישע אויסשטאטונגען. דער מיניסטער פון נאציאנאלער פארטיידיגונג, יאן מעקענזי, האט אין זיינער א רעדע פאר'ן מיליטערישען אינסטי־טוט, גאנץ אפען דערקלערט, אז קאנאדע איז ניט הינטערשטעליג אין איר פארטיי־דיגונג, און אז זי האט אפילו אנגעהויבען זיך פארגרייטען מיט גאז־מאסקעס פאר דער ציווילער באפעלקערונג.

קאנאדע האט פארן יאר 1937 אויסגעגעבען 35 מיליאן דאלער פאר באוואפ־נונג און אין יאר 1938 געהעכערט די סומע אויף גאנצע 50 מיליאן דאלאר, ד.ה. אז די קאנאדער באפעלקערונג טראגט אויף זיך אן עקסטרא לאסט פון א מיליאן דאלאר א וואך וואס ברענגט איר ניט קיינע נוצען.

קאנאדע האט נאך ניט פאר וואס און פאר וועמען מורא צו האבען. זי באוואָ־פענט זיך ניט געגען די פאראייניגטע שטאטען, ווייל ווען קאנאדע זאל צילען געגען א מעגליכער אטאקע מצד די פאראייניגטע שטאטען, וואלט אפילו א ביליאן דאלער געווען ניט מער ווי א טראפען אין ים. קאנאדע גייט זיך אויך ניט פארהיטען געגען אן אטאקע מצד אן אנדער לאנד, ווייל, ראשית, איז נאך דערווייל ניט געבוירען דער מיליטאריסט, וועלכער זאל וועלען עראבערען קאנאדע און עס איז ניטא דאס לאנד וואס זאל חלומ'ען וועגען אזא זאך. און אויב עס איז פאראן אזא שונא, וועלכער קאן וואגען אריבערצוקומען אהער, וואלט זיך קאנאדע געגען אים ניט געקענט אויסהיטען.

די איינציגע זאך פאר וועלכער קאנאדע גרייט זיך איז צוליב דער מורא פאר א קאנפליקט צווישען ענגלאנד און יאפאן, אדער אן אנדערער מלוכה, צוליב וועלכער מען מוז זיך גרייטען מיט מיליטערישע כחות. קאנאדע, הייסט עס, גיט שוין אוים א מיליאן א וואך, טאמער וועט זיך די מוטער ענגלאנד שלאגען מיט וועלכער עס איז מלוכה און מען וועט איר מוזען ארויסהעלפען.

פון דעם אלעם איז צו זעהען, אז ווען מיר רעדען וועגען א נייער מלחמה, מיינט עס, אז מיר דארפען טראכטען וועגען קאנאדע'ס אינטערווענציע. עס איז דעריבער וויכטיג אפצושאצען קאנאדע'ס געווינסען און פארלוסטען אין דער לעצטער מלחמה, כדי צו האבען א באגריף וואס עס מיינט פאר קאנאדע נאך א מלחמה, און וואס פאר א היזקות עס ערווארטעט דעם קאנאדער פאלק.

ביים אויסברוך פון דער וועלט מלחמה איז קאנאדע'ס מיליטער באשטאנען אינגאנצען פון 47,000 מענשען, פון וועלכע נאר 3 טויזענט זיינען געווען מילי־טעריש צוגעגרייט. די איבעריגע זיינען נאר געהאלטען געווארען, אז אין פאל פון א מלחמה זאלען זיי זיך סטראטעגיש פארפאלקאמען און ווערען גענוצט אין מלחמה.

ווען קאַנאַדע האָט דערהאַלטען די ערשטע ידיעה, אַז ענגלאַנד איז אַרוים אין קריג, האָט זי באַלד צוזאַמענגעשטעלט אַ דיוויזיע פון 20 טויזענט סאָלדאַטען און זיי אַוועקגעשיקט אויף דער צווייטער זייט ים, זיך שלאָגען פאַר ענגלאַנד. נאָכהער האָט זי געטאָפּעלט די צאָל און אַרויסגעשיקט נאָך 40 טויזענט סאָלדאַטען אין פאַרשיידענע דיוויזיעס.

קאַנאַדע איז דעמאָלט פּאָליטיש פאַראייניגט געוואָרען, אַלע פּראָווינצען האָבען געאַרבייט האַרמאָניש. פון די גאָלד־פעלדער פון דער יוקאָן טעריטאָריע, פונם האַדסאָן בעי, פון די פעלזען־בערג אין דער מערב ביז צום אַטלאַנטיק פון מזרח, זיינען געשיקט געוואָרען מיליטער אויף די אייראָפּיאישע שלאַכט־פעלדער. די צוויי פּאָליטישע פּאַרטייען, די צוויי פּאָליטישע פירער, סער ווילפרעד לאָוריער פון דער אָפּאָזיציע, און סער ראָבערט באָרדען, דער דעמאָלסטיגער פּרעמיער, האָבען זיך געאייניגט בנוגע מלחמה־הלוואות. אין זייער נאָמען איז פאַרעפענטליכט געוואָרען די ערשטע מלחמה פּראָקלאַמאַציע, וואָס האָט גערופען דאָס קאַנאַדער פאָלק זיך אָנצושליסען אין דער אַרמיי, אַרויסצוהעלפען מיט געלט און אַנדערע מיטלען דער מוטער ענגלאַנד, וועלכע איז געווען אין געפאַהר.

קאַנאַדע, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט אַ באַפעלקערונג פון ווייניגער פון 8 מיליאָן, האָט דורך דער צייט פון קריג צוגעשטעלט אַן אַרמיי נאָהענט צו 600 טויזענט, פון וועלכע 254,000 זיינען פאַרוואונדעט געוואָרען און 54 טויזענט זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען אויף די שלאַכט־פעלדער.*)

קאַנאַדע׳ס מיליטער אין וועלט קריג

וואָלונטירען	465,984
וואָלונטירען נאָכן מיליטער־דינסט	83,355
וואָלונטירען פרייוויליגע און צייטווייליגע	24,933
צו ים־דינסט מאַטראָסען	12,902
אימפּעריאַלע מאָטאָר טראַנספּאָרטאַציע	710
אינלענדישע וואַסער טראַנספּאָרטאַציע	4,701
אָפיציעלע פלאָטע אַרבייטער	2,814
קאַנאַדער אידען אין פּאַלעסטינע, אין לאָרד אַלענביי׳ס אַרמיי	24
טאָטאַל	595,441

ניט בלויז מענער זיינען געווען פאַרטראָטען אין דער אַרמיי; אויך פרויען זיינען אַריינגעצויגען געוואָרען אין דער מיליטערישער דינסט. 2,400 פרויען

*) לויט די אָפיציעלע רעגירונגס באַריכטען, נאָכצוקוקען:
*Canada's Sons in the World War and Great Britain, by Col. George G. Nasmith; Condensed account of Canada's part in the Great War, issued by the Department of Public Information, Ottawa, January, 1919.

האָבען פארלאָזען זייערע קאנאַדער היימען, זייערע עלטערען און נאָענטע, און זיך צוגעשטעלט צום מיליטער, פארנעמענדיג זיך מיט שפּיטאָל ארבייט און היגיענע. איבער טויזענט פרויען זיינען געווען באַשעפטיגט אין דער קעניגליכער לופט־מאַכט, אין אוויאַציע. ביי רעגיסטראַציע זיינען געווען באַשעפטיגט לויטער פרויען. ווי מען שאצט, זאָלען געווען זיין פארנומען ביי 75 טויזענט פרויען אין רעגיסטראַציע ארבייט פאר פארשיידענע מיליטערישע אָפּטיילונגען.

אין צייט פון קריג זיינען די אוניווערזיטעטען, די הויכשולען און קאָלעדזשעס כמעט ווי אָפיציעל פארמאַכט געוואָרען און זיינען געוואָרען פארוואַנדעלט אין מיליטערישע קאַזאַרמעס. די לערער, זייערע סטודענטען און סטודענטקעס, האָבען געמוזט אויפגעבען זייער שטודיום, צוברעכען זייערע קאַריערעס און זיך געמוזט לאָזען אין וועג אריין צו קעמפען פאר ענגלאַנד.

אין סעפּטעמבער, 1917, איז אין אָנטאַריאָ אַנאָנסירט געוואָרען, אַז אַלע מענער סטודענטען פון יענעם יאָר מוזען זיך רעגיסטרירען אריינצוטרעטען אין די מיליטערישע אָפּטיילונגען, דורכצומאַכען א מיליטערישען קורס און זיין גרייט, אין פאַל מען וועט זיך נויטיגען אין זיי. סער ראָבערט פאַלקאָנער, דער דעמאָלט־דיגער רעקטאָר פון טאָראָנטער אוניווערסיטעט, האָט געפאָדערט פון אַלע סטודענטען אין עלטער פון 18 יאָר, זיי זאָלען אויף א צייט פארלאָזען זייער שטודיום און זיך אָפּגעבען מיט סטראַטעגישער וויסענשאַפט. דער מעדיצינישער פאַקולטעט איז דעמאָלט פארוואַנדעלט געוואָרען אין א שפּיטאָל פאר סאָלדאַטען, זיי זאָלען זיך לערנען ווי אַזוי אומצוגעהן אויף די פראָנטען, און ווי אַזוי זיך אויסצוהיטען פון אָנשטעקענדע קראַנקהייטען.

די קאָסטען פונם קריג זיינען געווען גרויסע און זיך שרעקליך אָפּגערופען אויפן קאַנאַדער פאָלק. די דאָמיניאָן האָט ניט געהאַט קיינע רעזערווירטע געלטער אויף מלחמה־צוועקען. זי האָט באַלד געמוזט אָנקומען צו הלוואות. זי האָט זיך אָנגעבאָרגט אַזעלכע ריזיגע סומען, וואָס זי וועט קיינמאָל ניט זיין אימשטאַנד אָפּ־צוצאָלען, אויסער דעם פּראָצענט וואָס זי צאָהלט יערליך.

קאַנאַדע איז פאר דער מלחמה אויך געווען שולדיג גרעסערע סומען, צוליב דעם, וואָס דער אימפּאָרט האָט זיך קיינמאָל ניט אויסגעגליכען מיטן עקספּאָרט. דער דורכשניטליכער אימפּאָרט האָט אָנגעטראָפען 2,318,643,002 דאָלער, און איר עקספּאָרט ניט מעהר פון 1,484,743,600 דאָלער. אין צייט פון קריג האָט זיך קאַנאַדע'ס עקספּאָרט פארגרעסערט צו 4,335,543,319 דאָלער און איר אימפּאָרט איז געווען ניט מעהר פון 2,965,497,837 דאָלער און אין לאַנד איז געווען באַ־שעפטיגונג און פּראָספּעריטי, דעמאָלט האָט זיך קאַנאַדע געקענט שטעלען אויף די פיס, אָבער אנשטאַט אָפּצוצאָלען די אַמאָליגע חובות, האָט זי גאָר אָנגעבאָרגט נייע סומען, וואָס ליגען ביזן היינטיגען טאָג ווי א לאַסט אויפ'ן קאַנאַדער פאָלק.

די רעגירונגס הלוואות פון אינלענדישע און אויסלענדישע באַנקירען האָבען אָנגעטראָפען איבער דרייצעהן ביליאָן.

די הלוואות זיינען געווען אויף פינף און פינף און א האלב פּראָצענט. די פּראָווינץ אָנטאַריאָ אליין האָט אין משך פון דער מלחמה אויסגעגעבען אַ סומע פון 8,459,692,31 דאָלאַר. דער דעמאָלטדיגער פּרעמיער, סער וויליאם האָווארד הוירסט, האָט אָנגעשטרענגט אַלע רעגירונגס כחות צו באַקומען די הלוואות און צו דינען געטריי דער אימפּעריע. פון דער צאָל סאָלדאַטען האָט אָנטאַריאָ צוגע־שטעלט נאָהענט צו א פערטעל מיליאָן.

ציים פון הלוואה	סומע פון הלוואה, דאָלאַרען
1. 1915-1925	100,000,000
2. 1916-1931	100,000,000
3. 1917-1937	139,000,000
4. 1917-1937 (זיג־הלוואה)	398,000,000
5. 1918	660,000,000
טאָטאַל	1,397,000,000

קאַנאַדע קאָן זיך ביז היינטיגען טאָג ניט אַרויסקאָפּען פון אירע חובות. די ספּעציעלע שטייערען האָבען בשום אופן ניט געדעקט די דעפיציטען, זיי זיינען ניט געווען גענוג אויף בלויז אָפּצוצאָלען די פּראָצענטען. קאַנאַדע האָט ניט נאָר געהאָלפען ענגלאַנד מיט סאָלדאַטען, זי האָט איר געהאָלפען מיט געלט, מיט אַמוניציע, און אַפילו מיט עסענוואַרג, בלויז די אַמוניציע און רויע מאַטעריאַלען, וואָס קאַנאַדע האָט געשיקט פאַרן ענגלישען מיליטער, האָט אָנגעטראָפען אַ סומע פון 1,002,672,413 דאָלאַר, לויט די אָפיציעלע רעגירונגס באַריכטען.

די ניט אָפיציעלע געלטער האָבען אויך אָנגעטראָפען שווערע מיליאָנען ווי למשל 95,000,000 פּריוואַטע ביישטייערונגען; 40,000,000 דאָלאַר פון די פרויען און מענער קריסטלאַכע אָרגאַניזאַציעס, פון דער י. מ. ק. א. און פון די י. וו. ק. א.

די צאָל מענשליכע קרבנות האָט ביז יאַנואַר, 1918 דערגרייכט ביז 218,433 פאַרוואונדעטע און דער׳הרג׳עטע, לויט דער פאָלגענדער איינטיילונג:

גע׳הרג׳עטע אויפן שלאַכט־פעלד	35,684
געשטאָרבען פון וואונדען	12,437
געשטאָרבען פון קראַנקהייטען	4,057
פאַרוואונדעטע	155,839
פאַרשיקטע אין תפיסות	3,049
פאַרשיקטע און שפּעטער געשאָסען געוואָרען	4,682
פאַרלוירענע	398
טויטפאַלען אין קאַנאַדע	2,287
טאָטאַל	218,433

קאַנאַדע האָט טייער באַצאָלט, מיט בלוט און קאַפּיטאַל. פאַר איר אָנטייל אין דער מלחמה האָט זי באַצאָלט מיט מענשליכע נפשות און מיט ריזיגע סומען.

געוואונען האָט זי גאָרניט, אויסער די שטענדיגע נאָכווייען פון דער מלחמה. דאָס דאַרף איר דינען אַלס לעקציע, מער ניט באַיינפלוסט צו ווערען פון צערייצטע געמיטער און שאָוויניסטישע עלעמענטען, וועלכע זוכען דורך מלחמה צו פאַרגרעסערען זייערע קאַפּיטאַלען.

קאַנאַדע דאַרף זיך ניט לאָזען פאַרפירען פון די מענשען, וועלכע זיינען אויסען פּראָפּיטען. זי דאַרף קעמפען פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון דער פעלקערליגע, אויפצוהויבען איר פּרעסטיזש און קוראַזש, און אַזוי אַרום צו פאַרזיכערען דעם וועלט־פרידען. זי דאַרף שליסען וואָס מערער האַנדעלס אָפּמאַכען מיט פריינדליכע לענדער, אויפצולעבען איר אינדוסטריע און קאָמערץ.

די קאַנאַדער באַפעלקערונג טאָר זיך ניט לאָזען באַאיינפלוסען פון אַבסורדען פּאַטריאָטיזם און לאָיאַליטעט, וואָס רעגט צו מלחמה און צו קאָנפליקטען . . .

קאַנאַדע דאַרף זיך שטעלען אויף דער זייט פון די פרידען־פּאַראינטערעסירטע נאַציעס; צו קעמפען פאַר פרידענס־פּאָליטיק קעגען פּאָליטישע אינטריגעס און געהיימער דיפּלאָמאַטיע, וואָס פירט צו קריג. קאַנאַדע, אַלס פּראָגרעסיווע לאַנד, דאַרף אינטענסיוו און ענערגיש באַקעמפען דעם אַנטאַגאָניזם צווישען פעלקער און ראַסען, צו קעמפען פאַר אַנטוואָפנונג, רעדוצירונג פון אַרמייען, און פאַר דעמאָקראַטיע.

5. די פרוי אינם קאַמף פאַר פרידען

די פרוי, אַלס צווייטער געשלעכט ביי דער מענשהייט, שפּילט אַ באַדייטענדע ערציהערישע און געזעלשאַפטליכע ראָלע. זי האָט אַ שטאַרקען איינפלוס אויף דעם מאַנסבילישען געשלעכט. אירע אַפּילען, אירע געבעטען און פאַרלאַנגען דערוועקען רחמנות־געפיל און פּיעטעט. דער פרוי׳ס גראַציע ווירקט אינסטינקטיוו אויף דעם מאַנ׳ס פּסיכאָלאָגיע. ער ווערט באַהערשט פון איר קרעכץ, פון איר געוויין, פון איר יאָמער . . . ער לאַכט מיט איר, און וויינט מיט איר. יואב בן צרויה, דוד׳ס גענעראַל, האָט געוואָלט, אַז דער קעניג זאָל מוחל זיין אבשלום׳ן פאַר טויטען אמנונ׳ען, האָט ער ניט געהאַט קיין אַנדערע עצה ווי שיקען נאָך אַ קלוגער פרוי פון תקועה, זי זאָל רעדען צום קעניג און פּועלע׳ן ביי אים, זיך איבערצובעטען מיט זיין רעוואָלטירענדען זון אבשלום*). אַזוי אויך די אשה חכמה וועלכע האָט געראַטעוועט די שטאָט אבל מיט איר קלוגען אַרגומענט קעגען יואב׳ן, וועלכער האָט געוואָלט אויסהרג׳ענען אַן „עיר ואם בישראל" **). און נאָך פילע וועלט באַרימטע פרויען, וועלכע האָבען מיט זייער קלוגשאַפט און באַוואוסטזיין אויפגעטאָן וואונדערליכע אַרבייט פאַר דער מענשהייט.

די פרוי פאַרנעמט אַ חשוב׳ען אָרט אין דער וויסענשאַפט, אין דער ליטעראַטור און איבערהויפּט אין קינדער ערציהונג. אין דער הויז ווירטשאַפט איז דאָך אודאי

*) וישלח יואב תקועה ויקח משם „אשה חכמה"... והיית כאשה זה ימים רבים מתאבלת על מת... שמואל ב׳ יד. א — כב.

**) שמואל ב׳ כ׳ טז — כב.

די פרוי די אויפטוערן און אויפפאסערן. אן אשת־חיל איז דאָך א ברכה פאַרן הויז.

איז ניט דאָ דאָס פּלאַץ ארומצורײדען װעגען דער ראָלע פון דער פרוי אויף די פאַרשײדענע געביטען פון מענשליכען שאפען; ניט דאָ איז דאָס פּלאַץ צו כאַראַקטעריזירען די פרוי אלס צווייטער זייל פון דער מענשהייט, אָן וועלכער די וועלט וואָלט ניט געקענט עקזיסטירען. די פרוי פאַרנעמט א חשוב׳ען פּלאַץ אין דער ארטיסטען־וועלט. מיר האָבען צווישען די פרויען באַרימטע ארטיסטען, דראַמאַטישע קינסטלער, טאַלאַנטפולע מאַלער. צווישען פרויען געפינען מיר באַרימטע שריפטשטעלער, באַרימטע ליטעראַטען, וויסענשאַפטסלייט, גענוג צו דערמאָנען מאַדאַם קוריע, די ערפינדערין פון ראדיום — באַרימטע פּראָפעסאָרען און פירער פון פּאַרטייען, פרויען מיניסטאָרען, פּאַרלאַמענט מיטגלידער, רעוואָלוציאָנערען א. ד. גל. די פרוי וואָלט אָן צווייפעל פיל געקאָנט אויפטאָן צוריקצוהאַלטען די מענער פון פירען מלחמות. די פרוי, וועלכע געהערט ניט נאָר צו דער קיך — ווי די פּאַשיסטען מיינען — וואָלט זעהר פיל געקאָנט אויפטאָן אויפן געביט פון פרידען און פּראָגרעס.

די היינטיגע פרוי, די וואהל באַרעכטיגטע, דאַרף טראָגען אויף זיך פונקט ווי דער מאַן די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון אַלע סאָציאַל עקאָנאָמישע פּראָבלעמען — צו זיין שטאַנדהאַפטיג און קאָנסעקווענט אין דער לייזונג פון אַלע פאַרשידענע נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע פראַגען, פון דער מאָדערנער צייט.

די פרויען דאַרפען זיך פאַראינטערעסירען אין דער לאַגע פון דער פעלקער־ליגע, ווייל אויך זיי האָבען מיטגעווירקט צו דער באַשאַפונג פון דער אינסטיטוציע. זיי דאַרפען זיך אָפיציעל באַטייליגען אין דער ליגע׳ס ראַט. זיי דאַרפען לאָזען הערען זייער שטימע אין זשענעווע צווישען די וועלט־דיפּלאָמאַטען. די אינטער־נאַציאָנאַלע וועלט־אָרגאַניזאַציע פון פרויען דאַרף זיך אָפּגעבען מיט סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, פונקט אזוי גוט ווי זי גיט זיך אָפּ מיט פילאַנטראָפּיע און היגיענע. זיי דאַרפען האָבען אן אייגענע אָריענטאַציע און אן אייגענע זעלבסט־שטענדיגע אנשויאונג.

די ארבייטער פרוי דאַרף אויסנוצען איר ענערגיע, איר באַוואוסטזיין, צו באַפרייען די אונטערדריקטע, צי דאָס זיינען יחידים אָדער פעלקער. זי דאַרף באַקעמפען פּאַשיזם, וואָס וויל אָוועקרויבען איר פרייהייט און גלייכהייט. זי דאַרף קעמפען פאַר פרידען, ווייל אין מלחמה ווערט איר היים חרוב און צובראָכען. זייערע מענער און זין שלאָגען זיך אויף די פעלדער, כדי די גרויס־קאַפּיטאַליסטען זאָלען מאַכען מער פּראָפיטען. די רייכע לעבען אין לוקסוס און די אָרימע הויכען אויס זייערע נשמות אין די טראַנשייען, אויף די פרייע פעלדער, וואו מען קאָן זיי אפילו צו קבורה ניט ברענגען. אזוי איז געווען ביי אַלע מלחמות און אזוי איז געווען אין דער לעצטער מלחמה. אין דער צייט, וואָס די פּאָלקס מאַסען האָבען געקעמפט פאַר זייער נאַציע, פאַר זייער „פאָטערלאַנד״, באַצאָלט מיט לעבענס

פאר יעדער שטיקעל ערד, האבען די רייכע זיך געלעבט אין פרידען אין זייערע היימען, גע'שכור'ט און געהוליעט אויף דעם חשבון פון די פאלקס־מאסען.

מלחמה ווירקט זעהר שלעכט אויף דער פרוי, וואס דארף ווערען די גאנצע פרנסה געבערין. זי דארף אויפפאסען אויף די קינדער און האפען, אז דער מאן וועט בשלום קומען ניט קיין פארוואונדעטער, ניט קיין פארקריפעלטער . . . נאכן קריג, ווען דער מאן קומט שוין אהיים, אנטשטעהט די פראגע פון דאגת פרנסה. עס נעמט א לאנגע צייט ביז זייערע מענער פאסען זיך צו צו דער ארבייט, ביז זיי געפינען דעם פריהערדיגען גלייכגעוויכט.

גוט איז נאך ווען די מענער בלייבען לעבען. וויפיל פרויען פארלירען אבער זייערע מענער און בלייבען אייביגע אלמנות? וויפיל פרויען בלייבען עגונות? וויפיל פרויען קענען קיינמאל ניט פארגעסען זייער גליקליך לעבען מיט זייערע מענער? און ווי שרעקליך דאס רופט זיך אפ אויף דעם סאציאלען לעבען! צוליב מאנגעל אין מענער און איבערפלוס פון פרויען, וואס איז א נאטירליכע זאך נאך א מלחמה.

די פרוי דארף קעמפען פאר איר גלייכבארעכטיגונג אין אלע פאזען פון סאציאלער טעטיגקייט, און ממילא אויך אינם קאמף פאר א הומאנער און גערעכטער ארדנונג, וואס איז ענג פארבונדען מיט די איבריגע סאציאלע און נציאנאלע פראבלעמען. זי דארף קעמפען פאר פרייהייט אינם בוכשטעבליכען זין פון ווארט: פרייהייט פון רעליגיע, נאציאנאלע און סאציאלע פרייהייט, געגען דיקטאטור אין אלע אירע פארמען.

די פרוי דארף זיך פאראינטערעסירען מיט דער אייראפייאישער פאליטיק, צו וויסען די סיטואציע אויף יענעם וואולקאנישען קאנטינענט, און אויך צו וועלען פארשטיין די קאנסעקווענצען און אויסגאנגען פון דער דאזיגער פאליטיק.

אייראפע געפינט זיך איצטער אין קלעם פון צוויי לאגערען: פון איין זייט שטעהט דער פאשיזם און שטרעקט אויס זיינע לאפעס אלץ צו פארכאפען; פון דער אנדערער זייט דער באלשעוויזם, וועלכער וויל מיט זיינע דיקטאטארישע מעטאדען מיטאמאל אויסראטען די אלע געגנער זיינע. די רעפארמיסטישע באוועגונגען געהען זיך אן מיט זייער מעטאדע פון לאנגזאמען אויסדויער און נאכגעביגקייט. די דעמאקראטיע כאפט דערווייל א דרימעל און לאזט די אנדערע פארכאפען איין פאזיציע נאך דער צווייטער. אויף די חורבות פון דער בורזשואזיע און סאציאל־דעמאקראטיע בויט זיך דער פאשיזם, און מיט אים דער רעזשים פון ערגסטען סארט רעאקציע, וואס אונטערדריקט אלע שיכטען און אלע קלאסען. עס איז דעריבער די אויפגאבע פון אלע באוואוסטזיניגע זיך צו פאראייניגען און בילדען אן איינהייטליכען פראנט צו באקעמפען דעם אלגעמיינעם שונא, וואס איז נאר אויסען צו אנטאגאניזירען די מענשהייט און איר פארשקלאפען.

די פרוי דאַרף אויך אָפען אַרויסטרעטען קעגען דער גרויסער סכנה פון מלחמה צוגרייטונגען — פון דער פּראָפּאַגאַנדע, אַז כדי אויסצומיידען מלחמה, מוז מען זיין צוגעגרייט צו מלחמה. די אינטענסיווע פאַרבאַרייטונגען מיט מלחמה מאַטעריאַלען ווירקען געפערליך אויף די מאסען. זיי שאַפען די שטימונג פאַר מלחמה.

די פרוי דאַרף ווי ווייט מעגליך באַאיינפלוסען דער יוגענט, וואָס האָט נאָך ניט פאַרזוכט דעם טעם פון מלחמה, זיי זאָלען זיך שטעלען אין די רייהען פון די, וואָס קעמפען קעגען קריג, פאַר אַ ציוויליזירטער אָרדנונג. צווישען די פרויען דאַרפען זיך געפינען די פּיאָנערען אידעאַליסטען, וועלכע זאָלען זיך, אונטער דער לאָזונג פון ליבע און פרייהייט, אַריינלאָזען אין דער אַרבייט פאַרן וואויל־זיין פון דער מענשהייט. מיטן גרעסטען ענטוזיאַזם און איבערגעגעבענקייט דאַרפען זיי קעמפען פאַר דער דאָזיגער אַלגעמיין־מענשליכער זאַך — צו פאַרווירקליכען דעם לאַנג דויערענדען חלום פון אַן אייביגען פרידען.

איצטער איז דאָס אַ חלום, אַן אילוזיע — דאָס קאָן אָבער ווערען אַ רעאַלער פאַקט אינם מענשליכען לעבען, אויב די בעסערע מענשען וועלען האָבען איין ציל, איין שטרעבונג. דער אמת וועט געווים זיגען, ווען ער וועט מיט זיך פאַר־שטעלען אַ פאַראייניגטע מאַסע, אַ מיליטאַנטישע נאָכפאָלגערשאַפט.

דריטער טייל

איבער פעלקער און לענדער

קאפיטעל 11

אייראָפּא נאָכן קריג

אייראָפּא איז נאָך אַלץ די פירערין פון דער מענשהייט, די מעטראָפּאָליע פון קאָנטינענטען. זי איז די באשאפערין, די פראָקלאמירערין פון אידייען — די טאָן געבערין.

אייראָפּע פּראָדוצירט נאָך אַלץ דעם רוב געניאלע מענשען; קינסטלער, וויסענשאפטסלייט, פּובליציסטען און זשורנאַליסטען. די מער ציוויליזירטע לענדער זיינען אין ענגען קאָנטאַקט מיט איר, חבר'ן זיך מיט איר, און לערנען פון איר. אייראָפּע גיט אויך ארויס די גרעסטע צאָל עמיגראַנטען צו דער גאַנצער וועלט. אריבער 170 מיליאָן ווייסע מענשען, אייראָפּייער, געפינען זיך אויפן ערד קוגעל, אויסערהאלב אייראָפּע.

פון דער גרינדונג פון רוים ביז איר אונטערגאַנג, רעכענט זיך ארום צוועלף הונדערט יאָר. פונם אָנהויב מיטעלאלטער ביזן איטאליענישען רענעסאנס, האָט גענומען גאַנצע טויזענט יאָר. פון דער אויפלעבונג־עפּאָכע ביזן וועלט קריג רעכענט זיך קנאפּע פינף הונדערט יאָר, פונם פופצענטען ביזן 20־טען יאָרהונדערט. דורך אזא קורצער צייט, איז די וועלט שוין געוועזן אזוי איבערפולט, אזוי איבערוואקסען, אזוי פּראָבלעמאטיש, אז זי איז כמעט ווי איבערגעגעבען געוואָרען דעם גורל פון דער וועלט־מלחמה. זי איז געוואקסען מיט אזא שנעלען טעמפּאָ, אויף אזא קאלאָסאלען אופן, אז זי האָט מער ניט געקאָנט אויסהאלטען. אירע גרעניצען זיינען איבערגעבראָכען געוואָרען, און אויף זייער אָרט זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרען נייע. צעשניטען זיינען געוואָרען די אַלטע אטלאסען, די אלטע לאנד קארטן און נייע מאפּעס זיינען אָנגעצייכענט געוואָרען.

די פאר'מלחמה'דיגע מאַפּע האָט אָנגעהאלטען כמעט א גאַנצען יאָרהונדערט. זינט 1815 איז ניט פאָרגעקומען קיין ענדערונג וואס זאָל טראָגען מיט זיך אן אינטערנאציאָנאלען כאראקטער. אויב די לאנד־קארטע איז געענדערט געוואָרען, האָט עס פאסירט נאָר ביי די גרעניצען צווישען דייטשלאַנד און פראנקרייך, מיט עלזאס־לאָטארינגען, אָבער ניט אין אנדערע מקומות.

קאָלאָסאלע ענדערונגען זיינען נאָר פאָרגעקומען נאָך דער וועלט־מלחמה מיט דער באשאפונג פון נייע זעלבסט־רעגירענדע מלוכות און מיט דעם צעבראָכען די עסטרייך־אונגארישע אימפּעריע. אייראָפּע איז דעריבער אממיינסטענס געענדערט געוואָרען אין מזרח און צענטראל אייראָפּע. דאָרט האָבען די זיגרייכע עליים מער ווי ערגעץ אנדערש געענדערט די געאָגראפישע איינטיילונגען. פארן קריג איז אייראָפּע געווען געטיילט אין פינף־און צוואנציג לענדער — נאָך דער מלחמה

איז זי צוטיילט געוואָרען אין זעקס און דרייסיג לענדער, אריינגערעכענט דעם איירישען פריי־שטאַט.

אייראָפּע האָט היינט צו־טאָג אויף אירע נאָענט 4 מיליאָן קוואדראט מיילען א באַפעלקערונג פון איבער 500 מיליאָן מענשען. פיר פינפטלען פון דער באַפעלקערונג זיינען בירגער פון די גרעסערע צען לענדער, וואָס האָבען א באַפעלקערונג פון איבער צען מיליאָן: סאָוועטען פארבאנד, פוילען, טשעכאָסלאָוואקיע, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד, איטאַליע, שפּאַניע, רומעניע און יוגאָסלאַוויע.

די אייראָפּייאישע לענדער אין יאָר 1930

לענדער	באַפעלקערונג	קוואדראט מיילען	פערזאָן אויף קוו. מייל
ענגלאַנד און וויילס	39,700,000	58,319	681
סקאָטלאַנד	4,900,000	30,406	161
צפון־אירלאַנד	1,250,000	5,368	231
סך־הכל פון פאראייניגטען קעניגטום	45,850,000	94,111	487
בריטישע טעריטאָריע:			
אירלאַנד פריי שטאַטען	2,900,000	27,200	107
קאַנאַל (טשאַנעל) אינזלען	90,000	75	1,200
מאַלטאַ און גאָזאַ	235,000	122	1,926
גיבראַלטאַר	17,000	2	8,500
רוסלאַנד, פוילען און באַלטישע לענדער:			
סאָוועטען פארבאַנד (אייראָפּ.)	125,000,000	1,793,000	70
פוילען	31,000,000	140,000	221
פינלאַנד	3,700,000	144,225	25
ליטע	2,400,000	31,700	75
לאַטוויע	1,900,000	24,440	76
עסטאָניע	1,100,000	23,160	48
לאַטיינישע נאַציעס:			
פראַנקרייך	41,100,000	212,659	193
איטאַליע	41,800,000	118,100	354
שפּאַניע	23,000,000	190,000	121
פּאָרטוגאַל	6,000,000	34,254	176

לענדער	באפעלקערונג	קוואדראט מייל'ען	פערזאן אויף קוו. מייל
גערמאנישע לענדער:			
דייטשלאנד — — — — — — —	64,500,000	182,213	354
עסטרייך — — — — — — — — —	6,700,000	32,396	208
דאנציג (פריי־שטאט) — — — — —	420,000	580	740
סאאר (ביז 1935 צו פעלק.־בונד)	810,000	772	1,049
ליכטענשטיין — — — — — —	12,000	15	184
נידערלענדער:			
בעלגיע — — — — — — —	8,100,000	12,117	670
האלאנד — — — — — — —	7,900,000	12,580	627
לוקסענבורג — — — — — —	290,000	999	290
אונגארן און קליינע אנטאנט:			
אונגארן — — — — — — —	8,800,000	36,000	244
טשעכאסלאוואקיע — — — — —	14,800,000	55,422	267
יוגאסלאוויע — — — — — —	13,600,000	97,000	140
רומעניע — — — — — — —	18,500,000	122,000	152
אנדערע לענדער פונ'ם באלקאן:			
בולגאריע — — — — — — — —	5,900,000	40,000	147
אלבאניע — — — — — — —	850,000	17,000	50
גריכענלאנד — — — — — —	6,400,000	49,000	130
טערקיי — — — — — — — —	1,050,000	7,000	
סקאנדינאווישע לענדער:			
נארוועגיען — — — — — —	2,800,000	124,642	22
שוועדען — — — — — — —	6,200,000	173,035	35
דענעמארק — — — — — — —	3,600,000	16,604	217
איסלאנד — — — — — — —	107,000	40,450	2
אנדערע לענדער:			
שווייצאריע — — — — — — —	4,000,000	15,950	250
אנדארא — — — — — — —	5,000	193	26
מאנאקא — — — — — — —	25,000	8	3,125
סאן מאנאקא — — — — — —	13,000	38	342
אייראפא אין סך־הכל — — —	501,474,000	3,869,142	130

נאָכן קריג האָבען די טריאומפירענדע לענדער זיך א לאָז געטאָן נאָך רויב, צו פארכאפּען פון שונא וואָס נאָר מעגליך. דייטשלאַנד האָט מען ארומגעשוירען און צעשניטען אויף שטיקער, די עסטרייך־אונגארישע אימפעריע איז ארויסגעקומען אזוי צעקאַליעטשעט, אז זי איז אינגאַנצען אויפגעלייזט געוואָרען.

די טעריטאָריעלע ענדערונגען זיינען געמאכט געוואָרען אין א פעריאָדע פון פינף יאָר צייט, פון 1919 ביז 1923. דער ווערסאילער אָפּמאַך האָט זיך מערסטענטייל פארנומען מיטן גרעסטען שונא, מיט דייטשלאַנד. די אָפּמאַכען אין סט. זשערמען, אין טריאנאָן, זיינען געווען צווישען די עליים און עסטרייך־אונגארן; נייאילי און לאָזאַן מיט בעלגיע און טערקיי. דער סאָוועטען־פארבאַנד האָט אין 1921 אָפּיציעל אויפגעגעבען די צארישע אימפעריע אין די אָפּמאַכען פון דאָרפּאַט, ריגע און מאָסקווע.

דער פאַטאַלער גורל פון דייטשלאַנד איז געקומען ניט פון די שלאַכטפעלדער נאָר פון ווערסאיל. מען האָט איר רעדוצירט אויף 27,000 קוואדראַטנע מיילען און איר געהייסען זיך געזעגנען מיט א באפעלקערונג פון איבער 6,500,000. זי האָט אויך פארלוירען אירע קאָלאָניעס אין מזרח און זיד־וועסט אפריקע: טאגאלאַנד, דייטשע קאמארונס; זי האָט גלייכצייטיג פארלוירען אירע אינזלען ביים פאציפישען ים און אין כינע.

אין אייראָפּע האָט דייטשלאַנד פארלוירען די פּראָווינץ עלזאס־לאָטרינגען, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו פראנקרייך; אופּאַן און מאַלמעד — צו בעלגיע; שלעזוויג־העלשטיין צו דענעמארק; דער סאאר באַסיין איז איבערגעגאַנגען אין רשות פון דער פעלקער־ליגע. דער „קאָרידאָר”, פויזנאַן, אויבערשלעזיע, וואָס זי האָט אָנגעהאַלטען אזוי פיל יאָרען, איז איבערגעגאַנגען צום נייעם פּוילען; דאַנציג איז געוואָרען א פריי־שטאָט; מעמעל, דעם פאָרט ביים ניעמאַן, האָט ליטע פארכאַפּט*).

זינט 1870 האָט אַלזאס־לאָטרינגען באַלאַנגט צו דייטשלאַנד, וועלכע האָט דעם דאָזיגען רייכען דיסטריקט געהאַלטען פארן גרעסטען געווינס פאַר דער דייטשער אינדוסטריע. לויט דער נייער נאָך־מלחמה'דיגער רעסטאווראציע פון דער פּראָדוקציע פּארמאָגט פראנקרייך 42,800,000 טאָן אייזען; דייטשלאַנד ניט מער פון 7,000,000; גרויס בריטאַניע — 16,000,000 און די פאראייניגטע שטאַטען 60,000,000. די פעלדער פון עלזאס־לאָטרינגען גיבען ארויס 29 פּראָצענט פון דער וועלט'ס אייזען־פּראָדוקציע. אזוי ארום איז פראנקרייך, וואָס האָט אויך אין אַפריקע ביי 2,000,000 טאָן אייזען, געוואָרען דער אייראָפּייאישער צענטער פאַר דער אייזען־פּראָדוקציע. די רעדוצירונג פון דייטשלאַנד'ס אייזען און קוילען פּראָ־

---

*) דייטשלאַנדס קאָלאָניזאציעס אין כינע: ־) קאָנצעסיע אין טיענסין, האַנקאו און קיאַטשאו; 2) די רעכט צו בויען דארט אייזענבאַנען, מינען, פארטען א. ד. ג. אין שאַנטונג.

דייטשלאַנדס קאָלאָניעס אין אפריקע: 1) טאָגאָלאַנד; 2) קאמארענס; 3) דייטשע זיד־וועסט אפריקע; 4) מזרח אפריקע.

אינם פאַסיפיק: 1) מארשאַל מאריענא און קאראלינע אינזלען; 2) קאיזער ווילהעלם לאַנד און ביסמארק ארכיפּעלאַגיע. 3) סאמאא און סאָלאמאָן אינזלען. 4) נאו אינזלען. צוזאמען א פארלוסט פון איבער א מיליאָן קוואדראט מיילען.

דוקציע איז געוואָרען דער שווערסטער פּראָבלעם פאַר דער דייטשער מעטאַלורגישער אַנטוויקלונג בפרט און פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און טעכניק בכלל.

די זיגרייכע עליים האָבען אויך אַרויפגעצוואונגען אויף דייטשלאַנד אַן אַנטוואָפנונג, וואָס האָט אויפגעצאָרנט דאָס דייטשע פאָלק. דייטשלאַנד איז מיליטעריש אינגאַנצען רואינירט געוואָרען. איינעם פון אירע שכנים, וואָס האָט קוים אַ באַפעלקערונג פון 8 מיליאָן איז ערלויבט געוואָרען אַן אַרמיי פון 80,000; אַן אַנדערע — מיט אַ 14־מיליאָנדיגער באַפעלקערונג, האָט מען ערלויבט אַן אַרמיי פון 150 טויזענט; נאָך איינעם מיט אַ 30 מיליאָניגער באַפעלקערונג — אַן אַרמיי פון 275,000, און דייטשלאַנד, וואָס האָט געהאַט אַ באַפעלקערונג פון איבער 60 מיליאָן, האָט מען פאַר איר באַשטימט אַן אַרמיי פון 100,000 סאָלדאַטען אַריינגערעכענט די אויפפּאַסער פון אינלענדישער אָרדנונג.

פון די דאָזיגע נאַציאָנאַלע באַליידיגונגען און עקאָנאָמישער רואינירונג האָט מען קיין אַנדערער זאַך ניט געקענט ערוואַרטען ווי פאַשיזם, וואָס זאָל העצען דאָס דייטשע פאָלק קעגען די, וועלכע האָבען אונטערגעשריבען אַזעלכע אָפּמאַכען, און קעגען די, וועלכע האָבען אַרויפגעצוואונגען אַזאַ שלום. דאָס האָט נאַטירליך געפירט צו אַ באַוואָפנונג אָן קאָנטראָל. מען האָט ניט געדאַרפט זיין קיין נביא צו זעהן, אַז דער דאָזיגער „סטאַטוס קוואָ" וועט ניט זיין אימשטאַנד צו צוימען אַזאַ גרויסע נאַציע. מען האָט פאַרויס געקענט זעהען, אַז דאָס דייטשע פאָלק וועט זוכען מיטלען ווי אַזוי אַרונטערצוואַרפען פון זיך דעם שווערען לאַסט, ווי אַזוי זיך צוריקצו־שטעלען אויף די אייגענע פיס און רעאַגירען אויף די נאַציאָנאַלע אינטערעסען.

דער גורל פון דער עסטרייכישער דואַלער מאָנאַרכיע איז געווען דער ערגסטער דער שוידערליכסטער. אונגאַרן, וואָס איז געווען אַ טייל פון דער עסטרייכישער אימפּעריע איז פון איר נאָכן קריג אָפּגעטיילט געוואָרען. אונגאַרן מיט איר 21־מיליאָניגער באַפעלקערונג איז פאַרקלענערט געוואָרען אויף אַ שטח פון 36,000 קוואַדראַט מיילען מיט אַ באַפעלקערונג פון 8 מיליאָן. די איבריגע באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטען, וועלכע האָבען אויסגעקוקט אויף אַ געלעגענהייט זיך אָפּצורייסען פון עסטרייך האָבען נאָך דער מלחמה אויסגענוצט דעם פּאַסיגסטען מאָמענט זיך צו ערקלערען אַלס זעלבסטשטענדיגע מלוכות. טשעכאָסלאָוואַקיע איז געווען די ערשטע, וועלכע האָט זיך אין אָקטאָבער, 1918, דערקלערט אַלס זעלבסטשטענדיגע מלוכה. עס איז צוריק געבוירען געוואָרען דאָס אַלטע בעהמען קעניגטום, איינשלי־סענדיג מאָראַוויע, סלאָוואַקיע, די קאַרפּאַטען בערג, רוטעניע, און אַ טייל פון דער מינען געגענט, און די סטודעטען אין טשעכען.

אויך יוגאָסלאַוויע האָט זיך דערקלערט זעלבסטשטענדיג מיט אַ באַפעלקערונג פון נאָענט צו 14 מיליאָן. רומעניע האָט פון איר געריסען שטיקער; פּוילען האָט פון איר צוגענומען גאַליציע, אַ גוואַלדיגער שטח, וואָס איז רייך מיט פאַרשיידענע אַגריקולטורעלע רייכטימער. די עסטרייכישע אימפּעריע איז געוואָרען צובראָכען. ווין, די אַמאָליגע הויפּטשטאָט פון אַ פופציג מיליאָניגער באַפעלקערונג איז געוואָרען די הויפּט־שטאָט פון דער קליינער, מינדערוויכטיגער עסטרייך, וועלכע איז געבלי־

בען קוים ביי א זעקס־מיליאָן בירגער. עסטרייך האָט פאַרלוירען אירע קוילען מינען, כעמישע שטאָפען, אייזען געביטען, אירע אינדוסטריען; פאַרלוירען דעם וועג צום ים א. א.וו. זי האָט פאַרלוירען איר פּלאַץ צווישען די נאַציעס.

נאָכן קריג האָט אויך רוסלאַנד פאַרלוירען איר אימפּעריע. פון איר זיינען אַרויסגעוואַקסען די לענדער פּוילען, פינלאַנד, ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד, וועלכע האָבען זיך ערקלערט אומאָפּהענגיג. ביים אָפּמאַך אין ברעסט־ליטאָווסק אין 1918, איז רוסלאַנד געווען געצוואונגען צו באַפרייען די לענדער.

בולגאַריע און טערקיי האָבען אויך פאַרלוירען אינם קריג. אויסער צאָלען רעפּעראַציעס האָט בולגאַריע פאַרלוירען פילע שטרעקעס לאַנד, איבערהויפּט פון דרום־זייט — איר וועג צום ים — וואָס גריכענלאַנד האָט פון איר פאַרכאַפּט. פון אַלע בולגאַרישע חלומות צו עפענען פאַר זיך א וועג צו אַלע פיר ימים — פון שוואַרצען ביז'ן אַדריאַטישען — איז גאָרנישט געוואָרען. זי האָט געליטען א קאַטאַסטראָפאַלע נידערלאַגע אין דער וועלט מלחמה.

טערקיי האָט אין אייראָפּע קיין סך ניט פאַרלוירען, אויפן אייראָפּייאישען קאָנטינענט האָט זי קיינמאָל ניט פאַרנומען קיין גרויס אָרט, דערפאַר האָט זי פאַרלוירען אין אַזיע אַלץ, וואָס איז געווען אין איר רשות. זי האָט פאַרלוירען פּאַלעסטינע, און סיריע. די אָטאָמאַנער אימפּעריע האָט פאַרלוירען איר באַדייטונג אַלס אַזעלכע און איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין א קליין מלוכה'לע.

די קאָלאָסאַלע געאָגראַפישע ענדערונגען פון נאָכן קריג האָבען געהאַט א ווירקונג אויף די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אַנטוויקלונגען פון יעדען לאַנד באַזונדער, א נייע ערא האָט זיך אָנגעהויבען. עס איז אַרויפגעשוואומען א מינאָריטעטען רעכט פראַגע, וואָס איז נאָך ביז היינט ניט געלייזט געוואָרען. 90 מיליאָן מענשען האָבען געענדערט זייער נאַציאָנאַליטעט. דאָס אליין האָט גורם געווען צו אַן אַנטאַגאָניסטישער שטימונג צווישען פעלקער און לענדער, וועלכע זוכען צו צוברעכען דעם ווערסאַילער איינשטעל.

די רעגירונגען וואָס האָבען דאָס פאַרשטאַנען האָבען זיך באַלד אָנגעהויבען צוריק באַפעסטיגען מיליטעריש. דאָס איינציגע לאַנד, וואָס איז ביזן יאָר 1930 געווען הינטערשטעליג אין מלחמה צוגרייטונגען, איז געווען ענגלאַנד, וועלכע האָט אין יאָר 1929, א יאָר פאַרן קריזיס, פאַרמאָגט א פלאָטען מאַכט פון 1,201,930 טאָן, בעת אין יאָר 1914 האָט זי פאַרמאָגט 2,160,326. די איבעריגע לענדער האָבען געהאַלטען אין איין פאַרגרעסערען זייערע פלאָטעס, איבערהויפּט יאַפּאַן, וואָס איז כמעט די שטאַרקסטע אויפן ים.

פלאָטען פון 1929 אין טאָנען

בריטישע אימפּעריע	1,201,930
פאַראייניגטע שטאַטען	1,095,992
יאַפּאַן	771,900
פראַנקרייך	472,400
איטאַליע	268,784

אין 1930, ווען עס איז אונטערגעשריבען געוואָרען דער אָפּמאַך צווישען ענגלאַנד, יאפּאַן און אמעריקע צו באַגרעניצען זייער מאכט אין סובמארינען, זעגעלשיפען, צעשטערער און ד.גל. האָט ענגלאַנד פאַרמאָגט:

קריגס שיפען — — — — — — — — — —	556,350 טאָנען
זעגעל שיפען — — — — — — — — — —	327,111 טאָנען
צעשטערער — — — — — — — — — —	157,585 טאָנען
סובמארינען — — — — — — — — — —	45,534 טאָנען
די פאראייניגטע שטאטען:	
קריגס שיפען — — — — — — — — — —	525,850 טאָנען
זעגעל שיפען — — — — — — — — — —	307,155 טאָנען
צעשטערער — — — — — — — — — —	307,155 טאָנען
סובמארינען — — — — — — — — — —	80,700 טאָנען
יאפּאַן:	
קריגס שיפען — — — — — — — — — —	301,320 טאָנען
זעגעל שיפען — — — — — — — — — —	232,855 טאָנען
צעשטערער — — — — — — — — — —	110,395 טאָנען
סובמארינען — — — — — — — — — —	66,068 טאָנען
פראנקרייך:	
קריגס שיפען — — — — — — — — — —	194,544 טאָנען
זעגעל שיפען — — — — — — — — — —	144,335 טאָנען
צעשטערער — — — — — — — — — —	74,496 טאָנען
סובמארינען — — — — — — — — — —	36,866 טאָנען
איטאַליע:	
קריגס־שיפען — — — — — — — — — —	88,970 טאָנען
זעגעל שיפען — — — — — — — — — —	76,029 טאָנען
צעשטערער — — — — — — — — — —	75,438 טאָנען
סובמארינען — — — — — — — — — —	27,263 טאָנען

לויטן אָפּמאַך האָט די וואסער מאכט פון די דריי לענדער ,וואָס האָבען זיך אונטערגעשריבען, געדאַרפט רעדוצירט ווערען לויט דער פאָלגענדער טאבעלע:

לאנד	זעגעל־שיפען	צעשטערער	סובמארינען
ענגלאַנד	339,000	150,000	52,700
פאראייניגטע שטאטען	323,500	150,000	52,700
יאפּאַן	208,850	105,500	52,700

ענגלאַנד האָט אין אָנהויב געהאלטען פון אירע פארשפּרעכונגען, און רעדוצירט אירע וואסער כחות אויפן נידריגסטען אופן. דאָס זעלבע האָט זי געטאָן מיט אוויאציע, פאַרמאָגענדיג א פערסאָנאַל פון 31,000 מענשען, אנשטאט די 300,000 פון נאָכן קריג. זי האָט זיך אָבער באלד צוריק געכאַפּט; דערזעהענדיג ווי יאפּאַן

פאררואט איר אזוי אָפען און חוצפה׳דיג, לאַכט זיך אויס פונם אָפּמאַך און האַלט זיך אין איין באוואפענען, האָט זיך ענגלאנד אויך גענומען צו דער ארבייט, אָנגעשטרענגט אלע כחות צו פארגרעסערען איר פלאָט און אוויאציע, און בכלל אלערליי אמוניציע צוגרייטונגען.

נאָך די היטלער איבערקערענישען, דערזעהענדיג היטלער׳ס אינטענסיווע מאָביליזירונג פון אלערליי כחות פונם „דריטען רייך״; דערזעהענדיג די מיליטערישע פארשטארקונג פון דייטשלאנד, האָט זיך אייראָפּע א לאָז געטאָן צו אירע מיליטערישע עסקים, די זאוואָדען האָבען אָנגעהויבען ארבייטען טאָג און נאכט, ביז מען האָט שוין אויף דעם געביט דערגרייכט דעם קלימאקס און קולמינאציאָנס פונקט, וואָס פירט בלי־ספק צו א וועלט־קאטאסטראָפע.

די אימפעריאלע מלוכות

א. די בריטישע אימפעריע

די בריטישע אימפעריע איז די גרעסטע, די מאטראָפּאָליע פון אלע אימפעריעס: פארנעמענדיג א פערטעל פונם ערד־גלאָבוס. זי איז צעשפרייט איבער ימים און קאָנטינענטען, רעגירט איבער פינף הונדערט מיליאָן מענשען; באהערשט א מענשהייט פון אלע קאָלירען.

איר באפעלקערונג פון ווייסע מענשען אויסערהאלב די בריטישע אינזלען האָט זיך אין 1930 גערעכענט ארום 21,370,000 לויט דער פאָלגענדער איינטיילונג:

לאנד אָדער קאָנטינענט	באפעלקערונג
אייראָפּע — — — — — — — — — — — —	600,000
אזיע — — — — — — — — — — — — — —	550,000
זיד אפריקע — — — — — — — — — — —	1,850,000
אנדערע טיילען פון בריט. אפריקע — — — — —	200,000
קאנאדע — — — — — — — — — — — —	9,800,000
ניו־פאונדלענד — — — — — — — — — —	300,000
אנדערע געגענטען אין אמעריקא — — — — — —	100,000
אויסטראַליע — — — — — — — — — — —	6,400,000
ניי־זעעלאנד — — — — — — — — — — —	1,520,000
טאָטאל — — — — — — — — —	21,370,000

די גרעסטע צאָל ווייסע מענשען האָט בריטאניע אין קאנאדע, צפון־אמעריקא, אין א לאנד וואָס פארנעמט א ריזיגע שטרעקע פון איבער 3,729,665 קוו. מיילען, און אויסטראַליע, א לאנד און א קאָנטינענט פון א שטח איבער 2,974,581 קוו. מיילען, אין אנדערע בריטישע קאָלאָניעס אָדער דאָמיניאָנס איז די צאָל ווייסע

א נישטיגע אין פארגלייך מיט די איינגעבוירענע. פון די איבער 21 מיליאן ווייסע מענשען זיינען פאראן ארום 15 מיליאן ברטישע און די איבריגע פון אנדערען איי־ראפייאישען אפשטאם. די גאנצע באפעלקערונג פון דער בריטישער אימפעריע האט אין 1930 באטראפען 475 מיליאן נפשות:

	באפעלקערונג
פאראייניגטער קעניגטום — — — — — — — — — —	48,750,000
ווייסע מענשען אין אנד. מקומות — — — — — — —	21,370,000
סך־הכל ווייסע מענשען — — — — — — — —	70,120,000
קאלירטע — — — — — — — — — — — — —	404,880,000
טאטאל — — — — — — — — — —	475,000,000

אין דער בריטישער אימפעריע איז דא איין ווייסער מענש געגען צוואנציג קאלירטע און איין בריטיש ווייסער געגען דרייסיג אנדערע. צוליב דער דאזיגער אנגעהויערער מערהייט פון אנדערע ראסען איז בריטאניע שטענדיג אין דער מורא פאר אויפשטאנדען, און מוז פירען א זעהר אויסגערעכענטע פאליטיק. זי טוט אלץ וואס נאר מעגלאך אנצוהאלטען דעם שלום. זי גיט נאך היטלער׳ן, מוסא־ליני׳ן אבי ניט ארוים אין קריג, וואס קאן איר ברענגען מער שאדען ווי נוצען.

פון די ווייניג באפעלקערטע לענדער פארנעמען קאנאדע און אויסטראליע די ערשטע פלעצער. נאך 3 הונדערט יאר זינט קאנאדע איז געווארען א ישוב פאר איראפייער, געפינען זיך אין לאנד קוים ארום צוויי מיליאן ווייסע פאמיליעס, פון וועלכע ארום 1,200,000 זיינען בריטישע (איין פאמיליע אויף צוויי קוו. מיילען; אין בריטישער אויף 3 און א האלב קוו. מיילען).

דאמיניאן	שטרעקע קוו. מיילען	ווייסע	בריטיש ווייסע 1930
קאנאדע	3,729,665	9,800,000	5,800,000
אוניאן זיד־אפריקע	473,089	1,850,000	900,000
בריט. ז. אפריקע	1,528,058	1,920,000	760,000
אויסטראליע	2,974,581	6,550,000	6,180,000
ניי־זעלאנד	103,284	1,495,000	1,250,000
צוזאמען	8,708,677	21,370,000	15,135,000

אויף דער קאנאדער טעריטאריע וואלט מען געקאנט באזעצען אמווייניגסטענס נאך 75 מיליאן מענשען, 40 פערזאן אויף א קוו. מייל*) קאנאדע איז אזוי גרויס

*) וועגען דער מעגליכקייט פר א נייער אימיגראציע און קאלאניזאציע אין קאנאדע, אי־בערהויפט א אידישער, האב איך שוין עטלאכע מאל געשריבען. עס איז פשוט א פארברעכע־רישקייט צו האלטען געשלאסען די טויערען פון קאנאדע.

ווי גאַנץ אייראָפּע, פּערציג מאָל אזוי גרויס ווי ענגלאַנד, און פּערמאַנגט קוים א באפעלקערונג פון צען מיליאָן. קוויבעק — די ערשטע און גרעסטע פּראָווינץ מיט אירע 594,434 קוו. מיילען, גרעסער פון פראַנקרייך, עסטרייך און דייטשלאַנד צוזאמען, פּערמאַנגט קוים א באפעלקערונג פון 2,690,400; אָנטאַריאָ, די מער באוואוינטע פּראָווינץ, וואָס איז גרעסער פון דייטשלאַנד, האָט א באפעלקערונג פון דריי און א האלבען מיליאָן, געגען דייטשלאַנד'ס זעכציג מיליאָן. דער קאנאדער באָדען איז פרוכטבאר, גוט פאר אגריקולטורעלע צוועקען, ווערט ניט באארבייט פּוסטעוועט. קאנאדע אנטוויקעלט זיך דעריבער זעהר לאַנגזאַם, ניטאָ ווער עס זאָל אויפלעבען די אינדוסטריע, און באארבייטען די ערד.

די געבורט ראַטע (ציפער) אין קאנאדע האלט אין איין פאלען. אויסער דער פּראָווינץ קוויבעק, וואו עס געפינט זיך א באפעלקערונג פון 90 פּראָצענט פראַנ־צויזיש־קאנאדישע, ווערען די געבורטען כסדר פארקלענערט. ביז'ן יאָר 1928 האָט זיך דער געבורט גערעכענט ארום 27.1 אויף טויזענט און פון 1928 ניט מער ווי 24.5 אויף טויזענט. אין יאָר 1927 זיינען די געבורטען געפאלען אויף 07. פאר יעדן טויזענט. די אידייע פון געבורט־קאָנטראָל האָט דאָ מער געווירקט ווי איבעראל.

זיד אפריקע מיט אירע 473,000 קוו. מיילען האָט אויך א שיטערע באפעל־קערונג פון 1,850,000 אָדער 370,000 פאַמיליעס ווייסע מענשען, און די „נייטיווס”, די דאָרטיגע געבוירענע ,רעכענען זיך איבער זעקס מיליאָן. אויב דער געבורט זאָל אזוי אָנהאלטען ווי ביז איצט, איז דאָ א געפאר, אז די אָרטיגע זאָלען ארויסיאָגען די אייראָפּייער, אָדער די לעצטע זאָלען זיין געצוואונגען צו אסימי־לאציע. דאָס מיינט, אז עס איז דאָ א געפאר, ענגלאנד זאָל פארלירען איר קאָנטראָל און ממילא איר מאכט אין זיד־אפריקע. זיי וועלען זיך אָפּרייסען פון דער בריטי־שער אימפּעריע אָן אינערליכע שטערונגען.

דאָס זעלבע איז מיט אויסטראַליע. דאָס לאַנד איז ליידיג, שיטער באזעצט און דער געבורט האלט אין איין פאלען. פון 1928 אָן האלט דער געבורט ביי 22 פּראָצענט אויף טויזענט. און די אימיגראַציע ווערט אלעמאָל קלענער און באַ־שרענקט. דריי מיליאָן מענשען, א העלפט פון דער באפעלקערונג, זיינען קאָנצענ־טרירט אין די דריי הויפּט שטעט, און די איבריגע געגענטען זיינען כמעט ווי ניט באוואוינט.

דאָס איינציגע לאַנד אין דער אימפּעריע וואָס איז גדיכט באזעצט איז אינ־דיע, דער וויכטיגסטער און גרעסטער טייל פון דער אימפּעריע.

אינדיע איז דער דינאַמיט, וואָס רייסט זיך צום אויסשיסען, נאָר איז גע־פּענטעט, געצוימט און קאָן ניט אויסשיסען. דאָס אינדישע פאָלק קעמפט פאר פרייהייט, פאר זעלבסטשטענדיגקייט, און זי וועט עס אמאָל באקומען. ווי לאַנג עס וועט נעמען קאָן קיינער ניט זאָגען. עס ווענדט זיך, ווי לאַנג דאָס פאָלק וועט זיין געהאָרכזאַם צו זייער גרויסען לערער גאַנדי; ווי לאַנג זיי וועלען דול־דען שקלאַפעריי... עס איז אָבער קיין צווייפעל, אז גאַנדי'ס לעהרע וועט זיגען פריהער אָדער שפּעטער, זי וועט געפינען איר תקון, אויב ניט אין אונזער דור,

וועט עס זיין אין א צווייטען דור. דאָס אינדישע פאָלק וועט באפרייט ווערען, צי די ענגלישע אימפעריאליסטען ווילען עס אָדער ניט.

די בריטישע אימפעריע וואָס ציילט א באפעלקערונג פון 475 מיליאָן מענשען שטיצט זיך מערסטענס אויף אינדיע, וואָס פארמאָגט א באפעלקערונג פון איבער 337 מיליאָן נפשות. דער וואוקס פון דער אָרטיגער באפעלקערונג איז אומגעהויער גרויס, טראָץ די אָפטע טויטפאלען און עפידעמיעס פון פארשיידענע פעסטען און הונגער. די געבורט ציפערען פון אינדיע זיינען די גרעסטע אין דער בריטישער אימפעריע. דעריבער איז אינדיע מער באפעלקערט ווי אייראָפּע. אין אינדיע קומט אויס ניט מער ווי איין קוואדראט מייל אויף 185 מענשען און אין אייראָפּע א קוואדראט אויף 130 מענשען.

דער דאָזיגער אונגלייכגעוויכט אין דער באפעלקערונג פארשארפט די פארשיידענע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אין דער אימפעריע. ראשית צוליב דעם, וואָס אין איין לאנד איז די באפעלקערונג א שיטערע און אין צווייטען א צו געדיכטע. איין לאנד ליידט פון ליידיגקייט, פון וועניג מענשען, פון פוסטקייט. א צווייט לאנד ליידט דוקא פון געדיכטקייט, פון ענגשאפט, פון איבערבאפעלקערונג.

די בריטישע אימפעריע איז אויך שטענדיג אין געפאר צעבראָכען צו ווערען צוליב דער פארגרעסערונג פון דער ניט בריטישער מערהייט אין די פארשיידענע ענגלישע קאָלאָניעס. ענגלאנד מוז דעריבער פירען א כיטרע פּאָליטיק צוליב אירע אימפעריאלע אינטערעסען. פון דעם נעמט זיך איר זיג־זאגישע שטעלונג בנוגע דער אינטערנאציאָנאלער פּאָליטיק, מיט וועלכער זי מיינט זיך צו ראטעווען פון קריזיס. ווי מיר האָבען שוין אין די פריהערדיגע קאפיטלען אָנגעוויזען, קענען די דאָזיגע תרופות ניט ארויסנעמען איר פון געפאר, פונם פאטאלען גורל וואָס איז שוין אָן אָנגעצייכענטער, א פאר׳חתמ׳טער.

ב. די פראנצויזישע אימפעריע

איבער דער גאנצער וועלט, אויסערהאלב פראנקרייך, און די פראנצויזישע קאָלאָניעס, זיינען פאראן נאָענט צו 7,000,000 פראנצויזען. אין קאנאדע אליין זיינען פאראן איבער 4 מיליאָן פראנצויזען, וועלכע לעבען זיך אויס אין דער כמעט הונדערט פּראָצענטיגער פראנצויזישער פּראָווינץ קוויבעק, אין דער פראנצויזישער שפראך, קולטור און רעליגיע, און האָבען די פולע רעכט ווי די איבעריגע ענגלישע שפרעכענדע פּראָווינצען. אזוי ווי די פראנצויזישע שפראך איז אין יענער פּראָווינץ די איינציגע אומגאנגס־שפראך, ווערט אין גאנץ קאנאדע אין אלע מיטעל שולען געלערענט די פראנצויזישע שפראך אלס די צווייטע צו ענגליש. אין די פאראייניגטע שטאאטען זיינען אויך פאראן איבער צוויי מיליאָן (2,000,000) פראנצויזען.

די ווייסע באפעלקערונג פון דער פראנצויזישער אימפעריע אויסער פראנקרייך, האָט זיך אין 1930 געציילט 1,400,000 פון וועלכע נאָר 900,000 זיינען פון פראנצויזישן אָפּשטאם. פראנקרייך אליין האָט אין 1930 פארמאָגט א באפעל־

קערונג פון 41,000,000 פון וועלכע נאָענט צו צוויי מיליאָן זיינען פון אנדערע נאַציאָנאַליטעטען.

די פראנצויזישע באפעלקערונג איז די איינציגע וואָס האָט זיך פאר די לעצטע עטלאכע צענדליג יאָרען כמעט ווי גאָרניט פארגרעסערט. פראנקרייך איז די הינטערשטעליגסטע אין געבורטען און חתונות, וואָס רופט זיך איצטער שרעקליך אָפּ אויף דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אנטוויקלונג פון דער אימפעריע.

פראנצויזען איבער דער וועלט אין יאָר 1930

אין פראנקרייך	39,000,000
אין די פראנצויזישע קאָלאָניעס	900,000
אין קאנאדע	4,000,000
אין די פאראייניגטע שטאַאטען	2,000,000
אין אנדערע לענדער	100,000
טאָטאַל	46,000,000

געווען אמאָל א גלח מאלטוס, וועלכער האָט געהאלטען אין איין פרעדיגען, אז אלע צרות קומען פון דער גרויסער פארמערונג פון דער מענשהייט, אז מען דארף קאָנטראָלירען די „פריה ורביה", צו שאפען א געבורטס קאָנטראָל, און דערלויבען א פארגרעסערונג נאָר לויט די אויפנאמספעהיגקייטען פון דער מוטער ערד. די דאָזיגע אידייע האָט ווייניג וואָס אויסגענומען ביי דער מענשהייט. די צייט האָט באוויזען, אז מיט דעם קאָן נאָך ניט געלייזט ווערען די מינדעסטע פראָבלעם פונם סאָציאַלען לעבען. אין גענענטאַל יעדער לאַנד וויל גאָר האָבען א וואָס גרעסערע באפעלקערונג כדי צו זיין מעכטיג, צו קענען פארטיידיגען אירע אינטערעסען.

מאלטוס'עס פראָפאגאנדע אין ענגלאנד האָט אָבער געפונען א פלאץ אין פראנקרייך, געהאט א שטארקען איינפלוס אויף דער פראנצויזישער בפעלקערונג. דאָס איז געווען דער גרעסטער פארלוסט פאר פראנקרייך. אין דער צייט ווען אנדערע נאַציאָנען האָבען זיך פארגרעסערט, האָבען פראָגרעסירט, און קאָלאָסאַל געוואַקסען, איז פראנקרייך געפאלען און געזונקען ביז דער לעצטער שטופע. די פארקלענערונג פון דער באפעלקערונג האָט גורם געווען, פראנקרייך זאָל דארפען זיין אָפּהענגיג אינגאנצען אָן ענגלאנד, אָן איר זאָל זי זיך ניט קאָנען א ריר געבען.

אין 1930 האָט די פראנצויזישע אימפעריע געהאט א באפעלקערונג פון איבער 100 מיליאָן, אויף א שטרעקע פון פינף מיליאָן קוואדראטנע מיילען, גענגען אן אייגענער פון אומגעפער 41 מיליאָניגער באפעלקערונג, וואָס שטעלט אין געפאר די ווייטערע אנטוויקלונגען אירע אלס אימפעריע. אויב די באפעלקערונג זאָל זיך ניט פארגרעסערען, קאָן פראנקרייך אראָפּ פון דער פעלקער ארענע אלס אימפעריאַלע מאכט און איר פלאץ זאָל גאָר פארנעמען איטאַליע, אָדער דייטשלאַנד, וועמעס באפעלקערונגען האלט זיך אין איין פארגרעסערען, און וועמענס טעריטאָריעס האלטען זיך אין איין אויסברייטערען.

די פראנצויזישע באפעלקערונג האט זיך פון 1861 ביז 1930 אויף אן אומנארמאלען שטייגער פארקלענערט אויף 10 פראצענט, אין דער צייט וואס דייטשלאנד איז געוואקסען אויף נאענט צו 80 פראצינט, ענגלאנד אויף איבער 67 פראצענט, און איטאליע אויף 92 פראצענט. אין יאר 1861 איז פראנקרייך געווען די גרעסטע צווישען די דערמאנטע פיר נאציעס; אין 1930 איז זי די קלענס־טע, ווי מיר זעהען עס אין דער געבראכטער טאבעלע.

די פראנצויזישע אימפעריע, איר באפעלקערונג, און שטרעקעס

אין קוואדראט מיילען אין 1930

טעריטאריע	שטרעקע	אייראפ. באפעל.	אנדערע	טאטאל
פראנקרייך	212,700	41,100,000		41,100,000
אזיע	317,220	46,000	24,454,000	24,500,000
אפריקע	4,500,600	1,313,000	36,537,000	37,850,000
אמעריקע	32,200	21,000	539,000	560,000
ביי די זידליכע ימים	1,500	20,000	70,000	90,000
סך הכל	5,078,700	42,500,000	61,600,000	104,100,000

באפעלקערונג אין מיליאנען פון די יארען 1861-1930

יאר	פראנקרייך	דייטשלאנד	ענגלאנד	איטאליע
1861	37.4	35.9	29.1	21.8
1871	36.1	41.1	31.6	26.8
1881	37.7	55.7	35.0	28.5
1891	38.3	50.0	37.8	30.0
1901	39.0	60.0	41.0	32.5
1911	39.6	65.5	45.2	35.0
1921	39.2	61.0	47.1	38.8
1930	41.1	64.5	48.7	41.8
העכערונג אין פראצענט	9.8	79.6	67.3	91.7

ג. איטאליע

איטאליע איז אמאל געווען די גרעסטע אימפעריע. די רוימישע אימפעריע, האט מיט זיך פארגעשטעלט א פאראייניגונג פון די גרעסטע טיילען פון אייראפע, נארד אפריקע און קליין אזיע. צו רוים האבען געהערט ענגלאנד, פראנקרייך, איטאליע, שפאניע, פארטוגאל, בעלגיע, האלאנד, א גרויסער טייל פון דייטשלאנד, עסטרייך־אונגארן, שווייצאריע, רומעניע, באלקאן, מאראקא, אלזשיר, טוניס, פאלעסטינע, סיריע א. אז. וו.

רוים האט רעגירט איבער ענגלאנד פון יאר 43 ביז'ן יאר 410 נאך דער קריסטלאכער ערא. דורך די 367 יאר האט ענגלאנד איינגעזאפט אין זיך די רוימישע ציוויליזאציע, פון וועלכער זי איז געווען באאיינפלוסט דורכן גאנצען מיטעלאלטער. ענגלאנד איז געווארען באהערשט פון דער רוימישער קולטור, שפראך און רעליגיע. צוזאמען מיטן איטאליענישען רענעסאנס האט זיך אנגעהויבען דער רענעסאנס אין ענגלאנד. די בארימטע ענגלישע שרייבער מילטאן און שעקספיר, וועלכע האבען געלייגט דעם פונדאמענט פון דער ענגלישער ליטעראטור, זיינען אינספירירט געווארען פון דער איטאליענישער ליטעראטור.

איטאליע האט א גוואלדיגע פארגאנגענהייט מיט איר קאנטריבוציע צו דער וועלט־ציוויליזאציע. זי איז געווען די פארטזעצונג פון דער גריכישער ציוויליזאציע, באררייכערט די וועלט מיט קונסט, סטראטעגיע, יוריספרודענץ און ארכיטעקטור. זי איז געווען די באהערשערין פון דער דעמאלטדיגער גייסטיגער און מאטעריעלער וועלט. און ביזן היינטיגען טאג חלומ'ט דאס איטאליענישע פאלק פון יענע גלאררייכע צייטען, נאכאמאל צו ווערען די באהערשער פון דער וועלט.

איטאליע איז היינט צו טאג פאררעכענט אלס די פערטע פון די אייראפייאישע אימפעריעס. זי איז ענג באפעלקערט, אירע קאלאניעס זיינען מערסטענטייל ארימע, מדבריות'דיגע, און פרוכטלאזע. מוסאליני, איר דיקטאטאר, האלט אין איין פרעדיגען די אידייע פון פרוכטפערונג, פון מקיים זיין די מצוה פון „פריה ורביה" מיט אלע פרטים, אזוי אז ער זאל האבען א תירוץ פאר זיינע רויבערישע מעשים. מוסאליני האלט אין איין זוכען ווי אזוי זיך ארייננצוכאפען אין פרעמדע טעריטאריעס און פארנעמען פאר איטאליע.

די איטאליענישע 42 מיליאניגע באפעלקערונג, קאן זיך ניט באנוגענען מיט אירע בלויז 118,000 קוו. מיילען באדען, וואס איז רייך אין לאנדשאפטען, פאנאראמעס, מאנומענטען און מאלערייען, אבער ניט אין מאשינען און אינדוסטריע. די קאלאניעס אין אפריקא, וואס געהערען צו איטאליע, ליביע, עריטאריע, סאמאלילאנד, אויך אירע קאלאניעס אין אזיע, זיינען מערסטענס וויסטע, אפגעלאזטע, מדבריות'דיגע... דאס ערקלערט אונז איטאליעס אינוואזיע אין עטיאפיע, איטאליעס עמיגראציע איבער גאר דער וועלט. פון איטאליע עמיגרירען מער ווי פון וועלכען ניט איז אנדער אייראפייאיש לאנד. 13 מיליאן איטאליענער געפינען זיך צעשפרייט אין פארשיידענע לענדער, איבערהויפט אין די פאראייניגטע שטאאטען און קאנאדע. איטאליע זוכט אריינצודרינגען אין מזרח, זי ווארט אבער אויך אויפן

גינסטיגען מאָמענט, זיך אויסצובבריטערען אויפן מערב — אין איירּאָפּע; צו פארכאפּען די באַלקאַנען לענדער, און דעם גאַנצען צוטריט צום מיטטעלענדישען ים, וואָס איז זייער וויכטיג פאר איר האנדעל און קאָנטראָל פון דעם וועלט עקס־פּאָרט און אימפּאָרט, אָבער וועגען דעם אין א קומענדיגען קאַפּיטעל.

דאָס זעלבע געפינען מיר ביי די אנדערע קלענערע אימפּעריעס: בעלגיע, שפּאַניע, פּאָרטוגאל, האָלאנד א. א. אומעטום איז די לאַגע ווייט פון זיין א צופרידענשטעלענדיגע, אומעטום באַוויזען זיך שוין די סמנים פון פאַנאַנדערפאַל און אויסגעשפּילטקייט. שפּאַניע פארלירט אינגאַנצען איר איינפלוס אויף אירע פאַרבינדעטע קאָלאָניעס; די איינציגע וועלכע האָבען א שיכות, אָבוואהל א מינדערוויכטיגע, מיט שפּאַניע, זיינען די דרום אמעריקאנער, וועלכע רעדען נאָך די שפּאַנישע שפּראַך, און לעבען אויס זייערע יאָרען אין דער שפּאַנישער קולטור. די איבעריגע קאָלאָניעס ווערען פון איר לגמרי דערוואַיטערט.

די קליינע מלוכה'לאַך, פּאָרטוגאל און האָלאנד, האַלטען נאָך אַלץ אָן זייערע גרויסע פּאָזיציעס אלס אימפּעריאַלע מאַכטען. די ערשטע — אַן אימפּעריע פון איבער 63 מיליאָן, און די צווייטע — פון 15 מיליאָן, אויך בעלגיען איז געלונגען צו האָבען אן אימפּעריע פון נאָענט צו 900,000 קוו. מיילען אין אַפריקע. פון איר קעניג לעאָפּאָלד'ן האָט בעלגיע באַקומען דעם קאנגא פריי־שטאַט, וואָס איז היינט א טייל פון איר אימפּעריע, און פּאָלקס אייגענטום. בעלגיע שפּילט היינט א ראָל אין דער איירּאָפּייאישער פּאָליטיק. מען רעכענט זיך מיט איר ווי א מאַכט.

ד. צו וועמען אפריקע געהערט

ארום פיר הונדערט יאָר צייט האָט גענומען איירּאָפּע צו דעראָבערען דעם אַפריקאַנישען קאָנטינענט. מיט איטאַליעס אריינדרינגען אין עטיאָפּיע איז די ארבייט פאַרענדיגט. גאַנץ אפריקע, אויסער איין קליין לענדעלע, וואָס הייסט ליבעריע, ליגט איצט אונטער דעם קנאַפּל פון די איירּאָפּייאישע מאַכטען.

די ערשטע אריינדרינגער אין אפריקא זיינען געווען די פּאָרטוגעזער. נאָכדעם זיינען געקומען די שפּאַניער, און נאכהער כמעט אלע וואָס האָבען נאָר געהאָט א מעגליכקייט דאָרט אהינקומען „ציוויליזירען" די שווארצע.

די איירּאָפּייער האָבען צעריסען אפריקע אין זעקס שטיקער. די צוויי גרעסטע חלקים געהערען צו די ענגלענדער און די פראנצויזען, צוזאַמען באַהערשען זיי א דריטעל פון דעם קאָנטינענט. פראנקרייך פּאַרמאָגט דאָרטען דעם גרעסטען שטח — איבער פיר מיליאָן קוואדראַט מייל. ווען עס קומט אָבער צו באַפעלקערונג, באַהערשט פראנקרייך וואָסערע 39 מיליאָן מענשען אין אפריקע, אין דער צייט וואָס ענגלאַנד באַהערשט דאָרט 65 מיליאָן מענשען. פון איין שטאַנדפּונקט שפּילט פראנקרייך א גרעסערער ראָלע אין אפריקע, דאָס איז פון שטאַנדפּונקט פון לאַנד; פון דער אנדערער זייט, פון שטאַנדפּונקט פון מענשען, שפּילט ענגלאַנד דאָרט די גרעסטע ראָלע. צו פראנקרייך געהערט דער מאַדאַגאַסקאַר אינזעל

וואָס ליגט אין אינדישען ים*), צו פראַנקרייך געהערען אויך די וויכטיגע לענדער ביים מיטטעלענדישען ים, ווי מאָראָקאָ, אלזשיר און טוניס. צו פראַנקרייך געהערט דער גרעסטער טייל פון דער סאהארא וויסטעניש וואָס האָט נאַטירליך קיין ווערט ניט.

דאגעגען ענגלאנד קאָנטראָלירט עגיפּטען, וואָס פאַרנעמט א שטח פון 350 טויזענט קוו. מייל און האָט א באַפעלקערונג פון ארום 15 מיליאָן. דער ענגלישער טייל פון אפריקע ליגט אין מזרח און דרום אפריקע, דער באַפעלקערסטער טייל פון דעם קאָנטינענט און דער פּרוכטהאַרסטער.

צו בעלגיע געהערט די קאָנגאָ־קאָלאָניע אין צענטראַל־אפריקע, א שטח פון א קנאַפּען מיליאָן קוואדראַטנע מיילען. קאנגאָ פאַרמאָגט געוויסע רויע פּראָדוקטען, וואָס זיינען אומגעהויער ווערטפול. אין קאָנגאָ איז פאַראַן א סך מאַהאַגאָני־האָלץ, אויך צין, גאָלד און דימענטען.

צו פּאָרטוגאַל געהערט די קאָלאָניע, וואָס הייסט אנגאָלא, וואָס גרעניצט זיך מיט דער בעלגישער קאָנגאָ און מיטן בריטישען זיד אפריקע. זי פאַרנעמט א שטח פון קאַרגע 500,000 קוו. מייל און האָט א באַפעלקערונג פון צוויי און א האַלבען מיליאָן מענשען. אנגאָלא געהערט צו פּאָרטוגאַל זינט דעם יאָר 1575, מיטן אויסנאַם פון די יאָרען 1641-7, ווען ס'איז געלעגען ביי די האָלענדער אין די הענט. די הויפּט פּראָדוקטען זיינען גומי, קאַווי, וואַקס, צוקער און אייוואַרי. צו פּאָרטוגאַל געהערען אויך אין אפריקע צוויי־דריי אנדערע קלענערע קאָלאָניעס.

מאַראָקאָ איז איינגעטיילט אין דריי טיילען — שפּאַניע האָט א „פּראָטעקטאָראַט" איבער איינעם פון די דריי טיילען. פראַנקרייך איבער איין טייל און א דריטער טייל געפינט זיך אונטער אן אינטערנאַציאָנאַלען „פּראָטעקטאָראַט". דער שפּאַנישער טייל פון מאַראָקאָ פאַרנעמט א שטח פון 23 טויזענט קוואדראַט מייל און האָט א באַפעלקערונג פון אריבער א מיליאָן.

איטאַליע פאַרמאָגט פיר גרויסע קאָלאָניעס אין אפריקע — עריטריע, איטאַליענישע סאָמאַלילאַנד, ליביע און עטיאָפּיע.

די קאָלאָניע עריטרייא ליגט אין נאָרד־איסט אפריקע און פאַרנעמט א שטח פון 46,000 קוו. מייל מיט א באַפעלקערונג פון 650,000 אין וועלכער עס געפינען זיך א פּאָר טויזענט איטאַליענער. די הויפּט שטאָט אסמארא, האָט אכט טויזענט איינוואוינער.

די טעריטאָריע סאָמאַלילאַנד ליגט אין מזרח אפריקע, און געפינט זיך אונטערן קאָנטראָל פון דריי לענדער; ענגלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע. דער איטאַליענישער טייל גרענעצט זיך אויפן מערב מיט עטיאָפּיע און אויפן דרום־זייט מיט דער קאָלאָניע קעניא. זי פאַרנעמט א שטח פון 190 טויזענט קוו. מיילען.

*) מאַדאַגאַסקאַר איז לעצטענס זעהר פּאָפּולער צוליב פראַנקרייכס פּלאַן דאָרט צו באַזעצען פּוילישע אידען. מען שרייבט איבער דעם מקום אין דער גאַנצער אידישער פּרעסע. מען איז אינטערעסירט מיט איר געאָגראַפיע און כאַראַקטער. אויך וועגען אירע מענשען און זייער לעבען.

שטרעקעס, (אין קוו. מײלען) און באפעלקערונג פון די אײראָפּײאישע אימפּעריאלע מלוכות אין 1930

נאציע	הײמלאנד	הײם באפעלקערונג	אויסערליכע לאנד פּאָזיציעס	איבער ים באפעלקערונג: ווײסע	איבער ים באפעלקערונג: אנדערע	איבער ים באפעלקערונג: טאָטאל
דײטשלאנד	182,213	64,000,000	נול	נול	נול	נול
ענגלאנד מיט אירלאנד	121,311	48,750,000	13,588,832	21,370,000	404,880,000	426,250,000
איטאליע	118,100	41,800,000	524,230	60,000	244,000	2,500,000
פראנקרײך	212,700	41,100,000	4,866,000	1,400,000	61,600,000	36,000,000
שפּאניע	190,000	23,000,000	126,367	13,000	987,000	1,000,000
בעלגיע	12,117	8,100,000	878,000	12,000	139,880,000	14,000,000
האָלאנד	12,580	7,900,000	780,000	172,000	54,828,000	55,000,000
פּאָרטוגאל	34,254	6,000,000	950,174	30,000	8,970,000	9,000,000

די גאנצע באפעלקערונג פון אימפּעריע

נאציע	ווײסע מענשען	אנדערע	טאָטאל
דײטשלאנד	64,000,000	נול	64,000,000
ענגלאנד מיר אירלאנד	70,120,000	404,880,000	475,000,000
איטאליע	41,860,000	2,440,000	44,300,000
פראנקרײך	42,500,000	61,600,000	104,100,000
שפּאניע	23,013,000	987,000	24,000,000
בעלגיע	8,112,000	1,388,000	22,100,000
האָלאנד	8,072,000	54,828,000	62,900,000
פּאָרטוגאל	6,030,000	8,970,000	15,000,000

ליביע איז אן איטאַליענישע קאָלאָניע, וואָס ליגט אויפן צפון־ברעג פון אפרי־קע. זי גרענעצט זיך מיט עגיפטען אויף דער מזרח־זייט, און מיט טוניס אויף מערב־זייט. די קאָלאָניע איז איבער דריי הונדערט יאָר געווען אין די הענט פון די טערקען. מיט עטליכע און צוואַנציג יאָר צוריק האָבען איר די איטאַליענער פאַרכאַפּט. די הויפּט שטאָט פון דער קאָלאָניע, טריפּאָלי, האָט א באַפעלקערונג פון 75,000 מענשען. טריפּאָלי איז אן עכט אָריענטאַלישע שטאָט, מיט פּרעכטיגע געביידעס און סטאַטועץ.

צווישען ליביע און עטיאָפּיע געפינען זיך עגיפּטען און סודאַן. סיי עגיפּטען און סיי דער סודאַן זיינען אונטער דער הערשאַפט פון ענגלאַנד. סודאַן אליין פאַר־נעמט א שטח פון איבער א מיליאָן קוואַדראַט מייל און ציט זיך פון עגיפּטען ביז אוגאַנדע.

צו פאַראייניגען ליביע מיט עטיאָפּיע נויטיגט זיך איטאַליע אין עגיפּטען און סודאַן. פון דעם נעמט זיך די איטאַליענישע אנטי־ענגלישע אגיטאַציע אין עגיפּטען און פּאַלעסטינע, זי טוט עס גאַנץ אָפען, מיט דער אבזיכט צו געווינען דעם מזרח. פון דאַנען נעמט זיך ענגלאַנד'ס שרעק פאַר דעם נייעם קאָנקורענט אויפן מזרח.

אַלע פיר לענדער וואָס איטאַליע קאָנטראָלירט איצט אין אפריקא — ערי־טרעא, סאָמאַלילאַנד, ליביא און עטיאָפּיע — פאַרנעמען א שטח פון א מיליאָן מיט 300 טויזענט קוו. מייל, מיט א באַפעלקערונג פון איבער 14 מיליאָן.

ה. קאָנקלוזיע

קומענדיג צום שלום, ווילט זיך דאָ באַטאָנען וועגען דער אידייע פון גע־בורט־קאָנטראָל, אויף וועלכער מאַלטוס האָט געבויט זיין טעאָריע, אז ניט נאָר האָבען מענשען זיך וויניג צוגעהערט צו אים, נאָר אז ער איז לגמרי אונפּראַקטיש און אונגוצליך פאַר דער לייזונג פון דער וועלט'ס פּראָבלעמען.

די קאַפּיטאַליסטישע אידעאָלאָגיע וועגען דער איבערפּראָדוקציע פון מענש־ליכען מין, וואָס רופט ארויס קריג, איז לגמרי ניט אויסגעהאַלטען. ניט די אי־בער באַפעלקערונג פאַראורזאַכט קריג, און ניט די פאַרמינערונג וועט לייזן די פּראָב־לעם פון קריג. דער פאַקט איז, אז די לענדער וואָס האָבען פּראָגרעסירט, פאַר־גרעסערט זייערע געבורטען און באַפעלקערונגען, האָבען אויך אין אנדערע הינזיכ־טען פּראָגרעסירט און זיינען מער געזיכערט געגען אן אָנפאַל מצד אן אנדער לאַנד, און די וואָס זיינען געבליבען הינטערשטעליג אין געבורטען, זיינען אין אַלץ געבליבען הינטערשטעליג. ווען פראַנקרייך און דייטשלאַנד זיינען ארויס אין קריג אין יאָר 1870, האָט פראַנקרייך געהאַט א פיל גרעסערע באַפעלקערונג ווי דייטשלאַנד, פּראָפּאָרציאָנעל איז אויסגעקומען 38 פראַנצויזען אויף 37 דייטשען, און אין 1914, ווען פראַנקרייך מיט דייטשלאַנד זיינען ווידער ארויס אויף די שלאַכט פעלדער, איז שוין אויסגעקומען 39 פראַנצויזען אויף 67 דייטשען. דאָס זעלבע איז מיט'ן היינטיגען פראַנקרייך, וואָס האָט א פיל קלענערע באַפעלקערונג פון דייטשלאַנד, און דעריבער האָט זי אזוי מורא פאַר איר גערמאַנישען שכן.

די באפעלקערונג פונם ערד קוגעל האלט זיך אין איין פארגרעסערען, אין איין מעהרען. אין יאָר 1930 האָט זיך די באפעלקערונג גערעכענט איבער א ביליאָן און א האלב, און היינט ארום גאנצע צוויי ביליאָן. ניט די פילאָזאָפיע, ניט די אידעען פירען דער וועלט. די וועלט גייט זיך איר וועג, זי גייט זיך איר אויסגעטראָטענעם וועג און פארקוקט זיך אויף קיינעם ניט. די נויטווענדיגקייט, דער דרוק פון דער צייט, ברעננט ארוים אלע שטרעמונגען... „די צייט אנטפלעקט דאָס — וואָס דער שכל האלט פארדעקט"... מיר זעהען איצטער, ווי אין אלע לענדער ווערט אָנגעפירט א שטארקע פראָפאגאנדע צו פארגרעסערען די באפעלקערונג; מקיים צו זיין די מצוה פון „פריה ורביה", און אזוי ארום זיך צו פארשטארקען און זיך צו פארפעסטיגען.

לאנד	איינטיילונג פון באפעלקערונג אויף איין קוואדראט מייל אין יאָר 1930	געבורט ראטע אויף איין 1,000
פאראייניגטער קעניגטום	487	17.2
אירלאנד	107	20.1
פראנקרייך	193	18.2
דייטשלאנד	354	18.2
איטאליע	354	26.1
שפאניע	121	29.7
עסטרייך	208	17.2
בעלגיע	670	18.4
נאָרוועגיע	22	18.0
שוועדען	35	16.1
האָלאנד	627	23.3
דענעמארק	217	19.6
פוילען	221	32.6
שווייצאריע	250	17.3

קאַפּיטעל 12

די פאַשיסטישע איטאַליע און איר אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק

1. איטאַליע'ס אַריינדרינגונג אין עטיאָפּיע

די פאַסירונגען אין אַביסיניע אין יאָר 1935, ווען דער וואָלף פון רוים האָט זיך פאַרמאָסטען געגען דעם „לייב פון יהודה" ווי דער קעניג פון אַביסיניע רופט זיך, האָבן אויפגעדעקט די אמת'ע צילען פון רוימישען „וואָלף", וועלכער זוכט צו רויבען און גזל'ען, אַבי דאָס זייניגע צו דערגרייכען.

איטאַליע האָט זיך מיט דער גרעסטער אכזריות געוואָרפען אויף די שוואַכע, נעבאַכדיגע, שווארצע באַשעפענישען. און ער, דער לייב — דער קעניג פון די חיות — האָט אויף דעם נאָר געענטפערט מיט ברומען, מיט פּראָטעסטען, צו די אייראָפּייאישע גרויסמעכטע, צו אַמעריקע, צו דער פעלקער ליגע, פאָדערענדיג גערעכטיגקייט און יושר.

ניט האָבענדיג קיין אַנדערע עצה האָט זיך דאָס עטיאָפּישע פאָלק באַנוצט מיט דער אידישער מעטאָדע פון אַפּיל, פון געבעט, מיינענדיג, אַז אימיצער וועט זיך אָננעמען זיין קריוודע. העילי סעלאַסיע האָט געמיינט, אַז אַפּמאַכען האָבען נאָך אַ ווערט, אַז דער קלאָג אָפּמאָך מיינט נאָך עפּעס, אַז ער האָט נאָך אַ שטיקעל האַפט.

ווי אַנטוישט איז ער אָבער געוואָרען שפּעטער, ווען ער האָט דערזעהן, אַז זיין קול קלינגט אָפּ ווי אין אַ מדבר, וואו קיין מענשען זיינען ניטאָ. ער איז געוואָר געוואָרען דאָס, וואָס אַלע אייראָפּייער האָבען שוין פון לאַנג געוואוסט.

מערקווירדיג איז אָבער ווי געשיכטע חזר'ט זיך איבער. רוים האָט אָנגעהויבען איר היסטאָרישע קאַריערע אין אַפריקע און ערשט פון דאָרטען זיך אַ קעהר געטאָן מיטן פּנים צו אַזיע. און היינט, נאָך דריי טויזענט יאָר רוימישער געשיכטע, וויל אויך מוסאָליני אָנהויבען זיין קאַריערע — פון צוריק אויפשטעלען דאָס אַמאָליגע רוים — אין אַפריקע. עס עקזיסטירען נאָך אַלץ די זעלבע פּראָבלעמען און מאָטיווען וואָס זיינען אַלט ווי די פעלקער אַליין, און זיינען געבוירען געוואָרען צוזאַמען מיט די פעלקער: — פּלאַץ, ערד און לאַנד איז אַמאָל געווען אַן אורזאַך וואָס האָט אַרויסגערופען שטרייטען און קאַמפּען צווישען משפחות און שבטים, און אויך היינט רופט דאָס אַרויס מלחמות צווישען פעלקער און נאַציעס.

אויב אין יענער צייט, ווען דער לייב פון יהודה איז נאָך געווען אַן אמת'ער לייב, און ניט קיין סתם אַזוי טיטולירטער, האָט ער נאָך געקענט מאַכען אַ פּראָוואָ פון קעגענשטעלען זיך, און דער וואָלף האָט שווער געאַרבייט, ביז ער האָט אים

באזינגט, האט ער שוין איצטער זיך באלד געמוזט אונטערגעבען. דער וואלף האט כמעט קיינע שוועריקייטען ניט געהאט איינצושלינגען דעם לייב, וואס איז שוין ניט מעהר ווי א לעמעלע און קאן מער ניט טאן ווי וויינען און קרעכצען.

איצטער איז אביסיניע שוין ניט אזוי שטארק ווי זי איז געווען אין יאהר 1896, ווען א פערטעל מיליאן שווארצע האבען אין אדאווא אויסגעשאכטען 40 טויזענט אטאליענישע סאלדאטען.

זיינען די אימפעריאלע מעכטער ניט געווען איבריג צופרידען פון איטאליע'ס אינוואזיע אין עטיאפיע, אממייסטענס איז ענגלאנד ניט צופרידען איטאליע זאל זיין די באלעבאסטע איבער עטיאפיע, צוליב דעם וואס די וואסערען פון דעם טייך נילוס קומען ארויס פון דער אזערא טשאנא, וואס געפינט זיך אין עטיאפיע. אויב איטאליע זאל ווערען די באהערשערין פון יענער אזערא, וועט עס הייסען, אז זי ווערט די באהערשערין פון דעם טייך נילוס. דאס קאן ענגלאנד בשום אופן ניט דערלאזען, ווייל אן די וואסערען פון נילוס, ווערט דער ענגלישער סודאן און עגיפטען פארוואנדעלט אין א וויסטעניש.

צוליב דיפלאמאטישע רייסערייען צווישען זיך, האבען זיי פארשוויגען דעם ענין עטיאפיע, און געלאזט מוסאליני'ן פארכאפען דעם דאזיגען רייכען האלב ציוויליזירטען מקום, און גיבען אים א געלעגענהייט אנצוהויבען די נייע פאשיס־טישע רוימישע אימפעריע אין אפריקע.

ביז דעם עטיאפיע אינצידענט האט דאס פאשיסטישע איטאליע געשפילט די ראלע פון א שלום זוכערין. איטאליע האט געפירט א סאלידע פאליטיק און איר פרעסטיזש איז וואס אמאל געוואקסען העכער און העכער, אזוי אז קיינער האט זיך ניט פארגעשטעלט, זי זאל פלוצלונג ענדערען איר פאליטיק און ראלע. פאר דער ברייטער וועלט איז די פלוצלונגדיגע ענדערונג געווען אן אנטוישונג, אן אונ־דערוואַרטעטע געשעהעניש.

ווער עס האט אבער נאכגעפאלגט מוסאליני'ס פאליטיק זינט ער איז אריין אין מאכט, האט גאנץ קלאר געקענט זעהען וואס זיינע צילען און שטרעבונגען זיינען. מען האט געקאנט זעהען, אז זיינע רעדעס פאר פרידען זיינען פול מיט צביעות און פאלשקייט.

מוסאליני האט דורך דער גאנצער צייט פון זיין רעזשים, געשפילט א צוויי־פנים'דיגע ראלע און פאליטיק. ער האט קיינמאל ניט געמיינט ערנסט מיט זיינע אפמאכען, וועלכע האבען אים גענוצט פאר זיינע אינטערעסען: צו שטארקען זיין איינפלוס און פרעסטיזש אין דער אינלענדישער און אויסלענדישער פאליטיק פון איטאליע.

מוסאליני, דער באגרינדער פון איטאליענישען פאשיזם, איז פונקט ווי דער פאשיזם, קריגעריש און מיליטאריסטיש געשטימט. דורך מאכט וויל ער ערא־בערען, אוזורפירען און פארשלינגען פרעמדע טעריטאריעס. מוסאליני'ס וועג צו איטאליע'ס פראספעריטי און וואוילזיין, איז דורך דער אויסברייטערונג פון איטא־

ליע׳ס גרעניצען; דורך פארכאפען קאָלאָניעס, און פאַרגרעסערען די אימפעריע; זיין פאַטריאָטיזם איז איין גייסט און שפּראַך פון שלאַכטפעלד, זיין מיסיע איז צוריק אויפצושטעלען דאָס געפאלענע רוים. זיינע נאָכפאָלגער, די שווארץ־העמדעלדיגע גלויבען, אז איטאַליע׳ס גלאָריע איז אָפּהענגיג אין איהר מאכט. זיי גלויבען, אַז נאָר דורך א זיגרייכער מלחמה וועלען זיי אויפבויען די רוימישע אימפעריע, וועלכע האָט אזא גרויסע און שעהנע פאַרגאַנגענהייט.

ווער האָט נאָך א גרעסערע און שעהנערע פאַרגאַנגענהייט, ווי דאָס איטאַליע־נישע פאָלק, מיט א געשיכטע פון איבער דריי טויזענט יאָהר ציוויליזאַציע; מיט א קאָנטריבוציע פון אידעאַליסטיק, מיסטיק, שפראַך, פּאָליטיק, סטראַטעגיק, פּאָעזיע, רעליגיע, פילאָזאָפיע, פראַגרעס און וויסענשאַפט?

די איטאַליענער גלויבען, ווי זייער גרויסער פּאָעט דאַנטע, אז איין נאציע וואַקסט שטאַרקער, ווען די אַנדערע ווערט שוואכער", אז „רוים וואַקסט ווען אנדערע גהען אונטער", אז נאַציאָנען פאַלען און וואַקסען, איינער ארויף, דער צווייטער אראָפּ, און אזוי דרעהט זיך דאָס רעדעל, ווי א „גלגל החוזר בעולם". זיי גלויבען אין דער ווידער אויפלעבונג און דערוואכונג פון דער רוימישער עפּאָכע, צו שפּילען די דאָמינירענדע ראָלע אין דער וועלט ווירטשאַפט. זיי האָבען נאָך ניט אויף איין מינוט — זינט איטאַליע׳ס באפרייאונג — אויפגעגעבען די דאָזיגע האָפנונג. מוסאָליני׳ס נאָכפאָלגער גלויבען, אז ער איז דער פּאַסיגסטער מענש דורכצופיהרען די מיסיע; זיי גלויבען, אז ער איז דער בעל מופת, וועלכער וועט באווייזען וואונדער פאַר דער וועלט. מוסאָליני האָט וועגען זיך אמאָל געזאָגט: „מאַזיני און גאַריבאַלדי האָבען באשאפען איטאַליע, איך וועל שאַפען איטאַליענער". און ער שאַפט טאַקע מיליטאַריסטען, נאַציאָנאַליסטישע פּאַטריאָטען, וועלכע זאָלען דורכפיהרען איטאַ־ליע׳ס אויפגאַבע: אויסצוברייטערען איהרע גרעניצען, אויפצובויען די אימפעריע, און פיהרען די העגעמאָניע איבער אייראָפּייאישער פּאָליטיק.

2. דער אונטערגאַנג פון רוים און די באוועגונג צו באַפרייען איטאַליע

מיט ארום נייַנצעהן הונדערט יאָהר צוריק, ביים שלום פון דער רעפּובליקאַ־נישער ערא, האָט רוים דערגרייכט איהר קלימאַקס פון אימפּעריאַליסטישער גרויס־קייט. דריי הונדערט יאָהר שפּעטער איז רוים געפאַלען. איהר סוף איז געקומען, זי איז איינגאַנצען רואינירט געוואָרען. פרעמדע פעלקער, אונטערדריקטע און פאַר־שקלאַפטע, זיינען געקומען פון צפון און דרום און האָבען איהר באַקעמפט; רוים איז אַרונטער פון דער פּאָליטישער אַרענאַ.

רוים איז אָבער דעמאָלט ניט פאַרניכטעט געוואָרען. זי איז טאַקע ניט געווען מעהר די באַהערשערין פון דער וועלט, זי האָט אָבער באַהערשט די גייסטיגע וועלט. רוים איז געוואָרען דער צענטער פון דער קריסטליכער רעליגיע. פון דאָרט איז די רעליגיע אַרויס צו דער גאַנצער וועלט.

אין מיטעלאַלטער איז איטאַליע׳ס ביישטייערונג צו דער וועלט קולטור געווען דער גרעסטער און אונפאַרגעסליכער. אין דער גייסטיגער וועלט האָט זי פאַרנומען

דעם אויבענאָן. זי האָט ארויסגעגעבען אזעלכע באריהמטע ארטיסטען, פּאָעטען, און וויסענשאַפטליים, ווי מיכאל אנדזשעלא, דאנטעלע, לעאָנארדא דע ווינטשע, ראפאעל, דאנטע, מאנטעננא גאליף, וואלטא און אזוי ווייטער. זי האָט אויך געגעבען פּיאָנערען צו דער נייער וועלט, ווי קריסטאָפער קאָלומבוס, אמעריגא וועספּוטשי א. א. און א דאנק איהרע געניאלע זיהן, איז זי קיינמאָהל ניט ארונטער פון דער וועלט ארענא, זי זאָל איננאָנצען פארגעסען ווערען.

אין איטאַליע האָט זיך אָנגעהויבען דער רענעסאנס פריהער ווי אומעטום. דער אָנקום פון רענעסאנס האָט אָבער פארקלענערט דעם רוימישען איינפלוס איבער דער קריסטלאכער וועלט. אומעטום האָבען זיך געשאפען סעקטעס און גרופּען געגען דער רוימיש־קריסטלאכער רעליגיע.

נאָכ׳ן רענעסאנס האָט אָנגעהויבען צוריק אויפלעבען דער אינטערעס צו דער נאטור און דערמיט אויך צו דער פילאָסאָפיע, וואָס האָט דערגרייכט איהר העכסטען פונקט אין דער צייט פון ספּינאָזא (1632־1677). די פילאָזאָפיע פון דער אויפקלערונגס צייט, טראָץ איהר קאָנסערוואטיזם, האָט זי אין זיך געטראָגען א רעוואָלוציאָנערען כאראקטער, ארויסטרעטענדיג גלייך פון אָנפאנג אלס אָפּאָזיציע צו דער אלטער רעליגיע און עטיק. די דאָזיגע נייע פילאָזאָפיע האָט אלץ מעהר און מעהר געקראָגען דעם כאראקטער פון א לעהרע, אין וועלכער עס האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט דער קאמף געגען די גלחים און טיראנען — דער קאמף פאר נייע אידעאלען.

פראנקרייך, וואָס איז דעמאָלט געשטאנען אין דער שפּיץ פון דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג פון אייראָפּא, איז די ערשטע געקומען אין צוזאמענשטויס מיט׳ן רוימישען פּאפּסט. און איהר רעגירונג איז די ערשטע ארויסגעטראָטען געגען רוים. אָבער טאקי דערפאר — זאָגט קארל קאוטסקי, אין זיין בוך: „די עטיק" — ווייל פראנקרייך איז געווען די ערשטע, האָט זיך איהר ניט איינגעגעבען צו גרינדען אן אייגענע נאציאָנאלע קירכע. די סאַמע ראדיקאלע קעמפער, געגען דער מאַכט פון פּאפּסט, זיינען גאָר געווען די צוויי עקאָנאָמיש אָפּגעשטאנענע לענדער, סקאָטלאנד און די שווייץ. נאָך דער רעפאָרמאציע, האָט סקאָטלאנד מיט ענגלאנד אָנגעהויבען פארנעמען דעם פּלאץ פון פראנקרייך און איטאַליע, אלס פּיאָנערען פון דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג. אין די דאָזיגע לענדער, איז אָבער דער קאמף געפיהרט געוואָרען אין א קאָמפּראָמיסליכען וועג. דער קאָמפּראָמיס איז געוואָרען דער כאראקטעריסטישער אופן, צו לייזען די געגענזאצען פון מאטעריאליזם און קריסטענטום. דער גייסט פון קאָמפּראָמיס איז דאָרט אריינגעדרונגען אין זייער מאטעריאליזם, אין זייער אלטרואיזם, און אין זייער עטיק. אין דער צייט, וואָס אין פראנקרייך האָט די גאנצע אינטעליגענץ, און די קלאסען וועלכע זיינען פון איהר באאיינפלוסט געוואָרען זינט דער אויפקלערונגס צייט, געדענקט ווי מאטעריאליסטען און אטעאיסטען, האָט די ענגלישע אינטעליגענץ געזוכט א קאָמפּראָמיס צווישען מאטעריאליזם און קריסטענטום.

אין אייראָפּא זיינען געבוירען געוואָרען פארשיידענע קריסטלאכע פראקציעס. די קריסטלאכע רעליגיע איז צושפּליטערט געוואָרען. עס זיינען אנטשטאנען לוטע־

ראנער, פּראָטעסטאנטען, און גריכישע אָרטאָדאָקסען. דער איינפלוס פון פּאפּסט איז פיל אָפּגעשוואכט געוואָרען.

די באהערשער פון מיטעל אייראָפּא און דעם מיטלענדישען ים ביז דעם 19-טען יאָרהונדערט, זיינען געווען שפּאניע, פראנקרייך, עסטרייך, דייטשלאנד און ענגלאנד. אין פערצעהנטען יאָרהונדערט האָט שפּאניע געהאט די העגעמאָניע איבער מיטעל אייראָפּא. אין צייט פון פערדינאנד און איזאבעלא האָט שפּאניע געהאט די גרעסטע אימפּעריע. נאָך איהר איז געקומען פראנקרייך, עסטרייך, דייטשלאנד און ענגלאנד. אויך טערקיי האָט זיך ביסלעכווייז וואָס מעהר אריינ־געצוויגען אויפן אייראָפּיאישען קאָנטינענט און ספּעציעל אויף איטאליענישער טעריטאָריע.

איטאליע איז צוטיילט געוואָרען צווישען די דאָזיגע נאַציעס. די פּראָווינצען פון נעאפּעל, לאָמבארדאָ, ווענעציע, פלאָרענץ, ווערדון א. א.וו. איז איינגעטיילט געוואָרען צווישען די דערמאָנטע אימפּעריעס, אויך ענגלאנד האָט פארכאפּט טערי־טאָריע ביים מיטלענדישען ים, נעלסאָן האָט אין 1798 פארכאפּט מאלטא און געשלאָסען א בונד מיט די בורבאָנען פון נעאפּאָל, מיט סיציליע, און מיט׳ן קעניג סאוואי. נאָך וואַטערלו האָט ענגלאנד אָנגעהויבען קוקען אויף דעם מיטלענדישען ים ווי א שליסעל צום מזרח, צו דעם סועץ קאנאל, מזרח אפריקא און אויסטראליע. זי האָט אין מיטעללענדישען ים געזעהען א וויכטיגקייט פאר מאכט איבערן ים.

די פראנצויזישע רעוואָלוציע, וואָס האָט אריינגעבראכט נייע שטראָמען אין לעבען פון אנדערע נאַציעס, האָט אויך דערפרישט און באנייט דאָס לעבען פון די איטאליענער. רוים איז געוואָרען די צווייטע שטאָט אין דער פראנצויזישער אימ־פּעריע. ווענעציע, וואָס האָט באלאנגט צו עסטרייך, איז אויך איבערגעגאנגען צו פראנקרייך. אויך אנדערע פּראָווינצען זיינען צוזאמענגעשמאָלצען געוואָרען אונטער איין אימפּעריע און קעניגטום פון נאפּאָלעאָן. נאפּאָלעאָנ׳ס פינסטערע און דעס־פּאָטישע מאכט האָט אריינגעבראכט א ביסעל ליכט אינם איטאליענישען לעבען. עס איז שוואכער געוואָרען די הערשאפט פון פריצים אין דער גאנצער פעאָדאלער סיסטעם. עס איז געבוירען געוואָרען די אידייע פון א מאָנארכיע, וואָס זאָל פאר־איינגען גאנץ איטאליע און עס איז געשאפען געוואָרען א קעניגטום איבער איטאליע.

נאָך נאפּאָלעאָנ׳ס דורכפאל, האָבען אנדערע מאָנארכיעס און מלוכות געוואָלט אָפּווישען יעדען שפּור און אויפּטו פון נאפּאָלעאָנ׳ען. אויפ׳ן ווינער קאָנגרעס איז איטאליע ווידער צוטיילט געוואָרען צווישען די אייראָפּיאישע אימפּעריעס, וועלכע האָבען זיך געטיילט מיט׳ן רויב פון פראנקרייך, און אנדערע לענדער, וועלכע זיינען באאיינפלוסט געוואָרען פון נאפּאָלעאָנ׳ס פּאָליטיק.

נאָכ׳ן קאָנגרעס אין וויען איז כמעט שוין קיין איטאליע ניט געווען. זי איז אינגאנצען פארשקלאפט געוואָרען צו די ארומיגע נאַציעס. עס איז נאָך געווען א קעניג איבער איטאליע, אָבער בלויז אין נאָמען. רעגירט האָבען אנדערע. עסט־רייך איבער ווענעציע, לאָמבארדא א. א. שפּאניע איבער נעאפּאָל, סיציליע און פראנקרייך איבער רוים און אנדערע פּראָווינצען.

אין דער ערשטער העלפט פון ניינצעהנטען יאָהרהונדערט האָט זיך אָבער אָנגעהויבען אויפבלאָזען דער טליענדיגער פונק פון איטאַליע. זי האָט אָנגעהויבען קעמפען פאַר איהר פרייהייט. דאָ און דאָרט, אין דער אָדער אַנדערער פּראָווינץ, האָבען געוויסע נאַציאָנאַלע העלדען און הייסע פּאַטריאָטען אָנגעהויבען רעוואָל־טירען געגען זייערע אונטערדריקער. פריהער אויף א קלענערען מאסשטאב, אָבער אַלעמאָל אין א גרעסערער נאַציאָנאַלער פאָרם. ביז עס איז געקומען די צייט, ווען איטאַליע איז באַפרייט געוואָרען. דאָס איז געווען אין צווייטען העלפט פון פריהער־דיגען יאָרהונדערט.

די באַוועגונג פאַר דער באַפרייאונג פון איטאַליע איז געוואָרען שטאַרקער פון טאָג צו טאָג. אין די פופציגער יאָהרען פונ׳ם לעצטען יאָרהונדערט האָט די באַוועגונג אָנגענומען א מאַסען כאַראַקטער, אונטער דער פיהרערשאַפט פון א צאָהל פּאַטריאָטען, צווישען וועלכע קאַוואור (1810־1860) האָט פאַרנומען דאָס ערשטע פּלאַץ. קאַוואור צו איטאַליע איז ווי וואַשינגטאָן צו אַמעריקע. ער האָט געשאַפען די איטאַליענישע נאַציע. יעדענפאַלס האָט ער גע׳חלומ׳ט וועגען דער אויפלעבונג פון דער איטאַליענישער נאַציע. זיינע נאָכפאָלגער גאַריבאַלדי, מאַזזיני, קעניג עמאַנועל דער צווייטער, האָבען עס פאַרווירקליכט.

זייענדיג מיניסטער אין דער שטאָדט פּיעדמאָנט, אין די יאָהרען פון 1852־1858 האָט קאַוואור אָנגעהויבען פאַרשפּרייטען דעם געדאַנק פון אויפבויען די איטאַליענישע נאַציע. ער האָט געשאַפען דעם איטאַליענישען נאַציאָנאַליזם, און די איטאַליענישע קאָנסטיטוציע. צוזאַמען מיט גאַריבאַלדי דעם גרויסען מיליטאַ־ריסט, און קעניג וויקטאָר עמאַנועל, האָט ער געקעמפט פאַר א זעלבסטשטענדיגער איטאַליע.

דעם 18־טען פעברואַר, 1861, האָט וויקטאָר עמאַנועל דער צווייטער, געעפענט דעם ערשטען איטאַליענישען פּאַרלאַמענט אין טורין. עס זיינען אַנוועזענד געווען דעפּוטאַטען פון אַלע טיילען פון איטאַליע, אויסער פון רוים און ווענעציע, וואָס זיינען נאָך אַלץ געווען אונטער דער עסטרייכישער און פראַנצויזישער הערשאַפט. זיי זיינען ערשט צוגעשטאַנען צו איטאַליע נאָך דעם פראַנצויזיש־פּרייסישען קריג אין 1870.

איטאַליע׳ס ערוואַכונג איז געקומען נאָך די גרויסע רעוואָלוציעס אין אייראָפּא. גלייך ווי אין אַלע לענדער, איז אויך אין איטאַליע די רעוואָלוציע געפיהרט געוואָרען געגען דער מאָנאַרכיע און אויטאָקראַטיע. מיט׳ן קאַמף פאַר איהר באַפרייאונג האָבען די קעמפער געפאָדערט א רעפּובליק. מאַזזיני דער רעפּובליקאַנער און איינער פון די גרעסטע איטאַליענער האָט געקעמפט געגען קעניג עמאַנועל, און געפּלאַנט א רעפּובליק אין גענוא, זיין געבורטס פּלאַץ. מאַזזיני, דער גרעסטער איטאַליעני־שער דעמאָקראַט, האָט אויסגענוצט זיינע אַלע כחות, איטאַליע זאָל ווערען א רעפּובליק. זיינע וואונשען זיינען אָבער ניט פאַרווירקליכט געוואָרען. קעניג עמאַנועל האָט איהם באַזיגט און ער האָט געמוזט פאַרלאָזען זיין פאָטערלאַנד.

איטאַליע איז דעמאָלט נאָך געווען צו יונג צו ווערען א רעפּובליק. זי איז נאָך ניט געווען רייף. זי איז נאָך נאַציאָנאַל ניט פאַראייניגט געווען, זי האָט נאָך

ניט געהאט קיין ערפאהרונג פון א לאנד רעגירונג, און די זעלבע רעפובליקאנער ווערמענס ציעל עס איז געווען די נאציאָנאלע פאראייניגונג פון איטאליע, זיינען געווען צופיל פארנומען מיט ארבייט, פון איין זייט: צו פארכאפען טעריטאָריע און פראווינצען פאר איטאליע, און פון דער אנדערער זייט: צו קעמפען פאר א רע־פובליק. געגען די רעפובליקאנער זיינען ארויסגעטראָטען פילע אָנגעזעהענע איטא־ליענישע שטאאטסלייט, איינער פון זיי, דער באריהמטער שטאאטסמאן קריספי, וועלכער איז פריהער געווען א רעפובליקאנער און שפעטער געוואָרען א מאָנאר־כיסט. „די מאָנארכיע וועט אונז פאראייניגען און די רעפובליק וועט אונז צוטיילען" — האָט קריספי געהאלטען אין איין ווידערהאָלען. אויך גאריבאלדי איז איבער־געגאנגען צום קעניג, און באקעמפט זיין פריהערדיגען פריינט גיאסיפי מאזיני, וועלכער האָט שוין ניט דערלעבט צו זעהען די גאנצע פאראייניגונג פון איטאליע, וואָס איז רעאליזירט געוואָרען אין יאָהר 1870, אין די ראמען פון א בורזשואזער מאָנארכיע, וואָס האָט געוואונען די נאציאָנאלע פאראייניגונג.

אין יאָהר 1870 איז איטאליע פאראייניגט און באפרייט געוואָרען. זי האָט אָנגעהויבען שפילען א ראָלע אין דער אייראָפייאישער פאָליטיק אלס אן אונאָפּ־הענגיגע און זעלבסטשטענדיגע מלוכה. איטאליע האָט זיך אָבער ניט באנוגענט מיט איהר זעלבסטשטענדיגקייט נאָר באלד אָנגעהויבען חלומ'ען וועגען דער אמאָליגער רוימישער אימפעריע, פון באהערשען אנדערע און ווערען אן אימפעריא־ליסטישע מלוכה. זי האָט געוואָלט ווערען מיט לייטען גלייך, פארגרעסערען איהרע געאָגראפישע ליניעס מיט קאָלאָניעס, ימים, און שפילען די ראָלע פון א גרויס־מאַכט.

איטאליע האָט געזוכט רוים! איהר טראגעדיע איז אָבער געווען, וואָס זי איז געקומען צו שפעט. זי איז געוואָרען א זעלבסטשטענדיגע מאכט, ווען די ערד איז שוין געווען צוטיילט. אייראָפּא איז שוין געווען באזעצט. אין אזיע און אפריקא האָבען געהערשט דייטשלאנד, ענגלאנד און פראנקרייך. אומעטום וואו נאָר עס האָט זיך געפונען א פרייער פלאץ, האָט געפלאטערט די ענגלישע פאָהן, און איטאליע האָט ניט געפונען קיין פלאץ פאר זיך, ניט קוקענדיג אויף אלע איהרע אָנשטרענגונגען.

אויסער די נאציאָנאליסטישע און אימפעריאליסטישע אינטערעסען, האָט אויך איטאליע געמוזט קעמפען פאר איהרע געאָגראפישע פּאָזיציעס און לאָזען איהרע היסטאָרישע פּראָבלעמען וואָס זיינען אנטשטאנען זינט איהר באפרייאונג: דאָס איז דער פּראָבלעם פון דעם שטענדיגען אונגעהויערען וואוקס פון איהר באפעלקערונג.

איטאליע'ס באפעלקערונג האָט דורך דער צייט פון איהר באפרייאונג ביז'ן היינטיגען טאָג געהאלטען אין איין פארגרעסערען זיך, מעהר ווי ערגיץ אנדערש. אין 1881 האָט איטאליע געהאט א באפעלקערונג פון 28,000,000, מיט פערציג יאָהר שפעטער, אין 1921, האָט זי שוין געהאט א באפעלקערונג פון 41 מיליאָן, און 9 מיליאָן איבער דער גאנצער וועלט. לויט די ציפערען האָט די איטאליענישע באפעלקערונג זיך געהאלטען אין פארגרעסערען מיט א האלבען מיליאָן יערליך.

די איטאַליענישע טעריטאָריע פאַרנעהמט אײנגאַנצען 114,000 קוואַדראַט מײלען. אויף דער דאָזיגער טעריטאָריע געפינט זיך אַ פערציג מיליאָניגע באַפעל־קערונג.

מיט די קאָלאָניעס איז אויך דאָס זעלבע. די איטאַליענישע קאָלאָניעס זײנען כמעט אַלע אָרימע, זאַמדיגע, מדבריות'דיגע. זײ פאַרנעמען אַ שטרעקע פון 775,000 קוואַדראַט מײלען מיט אַ באַפעלקערונג פון נאָהענט צו צװײ מיליאָן. פראַנקרייכ'ס קאָלאָניעס זײנען כמעט אַלע רײכע און גוטע, פאַרנעמען אַ שטרעקע פון 4,223,000 מײלען מיט אַ באַפעלקערונג פון נאָהענט צו 60 מיליאָן. איטאַליע איז אָרים אין קוילען, אײזען, אויל און אַנדערע מינעראַלע פּראָדוקטען אין פאַר־גלייך מיט אַנדערע, אפילו ניט אימפּעריאַליסטישע מלוכות.

פאַר דער לעצטער וועלט מלחמה האָט איטאַליע אַריבערגעקוקט מיט שנאה־קנאה איבער דער פראַנצויזישער גרעניץ. איטאַליע האָט געשטורמט געגען פראַנק־רייך און געהאָפּט אויף דעם טאָג, ווען זי וועט אָוועקנעהמען טוניס, ניצא א. א. וו. איטאַליע איז דעריבער אַריינגעטראָטען אין דעם „דריי בונד״, וואָס איז געווען אַן אַנטי־פראַנצויזישע אָריענטאַציע.

איטאַליע האָט אָבער שפּעטער געענדערט איהר שטעלונג, און נאָך פאַר מוסאָליני'ן האָבען געוויסע איטאַליענישע שטאַטסלייט געענדערט זייער פּאָליטיק און אָפּגעבראָכען דעם „דריי בונד״ אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד און עסטרייך, און זיך פאַרבונדען מיט די עליים, מיינענדיג, אַז דאָס וועט זיי געבען אַ מעגליכקייט אויסצוברייטערען איטאַליע'ס גרעניצען.

די מלחמה, און בעיקר די ערפאַהרונג פון די נאָך מלחמה יאָהרען, האָבען געענדערט די ליניע פון דער איטאַליענישער פּאָליטיק. זיי האָבען אַנגעהויבען פאַר־שטעהן, אַז אַלע חלומות וועגען די פראַנצויזישע פּראָווינצען, זיינען גאָר ניט ווערט. ניט נאָר פון אַ פּאָליטישען, נאָר אויך פון אַן עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט, פשוט דערפאַר, ווייל די דאָזיגע פּראָווינצען פּראָדוצירען דאָס זעלבע וואָס איטאַליע: די זעלבע נאַטור־געוויקסען פון אויולבערטען, וויין און טאַבאַק פון טוניס און ניצא, וואַקסען אין סיציליע, קאַלאַבריע, און באַזונדערס זיינען די פראַנצויזישע פּראָווינ־צען געדיכט באַפעלקערט, און זיי וואָלטען ניט געגעבען קיין ארבייט, פאַר די איבעריגע הענט אין איטאַליע (היינט גרייט זיך מוסאָליני צו מאַרשירען אויך אויף טוניס!)

איטאַליע האָט אויך געזעהען, אַז צו פאַרלאָזען זיך אויפ'ן יושר פון די אַנ־דערע אימפּעריאַליסטען איז קיין וועג ניט. דאָס האָט זי געלערענט פון דער ערפאַהרונג פון דער וועלט מלחמה. נאָכ'ן קריג, ווען די עליים האָבען געהאַט צו פאַרצייכענען אַ גוואַלדיגען זיג איבער די צענטראַלע מלוכות, און זיך גענומען טיילען מיטן שלל פון דאַ באַזיגטע, האָט מען איטאַליע אויף אַ מיאוס'ען אופן איגנאָרירט. פון די דייטש־אַפריקאַנישע קאָלאָניעס, וואָס זיינען איינגעטיילט גע־וואָרען ביים שלום אָפּמאַך אין ווערסאַיל, האָט ענגלאַנד באַקומען 42 פּראָצענט; פראַנקרייך 33 פּראָצענט; בעלגיע 25 פּראָצענט; און צו איטאַליע וואָס האָט געשיקט 5,500,000 סאָלדאַטען, פון וועלכע 632,000 זיינען דער'הרג'עט געוואָרען

און צוויי מיליאָן זיינען פּאַרוואונדעט געוואָרען און וואָס האָט אַריינגעלייגט געלט סומעס פון איבער 100,000,000,000 לירעס — האָט מען גאָר ניט געגעבען. דאָס האָט, פאַרשטעהט זיך, שרעקליך זיך אָפּגערופען אויף די איטאַליענישע מאַסען. זיי האָבען אויפגעבראַזט געגען אַזאַ יושר. זיי האָבען פּראָטעסטירט און דער בייזער נאַציאָנאַליזם האָט דאָ געהאַט אַ געלעגענהייט אויסצונוצען זיין דעמאַגאָגישע פּראָפּאַגאַנדע, און די פאַשיסטען האָבען גאַנץ ברייט געקענט שרייען: „רוים אָדער טויט".

די קריזיסען אין איטאַליע פאַר דער מלחמה און נאָך דער מלחמה האָבען אויך גורם געווען צו דער גוואַלדיגער עמיגראַציע קיין אויסלאַנד, צו די אייראָפּיאישע לענדער און צו אַנדערע טיילען פון דער וועלט, איבערהויפּט צו אַמעריקאַ. אַריבער 150 טויזנט איטאַליענער וואוינען איצט אין אַלזשיר און מאַראָקאָ, אַריבער 100 טויזענט אין טוניס און זיי באַאיינפלוסען די דאָרטיגע איינוואוינער מעהר ווי די פראַנצויזען און ענגלענדער.

פאַר'ן קריג אין די יאָהרען פון 1909 ביז 1913, האָט איטאַליע'ס עמיגראַציע אַנגעטראָפען איבער 679 טויזענט אַ יאָהר, פון וועלכע 273,457 האָבען אויסגעוואַנדערט נאָך אייראָפּיאישע לענדער אין פאַרשיידענע געגענטען און אַממערם־טענס אויפ'ן מיטעללענדישען באַסיין; און 319,612 איבערן ים, פון וועלכע 227,573 האָבען אויסגעוואַנדערט נאָך אַמעריקאַ.

נאָכ'ן קריג איז די איטאַליענישע עמיגראַציע געפאַלען. די רעדוקציע האָט זיך ניט גענומען פון אַ פאַרבעסערטער לאַגע אין איטאַליע; אין געגענטייל, די לאַגע איז נאָך ערגער געוואָרען. די איטאַליענער האָבען ווייניגער עמיגרירט, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט וואוהין צו עמיגרירען. אין די אייראָפּיאישע לענדער הערשט, זינט דעם קריג, אַ לאַנגער פאַרצויגענער קריזיס. די פאַראייניגטע שטאַטען האָבען פאַרמאַכט זייערע טויערען, און דעריבער האָבען זיי ווינציגער עמיגרירט.

איטאַליע, געפינענדיג זיך אין קלעם, האָט אָנגעהויבען זוכען צו עראָבערען וואָס מעהר טעריטאָריע. זי האָט פאַרכאַפּט טעריטאָריע פון גריכענלאַנד און יוגאָסלאַוויע. זי האָט ניט געקוקט אויף דעם ראַפּאַלאָ אָפּמאַך, וואָס האָט נייטראַליזירט פיומע. אין יאַנואַר, 1924 האָט איהר גרויסער פּאָעט ד'אַנונציאָ, מיט אַ צאָהל ענטוזיאַסטישע סאָלדאַטען, פאַרכאַפּט די שטאָט.

די פאַשיסטישע רעגירונג האָט זיך אָבער מיט דעם נאָך ניט געקענט באַנוגענען. זי האָט געזעהען, אַז איטאַליע'ס כח ליגט גאָר אין ווייטען מזרח; אין דיווילדע פעלקער, וואו קיין ציוויליזאַציע האָט נאָך ניט אַריינגעדרונגען. איטאַליע האָט אָנגעהויבען איהר נייע — און שוין אַלטע — אָריענטאַציע פון קאָלאָניאַל פּאָליטיק, און איהר ערשטען בליק געוואָרפען אויף אַביסיניע.

נאָך מיט יאָהרען צוריק האָט איטאַליע געלויערט אויף אַביסיניע. קריספּי, דער גרויסער איטאַליענישען שטאַטסמאַן, האָט נאָך מיט עטליכע צעהנדליגער יאָהרען צוריק געקניפּט אָט די פעדים און ער האָט דער ערשטער געמאַכט דעם פּרווו צו פאַרפעסטיגען דעם איטאַליענישען איינפלוס אין אַביסיניע. ער האָט אַרויסגעצויגען פון לײדיגען איטאַליע גוואַלדיגע סומעס, וואָס האָט זיך שפּעטער

זעהר שווער אָפּגערופּען אויפ'ן איטאַליענישען פאָלק און פּאַראַאוריזאַכט רואינע צו טויזענטער און געבראַכט צו אַ גוואַלדיגען קריזיס.

דער דעמאָלסטדיגער פּאַרזוך איז געווען דער גרעסטער דורכפאַל. אין דער שלאַכט ביי אדאָווא (1896) איז די איטאַליענישע ארמיי צוקלאַפּט געוואָרען פון די אַביסיניער. עס איז געווען אַ נאַטירליכע זאַך איטאַליע זאָל האָבען אַ דורכפאַל. זייענדיג צו שוואַך פאַר אַן אויסגעהאַלטענער קאָלאָניאַל פּאָליטיק; זייענדיג עקאָ־נאָמיש צו שוואַך צו פיהרען מלחמה, אין דער צייט ווען ענגלאַנד איז געווען געגען איהר פּלאַן און איהר פאַרשפּאַרט דעם צוגאַנג צו אַפריקע, איז געווען גאַנץ פאַר־שטענדליך זי זאָל האָבען אַ מפּלה.

אַביסיניע איז נאָך אָבער אַלץ געבליבען דער איינציגער פּונקט פאַר איטאַליע: אַ גרויס לאַנד, רייך אין פאַרשיידענע מינעראַלען, אין וועלכע איטאַליע נויטיגט זיך; אַ לאַנד, וואָס איז כמעט ליידיג. די צוועלף מיליאָן מענשען, וואָס באַוואוינען איהר, שטעהען אויף אַ גאַנץ פּרימיטיווען און אונציוויליזירטען צושטאַנד, זיי זיינען אפילו ניט פעהיג צו באַארבייטען דאָס לאַנד, האָבען ניט קיין קולטור, קיין ליטעראַטור, און דעריבער גלויבען די איטאַליענישע שטאַאַטסלייט, אַז דאָס לאַנד איז דאָס פּאַסיגסטע פאַר זיי.

די פאַשיסטישע פיהרער, מיט מוסאָליני בראש, לייגען נאָך די טומאה אין דער יראה, אַז זיי מיינען גאָר אויסצובעסערען די אַביסיניער; אַז זיי זיינען אויסען זיי אויסצואיידלען און אויסמענשלען. זיי ווילען פיהרען אַ קאַמף פון ציוויליזאַציע געגען באַרבאַריזם און פאַרשקלאַפּונג און מיט דעם ווילען זיי געווינען די וועלט אויף זייער זייט.

דאָס זיינען אָבער בלויז תירוצים. מוסאָליני האָט עפּעס אַנדערש אין זינען. איהם ליגט אין קאָפּ דאָס אמאָליגע רוים. ער גלויבט, אַז ער איז דער פּאַסיגסטער מענש אויפצושטעלען די רוימישע אימפּעריע און רעגירען איבער דער וועלט. פאַר מוסאָליני'ס אַפּעטיטען איז אַביסיניע צו קליין און ניט וויכטיג. אַביסיניע איז נאָר דער אָנהויב צו זיין ציל.

3. דער אויפברויז געגען מוסאָליני'ס אינוואַזיע

וואָלט דער ענין אַביסיניע — איטאַליע געווען אַן און פאַר זיך אַ ספּעציפישע זאַך, וואָלט עס אונז אפשר ניט אַזוי פיל אינטערעסירט. מיר וואָלטען געקוקט אויף דעם פּלאָנטער, ווי אויף אַ זייטיגען אויסלענדישען ענין, וואָס באַריהרט אונז גאַנץ ווייניג.

מיר וואָלטען פאַרקוקט די זאַך, מיר וואָלטען זיך ניט אַזוי פיל אַרויסגעשטעלט געגען מוסאָליני'ס פּאָליטיק אין אַפריקע; געגען זיינע פאַרלאַנגען אין אַביסיניע— דאָס וואָלט געווען אַ זאַך פון פאַדערען גערעכטיגקייט, ביי וועלכע קיין גערעכטיג־קייט עקזיסטירט לגמרי ניט. דאָס וואָלט געהייסען פאַרלאַנגען יושר, פון אַזעלכע וואָס האָבען קיין באַגריף ניט פון יושר און שטיצען זיך נאָר אויף מאַכט. און

באזונדערס אפשר וואלט דאס געווען גאנץ ריכטיג און יושר׳דיג, אז א פאלק ווי די אביסיניער, וועלכע האלטען אין זייערע הענט א גוואלדיגען שטח לאנד, אפילו ניט פאר זיך, נאר צוליב די פארדינסטען פון די ענגלישע אימפעריאליסטען, זאלען אריבערגעהען צו איטאליע; אויב אנדערע מעגען, פאר וואס טאר ניט איטאליע? אויב ענגלאנד מעג האלטען פאר זיך אינדיע, טא פאר וואס טאר ניט איטאליע זיך „נעהמען" אביסיניע? . . .

איז אבער די זאך א גאנץ אנדערע: ערשטענס פירט איטאליע׳ס אקופאציע פון אביסיניע צו א וועלט מלחמה. מוסאליני׳ס אפענע מלחמה פלענער גיט דער היטלער דייטשלאנד א געלעגענהייט צו פאדערען צוריק איהרע קאלאניעס, וואס מיינט א מלחמה מיט די עליים, און עס לוינט זיך גאר ניט אוועקצוגעבען אזוי פיל קרבנות פאר מוסאליני׳ס פלענער, צו לייזען די אנגעשטרענגטע קריטישע עקאנאמישע לאגע אין איטאליע, דורך פארכאפען טעריטאריע אין מזרח אפריקע און דערמיט שאפען א ברייטערע באזע פון עקספלואטאציע פאר דעם פאשיסטישען איטאליענישען קאפיטאליזם.

צווייטענס, וועט אביסיניע נאך ניט שטילען מוסאליני׳ס הונגער און אפעטיט. נאך אביסיניע וועט ער געהן ווייטער און ווייטער, איבער שטעדט און לענדער, זיי צו שטעלען אונטער דער איטאליעניש פאשיסטישער פאן. מוסאליני׳ס אויסלענדישע פאליטיק איז אונז גוט באקאנט. מיר ווייסען זיינע אמביציעס און שטרעבונגען, צו זיין דער דיקטאטאר איבער א גרויסער איטאליע. מוסאליני וויל מיט זיין קלוגשאפט שטייגען צו דער שטופע פון א וועלט באהערשער, זיך שטעלען אין דער רייהע פון יוליוס צעזאר, נאפאלעאן, אלעקסאנדער דער גרויסער, און אנדערע מושלים בכיפה. מוסאליני וויל פארגרעסערען זיין מאכט איבער גאנצע קאנטינענטען צו שפילען די ראלע פון דעם אימפעריאליסט וואס האט געשאפען א גרויסע איטאליע, און פארנעמען דעם אויבענאן אין דער געשיכטע פון נייאיטאליע.

דאס איינציגע וואס עס האט געדארפט געטאן ווערען איז, אז די פעלקער ליגע זאל זיך געווען אריינמישען און נעהמען אן ערנסטע שטעלונג אין דעם ענין. די פעלקער ליגע האט געדארפט ווייזען, אז זי האט נאך עפעס וואס צו זאגען. זי האט געמוזט אין דער דרינגענדער שעה זאגען א שטרענג ווארט, און פאדערען באלדיגע שריט אפצושטעלען און פארטרייבען די מלחמה געפאהר.

מיט דעם וואס די ליגע האט פארשוויגען, האט זי געוויזען, אז זי האט שוין אויסגעהויכט איהר לעצטען אטעם, און האט שוין אויפגעהערט צו עקזיסטירען ווייל וואס בארעכטיגט איהר עקזיסטענץ, אויב ניט, אין פאל פון א סכסוך צווישען צוויי פעלקער, און איבערהויפט צווישען א שטארקען און א שוואכען, צו אויסגלייכען דורך א פרידליכער פארמיטלונג?

דער פעלקער ליגע׳ס פארשוויגען דעם ענין איטאליע-עטיאפיע, האט נעמיינט א בארעכטיגונג פון מוסאליני׳ס מלחמה שטיק, און געלאזען א צווייפעל אין דער גאנצער ערענסטקייט פון דער ליגע, וואס פרעטענדירט צו זיין דער ארגאן פון און פאר דער וועלט פאליטיק. און באמת שטעלט זיך די פראגע, פאר וואס האט די

פעלקער ליגע ביז איצט ניט ארויסגעשטעלט די פאָדערונג פון א פאראייניגטער אייראָפא, אָדער לכל הפחות אויפפאָדערען די אלע, וואָס האָבען מעהר לאנד ווי מענשען, צו עפענען זייערע טויערען? דאָס וואָלט דאָך ניט געווען דערלאָזט איטא־ליענישען פאשיזם, דייטשען נאציזם און וואָלט באמת אָפגעשאפט די סכנות פון מלחמה.

פארוואָס זאָלען די אונבאפעלקערטע לענדער פארשליסען זיך פאר די הונדער־טער מיליאָנען הונגעריגע פון אייראָפא, און ניט לאָזען זיי אריין צו געפינען א פלאץ פאר זיך? דאָס האָט דאָך געדארפט זיין די פאָדערונג פון דער ליגע נאָך מיט יאָהרען צוריק. דאָס וואָלט דאָך געווען אן אנשטענדיגע, גערעכטע פאָדערונג, און די סימפאטיע פון אלע רעכט־דענקענדע מענשען וואָלט דאָך געווים געווען אויף איהר זייט.

אויב די פעלקער ליגע האָט ניט געטאָן אזוי, מיינט עס, אז זי האָט קיין פאָזיטיווע שטעלונג צו אזעלכע זאכען, אז זי איז ניט מעהר ווי סתם אזוי אן אינסטיטוציע, מיט א נאָמען, וואָס מיינט גאָר ניט און אז זי דינט די אינטערעסען פון די אימפעריאליסטישע לענדער און איז זייערס אן אינסטרומענט.

מוסאָליני וועט אָהן א ווידערשטאנד ניט אָפטרעטען פון דעם היסטאָרישען קריג. זיין לאָזונג פאר איטאליע איז דאָך נאָר אן אימפעריע: צו געפינען שטעדט, צו אנטדעקען קאָלאָניעס, און צו שאפען א טעריטאָריעלע, פאָליטישע און עקאָנאָ־מישע אימפעריע. ער גלויבט, אז ער מוז די מיסיע דורכפיהרען; אז ער מוז רעאליזירען די חלומות פון דער רוימישער אימפעריע, וואָס איז אין זיין פאָרשטע־לונג און צו זיין דער דוטשע; ער איז דאָך עלול אפילו זיין לעבען אוועקצו־געבען, אבי צו פאלען א מארטירער פאר זיין פאָטערלאנד.

דער וואָלף איז הונגעריג, ער וויל פארצוקען, ערווארפט זיך אויפ'ן ערשטען קרבן, אויף זיין היסטאָרישען קרבן, אויף אפריקא. אָפהאַלטען איהם פון זיין שפרונג קאָן מען דורך א פאראייניגטער אקציע פון אלע אייראָפּייאישע מלוכות, וואָס זיינען אָנגעשלאָסען אין דער פעלקער ליגע. ווער קען זיך אָבער פארלאָזען אויף די אימפעריאליסטישע מלוכות, וועלכע מיינען קיינמאָל גאָר ניט ערנסט מיט זייערע שלום פראזען.

די איינציגע מלוכה, וואָס מיינט ערנסט מיט איהרע שלום פאָדערונגען, איז די סאָוועטען מלוכה, וועלכע ווייסט, אז די איצטיגע אָפענע צוגרייטונגען צו א מלחמה זיינען אן אָנשטרענגונג צו פארשטארקען דורך א מלחמה די קרעפטען פון פאשיזם, און מיינט אן אָנפאל אויף דעם סאָציאליסטישען ראטענלאנד.

עס איז פאר קיינעם קיין סוד ניט, אז דער איטאליענישער פאשיזם און דער יאפאנישער מיליטאריזם זיינען אנטשלאָסען ארייננצוציהען די וועלט אין קריג. זייערע פלענער ווערען געמאכט לויט די וואונשען פון די פאשיסטישע כחות, איבער דער גאנצער וועלט; לויט די וואונשען פון דער אלוועלטליכער אימפעריאליסטישער רעאקציע, און לויט די וואונשען פון די אמוניציע פאבריקאנטען.

4. דער „שלום" וואָס האָט באַרעכטיגט קריג

ווען מוסאָליני׳ס אַרמיי האָט אין אָקטאָבער, 1935, געגעבן דעם ערשטען שאָס אויף די אַביסיניער, האָט די גאַנצע וועלט זיך אַ טרייסעל געטאָן. מען האָט געזעהן די זעלבע מהומה ווי אין די יולי־טעג פון 1914. עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס באַווייזט זיך די סאַראיעוואָ דראַמע, וואָס האָט פון איין שאָס באַוואָרפען די גאַנצע וועלט מיט קוילען און באָמבעס.

פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איטאַליע האָט געפיהרט מלחמה מיט אַביסיניע, האָט די וועלט געקוקט מיט גרויס שפּאַנונג אויף די פּאַסירונגען אויפן ווייטען מזרח. מען האָט דערוואַרטעט, אַז אין אַ ליאַדע טאָג זאָל זיך דאָס פייער אַריבער־טראָגען אויפ׳ן אייראָפּייאישען קאָנטינענט.

די אויגען פון דער גאַנצער וועלט זיינען געווען געווענדעט קיין גענף — מען האָט ערוואַרטעט אַ וואָרט פון דעם פעלקער־בונד. מען האָט ערוואַרטעט די אינטערווענץ פון דער פעלקער ליגע, וואָס איז לכתחילה געשאַפען געוואָרען צו שליכטען סכסוכים צווישען פעלקער, צו פאַרהיטען די קלענערע מלוכות, און ניט צו דערלאָזען צו קיין מלחמות.

מען האָט ערוואַרטעט פון דער פעלקער ליגע, זי זאָל זיך אָננעהמען פאַר עטיאָפּיע; זי זאָל שטערען מוסאָליני׳ס אַמביציעס; זי זאָל דורכפיהרען סאַנקציעס — עקאָנאָמישע און מיליטערישע, צוריק צו שליידערען מוסאָליני׳ס אַטאַקעס אויף עטיאָפּיע, און שטילען זיין דורשט נאָך בלוט פאַרגיסונג. דער ערפאָלג אָדער מיסערפאָלג פון דער פעלקער ליגע איז דאָך געווען און איז אָפּהענגיג פון דער טראַגישער פראַגע: פרידען, אָדער מלחמה?

דאָס לאַנד וואָס האָט אַרויסגעוויזען די שאַרפסטע געגנערשאַפט, צו דער איטאַליענישער אוואַנטיורע אין אַפריקע, איז געווען ענגלאַנד. זי האָט געטאָן אַלעס (אין פרידליכע ראַמען) איטאַליע זאָל ניט קענען פאַרכאַפּען אַביסיניע. זי האָט געווירקט אויף דער פעלקער ליגע, אָנצונעמען סאַנקציעס געגען איטאַליע. פראַנקרייך איז געווען וואַקעלדיג, צווייזייטיג אין איהרע באַציהונגען צו ענג־לאַנד און איטאַליע. און האָט פאַר דער גאַנצער צייט געוואָלט שאַפען אַן אויס־גלייך צווישען די דאָזיגע צוויי מעכטע.

פאַרוואָס ענגלאַנד איז געווען מעהר פאַראינטערעסירט אין אַן איטאַליעני־שען דורכפאַל, איז פשוט, צוליב איהרע אימפּעריאַליסטישע אינטערעסען אין אַזיע, אַפריקע און אויסטראַליע. ווער עס גיט אַ בליק אויף דער לאַנד קאַרטע פון אַפריקאַ, זעהט, אַז ענגלאַנד האָט זיך געשאַפען אַ גוטען צוגאַנג צו איהרע אַפריקאַנישע קאָלאָניעס, דורך דעם מיטעללענדישען ים, וואָס ליגט ביים צפון טייל פון אַפריקאַ. דאָרטען ביים מיטעללענדישען ים ליגט עגיפּטען, אַ גרויסע ענג־לישע קאָלאָניע. און נאָך עגיפּטען צום דרום פון אַפריקאַ ליגען די גרעסטע ענג־לישע קאָלאָניעס: דער סודאַן און זיד אַפריקאַ.

ביי דעם זעלבען ים ליגט אויך די איטאַליענישע קאָלאָניע ליביאַ.

אין אזיע, ניט ווייט פונם זעלבען מיטעללענדישען ים, ליגט די ענגלישע קאָלאָניע איראַק, און פון דעם זעלבען מיטעללענדישען ים ציהט זיך דער וועג צו אינדיע; און דורך דעם זעלבען וועג פארבינדט זיך ענגלאנד מיט איהרע קאָלאָניעס אין אויסטראַליע.

פאר ענגלאנד איז וויכטיג ניט נאָר דער מיטעללענדישער ים, נאָר אויך דער רויטער ים, וואָס ליגט נאָהענט צו דער ענגלישער עגיפּטען, און וואָס איז פארבונדען מיט דעם מיטעללענדישען ים, דורך דעם סועץ קאנאל. ביים רויטען ים, דארף מען אויך געדענקען, ליגט אויסער עגיפּטען, די איטאליענישע קאָלאָניע עריטרעא, און עטיאָפּיע.

ענגלאנד האָט מורא געהאט אז אויב עטיאָפּיע זאָל איבערגעהן אין די הענט פון איטאליע, וואָלט דערמיט דער רויטער ים און אויך דער צוגאנג צו אינדיע, באהערשט געוואָרען פון איטאליע. די וואסערען פון בלויען נילוס, וואָלטען געווען אין סכנה, און גאנץ עגיפּטען וואָלט געשטאנען אין געפאהר פאר א מעגליכען איטאליענישען איבערפאל פון ליבישען מדבר. גלייכצייטיג וואָלט דערמיט אויך פארשטארקט געוואָרען דער איינפלוס פון איטאליע איבער דעם מיטעללענדישען ים, אזוי, אז איטאליע וואָלט געשטעלט אין געפאהר די הערשאפט פון ענגלאנד איבער איהרע קאָלאָניעס אין אפריקא, אין אזיע און אפילו אין אויסטראַליע.

עס איז דאריבער גאנץ פארשטענדליך געווען ענגלאנדס געגנערשאפט צו מוסאָלינים אפּעטיטען אין אפריקא. ענגלאנד איז בלוטיג פאראינטערעסירט, אז קיין שום לאנד, זאָל ניט באהערשען דעם מיטעללענדישען ים. ווען עס זאָל ניט פּרואווען פארשטארקען איהר איינפלוס אין אפריקא, וועט ענגלאנד גלייך ארויסווייזען א ווידערשטאנד, ווייל דערמיט ווערט געריהרט דער לעבענס נערוו פון דער ענגלישער אימפּעריע.

ענגלאנד האָט זיך ניט אָנגענומען אביסיניעס קריוודע, גלאט אזוי לשם יושר, ווייל זי קען ניט פארטראָגען קיין עוולות. איהר אינטערעסירט גאנץ וועהניג די אינטערעסען פון אן אונטערדריקט פאָלק. און ווען דאָ וואָלטען ניט געווען פארוויקעלט איהרע אייגענע אינטערעסען וואָלט זי זיך ניט געהיצט. ענגלאנד וואָלט געשטאנען אָן א זייט און געקוקט גלייכגילטיג צו די אומרעכטען. זי וואָלט געהאנדעלט פונקט אזוי, ווי זי האָט געהאנדעלט מיט א צייט צוריק, ווען יאפּאן האָט פארכאפּט שטיקער פון כינע אין מאנדזשוריע. די עוולה פון יאפּאן, איז דאָרטען געווען ניט פיעל קלענער ווי די עוולה פון דער איטאליענישער אוואנטיורע אין אביסיניע. אָבער דאָרטען זיינען ענגלאנדס אינטערעסען ניט געווען אזוי שטארק פארבונדען, אז זי זאָל אָפּען און שארף זיך שטעלען געגען יאפּאן.

מוסאָליני פון זיין זייט, האָט גאנץ גוט געוואוסט, אז ער וועט באגעגענען א שטארקע געגנערשאפט. ער האָט געוואוסט, אז ענגלאנד וועט איהם ניט צולאָזען דעם „פעטען" ביסען פון אביסיניעס רייכטימער. זיין חשבון איז געווען אזוי: אויב מען נויטיגט זיך אזוי שטארק אין איטאליע, אלס א קראפט געגען היטלער'ן, וועט מען איהם מוזען צאָהלען דעם פּרייז דערפאר, און אביסיניע וועט זיין דער

פרייז. זיין הויפט האפנונג האט ער געוועהנליך געלייגט אויף פראנקרייך, וועלכע ציטערט פריהער פאר אלץ, פאר אן אנגריף פון דער היטלעריסטישער דייטשלאנד. און ער האט זיך ניט גענארט. פראנקרייך האט אים די גאנצע צייט געשטיצט און נעהאלפען. פראנקרייך וויל אנהאלטען פריינדשאפט מיט ענגלאנד און איטאליע, האט זי געהאלטען אין איין זוכען אן אויסוועג צו דערגרייכען א פארשטענדיגונג צווישען זייביידע. פראנקרייך האט געזוכט עצות, נאכצוגעבען מוסאליניס פארלאנג אין אפריקא און בעאיינפלוסען די ענגלישע דיפלאמאטען, זי זאלען צושטימען. זי האט אויך ניט געוואלט זיך איינרייסען מיט ענגלאנד. פאר וועמען זי ציטערט, זי זאל ניט מאכען קיין אפענעם בונד מיט היטלערן.

פראנקרייך האט דאריבער געהאלטען אין איין זוכען מיטלען, ווי אזוי צו קענען אנהאלטען איהר שלום מיטביידע גרויסע מעכטע, און שליכטען דעם קאנפליקט צווישען ענגלאנד און איטאליע. קלוגע מענשען האבען באלד פארשטאנען, אז פראנקרייכס אויסגלייך וועט זיין א צוטיילונג פון עטיאפיע — צו געבען איטאליען די טעריטאריע וואס זי וועט האבען פארכאפט. עס איז דאריבער ניט געווען קיין איבערראשונג ווען אט דער „שענדליכער" שלום פארשלאג, איז געמאכט געווארען. דאס דערווארטעטע און פאראויסגעזעהענע האט פאסירט. די רעגירונגען פון ענגלאנד און פראנקרייך, וועלכע שטעלען אוועק זייערע אימפעריאליסטישע אינטערעסען העכער פון די אינטערעסען פון שלום און יושר, פון די אומאפהענגיגע קליינע פעלקער, זיינען ארויסגעקומען אין דער עפענטליכקייט מיט אזא שלום אנבאט. און נאך מעהר, אזוי שנעל ווי די דאזיגע צוויי מעכטע האבען אנגעהויבען פירען די דאזיגע פארהאנדלונגען און זיך געאייניגט אויף אזא פריידענס פלאן, האט שוין די פעלקער ליגע אויפגעהערט אנצוגעהן מיט איהרע סאנקציע מיטלען.

דער דאזיגער פאררעטערישער שלום האט א תל געמאכט פון דער אומאפהענגיגקייט פון עטיאפיע. בארעכטיגט די רויבעריי פון איטאליענישען פאשיזם, פארראט די באשלוסען פון די 52 מלוכות אין דער פעלקער ליגע, וועלכע האבען געשלאסען א בלאק געגען דער איטאליענישער אגרעסיע.

די אימפעריאליסטען פון ענגלאנד און פראנקרייך האבען דאן ארויסגעוויזען זייערע אמת'ע כוונות. זיי האבען זיך באוויזען אין אמת'ן געשטאלט. זיי האבען בארעכטיגט די שחיטות אויף די טויזענטער אומשולדיגע מענער, פרויען און קינדער אין עטיאפיע! זיי האבען בארעכטיגט די אונטערדריקונג פון שוואכע פעלקער! — אויל סאנקציעס געגען איטאליע, וואס וואלט געמיינט אן אנטשיידענעם קלאפ איבער איטאליעס אמביציעס, האבען זיי ניט געוואלט אזוי שנעל אנווענדען; דעם באיקאט געגען איטאליע האבען זיי פארנאכלעסיגט — אבער אוועקצורייסען פון עטיאפיע שטיקער טעריטאריע — מיט דעם האבען זיי זיך ניט געשעהמט ארויסצוקומען אין דער עפענטליכקייט...

די פּאציפיסטען, פּראָגרעסיסטען, און פרידענס ליבענדע מענשען, וועלכע האָבען נאָך פיעל אכט געלייגט אויף די דאָזיגע מלוכות, האָבען געהאט א גוטע לעקציע, ווי אזוי מען קען זיך פארלאָזען אויף דיפּלאָמאטען; מיט וואָס פאר אן ערענסטקייט זיי טרעטען צו צו פארזיכערען דעם וועלט פרידען, זאָל דאָ אָבער באטאָנט ווערען, אז דער איטאַליעניש אביסינישער קאָנפליקט וואָס האָט זיך געענדיגט מיט א זיג פאר מוסאָלינין, פּירט צו א נייעם וועלט קריג. אויב עטיאָפּיע איז צוטיילט געוואָרען, דאַן מוזען פּאָרקומען נאָך צוטיילונגען אין קאָלאָניעס. מען דארף האָבען אין זינען אז די דריי גרויס מאכטען: יאפּאן, דייטשלאַנד און איטאַליע, פּאָדערען א נייע צוטיילונג פון קאָלאָניעס, אָדער באהערשען פעלקער וואָס זיינען ביז היינט פריי.

די דאָזיקע לענדער האָבען זיך פאר דער מלחמה פארשפּעטיגט אין זייערע קאָלאָניאַלע פּאָדערונגען. זיי האָבען באַקומען בלויז די ברעקלאך, וואָס זיינען אראָפּגעפאלען פון די טישען פון די אנדערע אימפּעריאַליסטען. נאָך דער מלחמה האָבען זיי אָנגעהויבען א נייעם קאמף פאר א קאָלאָניאלער צוטיילונג. זייערע שאנסען אויף א זיג זיינען א סך קלענער געוואָרען, צוליב פארשידענע אורזאכען, און איבערהויפּט צוליב דעם ניי צוגעקומענעם פאקטאָר: דער וואַקסענדיגער ווידערשטאנד פון די קאָלאָניאַלע פעלקער נאָך דער וועלט מלחמה. די לעצטע האָבען אָנגעהויבען גלויבען אין זייערע אייגענע רעכט און כוחות. עס איז גענוג א טראכט צו טאָן, איבער דעם אָפּקלאנג, וואָס עס האָט געהאט די איטאַליענישע אינטערווענץ אין עטיאָפּיע, צווישען די נעגערס און אפריקא, אין אמעריקא, און איבעראַל. די נעגערס פון דער גאנצער וועלט האָבען ארויסגעוויזען די גרעסטע סימפּאטיעס צו אביסיניע. די אויפרעגונג צווישען די קאָלירטע פעלקער, צוליב דער איטאַליענישער באדראָהונג, באווייזט, אז דער פארכאפּונג קריג, וועט פארשטארקען דעם קאמף פון די קאָלאָניאַלע פעלקער. דאָס וועט נאָך מעהר אויפטרייסלען די שווערע זיילען וואָס האלטען אונטער דעם שלום.

ענגלאַנד וועט סוף כל סוף פיהלען אז איהרע וויכטיגסטע קאָמוניקאציע שטרעקעס זיינען אין געפאהר. קיין שום דעקלאראציע פון איטאַליע, וועט ניט באַרוהיגען ענגלאַנד, וועלכע ווייסט, אז אין דער פּאָליטיק רעכענט מען זיך ניט מיט ווערטער, נאָר מיט פאקטען, און דייטשלאַנד און יאפּאן קריגען דערמיט פרייע הענט, צו פארכאפּען לענדער און קאָלאָניעס. דאָס וועט באדראָהען דעם שלום און שטעלען אין געפאהר דעם גאנצען וועלט פרידען. אויך די קאָלאָניעס גופא וועלען אָנהויבען פיהרען א שטארקע באוועגונג געגען די מיאוסע מעשים פון די אימפּעריאַליסטען, ווי דער פאל איז אין עגיפּטען, וואו עס זיינען פאָרגעקומען אומרוהען, וואָס האָבען פאראורזאכט צוזאמענשטויסען צווישען דער ענגלישער פּאָליציי און דער ציווילע באפעלקערונג. די עגיפּטישע נאציאָנאלע פּאַרטיי „וואפאר" האָט דאָ געוואָלט אויסנוצען די געלעגענהייט צו באקומען

פון ענגלאַנד אַ קאָנסטיטוציע. עס זיינען פאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס געגען דער ענגלישער פּאָליטיק. עס זיינען געפאַלען קרבנות און ענגלאַנד איז געווען גע־צוואונגען נאָכצוגעבען געוויסע הנחות. די וואַקעלדיגע פּאָליטיק פון אַלע לענדער וועט פיהרען צו אַ קריג, און ענגלאַנד, דער הויפּט טשעמפּיאָן פון דער פעלקער ליגע, וועט אין דעם פיעל שולדיג זיין.

קאפיטעל 13

דער היטלער רעזשים אין דייטשלאנד

1. פינף יאָהר היטלעריזם

דער היטלער־רעזשים אין דייטשלאנד איז שוין אין זעקסטען יאָהר פון זיין עקזיסטענץ. פאר די פינף יאָהר האָט דער היטלעריזם פארוואנדעלט איינע פון די קולטורעלסטע לענדער פון דער וועלט אין א מיטעלאלטערישער תפיסה. דאָס דייטשע פאָלק שמאכט שווער אונטערען יאָך פון פאשיזם. אָבער די תפיסה וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס היינטיגע דייטשלאנד, ווערט געהיט דורך גוט באַוואפנטע וועכטער. די באריכטען, וואָס קומען אָן פון היינטיגען דייטשלאנד, דערציילען וועגען העלדישע קאמפען פון יחידים. זיי באווייזען אז די דייטשע מאסען האָבען נאָך נישט צוריקגעפונען דעם גלויבען אין זיך, און קיין אָרגאניזירטע מאסען באוועגונג געגען נאצי רעזשים איז נישט בנמצא. דאָס שווערע און פארביטערטע לעבען, דאָס גליק און מזל פון היטלער רעזשים אין דער אינטערנאציאָנאלער פּאָליטיק, האָט געמאכט אזוי דענקען דעם דייטשן פאָלקס מענש, אז ער מוז זיך בייגען פאר דער היטלער אָרדנונג.

דער היטלעריזם איז אן אינטערנאציאָנאלער פראָבלעם; פאר דער צייט פון זיין עקזיסטענץ איז ער געוואָרען דער סימבאָל פון דעם בייזען גייסט פון דער וועלט, ער ווארפט אָן אן אימה׳דיגען שאָטען אויף אלע מלוכות און לענדער און געפינט פריינד און פארבינדעטע וואָס פארשפרייטען זיינע תורות. ער האָט זיך פארבינדען אויף לעבען און טויט מיט פראנקאָן... ער האָט אָרגאניזירט פארשוועי־רונגען אין טשעכאָסלאָוואקיע, רומעניע, אונגארען, פינלאנד, איראק, מאראָקאָ און לעטלאנד. (אין דרום אמעריקא, אין צפון אמעריקא, איבערהויפּט אין קאנאדע אין דער פראָווינץ קוויבעק ארבייטען היטלעריסטען לויט די אָנווייזונגען און דירעקטיווען פון היטלער־דייטשלאנד אזוי אז ער איז געוואָרען דער גרעסטער גע־פאר און דראָהונג פאר שלום).

אינטערעסאנט איז די שטיצע פון די קאפּיטאליסטישע מאגנאטען פארן היטלער רעזשים. היטלערס מאכט ווערט געזיכערט ניט בלויז מיט קרופּס מאר־קען, נאָר אויך מיט דאָלארען און פונטען פון דער אינטערנאציאָנאלער בערזע. אמעריקאנער באנקירען און ענגלישע מאגנאטען האָבען מיט א ברייטער האנט געשטיצט דעם היטלעריזם, און די רעאקציאָנערע הערשאפט פונם „דריטען רייך”. די זעלבע וואָס האָבען פון דעמאָקראטישען דייטשלאנד געשונדען די הויט, זיינען מוחל היטלערן די חובות, און העלפען איהם באוואפענען און ברעכען זייער אייגענעם ווערסאלער פרידענס אָפּמאך.

ווען היטלער האָט געמאָלדען, אַז ער וויל זיך באוואפענען, האָט ענגלאַנד באַלד אנערקענט פאר איהם דאָס רעכט אויפצובויען א קריגס־פלאָט, וואָס זאָל אויסמאכען 35 פּראָצענט פון מעכטיגען ענגלישען פלאָט. דאָס האָט אים געגעבען גענוג מוט, ער זאָל איינפיהרען צוואנג מיליטער דינסט, אויפצובויען א מעכטיגע קריגס אינדוסטריע און מיט תקיפות ברעכען דעם לאָקאַרנאַ אָפּמאַך. די דייטשע קריגס אינדוסטריע איז געבויט געוואָרען מיט דער הילף פון די וועלט מאגנאַטען, אפילו פון פראנצויזישע, וועלכע האָבען אָפּגעלעקט א היפּשען ביין פון דער אינטענסיווער באוואפענונג. היטלער האלט זיך מיטן חסד פון זיינע אויסלענדישע פריינד.

וואָלטען די דעמאָקראַטישע לענדער געוואָלט צוברעכען דעם היטלעריזם, וואָלטען זיי עס געקאָנט טאָן אָן א קריג. די קאפּיטאַליסטישע וועלט, וואָלט נאָך היינט דורך אן עקאָנאָמישען באָיקאָט געקענט פּאראַליזירען דעם דייטשען פאשיזם. זיי טוען עס ניט, ווייל אויך זיי פּראָפיטירען פון דייטשלאַנדס באוואפענונג, און זיינען פאראינטערעסירט אין דייטשלאַנדס קריגס אינדוסטריע. דער פאשיזם איז דאריבער נישט קיין פּראָבלעם פון איין לאַנד און פון איין פאָלק, נאָר איז אן אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעם, אין וועלכען אַלע מענשען זיינען פארבונדען.

באקעמפען היטלערן און דעם אינטערנאַציאָנאַלען פאשיזם קען מען נאָר דורך שטיצען אקטיוו ענטוואפנונגס פּאָליטיק, וואָס קען דורך עקאָנאָמישע מאסמיטלען ארויפגעצוואונגען ווערען אויך אין די פאשיסטישע לענדער. דורך קאמף געגען קריגס געפאהר, געגען די כסדר־דיגע קאפּיטולאציעס פאר היטלערן און אנדערע פאשיסטישע רעזשימען...

2. היטלערס „דריטער רייך"

די „נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע" אין דייטשלאַנד האָט פאר די לעצטע יאָרען געמאכט טיפע ענדערונגען אין דער פּאָליטישער אָרדנונג. פאָרמעל איז טאקע אַלץ געבליבען ווי געווען: די ווייטאר קאָנסטיטוציע איז ניט בטל געוואָרען, עס איז דאָ א רייכסטאג. בראש פון דער מלוכה שטעהט דער פּרעזידענט, פריהער איז געווען פּרעזידענט פעלדמארשאַל פאָן הינדענבורג; נאָך הינדענבורגס טויט (פּרעזידענט הינדענבורג איז געשטאָרבען אויג. 2, 1934) איז היטלער ארויף אויף דעם פּרעזידענט טראָן, און איז געוואָרען דער אַלמעכטיגער אָפיציעלער זעלבסטהערשער. די ארמיי, דאָס געריכט, די אדמיניסטראַציע פונקציאָנירט לויט די געזעצען פון דער נאָך מלחמה־דיגער רעפּובליק. אין אמת'ן אָבער, איז די ווייטאר קאָנסטיטוציע א פארגאנגענהייט, וואָס עקזיסטירט שוין ניט מעהר. פון דעמאָקראטיע, פון פּאַרלאמענטארישען רעזשים איז שוין קיין זכר ניט געבליבען. די וואהלען זיינען א קאָמעדיע. דאָס געריכט, די אדמיניסטראַציע — אַלץ איז אונטערגעוואָרפען דער דיקטאטור.

נאָך הינדענבורגס טויט, איז היטלערן אויך געלונגען צו קאָנצענטרירען אין זיינע הענט די גאנצע מאכט איבער דייטשלאַנד, א מאכט וואָס שטייגט אריבער

דער קייזערליכער פון פאר דער רעפובליק. אינם באריכטען פלעביסציט דעם 19־טען אויגוסט 1934 אין וועלכען דאס פאלק האט געשטימט „יא" אדער „ניין" פאר אדער געגען היטלערן, איז היטלער ערוועהלט געווארען צו דער מאכט וואס ער האט זיך אליין גענומען פאר דעם פלעביסציט. היטלער'ס ערוועהלונג אלס פרעזידענט איז ניט געווען קיין איבעראשונג אדער גוואלדיגע אנטוישונג. מען האט זיך גערעכנט אויף דעם. נאך פאר דער אפשטימונג האט מען פארויס געקענט זעהן אז די רעזולטאטען פון דער פאלקס אפשטימונג וועלען זיין פאר היטלערן.

מען קען זיך גאנץ גוט פארשטעלען וואס עס מיינט א פלעביסציט אונטער דער נאצי בייטש. ווען מען דארף שטימען פאר דעם וואס איז אין מאכט; ווען מען סטראשעט מיט לעבענס געפאהר, אויב מען וועט שטימען געגען. עס איז אוממעגליך צו שילדערען דעם טעראר, און געוואלד מיטלען וואס מען האט אנגעווענדעט, דאס דייטשע פאלק זאל מוזען שטימען „יא" פאר היטלערן. און עס איז באמת געווען די גרעסטע איבעראשונג וואס אפילו אין אזא צייט, האבען זיך פיעלע איינגעשטעלט צו שטימען געגען היטלערן.

די כמעט פינף מיליאן דייטשען (4.294.654) וואס זיינען דאמאלסט ארויסגעקומען געגען היטלערן אינ'ם פלעביסציט פאר זיין דערוויילונג אלס פרעזידענט, האבען ארויסגעוויזען די גרעסטע העלדישקייט. גענוג העלדישקייט האבען ארויסגעוויזען די אריבער צוויי מיליאן (2.101.000) וואס האבען זיך צוריקגעהאלטען פון שטימען פאר היטלערן, צו מאכען איהם פאר דעם אלמעכטיגען הערשער און דיקטאטאר; מעהר העלדישקייט האבען אבער באוויזען די וועלכע האבען זיך איינגעשטעלט צו שטימען „ניין" געגען היטלערן — די נאענט פינף מיליאן וועלכע האבען אויסגעדריקט אונצוטרוי צו דעם היטלער רעזשים. צו שטימען „ניין" האט ניט נאר געמיינט א דעמאנסטראציע געגען דעם נאצי רעזשים. דאס האט געמיינט א זעלטענער מוט, און אויסנאמליכע העלדישקייט. מיט זיי דארף מען זיך מעהר רעכענען ווי מיט די אריבער אכט־און־דרייסיג מיליאן (38.362.763) וועלכע האבען געשטימט „יא" פאר היטלערן, צו לעגאליזירען זיין דיקטאטור. אויב דער פלעביסציט זאל עפעס מיינען וואלט דאס געהייסען א שטארקע אפאזיציע געגען היטלערן. ביי דעם פלעביסציט ארויסצוטרעטען פון פעלקער בונד, נאוועמבער 1933, האט היטלער באקומען 40.609.247 דאס הייסט 93 פראצענט פון אלע שטימען, און אין אויגוסט אין די פרעזידענט וואהלען, האט ער באקומען 88 פראצענט. דאס פאלק האט שוין געהאט אביסעל פארלארען דעם צוטרוי צו איהם.

היטלער האט זיך געשטעלט אן אויפגאבע אויסצוראטען דעם ליבעראל דעמאקראטישען רעזשים, און אויף זיין ארט אויסצובויען דעם „דריטען רייך" א דיקטאטארישע מלוכה וואס איז לחלוטין מבטל די אויטאנאמיע פון דעם אינדיווידועלען בירגער. דער דייטשער נאציאנאל־סאציאליזם, ווי דער איטאליענישער פאשיזם, די פרינציפיעלע געגנער פון פארלאמענטארישע דעמאקראטיע, ווילען אויפבויען א שטאט, וואס זאל קאנטראלירען און רעגירען איבער אלע פונקציעס פון פערזענליכען געזעלשאפטליכען אוןווירטשאפטליכען לעבען.

אריינקומענדיג אין מאכט האָט היטלער דורכגעפיהרט דאָס, וואָס ער האָט צוגעזאָגט. די נאַצים האָבען איבערגענומען דעם גאַנצען מלוכה אפּאַראַט. די פּאָליציי, די געריכטען, די תפיסות, די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען א. א. די סאָציאַל דעמאָקראַטישע און קאָמוניסטישע פּאַרטייען זיינען פאַרניכטעט געוואָרען. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט די אנדערע פּאַרטייען, ווי דער קאַטוילישער צענטרום און די בייערישע פאָלקס פּאַרטיי, וועלכע האָבען זיך אליין געמוזט ליקווידירען. אַלע מלוכה׳שע און געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, וויסענשאַפטליכע אקאדעמיעס, און אוניווערזיטעטען, צייטונגען, זשורנאַלען און פאַרלאַגען — אלע האָבען געמוזט איבערגעהן צו די נאַציאָנאַל סאָציאַליסטען, די איינציגע הערשער פון לאַנד זיינען די נאַצים. דער „פירער" פון די נאַצים, איז היטלער, דער מקור פון מאכט. דורך זיין פּערזענליכער דיקטאַטור, ווערט אַלץ קאָנטראָלירט, דורך זיין פּאַרטיי, ווערט אַלץ רעגירט און געפירט.

דער פאַשיסטישער נצחון אין צענטראַל אייראָפּא (דייטשלאַנד און עסטרייך) האָט אויך גרינדליך געענדערט די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע. היטלערס דייטשלאַנד האָט צעבראָכען די אנטוואָפענונגס קאָנפערענץ. דייטשלאַנד באַוואָפענט זיך אויפן אינטענסיווסטען אופן און קיינער שטערט איהר ניט. דייטשלאַנד האָט אויפגעהערט צו צאָהלען די אינטערנאַציאָנאַלע חובות, אין דער זעלבער צייט געפינט אָבער היטלער גענוג מיטלען צו קויפען אין אויסלאַנד ריזיגע זאַפּאַסען פון רויהע מאַטעריאַלען פאַר די אמוניציע פאַבריקען.

די גאַנצע באַפעלקערונג, און די פאָלקס ווירטשאַפט אין דייטשלאַנד ווערט מאָביליזירט פאַר א מלחמה, אונטער דער מאַסקע פון נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער פרידענס פּאָליטיק. אונטער דעם אויסרייד פון „פרייוויליגע ארבייטס דינסט", גרייט מען צו פאַר דער ארמיי הונדערטער טויזענטער יונגעלייט, וואָס זאָלען זיין גרייט, אין פאַל פון א מלחמה, פאַרוואַנדעלט צו ווערען אין רעזערוו באַטאַליאָנען. די אוניווערזיטעטען, די שולען, אלץ ווערט פאַרוואַנדעלט אין מיליטערישע שולען וואו מען לערענט מיליטערישע איבונגען און מען גרייט צו סאָלדאַטען און אָפיצירען. אין צייט פון קריג זאָלען זיי זיין גרייט מיט דער שווערד און ביקס ארויסצוגיין אין פראָנט.

3. היטלערס דערגרייכונגען אויפן ווירטשאַפטליכען געביט

וועגען די סיבות וואָס האָבען געפירט צו דער קאַטאַסטראָפע אין דייטשלאַנד האָבען מיר שוין א גאַנץ רייכע ליטעראַטור. דער סאָציאַליסטישער געדאַנק האָט געאַרבייט — און ארבייט נאָך היינט — אינטענסיוו אויסצוגעפינען די אָביעקטיווע און די סובּיעקטיווע סיבות פון דער קאַטאַסטראָפע. די בעסטע סאָציאַלאָגען און פּובליציסטען האָבען פלייסיג געאַרבייט אויסצוגעפינען די ענדערונגען פון מאָנאָפּאָלישען קאַפּיטאַליזם, דעם באַזונדערען כאַראַקטער פון לאַנג דויערענדען עקאָנאָמישען קריזיס און די ראַדיקאַלע ענדערונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער נאָך מלחמה צייט, אין אלע סאָציאַלע קלאַסען — אין פּראָלעטאַ-

ריאט, מיטעלשטאנד און אינטעליגענץ. זיי האָבען זיך גענומען אויספאָרשען די סאָציאַל פּסיכאָלאָגישע פּראָצעסען אין די פאָלקס מאסען. די פאַרשאַרפטע נאַציאָנאַליסטישע לײדענשאַפטען, דעם קריזיס פון פּאַרלאַמענטאַריזם, די צושפּליטערונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט, א. א. וו.

עס זיינען באַוויזען געוואָרען די סוביעקטיווע סיבות; די טעות'ן פון דער דייטשער סאָציאַל דעמאָקראַטיע און דער נאָוועמבער רעוואָלוציע פון 1918, דער „רעפאָרמיזם" אין די ארבייטער רייען, די ניט ריכטיגע טאַקטיק פון די ארבייטער פירער, די ניט אנטשלאָסענקייט און הילפלאָזיקייט פון די פּאַרטיי פירער אין א מאָמענט, ווען מען האָט געדאַרפט האַנדלען דרייסט און מוטיג — אָט דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען, דערקלערען די סיבות פון דער דייטשער קאַטאַסטראָפע, און ווייזען דעם וועג און די מיטלען, ווי אַזוי בייצוקומען די פאַשיסטישע דיקטאַטור.

פאַר דער צייט פון דער היטלער מאַכט אין דייטשלאַנד איז אויך פאָרעפענטליכט געוואָרען א גרויסע צאָל פון ווערק וואָס דערקלערען אונז ניט נאָר פאַרוואָס דער פאַשיזם האָט געזיגט אין דייטשלאַנד, נאָר אויך אין וואָס דער פאַשיזם האָט איהר פאַרוואַנדעלט.

פאַר די לעצטע פינף יאָהר האָט זיך דייטשלאַנד'ס פּנים אַזוי געענדערט אַז עס איז איהר אונמעגליך צו דערקענען. די „פאַשיסטישע רעוואָלוציע" האָט פאַר די עטליכע יאָהר געמאַכט טיפע ענדערונגען אין דער גאַנצער דייטשער אָרדנונג. עס איז אויסגעראָטען געוואָרען דער ליבעראַליזם, די דעמאָקראַטיע, די גאַנצע מאַכט שטייט איין ביי היטלערן און זיינע אַדיוטאַנטען. היטלער אין דייטשלאַנד, פּונקט ווי מוסאָליני אין איטאַליע, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א קולט. ער איז דער הערשער, דער אומבאַגרענעצטער מאַכט-האָבער; דורך זיין פּערזענליכער דיקטאַטור ווערט אַלץ קאָנטראָלירט, דורך זיין פּאַרטיי ווערט אַלץ געפירט און רעגירט.

די נאַציס בויען אויף זייער מלוכה אויפן ראַסען יסוד. די ראַסען טעאָריע איז די נשמה פון נאַציזם. די ראַסען טעאָריע דריקט זיך אויס אין קריגערישען אַנטיסעמיטיזם: אַריער געגען סעמיטען-אידען. אין דער פּראַקטיק ווערט די טעאָריע באַנוצט אויף א גרויזאַמען ברוטאַלען סיסטעמאַטישען פּאָגראָם — אַנטיסעמיטיזם. אידען ווערען פאַרוואַנדעלט אין ברואים, פאַר וועלכע עס איז קיין אָרט ניטאָ אין דייטשלאַנד; די אידען זיינען — לויט געבעלס מיינונג — צושטערענדע טובערקולאָזע באַצילען אין א ריין ארישער מלוכה.

די דאָזיגע ראַסען-טעאָריע ווערט פון די נאַציס פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. די נאַציסטישע דעמאַגאָגיע פאַרשפּרייט זיך איבעראַל. אומעטום נוצען די נאַציעס דעם דאָזיגען גיפט צו פאַר'סמ'ען די לופט און די אַטמאָספערע פאַר אידען, אַזוי, אַז דער קאַמף צווישען היטלערן און די אידען, איז א קאַמף אויף לעבען און טויט.

היטלער'ס זיג איז געקומען אין א צייט ווען דער ווירטשאַפטליכער קריזיס אין דייטשלאַנד האָט דערגרייכט זיין העכסטע שטופע, ווען די ארבייסלאָזיגקייט איז געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער, דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז ניט נאָר

דער מיטעלשטאנד, נאָר אויך א באדייטענדיגער טייל פון ארבייטער קלאַס, זאָל באאיינפלוסט ווערען פון היטלערס סאָציאַלער דעמאגאָגיע, וועלכער האָט געשפּילט די ראָלע פון אן ארבייטער פיהרער, היטלער האָט אלעמען צוגעזאָגט גאָלדענע גליקען; ער וועט א סוף מאַכען מיט דער ארבייטסלאָזיגקייט; ער וועט נאַציאָנאַליזירען די בענק; ער וועט נאציאָנאַליזירען די אינדוסטריע און עס איבערגעבען צום פאָלק; ער וועט שאפען א סיסטעם וואָס וועט דינען אלעמענס אינטערעסען.

וואָס זשע איז געוואָרען פון די אלע הבטחות? וואָס זשע איז געוואָרען פון די אלע צוגעזאָגטע גאָלדענע גליקען?...

היטלערס „ערשטע רעוואָלוציע" איז געבליבען שטעהן. קיין צווייטע „סאָציאלע" רעוואָלוציע האָט ער שוין ניט געוואָלט — און אפשר ניט געקענט מאַכען. אין געגענטייל, היטלער האָט זיך אינגאנצען אונטערגעגעבען די מאגנאטען פון גרויס קאפּיטאַל, וועלכע האָבען אים פינאנציעל געשטיצט אין זיין פּאָליטיק. הינטער די פּלייצעס פון דער מאסקירטער נאצי דיקטאטור, קוקט ארויס די געהיימע איבער דיקטאטור פון גרויס קאפּיטאַל. היטלער האָט כמעט גאָרניט אָנגערירט די יסודות פון קאפּיטאַליזם, ער האָט אפילו ניט געפּרואווט די פאשיסטישע עקספּערימענטען צו באגרעניצען דעם קאפּיטאַל אונטערן שטאַט.

די בראַונע שטורמער, וועלכע האָבען היטלערן געמאכט פּאר א פירער, און „אויסלייזער", און גענומען גאנץ ערנסט זיינע פארשפּרעכונגען, האָבען טאקי געוואָלט אויספירען א גרויסען טייל פון היטלערס פּראָגראַם, צו מאכען א אמת'ע פאשיסטישע רעוואָלוציע, לויט זייער גלויבען. ניט קענענדיג איינצאַמען די גייסטער וועלכע ער האָט ארויסגערופען צום לעבען; מורא האָבענדיג פאר אן אויפשטאַנד, האָט היטלער אָנגעהויבען באקעמפען זיינע אייגענע מענשען. ער האָט אָנגעהויבען באקעמפען די „לינקע" פון די ארבייטער עלעמענטען אין זיין ברוינער ארמיי.

היטלערס וויכטיגע אויפגאבען, איז אויפצולעבען די ווירטשאפט אין דייטשלאנד, און ליקווידירען די ארבייטסלאָזיגקייט. דערווייל איז ער נאָך גאנץ ווייט פון זיין ציעל. די עקאָנאָמישע פּאָליטיק איז ווייט ניט קיין זיכערע: פון איין זייט וויל מען קאָנטראָלירען דאָס ווירטשאפטליכע לעבען; פון דער אנדערער זייט שטיצט מען די פּריוואטע איניציאטיווע. פון איין זייט פּראָפּאגאנדירט מען סאָציאַליזם, און פון דער אנדערע זייט פארקויפט מען זיך, און מען חנפנ'ט זיך צו די קאפּיטאַליסטען.

אזוי שנעל ווי היטלער איז נאָר אריין אין מאכט, האָט ער באַלד געלאָזט וויסען דורך זיין מיניסטער, דר. שאכט, אז ער וועט ניט צאָלען קיין חובות. אזא נידערלאגע פון אן אייראָפּיאישער מלוכה, אזא געפאלענקייט פון א רעגירונג איז נאָך ניט געהערט געוואָרען זייט דעם ווערסאַלער אָפּמאך.

צוליב דעם היטלעריסטישען חיה'שען אנטיסעמיטיזם האָט די פּראָגרעסיווע וועלט, צוזאמען מיט דער אידישער אָנגעפירט א באָיקאָט אויף סחורות וואָס קומען פון היטלער דייטשלאנד. צוליב דעם אנטי־נאצי באָיקאָט האָט דייטשלאנד פארלוירען מיליאָנען. דער עקספּאָרט איז וואָס אמאָל געזונקען און פארקלענערט געוואָרען.

מיט ווילן דאָ ברענגען עטליכע פאַקטען וועגען דער ווירקונג פון באָיקאָט (אין די ערשטע יאָרען) אויף דער דייטשער עקאָנאָמיע און ווירטשאַפט. דער עקספּאָרט, וואָס איז שטענדיג געווען דער רוקענביין פון דער דייטשער אינדוסטריע, איז געזונקען פון טאָג צו טאָג, און מיט'ן עקספּאָרט איז געפאַלען דער ווערט פונם מארק, וואָס האָט פאַראורזאַכט א גרויסען יקרות אין לאַנד.

אין יאָר 1932 דאָס לעצטע יאָר פאַרן היטלעריזם, האָט דייטשלאַנדס אימפּאָרט באַטראָפען 466,700,000 דייטשע מארקען; דער עקספּאָרט האָט דאַן אָנגעטראָפען — 5.739,000,000. אין יאָר 1933, דאָס ערשטע יאָר פון היטלער רעזשים, האָט דייטשלאַנדס אימפּאָרט באַטראָפען 4.203,600,000 און דער עקספּאָרט שוין ניט מער ווי 4.871,000,000. אין יאָר 1932 האָט דייטשלאַנד אימפּאָרט פון די פאַרייניגטע שטאַטען באַטראָפען א סומע פון 133,668,297 דאָלער און דער עקספּאָרט — 73,571,664; און אין יאָר 1933 האָט דער אימפּאָרט אָנגעטראָפען 139,966,575 און דער עקספּאָרט שוין ניט מער ווי 78.167,612 דאָלער. אין יאָר 1934 איז דער עקספּאָרט פון די פאַרייניגטע שטאַטען ארונטערגעזונקען אויף גאַנצע 42 פּראָצענט.

אין יאָר 1932 האָט דייטשלאַנד געהאַט א באַלאַנס פון עקספּאָרט איבער אימפּאָרט א סומע פון טויזענט און 72 מיליאָן מארקען; אין יאָר 1933 שוין ניט מער ווי 667 מיליאָנען; און אין יאָר 1934 איז דייטשלאַנדס עקספּאָרט געווען ניט מער ווי 2.086,203,000 און איר אימפּאָרט איז געשטיגען אויף 2.302,486,000 מארקען.

די גאַנצע שלעסער אינדוסטריע, וואָס האָט זיך געהאַלטען אויפ'ן עקספּאָרט און אַזוי ארום ארויסגעהאָלפען דייטשלאַנד אין יעדען עקאָנאָמישען קריזיס, איז אָפּגעשטעלט געוואָרען. די פוטער אינדוסטריע, וואָס האָט געהאַט איר צענטער אין לייפּציג, איז איבערגעגאַנגען קיין לאָנדאָן. דאָס זעלבע איז געווען מיט דער שפּילצייג אינדוסטריע, וואָס האָט פאַרלוירען מער ווי 50 פּראָצענט פון איר עקספּאָרט. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט'ן עקספּאָרט פון דער דייטשער ליטעראַרישער פּראָדוקציע, וואָס איז שטארק געפאַלען נאָך דער נאַצי איבערקערעניש.

ווען דער אנטי נאַצי באָיקאָט האַלט אָן אַזוי שטארק א לענגערע צייט וואָלט עס געווען געבראַכט דערצו אז די דייטשע מאַסען זאָלען געוועןאיינזעהן אין וואָס פאַר א זומפּ דער „פּירער" שלעפּט זיי ארײַן. זיי וואָלטען וואָס שנעלער זיך אנטוישט אין זייער „אויסלייזער" און וואָלטען זיך צובונטעווען געגען אים און זיין ממשלה, און א „נייע" סאָציאַלע רעוואָלוציע וואָלט אויסגעבראָכען אין דייטשלאַנד.

די נאַצים באַרימען זיך, אז זיי האָבען פאַר די לעצטע פינף יאָר דורכגעמאַכט א פּעריאָד פון עקאָנאָמישען אויפשוואונג. מוז מען צוגעבען, אז נאָך דעם יאָר 1935, ווען די וועלט האָט שלום געמאַכט מיט'ן געדאַנק, אז אין דייטשלאַנד הערשט אַזא היטלער־רעזשים, און עס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען דער אנטי־נאַצי באָיקאָט, האָט דייטשלאַנד געמאַכט גרויסע אינדוסטריעלע רווחים. מען דאַרף אָבער אויך וויסען די סיבה פון דער אויפלעבונג.

היטלערס ערפאָלג ערקלערט זיך ערשטענס דערמיט, וואָס גראָדע זיין קומען צו דער מאכט איז זיך צונויפגעפאַלען מיט דעם אָנהויב פון אן אַלגעמיינער עקאָנאָמישער אויפלעבונג אין אייראָפּע. א מער אנטשיידענע ראָלע אין דעם אויפבלי פון דער דייטשער אינדוסטריע שפּילט די פיבערהאַפטע באוואָפענונג.

היטלערס פּראָגראַם איז א פּראָגראַם פון עקאָנאָמישער צוגרייטונג צו מלחמה, מיליטערישער מאָביליזאַציע פון דער אינדוסטריע און דער גאַנצער פאָלקס ווירטשאַפט. דער מיליטערישער כאַראַקטער פון דעם אויפשוואונג ווערט קלאָר פון דעם ניט גלייכן וואוקס פון דער פּראָדוקציע פון אַרטיקלען פון טאָג טעגלעכן געברויך אין פאַרגלייך מיט די פּראָדוקטען פון דער שווערער אינדוסטריע, וואָס טראָגען אַן אויסגעשפּראָכענעם מיליטעריש־טעכנישען כאַראַקטער, ווי מיר האָבען אין א פריהערדיגען קאַפּיטעל באַוויזען.

היטלער באַרימט זיך, אַז ער האָט כמעט ווי ליקווידירט די אַרבייטסלאָזיגקייט אין לאַנד. אמת, די מאַסען אַרבייטסלאָזיגקייט איז צייטווייליג פאַרשוואונדען, א דאַנק די מיליטערישע צוגרייטונגען אויף אַלע געביטען וואָס האָט איינגעשלונגען מאַסען מענשען.

וואָס הערט זיך אָבער מכח דעם אַרבייטסלוין? היטלערן איז אין „דריטען רייך" געלונגען צו „סטאַביליזירען" (אויף זייער לשון) דעם נידריגסטען אַרבייטסלוין. אויסער די פאַרשיידענע „פּריווילעגיע" אָפּצאָלונגען פאַר די נאַצי אָרגאַניזאַציעס און נאַצי־ יוניאָנס, איז דער היינטיגער אַרבייטס לוין אין דייטשלאַנד דער נידעריגסטער אין פאַרגלייך מיט אַלע שכנישע לענדער. די אַרבייטער שווייגען, ווייל זיי מוזען שווייגען.

עס איז אָבער ניט אויסגעשלאָסען, אַז ביי א גוטע געלעגענהייט זאָלן זיי רעוואָלטירען געגען דעם היטלער רעזשים, אים אַרונטערוואַרפען פון דער געשיכטליכער אַרענע, און אויף זיין פּלאַץ אוועקשטעלען א נייע אָרדנונג, וואָס זאָל געבען פרייהייט צו אַלע קלאַסען, צו אַלע שיכטען און צו אַלע נאַציעס.

פאַרשנעלערען דעם פּראָצעס קען מען נאָר דורך קאַמף געגען דעם העסליכסטען שענדליכסטען אַנטיסעמיטיזם, געגען פאַשיזם און רעאַקציע, פאַר א נייער בעסערער סאָציאַלער אָרדנונג.

4. היטלערס צווייטע רעוואָלוציע

די פּאַסירונגען פון 30־טען יוני 1934 אין דייטשלאַנד, האָט געגעבען דער וועלט א וויכטיגע לעקציע. די גאַנצע וועלט האָט באַקומען א געפיהל פון דערמוטיגונג און דערפרישונג, די גאַנצע ציוויליזירטע מענשהייט האָט דערוואַכט פון א שווערען געפערליכען קאָשמאַר.

די פּאָליטיקער פון אָפּטימיסטישען חדר האָבען אין דעם געזעהן די נידערלאַגע פון דעם היטלער רעזשים. זיי האָבען געמיינט, אַז די נאַצי פּראָפּאַגאַנדע וועט אָפּגעשוואַכט ווערן, ניט נאָר אין איהר איינפלוס און ווירקונג, נאָר אפילו אין טעטיגקייט. מען האָט שוין אָנגעהויבען שרייבען „הספדים" אויף דעם היטלעריזם און מען האָט געמיינט, אַז מען איז שוין פּטור געוואָרען פון אים.

אין דער אמת'ן אָבער זיינען דאָס געווען פריהצייטיגע הספדים. נאָך נאָאי־ווע האָבען אין דעם געזעהן דעם שוין געקומענעם טויט אויפ'ן נאַציזם. מען האָט געקענט זעהן אן אָנהויב פון צופאַלענקייט פון דעם היטלעריסטישען בנין. אז די פאַלשקייט פון דעם פאַלשען „משיח" ווערט בישלאַכווייז אויפגעדעקט, און אז די פינסטערע געשטאַלט וועט אינגיכען פאַרלאָזען די געשיכטליכע אַרענע.

אין יענע זיבען בלוטיגע טעג (פון 30־טען יוני ביז'ן 7־טען יולי) אין וועל־כע עס זיינען געפאַלען די בעסטע קינדער פון היטלעריזם, איז קלאָר געוואָרען, אז דער נאַצי רעזשים מאַכט דורך א טיפען קריזיס; אז היטלערס וועגען קענען נאָך בלייבען שטעהן אין זומפּ; אז עס קען שוין קיין רייד ניט זיין וועגען „טויזענט יאָר הערשאַפט" פון היטלעריזם אין דייטשלאַנד.

די בלוטיקע ראַיאָטען און היטלער טעראָר זיינען געווען שרעקלעך און גרויזאַם. היטלערס שיס בריגאַדעס האָבען געאַרבייט אויף אַלע כלים, פאַרניכטענדיג די פּי־רער פון די „ראַדיקאַלע" נאַציס, וואָס האָבען געפאָדערט פון היטלערן ראַדיקאַלע ענדערונגען און רעפאָרמען. דייטשלאַנד איז דאַן באמת געווען א בלוט־באָד. היט־לער האָט אויסגעקוילעט הונדערטער פון זיינע אייגענע אַדיוטאַנטען, מורא האָבענ־דיג פאַר אן אויפשטאַנד געגען אים און זיין רעזשים. צווישען די הרוגים האָבען זיך געפונען אַזעלכע ווי רעהם, דער אָרגאַניזירער און פאָנען טרעגער פון די שטורם טרופּען; דער מיליטערמאַן, וואָס האָט צונויפגעבראַכט די ריזיגע אַרמיי, און גע־פירט היטלערן צו דער מאַכט; דער מענש וועלכער איז געווען די קראַפט אויס־דרוק פון דער נאַצי באַוועגונג. עדמונד היינעס, איינער פון די בלוטיגסטע נאַצי מערדער: קאַרל ערנסט, בערלינער קאָמאַנדיר פון די שטורם טרופּען, א. א. עס איז אויך געפאַלען א קרבן גענעראַל פאָן שלייכער, וועמעס טויט איז איינגאַנצען א מיסטעריע. ווייל וואָס פאַר א שייכות האָט ער געקענט האָבען מיט די איבעריגע נאַציס, ווען ער איז געווען א מאָנאַרכיסט און קאָנסערוואַטאָר?

דער איבערפאַל, וואָס היטלער האָט געמאַכט אויף זיינע נאַצי־פירער, איז דורכגעפירט געוואָרען אויף דעם שווידערליכסטען אופן און האָט אויפגערודערט די גאַנצע וועלט. אין דער זעלבער צייט האָט עס אָבער דערוועקט א האָפענונג אין די ליבעראַלע און סאָציאַליסטישע קרייזען, וואָס האָבען געזעהן אין דעם א מפּלה פון גאַנצען היטלעריזם.

די דאָזיגע פּאַסירונגען האָבען אויך קלאָר באַוויזען, אז היטלער איז ניט מער ווי א דינער צום גרויס קאַפּיטאַל, וועמענס אינטערעסען ער היט אָפּ. דער נאַציזם איז שטענדיג געשטיצט געוואָרען פון די גרויסע אינדוסטריאַליסטען, וואָס האָבען אים אַרויסגעהאָלפען, ער זאָל דינען זייערע אינטערעסען, גרויס קאַפּיטאַל האָלט דעם פאַשיזם פאַר זיין געוועקציינג, אז אין צייט, ווען ער וועט זיין הילפלאָז זאָל אויפגעשטעלט ווערען א דיקטאַטור וואָס זאָל פאַרנאַרען די מאַסען און היטען די קאַפּיטאַליסטען, זיי זאָלען קענען אָנגעהן מיט זייער אַרבייט, און מאַכען גרויסע פּראָפיטען. היטלער האָט זיך געשטעלט אין דינסט צו דעם דייטשען מולטי מיליאָ־נער טיעסען, פון וועמען ער האָט שטענדיג באַקומען פינאַנציעלע און מאָראַלע

שטיצע. אלס פּרייז פאר אָט דער שטיצע, האָט ער אים געגעבן, דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק, וועלכער לאָזט זיך פארפיהרען.

היטלער האָט פארזיכערט זיינע פּארטיי מענשען צו מאכען סאָציאַלע רעפאָרמען, צו נאַציאָנאַליזירען די אינדוסטריע, צו שאפען ארבייט פאר די ארבייטס־לאָזע, אויסצובעסערען די עקאָנאָמישע לאגע פון דייטשלאַנד. די ראדיקאַלע נאַצים האָבען עס געפאָדערט פון זייער פירער. דאָס האָט געמיינט פאר היטלערן, אנטקעגען צושטעלען זיך זיינע ברויט געבער, די גרויסע אינדוסטריאַליסטען, ער האָט געהאט צוויי וועגען: צו געהן מיט זיינע מענשען אָדער מיט דער בורזשואזיע. האָט ער זיך בעסער געלאָזט אופן וועג פון די קאָנסערוואַטאָרען און קאַפּיטאַליסטען, און אויסגעשאָסען זיינע „לינקע" נאַצים.

אין דייטשלאַנד האָבען זיך געפונען דריי גרופען וואָס האָבען זיך געריסען פאר דעם הויפט איינפלוס אין דער רעגירונג. די ערשטע גרופע: די רעגירונגס אַרמיי און גרויסע לאַנד אייגנטימער. די צווייטע גרופע: די גרויסע אינדוסטריאַליסטען און באַנקירען. די דריטע גרופע: איז באַשטאַנען פון די שטורם טרופען פירער, וועלכע האָבען געפאָדערט פולשטענדיגע מאכט פאר די „בראַונע יונגען", וואָס האָבען היטלערן געהאָלפען איבערנעמען די מאכט. אין דייטשלאַנד האָבען עקזיסטירט אפילו נאָך היטלערס ארייַנקומען אין מאכט, דריי אַרמייען: דער רייכסוועהר, וואָס איז ניט נאַציזירט געוואָרען אפילו אין דעם מאָמענט ווען היטלער איז געשטעלט געוואָרען אויף העכסטער שטופע פון מאכט; די שטאַלהעלם אָרגאַניזאַציע פון געוועזענע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען זיך ניט אונטערגעגעבען די נאַצים: און די ברוינע אַרמיי, היטלערס שטורם טרופען, וועלכע האָבען געוואָלט באַקומען די גאַנצע מאכט. היטלער, זעהענדיג, אז עס איז פאר אים פּיעל בעסער צו געהן מיט די גרויס־קאַפּיטאַליסטען, וואָס וועט זיכערען זיין מאכט; וויסענדיג אויך אז דער רייכסוועהר איז נאָך אַלץ א שטאַרקערע אַרמיי איידער זיין ברוינער אַרמיי, האָט שוין בעסער איינגעשטימט צו באַזייטיגען אייגענע פירער פון זיינע שטורם טרופען, און געהן האַנט אין האַנט מיט די קאָנסערוואַטאָרען און רייכסוועהר, וועלכע האָבען אים געהאָלפען אין אויסקוילען זיינע פריינט.

נאָך דער בלוט באָד און הריגות האָט היטלער זיך גענומען רעאָרגאַניזירען זיין מחנה נאַצי טרופען, זיי זאָלען פארלירען זייער מאכט און באַדייטונג. ער האָט געמאכט איינס מיט דער רעגירונגס־אַרמיי. געהייסען האָט עס, אז די אַרמיי גייט איבער צו היטלערן; פאַקטיש האָט זיך דאָ היטלער געבויגען פאר דער רעגירונגס מאכט. און געמאכט שלום מיט דעם רייכסוועהר, פאַראַטענדיג אַזוי מיאוס און נידערטרעכטיג א טייל פון זיינע שטורמער.

פּונקט ווי אַלע אַנדערע דיקטאַטאָרען, האָט היטלער געמוזט זעהן פטור צו ווערען פון זיינע אייגענע קריטיקער, אוים מורא פאר אן אויפשטאַנד געגען אים. ביי יעדער דיקטאַטור קומט פאָר „רייניגונג" צווישען אירע אייגענע רייען. היטלערס רייניגונג, איז אָבער פאָרגעקומען אויף א היטלעריסטישען און מער גרויזאַמען אופן, ווי די רייניגונג פון אַנדערע דיקטאַטאָרן.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיגט די היטלעריסטישע צווייטע בלוטיגע רעוואָלוציע וואָס האָט אויפגערודערט די גאַנצע וועלט.

5. היטלערס זיג אין דעם סאאר געגענט

אין יאנואר פון 1934 איז פאַרגעקומען דער פּלעביסציט אין סאאר געביט, א מינען געגענד וואָס פארנעמט א שטח פון 738 קוו. מיילען מיט א באפעלקערונג פון נאָענט צו א מיליאָן.

פאר 15 יאָר צייט האָבען די איינוואוינער פון סאאר באסיין, געוואָרט פאר דער פאָלקס אָפּשטימונג, וואָס זאָל באשטימען צו וועמען זיי זאָלען געהערען: צו־ריק צו זייער „פאָטערלאנד", אָדער ווי ביז איצט, צו דער פעלקער ליגע, אָדער צו פראנקרייך. דער רעזולטאט פון דער אָפּשטימונג איז געווען פאר פאראייניגונג מיט דייטשלאנד. 90 פּראָצענט האָבען געשטימט פאר דער פאראייניגונג, און די נאַציס האָבען געהאט צו פארצייכענען א פולשטענדיגען זיג.

ווי מען האָט פאראויס געקענט ערווארטען, זאָל די גאנצע באפעלקערונג שטימען פאר איבערגעהן צו דייטשלאנד. קיינער האָט אין דעם ניט געצווייפעלט. ווייל דייטשען אין זייער ערציהונג, אין זייער שפּראך, אין זייער קולטור און טרא־דיציע איז ניט מער ווי נאטירליך, זיי זאָלען וועלען זיך פאראייניגען מיט זייער פאָטערלאנד. די באפעלקערונג פון סאאר, האָט אין בעסטען פאל באטראכט איר ביז איצטיגע רעגירונג — די רעגירונג פון דער פעלקער ליגע, ניט מער ווי א גוטע שטיף־מוטער.

דער סאאר, האָט מען געוואוסט, איז דייטשיש ביזן וואָרצעל; דער גלאנץ פון „פאָטערלאנד" מעג זיין אונטער היטלערס פאָן, וועט זיי ניט אָפּשרעקען פון צו שטימען פאר די פאראייניגונג מיט זייער לאנד. קען זיין, אז די סאאר איינ־וואוינער האָבען גאנץ גוט געוואוסט וואָס היטלער איז, און ווי אזוי ער צווינגט ארויף זיין דיקטאטור, האָט אָבער דער סענטימענטאלער געפיהל פון זייער נאַ־ציאָנאליזם געפאָדערט, זיך אומצוקעהרען צוריק צו דייטשלאנד, אפילו אין דער צייט ווען מען ווייסט, אז מען פארלירט דערביי די עלעמענטארע בירגערליכע רעכט אונטער דער הערשאפט פון היטלערן. עס איז — האָבען זיי זיך געטראכט — בע־סער צו זיין צוזאמען מיט אלע דייטשען, צוזאמען צו לײַדען, ניט געניסען פון דער מינדסטער פרייהייט, איידער צו זיין אפּגעריסען אפילו ווען מען האָט מעהר פרייהייט.

פאלש, אונזוניג און לעכערליך זיינען געווען די היטלעריסטישע בארימערײ־ען אז די סאאר איינוואוינער האָבען געשטימט דוקא פאר היטלערן, ווייל זיי זיי־נען צופרידען מיט דער היטלער פּאָליטיק. אין געגענטייל, ווען דער פּלעביסציט קומט פאָר פאר היטלערן, וואָלטען אלע סאאר איינוואוינער געווען געשטימט פאר צוריק איבערגעהן צו דייטשלאנד. קיינער וואָלט אפילו ניט געוואגט צו שטימען געגען דער פאראייניגונג, וואָס איז באמת א בארעכטיגטע. די אָפּשטימונג האָט נאָר באוויזען, ווי לעכערליך און פארברעכעריש עס האָבען געהאנדעלט די טאטעס פון דער ווערסאלער אָפּמאך, געוואָלט טראנספּערירען איין פאָלק צו א צווייטען. פארגעסענדיג דערביי אז דאָס קען ניט לאנג אָנהאלטען, ווייל יעדעס פאָלק ציהט צו זיין אייגענער היים — צו זיין אייגען פאָלק.

ווי די זאך זאָל אָבער ניט זיין, דער רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג אין דער סאאר געגענט, האָט פאַרשטאַרקט היטלערס פּאָזיציע, האָט פאַרשטאַרקט זיין פּרעס־טיזש, סיי אין דייטשלאַנד און סיי אין אויסלאַנד. די דייטשען רעדט מען איין, אַז דאָס האָבען זיי צו פאַרדאַנקען היטלערן, און נאָר אַ דאַנק איהם, זיין אַר־בייט און דיפּלאָמאַטיע, האָבען זיי צורעקגעקראָגען די סאאר געגענט. אין אויס־לאַנד דינט די דאָזיגע אָפּשטימונג פאַר אַ באַווייז, אַז די גוואַלדיגע גרויסע מאַ־יאָריטעט פון דייטשען פאָלק שטעהט מיט היטלערן.

היטלעריזם האָט פאַרצייכענט אַ גרויסען זיג, מיטן צוריקקעהר פון דעם סאאר געביט צו דייטשלאַנד. דאָס איז ניט געווען אַזאַ גוטע בשורה פאַר דער ציוויליזיר־טער וועלט, וואָס וויל זעהן היטלערס נידערלאַגע. היטלערס זיג אין סאאר איז גע־ווען אַ קלאַפּ פאַר די דאָרטיגע אָרגאַניזירטע אַרבייטער. אַ קלאַפּ פאַר די סאָציאַ־ליסטען וואָס געפינען זיך דאָרט, און שוין אָפּגערעדט פון די אידען, פאַר וועמען עס איז געווען דער שווערסטער קלאַפּ.

6. דער מינכענער פּאַראַט

דאָס יאָר 1938, האָט מיט זיך פאַרצייכענט איינס פון די בלוטיגסטע, שענד־ליכסטע קאַפּיטלען אין דער מענטשלאַכער געשיכטע. דער טרויעריגער אָפּמאַך אין מינכען האָט איבערגעלאָזט אַ פלעק אין דער געשיכטע פון דעמאָקראַטיע און פּראָגרעס. דער מינכענער אָפּמאַך האָט צונויפגעשמאָלצען בירגערליכע דעמאָקראַ־טיע מיט פאַשיזם: האָט באַשטימט דעם וויטערדיגען גורל פון דעמאָקראַטיש אומ־אָפּהענגיגער טשעכאָסלאָוואַקיע; האָט געפירט צו דער היסטאָרישער טראַגעדיע וואָס רופט זיך „די צעפּאַלמעסונג פון טשעכאָסלאָוואַקיע".

דער מינכענער אָפּמאַך איז געווען אַן אָפענע פאַרטזעצונג פון דעמאָקראַטי־שער קאַפּיטולאַציע צום פאַשיזם און נאַציזם; אָפענער קאַפּיטולאַציע צו די אוואַנ־טוריסטישע פּלינדערונגס פּלענער פונם דייטשען און איטאַליענישען פאַשיזם; אָפענער „רעוויזיע" אינם „ווערסאַילער שלום" פון די פאַרטרעטער פון די גרויס מאַכטען. באַשיינט דעם אָפּמאַך האָט מען מיט דער שלום אידעע מיט אַן אילו־זיע און בענקשאַפט, מיט וועלכער די פעלקער מאַסען פון אַלע לענדער, זיינען טיף דורכגעדרונגען.

אין דעם דאָזיגען אָפּמאַך זיינען די פירער פונם וועלט־פאַשיזם, פון דער רע־אַקציע אַרום די „העלדען". די סטרא אחרא האָט געזיגט און איבערגעוואָונען אויף איר זייט די פאַרשטעהער פון גרויס קאַפּיטאַל. אינם סטאַלין־היטלער קאָנ־פליקט האָט דער לעצטער מנצח געווען. אים צו דינסט האָבען זיך געשטעלט די פּרעמיערען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, נעוויל טשעמבערלעין און עדוואַרד דאַ־לאַדיע, וועלכע האָבען אין דער דראַמע געשפּילט אַ היפּאָקריטישע ראָלע אַלס „מלאכי השלום" וועלכע זיינען אין דער אמת'ן גאָר געווען „מלאכי חבלה".

נאָך טראַגישער אין דער דראַמע איז געווען די ראָלע פונם אַרבייטער־קלאַס. אין דער אַזוי שווערער און ערענסטער שעה, האָט אויף קיין איין מינוט ניט

אויפגעהערט דער קאנפליקט צווישען דיביידע אינטערנאציאנאלען, אין וועמענס איינינקייט די וועלט האט זיך געגלויבט. דער אלוועלטליכער פראלעטאריאט, וואס איז זינט דער וועלט־מלחמה אזוי קאלאסאל אויסגעוואקסען אין כמות און איכות, סיי אין ארגאניזאציע און סיי אין פאליטישען כח, האט זיין שטים ניט געלאזט הערען, זייןווארט האט ניט אפגעקלונגען.

אויף שבת דעם 31־טען סעפטעמבער פון יאר 1938 האט די דייטשע ארמיי לויטן מינכענער אפמאך פון די „פיר גרויסע", פארכאפט סודעטען טשעכאסלאוואקיע. אין דער צייט ווען די וועלט האט געיובעלט מיט פרידען־שכרות, האט דאס טשעכיש־פאלק, די וואס זיינען דערצויגען געווארען אין מאסאריק גייסט, איבערגעלעבט די שרעקלאכסטע מאמענטען. עס איז געווען תשעה באב אין טשעכאסלאוואקיע. דאס טשעכיש־פאלק האט געטרויערט מיט צארען און פראטעסט געגען אירע שטיצער: פראנקרייך און ענגלאנד, וועלכע האבען איר איבערגעלאזט אין איר ביטערען שיקזאל צעריסען צו ווערען פון דער היטלער הארדע (חיה). די איכה־ווערטער פונם נביא ירמיה: „כל רעיה בגדו בה, היו לה לאויבים", האבען ארויסגערעדט מיט צארען די נידערשלאגענע טשעכען. מיט איינמאל איז פארענדיגט געווארען דאס לעבען פון א נאציע; מיט איינמאל זיינען צעריסען געווארען די טרוימען פונם גרויסען טאמאס מאסאריק, דער פאטער פון דער רעפובליק — אלץ איז אריבער צום טייוועל.

עס איז געווען דער בלוטיגער שפיל פון אפפערען די טשעכאסלאוואקישע רעפובליק, ווארפען די קלענערע מלוכות אין די ארעמס פון פאשיזם, געבען היטלערן דעם פינסטערען טריאומף, אבי צו ראטעווען דעם וועלט פרידען — אין דער צייט ווען מיט פאראייניגטע כחות האט מען געקאנט צעשמעטערען די דיקטאטארען.

עס איז ניט אויסגעשלאסען, אז דאס האבען די קאפיטאליסטישע פארשטייער געטאן צוליב דער מורא פון קאמוניזם. דערפאר האבען זיי מפקיר געווען טשעכאסלאוואקיע, ניט דערמאנענדיג היטלערן פון זיינע פריהערדיגע הבטחות נאך דער אנעקסיע פון עסטרייך. זיי האבען געוואלט מינימיזירען און אפשוואכען רוסלאנד'ס מאכט. דערפאר טאקע האט מען עס גערארפט דעם דאזיגען ספעקטאקעל. דערפאר האט זיך טשעמבערליין געמאכט פאר אזא עניו, מוחל געווען זיין כבוד, געפלויגען צוויי מאל צו היטלערן אום צו ראטעווען די מענשהייט פון בלוט פארגיסונג. אבער — ונקיתי דמם לא נקיתי! דאס בלוט פון טשעכאסלאוואקישען פאלק וועט ניט געשענקט ווערען. די בריטישע אימפעריע וועט טייער באצאלען. די ארבייטער פון די דעמאקראטישע לענדער, וואס האבען דערלאזט צו אט דעם פארראט, געהאלפען דער בורזשואזיע דורכפירען דעם אומ'יושר־דיגען אפמאך, וועלען דערפאר טייער באצאלען. ווער וויים צי זיי אליין וועלען ניט ווערען היטלערס שקלאפען: ווער וויים צי זיי אליין וועלען ניט זיין אונטערווארפען דעם טייוועל?

טשעכאסלאוואקיע, פאר דייטשלאנד, האט א פאליטישע, מאראלע און סטראטעגישע באדייטונג, פאר דער היטלעריסטישער שטרעבונג צו וועלט באהערשונג די סטראטעגישע באדייטונג:

בעהמען, דער מזרח־טייל פון דער געוועזענער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובּ־ליק, איז ארומגערינגעלט פון אלע זייטן מיט הויכע בערג און איז אזוי ארום א נאטירליכע פעסטונג ארום דעם צפון־זייט פון דונאי. ווער ס'באהערשט בעהמען, זאָגט זיך א ווערטעל, דער באהערשט אלע צפונ'דיגע צוגאנגען פון דעם דונאי. מיט פארכאפּן עסטרייך, האָט היטלער באוויזן צו מאכן שווערער די סטראַטעגישע לאגע פון בעהמען אין דרום זייט. זי איז אָבער דאָך נאָך פארבלי־בען א וויכטיגע סטראַטעגישע פּאָזיציע, צו שטערן דעם דייטשען דראנג נאָכן דרום מזרח, צום שווארצען ים, צו קאָנסטאַנטינאָפּאָל, באגדאד און פּערסיע.

היטלער האָט געוואָלט באזייטיגן דעם דאָזיגן צושטאנד, וואָס איז אים אין וועג פון זיינע סטראַטעגישע פּלענער. דער דייטשער דראנג נאָך אָסטען געהט אין דער ריכטונג צו דרום־מזרח איבער פּראג, בודאַפּעסט, בוקארעסט און קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל. היטלער וויל ארויס פונם קלעם, פון דער ענגער מיטעל אייראָפּע צום דרום, פּערסישען אויסגוס. אזוי ווי טשעכאָסלאָוואַקיע איז געווען דער אבן־נגף פאר זיינע סטראַטעגישע און עראָבערישע פּלענער, האָט ער איר קודם־כל איינגע־שלונגען, צושניטען איר אויף אזא אופן, אז זי זאָל קיין שטערונג ניט קענען זיין.

היטלער'ס זיג איבער טשעכאָסלאָוואַקיע, מיט דער צושטימונג פון די גרויס־מאכטען, איז דעריבער גרעסער ווי מיר שטעלען זיך פאָר. פון פּראג קאָן היטלער איצט דיקטירען כמעט אלע אייראָפּייאישע קליינע מלוכות. דער וועג איז פאר אים געוואָרען אָפען. ער האָט פארכאפּט די אינדוסטריעלע געגענטען, די אמוניציע פאבריקען, די קוילען גרובען, און זיך געעפענט א וועג צום מזרח, קיין פּוילען, אוקראַינע, סאָוועט־רוסלאנד.

דאָס קעמפעריש־פּארעקשנ'טע טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָס איז ביז איצט געווען א מוטיגע קעמפערין און פארטיידיגערין פון דעמאָקראַטישער פרייהייט, האָט זיך געמוזט אונטערגעבען, ווייל אזוי האָבען די וועלט־הערשער געוואָלט, ווייל אזוי האָבען זיי גוזר געווען.

טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָס איז געווען אן אינזעל פון דעמאָקראַטיע אינמיטען ים פון דיקטאַטורען, איז אָפּגעווישט געוואָרען. זי איז פארטרונקען געוואָרען פון די ברויזענדע כוואַליעס ארום איר. זי איז געווען דער קרבן פון גרויס קאפּיטאַ־ליסטישער צביעות און אינטריגע.

חורבן טשעכאָסלאָוואַקיע. עס איז געקומען דער סוף צו א מוסטערהאפטער רעפּובּליק, וועלכע האָט אנערקענט די בירגערליכע און נאציאָנאלע גלייכהייט פאר אלע איינוואוינער. עס איז געקומען צו ענדע א מוסטערהאפטע פארוואַלטונג, וועל־כע האָט געהאט אין זיך הויכען רעספּעקט פאר דער קולטור און שפּראַך פון יע־דער נאציאָנאלער גרופּע, צו אלע מינאָריטעטען וואָס האָבען זיך געפונען אין אירע גרעניצען. טשעכאָסלאָוואַקיע איז איבערגעגאנגען אין די הענט פון דייטשען פאשיזם. מיט איינמאָל איז פארקנעכט געוואָרען א פאָלק, וואָס איז געווען גע־וואוינט צו לעבען פריי און זעלבסטשטענדיג.

אזוי שנעל ווי דער אינדוסטריעלער סודעטען־געגענט איז געוואָרען אָפּגע־ריסען פון דער טשעכישער רעפּובּליק, איז איר גורל געווען פארזיגעלט. עס האָבען

דאָרטען אָנגעהויבען בלאָזען נייע ווינטען. די קליינע טשעכאָסלאָוואקיע, וועלכע איז ארבערגעבליבען מיט א קליינער אגראַרישער פּראָדוקציע, און מיט א געוויסער אייזען־קוילען פּראָדוקציע, האָט שלום געמאכט מיטען טייפעל און זיך איבערגעגעבען אין די הענט פון די קלעריקאלע אנטיסעמיטישע פאשיסטען, וועלכע האָבען פריהער ניט געוואגט אויפצוהויבען דעם קאָפּ זייערען.

היטלער׳ס „דריטער רייך” האָט ניט נאָר געוואונען די געגענטען מיט זייער רייכער קוילען, שטאָל, גלאָז, פּאָרצעליי און טעקסטיל אינדוסטריע; ניט נאָר האָט היטלער געוואונען די אומגעהויערע רייכטימער פונם אלטען טשעכאָסלאָוואקיע; מיטן זיג איבער טשעכאָסלאָוואקיע האָט היטלער געשטארקט זיינע עקספּאנסיע פּלענער אויך אין די אנדערע שכנישע לענדער. אלע שרעקען זיך איצט פארן וואָלפס אפּעטיטען, וועלכע ווערען ניט געשטילט, וועלכע וואקסען פון טאָג צו טאָג, און זיינען בלוטיגע פּערספּעקטיווען אויף נייע פעלקער שחיטות, אויף א נייעם וועלט־מלחמה.

7. נאָך עסטרייך, טשעכאָסלאָוואקיע! — און וואוהין ווייטער? *)

דער מארש פון נאציזם געהט מיט אזא טעמפּאָ, אז מען קאָן שוין לגמרי ניט וויסען, וואָס דער מאָרגען קען מיט זיך ברענגען. געהט מען אין גאס, כאפּט אָן א שוידער, דערזעהענדיג ווי אין אלע צייטונגען פארנעמט דאָס וואָרט נאציזם דעם אויבענאָן. די פּרעסע איז פול מיט נייעס וועגען די פאשיסטישע לענדער, וועלכע שאלטעווען אין אייראָפּא פראנק און פריי און שרעקען אלעמען.

עס גיסט זיך בלוט און טרערען אין שפּאניע, אין עסטרייך און טשעכאָסלאָוואקיע, און קיינער קוקט זיך ניט אום. עס ווערען געטראָטען מיט דער גרעסטער אכזריות׳דיגקייט מענשלאכע רעכט, מענשלאכע לעבענס. צענדליקע טויזענטער קינדער, פרויען, אומשולדיגע קרבנות ליגען אויסגעשפּרייט אויף די גאסען פון מאדריד און בארצעלאָנא; טויזענטער פון עסטרייך האלטען אין באגעהן זעלבסט־מאָרד. די עפּידעמיע פון זעלבסט־מאָרדען און מאָרדען האָט ארומגעכאפּט גאנץ עסטרייך. „אין בית אשר אין שם מת” . . . היטלער טרעט אזוי זיגרייך אויף אלץ, וואָס איז מענשלאך. ער געהט ביז די קני אין מענשלאך בלוט, און קיינער שטערט איהם ניט. ניטאָ ווער עס זאָל אויסשרייען געוואלד! עד כאן ! ! !

פארענדיגט מיט עסטרייך, און היטלער גרייט צו נייע דעראָבערונגען. ס׳פּאָכען שוין זיינע שווארצע פליגעל איבער טשעכאָסלאָוואקיע. די קליינע מלוכה בעט רחמים ביי די גרויס־מעכטע אָבער זיי זיינען טויב צו איהרע בקשות — זיי האלטען זיך „נייטראל”!

אייראָפּע און אין דער שפּיץ ענגלאנד, שטעהט אזוי גלייכגילטיג, זיך צוקוקענדיג אזוי קאלט צו די פארברעכענס. דאָס פינסטערע אייראָפּע שלינגט אזוי ארונטער דעם „פיל” און גיט אפילו ניט קיין גענעץ. אלעס איז שא, שטיל. דאָס איז א

*) פון מיינעם אַן ארטיקעל אינם טאָראָנטער „אידישען זשורנאל” 10־טער מאי 1938 — נ. ש.

טראגעדיע וואס האט גאר ניט איהר גלייכען אין דער מענשלאכער געשיכטע. נאך ניט געהערט געוואָרען פון אזעלכע פארברעכענס און פון אזא פארראט פון איין לאנד צום צווייטען ווי דער פון אונזערע טעג. דער אייראָפּייאישער גלייכגעוויכט איז מיט איינמאָל צושמעטערט און צובראָכען געוואָרען. דער טליענדער פונק האָט זיך שוין אָנגעצונדען און קאָן א ליארע טאָג אויסשיסען, עקספּלאָדירען און פאר־וואנדלען אייראָפּע אין א הויפען אש.

דער בליץ־שנעלער צוג היטלער׳ס אין עסטרייך, איז געקרוינט געוואָרען מיט גרויס דערפאָלג. היטלער האָט אין א שיינעם העלען טאָג (דער טאָג האָט ניט גע־דארפט טאָגען . . .) ארייננמארשירט אין עסטרייך און געמאכט דעם אנשלוס ניט ווארטענדיג אויף קיינע הסכמות. היטלער האָט מיט דעם איינעם שאָס געטראָפען אין דריי ריכטונגען: 1) די דייטשע נאציע איז אזוי ארום פארגרעסערט געוואָרען מיט נאָך זיבען מיליאָן ראסען גענאָסען — א גרויסע סטראטעגישע באדייטונג. 2) פארגרעסערט די דייטשע טעריטאָריע און אָפען ארויסגערוקט די אלטע קאָנצעפּ־ציע פון העגעמאָניזירען די מיטעל אייראָפּייאישע מלוכות. 3) זיך דערנענטערט צו איטאליע. דאָס גיט איהם א מעגליכקייט צו דאָמינירען איטאליע׳ס פּאָליטיק אין אייראָפּע.

אמת, דער געדאנק פון שאפען א פאראייניגטע דייטש־עסטרייכישע אימפּעריע איז שוין ניט איינמאָל ארויסגעזאָגט געוואָרען. נאָך אין די צייטען פון דער וויי־מארער רעפּובליק האָבען סאָציאליסטען דאָס פארלאנגט. דעמאָלט האָט מען אָבער ניט געוואָלט הערען פון דעם, אזוי ווי מען האָט ניט געהערט פון די אנדערע סאָציא־ליסטישע פאָדערונגען, פון די אנדערע גערעכטע פארלאנגען; אזוי ווי מען הערט ניט פון די שפּאנישע רחמים־געבעטען, פון די יללות און הארצרייסענדע טאטען פון דעם שפּאנישען פאָלק, איבער וועלכען מען פּרובירט אויס די נייע מאָרד מאשי־נען, צו זעהען ווי אזוי זיי וועלען ארבייטען.

היינט אָבער, אז היטלער האָט פארצוקט עסטרייך אויפן ברוטאלסטען אופן, שווייגען שוין די הערען דיפּלאָמאטען פון די גרויסע ליבעראלע מלוכות. זיי קוקען אוועק, זיי זעהען גאָרניט וואָס דאָרט קומט פאָר.

היטלער פארפעסטיקט זיך ביי די דונאישע לענדער און די ענגלישע רעגירונג האלט זיך נאָך אלץ ביי איהר איזאָלאציע פּאָליטיק, האלט אין איין באשיצען די אייגענע וואסער וועגען, די וועגען וואס פיהרען קיין אינדיע; זיי זיינען נאָך אלץ אזוי קורצזיכטיג צו זעהן ווי היטלער ווערט גרויס אויף זייער חשבון, אז דייטשלאנד מיט יאפּאן וועלען ארויסיאָגען ענגלאנד פון אפריקע און איהר ארויסוואַרפען פון אזיע, ווי עס צילען די יאפּאנעזישע מיליטאריסטען.

היטלער הרג׳עט אויס א צוואנציג מיליאָנדיג פאָלק; אין שפּאניע פּרובירט ער אויס זיינע טאנקען, עראָפּלאנען און באָמבעס, צו זעהען ווי אזוי זיי ווירקען אויף מענשליכע לייבער. איבער די גאסען פון שפּאנישע שטעט וואלגערען זיך צענדלי־גער טויזענטער צעריסענע אויף שטיקער קינדער און פרויען. זייער בלוט איז אזוי הייס, קאָכט און זידט, פאָדערט נקמה! ניטאָ אָבער ווער עס זאָל זיך אָננעמען זייער

קריוודע. ניטאָ דאָס לאַנד, וואָס זאָל שטעלען א ווידערשטאַנד די אָפענע מערדער און פארברעכער.

היטלער האָט פארדייעט עסטרייך, איר אויפגעפרעסען און האלט שוין טשע־כאָסלאָוואקיע פאר זיין קרבן. די נאַצי־מאַכט איז איצט געוועגדעט צו טשעכאָ־סלאָוואקיע, וועלכע בעט הילף פון די גרויסע מלוכות. זי באקומט אָבער ניט קיין ענטפער אויסער סימפאַטיע־אויסדרוק.

דער גאנצער סיסטעם פון קאָלעקטיווער זיכערקייט צעפאַלט זיך אין אייראָפּע און אויף דער גאנצער וועלט. דער פעלקער בונד איז פאראַליזירט, קען גאָרניט טאָן, אָן די גרויס מעכטע, און זיי די לעצטע אנשטאָט זיך מאָביליזירען, פאראייניגען אין איין דעמאָקראַטישען בלאָק צוריקצושליידערען די פאשיסטישע אַטאַקעס, ווערען באהערשט פון א יאוש־געפיהל, פארלירען זייער גלויבען אין זיך, אין די אייגענע כוחות זייערע און גרייטען זיך פאר דעם טאָטאַלען קריג, וועלכען זיי האלטען פאר אומפארמיידליך. זיי גרייטען זיך אין קריג און דערווייל לאָזט מען היטלער׳ן פאר־כאַפּען אלץ וואָס זיין וואָלפיש האַרץ פארגלוסט זיך. אלע טרעטען היטלער׳ן אָפּ דעם וועג; ניטשע׳ס אויבערמענש זיגט. מען טוט קיין זאך ניט אויסער די איבער־מענשליכע צוגרייטונגען פון כלי משחיתים, קאַנאָנען און טויט־טראָגענדע באָמ־בעס . . .

* * *

אייראָפּע איז איינגעהילט אין א פינסטערער טרויער נאַכט. דער פארגאנגענער מיטעלאלטער איז שוין צו העל אין פארגלייך צו איהר. די שטימונג אין אייראָפּע איז איצט זעהר אָן אָנגעצויגענע. די קליינע מלוכות אין אייראָפּע ווייסען ניט ווי זיי האלטען אין דער וועלט, מיט וועמען צו געהן, נאָך וועמען זיך נאָכצושלעפּען. זיי זוכען אָריענטאַציע און האָבען מורא זיך א ריהר צו טאָן.

ווי גרויס ס׳איז די פאניק צווישען די אייראָפּייאישע מלוכות קאָן מען זעהען פון רומעניע׳ס וואַרפען זיך אין אלע זייטען, ניט געפינענדיג קיין אויסוועג און אָריענטאַציע סיי אין איהר אינערליכער פּאָליטיק און סיי אין איר אויסלאנדס־פּאָליטיק. ניט זי קאָן לייזען די אגראַר־פּראָבלעם ביי איהר אין לאַנד, ניט זי קאָן לינדערען די נויט אין לאַנד, ניט זי קאָן לייזען די פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלע מינ־דערהייטען אין בעסאַראַביע, בוקאָווינע און טראַנסילוואַניע.

נאָך מער פארפּלאָנטערט איז איהר אויסלענדישע פּאָליטיק. זייענדיג א מיט־גליד פון דער אנטאַנטע, איז זי פארבונדען מיט פראַנקרייך, ענגלאַנד און דעם סאָ־וועטען פארבאַנד. זי האָט זיך אָבער מורא צו פארלאָזען אויף זיי, ווייל זי צווייפעלט אין זייער פעסטקייט און אויסגעהאלטענקייט.

ווייל זי זיך בעסער אָריענטירען אויף בערלין און רוים. דייטשלאַנד האָט סיי־ווי סיי א באַדייטענדען איינפלוס אויף דעם עקאָנאָמישען לעבען אין דעם צוריק־געשטאַנענעם רומעניע, וועלכע איז פארוואַנדעלט געוואָרען אין א רוי־מאַטעריאַל באַזע פאר׳ן דייטש־איטאַליענישען בלאָק. אזוי ארום ווערט זי פּאָליטיש אויך דאָמי־נירט פון די פאשיסטישע לענדער. זי האָט אָבער מורא אָפען צו געהען מיט דייטש־

לאַנד־איטאַליע; זי וויל ניט אויפרייצען געגען זיך פראַנקרייך און ענגלאַנד, וועלכע קאָנען איהר חרוב מאַכען, ווען נאָר זיי ווילען.

אין אייראָפּע וואַקסט פון טאָג צו טאָג די מורא פאַר היטלער'ן. די קליינע מלוכות ציטערען פאַר איהם. זיי מיינען, אז אַט־אַט נעמט ער זיך צו זיי. מען האָט מורא צו פאַרטשעפּען זיך מיט איהם, דעם העלד פון די שדים. דאָס קען מען זעהען גענוג בולט פון דער האַנדלונג פון דער שווייצאַרישער רעגירונג, וועלכע האָט אויפּגענומען פּרעזידענט רוזוועלט'ס רוף וועגען געפינען היימען פאַר די פּליכטלינגע פאַרפאָלגטע און אַנטלאָפענע פון די דיקטאַטור־לענדער, און גלייכצייטיג געבעטען אַז די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ וועגען די פּליכטלינגען זאָל ניט פאָרקומען אין שווייצאַריע.

די וועלט איז ערשטוינט פון אָט־דעם פאַרלאַנג פון דער שווייצאַרישער רעגירונג. זי ווייס ניט וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. אין קליינינגקייט: עס האַנדעלט זיך וועגען אַזאַ וויכטיגער קאָנפערענץ, וועגען אַ קאָנפערענץ פון לויטער מלוכה־מענשען, אַ רעגירונגס קאָנפערענץ פון פאָרשטעהער פון פאַרשיידענע מלוכות, צווישען וועלכע עס געפינען זיך די וויכטיגסטע פון אייראָפּע, ענגלאַנד און פראַנקרייך. און אָט דער קאָנפערענץ זאָגט די רעגירונג אָפּ. זי זאָגט דאָ ניט אָפּ סתם אַזוי אַ קאָנפערענץ פון „פּריוואַטע" אָרגאַניזאַציעס אָדער יחידים. זי זאָגט אָפּ די וויכטיגסטע און גרעסטע מלוכות פון דער וועלט. זי זאָגט אָפּ דער רייכסטער מלוכה, זי זאָגט אָפּ אַמעריקאַ.

די שווייץ, איז פאַר די לעצטע עטלאַכע דורות אַ לאַנד פאַר אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצען, סיי רעגירונגס קאָנפערענצען און סיי פּריוואַטע קאָנפערענצען פון באַוועגונגען, וואָס זיינען אין זייערע לענדער אונטערדריקט געוואָרען. אין איהרע גרעניצען זיינען פאָרגעקומען פאַרשיידענע אומלעגאַלע קאָנפערענצען; זי האָט ניט מורא געהאַט פאַר'ן צאַר, פאַר אַנדערע פּינסטערלינגע, פאַר לענדער וואו די באַוועגונגען זיינען געווען פאַרבאָטען. און פאַר היטלער'ן האָט זי יאָ מורא! פאַר די נאַציס ציטערט זי אויף!

אין שווייצאַריע איז געוועבט געוואָרען די אידישע געשיכטע. דאָרט זיינען פאָרגעקומען די ציוניסטישע קאָנגרעסען, די בונדיסטישע און אַנדערע אַלוועלטליכע אידישע קאָנגרעסען. אין באַזעל, ציריך און בערן האָבען זיך געפלאַכטען אידישע האָפנונגען. אין זשענעווע — די פעלקער ליג'ס וואוינונג. דאָס איינציגע נאַציאָנאַלע אינטערנאַציאָנאַל לאַנד. און פּלוצלונג ווערט זי אַזוי פּחדנות'דיג, שרעקט זיך פאַר'ן צאָרענדיגען היטלער און פאַר די נאַציס, וואָס ער קען אָנרייצען אויף איהר, און זאָגט זיך אָפּ אויפצונעהמען די פאָרשטעהער פון די מלוכות, די פאָרשטעהער פון אַמעריקאַ.

שווייצאַריע האָט מורא, אַז זי וועט ניט קענען קאָנטראָלירען אירע אייגענע בוליגאַנעס, איהרע אייגענע נאַצישע יונגען, וועלכע האָבען שוין ביים לעצטען ציוניסטישען קאָנגרעס באַוויזען זייער וואַויל־יונגערישקייט ,און בוליגאַנסטוואָ וואַרפענדיג זיך אויף די אידישע דעלעגאַטען, וואָס זיינען געקומען צום קאָנגרעס.

זי האָט מורא, אז עס וועט זיך איהר ניט איינגעבען צו קאָנטראָלירען איהרעווילדע יונגען. וויל זי זיך ניט איינשאפען קיין צרות, חרפּות און בזיונות . . .

* * *

און איצט מכה דער אידען־פּראגע.

מיר אידען לעבען היינט אין א תקופה פון דער שרעקליכסטער אכזריות׳דיגער „מדת הדין". מיר לעבען אין דער טראגישסטער צייט פון רדיפות, נגישות, און דערנידערונג. מיר לעבען איצט אין א צייט, ווען פון אלע זייטען שיטען זיך אויף אונז גזירות און אַנשיקעניִשען אין פארשיידענע גלגולים און אין פארשיידענע לענ־דער. אויף דעם דייטשען אידענטום האָט מען שוין אָפּגעזאָגט דעם קדיש דרבנן; אויך דאָס עסטרייכישע אידענטום איז שוין אויפגעלייזט געוואָרען. זי האָט שוין מער ניט קיין רעכט דאָרט זיך לענגער אויפצוהאלטען. דער צעיושעטער אנטיסע־מיטיזם האָט דערפירט דאָס עסטרייכישע אידענטום צום תהום פון העכסטער מאָראַ־לישער פארצווייפלונג. מען זעהט ניט קיין אויסוועג און מען מיינט, אז אָט ווערט מען אומגעבראכט פון דער אומ׳ברחמנות׳דיגער ארישער פויסט פון היטלער׳ן און זיינע געטרייע תלמידים. אז אָט אָט ווערט מען פארברענט אין היטלעריסטישען גהינום, אז אָט אָט — און מען פאלט אריין אין דונאי, וואָס איז אזוי אויך געגוג רויט פון אידיש בלוט.

טייוואָלים הערשען אין דעם איצטיגען ווין, די שטאָט פון אזויפיל חכמים, פילאָזאָפען, וויסענשאפטלער און מעדיצינער. די שטיינער פון ווין קלאָגען חורבן אויף זייער פינסטערען גורל אריינצופאלען אין הענט פון מערדער און פארברעכער. „אבן מקיר תזעק" — די שטיינער פון די ווענט שרייען און אלארמירען מען זאָל זיי ארויסראטעווען פון די הענקער׳ס הענט. מיט איינמאָל איז עסטרייך באדעקט געוואָרען מיט א שווארצען וואָלקען, וואָס האָט פארשווארצט אלע איהרע בירגער, וועלכע זיצען ווי אבלים און טרויערען אויף זייער פאָטערלאנד, וואָס ווערט אזוי געשענדעט, אזוי באשפיגען און באליידיגט. און מער פון אלעמען ליידען אידען וועלכע זיינען מיט איינמאָל הפקר געוואָרען פאר יעדען כוליגאן, פאר יעדען אויס־וואורף . . .

און אזוי האלט עס מיט דער אידישער לאגע אין רומעניע. ווען ניט די ארייג־מישונג פון די אנדערע מלוכות, וואָלט רומעניע געטאָן מיט איהרע איבער אנדער־האלבען מיליאָן אידען פּונקט דאָס זעלבע ווי היטלער אין עסטרייך.

רומעניע, ווי באקאנט, איז ניט ניי מיט איהר אנטיסעמיטיזם. ניט איינמאָל האָט זי געוואָלט ארויסיאָגען די אידען פון לאנד. מיט זעכציג יאָהר צוריק האָט זי שוין געהאט באשלאָסען דורכצופיהרען א גירוש אויף אלע איהרע אידישע בירגער. דעמאָלט האָבען מיר אָבער געהאט שטיצע פון ענגלאנד, פראנקרייך און דייטשלאנד. אין ענגלאנד האָבען מיר געהאט א אידישען אויסלאנדס מיניסטער, לאָרד ביקאָנ־ספילד־דיזראעלי. אין פראנקרייך האָבען מיר געהאט דעם בארימטען כלל־טוער אדאָלף קרעמיע. פּרעזידענט פון דער אליאנס איזראעליט אוניווערסאל (כל ישראל חברים). די דאָזיגע צוויי אָנגעזעהענע אידען ביי די מלוכות האָבען געווירקט אויף

דער רומענישער רעגירונג זי זאָל מוזען אָננעמען דעם פּרינציפּ פון אידישער עמאַנ־ציפּאַציע.

דייטשלאַנד האָט דעמאָלט אויך פּאַרטיידיגט אידישע גלייכבארעכטיגונג! ביס־מאַרק, דער „אייזערנער קאַנצלער" האָט געפאָדערט גלייכהייט און פרייהייט פאַר אידען, אַזוי אַז די רומענישע המנ'ס האָבען מורא געהאַט אַרויסצוטרייבען די אי־דען פון לאַנד. זיי האָבען זיך געמוזט באַנוגענען מיט עטלאַכע פּאָגראָמען, ווי דער פאַל מיט די אידען פון גאַלאַץ, וועלכע זיינען אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין דונאַי ביי דער עסטרייכישער גרעניץ, וואָס האָט אויפגערודערט דער דעמאָלטדיגער ליבע־ראַלער וועלט.

אידען האָבען געווגוג געליטען (און ליידען) פון דעם „ארץ הדמים" וואָס איז אַזוי באַרימט מיט איהרע אכזריות'דיגע מעשים. דעמאָלט זיינען אָבער מיט אונז געשטאַנען די גרויסע מלוכות, אַריינגערעכענט דייטשלאַנד. ביסמאַרק צוזאַמען מיט די דיפּלאָמאַטען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך האָט ניט געוואָלט אַנערקענען רומעניע'ס אונאָפּהענגיגקייט, ביז זי וועט אַנערקענען די גלייכע רעכט פון די אידען ביי איהר אין לאַנד. היינט אָבער איז די לאַגע א פיל ערגערע. די אייראָפּייאישע מלוכות מאַכען זיך ניט וויסען פון די גרוילטאַטען, וואָס ווערען באַגאַנגען געגען אונז. היינט איז דייטשלאַנד די שפּייזערין פון די אַנטיסעמיטישע באַוועגונגען, די פאַרשפּרייטערין פון דעם דאָזיגען גיפט איבער דער גאַנצער וועלט.

און ווען אַרום אונז זיינען דאָ אַזויפיל שונאים וואָס ווילען אונז ממש אויס־וואָרצלען — איז פאַר אונז די גרעסטע פרייד צו זעהען א פּרעזידענט פון אַזאַ גרוי־סער און רייכער מלוכה ווי אַמעריקאַ זיך אָננעמען פאַר אונז, זיך אָננעמען אין א ממשות'דיגען וועג, צו געבען רעאַלע הילף אונזערע פליכטלינגע פון פאַשיסטישען גהינום.

רוזוועלט'ס רוף צו די 29 מלוכות אַז זיי זאָלען כאָטש עטוואָס אויפעפענען די טויערען פאַר די קרבנות פון היטלער'ן, איז געוועזען פאַר אונז די פריידיגסטע איבע־ראַשונג. דאָס איז געוועזען א פיינער זשעסט פון דעם פּרעזידענט אין די אויגען פון דער גאַנצער וועלט. דאָס איז געוועזען דער אייציגער שטראַל פון ליכטיגקייט אין דעם איצטיגען חשך, אין דער איצטיגער שוידערליכער, ברוטאַלער און נידערטרעכ־טיגער צייט.

זיין רוף איז געווענדעט אויף א גרויסען אינטערנאַציאָנאַלען מאַסשטאַב. דאָס גיט א מעגליכקייט צו ראַטעווען הונדערטער טויזענטער פּאַראַומגליקטע ברידער און שוועסטער, ווען נאָר מיר שטרענגען זיך אָן דורכצופירען דעם דאָזיגען פּלאַן. עס איז דער גרעסטער חוב פון אַמעריקאַנער אידען זיך אָנצושטרענגען און שאַפען די פינאַנציעלע מעגליכקייטען צו ראַטעווען א טייל פון אונזערע שוועסטער און ברידער וועלכע שטעהען ביים ראַנד פון אונטערגאַנג.

אידען פון אַמעריקע דאַרפען אויך ווירקען און אויסאיבען א מאָראַלישען דרוק אויף דער אַמעריקאַנער רעגירונג זי זאָל זיך אָנהויבען פּאַראינטערעסירען מיט'ן מצב אין ארץ ישראל; צו נעמען א שטעלונג צו די דאָרטיגע טראַגעדיע אַקטען, וואָס האַלטען אָן פאַר די לעצטע צוויי יאָר. מען דאַרף זעהען צו געווינען די סימפּאַטיע

פון די אמעריקאנער רעגירונגס לייט פאר אונזער זאך אין ארץ ישראל, פאר'ן אויפ־בוי פון דער אידישער היימלאנד אינ'ם ארץ אבותנו, וואו עס איז דאָ גענוג פלאץ פאר אידישער קאָלאָניזאציע און אימיגראציע.

זאָל מען פארלאנגען פון אמעריקע ברייטהארציגקייט און אָפענהארציגקייט אין דער לייזונג פון די אידישע פּראָבלעמען. זאָל אמעריקע דערהויבען איר פּרעס־טיזש דורך איר שטעלונג צו פּראָבלעמען וואָס קענען און דארפען געלייזט ווע־רען דורך אמעריקע וואָס האָט אזא פיינעם חוש פאר סאָציאלען יושר און גערעכ־טיגקייט. זאָל אמעריקע פארנעמען דעם פלאץ אין דעם גורל, וואָס איז אויף איר ארויפגעלייגט געוואָרען אין דעם איצטיגען יאָרהונדערט — צו זיין א ליכט־טורעם פאר אלע פעלקער!

8. דער נאַצי געשפענסט און די כוחות געגען אים אין דייטשלאַנד גופא

פון צייט צו צייט באווייזט זיך אויפ'ן פּאָליטישען האריזאָנט פון אייראָפּע א געשפענסט וואָס רופט ארויס אמאָל שרעק און אמאָל פרייד, און ציהט צו זיך אלע־מענס אויפמערקזאמקייט.

פון דעם געשעהענעם אין דייטשלאנד אין פעב. 1938 לערנען מיר עטליכע וויכטיגע זאכען, וועלכע דעקען א ביסעל אויף די געהיימנים פון היטלעריזם. ראשית אז אין דייטשלאנד גופא קומען פאר גוואלדיגע שטרייטען צווישען דער ארמיי פי־רערשאפט און דער היטלער מאכט. אז די רייכספירער בונטעווען און לאָזען זיך ניט באהערשען פונ'ם היטלעריזם.

צווייטענס לערנען מיר פון די אנטוויקלונגען, אז דייטשלאנד ווערט באדראָהט פון א מאָנארכיסטישער רעסטאווראציע, וואָס ווערט געשטיצט פון די בורזשואזע רעאקציאָנערע שיכטען, און שטעלט אין געפאר דער היטלער־מאכט, וואָס וויל ניט האָבען קיין טראָן־זיצער.

דער היטלעריזם שטייט דעריבער פאר א הארבער דילעמע: פון איין זייט וויל ער ווייזען דער וועלט אז זיין מאכט איז גרויס, אז ער האָט מיט זיך דאָס גאנצע דייטשע פאָלק; פון דער אנדערער זייט מוז ער נאָך אלץ קעמפען געגען זיינע געגנער —די מאָנארכיסטען און מיליטאריסטען פון קייזערליכען חדר, וועלכע ווילען נאָך אויפשטעלען א פאר־מלחמה'דיגע רעגירונג, א מאָנארכיסטישע, מיט'ן קרוין־פרינץ ווילהעלם אויפ'ן טראָן.

פינף יאָר האָט גענומען ביז די נאצי דיקטאטור האָט זיך פארפעסטיגט אין דער מלוכה, צו פרובירען ריזיקירען מיט באקעמפען די בורזשואזע עלעמענטען אין דער מלוכה. אָבער ביים ערשטען פאל אזעלכען האָט מען איר געוויזען, אז זי איז נאָך גאָרניט אזוי שטארק ווי זי מיינט; אז די אנדערע עלעמענטען, איבערהויפט די רייכספירער, זיינען נאָך ניט אונטערוואָרפען איר רעזשים.

זייער גערעכט איז פּראָפעסאָר שומאן, וועלכער האָט אין זיינעם א ביכעלע (וואָס איז ניט לאנג דערשינען) „פינף יאָר היטלער" אָנגערופען דעם נאציזם—„די געשיכטע פון א ליגען". פון אָנהויב זיין קומען צו דער מאכט ביז'ן היינטיגען טאָג,

פארנעמט זיך דער היטלעריזם מיט ליגען. מיט ליגען האט ער איינגענומען דאס לאנד: צוגעזאגט די ארבייטער סאציאליזם; פארשפראכען דעם קליינבירגער רוהיגע קרעמעלאך, האנדעלס רוחים . . .

א ליגען איז די היטלעריסטישע בארימעריי, אז דאס גאנצע לאנד איז מסכים מיט זייער פירערשאפט; אז ביי זיי הערשט איינינקייט; אז די ארבייטער, דאס מיליטער און די בורזשאוזיע איז צופרידען מיט'ן היינטיגען רעזשים.

עס ווייזט זיך גאר ארוים דאס פארקערטע. היטלער'ן איז נאך ניט געלונגען צו געווינען די ארמיי, די רייכסוועהר פירערשאפט איז געגען אים, האט ניט קיין צוטרוי צו אים, און לאזט אים זיך ניט מישען אין זייערע עסקים.

היטלער איז געקומען צו דער מאכט ווייל די אויסלענדישע מלוכות האבען געשטיקט און געדריקט דאס דייטשע פאלק; ווייל דאס דייטשע פאלק האט נאך דער מלחמה איבערגעלעבט דאס ערגסטע און ביטערסטע קאפיטעל אין זייער לאנגער געשיכטע. היטלער איז געקומען צו דער מאכט צוליב דער שוואכקייט, מילדקייט און צו ליבעראלקייט פון דער דייטשער סאציאל דעמאקראטיע וואס האט זיך גאר פארלאזט אויף עוואלוציע.

צוליב די און נאך א רייהע סיבות איז היטלער'ן געלונגען צו הערשען אין דעם הויך קולטורעלען דייטשלאנד, וואס האט געהאט א מעכטיגע יוניאן באוועגונג, א מעכטיגע סאציאל דעמאקראטישע פארטיי מיט סאציאליסטישע מיניסטארען און פרעמיערען, א מעכטיגע קאמוניסטישע באוועגונג.

עס איז אים געלונגען צו פארכאפען די מאכט, צו דערשטיקען די שענסטע אוצרות פון דער דייטשער קולטור, צו אונטערדריקען די דייטשע ארבייטער, צו פארוואנדלען דייטשלאנד אין א גהינום פאר יעדען פראגרעסיווען מענש און אודאי פאר אידען, אויף וועלכע דער קאניבאלער אפעטיט איז אזוי גרויס צוליב דער אנטיסעמיטישער פראפאגאנדע.

מיט דער אנטיסעמיטישער ארבייט נעמען די נאציס אוים כמעט ביי אלע שיכטען אין לאנד, פון די נידעריגסטע ביז די העכסטע קולטורעלע, ביי די פראפעסארען, סטודענטען, לערער און סתם אזוי אינטעליגענטען.

די לעצטע געשעהענישען באווייזען אבער אז טראץ דעם וואס היטלער'ס ליגענס האבען זיך אזוי געקלעפט צו די דייטשע מאסען, צו פאראליזירען זייער געדאנק און געוויסען—איז נאך אלץ זיין מאכט ניט געזיכערט. ביי א גוטען, שטארקען טרייסעל פאלט זי אום.

לאמיר דא פארצייכענען און רעזומירען די אפאזיציע כחות געגען היטלעריזם וואס האלטען זיך אין אנטוויקלען:

1. די אנטי־פאשיסטישע. די דאזיגע אפאזיציע באשטייט פון אונטערערדישע סאציאל דעמאקראטישע און קאמוניסטישע גרופען וועלכע זוכען מיטלען צו קומען אין קאנטאקט מיט'ן דייטשען ארבייטער קלאס און אים רעגען צו אויפשטאנד געגען דער נאצי מאכט. די דאזיגע אפאזיציע איז נאך שוואך, קליין, אבער מיט דער צייט וועט זי זיך צעוואקסען, פארשטארקען און אויסגעברייטערט ווערען.

2. די קירכע ניט נאָר די קאטוילישע, נאָר אויך די פּראָטעסטאנטישע קיר־כע איז ניט צופרידען פון היטלער׳ס ממשלה. די גלחים פוןביידע קירכעס גיבען אים גענוג צו שמעקען. היטלער האָט זיך פארלייגט אויף דער קריסטלאכער רעליגיע און וויל איר אויסוואָרצלען פון דייטשען לעבען. ער וויל פירען דאָס דייטשע פאָלק צוריק צו געצענדינערייי. ער טוט דאָס אין שול, אין טעאטער און אין אוניווערזי־טעט. פון די דייטשע טעקסט ביכער ווערט אלץ ארויסגענומען וואָס האָט א שייכות צו רעליגיע. ער לערענט די יוגענט ניט צו דינען קיינעם, נאָר אים אליין, דעם נאָ־ציאָנאלען משיח.

די קאטוילישע קירכע לאָזט זיך אָבער ניט. זי וויל זיך ניט אונטערוואָרפען די טעאָריעס פון ראָזענבערג׳ן אָדער לודענדאָרפ׳ן וועגען דעם נייעם גערמאנישען רעליגיאָן־קולט. דער קאמף ווערט שטארקער. עס פארגרעסערט זיך וואָס אמאָל די געגנערשאפט צום היטלעריזם. די רעליגיעזע באוועגונגען זיינען דאָך עד היום א מאסען באוועגונג וואָס קען אזוי לייכט ניט אונטערדריקט ווערען.

3. די בורזשואז־רעאקציאָנערע. די דאָזיגע אָפּאָזיציע באשטייט מערסטענס פון די אדעל־לייט און די רייכספּירער, וועלכע זיינען בכלל ניט צופרידען מיט דעם טעמפּ פון דער נאצי מאכט. זיי קענען זיך ניט אינגאנצען אונטערוואָרפען דער היטלער רעגירונג, און זוכען א וועג ווי אזוי פון איר פּטור צו ווערען. זיי זיינען נאָך איצט ניט קיין כוח, אָבער מיט דער צייט קענען זיי אויסוואקסען א באדיי־טענדער כח.

4. די אומצופרידענהייט פון די מאָנארכיסטען. אין דייטשלאנד איז נאָך דאָ היינט צו טאָג א באדייטענדער טייל פון אינדוסטריאליסטען און יונקערס וועלכע קוקען קרום אויף דער נאציסטישער מלוכה מיט זיין פּראָגראם. זיי חלומ׳ען נאָך אלץ נאָך די גלאָררייכע צייטען פון דער אמאָליגער קייזערליכער דייטשלאנד. זיי חלומ׳ען פון א מאָנארכיע.

5. די אָפּאָזיציע מצד די איבערגעבליבענע ליבעראלען. אָן אָפּאָזיציע גע־פונט אויך דער היטלעריזם צווישען די נאָך איבערגעבליבענע דייטשע ליבעראלען וועלכע קענען זיך ניט אונטערוואָרפען דער היינטיגער דייטשלאנד, וועלכע זיינען ניט מסכים מיט היטלער׳ס אויסלענדישער פּאָליטיק, וועלכע ווילען א רעפּובליכע מלוכה באזירט אויף בירגערליכע פריהייטען, וועלכע ווינשען זיך צו זעהן א דע־מאָקראטישע דייטשלאנד . . .

דאָס אלץ צוזאמענגענומען ווייזט אונז אז עס וואקסט אַן אומצופרידענקייט צו דער נאצי מאכט.

דער טעמפּ פון דער אויסניכטערונג פון די דייטשע מאסען וועט מעגלאך זיין זעהר א לאנגזאמער. דער קאמף מיט דער טעראָריסטישער דיקטאטור איז אומגע־הויער שווער, די נאצים פארמאָגען אזעלכע מיטלען צו באאיינפלוסען די מאסען, וואָס קיין רעאקציאָנערע רעזשים האָט עס ניט געהאט. דאָך גלויבען מיר אז די אויסניכטערונג איז אומפארמיידליך.

קאַפּיטעל 14

שפּאַניע אין אויפגאַנג און אין צוריקגאַנג

1. שפּאַניע אין איר אויפבליה

שפּאַניע איז באַריהמט אויף דער וועלט מיט איהר אַנדערשקייט און אויס־טערלישקייט. זי איז באַריהמט מיט איהרע אויסערגעוועהנליכע פּאַלאַצען, מיט דער שעהנער אַרכיטעקטור, מיט איהר קונסט און ליטעראַטור און אויך מיט אירע נאַטירליכע קאָנטראַסטען. ניטאָ נאָך איין לאַנד אין דער וועלט, וואָס איהר געאָגראַפישער צוזאַמענשטעל זאָל זיין אַזוי פאַרשיידען ווי אין שפּאַניע: אין גע־וויסע טיילען פון לאַנד איז דאָ צופיעל רעגען, אין געוויסע טיילען (אין מזרח שפּאַניע) איז לגמרי ניטאָ קיין רעגען. די פעלדער, אָדער זיי ווערען פאַרפּלייצט, אָדער זיי שמאַכטען און פּוסטעוועט פון טרוקעניש. און דאָך איז דאָס לאַנד רייך מיט פאַרשיידענע פּרוכט און גרינסן. פון שפּאַניע אימפּאָרטירט מען וויין, איילבערטען, אַראַנדזשען און אַנדערע פּרוכטען.

שפּאַניע איז באַריהמט מיט איהרע פּראָגרעסיווע שטרעמונגען און מיט דער רעאַקציע בא איהר אין לאַנד. אין איין טייל פון לאַנד שיינט דאָס מאָדערנסטע און אינם צווייטען טייל — דאָס צוריקגעשטאַנענסטע, פּרימיטיווסטע. באַרצעלאָנאַ און מאַדריד וואָלטען זיך ניט פאַרשעהמט פאַר די מאָדערנסטע שטעדט אין איי־ראָפּע. בעת אין קאָרדאָוואַ און סעוויל קען נאָך עקזיסטירען אַ האַלב אָריענטאַלישע ציוויליזאַציע. אין אַנדאַלוזיע, דרום־שפּאַניע, האָט די ערד ביז איצט באַלאַנגט צו די פּריצים, און די פּויערים האָבען געאַרבייט ווי שקלאַפען.

שפּאַניע איז באַריהמט מיט איהר ליטעראַרישער קאָנטריבוציע צו דער וועלט ליטעראַטור. זי איז באַריהמט מיט די ווערק פון מיגועל דע סערוואַנטעס, מיט דעם וועלט בוך „דאָן קיכאָט”. סערוואַנטעס ווערט פאַררעכענט פאַר אַ צווייטען שעקס־פּיר מיט דער שעהנקייט פון זיין סטיל, מיט זיין פאַנטאַזיע און טיעפקייט פון זיין געדאַנק. זי איז אָבער ניט וועניגער באַריהמט מיט איהרע אינקוויזיציעס, אויטאָ ־ דא ־ פעס, מיט די פאַרשיידענע טאָרקוואַמאַדאַס וועלכע האָבען איהר פאַר־פינסטערט אין די אויגען פון דער ציוויליזירטער וועלט. דער פאַנאַטישער קאַטור־ליציזם, דער צעפוילטער און דעגענערירטער, וואָס האָט אין ערגעץ ניט געפונען קיין פּלאַץ האָט זיך פאַר גאַנצע יאָהרהונדערטער פאַרפעסטיגט אין שפּאַניע, און באַהערשט די שפּאַנישע מאַסען.

אינטערעסאַנט איז, דאָס ווען אין אייראָפּע האָט געהערשט רעאַקציע און פינסטערניש, איז שפּאַניע געווען אויף די העכסטע שטאַפּלען פון אַנטוויקלונג; און ווען אין אייראָפּע איז ליכטיג געוואָרען, האָט זיך איבער שפּאַניע פאַרשפּרייט אַ חשכות. אינדערמיטען פון צעהנטען יאָהרהונדערט ווען אייראָפּע איז געשטאַ־נען אויף די נידעריגסטע שטאַפּלען פון מיטעלאַלטער, פאַרזונקען אין פינסטערניש,

בעת די קאטוילישע קירכע האָט באהערשט אייראָפּאס געדאנקען וועלט, און גע־טראָטען אויף די גריכישע און רוימישע ציוויליזאציעס, זיינען אין שפאניע, אונ־טער דער הערשאפט פון די מורען, געווען אזעלכע ליכטיגע צענטרען, ווי טאָלעדא און קאָרדאָווא, וואו עס האָט געהערשט א בריליאנטענע ציוויליזאציע. זייערע או־ניווערזיטעטען און ביבליאָטעקען, זייערע מוזעאומס האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָס סאמע פיינסטע אין דער דאמאָלסדיגער אראבישער ציוויליזאציע, וואָס איז נאָך איבערגעשטיגען די רוימישע און די גריכישע. דאָס פאָלק האָט דעמאָלט גע־לעבט אין רייכטום און אין כבוד, ניט וויסענדיג פון קיין שקלאפען סיסטעם און פון קיין אונטערדריקונג.

ווען אייראָפּא האָט אָנגעהויבען בליהען, איז שפאניע אריינגעפאלען אין רעאקציאָנערע הענט, געוואָרען צוטיילט צווישען קעניגע, וועלכע האָבען איהר באהערשט דורך פארשיידענע אינטריגעס און קאָנפליקטען. איהרע יאָהרען פון ירידה האָבען זיך אָנגעהויבען, זי איז געזונקען אזוי וויט אז פראנקרייך און עסטרייך זאָלען זיך נעהמען איינטיילען מיט איהר טעריטאָריע...

שפאניע איז אביסעל אייראָפּעאיש און א היבש ביסעל אפריקאניש. עס איז אן אלט אמת'דיג ווערטעל: „אפריקא הויבט זיך אָן ביי די פירענייען בערג". די פירענייען טיילען שפאניע מעהר אָפּ פון מערב אייראָפּא ווי די אלפּען, איטא־ליע. דער קלימאט איז דאָרט כמעט דער זעלבער ווי אין נאָהענטען אפריקע. די בערג ברעכען דורך דאָס לאנד פונקט אזוי ווי אין צפון אפריקע. די טייכען ווערען זומער אויסגעטריקענט און ווינטער ווערען זיי פארוואנדעלט אין מעכטיגע אומ־צוימבארע שטראָמען וואָס דערלויבען ניט קיין שום נאוויגאציע. דאָס לאנד ליגט דעריבער א פארשמאכטע פון די גוואלדיגע היצען. צוליב די בערג־קייטען איז דאָס לאנד פאר הונדערטער יאָהרען געווען צושפּליטערט אין קליינע מלוכה'־לאך, וועלכע זיינען געווען אָפּגעזונדערט און ניט געהאט צווישען זיך קיין שום קאָנטאקט.

דאָס האָט זיך שטארק אָפּגערופען אויף דעם מאטעריעלען וואוילשטאנד פון דער באפעלקערונג. די באפעלקערונג וואָס האָט זיך געהאלטען אין פארגרע־סערען האָט זיך ניט געקאָנט דערנעהרען פון שפאנישען באָדען צוליעב די דער־מאָהנטע אורזאכען און אויך צוליב דעם וואָס די ערד האָט באלאנגט דורכאויס צו די פריצים.

שפאניעס איצטיגער שטח פארנעהמט דעם גרעסטען טייל פון פירענעאישען האלב אינזעל אויף'ן מערב'דיגען ברעג פון אייראָפּא. א טעריטאָריע פון א 405 טויזענט קוואדראט קילאָמעטער. איהרע גרענעצען זיינען אויף דער דרום מזרח זייט דער מיטעללענדישער ים און אויף דער צפון זייט דער אטלאנטישער אָקעאן. אויף מערב זייט גרענעצט זי זיך מיט פּאָרטוגאל. די פירענעער בערג טיי־לען איהר אָפּ פון פראנקרייך. אויף דער דאָזיגער טעריטאָריע וואוינען ארום 24 מיליאָן איינוואוינער. די איבערוועגענדיגע נאציאָנאליטעט זיינען די קאסטיליער (ארום 15 מיליאָן). חוץ זיי וואוינען אין לאנד ארום 4 מיליאָן קאטאלאָנער, באס־קען, און גאליסיער אריבער 2 מיליאָן.

צו שפאניע געהערט איצט אויך מאראקא צפון אפריקא וואס פארנעהמט א שטח פון 29 טויזענט קוואדראטנע קילאמעטער מיט א באפעלקערונג פון 750 טויזענט מענשען.

שפאניע ווערט פאררעכענט אלס א לאנדווירטשאפטליך לאנד. 59 פראצענט פון דער באפעלקערונג זיינען פויערים. די מעהרסטע פון זיי האבען ניט קיין „אייגענע" ערד נאר דינגען ערד ביי די פריצים אדער ביי דער קירכע וועלכע האט פארמאגט ביז דער רעוואלוציע כמעט א דריטעל פון שפאנישען באדען. אין אנ־דאלוזיע דער תבואה שפייכלער פון שפאניע פלעגט ארומגעהן א פאלקס ווערטעל: „פון סעוויל ביז קארדאווא שפאצירען די פריצים ניט אראפ פון זייער אייגענער ערד".

די נאטור רייכטימער פון שפאניע זיינען פון גרויס באדייטונג, עס געפינען זיך דארטען שטיינקוילען, אייזען, בליי, קוועקזילבער, קופער, זילבער, צינק, שוועבעל און זאלץ.

די דאזיגע רייכטימער זיינען נאך ניט געווען בעארבייט, און די שוין בעארבייטע געפינען זיך אממייסטענס אין אויסלענדישע קאפיטאליסטישע הענט.

דער אפשטאם פון שפאנישען פאלק איז פון א געמיש פון אפריקאנישע און אייראפעאישע ראסען. ווי מען איז זיך משער שטאמען זיי פון די „איבריאנס" און „צעלטס". די לעצטע זיינען געקומען פון פראנקרייך, געלעגען אין די היילען ארום די ים ברעגען, און זיך פארנומען מיט יאגד און פיש כאפעריי פאר זייער חיונה. נאך אין דער פאלעאליטישער עפאכע (שטיין־פעריאד) זיינען דארט מענטשען געווען באזעצט ארום אירע ברעגען.

הונדערטער יאהרען פארן קריסטענטום זיינען פענעציאנער שיפען פון צור געגאנגען קיין קאדיז דרום שפאניע וואס ליגט ביים מיטעללענדישען ים. די רוימער פלעגען דאן רופען שפאניע טארטעסוס, מיינענדיג אז די שפאניער זיינען פון תרשיש, (עס איז דא א מיינונג אז שלמה המלך'ס שיפען, וואס זיינען געגאנגען קיין תרשיש צו ברענגען גאלד און זילבער איז גאר געווען שפאניע וואס מען פלעגט רופען תרשיש אין העברעאיש). שפעטער זיינען קיין שפאניע געקומען די גריכען, די קארטאגען און לסוף די רוימער. פאמפעי מיט זיין מיליטער איז אריין אין שפאניע און איבערגעלאזט נאך זיך רואינען וועלכע מען דערקענט נאך ביז היינט. עס איז דא א לעגענדע אז די צוויי אפאסטאלען פון קריסטענטום פאול און דזשיימס זיינען געווען אין שפאניע, געזוכט צו באאיינפלוסען די איינוואוינער זיי זאלען אנעהמען דעם קריסטליכען גלויבען. פאול שרייבט אין זיין עפיסטאל צו די רוימער אז ווען נאר ער וועט זיך אריבערכאפען קיין שפאניע וועט ער קומען זיי באזוכען.

אין דריטען יאהרהונדערט פאר'ן קריסטענטום (218 פ. ק.) זיינען די רוימער געקומען מלחמה פיהרען מיט די קארטאגענער וועלכע האבען באהערשט שפאניע. די מלחמה איז געווען א רעזולטאט פון א קאנפליקט איבער א שטאט סאגונטוס, וואס די רוימער האבען געהאלטען פאר זייערער. רוים איז דעמאלט געשטיצט געווארען פון די גריכען און עס איז איהר געלונגען צו פארכאפען און

אַפּריסען שטיקער טעריטאָריע פון שפּאניע, עס האָט איהר אָבער געגומען עטלי־כע יאָהרהונדערטע זי זאָל אין גאנצען פארכאפּען שפּאניע. ערשט ביי דעם אָנ־הויב פונם ערשטען יאָהרהונדערט נאָך דער קריסטליכער רעכענונג האָט רוים פארכאפּט שפּאניע פאר איהר אייגענטום.

די רוימישע עקספּאנסיע האָט זיך שטארק געלאָזט פיהלען אין שפּאניע. זי האָט קולטורעל אסימילירט דאָס שפּאנישע פאָלק, און איהם באיינפלוסט מיט דער רוימישער ציוויליזאציע. די הייזער האָבען אָנגעהויבען פארלירען זייער אָרי־גינעלען כאראקטער, דאָס סאָציאלע לעבען, די געזעצען, די רעליגיע אלץ לויט'ן רוימישען מוסטער. יופּיטער און ווענוס זיינען אויך געוואָרען די געטער פון שפּאַ־ניע. אויסער אנדאלוזיע וואָס האָט זיך ניט אונטערגעוואָרפען דעם רוימישען איינפלוס, איז גאנץ שפּאניע אסימילירט געוואָרען אין דער רוימישער קולטור און ארט לעבען.

דער רוימישער אימפּעראטאָר וועספּאסיאן האָט געמאכט פארשיידענע געזע־צען לטובות שפּאניע כדי איהר צו געווינען פאר רוים. שפּעטער ווען די קריסט־ליכע רעליגיע, האָט אָנגעהויבען באהערשען דאָס אלטע רוים, אין צייט פון אגוס־טוס צעזאר איז שפּאניע מיטגעריסען געוואָרען מיטן שטראָם און ביי איהר אין לאנד האָט דאָס קריסטענטום געפונען די שטארקסטע פעסטונג — דער שטאָט איז געוואָרען איינגאנצען אָפּהענגיג פון דער קירכע.

אין אָנהויב פון 8-טען יאָהרהונדערט נאָך דער קריסטליכער רעכענונג זיינען געקומען מורען פון מוסולמאנער אָפּשטאם (מ'האָט זיי גערופען מוראבעס פון אראבער) פארכאפּען שפּאניע. אין גאָר א קורצער צייט האָבען זיי געזיגט איבער גאנץ שפּאניע, און קאָרדאָווא, די וואוינונג פון עמיר (גאָווערנאָר) איז גע־וואָרען די הויפּט שטאָט. זיי האָבען אין שפּאניע אריינגעבראכט א נייע רעליגיע, די מאכמעדאנישע; דער קאראן איז געוואָרען די ביבעל פון שפּאנישען פאָלק. זיי האָבען אויך אריינגעבראכט אין לאנד אריין די מוסולמאנישע טראדיציעס און געזעצען. די אראבישע שפּראך איז אָפּיציעל אנערקענט געוואָרען. די קול־טור, די ציוויליזאציע, די טעמפּלען, פונקט ווי ביי די אראבער.

די קריסטליכע שפּאניער האָבען אָבער זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען. בכלל האָט דער קריסטענטום געקעמפּט מיט אלע כוחות צו באקעמפען די מורי־שע הערשאפט. ביסלאכוויז נאָך לאנגע קאמפען זיינען די מורען ארויסגעשטויסען געוואָרען פון דאָרט. אין יאָר 1492 האָבען זיי פארלאָרען זייער לעצטער פעסטונג — גראנאדע, און די קריסטליכע קירך האָט פולשטענדיג געזיגט איבער דער מאכמעדאנישע. דער „צלם האָט טריאומפירט איבער דער האלבער לבנה". אזוי ווערט פארצייכענט דער זיג פון קריסטענטום איבערן קאראן.

אין דער צייט ווען די אראבישע הערשאפט האָט רעגירט איבער שפּאניע, האָט דאָס לאנד געלעבט אין דער גרעסטער רכבות און אידען האָבען דאָר פאר־נומען די וויכטיגסטע פּאָזיציעס אין אלע צווייגען און אויף אלע געביטען פון לאנדווירטשאפט. דאָרט זיינען אויך געווען אָנגעזעהענע אידישע פילאָזאָפען, גרוי־סע דענקער וועלכע האָבען גוט געקענט אי די אָריענטאלישע שפּראכען און קול־

טורען, אי די גריכיש־לאטייניש. עס זיינען געווען אידישע פינאנסיסטען, אידישע דאָקטוירים, אידישע יוריסטען, מאטעמאטיקער און רעגירונגס באאמטע. עס האָבען דאָרט געלעבט יהודה בן ברזלי (1130) אברהם בחיי, חסדאי, קרשקש (1410), דון יצחק אברבנאל און אנדערע הונדערטער אָנגעזעהענע אידען וועלכע האָבען געשפּילט א גאָר גרויסע ראָלע אין די רעגירונגס קרייזען.

דאָס קריסטענטום איז געקומען צו דער מאכט און מיט איט די שרעקליכס־טע רעאקציע וואָס איז ווען עס איז געווען אין פריהערדיגער שפּאניע. ביז דער־מאָלט איז שפּאניע געווען צוטיילט. אין 1479 איז דאָס קעניגטום געוואָרען פאר־אייניגט דורך דער חתונה פון דער פּרינצעסען איזאבעלא פון קאסטיליע מיטן פּרינץ פערדינאנד פון אראגאן. אין יענער צייט האָט מען זיך גענומען מיט די שטארקסטע רציחות צו די מורען און צו די אידען. זיי געפּייניגט מיט די גרעס־טע עגויים ,מיט די ווילדסטע שחיטות. מען האָט געזאָגט מכלומרשט אז אין נאָמען פון יעזוס'ען טוט מען דאָס, אז מען וויל אויסוואָרצלען פון שפּאניע די „פרייע" גאָטלאָזע בירגער. געמיינט האָט מען אָבער אונטערדריקען און צו פאַרפּייניגען צום טויט די „פרעמדע" און די ליבעראַלע עלעמענטען פון לאנד וועלכע האָבען זיך געפיהלט גליקלאך אונטער דער מורישער הערשאפט. די דאמאָלטדיגע אינק־וויזיציעס און אויטאָ־דא־פעס, די מזבחות אויף וועלכע צענדליגער טויזענטער מענשען זיינען אויף דעם ברוטאלסטען אופן אומגעקומען, האָבען געמאכט שפּא־ניע בארימט אַלס א לאנד פון בלוט פארגיסונג, אלס א לאנד פון פינסטערניש און ווילדקייט.

פילע פון די דעמאָלסטדיגע שפּאנישע שרייבער ווילען אלץ דערקלערען אז שפּאניע האָט געפיהלט א נויטווענדיגייט אונטערצודריקען די פרעמדע איינוואוי־נער, ווייל זי האָט מורא געהאט פאר דעם „פן ירבה" אז די אידען קענען אמאָל פונקט ווי די מורען פארכאפּען דאָס לאנד. אז צוליב דער מורא אליין האָט שפּאַ־ניע זיך גענומען אויסראָטען די אידען און זיי פארטריבען פון לאנד. דאָס איז אָבער אן אויסגעטראכטער תירוץ, פונקט אזוי ווי די היינטיגע אנטיסעמיטען טראכטען אוים פארשיידענע פוילע תירוצים אום צו בארעכטיגען זייער נידער־טרעכטיגקייט, זייער ברוטאלישקייט און רדיפות אויף אידען.

אויך טארקוואמאדא (1498—1420), אויך די דאָזיגע מיאוס'ע נידערטרעכ־טיגע בריה האָט געהאלטען אין איין טענה'ן מיט די שפּאנישע פאָלקס מאסען אז מען מוז באקעמפען די אידען, די אטעאיסטען, וועלכע קענען נאָך ווערען די רעגירער פון שפּאניע און איר פארוואנדלען אין א גאָטלאָזע מדינה. אויך ער האָט געזוכט צו פארטיידיגען זיין כוליגאניזם און חיה־ישקייט און פארבלענדט טויזענטער אונבאוואוסטזיניגע מענשען. עס זיינען נאָך דאָ היינט מענשען צווי־שען די אומות העולם וועלכע מיינען אז דער דאָזיגער באשמוצטער אין מענשלעך בלוט איז געווען אן אויפריכטיגער מענש, און געמיינט ערנסט מיט זיין שנאה צו אידען און צו מורען. ווי מיר וויסען, איז געווען טארקוואמאדא דער, וועלכער האָט פארפינסטערט דעם אזוי אויך פארפינסטערטען קלעריקאליזם און פאר־שווארצט דאָס פּנים פון שפּאניע אין די אויגען פון דער גאנצער וועלט.

אידיש און מוריש בלוט האָט זיך געגאָסען פון טיר צו טיר. גאנצע קאנאַלען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט דעם דאָזיגען אומשולדיגען בלוט. דער קאטוי־ליציזם האָט פארכאפּט די מאכט. אנשטאָט א ליבלאכע חברישע רעגירונג אונ־טער דער מורישער הערשאפט, איז געקומען די קירכע מיט איר צעפּוילטקייט, אונטערדריקען דאָס שפּאנישע פאָלק און אים פארשקלאפען. אָנשטאָט די פריי־הערדיגע רעגירונג וואָס האָט זיך געשטיצט אויף העכערער עטיק פון פרייהייט און גלייכהייט איז געקומען דאָס קריסטענטום און פארוואנדעלט שפּאניע אין א גיהנום.

אין דער צייט ווען אין אנדערע לענדער האָט זיך אָנגעהויבען די רענע־סאנס עפּאָכע, ווען עס האָבען אָנגעהויבען בלאָזען פרישע ווינטען מיט פּראָגרעס און אויפלעבונג איז שפּאניע געזונקען אין די טיפסטע זומפען. די יאָרען פון ירידה האָט שפּאניע אָנגעהויבען דורכמאכען ווען זי האָט פּראָקלאמירט דעם גירוש שפּאניע. די קירכע האָט געהאט דעם שטארקסטען איינפלוס אין לאנד און די מאנארכיע האָט זיך נאָר פארנומען מיט פארכאפּען קאָלאָניעס, קויפען שקלאַפען און שאפען א שפּאנישע אימפּעריע.

2. שפּאַניעס אונזיכערע קרוין

די שפּאנישע מלוכה האָט זיך ארויסגעבילדעט, אין רעזולטאט פון לאנג דויע־רענדען קאמף, פון די פארשיידענע שפּאנישע קעניגרייכען, קעגען די פריערדיגע הערשער, די אראבער.

דער דאָזיגער קאמף ווי מיר האָבען פריהער געזעהן, האָט זיך פארענדיגט ביים ענדע פון פופצעהנטען יאָרהונדערט. ווען שפּאניע האָט פארנומען כמעט דעם ער־שטען אָרט צווישען די לענדער פון יענער צייט. אויף דעם העכסטען שטאפּעל פון מאכט און רום, האָט שפּאניע דערגרייכט אין זעכצעהנטען יאָרהונדערט, פאר די קעניגע קאַרל דער ערשטער, און פיליפּ דער צווייטער, ווען שפּאניע האָט געהערשט איבער א סך קאָלאָניעס, אין פארשיידענע טיילען פון דער אלטער און נייער וועלט.

דורך איהרע דעראָבערונגען אין דרום און צענטראל אמעריקע איז שפּאניע געוואָרען די קאָלאָסאלסטע אימפּעריע פון יענער צייט. מיט'ן שטארקסטען שטראָם איז געפלאָסען גאָלד, זילבער און אנדערע ווערטפולע מעטאַלען פון אמעריקע. אזוי אז שפּאניע האָט לייכט געקאָנט ווערען דאָס ערשטע קאפּיטאַליסטישע לאַנד אין דער וועלט.

זי איז עס נישט געוואָרען, ווייל אירע פאראזיטען, מיליטערישע אוואנטו־ריסטען, און פעאָדאלען, האָבען זיך אנשטאָט פּראָדוקטיווע טעטיקייט, פארנומען מיט ביוראָקראַטיע און אונטערדריקונג.

דאָס גאנצע גאָלד און זילבער וואָס איז אריינגעקומען אין שפּאניע, איז אויס־גענוצט געוואָרען פאר דער אויפהאַלטונג פון דעם קעניגליכען הויף. און די קירכע איז אויסגענוצט געוואָרען אויף צו פארשקלאפען דער שפּאנישער באַפעלקערונג. די שפּאנישע אדעלליים, די מיליטער פיהרער האָבען פארכאפּט דעם שפּאנישען באָדען אין שפּאניע גופא, און דעם גאנצען דרום אמעריקאנישען קאָנטינענט (מיט'ן

אויסנאהם פון בראזיל, וואָס פּאָרטוגאל האָט פארכאפּט) וואָס האָט געהערט צו שפּאניע, און פאריאָכט די שפּאנישע ארבייטער און פּויערים.

מיט דער הילף פון דער מאָנארכיע און דער קירך, האָבען די שפּאנישע פּריצים געקאָנט טאָן מיט'ן דורכשניטלעכען שפּאנישען בירגער וואָס זיי האָבען געוואָלט. דאָס פאָלק איז געווען הפקר פאר די פּאראזיטען, האָט געקאָנט אויסגעהן אין הונגער און און אין מגפות און קיינער זאָל זיך אויף זיי ניט אומקוקען. די סקאנדאלען אין די קעניגליכע הויפען, דאָס אויסגעלאסענע לעבען פון די פּרינצען און פּרינצעסינס — דאָס אלץ צוזאמען האָט געבראכט דערצו, אז שפּאניע זאָל אָנ־הויבען פאלען און איהר פּלאץ זאָל פארנעהמען אן אנדער לאנד וועמעס אימפּע־ריאלע מאכט האלט נאָך אָן ביז'ן היינטיגען טאָג.

מיט'ן אָנקום פון דער בורבאָנען דינאסטיע, וועמענס ערשטער קעניג אין שפּאניע איז געווען פיליפּ דער זעקסטער (1700־46), אן אייניקעל פון לואי דעם פערצעהנטען פון פראנקרייך, האָט שפּאניע אָנגעהויבען ארונטערגעהן אלץ נידע־ריגער און טיעפער ביז זי האָט אויפגעהערט שפּילען די ראָלע פון אן אימפּעריאלים־טישער מלוכה.

אויך די עקאָנאָמיק פון שפּאניע איז אין 18־טען יאָרהונדערט געזונקען פון יאָהר צו יאָהר. די אגריקולטור אינדוסטריע איז פארנאכלעסיגט געוואָרען. די פּריצים, האָבען ניט געוואָלט העלפען דער פּויערים באַפעלקערונג מיט די נויטיג־סטע מאַטעריאלען אויף צו באארבייטען דאָס לאנד. די גאנצע איריגאציע סיסטעם איז פארניכטעט געוואָרען. אָהן דעם קאָן שפּאניע ניט אויסקומען. די פעלדער האָ־בען געפּוסטעוועט, די מאסען האָבען זיך ניט וויסענדיק געמאכט. זיי האָבען זיך בעסער פארנומען מיט נארישע הויף־קריגערייען און רייסערייען. אָנשטאָט זיך אָפּ־געבען אָדער לכל הפחות זיך אינטערעסירען מיט דער לאנד ווירטשאפט, מיטן וואוילזיין פון פאָלק האָט מען זיך פארנומען מיט לינקע ליבעס א. ד. גל.

די אימפּעריע האָט אָנגעהויבען ביסלעכווייז פאלען. עס איז ניט געווען ווער עס זאָל איהר אויפשטעלען. אין צייט ווען די שפּאנישע קעניגע און קעניגינס זיי־מען געווען פארנומען מיט פאמיליע סכסוכים, האָט עסטרייך און ענגלאנד זיך א ווארף געטאָן אויף דער שפּאנישער אימפּעריע און אָנגעהויבען אוועקרייסען פון איהר שטיקער טעריטאָריע און קאָלאָניעס.

דעם ערשטען און שרעקליכען קלאפּ האָט שפּאניע באקומען דורך דער ני־דערלענדער רעוואָלוציע. די בירגער און פּויערים פון אויפשטענדלערישען האָלאנד האָבען אראָפּגעווארפען די הערשאפט פון די קאָלאָניזאטאָרען, וואָס האָבען געהאל־טען דאָס דאָזיגע לאנד אין צושטאנד פון עקאָנאָמישער און רעליגיעזער אונטער־דריקונג.

אויף דער וועלט ארענע האָט אָנגעהויבען ארויסטרעטען א מעהר שטארקער און געפערליכער אימפּעריאליסטישער קאָנקורענט — גרויס בריטאניע. צווישען די צוויי אימפּעריעס האָט זיך אָנגעהויבען א פאר'עקשנ'טער קאמף פאר דער הער־שאפט איבער ימים און קאָלאָניעס.

דער קאמף האָט זיך געענדיגט מיט זיגען פאר ענגלאנד, וועלכע איז געוואָרען די שטארקסטע אימפּעריע, און מיט כסדר'דיגע דורכפאלען פאר שפּאניע. די לעצ־

טע האט געהאלטען אין איין פארלירען איהרע קאלאניעס. די מעכטיגע מלוכה איז פארוואנדעלט געווארען אין א מלוכה פון צווייטען ראנג וועלכע האט שוין מעהר ניט געשפיעלט א וועלכע ניט איז ערנסטע ראלע צווישען די אימפעריאליסטישע לענדער.

איבער דער צייט פון פאליטישער און עקאנאמישער ירידה זיינען די שפאנישע אינדוסטריעס כמעט ווי אפגעווישט געווארען.

די אינדוסטריעלע שטאט סעוויל וואס איז אמאל פעררעכענט געווארען אלס די רייכסטע שטאדט אין טעקסטיל אינדוסטריע מיט איהרע טויזענטער וועב־שטולען איז געבליבען אן ארימע שטאדט מיט א וואסערע עטליכע הונדערט וועב־שטולען. די רייכע טאלידא מיט איהרע צעהנדליגע וואל פאבריקען וועלכע האט באשעפטיגט טויזענטער ארבייטער איז געבליבען בלויז מיט א 13 קליינע פאבריקען. די זייד־אינדוסטריע אין טאלידא, וואס האט אונטער די מורען באשעפטיגט 40 טויזענט ארבייטער האט פארלוירען די גאנצע אינדוסטריע.

די שפאנישע באפעלקערונג איז אויסגעגאנגען פון הונגער. די באפעלקערונג איז אלעמאל קלענער געווארען. אבער די פעאדאלען זיינען זיך געזעסען רוהיג אויף זייערע מיליאנען הכנסות און נאר געטראכט וועגען עקספלואטאציע און שקלאפערייַ צו פארגרעסערען זייערע פארמעגענס און צו פארברענגען זייער צייט אין לוקסוס און אויסגעלאסענקייט. די אלפאנזעס, האבען אנשטאט זיך בויגען פאר די נויטען פון פאלק געשטארקט די הענט פון די אונטערדריקער, געהאלפען דער שפאנישער רעאקציע און מיטגעארבייט מיט די שפאנישע פעאדאלען.

די מאנארכיע דערפיהלענדיג איהרע שוואכקייט און געפאלענקייט האט אנגעהויבען זוכען שטיצע פון אנדערע לענדער און דערפאר באצאהלט גאר הויכע פרייזען. געפינענדיג זיך נאהענט צו פראנקרייך האט שפאניע געזוכט הילף פון דער פראנצויזישער מאנארכיע און עס באקומען מיט דער פולער האנט פונם שטארקען נאפאלעאן וועלכער האט אין זיינער צייט באהערשט שפאניע מיט זיין איינפלוס און מאכט. ער האט געהאט די הויפט דעהביים באשטימען א קעניג. ווען דאן פערנאנדא האט אבדיקירט פון טראהן צוליב זיין פרוים ליבע, און עס איז אנטשטאנען א קאמף צווישען גאדאין און פערדינאנד דער זיבעטער איז נאפאלעאן געווען דער וועלכער האט ארויפגעזעצט פערדינאנד'ן אויפ'ן טראהן.

דער אנהויב פון 19־טען יארהונדערט, ווען שפאניע האט מיט אמאל פארלוירען איהרע קאלאניעס אין אמעריקע (אריינגערעכענט קאליפארניע, טעקסעס, מעקסיקא), האט געבראכט מיט זיך א שטיקעל איבערקעהרעניש אין שפאניע גופא. אי דאס שפאנישע פאלק אין אלגעמיין און אי די שפאנישע פעאדאלען האבען אנגעהויבען טראכטען וועגען זייער ווייטערדיגען גורל.

די אויפשטאנדען פון די דרום אמעריקאנישע פעלקער האבען די לעצטע דערלאנגט איבער זייער בייטעל און איבער זייער קאפ.

איין רעוואלוציע האט נאכגעפאלגט א צווייטער און די שפאנישע הערשאפט איז ארויסגעשטופט געווארען פון כמעט גאנץ צענטראל און דרום אמעריקא. עס זיינען ארויסגעוואקסען נייע רעפובליקען, ארגענטינע, אורוגוויי, פאראגוואי, טשילי,

פערו, באליוויע, קאלומביא, ווענעזועלא, און עקוואדאר און אנדערע. אויך פארטא־ריקא און קובא האבען זיך געהאלטען ביים אפרייסען.

אין אפריקא האט פראנקרייך ארויסגעשטופט די שפאנישע הערשער, ביז זיי זיינען געבליבען מיט א קליינעם פאס פון מאראקא, לעבען דעם גיבראלטאר ים־איינגוס.

די שפאנישע פאראזיטען האבען דערזעהן אז זיי האבען אלץ פארלוירען, און אז עס איז פאר זיי נאר איבערגעבליבען עקספלואטור־קוואלען אין לאנד גופא. האבען זיי זיך גענומען צו דער אזוי אויך פארארימטער שפאנישער באפעלקערונג. זיי האבען פארגרעסערט די שטייערען אויף די דארפישע און שטאדטישע מאסען. זיי האבען באשאפען גוואלדיגע טאריף־אפצאהלונגען און אנגעהויבען נוצען אויסלענדיש קאפיטאל אויף אינוועסטירונגען און עקספלואטאציע קוואלען.

דאס שפאנישע פאלק האט אנגעהויבען רעוואלטירען, זיך שטעלען קעגן די רויבערישע מעשים פון זייערע רעגירער. אין יאר 1810 איז אין קאדיז צוזאמענגעשטעלט געווארען דער ערשטער נאציאנאלער פארלאמענט וואס האט פראקלאמירט א קאנסטיטוציע וואס האט דערקלערט די רעכט פון יעדען שפאניער און געשאפען באדינגונגען פאר א באפרייטער שפאניע.

די קאנסטיטוציע האט אנגעהאלטען צוויי יאר ביז 1812, ווען די מאנארכיע מיט דער הילף פון שפאנישע באיאנעטען האט זיך א נעהם געטאן מיט פייער און שווערד אויסראטען די אלע רעוואלוציאנערען און פארניכטען יעדען שפור פון פארלאמענטאריזם און קאנסטיטוציע.

די שפאנישע רעוואלוציע איז צוריקגעשלידערט געווארען צוליב דער צוריקגעשטאנענקייט פון די מאסען און די שלעכטע איינשטעלונג פון די פראווינציעלע רעגירונגען.

דער לעבנס סטאנדארד פון די ארבייטער אין די שטעדט און פון די פויערים אין די דערפער איז געווען דורכויס א פעאדאלער סטאנדארד. זיי זיינען ניט געווען ארגאניזירט און ניט צוגעגרייט צו רעוואלוציעס. זיי זיינען געלעגען אונטערן קנאפעל פון זייערע בלוט זויגער אזוי אז זיי האבען ניט געקאנט אויפהויבען זייערע קעפ צו קעמפען פאר זייער פרייהייט. זיי זיינען דעריבער געבליבען אויף נאך א לאנגער צייט רעכטלאז פאר זייערע עקספלואטאטארם.

מארקס האט אין זיינעם אן ארטיקעל „די רעוואלוציאנערע שפאניע" (ניו יארק טריבון, סעפטעמבער 9, 1854) פארגליכען שפאניע צו טערקיי. „פונקט ווי טערקיי — שרייבט ער — אזוי איז שפאניע געבליבען א מיש מאש פון שלעכט פארוואלטעטע פראווינצען, וואס האבען פארשיידענע מיליטערישע פארמען און פארשידענארטיגע פאהנען און פארשיידענע שטייערען סיסטעמען".

אין יאהר 1873 איז נאך אן אויפשטאנד קעגען דער רעאקציאנערער מאנארכיסטישער רעגירונג איינגעשטעלט געווארען א רעפובליק וואס האט קוים אנגעהאלטען איהר מאכט פאר א יאהר צייט און איז באקעמפט געווארען פון דעם רעאקציאנער אלפאנס דער צוועלפטער.

ערשט אין די ניינציגער יאהרען פון לעצטען יארהונדערט זיינען אין שפאניע אויפגעשטאנען באוועגונגען וואס האבען זיך געגרייט צו א סאציאלער רעווא־

לוציע. עס איז ארויסגעוואקסען א רעפּובליקאנישע פּארטיי, די אזוי גערופענע „פּאזיאניסטישע" באוועגונג; אויך א סינדיקאליסטישע אנארכיסטישע באוועגונג וועלכע האָט געשפּילט א גאָר באדייטענדיגע ראָלע אין דער אָרגאניזירונג פון שפּאַנישען ארבייטער קלאַס.

אין 1879 איז געגרינדעט געוואָרען די סאָציאַליסטישע פּארטיי („פּארטידא סאָציאַליסטא אברערא") און אין 1888 יאָהר איז אונטער דער פירערשאפט פון פּאבלאָ איגלעסיאַס געשאַפען געוואָרען די „גענעראַלע אוניאָן פון ארבייטער".

אין מאַי 1902 איז אַלפאָנס דער לעצטער (12-טער) ארויפגעשטיגען אויפ'ן טראָהן אין עלטער פון 16 יאָהר. אין זיין קאָראָנאציע שבועה האָט ער פארשפּראָכען צו היטען דאָם געזעץ, צו האַלטען די קאָנסטיטוציע און צו פיהרען די מלוכה אין די אינטערעסען פון פאָלק. געהאַנדעלט האָט אָבער דער דאָזיגער נפש'ל גאָר אנדערש. ער האָט זיך פארבונדען מיט די גענעראַלען, פּריצים און קלעריקאַלען און גענומען פיהרען זיין מלוכה ביד חזקה, אונטערדריקענדיג אַלע ליבעראַלע עלעמענטען ארבייטער און ראַדיקאַלען.

די געגנערשאפט צו איהם איז געוואָרען שטארקער פון צייט צו צייט. ער איז געוואָרען פארהאַסט ביים שפּאַנישען פאָלק וואָס האָט געבעטען אויף זיין טויט.

אין יאָהר 1906 ווען ער האָט געהייראַט דער יונגער ענגלישער פּרינצעסין האָט איינער אן אומבאַקאַנטער יונגערמאַן זיך צוגערוקט צו איהם בעת דער פּראָצעסיע פון דער קעניגליכער צערעמאָניע און געשאָסען אויף איהם. די וועלט האָט געמיינט אז דאָ האָט מען צו טאָן מיט אן אנארכיסט פון פערער'ס חדר. ארויסגעוויזען האָט זיך לסוף אז דער מענש איז געווען א הויך געבילדעטער, ניט געהערט צו קיין פּארטיי, א זוהן פון א רייכער פאַמיליע וועלכער האָט אלס נקמה געוואָלט מאַכען דעם אטענטאַט אויפ'ן מאָנארך.

שפּאַניע איז פון איין זייט געוואָרען אויף דעם שענדליכסטען אופן קאָרופּטירט, אין לאַנד האָט געהערשט די ערגסטע סאָרט רעגירונג. פון דער אנדערער זייט איז אין שפּאַניע אריינגעקומען די ווערק פון קראָפּאָטקין, טאָלסטאָי, פּרודאָן, מאַרקס און ענגעלס. די שפּאַנישע מאַסען האָבען אָנגעהויבען דערוואַכען פון זייער לאַנגען שלאָף און אָנגעהויבען קעמפען געגען דער קאָרופּטירטער אונמאָראַלישער רעגירונג.

אין 1909 איז געמאַכט געוואָרען דער ערשטער פארזוך ארונטערצוּוואַרפען די מאָנארכיע און מיט איהר די מיליטערישע קליקע און פאַלשע קירכע.

די רעוואָלוציאָנערען האָבען צוגעגרייט מאַראָקאַ וואו דער רעוואָלט זאָל זיך אָנהויבען (מאַראָקאָ איז א מקום מוכן לפורעניות). זיי האָבען צוגעגרייט אן אַלגעמיינעם סטרייק. מיט דער רעוואָלוציע האָט אָנגעפירט דער באַוואוסטער אנארכיסט פערער, דער גרינדער פון די מאָדערנע שולען אין שפּאַניע וואו עס איז געלערנט געוואָרען די לעהרעס פון פּרודאָן און פון מאַרקסען. אין יאָהר 1910 האָבען זיך אין שפּאַניע שוין געפונען איבער הונדערט אזעלכע אקאַדעמיעס וואו מען האָט געלערנט און שטודירט די טעאָריעס פון סאָציאַליזם און

פון אנארכיזם און ניט ווייניגער די ווערק פון וואָלטעיר, רענאַן, העקעל, ספענ־סער, ניוטאָן, טאָלסטאָי און אנדערע.

פערערער איז ארעסטירט געוואָרען. די מאָנארכיע האָט אָנגעשטרענגט אַלע איהרע כוחות צו אונטערדריקען דעם אויפשטאַנד. די רעגירונג האָט אסיגנירט נייע געלט פאר די גענעראלען און מיליטער באַאמטע זיי צו שטארקען און צו האַלטען פאר זייער מאכט.

אין 1921 האָט שפאניע אָנגעהויבען פיהרען מלחמה מיט מאראָקאָ. די דאָזיגע מלחמה האָט שפאניע אָפּגעקאָסט מעהר ווי צוויי טויזענט מיליאָן פעזעטעס און צעהנדליגער טויזענטער מענשליכע לעבענס.

די קאָסטען אויפצוהאַלטען די ארמיי האָט אָפּגעקאָסט איבער זיבען הונ־דערט מיליאָן (700,000,000) פעזעטעס א יאָהר. די רעגירונג און די מאָנאר־כיע וויסענדיג אז דאָס פאָלק איז צופיעל באַלאַסטעט און וועט א ליאדע טאָג רעוואָלטירען האָט איבערגעגעבען די גאנצע מאכט אין די הענט פון צוויי מענ־שען: דעם קעניג מיט׳ן דיקטאטאָר. אלס דיקטאטאָר איז באשטימט געוואָרען דער גענעראַל פרימאָ דע ריווערא, וועלכער איז ארויסגעקומען מיט זיין סלאָגאן „שפאניע פאר די שפאניער״.

3. שפאניע אין די לעצטע יאָהרען פאר׳ן בירגער קריג

שפאניע איז דאָס לאנד פון אויפשטאנדען. דאָס שפאנישע פאָלק האָט קיינ־מאָל ניט געוואָלט זיך אונטערגעבען צו ליגען אונטער דעם קנאפּעל פון זיינע אונטערדריקער. זי האָט זיך אַלע מאָל געוואָלט באפרייען פון דער פעאָדאלער פארשקלאפונג. שפאנישער בירגער קריג איז געווען אן אָפּטע דערשיינונג.

וועגען שפאניע׳ס אויפשטאנדען און רעוואָלוציעס, האָט קארל מארקס גע־שריבען אין דער „ניו יאָרקער טריביון״ (סעפּטעמבער 9, 1854): „שפאניע האָט ניט אָנגענומען דעם מאָדערנעם אופן פון דורכמאכען א רעוואָלוציע אין פארלויף פון דריי טעג... עס זעהט אויס, אז דריי יאָהר איז דער קלענסטער פעריאָד פאר א שפאנישער רעוואָלוציע, און איצטיגער רעוואָלוציאָנערער־ציקעל דויערט שוין ביי ניין יאָהר״...

די געשיכטע פון שפאניע פאר די לעצטע הונדערט יאָהר, איז די געשיכטע פון איין לאַנגען רעוואָלוציאָנערען קאמף, אין וועלכען עס ווערט אויסגעדריקט דער צאָרען פון א געקרייודעטער נאציע. די צוריקגעשטאנענע עקאָנאָמיק, וואָס גייט האנט אין האנט מיט דער צוריקגעשטאנענקייט אין דער קולטור, האָט ניט צוריקגעהאַלטען די פאָלקס מאסען צו קעמפען געגען דער קירכע און געגען דער מאָנארכיע, וואָס איז געלעגען א קייט אויף׳ן האַלז פונ׳ם פאָלק.

די יעזואיטען, די קלעריקאלען און מאָנארכיסטען האָבען דאָס פארשטאנען. זיי האָבען ניט געקאָנט אוועקקוקען פון די כוואליעס וואָס דערנעהענטערען זיך. זיי האָבען דעריבער געטראכט ווי אזוי איינצוצוימען די שפאנישע מאסען, און ווי אזוי זיי פארפיהרען, זיי זיינען געפאַלען אויף דעם בעסטען מיטעל; איינצופיהרען א דיקטאטור; אויך איינצורייידען דעם שפאנישען פאָלקס מענש, אז עס איז אין

זיינע אינטערעסען און די אינטערעסען פון דער שפאנישער נאציע — צו פאראיר־ניגען גאנץ שפאניע דורך א דיקטאטאָרישער רעגירונג.

אין הערבסט, 1923, איז אין שפאניע אָרגאניזירט געוואָרען א דיקטאטאָרישע רעגירונג. אונטער דעם גענעראל פרימאָ דע ריווערא איז איינגעפיהרט געוואָרען א שטרענגע צענזור איבער דער פרעסע, איבער די ליטעראטור און עס איז אוועקגענומען געוואָרען פון שפאנישען פאָלק די פרייהייט פון וואָרט. דאָס שפאנישע פאָלק איז אויפ׳ן ערגסטען אופן אונטערדריקט געוואָרען.

פרימאָ דע ריווערא׳ס רעגירונג האָט זיך טאקע גענומען אויסבעסערען די וועגען, די שאָסייען און די באהנען. אָבער אלץ אויפ׳ן חשבון פון די אָרימע שיכטען. די רייכע פעאָדאלען וועלכע האָבען געהאט א האנט אין דער רעגי־רונג, האָבען זיך גע׳פטר׳ט פון רעגירונגס שטייערען, בלויז מיט זייער שטיצען דעם דיקטאטאָרישען רעזשים, בעת די פאָלקס מאסען האָבען געדארפט דעקען די רע־גירונגס בודזשעטען.

אונטער דע ריווערא׳ס רעזשים האָבען די שפאנישע פאָלקס מאסען ניט גע־טאָרט מאכען דעם מינדעסטען ארויסטריט געגען זייער שקלאפעריי. א שלאָס איז ארויפגעלייגט געוואָרען אויף דער פרעסע און אויף פארזאמלונגען. האָט איינער פראָטעסטירט געגען דער אונמענשליכער האנדלונג פון דער רעגירונג, האָט מען אים פאר׳משפט צום טויט. די טורמעס אין שפאניע זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט פאָליטישע ארעסטירטע. פון יעדען דאָרף, פון יעדען שטעטל זיינען געווען ארעסטירטע, און אין די גרויסע שטעט זיינען געווען טויזענטער ארעסטירטע, וועלכע האָבען הינטער די גראטעס געגרייט אן אויפשטאנד געגען דער רעגירונג, און אלעם ערשטען געגען דער קירכע, וואָס איז אויסגענוצט געוואָרען פאר דער מאָנארכיע, פאר דער דיקטאטור, פאר דעם רויבערישען פעאָדאליזם.

די דע ריווערא רעגירונג, פונקט אזוי ווי די פאשיסטישע רעגירונג אין אי־טאליע, האָט אָנגעהויבען ארייננציהען אין איר באוועגונג אויך ארבייטער, און אָנגעהויבען גרינדען אייגענע נאציאָנאלע פאראיינען. די דאָזיגע „פאטריאָטישע" יוניאָנס זיינען געגרינדעט געוואָרען מיט׳ן צוועק צוצוברעכען די אינטערנאציאָ־נאלע יוניאָנס, די מארקסיסטישע און אנארכיסטישע.

די רע ריווערא רעגירונג האָט אויך פארשפראָכען צו לייזען די אגראַרישע פראגע אין שפאניע און איינגערעדט די מאסען אז זי וויל ראטעווען שפאניע פון אונטערגאנג, אז זי וויל ניט פארקויפען שפאניע צו די אינטערנאציאָנאליסטען, סיי צו די לינקע און סיי צו די רעכטע — זי וויל אויפבויען א שפאניע פאר דעם שפאנישען פאָלק.

זי האָט זיך אויך אָנגעשטרענגט צו פארגרעסערען אירע האנדעלס באצי־הונגען מיט אנדערע לענדער. אין די ערשטע יאָהרען איז איר טאקע געלונגען צו פארגרעסערען איר אויסלענדישען האנדעל. איבערהויפט האָט שפאניע פאר־גרעסערט איר עקספּאָרט צו די פאראייניגטע שטאטען. אין יאָר 1926 האָט שפאַ־ניע׳ס עקספּאָרט אין די פאראייניגטע שטאטען אָנגעטראָפען ביי 613,000,000 פע־זעטאס (102,000,000 דאָלער); קיין פראנקרייך האָט שפאניע עקספּאָרטירט סחו־רות אין דער ווערט פון 344,000,000 פעזעטאס. אויך דער עקספּאָרט קיין ענג־

לאנד איז געשטיגען א סך העכער ווי פריהער. דייטשלאנד איז געווען די פערטע לאנד אויפ'ן פערטען פלאץ פון איר עקספארט און אימפארט מיט שפאניע.

שפאניע האט עקספארטירט צו אנדערע לענדער אירע נאטירליכע אגרי־קולטורעלע פראדוקטען ווי וויין, אראנזשען, ציבעלעס, איילבירטען, רייז, ליקער, שנאפס, קופער און אנדערע מעטאלען און אימפארטירט קוילען, מאשינעריי, עלעק־טרישע אויסארבייטונגען, טעקסטיל און אנדערע אינדוסטריעלע סחורות.

דאס שפאנישע פאלק האט אבער טראץ די אלע שוועריגקייטען, געקעמפט פאר א פרייער שפאניע, פאר א רעפובליק. דאס פאלק האט פון צייט צו צייט געשטורעמט געגען דער מאנארכיע און דיקטאטור פון פרימא דע ריווערא, און הויפטזעכליך געגען די פענטעס פון דעם רויבערישען פעאדאליזם, וואס איז נאך אלץ געווען דער שטארקסטער כח אין שפאניע. דאס פאלק האט אויך געקעמפט פאר א קאנסטיטוציע וואס איז איינגעווארצלט געווען אין זייערע הערצער נאך פון דער ערשטער רעוואלוציע אן, וואס זייערע עלטערען האבען דורכגעפירט און איז שפעטער דערשטיקט געווארען.

אין די מערץ וואהלען פון 1931, האט דאס פאלק ארויסגעוויזען זייער גרייטקייט צו קעמפען פאר א פרייער שפאניע, צו קעמפען פאר דער רעפובליק אינ'ם בוכשטאבליכען זין פוןווארט. טראץ דער שטרענגער דיקטאטור, טראץ די פארשיידענע צענזורען איז ווייט און ברייט אגיטירט געווארען דער געדאנק פון רעפובליק, דער געדאנק פון אפשאפען דער מאנארכיע און צוזאמען מיט איר דער דיקטאטור.

ביי יענע וואהלען זיינען די ראיאליסטען מיאוס דורכגעפאלען. און אויף דעם 14־טען אפריל, 1931, איז שוין געווען צוזאמענגעשטעלט די קאאליציע רעגירונג פון אלע פראגרעסיווע פארטייען אין וועלכער אלקאלא זאמארא איז דערוויילט געווארען אלס פרעזידענט, און דער בארימטער אראטאר מיגועל מאו־רא אלס אינערן מיניסטער.

עס זיינען אויך אריין אין דער ערשטער רעפובליקאנישער רעגירונג עטליכע סאציאליסטען: דאמינגא, בילדונגס מיניסטער; אלבארנאז (אגריקולטור); פיריעטא, פינאנץ־מיניסטער; ריאס, יוסטיץ; קאבאלערא, ארבייטס מיניסטער. אינ'ם פארלאמענט זיינען אריין 26 אגראריער (צווישען זיי אויך מאנארכיסטען, סאנבעפ, גועררא); 22 פראגרעסיסטען אונטער דער פירערשאפט פון פרעזידענט זאמאראן; 92 ראדיקאלען; 50 ראדיקאלע סאציאליסטען מיט אזאנא'ן בראש; 116 אלגע־מיינע סאציאליסטען.

די מאנארכיע האט אבער ניט געוואלט ארונטערשלינגען אזוי שנעל אט דעם זייער ניט געשמאקען ביסען. זי האט זיך גענומען זוכען אנדערע וועגען אויף צו טערארויזירען די שפאנישע מאסען. באלד צומארגענס נאך דער רעוואלוציע, האבען די מאנארכיסטען זיך גענומען ארגאניזירען, צו שאפען א פאזיציע געגען דער רעפובליק. צו זיי זיינען אויך צוגעשטאנען די קלעריקאלען מכל המינים. זיי האבען אנגעהויבען זוכען מיטלען ווי אזוי אומצואווארפען די ניי־פארמירטע רע־פובליקאנישע רעגירונג.

איז פארשטענדליך, אז אין יענע ערשטע יאָהרען ווען דאָס פאָלק איז געווען אזוי באגייסטערט פון דער רעפובליק, בלויז מיט דעם אליין וואָס זיי זיינען גייסטיג באפרייט געוואָרען, האָט קיין רייד ניט געקענט זיין וועגען ארויסשטעלען א פאָזיציע צו באקעמפען דער רעגירונג. דערצו נאָך איז דעמאָלט די סאָציאַליסטישע פארטיי געווען די שטארקסטע אין לאנד און געהאט דעם גרעסטען איינפלוס אויף די שפאנישע פאָלקס מאסען. שפעטער אָבער, ווען דער עולם האָט אָנגעהויבען קוקען מיט מער רעאליסטישע אויגען, האָט זיך געשאפען אן אנדער לאגע.

די רעפובליקאנער רעגירונג, וואָס איז געקומען אין די קריטישסטע יאָהרען, אין א צייט פון אלוועלטליכער דעפרעסיע, האָט ניט געקענט צופרידענשטעלען די שפאנישע פאָלקס מאסען. ערשטענס האָט די רעגירונג געדארפט פארגרעסערען און פארברייטערען שפאניע׳ס אויסלענדישען האנדעלס פארקער, צו שאפען א נעהענטערע באציהונג מיט די ארומיגע לענדער. אין דעם הינזיכט האָט די נייע רעגירונג פיל אויפגעטאָן. שפאניע׳ס אימפּאָרט אין 1932 האָט אָנגעטראָפען 974 מיליאָן פעזעטאס און איר עקספּאָרט 788 מיליאָן. אָבער ווייט נאָך אלץ ניט קיין צופרידענשטעלענדיגער.

צווייטענס האָט די רעגירונג זיך אָנגעשטרענגט נאָכצוגעבען די ארבייטער פאָדערונגען אום צו פארמיידען סטרייקס. עס זיינען געשאפען געוואָרען ספּעציעלע רעפאָרם געזעצען צוגונסטען די ארבייטער. די אָפטע סטרייקס אין די ערשטע יאָהרען פון דער רעפובליק, האָבען אָבער געשטעלט אין געפאר דער רעגירונג אזוי, אז זי האָט געמוזט באלד פארהאנדלען מיט די ארבייטער. עס איז זייער אינטערעסאנט דאָ צו ברענגען א ליסטע פון סטרייקס אין די יאָהרען פון אלטען רעזשים און אין די לעצטע יאָהרען.

אלטען רעזשים:

יאָר	
1922	488 סטרייקס
1923	458 ״

אונטער דער דיקטאטור:

יאָר	
1924	165 סטרייקס
1925	181 ״
1926	96 ״
1927	107 ״
1928	87 ״
1929	96 ״

רעפובליק:

יאָר	
1930	514 סטרייקס
1931	704 ״
1932	432 ״

סטרייקס האָבען זיך געמעהרט. די ארבייטער סאָציאַליסטען האָבען געוואָלט דורכאוים מאכען די סאָציאַלע רעוואָלוציע. די אנדערע בירגערליכע עלעמענטען האָבען אָבער ניט דערלאָזט. צוליב דעם איז אַלעמאָל פאָרגעקומען רייבונגען צווישען די רעכטע און לינקע אין דער רעגירונג.

אויך דער סאָציאַליזם איז אין שפּאַניע געווען מער צושפּליטערט ווי ערגעץ אנדערש וואו. דער אנארכיזם מיט'ן מארקסיזם פירען דאָרט שטענדיג א פּרינציפּיעלען קאמף זינט 1870. שפּעטער איז אויך צוגעקומען די קאָמוניסטישע באַוועגונג, און די דריי שארפען די ציהען איינער אויפ'ן אַנדערען, קעמפען צווישען זיך און רייסען זיך איבער דער חלוקה פון פּראָלעטאריאט. עס זיינען געווען דריי פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען: אנארכיסטיש־סינדיקאַלען, סאָציאַליסטישע גענעראַלע פאראיינען און אויך קאָמוניסטישע. דאָס אַלץ האָט געגעבען דער אָפּאָזיציע פון גאָר רעכטען לאַגער א מעגליכקייט זיך צו שטארקען און מאכען אויפשטאנדען שטאַנדען געגען דער פּראָגרעסיווער רעגירונג.

דערצו נאָך האָט די אפּריל - רעוואָלוציע ניט געשטעלט צופרידען א גרויסען טייל פון די ארבייטער מאסען, וועלכע האָבען געהאלטען, אז שפּאַניע איז רייף פאר אן אמת'ער סאָציאַלער רעוואָלוציע ווי אין רוסלאנד, און אז די רעפּובליק האָט עס געדארפט פריער פאר אַלץ דורכפירען דער לאנג־דערוואַרטעטער אגראַר־רעפאָרם, איינצוטיילען די פּויערים מיט ערד, באַשאַפען באַ זיי א העכערע קויף־קראַפט און צו באַזייטיגען די פענטעס אויף די פּראָדוציר־כוחות. שפּאַניע האָט געדארפט און געמוזט מיט איינמאָל אָפּרוימען אַלע שטרויכלונגען און געבען דעם פאָלק די פולע פרייהייטען: עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, ווי פּאָליטישע. דעמאָלט וואָלטען אין שפּאַניע די שווארצע כוחות לגמרי אָפּגעווישט געוואָרען. דער קאָרטעס (פּארלאמענט) האָט אָבער אזוי ניט געהאנדעלט. אין באַצוג צו דער לאַנד־רעפאָרם האָט מען אָנגעהויבען מאַנעווירען מיט פארשיידענע דעמאַגאָגישע שטיקלאך אזוי, אז ביסלעכווייז האָבען זיך גענומען אומקערען צוריק די אנטלאָפענע מאָנארכיסטישע רעאקציאָנערען, און גענומען מאָביליזירען די שווארצע כוחות פון דער קירכע און פון די פעאָדאלע לאנד אייגענטימער אין זייער אָרגאניזאציע „אקציאָן פּאָפּולער“.

ביי די וואהלען אין 1933 זיינען שוין די רעאקציאָנערע כוחות ארוים די זיגער. זיי האָבען באקומען א מערהייט אין פּארלאמענט. די קאטוילישע קירכע האָט אויף איר זייט געוואונען די שפּאַנישע מענער און פרויען, און האָט ארויסגעשטופּט די לינקע רעגירונג. מאסען ארעסטען און אינקוויזיציעס אויף ארבייטער פירער זיינען געוואָרען א טאָג־טעגליכע זאך. ביז די פּראָגרעסיווע כוחות האָבען זיך פאראייניגט און ארויסגעשטופּט צוריק די רעאקציאָנערע רעגירונג, וועמעס פּלאַץ עס האָט פארנומען די פאָלקס־פראָנט רעגירונג.

4. שפּאַניע פון אפּריל 1931 ביז יולי 1936

די שפּאַנישע רעוואָלוציע און קאָנטער־רעוואָלוציע, האָט זיך פאר די לעצטע יאָהרען פארנומען אויף נייע וועגען. זינט די מוניציפּאַלע וואהלען דעם 14־טען

אפריל 1931, אין וועלכע די רעפובליקאנער האָבן געהאַט א מערהייט, און עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרען אין אַלע פּראָווינצען די רעפובליק, און אַלפאָנסאָ דער 13־טער האָט געמוזט פאַרלאָזען שפּאַניע, האָט שפּאַניע דורכגעמאַכט די שווערסטע מאָמענטן אין איר געשיכטע. די זיג־זאַגישע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָר דער דאָזינער צייט פאָרגעקומען, די טווישונגען פון די רעגירונגען פאַר דער דאָזיגער קורצער פעריאָדע, האָבן געמאַכט א טיפען רושם, אין דער פּאָליטישער וועלט אין אַלגעמיין. די רעוואָלוציע אין שפּאַניע, איז ארויס פון די ראַמען פון לאָקאַליטעט, און געוואָרען א וועלט־פּראָבלעם.

עס האָט זיך כסדר געהאַנדעלט וועגען דער צוקונפט פון א לאַנד מיט א פיער און צוואַנציג מיליאָניגער באַפעלקערונג, וועגען א פאָלק וואָס האָט אמאָל פאַרנומען א וויכטיגען אָרט, אין דער געשיכטע פון אייראָפּייאישער קולטור, און איז אין פאַרלויף פון לאַנגע יאָהר הונדערטער צוריק געשטויסען געוואָרען, אויף די הינטערוועגען פון מיטעלאַלטערליכער רעאַקציע.

ניט נאָר פון קולטור־היסטאָרישען שטאַנדפּונקט, האָט דער נייער אויפשוואונג פון דער שפּאַנישער רעוואָלוציע, געהאַט א גרויסע באַדייטונג, נאָר אויך פון דעם שטאַנדפּונקט פון אייראָפּייאישער פּאָליטישער אנטוויקלונג. עס איז געווען א פראַגע צי איז דער פאַשיזם אוניווערסאַל אזוי שטאַרק, ער זאָל קענען פארכאַפּען אומעטום די מאַכט און באַקעמפען אַלע פּראָגרעסיוו־סאָציאַלע און פּאָליטישע דערגרייכונגען.

ניט דער זיעג פון די רעוואָלוציאָנערען, און ניט דער זיעג פון די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען אין שפּאַניע איז געווען אן ענדגילטיגער. די אַלע זיעגען ביזן בירגער־קריג זיינען נאָר געווען צייטווייליג. יעדער זיעג איז שפּעטער באַגעגענט געוואָרען מיט א שטאַרקער געגנערשאַפט. עס איז דעריבער ניט געווען קיין איבערראַשונג די לעצטע געשעהנישען וואָס די רעאַקציע איז אזוי שאַרף ארויסגעטראָטען קעגען דער רעגירונג פון „פאָלקס־פראָנט", וואָס איז ערוועהלט געוואָרען פעברואַר, 1936, א דאַנק דער פאַראייניגונג און אָנשטרענגונג פון די דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישע קרעפטען.

דער אויפשטאַנד קעגען דער רעגירונג פון „פאָלקס פראָנט" איז ניט געקומען אומדערוואַרטעט. די רעאַקציאָנערען האָבן זיך געגרייט צו דעם. דער וואָס איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון שפּאַניע פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר, ווייס ווי נאַטירליך דער דאָזיגער אויפשטאַנד איז געקומען.

די שפּאַנישע רעוואָלוציע האָט געזיעגט „לעגאַל" אלס רעזולטאַט פון די מוניציפּאַלע וואַהלען אין אַפּריל 1931. דער וואַהל־בולעטין האָט אומגעוואָרפען די בורבאָנען דינאַסטיע אין שפּאַניע. דער דאָזיגער זיעג פון די רעפובליקאַנער איז געקומען א דאַנק דער קאָאַליציע פון פּראָלעטאַרישער און בורזשואזער דעמאָקראַטיע. א דאַנק דעם וואָס די סאָציאַליסטען האָבן זיך פאַראייניגט מיט די פּראָגרעסיווע עלעמענטען, כדי אומצוואַרפען די רעאַקציאָנערע מאָנאַרכיע, און אויף איר אָרט איינשטעלען א דעמאָקראַטישע אָרדנונג.

אזוי ווי די רעוואָלוציע, אזוי אויך האָט די קאָנטער־רעוואָלוציע געזיעגט „לעגאַל", אלס רעזולטאט פון די וואהלען אין נאָוועמבער 1933. די קאָנטער־רעוואָלוציע האָט געזיעגט מחמת דעם ווייל עס איז איהר געלונגען צו פאראייניגען אלע רעאקציאָנערע כוחות אין לאנד. זי האָט אויך געזיעגט א דאנק דעם וואָס דער רעוואָלוציאָנערער בלאָק, פון די סאָציאליסטען און בורזשואזע דעמאָקראטען, איז זיך צופאלען. א וויכטיגע ראָל האָט דאָ געשפּיעלט אין דער צופאלונג, דער פאקט וואָס די גרינדלעכע סאָציאלע פּראָבלעם, די אגראר רעפאָרם, איז ניט געלייזט געוואָרען.

אין אזא עקאָנאָמיש צוריקגעשטאַנענע לאנד ווי שפּאניע, וואו די פעדעראלע רעשטלעך בעאיינפלוסען נאָך שטארק דעם דאָרף, איז א רעוואָלוציע פריהער פאר אלץ אן אגרארע רעוואָלוציע. באזונדערס שטעהט שטענדיג שארף די פראגע וועגען די ערדלאָזע לאנדווירטשאפטליכע ארבייטער. פאר דער לייזונג פון דעם דאָזיגען פּראָבלעם איז זעהר ווענינ אויפגעטאָן געוואָרען.

די קלעריקאלע פאשיסטען, האָבען אָבער צו יענער צייט ניט געקענט מיט איין קלאַפּ, פארענדיגען דעם רעזשים. זיי איז ניט געלונגען איבערצונעהמען די גאנצע מאכט. זיי האָבען אָבער אָנגעהויבען בויערען פון אינוועניג, זיי האָבען גענדריקט אויף דער רעגירונג אום צו דערגרייכען זייער ציעל: צו פארניכטען די שפּורען פון דער רעוואָלוציע; די ארבייטער באוועגונג מיט זייערע דעמאָקראטישע און סאָציאַלע ערוּבערונגען.

דער ארבייטער אויפשטאנד אין יאָר 1934 אין אסטוריע, האָט באוויזען די פאשיסטען, אז די שפּאנישע ארבייטער פארשטעהען גוט זייערע פּלענער, און אז זיי זיינען גרייט צו געבען א העפטיגען ווידערשטאנד דער פאשיסטישער רעגירונג.

דער באוואָפענטער אויפשטאנד פון אסטוריער ארבייטער איז דערשטיקט געוואָרען. די רעאקציאָנערע רעגירונג האָט זיך גענומען מיט אנטשלאָסענקייט אונטערצודריקען יעדע געזעלשאפטליכע אקטיוויטעט, און באזונדער די פרייע פרעסע. די טורמעס האָט די רעגירונג אָנגעפילט מיט טויזענטער סאָציאליסטען, קאָמוניסטען, אנארכיסטען, און בורזשואזע דעמאָקראטען. די ארעסטירטע האָט מען מערדערליך געשלאָגען, געפּייניגט. די פּראָפעסיאָנעלע פאריינען האָט מען ליקווידירט, און א תל געמאכט פון אלע סאָציאלע רעפאָרמען.

די רעאקציע האָט אָבער א טעות געהאט מיינענדיג, אז דערמיט וועט זי פארניכטען די רעוואָלוציאָנערע קרעפטען פון שפּאניע. די פארפאָלגונגען האָבען נאָך מער פארשטארקט דעם פאָלקסצאָרן. עס איז געשאפען געוואָרען דער „פאָלקספראָנט", פון אלע ליבעראלע פּראָגרעסיווע שיכטען פון לאנד, וואָס האָט זיך גענומען פארמעסטען געגען דער רעאקציע.

אין שפּאניע ווי אין פראנקרייך איז גרויס דער איינפלוס פון די דעמאָקראטישע שיכטען, פון בורזשואזער פרייהייט ליבענדער אינטעליגענץ. עס איז דאָרט שטארק דער כוח פון פויערטום, וואָס באטרעפט כמעט פיר פינפטעל פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג. די פּראָלעטארישע פארטייען קומענדיג צו דער איבערציינונג, אז אָהן דער הילף פון קליין־בירגערטום און בורזשואזער אינטעליגענץ,

קענען זיי קיין ערפאָלג ניט האָבען, האָבען געמאכט אלע קאָמפּראָמיסען צו שאַ־פען דעם פאָלקס פראָנט.

נאָך דער גרינדונג פון דעם פאָלקס־פראָנט האָט די סאָציאַליסטישע פּארטיי אָנגעהויבען קומען צו זיך. דער פאָלקס־פראָנט האָט אָנגעהויבען ווערען טעטיג, ארויסצוקומען אין דער עפענטליכקייט, און איז פארוואנדעלט געוואָרען אין א פאָלקס באוועגונג קעגען וועלכער די רעגירונג האָט שוין ניט געוואגט אָנצוואווענ־דען די „אסטורישע" מעטאָדען.

די רעגירונג וואָס איז ניט געשטיצט געוואָרען, ניט פון פארלאמענט, ניט פון לאנד, איז געצוואונגען געווען צו צואיילען די נייע וואהלען. די וואהלען וואָס זיינען פאָרגעקומען דעם 16־טען פעברואר 1936 זיינען פארוואנדעלט גע־וואָרען אין א צווייטער רעוואָלוציע וואָס האָט געדארפט פאָרזעצען די ערשטע פון יאָהר 1931.

אין די וואהלען זיינען אָפען ארויסגעטראָטען צוויי בלאָקס: דער לינקער בלאָק פון פאָלקס פראָנט, באשטעהענדיג פון סאָציאַליסטען, קאָמוניסטען, סינדי־קאַליסטען, לינקע רעפּובליקאנער בראש מיט אזאניא, און דער רעפּובליקאנישער פארבאנד מיט באַרדיא אן דער שפּיצע; דער רעכטער בלאָק, וואָס איז אונטער־געשטיצט געוואָרען פון דער קירכע, פינאנץ קאפּיטאל, די גוט באזיצער, אינדוסט־ריעלע מאָנארכיסטען און פאשיסטען.

די פּראָגראם פון לינקען פאָלקס־פּראָנט איז געווען קורץ און קלאָהר: אמ־נעסטיע, א סוף צו מאכען מיט דער ארבייטסלאָזיגקייט, סאָציאַלע געזעצגעבונג, עקאָנאָמישער איבערבוי, אגראר רעפאָרמע, רעפאָרמירען דאָס געריכט און די פי־נאנסען, אויסברייטערען די פּאָליטישע פרייהייט.

דער פאָלקס פראָנט האָט אנטוויקעלט אן אינטענסיווע וואהל אגיטאציע. באזונדערס אקטיוו זיינען געווען די פרויען. דער ווירקליכער אויפברויז פון רע־וואָלוציאָנערע שטימונגען, האָט זיך ווי א שטורם דורכגעטראָגען איבערן גאנצען לאנד. דער פאָלקס פראָנט האָט אָפּגעהאלטען א גלענצענדען נצחון.

אין דעם נייעם פארלאמענט וואָס איז באשטאנען פון 494 דעפּו־טאטען, האָבען די לינקע געהאט 262 דעפּוטאטען, דער צענטער 64, און דער רעכטער בלאָק 142. דער פאָלקס פראָנט האָט געהאט אן אבסאָלוטע מערהייט אין פארלאמענט. פון די פארטייען פון פאָלקס פראָנט האָבען די סאָציאַליסטען באקומען די גרעסטע צאָהל מאנדאטען — 88; די לינקע רעפּובליקאנער 81; דער רעפּובליקאנישער פארבאנד 63; די קאטאלאָנער לינקע 20; די קאָמוניסטען 15; און אנדערע קליינע גרופּען האָבען 22 מאנדאטען.

די נייע רעגירונג האָט ארויסגעגעבען איהר דעקרעט, געגעבען אמנעסטיע צו אלע פארשפּארטע ארעסטירטע. צוריק אָנגעשטעלט די טויזענטער מלוכה'שע אָנגעשטעלטע און ארבייטער וואָס זיינען באזייטיגט געוואָרען פון דער ארבייט אין די יאָהרען פון די רעאקציע. צוריקגעגעבען די אויטאָנאָמישע רעכט דער קאַ־טאלאָנער פראָווינץ...

די פאשיסטישע אָרגאַניזאַציעס זיינען פאַרבאָטען געוואָרען אין דער אַרמיי, אין דער ציווילער גוואַרדיע. אין דער פּאָליציי האָט מען געמאַכט א גרינדליכע רייניגונג. באַזונדערס פון רעאַקציאָנערע אָפיצירען, וואָס האָבען אָנגעפירט מיט דער קאָנטר רעוואָלוציע. מען האָט צוריק אויפגעשטעלט די סאָציאַלע געזעצגע־בונג וואָס איז ליקווידירט געוואָרען אין די צוויי יאָהר פון רעאַקציאָנערער הער־שאַפט. עס זיינען צוריק אויפגעשטעלט געוואָרען די „געמישטע געריכטען" פון אַרבייטער און אַרבייטסגעבער אונטערן פאָרזיץ פון א רעגירונגס פאָרשטעהער. עס איז געשאַפען געוואָרען א געזעץ וואָס פאַרבאָט אונטערדריקען דעם אַרבייטס לוין נידריגער פון א באַשטימטען מינימום, און מען האָט אָנגעהויבען טראַכטען וועגען דער אַגראַר רעפאָרמע.

צום גרויס באַדויערען האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, די איניציאַטאָרען פון פאָלקס פראָנט, זיך אָפּגעזאָגט אָנטייל צו נעהמען אין דער רעגירונג. זי האָט געשטיצט די רעגירונג נאָר אויף וויפיעל זי האָט פאַרווירקליכט די התחייבת'ן צום פאָלקס פראָנט. דאָס איז אָבער א גרויסער טעות געווען פון די סאָציאַ־ליסטען. דאָס אַליין האָט שוין געגעבען געגנוג מוט די פאַשיסטען זיי זאָלען אַרויס אין אויפשטאַנד געגען דער רעגירונג, מיינענדיג אַז דער פאָלקס פראָנט איז ניט אַזוי שטאַרק.

רעדענדיג וועגען דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, מוז דאָ אויך דערמאָהנט ווערען, דער הויפּט חסרון פון דעם שפּאַנישען פּראָלעטאַריאַט, און דאָס איז זיין צושפּליטערטקייט. דער אַרבייטער קלאַס, דער רוקען ביין פון דער שפּאַנישער רע־וואָלוציע פון דער ערשטער מינוט אָן, שטעלט מיט זיך פאָר ניט קיין איינהייט־ליכע מאַסע אפילו אין סאָציאַלער הינזיכט. און וויכטיגער פאַר אַלץ איז דאָס וואָס ער איז אָרגאַניזאַציאָנעל, אידעאיש און פּאָליטיש צושפּאָלטען. אין שפּאַניע איז דער פּראָלעטאַריאַט צוטיילט אין דריי לאַגערען אין סאָציאַליסטישען, קאָמו־ניסטישען און אַנאַרכיסטישען.

דער אַנאַרכיזם האָט זיך פאַרפעסטיגט אין שפּאַניע נאָך פון באַקונינס ציי־טען. אין יאָהר 1911 האָט זיך דער שפּאַנישער פּראָלעטאַריאַט אָנגעשטעקט מיט דער פראַנצויזישער טאַקטיק פון „דירעקטע אַקציע", איבערגענומען די טעאָריע פון רעוואָלוציאָנערען סינדיקאַליזם. דאָס האָט געגעבען א מעגליכקייט די אַנאַר־כיסטען צו פאַרפעסטיגען זייער איינפלוס אויף די ברייטע פאָלקס מאַסען. אונטער זייער פירערשאַפט, איז געגרינדעט געוואָרען אין 1911 אין באַרצעלאָנאַ, די נאַ־ציאָנאַלע אַרבייטס קאָנפעדעראַציע.

נאָך דער רעוואָלוציע פון 1931 האָבען די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטען א סך שאָדען געטאָן מיט זייער אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבייט, מיט די ווילדע סטרייקען, אויפרייסען, שלעגערייען און מערדערייען. אויך דער כאָאָס וואָס די סינדיקאַליס־טען האָבען דורך זייערע „רעוואָלוציאָנערע" אַרויסטרעטונגען, אין פאַרלויף פון די לעצטע מאָנאַטען פאַר'ן בירגער קריג, געשאַפען אין לאַנד, האָט קיין גוטעס ניט געבראַכט. אין געגענטייל, דאָס האָט ערמוטיגט די רעאַקציאָנערען און גע־שאַפען א גינסטיגען באָדען פאַר א רעאַקציאָנערען אויפשטאַנד.

די פיהרער פון די רעכטע סאָציאַליסטען האָבען עס פאַראויסגעזעהען, דעם אָנקום פון א שרעקליכען כאָאָס אין לאַנד, אלס רעזולטאַט פון דעם וואָס פיעלע ארבייטער זיינען אריינגעצויגען געוואָרען אין די רייהען פון די אנארכיסטען, און פארנעהמען זיך מיט טעראָריסטישע מעטאָדען.

די אנארכאָ סינדיקאַליסטען האָבען באַלד נאָך די וואַהלען געהאַלטען אין איין ארויסרופען סטרייקס, אָפטמאָל געגען דעם ווילען פון דער מערהייט פון די ארבייטער, און דערנאָך ניט געלאָזט שליכטען. אזוי איז געווען דער פאַל מיט דעם גרויסען סטרייק פון די בוי ארבייטער אין מאדריד, אין וועלכען עס האָבען זיך באַטייליגט איבער 100 טויזענט ארבייטער, און איז געשליכטעט געוואָרען דורך דער פארמיטלונג פון דער רעגירונג, אויך וועלכען די סאָציאַליסטישע טרייד יוניאָנס זיינען געווען איינפארשטאַנען. אָבער די אנארכיסטען האָבען מיט געוואַלד מיטלען געצוואונגען די ארבייטער אָנצוהאַלטען דעם סטרייק.

די אנארכיסטען האָבען שטאַרק אגיטירט פאַר „דירעקטע אקציע” געגען דעמאָקראַטיע, פאַר דער פארניכטונג פון דער בורזשואזער דעמאָקראַטיע אין צייט ווען זיי זיינען געווען אין א פאָלקס־פראָנט, מיט׳ן קליינבירגערטום און אַנדערע פראָגרעסיווע עלעמענטען, וועלכע זיינען נאָך ניט אנטוויקעלט צום סאָציאַליזם און זיינען ניט מסכים צו אנארכיסטישער הערשאַפט.

די רעוואָלוציאָנערע פראָפּאגאַנדע און טעטיגקייט פון די אנארכאָ סינדיקאַליסטען צוזאמען מיט דער ענערגישער אגיטאַציע פון די גאָר „לינקע” סאָציאַליסטען, אומצואווארפען די דעמאָקראַטישע רעגירונג און איינצופיהרען א „פּראָלעטארישע דיקטאַטור”, לויט דעם רוסישען מוסטער האָט געמוזט פריהער אָדער שפּעטער דערפיהרען צו א בירגער קריעג אין לאַנד, און צו שטעלען מיט איינמאָל אין געפאַהר די רעפּובליק און אַלע רעוואָלוציאָנערע דערגרייכונגען.

די רעאַקציאָנערען פון גאַנצען לאַנד האָבען באַלד אויפגעהויבען א געשריי, מען זאָל ראַטעווען שפּאַניע פון רוסישער הערשאַפט!

דער רוקענביין פון דער ארבייטער באוועגונג אין שפּאַניע, די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, די פּאַרטיי וועלכע האָט געשפּילט די וויכטיגסטע ראָלע אין די יאָהרען פון 1931 און 1936, האָט נאָך די וואַהלען פאַרלאָרען איהר קראַפט אלס פּאָליטישער פאַקטאָר. דער פיהרער פון לינקען פליגעל מיט וועמען די מערהייט פון דער פּאַרטיי איז, קאַבאַליערא, איז געוואָרען זעהר לינק געשטימט, און איז געוואָרען א שטאַרקער אָנהענגער פון דיקטאַטור.

נאָך די פעברואר וואַהלען האָט ער זיך באַמיהט צו שאַפען א רעוואָלוציאָנערען פראָנט פון לינקע סאָציאַליסטען, אנארכאָ־סינדיקאַליסטען און קאָמוניסטען, מיט דעם צוועק צו שטירצען די אָרדנונג און איינפיהרען א „פּראָלעטארישע דיקטאַטור”.

קאַבאַליערא האָט מיט דעם געמאַכט א טעות. ער האָט פאַרזעהן אז אונטער די באַדינגונגען איז נאָך צו פריה געווען צו קלעהרען וועגען אזא זאַך. אז מען האָט נאָך ניט געקאָנט טראַכטען וועגען א צעשפּליטערונג פון די פאַראייניגטע פּראָגרעסיווע כחות אין לאַנד. ער האָט פאַרגעסען אז א צושפּליטערונג פון דער פּאַרטיי וואָלט געווען אן אומגליק ניט נאָר פאַר׳ן סאָציאַליזם אין שפּאַניע

נאָר אויך פארן גורל פון דער רעוואָלוציע. ער האָט פארגעסען אז אָהן דער הילף פון די קליינבירגערליכע פאָלקס מאסען און אינטעליגענציע, וואָלטען זיי ניט גע־קענט באזיגען די רעאקציע אין די לעצטע וואהלען.

אזא טאקטיק האָט פאראורזאכט דעם בירגער קריעג. די רעאקציאָנערע פאר־טייען האָבען זיך געפרייט ווען זיי האָבען געזעהן, אז די לינקע זעלבסט מאכען רייף דעם באָדען פאר א צוזאמענברוך פון דער רעפובליק. דאָס איז געווען זייער העכסטער וואונש — א צושפּאָלטונג אין די רייהען פון לינקען פאָלקס פראָנט, און זיי האָבען עס אויסגענוצט.

די אָנהענגער פון דעם אלטען אָפּגעלעבטען רעזשים אין שפּאניע, די פאראיי־ניגטע רעאקציאָנערע כחות פון די מאָנארכיסטען און פאשיסטען, האָבען אויפ־געהויבען א האנט געגען דער רעפובליק איהר צו פארניכטען. זיי האָבען זיך פארמאָסטען געגען דער רעפובליקאנישער אָרדנונג, וואָס איז אויסגעקלי־בען געוואָרען פון שפּאנישען פאָלק, דורך אזוי פיעל בלוט און קרבנות, און אויף איהר פּלאץ צו אוועקשטעלען א דיקטאטאָרישע אָדער מאָנארכיסטישע רעגירונג.

פון איין זייט זיינען געשטאנען געגען דער רעפובליק די שפּאנישע מאָנאר־כיסטען מיט די פאשיסטען, און מיט זיי אלע פינסטערלינגע אומבאוואוסטזיניגע סאָלדאטען און פויערים; פון דער אנדערער זייט, איז געוואָרען באשיצט די רע־פובליק פון דעם אזוי גערופענעם „פאָלקס פראָנט” וואָס באשטעהט פון רעפובלי־קאנער, סאָציאַליסטען, קאָמוניסטען, און אנארכיסטען.

סיי אין דעם רעכטען פראָנט, וואָס באקעמפט דער רעגירונג, און סיי אין דעם לינקען פראָנט, וואָס פארטיידיגט די רעגירונג, זיינען ניט אלע פארבינדעטע איינשטימיג צווישען זיך, אין די וויטערע ציעלען און שטרעבונגען. די מאָנארכיס־טען טרוימען וועגען א קעניג, און די פאשיסטען ווילען א „פירער” א דיקטא־טאָר ווי א מוסאָליני אָדער היטלער. דאָס זעלבע איז מיט די פאָרבינדעטע אינ׳ם לינקען פאָלקס פראָנט: די מעסיגע רעפובליקאנער, ווילען א רעפובליק אָהן גרינד־ליכע ראדיקאלע ענדערונגען; די לינקע רעפובליקאנער זיינען שוין גרייט איינ־צוגעהן אויף געוויסע ראדיקאלע רעפאָרמען אין לאנד; די סאָציאַליסטען ווילען א דעמאָקראטישע רעפובליק, וואָס זאָל דורכפיהרען סאָציאַליסטישע ענדערונגען אָבער אויף דעמאָקראטישע יסודות; די קאָמוניסטען ווילען איינפיהרען א סאָוועט־טישע רעגירונג אויפ׳ן מוסטער פון רוסלאנד — „א פּראָלעטארישע דיקטאטור” און די אנארכאָ־סינדיקאַליסטען ווילען איינפיהרען אנארכיזם...

די פאראייניגטע איןביידע לאגערען האָבען פארשיידענע פּראָגראמען, ציעלען און שטרעבונגען; אָבער זיי אלעמען פארבינדט אין דעם איצטיגען מאָמענט איין אלגעמיינער ציעל, וואָס טיילט זיי אין צוויי באזונדערע פיינדליכע פראָנטען: דעם פראָנט פון די רעאקציאָנערען פאראייניגט דער שותפות׳דיגער האס צו דער רעפובליק; און די פאראייניגטע אין פאָלקס פראָנט, פאראייניגט דער טויט גע־פאהר, אין וועלכער עס געפינט זיך די רעפובליק, און די מורא פאר א קומענ־דיגער מיליטערישער פאשיסטישער דיקטאטור, וואָס וועט פארניכטען מיט א שטארקער האנט אלע דערגרייכונגען פון דער שפּאנישער רעוואָלוציע.

די ארבייטער, די הויפט־שטיצער פון דער רעפובליק ווייסן וואס עס וואלט פאר זיי געמיינט א פאשיסטישער זיג. דער הויפט פיהרער פון פאשיסטישען אויפשטאנד, גענעראל פראנקא, האט שוין באצייטענס ערקלערט ווי אזוי ער קוקט אויף ארבייטער, אויף סאציאליסטען און אנדערע פראגרעסיווע מענשען. ער האט שוין אנגעזאגט די בשורה אז אונטער זיין הערשאפט וועט א סטרייק פון ארבייטער מיינען טויט שטראף...

און מען מעג איהם גלויבען אז דאס וועט ער הונדערט פראצענט עהרליך דורכפירען.

די שפאנישע ארבייטער האבען פאר זיך א קלאהר בילד וואס עס וועט מיינען פאר זיי א פאשיסטישע רעגירונג. זיי ווייסען עס פון אייגענער ערפאהרונג. פון די ביז איצטיגע רעאקציאנערע רעזשימען. און דאריבער קעמפען די ארבייטער אין שפאניע מיט א מערקווירדיגער אפפערווילינקייט, מיט א מסירת־נפש'דיגקייט, וואס רופט ארויס באוואונדערונג און באגייסטערונג ביי דער גאנצער וועלט. זיי ווייסען אז עס שטעהט אין קאן צו פארלירען אלץ וואס זיי האבען אויסגעקעמפט מיט זייער בלוט.

דער קאמף פון די שפאנישע ארבייטער איז א העלדישער, אבער אויך די רעאקציאנערען פיהרען א פארצווייפעלטען קאמף, און ווילען זיך בשום אופן ניט אונטערגעבען. די רעאקציאנערען מכל המינים ווייסען גאנץ גוט, וואס עס וואלט געמיינט פאר זיי דער זיעג פון דער פאלקס רעגירונג. זיי ווייסען אז ביי דער ווייטערדיגער אנטוויקלונג פון דער רעפובליק, און ביי די ווייטערדיגע רעפארמען אין לאנד, וואלטען זיי אלץ מעהר און מעהר פארלירען פריווילעגיעס, און זייערע אנגעזאמעלטע גרויסע פארמעגענס. די גענעראלען און אפיצירען, די קעמפער פאר דער אויפהאלטונג פון דער אלטער ארדנונג אין שפאניע, ווייסען גאנץ גוט, אז זיי וואלטען פארלוירען זייערע הויכע פריווילעגירטע פאזיציעס; די גלחים און קלעריקאלען ווייסען אויך אז אונטער דער רעפובליק, פארלירען זיי דעם איינפלוס און כוח אויף דעם אלגעמיינעם אונבאוואוסטזיניגען אונאויפגעקלערטען שפאניער. די רייכע סוחרים, די גרויסע באנקירען וואלטען געמוזט באגרעניצען זייערע פראפיטען. און דאריבער שרעקען זיי זיך פאר א „רויטער שפאניע".

די הויפט לאזונג פון דעם איצטיגען אויפשטאנד איז: „ראטעוועט שפאניען פון סאוועט רוסלאנד" ווי די איטאליענישע פאשיסטען וועלכע פלעגען שרייען „רוים אדער טויט!" ראטעוועט רוים פון לענינס הענט!"

די לאזונג געפינט אן אפקלאנג, ביי א היבשען טייל פון דער שפאנישער באפעלקערונג, וואס איז ניט גענוג דערוואקסען, צו פארשטעהן די פאלשקייט און לעכערליכקייט פון אט דער דאזיגער מורא, אז די פאשיסטען האבען דאס אויסגעטראכט, אום צו ווארפען א שרעק אויף די ברייטע מאסען, וועלכע זיינען נאך ניט קאמוניסטיש געשטימט.

אינם דאזיגען קאמף שפילט די ארמיי אן אויסערגעוויינליכע ראלע: יעדער צד האט געוואלט די ארמיי מיט זיך. אז די ארמיי וועט זיין מיט אים — האט יעדער בא זיך געטראכט — וועט ער זיין זיכער מיט זיין זיג.

די ארמיי שפילט שטענדיג א גרויסע ראָלע אין שפאניע. זי ווערט שטענדיג אויסגענוצט פון די גענעראַלען, פאר זייערע אינטערעסען. ניט איין שפאנישער דיקטאטאָר האָט אויסגענוצט די ארמיי פאר זיינע אוואנטוריסטישע צוועקען. מי-ליטערישע דיקטאטור איז ניט קיין נייעס אין שפאניע. אין דער שטורעמדיגער געשיכטע פון שפאניע, אינ׳ם „לאנד פון אומרוהען", איז שוין ניט איינמאָל פאָר־געקומען בלוט פארגיסונגען און די ארמיי איז אויסגענוצט געוואָרען פאר מי־אוסע צוועקען. ווען מיט זעקס יאָהר צוריק איז געפאלען די שפאנישע מאָנאר־כיע, איז עס געווען טיילווייז אויך צוליב דעם האס פון דעם שפאנישען פאָלק, צו דער פריהערדיגער דע-ריוועראַ׳ס מיליטערישער דיקטאטור.

אויך אין דעם אויפשטאנד האָט געשפילט די ארמיי א וויכטיגע, אפשר וויכטיגסטע ראָלע. מיט ועמען שטעהט די ארמיי? די פאשיסטען מיט די מאָנאר־כיסטען באריהמען זיך, אז די ארמיי שטעהט מיט זיי. פון דער אנדערער זייט זעהען מיר אָבער אז צעהנדליגער טויזנטער סאָלדאטען, פאָליציי, שוץ מיליטער, העלפען דער רעגירונג, און קעמפען גלייך מיט די אָנהענגער פון דער רעפובליק געגען דער רעאקציע און פאשיזם. אויך די מאטראָזען זיינען געווען מיט דער רע־גירונג און באשיצט איהר אין די געפערליכסטע פונקטען, באזונדערס אין די האפען־שטעדט, וואו דער קאמף האָט זיך צופלאקערט.

די באדייטענדסטע ראָלע שפילען די ארבייטער מאסען, וועלכע האָבען זיך באוואפענט אין א פאָלקס ווידערשטאנד, געגען די רעאקציאָנערע רעוואָלטירענדע קרעפטען.

די דאָזיגע כחות זיינען איצטער אָפען ארויס אין קאמף. זיי קעמפען אויף טויט און לעבען. און די טראגישע דראמע, וואָס האָט אָנגעהויבען שפילען אין דער יונגער אויפגעברויזטער שפאנישער רעפובליק, דערגרייכט נאָך ניט איהר קלימאקס.

די גאנצע וועלט פאָלגט נאָך די דאָזיגע דראמע, ווייל פיל האָפנונגען און גלויבען זיינען פארבונדען מיט דער יונגער שפאנישער רעפובליק. איהרע א ני־דערלאגע וואָלט דערלאנגט א שווערען קלאפ דער דעמאָקראטיע אויף דער גאנצער וועלט.

5. דער בלוטיגער בירגער קריג

עס לויפען די טעג, די וואָכען, די חדשים און יאָרען און עס קומט אַלץ ניט קיין ענדע צו דעם שפאנישען בירגער־קריעג. עס איז שוין אוועק באלד דריי יאָר זינט עס האָט זיך אָנגעהויבען דער דראמאטישער בלוטיקער געפעכט אין שפאניע, און מען ווייסט נאָך אַלץ ניט, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיגען. געווען צייטען ווען מען האָט געמיינט, אז אָט־אָט און די פאשיסטען זיגען איבער שפאניע; אז זיי וועלען ארויס די עווענטועלע זיגער. געווען אויך צייטען ווען מען האָט געמיינט, אז די וואָגשאָל פון נצחון נויגט זיך מעהר צו דער זייט פון דער רעגירונג, (דאָס איז געווען נאָך דער מפלה, וואָס די איטאַליענער האָבען געהאט הינטער גוואדאלא כאַרא). די מלחמה איז אָבער נאָך אַלץ ניט געקומען צו זיין לעצטן אנטשיידענעם פאקטאָר אין זיין דעצידירענדער פאזע.

איין זאך איז קלאָהר, אז נאָך דעם ברודער - קאַמף, וועט שפּאַניע בלייבען פאַראָרימט, סיי פון איהר באַפעלקערונג און סאַי פון איהר אינדוסטריע. די אָרימע שפּאַניע וועט מוזען אָנקומען צו אנדערע לענדער נאָך הילף. זי וועט מוזען אָנקומען צו איהרע קרובים אין איירָאפּא, ביז זי וועט זיך קענען שטעלען אויף די אייגענע פיס.

ווי אזוי איז די רעוואָלוציע אויסגעבראָכען? פאַרוואָס האָבען די פאַשיסטען געמאַכט אַן אויפשטאַנד? אָט־די אַלט־נייע ווידערהאָלענדע פראַגען וועלען מיר דאָ פּרואווען באַלייכטען און ערקלערען.

דעם 18־טען יולי 1936, איז אויסגעבראָכען דער אויפשטאַנד פון די רעבעלירענדע גענעראַלען מיט פראַנקאָן בראש. דער מיליטערישער אויפשטאַנד איז געקומען נאָך דעם נצחון פון שפּאַנישען „פאָלקס־פראָנט”, בעת די וואהלען צו די שפּאַנישע קאָרטעסען.

די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען, די בורזשואזיע, די מאָנאַרכיסטען און פאַשיסטען אין שפּאַניע האָבען געזעהן דעם כוח פון דעם פאָלקס־פראָנט, האָבען זיי זיך דערשראָקען, און גענומען צוגרייטען א מלוכה־איבערקערהעניש, וואָס זאָל מאַכען א סוף מיט דער רעוואָלוציע. זיי האָבען דעריבער געמאַכט דעם אויפשטאַנד. דערצו נאָך האָט דער אויפשטאַנד זיך אָריענטירט אויף די קאָנסטרוקטיווע פאַשיסטישע כוחות, אויף איטאַליע און דייטשלאַנד, וועלכע האָבען דעם אויפשטאַנד געשטיצט מיט מאַרד־געצייג, שפּייז און פינאַנץ.

די ארבייטער און פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס האָבען פון זייער זייט גענומען אָרגאַניזירען אַן אייגענע מיליציע צו שטעלען א ווידערשטאַנד דער רעאַקציע. „נאָ פּאַסאַראַן” — איז געוואָרען דער לאָזונג פון די פאָלקס מאַסען וואָס האָבען זיך פאַראייניגט אונטער דעם „פאָלקס־פראָנט”. אָבער זייער כוח איז ניט געווען גענוג שטאַרק זיך קעגענשטעלען די פּראָפעסיאָנעלע סאָלדאַטען פון אויסלענדישען לעגיאָן, און די ווילדע קריגערישע מורען. די נאָך ניט געאיבטע און ווייניג דיסציפּלינירטע ארבייטער מיליטער האָט באַלד ניט געקאָנט אָפּשטויסען די פאַשיסטישע אַטאַקעס. דערצו נאָך ווען זיי זיינען געשטיצט געוואָרען פון צוויי גרויס מעכטע וועלכע האָבען געשטיצט און שטיצען פראַנקאָ'ן ניט נאָר מיט טעכניש מיליטערישער הילף, נאָר גאַנץ פּשוט: זיי גיבען אַן אַקטיווע שטיצע דער פאַשיסטישער אַרמיי, אַריבערוואַרפענדיג קיין שפּאַניע גאַנצע דיוויזיעס מיליטער, באַוואָפענט מיט אַלע מיליטערישע באַדערפענישען מיט טאַנקען, עראָפּלאַנען, קריעגס שיפען, געפאַנצערטע צוגען און דאָס גלייכען.

מאַדריד איז געוואָרען דער הויפּט־פּונקט, ארום וועלכען עס זיינען פאָרגעקומען די ענטשיידענע שלאַכטען. ווייל ביז וואַנען מאַדריד, די הויפּט־שטאָדט פון שפּאַניע איז געווען אין די הענט פון דער רעגירונג, האָבען זיך די פאַשיסטען ניט געקענט באַרימען אז זיי האָבען באַזיעגט די רעגירונג. מעגען זיי אפילו איינגעהמען א העלפט פון שפּאַניע.

דער פאַשיסטישער דראַנג איז דאַריבער נאָר געווען נאָך מאַדריד, צו פאַרכאַפּען די הויפּט־שטאָדט און איבערנעהמען די מאַכט. זיי האָבען געמאַכט אַלע גרייטע הכנות, זיי האָבען אָנגעשטרענגט אַלע זייערע כוחות צו פאַרכאַפּען מאַדריד.

זיי האָבן געארבייט מעשים צו פאראייניגען די פאשיסטען פון שפאניע. צו פאר־אייניגען די פאשיסטען פון דרום זייט מיט די פון מערב זייט, שפאניע, לעבען פּארטוגאל צו קומען מיט א מארש פון אלע דריי זייטען מיט אמאָל.

עס איז געווען וויכטיג פאר די פאשיסטישע פיהרער צו ברעכען דעם ווידער־שטאנד פון דער רעגירונג אין דריי הויפּט־פּונקטען: ביי דער שטאָדט סעבאסטיאן וואָס ליגט אין צפון שפאניע; אין באדאכאז וואָס ליגט מערב זייט פון שפאניע נע־בען פּארטוגאל; און ביי קאָרדאָווא, וואָס ליגט אין דרום פון שפאניע. אין די דאָזיגע דריי געגענטען זענען פאָרגעקומען א לענגערע צייט פארביטערטע שלאכטען.

די פאשיסטישע ארמיי אין צפון זייט, איז געפיהרט געוואָרען פון גענעראל מאָלאַ. זיין ארמיי איז געווען אין שטענדיגער געפאהר צושמעטערט צו ווערען פון דער רעגירונגס ארמיי, וואָס האָט איר געקענט באפאלען פון אלע זייטען. גענעראל מאָלאַ איז אויך געווען אין א שווערער לאגע צוליב דעם, ווייל ער האָט ניט געקענט קריגען קיין פרישע קרעפטען פאר זיין ארמיי.

שטארק איז אָבער געווען די פאשיסטישע ארמיי וואָס איז געפירט געוואָרען פון גענעראל פראנקאָ אין דרום זייט פון שפאניע. פראנקאָ'ן איז געלונגען צו קרי־גען נייע סאָלדאטען פון דער שפּאנישער מאראקאָ דורכ'ן גיבראלטאר.

פארוואָס גענעראל פראנקאָ באקומט שטיצע פון דער שפּאנישער מאראקאָ, איז גאנץ לייכט צו פארשטעהן. די שפּאנישע מאראקאָ איז זעהר אן אומרוהיגער טייל פון שפּאניע; עס איז א ווינקעל וואו עס ברויזט שטענדיג מיט אומצופרידענ־הייט און מיט'ן גייסט פון רעוואָלט און אויפשטאנד. די דאָרטיגע בארבארישע שבטים זיינען דורכגעדרונגען מיט אן אומרוהיגען גייסט. זיי האָבן שטענדיג גע־פיהרט מיט שפּאניע מלחמה.

שפּאניע האָט וועניג וואָס אנטוויקעלט די מאראקער באפעלקערונג, און האָט וועניג אויפגעטאָן אום צו דערגרייכען זייער טריהייט און לאָיאליטעט. ניט אומ־זיסט הערט מען זיך אלעמאָל אָן פון אויפשטאנדען אין מאראקא. עס ווערט שטיל אויף א צייט, און שפּעטער דערוועקט זיך צוריק דער גייסט פון רעוואָלט.

עס איז ניט קיין גרויס וואונדער וואָס די שפּאנישע מאראקא, וועלכע ליגט ביים סאמע דרום פון שפּאניע, איז איצט געוואָרען יענער קוואל, פון וואנען די פאַ־שיסטען שעפּען זייער כוח. אין מאראקא איז לייכט צו געפינען אומצופרידענע אוואנטוריסטען, וועלכע זיינען שטענדיק גרוייט פאר אויפשטאנדען, פאר אָנפאלען, הריגות און מאָרדען. די פאשיסטען האָבן אָנגערייצט די ווילדע הפקרים אין מארא־קאָ און זיי אויסגענוצט פאר זייערע טעראָר מעשים.

צוזאמען מיט די פארעטערישקייט פון די פאשיסטען און דער נידערטרעכטיג־קייט פון די פאשיסטישע לענדער וועלכע זיינען געקומען העלפען זייערע בראנד־ברידער אין שפּאניע, וועט אויך די געשיכטע מוזען פארצייכענען אין שווארצע ראמען די פאלשע פּאָליטיק פון „נייטראליטעט”, וואָס די דעמאָקראטישע לענדער האָבן אָנגעווענדעט קעגען דעם סכסוך אין שפּאניע.

די פאשיסטישע כוחות זיינען אין אָנהויב געווען שוואך. זייערע ערשטע פאר־זוכען צו פארכאפּען די רעגירונג, זיינען דורכגעפאלען. די פּראָלעטארישע מאסען

האבען זיך גענומען ארגאניזירען און דיסציפלינירען און צוריקגעשליידערט די אטאקעס פון די פאשיסטען. זיי וואלטען געווים געווען באזיגט די שווארצע כוחות ווען ניט די אויסערליכע הילף וואס זיי האבען באקומען פון איטאליע און דייטש־לאנד.

אבער וואס האט צו דעם געטאן די וועלט? די דעמאקראטישע לענדער זיינען באלד ארויסגעקומען מיט א לאזונג פון „נייטראליטעט". מען האט אוועקגעשטעלט אן עמבארגא קעגען דער שפאנישער רעגירונג אין דער צייט ווען היטלער און מוסא־ליני האבען דארטען אריינגעשיקט אלע נויטיגע קריגס מכשירים פאר די רעבע־לען.

די וועלט רעגירונגען האבען אויך אוועקגעשטעלט אן ארגאניזירטע לעגאלע דעמאקראטישע רעגירונג, אויף איין ברעט מיט א באנדע פארברעכער, און ער־קלערט קעגען איהר אן עמבארגא; ניט לאזענדיג איר זיך ראטעווען קעגען איהרע אויסערליכע שונאים. אבער פון איטאליע האט מען אראפגענומען די סאנקציעס ניט קוקענדיג אויף דעם וואס זי האט פארקנעכט און עראבערט דורך בלוט און פייער עטיאפיע, דאס איינציגע פרייע לאנד אין אפריקא. ניט רעכענענדיג זיך דער־מיט וואס איטאליע איז ארוים קעגען די פרינציפען פון דער פעלקער ליגע, קעגען די פרינציפען פון מענטשליכקייט.

די דעמאקראטישע לענדער פראנקרייך און ענגלאנד האבען זיך פארענטפערט, אז זיי טוען דאס כדי אפצוהאלטען די וועלט פון מלחמה. אז אין צייט פון געפאהר מוז מען פארשווייגען קלענערע פארברעכענס כדי ניט ארויסצוברענגען גרעסערע. דער פאקט איז, אז די דאזיגע וואקלענדיגע האנדלונג מצד די דעמאקראטישע לענ־דער, האט אפגעשוואכט די הענט פון די וואס שטעהען פארן וועלט שלום און גע־שטארקט די הענט פון די קריגס אנציגדער, די הענט פון די פאשיסטישע מערדער.

די סאוועט רעגירונג האט במילא געמוזט שטעהן אן א זייט, און אויך אונ־טערשרייבען דעם נייטראליטעט אפמאך. זי האט דאס געמוזט טאן צוליב צוויי מאטיוען: ערשטענס געפינט זיך דער סאוועטען פארבאנד זעהר וייט פון שפאניע אין פארגלייך מיט וועלכער עס איז אנדערער אייראפייאישער מלוכה, און איהר דירעקטע הילף הן מאטעריעלע און הן בנוגע אמוניציע איז זעהר באגרעניצט.

צווייטענס, וואלט א דירעקטע הילף פון דעם סאוועטען פארבאנד אלס מלוכה צו די שפאנישע קעמפער אריינגעשפילט אין די הענט פון די פאשיסטען. זיי וואלטען באלד אלארמירט דער קאפיטאליסטישער וועלט וועגען דעם וואס עס קומט פאר אין שפאניע; אז דארט געהט אן א קאמף צווישען קאמוניזם און קאפיטאליזם; אז דער סאוועטען פארבאנד איז א געפאהר פאר די קאפיטאליסטישע לענדער. זיי וואלטען נאך געקענט שאפען א פאראייניגטען פראנט פון אלע קאפיטאליסטישע לענדער קעגען דעם סאוועטען פארבאנד, און קעגען די שפאנישע לאיאליסטען.

די הילף פאר די שפאנישע פאלקס־קעמפער קומט אמוועניגסטענס פון די שונאים פון דעם פאשיזם פון איבער גאר דער וועלט. די אלע אנטי־פאשיסטען שטי־צען די שפאנישע בראווע קעמפער, און גלויבען אין זייער זיעג, וואס וועט ענדליך קומען. זיי גלויבען אין כוח פון די שפאנישע פאלקס־מאסען וועלכע צייכענען זיך

אוים מיט זייער גרעניצלאָזער איבערגעגעבענקייט צו דער זאַך פון דעם פאָלקס־פראָנט. מעגען די פאַשיסטען איצט פאַרצייכענען טריאומפען, מעגען זיי זיך באַריהמען אז זיי האָבען שוין באַלד גאַנץ שפּאַניע. — זיי האָבען אָבער ניט דאָס שפּאַנישע פאָלק! אין מעהרסטע פּראָווינצען וואו די פאַשיסטען האָבען פאַרכאַפּט די ממשלה, זיינען זיי ארומגערינגלט מיט אינוועניגסטע שונאים. די ארבייטענדע מאַסען וועלען קיינמאָל ניטשלום מאַכען מיט דעם געדאַנק, אז די גענעראַלען זאָלען איבער זיי הערשען. די שפּאַנישע ארבייטער האָבען ערוואַכט, זיי זיינען ארוים אין אָן אָפענעם קאַמף מיט דער רעאַקציע און זיי וועלען דעם קאַמף ניט אויפגעבען. זיי וואַרטען נאָר אויף דער געלעגענהייט צו קענען זיך אויפהויבען קעגען די פאַשיסטען און פאַרפעסטיגען אין זייערע ערטער די הערשאַפט פון דער רעוואָלוציע וואָס האָט זיי געגעבען פרייהייט און וואוילזיין.

די פּראָגרעסיווע וועלט שאַצט אָפּ, די איבערגעגעבענקייט פון די שפּאַנישע פאָלקס מאַסען, וועלכע האָבען געשטעלט אַן אייזערנעם ווידערשטאַנד די פאַשיסטישע מערדער. די פּראָגרעסיווע וועלט שטיצט דעריבער די שפּאַנישע פאָלקס־העלדען, שטרענגט זיך אָן מיט אַלע כוחות צו ראַטעווען דאָס שפּאַנישע פאָלק פון די הענט פון די פאַשיסטען, פון די הענט פון די היטלערס און מוסאָליניס כאַלדאַטען. זי שטיצט מאָראַליש און פינאַנציעל די העראָאישע קעמפער ווייל זי ווייס אז יעדער דאָלער איז א קויל אינם הארץ פון פאַשיזם, און א שוץ־וואַנט פאַר די בראַווע העלדען וואָס גיבען אָפּ זייער לעבען פאַר דער פרייהייט פון שפּאַניעס זיהן און טעכטער און פאַר דער פרייהייט פון דער גאַנצער וועלט.

די פּראָגרעסיווע וועלט ווייסט און פיהלט אז אויף די פייער אָנגעצונדענע בערג אין שפּאַניע, ווערט איצט אויסגעקעמפט דער שיקזאַל ניט בלויז פון די שפּאַנישע פאָלקס מאַסען, נאָר אויך פון די איטאַליענישע, דייטשע און פּוילישע מאַסען.

אזעלכע העלדענטאַטען ווי עס ווייזען ארויס די שפּאַנישע פאָלקס־מאַסען האָבען ווייניג פאַרגלייכען אין דער גאַנצער וועלט געשיכטע. די וועלט קוקט זיך צו מיט דער גרעסטער באַוואונדערונג צו דער זעלבסטאָפּפערונג פון די שפּאַנישע ארבייטער, וועלכע האָט פאַרצייכענט אזעלכע העראָאישע פיגורען ווי א לעאָן באַום, דער אידישער ארבייטער וואָס האָט מקריב געווען זיין לעבען ארום סאַן סעבאַסטיאַן. אָדער גאָר ווי א פראַנציסקא גאַרסיאַ, דער 19־יאָהריגער ארבייטער העלד וואָס האָט איינער אליין אויפגעריסען אויף דעם טאָלעדאָ פראָנט א בריק מיט פאַשיסטישע מיליטער און איז דערביי אליין אומגעקומען, און נאָך אזעלכע טויזענטער וועלכע האָבען איינגעשריבען אין דער געשיכטע פון ארבייטער קאַמפען נייע גלענצענדיגע שורות פון איבּיגען רוהם און גרויסקייט.

קיינמאָל וועלען ניט פאַרגעסען ווערען די געוואַגטע העלדען פון שפּאַנישען פאָלק! מיר וועלען קיינמאָל ניט פאַרגעסען די הונדערטער טויזענטער מיידלאַך און פרויען, טעכטער און שוועסטער, כלות און פרויען, וועלכע האָבען פאַרגאָסען זייער בלוט אויף די ברענענדיגע שלאַכט פעלדער אין די סאַמע פאָדערשטע רייהען פון די גלענצענדיגסטע בלוטיגסטע קאַמפען.

קיינמאָל ניט וועט פארגעסען ווערען די שפּאַנישע יוגענט וועלכע האָבען זיך גאָרנישט דערשראָקען פאר׳ן כסדר׳דיגען קנאַקען פון די מאַשין־ביקסען, פון האַר־מאַטען דונער נאָר מיט „סאַלוד!״ געלאָפען אויף די פראָנטען.

אין די הערצער פון דער שפּאַנישער יוגענט איז געבליבען טיעף איינגעקריצט די ווערטער פון דער באַריהמטער העלדין חבר׳טע פאַסיאָנאַריא וועלכע האָט פון פראָנט צוגעשיקט א באריכט וואָס איז פול מיט גלויבען, פול מיט מוט און האָפ־נונגען פון נצחון איבער פאַשיזם. זי האָט געשריבען:

„די מאַמעס וויינען ניט איבער זייערע זיהן, וואָס פאַלען אין שלאַכט. זיי זיינען שטאָלץ מיט דעם וואָס זיי האָבען געבוירען העלדען! כלות און שוועסטער איילען זיך צום שלאַכטפעלד, צו פאַרנעהמען דעם פּלאַץ פון זייערע געפאַלענע ברי־דער און חתנים. זיי זיינען גרייט זייער לעבען צו געבען פאַר דער פרייהייט, ווייל דער פאַשיזם טאָר ניט זיגען!״

אויך די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדע מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט דער „מוראַ׳דיגער״ גענעראַל קלעבער, און אין וועלכער עס האָט זיך באַטייליגט דער באַרימטער עסטרייכישער סאָציאַליסט יוליוס דייטש, און דער סעקרעטאַר פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל דימיטראָוו, אויך די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדע וועלכע איז באַשטאַנען פון העלדען פון אַלע ראַסען און נאַציעס, האָט אָנגעפירט א קאַמף געגען פאַשיזם. די דאָזיגע זעלנער וועלכע זיינען געקומען פון אַלע עקן וועלט העלפען דעם שפּאַנישען פאָלק וועלען אויך פאַרצייכענט ווערען מיט גאָלדענע בוכשטאַ־בען אין דער געשיכטע פון אונזער יאָרהונדערט. די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדע האָט באַוויזען אז ס׳איז דאָ א זאַך ווי פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט. אַרבייטער פון רוהיגע היימען פאָהרען אַוועק אין אומרוהיגען שפּאַניע, אַוועקצוגעבען זייערע לעבענס פאַר זייערע לייבליכע ברידער אַרבייטער אין שפּאַניע. זיי זיינען געקומען מיט דער גרעסטער מסירות נפש־דיגקייט העלפען די שפּאַנישע מאַסען אין זייער קאַמף פאַר א דעמאָקראַטישער רעפּובליק; אין זייער קאַמף קעגען פינסטערען פאַשיזם.

6. דאָס טראַגישע אינם שפּאַנישען בירגער קריג

דאָס טראַגישסטע אינם שפּאַנישען בירגער־קריעג באַשטעהט אין דעם, וואָס אין די אייגענע רייהען פון פּראָלעטאַריאַט קומען פאָר אָפטע רייסערייען; אזעלכע וואָס ברענגען צו אויפשטאַנדען און קריגערייען צווישען זיך אליין. פריהער זיינען אָנגעגאַנגען שטילע קאַמפען; מען האָט אָבער ניט געקענט שטיקען צווישען זיך, און די צאַנקערייען אין די רייהען פון פאָלקס־פראָנט זיינען אַרויסגעקומען אין דער עפענטליכקייט. דאָס איז געווען נאָכ׳ן בלוטיגען אויפשטאַנד אין באַרצעלאָנאַ (אין מאי 1937) אין וועלכען אַרום צוויי הונדערט מענטשען זיינען דערהרג׳עט געוואָרען, און איבער פינף הונדערט זיינען פאַרוואונדעט געוואָרען.

דער דאָזיגער קאַמף אין באַרצעלאָנאַ צווישען די אַנאַרכיסטען און דער רע־גירונג, איז געקומען אַלס רעזולטאַט, פון אינערלעכע צאַנקערייען און קריזיסען. אין קאַטאַלאָניע, דער אינדוסטריעל־אַנטוויקעלטער פּראָווינץ, האָבען שטענדיג

געהאט א גרויסע השפעה אויף די ארבייטער מאסען די אנארכא־סינדיקאליסטען. זיי האָבען דאָרט געשפּילט א וויכטיגע ראָלע.

בכלל האָבען די אנארכיסטען זיך באפעסטיגט אין שפּאניע מעהר ווי ערגעץ אנדערשוואו. דאָרט אין שפּאניע וואו עס האָט אין 19־טען יאָרהונדערט נאָך גע־הערשט אָפּגעשטאַנענקייט און אומנאָרמאלקייט פון לאנד, האָט זיך אויך די אר־בייטער באוועגונג אנטוויקעלט אויף אן אומנאָרמאלען און אָפּגעשטאַנענעם אופן. דער אנארכיזם מיט זיין אָפּלייקענונג פונם שטאַט, מיט זיין ביטול צום פּאָליטישען קאַמף און צו אויטאָריטעט, איז גראד געווען צוגעפּאסט צו דער ניט־אנט־וויקעלטען אָבער אימפּולסיווען נאאיווען שפּאנישען ארבייטער פון יענער צייט, וואָס האָט אינסטינקטיוו געהאסט די רעגירונג, דעם גאנצען אפּאראט, וואָס האָט אים גאָרנישט געגעבען — ניט קיין שולען, ניט קיין שפּיטאָלען, ניט קיין שום סאָ־ציאַלע פאַרזיכערונג. ער האָט דעריבער אימפּאָנירט דעם אנארכיסטישען צוגאנג, צו דער פראגע פון שטאַט: אָנצופאלען אויף זיינע ווענטער, און מיט איינמאָל אריינפיהרען דעם ארבייטער אין דעם גן עדן פון דער פרייער אנארכיסטישער קאָמונע".

די אנארכיסטישע באוועגונג האָט זיך פארפעסטיגט אין שפּאניע, נאָך איידער די מארקסיסטישע אידעען זיינען באקאנט געוואָרען. די שפּאנישע ארבייטער האָבען אנערקענט מיכאאיל באקונין אלס זייער פיהרער ביים ערשטען אינטערנאציאָנאָל.

הויפּטזעכליך זיינען די אנארכיסטען געווען די, וואָס האָבען פארפלאנצט די יוניאָן באוועגונג אין שפּאניע, אויף דער באַזע פון סינדיקאטען, וואו דירעקטע אק־ציע און אָפטע גענעראל - סטרייקען זיינען געווען טאָג־טעגליכע דערשיינונגען. עס איז געווען א צייט, ווען די אנארכיסטען האָבען געהאט אן איינפלוס אויף איבר א מיליאָן ארבייטער און יעדע אנדערע ארבייטער ריכטונג האָט ניט געקענט האָבען קיין שום אָנהאלט אין שפּאניע. ביסלעכווייז האָט זיך דאָרט געשאפען סאָציאליס־טישע אָרגאניזאציעס, גענומען אלץ א גרעסערען איינפלוס און מיט זייער באטייליגען זיך אין דעם פּאָליטישען קאַמף, צוגעצויגען צו זיך א היפּשע שיכט פון דער ארבייטער באוועגונג, אינטעליגענץ און פון די מיטעל־קלאסען.

די קאָמוניסטישע פארטיי ביים אָרגאניזירען זיך האָט אויך א סך יניקה בא־קומען פון אנארכא סינדיקאליסטישע עלעמענטען, וואָס זיינען אנטוישט געוואָרען פון די אנארכיסטישע חלומות. די הויפּט־פיהרער פון דער קאָמוניסטישער פארטיי אין שפּאניע, ווי דער פארטיי סעקרעטאר כאָזע דיאז, זיינען פריהער געווען אנאר־כיסטען. נאַטירלאָך פלעגט דאָס אוועקרייסען פון די אנארכיסטען זייערע פיהרער ארויסרופען שארפע רייבונגען. אפילו מאָרדען זיינען ניט געווען קיין זעלטענע דער־שיינונגען אין דעם בלינדען ברודער קאַמף וואָס האָט אָנגעהאלטען יאָהרען און יאָהרען.

די אנארכיסטען פלעגען אמאָל מיטארבייטען מיט דער סאָציאליסטישער פארטיי אין דעם „אלגעמיינעם ארבייטער פארבאנד", אָבער מערסטענס פלעגען זיי קומען אין בלוטיגע צוזאמענשטויסען מיט די סאָציאליסטען. און זייער ראָלע קאָן מען נאָך היינט ניט מיניםיזירען. זיי האָבען נאָך אלץ אין די סינדיקאטען וואָ־

סערע פינף-זעקס הונדערט טויזענט מיטגלידער און פארגלייך מיט די צוויי מיליאן פון די איצט פאראייניגטע סאציאליסטישע און קאמוניסטישע פאראיינען. זייער כוח איז דאריבער געגוג שטארק געווען צו שטערען די סאציאליסטישע פאראיינען און אריינצוברענגען צומישעניש און כאאס אין די ארבייטער רייהען דורך פארשידענע איבערטריבענע און אונמעגלעכע פאדערונגען, און א סך מאל דורך פארשינעדע טעראריסטישע אקטען.

ערשט פראנקא'ס אויפשטאנד האט געצוואונגען די אנארכא־סינדיקאליסטען אפצוזאגען זיך פון זייער דאקטרינערישער אנטי־מלוכה'שאפט, און נעהמען אן אר־גאניזירטען אנטייל אין דעם אנטי־פאשיסטישען קאמף.

די נייע מיטארבייטערשאפט איז ניט געווען קיין פולשטענדיגע. די אנארכיס־טישע פיהרערשאפט האט וואס אן אמת אויפריכטיג געטאן די מיליטערישע און מלוכה'שע ארבייט, וועלכע פאדערט דיסציפלין און צענטראליזאציע. די מאסען זייערע האבען אבער כסדר געבונטעוועט געגען דער צענטראלער רעגירונג ביז עס איז געקומען צו דעם אויפשטאנד אין בארצעלאנא, די פעסטונג פון אנארכיזם. די סיבות פון אויפשטאנד זיינען געווען ערשטענס צוליעב דעם אנארכיסטישען קאמף קעגען אויטאריטעט בכלל. זיי האבען ניט געקאנט פארנעהמען דאס וואס די רע־גירונג ווערט אזוי שטארק און האט די גאנצע פולמאכט צו האנדלען ווי עס גלוסט זיך איהר. און צווייטענס צוליב דער שטרענגער פאליטיק און אונטערדריקונג פון דער טראצקיסטישער באוועגונג. די אנארכיסטען וועלכע זיינען פרינציפיעלע שונאים פון די רוסישע קאמוניסטען, פון דער רוסישער דיקטאטור און סאוועטישער סיסטעם פון רעגירונג האבען דא זיך געוואלט אפרעכענען, און גלייכצייטיג אויך מיט דער רעגירונג וואס פיהרט אויס די קאמוניסטישע פאדערונגען בנוגע די רדיפות אויף די טראצקיסטען.

די סטאליניסטישע קאמוניסטען וועלכע קעמפען אויף לעבען און טויט, קעגען די טראצקיסטען האבען געפאדערט פון דער רעגירונג נאכצוטאן מאסקווע, צו בא־טראכטען די טראצקיסטען פאר פארעטער, פראוואקאטארען וואס דינען דעם פא־שיזם. זיי האבען פארלאנגט מען זאל זייער ארגאניזאציע דער „פאום" (טראצקיס־טישע פארטיי) אונלעגאליזירען און זייערע פיהרער פאר'משפט'ען צו ארעסט, און א טייל צום טויט. די דאזיגע פאדערונגען האבען די סטאליניסטען גענומען דורכפיהרען מיט דער הסכמה פון דער רעגירונג. מען האט ארעסטירט און געטויט טראצקיסטישע און אנארכיסטישע פיהרער. אנגעגעבען די מאטיוון פאר אזעלכע טהאטען, האט מען די אידעאישע. אז די אנארכיסטען און טראצקיסטען ווילען האבען א סאציאלע רעוואלוציע אינם איצטיגען שפאניע, א זאך וואס איז אונמעג־לעך און אונדורכפיהרבאר. אבער אין דער אמת'ן האט דא דער אידעאישער מאמענט געשפילט א קנאפע ראלע. פארנומען זיין פלאץ האט דוקא דער ברודער קאמף צווישען די קאמוניסטען און טראצקיסטען. די סטאליניסטען האבען געוואלט נעהמען נקמה אין זייערע געגנער קאמוניסטען. זיי האבען געוואלט טאן מיט די טראצקיס־טען פונקט אזוי ווי מען האט זיי באהאנדלעט אין סאוועטען פארבאנד.

די רעגירונג בעאיינפלוסט פון די קאמוניסטען, האט ארעסטירט די טראצ־קיסטען, געמאכט איבער זיי אנפאלען און א סך פיהרער פארשיקט אדער געטויט.

צווישען די ארעסטירטע האט זיך אויך געפונען דער הויפּט־אָנפירער פון דער „פּאום" באוועגונג אנדערעס ניז, וועלכער איז שפּעטער ערמאָרדעט געוואָרען פון א „געהיימער האנט". מיט ניז'ען האט פּאסירט דאָס שרעקלעכסטע און שענדליכסטע. אין אָנהויב ווען ניז איז פארלוירען געגאנגען פון תפיסה, האָבען די שפּאנישע קאָמוניסטען ארויסגעלאָזט א קלאנג אז ער איז אנטלאָפען צו זיין פריינט — פראנקאָ. נאכהער האט זיך אָבער ארויסגעוויזען א גאָר אנדערע מעשה: הינטער מאדריד אין א וועלדעל האט מען געפונען אנדרעס ניז אן ערמאָרדעטען; דאָס האט אויפגעשווידערט און אויפגעטרייסעלט דער גאנצער ארבייטער באוועגונג. צווישען די ארובייטער האט דאָס ארויסגערופען גרויס פארביטערונג, און עס איז אָפּגעשוואכט געוואָרען דער כוח פון איינינקייט ביי די אָנהענגער פון פאראייניגטען פראָנט.

מיט ניז'ס טויט זיינען טאקע די קאָמוניסטען פטור געוואָרען פון זייער שרעקליכסטען שונא, פון דעם פייערדיגסטען אנטי־סטאַליניסט וועלכער האט געהאלטען אז טראָצקי איז צו מילד און צו ליבעראל און האט געפלאנט צו גרינדען א „פינפטען אינטערנאציאָנאל". דער הפד איז אָבער פיל וואָגיקער און פיל גרעסער פונם שכר, דאָס האט געבראכט צו א שפּליטערונג אין די ארבייטער רייהען. און געשטארקט די הענט פון די פאשיסטישע שדים.

די רעגירונג פון איהר זייט האט ניט געהאט קיין אנדער ברירה. זי האט געמוזט הערען די קאָמוניסטען, ווייל זיי האָבען איר געגעבען מעהר שטיצע ווי וועלכע אנדערע פּארטיי, זיי האָבען איהר געגעבען די שטיצע פון מאָסקווע. די שפּאנישע סאָציאליסטען האָבען מיט דעם געוואָלט און געמוזט אָפּצאָהלען פאר דער רוסישער הילף. דערצו נאָך אין א צייט ווען די קאָמוניסטען האָבען אָנגעהויבען שפּילען די ערשטע פידעל אין פאָלקס - פראָנט. זיי האָבען אָבער מיט דער דאָזיגער טאקטיק ארויסגערופען אומרוהיגקייט און מיסטרויערישקייט איינער צום צווייטען, און עס איז געוואקסען דער געפיהל פון אנטוישונג. די שפּאנישע ארבייטער פון סאָציאליסטישען חדר, האָבען ניט געוואָלט אויפגעבען זייערע טיפערע סאָציאלע אספּיראציעס, און זיך ניט געוואָלט לאָזען דיקטירען פון די קאָמוניסטען און פון זייערע אונטערשטיצער.

דאָס האט געפיהרט צו דער רעזיגנאציע פון פּרעמיער לארגאָ קאבאלערא דער באגייסטערטער לינקער סאָציאליסט, וועלכער איז שטענדיק געליבט געוואָרען אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע. דער דאָזיגער עהרליכער פּרעמיער האט אָנגעגעבען די אורזאכען פון זיין רעזיגנאציע צוליעב דעם וואָס ער האט ניט געוואָלט איינשטימען מיט די קאָמוניסטען צו ארעסטירען די טראָצקיסטען אלס שפּיאָנען און פארעטער וועלכע דינען די פאשיסטען.

קאבאלערא, דער פיהרער פון דעם „אלגעמיינעם ארבייטער פארבאנד", וועלכער האט אין דער סאָציאליסטישער פּארטיי פארנומען אן עקסטרעם לינקע שטעלונג, וועלכער איז אזוי באגייסטערט געווען פון דער סאָוועטישער מלוכה און געפרעדיגט באָלשעוויזם אין שפּאניע האט פּלוצלינג זיך גענומען אָפּטרייסלען פון קאָמוניסטישער טאקטיק און זיך אָפּגעזאָגט אנטייל צו נעהמען אין דער רעגירונג.

די לאגע איז דעריבער געווען זייער טרויעריג. דער ברודער־קאמף האט געשטעלט אין געפאהר די גאנצע רעוואָלוציע און איינינקייט צווישען די ארבייטער מאסען.

נאָכדעם ווי די צענטראַלע רעגירונג האָט ליקווידירט דעם קאַטאַלאָניער אויפ־שטאַנד און איבערגענומען די קאָמאַנדע אויפ׳ן אַראַגאָנער פראָנט האָט אויסגע־בראָכען א קריזיס אין דער צענטראַלער רעגירונג צוליעב קאַבאַלעראָס רעזיגנאַציע. עס איז דעם סאָציאַליסט נעגרין קוים געלונגען צוזאַמענצושטעלען א נייע רעגירונג פון דריי סאָציאַליסטען, צוויי קאָמוניסטען, צוויי פון די בורזשואַזע דעמאָקראַטען, איינער פון די קאַטאַלאָנער לינקע נאַציאָנאַליסטען און איינער פון די באַסקער נאַ־ציאָנאַליסטען.

די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבען זיך אָבער אָפּגערוקט אָן א זייט. איבער־הויפּט די וואָס שטעהען אונטערן אַנאַרכיסטישען איינפלוס. דאָס אויסשליסען די אַנאַרכיסטען פון דער רעגירונגס־קאָאַליציע איז געשטיצט געוואָרען פון די לינקע בורזשואַזע פאַרטייען כדי א שטוים צו טאָן די רעגירונג אויף רעכטס.

דאָס האָט אָפּגעשוואַכט דער רעגירונגס כוח, און געשאַפען אָן אונצוטרוי צו איהר ביי געוויסע פאָלקס מענטשען, וועלכע האָבען ביז איצט מיט דער גרעסטער איבערגעגעבענהייט געאַרבייט פאַר דער פאָלקס פראָנט רעגירונג. די רעגירונג האָט געדאַרפט אויפטאָן גענוג, זי זאָל צוריק באַקומען איהר פּרעסטיזש, און מאָראַלער השפּעה, אויף די רעוואָלוציאָנערע פאָלקס מאַסען פון שפּאַניע. גענוג ענערגיע און מיה האָט עס איהר געקאָסט צוריקצוגעווינען די אַנאַרכיסטען און געוויסע נייטראַל סאָציאַליסטען, וועלכע זיינען באַזייטיגט געוואָרען פון דער רעגירונג.

* * *

שוין איבער צוויי יאָהר ווי אין שפּאַניע בושעוועט דער בירגער קריג. שוין צוויי יאָהר, ווי עס שפּילט זיך אָפּ אזא בלוטיגע דראַמע, אויפ׳ן פּירענעאישען האַלב־אינזעל; און נאָך אלץ זעהט מען ניט קיין שטראַל פון האָפענונג אויף שלום.

אָרים זיינען אלע שרעקליכע ווערטער, בלאָס זיינען אלע שילדערונגען פון מאָרד, שענדונג און שרפה פון דער שיינער שפּאַניע, וואָס האָט מיט יאָהרען צו־ריק רוהיג געדרימעלט אונטער דער זון. וויסט און חרוב שטייט זי איצט. לעבט אין טעראָר און טויט שרעק, און דאָס בלוט פון די הרוגים, דאָס בלוט פון די דערמאָר־דעטע זידט נאָך אלץ, קאָכט ארויף צו די הימלען....

פון 19־טען יולי 1936, ביז היינט, זיינען אין שפּאַניע גע׳הרג׳עט געוואָרען צוויי מיליאָן מענטשען. הונדערטער שטעט און דערפער זיינען חרוב געוואָרען. צענ־דליגע טויזענטער הייזער זיינען פאַרברענט, גאַנצע ישובים זיינען פאַרניכטעט גע־וואָרען — ניט פון שפּאַניער, נאָר פון איטאַליענער און דייטשען. אכציג טויזענט אויסגעשטודירטע סאָלדאַטען האָט מוסאָליני אריינגעשיקט קיין שפּאַניע צו העלפען די רעבעלען. טויזענטער נאַצים זיינען געקומען העלפען פראַנקאָ׳ן אויס׳הרג׳ענען די שפּאַנישע מענער, שענדען די שפּאַנישע פרויען, וואָס זיינען לאָיאַל צו דער רע־גירונג. מאַלאַגאַ איז היינט אַן איטאַליענישע שטאָט. מאַדריד, וואַלענציא, באַרצע־לאָנאַ — זיינען ארומגערינגעלט מיט דייטשע און איטאַליענישע סאָלדאַטען. זיי זיינען עס די באָמבע וואַרפער, זיי שיסען דאָס אויף דעם שפּאַנישען פאָלק; זיי באָמבאַרדירען די שפּאַנישע שטעט, און זיי פיהרען עס די מלחמה געגען דער רעפּובליק.

דאָס ווערט אַלץ געטאָן אין די ראַמען פון „נייטראַליטעט". דאָס געוויסען (אויב אַזעלכעס איז פאַראַן) פון אייראָפּע איז אַזוי גלייכגילטיק צו דער שפּאַנישער טראַגעדיע, גלייך ווי עס וואָלט דאָרט גאָרניט פאָרגעקומען.

אויף וואָס נאָך וואַרט דאָס האַרצלאָזע „דעמאָקראַטישע" אייראָפּע? וויפיל מיליאָנען דערמאָרדעטע שפּאַניער פאַרלאַנגט דאָס אייראָפּייאישע „געוויסען", אַז עס זאָל אויפוואַכען? וויפיל שטעט נאָך דאַרפען חרוב ווערען אַז דאָס געוויסען פון אייראָפּע זאָל זיך אויפוועקען פונם לאַנגען שלאָף?

ענגלאַנד שווייגט און פירט אונטערהאַנדלונגען וועגן נייטראַליטעט, וועגען קאָנטראָל אויף פּריוואַטיע, אין דער צייט ווען איטאַליענישע שיפען אַרבייטען אָפען און פריי. די חוצפּה פון איטאַליע איז אַזוי גרויס, אַז זי שעמט זיך אַפילו ניט צו שיקען אירען אַ פאַרטרעטער צו פאַרהאַנדלען וועגען דער פראַגע פון נייטראַליטעט, וואָס איז אין דער ווירקליכקייט נאָר חל אויף אַנדערע לענדער אויסער איטאַליע און דייטשלאַנד.

די וועלט קוקט און שווייגט! זי זעהט ווי אין נאָמען פון שלום וויל מען איזאָלירען די שפּאַנישע רעגירונג און איר איבערגעבען אין די הענט פון די פאַשיסטען. זי זעהט ווי אין נאָמען פון יושר וויל מען פאַרווערען פרייוויליגע זאָלען אַריין אין דער לאָיאַלער שפּאַנישער אַרמיי, אָבער בשום אופן ווערט ניט געשטערט דאָס אַריינדרינגען פון איטאַליענישע און דייטשישע מיליטער צו באַלאַגערען שפּאַנישע שטעט און פאַרניכטען די אָרטיגע באַפעלקערונג.

די וועלט זעהט ווי אונשולדיג בלוט גיסט זיך אין שפּאַניע. זי זעהט ווי איניגע שאַרלאַטאַנעס און אונמענטשען אינטערווענירען אין אַ פרעמד לאַנד, טוען אָפּ די שווידערליכסטע מעשים אונגעשטערט... אָבער די וועלט האָט איינגענומען שטומעניש!

דאָס איז די שאַנדע פון אונזער יאָרהונדערט. די שאַנדע פון דער מאָדערנער און ציוויליזירטער וועלט — דער שעדליכער פאַשיזם - פּסיכאָז, וואָס האָט זיין גלייכען ניט אין דער וועלט-געשיכטע, וועלכער האָט געעפענט אַ נייע בלוטיג בלעטעל אין דער געשיכטע פון קולטור-פעלקער, האָט פאַרפעסט די אַטמאָספערע אַרום אונז, אַזוי אַז די אַלע מאָראַל- פרײדיגער זאָלען זיך פאַרלירען אינם ים פון אויפברויזענדע וואַקכאַנאַליעס, אַז זיי זאָלען קיין וואָרט ניט אויסריידען.

עס האָט דאָך געדאַרפט אויפטרייסלען דאָס געוויסען פון די רעכטדענקענדע מענטשען איבער דער גאַנצער וועלט! עס האָט דאָך געדאַרפט אויפשטורעמען די זיילען פון פאַציפיזם, פון אמת, פון גערעכטיגקייט! דער וואָס האָט נאָר אַ מענטשליך האַרץ האָט דאָך געדאַרפט אָפען אַרויס געגען די דאָזיגע עקעלהאַפטע געוואַלדטאַטען. [sic]

די וועלט פאַרשווייגט — שתיקה כהודאה דמיא, אָדער ווי דער ענגלענדער זאָגט: „סאַילענס מינס קאָנסענט" (שווייגן מיינט מסכים זיין מיט דער זאַך). זי וועט אָבער טייער באַצאָהלען! עס וועט זיין דער שאַנדפלעק פון וועלכען זי וועט זיך קיינמאָל ניט קענען ריינוואַשען!

דער קאמף צווישען די פאשיסטען און דער רעגירונג אין שפאניע, איז ניט קיין לאקאלער ענין. די אינטערעסען פון די אייראפייאישע לענדער, זיינען ענג פארקניפט מיט דער שפאנישער דראמא. עס איז א העכסט דראמאטישער קאמף צווישען צוויי גרויסע באוועגונגען — צווישען דעמאקראטיע און דיקטאטור; עס איז דער קאמף צווישען די צוויי הויפט קרעפטען, וועלכע ווירקען אמשטארקסטען אין דער געזעלשאפט.

די הויפט פעסטונגען פון דעמאקראטיע אין אייראפא, ליגען איצט אין ענגלאנד און פראנקרייך. און די פאשיסטישע דיקטאטור האט זיך ביז איצט שטארק באפעסטיגט אין איטאליע און גרויס דייטשלאנד, און אין א צעהנדליג אנדערע גרעסערע אדער קלענערע האלב־פאשיסטישע און גאנץ פאשיסטישע לענדער, וואו דער דאזיגער געדאנק האט געהאט א שטארקען איינפלוס און וואו דער פאשיזם האט זיך געשאפען זיינע נעסטען.

צו די דעמאקראטישע לענדער אין אייראפא קענען צוגערעכענט ווערען די סקאנדינאווישע לענדער (שוועדען און נארוועגיע) און בעלגיע. אויך דער סאוועטען פארבאנד, ניט קוקענדיג, וואס דארטען הערשט א דיקטאטור, שטעלט זי זיך ארויס פאר דעמאקראטיע, פאר פרייהייט, קעמפט קעגען פאשיזם און רעאקציע, און וואלט געוויס געשטאנען מיט די דעמאקראטישע לענדער, איבערהויפט מיט פראנקרייך.

די וואגשאלען זיינען דעריבער גלייכע. די דעמאקראטיע האט איהרע לענדער, איהרע כוחות, און אויך דער פאשיזם איז גענוג שטארק און לאזט זיך ניט איבערוועגען. שפאניע איז אבער דאס לאנד וואס קען שפילען א וויכטיגע און אנטשיידענע ראלע, פאר דעם דער גלייכגעוויכט פון אייראפא. און דאס איז צוליעב גאר פשוטע טעמים: שפאניע ליגט צווישען אייראפא און אפריקע. אזוי ווי א קארידאר פארביידע וועלט טיילען. זי ליגט ביי דעם סאמע גיבראלטאר, וואס פאראייניגט דעם אטלאנטישען אקעאן מיט דעם מטעללענדישען ים; און וואס פאראייניגט אויך אייראפא מיט איהרע אפריקאנישע קאלאניעס.

שפאניע איז א וויכטיגער סטראטעגישער און עקאנאמישער פונקט, מיט וועלכען עס זיינען פארבונדען די איבעריגע לענדער. עס איז דעריבער גאר ניט קיין זייטיגער ענין פאר די אייראפייאישע מלוכות וואס פאר א רעגירונג עס זאל זיך באפעסטיגען אין שפאניע.

פראנקרייך וועלכע האט פון איין זייט אלס שכנה די פיינדליכע היטלעריסטישע דייטשלאנד, און פון דער צווייטער זייט די פאשיסטישע איטאליע, אויב פון דער דריטער זייט, זאל די דריטע שכנה, שפאניע אויך ווערען פאשיסטיש, דאן איז די פראנצויזישע רעפובליק פון אלע זייטען ארומגערינגעלט פון פיינדליכע פאשיסטישע לענדער, און אין פאל פון א מלחמה קען איהר גורל זיין א פאטאלער.

דאס זעלבע איז מיט ענגלאנד, פאר איהר איז וויכטיג ווער עס קאנטראלירט דעם שפאנישען דורכגאנג צו אפריקע, וואו עס ליגען וויכיגע ענגלישע קאלאניעס.

פאר איהר איז וויכטיג ניט צו דערלאָזען, אז מוסאָליני׳ס כוח זאָל נאָך מעהר גע־שטארקט ווערען אויפ׳ן מיטעללענדישען ים.

אויך דער סאָוועטען פארבאנד איז שטארק באזארגט וועגען דעם ווער עס זאָל זיגען אין שפאניע. דער סאָוועטען פארבאנד איז דאָך בלוטיג פאראינטערעסירט דער פשיזם זאָל ניט זיגען, ווייל א זיעג פון פאשיזם איז א קלאפּ פאר׳ן קאָמוניזם. אויב די פאשיסטען זאָלען זיגען אין שפאניע, וואָלטען דייטשלאנד, איטאליע, שפאניע, לאטוויע און ליטא, עסטרייך, רומעניע, יוגאָסלאוויע, בולגאריע, גריכענ־לאנד געקענט גרינדען א „פאשיסטישען אינטערנאציאָנאל”, א בונד פון אלע רעאק־ציאָנערע לענדער געגען די פּראָגרעסיווע ליבעראלע לענדער.

היטלער שטעהט אויף דער וואך און העלפט די שפאנישע פאשיסטען מאָראליש און פינאנציעל. מוסאָליני שטיצט זיין דינער גענעראל פראנקאָ, און רעכענט זיך ניט מיט קיינע פארפליכטונגען וועגען נייטראליטעט. זיי ערווארטען אויסער א זיעג פאר פאשיזם, פון פאשיסטישען אויפשטאנד, אויך א פּשוט׳ן געווינס און שכר פאר זייער שטיצע. היטלער מיינט צו באקומען די שפאנישע מאראקא; און איטא־ליע האָפט צו קריגען דעם גיבראלטאר, און נאָך מעהר זיך צו פארשטארקען אויפ׳ן מיטעללענדישען ים.

אָבער די דעמאָקראטישע לענדער ענגלאנד און פראנקרייך שווייגען. זיי האלטען זיך נייטראל. זיי האלטען זיך ביי דער אלטער פּאָליסי פון „לאָזען יענעם קריכען כּל זמן ער קריכט ניט אויף דיר” . . . אָבער ווי לאנג? ווי לאנג זיך האלטען ביי פארפליכטונגען וואָס פארפליכטען גאר נישט? ווי לאנג לאָזען דעם היטלעריזם און פאשיזם, זיך ברייטער און טיעפער זיך פארצווייגען איבער דער גאנצער וועלט?...

די דעמאָקראטישע לענדער, ווי ענגלאנד און פראנקרייך דארפען וויסען אז דורך זייער נייטראליטעט, און דער פאשיסטישער מילך צו די פאשיסטען, קענען אמאָל די פאשיסטען זיגען, און דאָס וועט דאָך זיין א גרויסער קלאפּ פאר זייער מאכט און פּאָליטיק.

ענגלאנד האָט פאר די לעצטע הונדערט יאָהר פארכאפּט דעם סאמע שפּיץ פון שפאנישען האלב־אינזעל גיבראלטער. אָט דיזער פעלז גיבראלטער פארשפּארט דעם אריינגאנג פון אטלאנטישען אָקעאן אין מיטעללענדישען ים, און אָט דעם שליסעל האלט ענגלאנד אין איהרע הענט. די ענגלישע הארמאטען אויפ׳ן גיברלטאר קענען אריינלאָזען אָדער ניט דערלאָזען יעדער שיף אין אָדער פון מיטעללענדישען ים. די צוויי מלוכות וואָס ליגען ארום דעם גיבראלטאר, פּאָרטוגאל און שפאניע, האָבען זיך צופרידענגעשטעלט מיט דער דאָזיגער ראָלע פון ענגלאנד און זיינען איהרע בעסטע פריינד א דאנק דעם וואָס זיי זיינען פיעל אָפּהענגיג עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און פינאנציעל פון דער מעכטיגער ענגלישער אימפעריע.

דער שארפסטער געגנער קאָנקורענט פון ענגלאנד אין מיטעללענדישען ים איז איצט איטאליע. קען מען זיך שוין פאָרשטעלען ווי אָפּגעשוואכט ענגלאנדס מאכט וועט ווערען אויב די פאשיסטען זאָלען זיגען. ווען פראנקאָ ווערט דער הערשער פון שפאניע גיט ער איבער אין די הענט פון איטאליע, פארשידענע אינזלען ארום

דעם גיבראלטאר, און די מאכט פון איטאליע וועט ווערען אזוי גרויס, אז דאָס קאָן ווערען א דירעקטע געפאהר פאר ענגלאנד.

אָבער טראָץ דעם אלעמען שטיצט די ענגלישע פרעסע און דווקא די פאטריאָטישע קאָנסערוואטיווע מיט דער גרעסטער סימפאטיע די שפאנישע פאשיסטען.

פאר פראנקרייך איז דער אינטערעס צו שפאניע פיעל נעהענטער און קאָמפּלי־צירטער. יעדער איינער ווייסט, אז ווען אין שפאניע זאָל זיגען די מיליטערישע פאר־שווערונג וועט דאָס האָבען א דירעקטע ווירקונג אויך אויף דער פאָליטישער אנט־וויקלונג אין פראנקרייך. דער זיעג פון גענעראל פראנקאָ וועט אומגעהויער ערמו־טיגען אויך אין פראנקרייך, אזעלכע גענעראלען וואָס חלומ'ען שוין פון וועגען א פאָליטישער איבערקערעניש. זיי האָבען דאָך שוין געמאכט אזא פארזוך אין פעב־רואר 1934.

פאר פראנקרייך אלס מלוכה וואָלט דאָס געווען א גרויסער אונגליק, ווארום דער שפאנישער פאשיזם איז א פארבינדעטער מיט'ן איטאליענישען און דייטשען פא־שיזם. די מלחמה געפאהר פאר פראנקרייך וועט נאָך ווערען פיעל שטארקער, ווייל שפאניע איז דאָך דער נאָהענסטער שכן פון פראנקרייך. דער שפאנישער פלאָט קען אָנפאלען אויף די פראנצויזישע האפענס אין מיטעללענדישען ים. אין א שעה צייט קענען שפאנישע עראָפּלאנען באָמבארדירען די פראנצויזישען קאָלאָניע מאָראקא, אָדער דעם פראצויזישען האפען מארסעל. היטלער און מוסאָליני וועלען שוין זאָרגען דערפאר אז שפאניע זאָל האָבען גענוג קריעגס מאטעריאל, און וועלען זי אויסנוצען פאר זייערע אינטערעסען. פאר די דעמאָקראטישע לענדער בלייבט נאָר איבער איין וועג, און דאָס איז: זיך אָרגאניזירען אין א בונד, קענען די מיליטעריש פאשיסטישע לענדער, און איינמאָל פאר אלעמאָל ארויסטרעטען אין אָפענעם קאמף מיט זיי. זיי דארפען איצט אָנשטרענגען אלע כחות אום צו דערשטיקען דעם פא־שיזם און אים אָפּווישען פון דער ערד.

* * *

ניט נאָר ענגלאנד, אויך פראנקרייך שטייט אָן א זייט און נעמט ניט אָן קיין אינטערנסיווע אקציע נעגען דער דאָזיגער פאשיסטישער אטאקע. די פראנצויזען דארפען וויסען אז „מאדריד איז דער וועג קיין פאריז", אז דאָס דעראָבערען פון שפאניע דורך די פאשיסטישע חיילות באדראָהט ניט נאָר די פראנצויזישע דעמאָקראטיע און דעם פאָלקס פראָנט—עס שטעלט מיט זיך פאָר א גרויסע געפאר פאר די נאציאָנאלע אינטערעסען פון פראנקרייך און פאר דער צוקונפט פון אייראָפּע. די פראנצויזען דארפען וויסען אז די מפּלה פון פאָלקס פראָנט אין שפא־ניע וועט זיין ניט נאָר די מפּלה פון דער פאָלקס פראָנט רעגירונג אין פראנק־רייך—דאָס וועט זיין אויך די מפּלה פון דער דעמאָקראטיע, פון דער רעפּובליק.

אָבער טראָץ דעם אלעמען, טראָץ די געפארען וואָס לויערען אויף פראנקרייך, זיינען די פראנצויזען גלייכגילטיג צו דער מעגליכקייט פון א פאשיסטישען נצחון אין שפאניע.

די איינציגע, וועלכע באגרייפען די געפאר זיינען די שפאניער אליין. די שפאנישע ארבייטער און פאָלקס מענשען קעמפען אזוי העראָאיש

און אנטשלאָסען געגען דעם פאשיזם און לאָזען אים ניט צו דער מאכט. זיי שטעלען זיך ניט אָפּ פאר קיין זאך. זיי שרעקען זיך ניט פאר די קאנאָנען־קוילען וואס פאלען ווי א גהנום פייער פון הימעל. זיי ליידען הונגער און דחקות, און ווערען געפייניגט מיט די ערגסטע יסורים, אָבער עס האלט זיי ניט צוריק פון קאמף.

די שפאנישע ארבייטער ווייסען און שאצען אָפּ די כחות פארהעלטניסען פון דער פאשיסטישער ארמיי. זיי ווייסען, אז מיט די רעבעלען שטייען צוויי גרויס-מעכטע. זיי ווייסען, אז געגען טאנקען זיינען זיי מאכטלאָז. זיי ווייסען, אז זיי וועלען פאלען, אז זייער גורל איז פאר׳חתמ׳עט, אויב די וועלט וועט זיך ניט ארייגמישען. דאָך גיבען זיי ניט אויף. עקשנות׳דיג קעמפען זיי מיט די לעצטע כחות געגען די פאשיסטישע אטאקעס. מיט דער גרעסטער איבערגעגעבענהייט קעמפען זיי ענטוזיאסטיש פאר דער פארטיידיגונג פון דער פרייהייט און אומאָפּ־הענגיגקייט פון שפאנישען פאָלק. די ארבייטענדיגע באפעלקערונג שטייט געשלאָ־סען הינטער דער רעגירונג און קעמפט געגען די אינלענדישע און אויסלענדישע פאשיסטען.

דאָס „רוהיגסטע" טייל פון שפאניע, קאטאלאָניע, וואס איז ביז איצט געווען א בליהענדער אינזעל אין דעם ברענענדיגען מדבר, האָט לעצטענס שוין אויך אָנגעהויבען פילען די שווערע און בלוטיגע וואונדען פון גרויזאמען בירגער־קריג, וואס גייט אָן אין דאָזיגן לאנד.

בארצעלאָנא, די הויפּט שטאָט פון קאטאלאָניע, וואס האָט נאָך ביז איצט געלעבט אין פרידען און געוואָרען בלויז פון צייט צו צייט אלארמירט, לעבט שוין אויך אין טויט שרעק. אויך דאָרט האָבען דערגרייכט די פאשיסטישע שיפען, וואס באָמבאָרדירען די שטאָט פון מיטעללענדישען ים ברעג.

בארצעלאָנא איז ביז איצט געווען אן עיר מקלט פאר די פליטים. דאָרט האָט מען איינגעאָרדענט קינדער היימען, שפיטאלען, סאנאטאָריומס פאר די געליטענע פארוואונדעטע פון בירגער קריג. די פארשיידענע פאלאצען דאָרט זיינען פארוואנ־דעלט געוואָרען, אונטער דער אויפזיכט פון דער קאטאלאָניער רעגירונג, אין אנ־שטאלטען פאר די אומגליקלאכע עלענדע היימלאָזע שפאניער, וועמעס צאָל איז זייער גרויס.

בארצעלאָנא וואס האָט ביז איצט געהאט א באפעלקערונג פון אָנדערהאלב־בען מיליאָן האָט פאר די לעצטע חדשים צוגעקראָגען איבער א האלבען מיליאָן פון די עוואקואירטע פאמיליעס, מערסטענס פרויען און קינדער פון מאדריד, מאלא־גא און די פראָנטען ביי אועסקא און אראגאָן. די רעגירונג האָט געמיינט, אז דאָרט וועלען די פאשיסטען ניט וואגען צו קומען. לעצטענס האָט זיך אָבער ארויס־געוויזען אז אויך קאטאלאָניע איז ניט געזיכערט, אז אויך דאָרט טרעפען די אי־טאליענישע סאלדאטען...

דאָס שרעקט אָבער אלץ ניט אָפּ די לאָיאלע ארבייטער, זיי זאָלען אויפגעבען זייער קאמף. די ארבייטער דאָרט שטארקען זיך מיט אלע כחות ניט צו פארלירען קאטאלאָניע. די אנארכיסטען (די פעסטונג פון אנארכיזם אין בארצעלאָנא) אָר־גאניזירען די מיליציאָנערען און יוגענט-ארבייטער צו שטעהן האנט אין האנט

מיט דער רעגירונג, צו זיין מאָביליזירט פארן אנטשידענעם קאמף ניט צו דער־לאָזען פרעמדע זאָלען דאָרט רעגירען און שאלטעווען.

*　*　*

רעדט מען שוין וועגען קאטאלאָניע, איז כדאי צו דערמאָנען איר העלדישען און מוטיגען פרעזידענט דאן לואיז קאָמפאניס איכאוועז.

ביז׳ן יאָר 1936 זיינען קאָמפאניס מיט זיינע מיניסטאָרען און אנדערע ארביי־טער פירער געווען פארשפארט אין תפיסה דורך דער רעאקציאָנערער לערו־רעגירונג.

נאָך די וואהלען פון 16־טען פעברואר אין וועלכע די לינקע פארטייען האָבען געזיגט, און אזאנא (דער דעמאָלטדיגער פרעמיער און היינטיגער פרעזידענט) האָט איבערגענומען די מאכט, האָט ער דאָס ערשטע געעפענט די טויערען פון די שפּאַ־נישע תפיסות און באפרייט אלע פּאָליטישע ארעסטירטע. נאָך דעם האָט אזא־נא אונטערגעשריבען א דאָקומענט וואָס האָט צוריקגעגעבען קאטאלאָניע איר זעלבסטבאשטימונג און קאמפאניס איז געוואָרען צוריקגעשטעלט אויף זיין פרע־זידענט אמט.

קאמפאניס איז די פּאָפּולערסטע פיגור אין קאטאלאָניע. ער איז ניט נאָר דער גרויסער אָראטאָר אין פאָלקס טריבון, — ער איז איינער פון די, וועלכע זיינען גרייט מקריב צו זיין זייער לעבען פאר זייער אידייע. ער שטייט אין ענגען קאָנ־טאקט מיט דער פאָלקס פראָנט רעגירונג און קעמפט אזוי ליידענשאפטליך פאר זיין פאָטערלאנד, פאר דער פרייהייט, פאר דער רעוואָלוציע פון זיין לאנד. די פראנ־קאָ מענשען באטראכט ער ניט נאָר ווי פאשיסטען־רעאקציאָנערען, נאָר ווי פאר־רעטער, נידערטרעכטיגע דעזערטירער, וועלכע האָבען פאַרראטען זייער נאציע, זייער קולטור, זייער פאָטערלאנד און עס פארקויפט צו די איטאליענער און דייר־טשען.

ער איז איינער פון די הייסטע אָנהענגער פון פאראייניגטען פראָנט פון אלע אנטי־פאשיסטישע כחות; אָן דער דאָזיגער איינינקייט גיט מען זיך אליין איבער אין די הענט פון די פאשיסטען; אָן דער דאָזיגער איינינקייט קען מען ניט פירען דעם קאמף געגען די אינערליכע און אויסערליכע שונאים. נאָר דורך איינינקייט, דורך דער אידייע פון איינינקייט וואָס דארף אלעמען באהערשען, דורך דעם כח פון ארבייטער איינינקייט — קען און מוז באזיגט ווערען דער פינסטערער פאשיזם, וואָס האָט זיך ארויפגעוואָרפען אויף שפאניע און וויל איר חרוב מאכען.

קאמפאניס איז דער שטאָלץ פון שפאניע, פון שפאנישען פּראָלעטאריאט!

*　*　*

דאָס הארץ צאפּעלט, פאלט איין, ווען מען לייענט די נייעסען וועגען דעם אומרוה אין שפאניע, און וועגען די זיגען פון די פינסטערע כוחות. שוין אריבער צוויי יאָהר ווי די וואָגשאָל וויגט זיך ארויף און אראָפּ — וואָס א טאָג שטארקען זיך די כוחות פון די היטלערס און מוסאָליניס. וואָס א וואָך ווערען די פאשיס־טישע שדים שטארקער. זייער כוח איז שוין אזוי שטארק אז גענעראל

פראנקאַ האָט מיט גרויס חוצפה געלאָזט וויסען דער וועלט וועגען דעם יאָהך פון זיין טריאומף. אין יולי (דעם 21־טען) האָט ער בקומה־זקופה זיך געלאָזט הערען איבער דער ראדיאָ און דערצעהלט זיינע פריינד וועגען דעם נצחון וואָס ער האָט אריינגעשריבען אין דער געשיכטע פון זיין נאציע.

וועה איז אָבער צו אזעלכע פאלשע באריהמערייען. וועה־וועה איז צו דער נאציע וועמעס שלעכטע זיהן באריהמען זיך מיט איהר חורבן! הונדערטער, טויזענטער באָמבעס באָמבארדירונגען, זיינען פאר דער צייט פארגעקומען אין שפאַניע. ניטאָ קיין איין שטיין אין שפאניע וואָס זאָל געווען בלייבען ליגען אויף זיין פלאץ. הונדערטער טויזענטער שפאניער זיינען ברוטאל דערהרג׳עט געוואָרען, צעהנדליגער טויזענטער פרויען און קינדער זיינען אומגעקומען אויפ׳ן פייער פון דער שלאכט. די טייערסטע מאָנומענטען, די וויכטיגסטע נאציאָנאלע בנינים זיינען צושמעטערט געוואָרען. שפאנישע גאָלד, אייזען און קופער ווערט אלץ פארנוצט פאר מלחמה צוועקען. דורות גאנצע וועלען אוועק ביז שפאניע וועט צו זיך צו־ריקקומען, און דאָ שטעהט דער פאשיסטישער פארטרעטער מיט אַן אָפען מויל פול מיט שמחה אויפ׳ן חורבן פון זיין לאנד, און פון זיין פאָלק. די שפאנישע פאררע־טער זיינען די גרעסטע וואָס די וועלט האָט ווען עס איז געזעהן. ניטאָ קיין ביי־שפיל צו זיי אין דער געשיכטע. זיי האָבען אליין פארקויפט און פארשקלאפט זייער לאנד צו פרעמדע נאציאָנען. אליין א תל געמאכט פון א פאָלק וואָס האָט ערשט אָנגעהויבען בליהען, שיינען און אויפעפענען די אויגען. ניטאָ דער עלע־גיסט וואָס זאָל באקלאָגען דאָס שפאניע פון צוואנציגסטען יאָהרהונדערט. ניטאָ דער נביא וואָס זאָל קענען פאראויסזעהן די ענדע פון דעם ערוואכטען שפאניע וואָס איז פלוצלינג אריינגעפאלען אין אזעלכע אייזערנע הענט וועלכע ווילען איהר אינגאנצען אָפווישען פון דער וועלט מאפע.

קאפיטעל 15

יאפאן און כינע

1. די „אונדערקלערטע" מלחמה צווישען יאפאן און כינע.

די געזעלשאפטליכע מיינונג פון דער וועלט, וואס איז ביז איצט געווען פאר־נומען אויסשליסליך מיט די געשעהענישען אין שפאניע, האט זיך איצטער א קעהר געטאן מיט'ן פנים צום ווייטען מזרח, צו די אלטע מזרח אזיאטישע פראבלעמען. שפאניע איז ארונטער פונם אויבענאן; אלע נייעסען זיינען פארטונקעלט; אלעמענס אויגען זיינען געווענדעט צום אזיאטישען קאנטינענט. מיט דער גרעסטער אויפ־מערקזאמקייט און שפאנונג, פאלגט מען נאך די געשעהענישען אין כינא, וואס שטעלען מיט זיך פאר א געפאהר פון א וועלט מלחמה.

לויט די טאג טעגליכע באריכטען וואס קומען אן פון נאנקינג אדער טאקיא איז די מלחמה אין כינע אין פולען גאנג. טראץ דעם וואס יאפאן האט נאך אלץ ניט דערקלעהרט קיין מלחמה קעגען כינע. עס ווייזט אויס, אז יאפאן רעכענט זיך נישט מיט קיינע פארמאליטעטען און אנשטעלען. זי האלט אוודאי, אז מען קען מארדען מענשען, פארניכטען שטעדט און לענדער אהן אן אפיציעלער מלחמה. אזוי איז יאפאן פטור פון אפברעכען דעם קעלאג אפמאך, אונטער וועלכען עס זיינען אונטערגעשריבען אי יאפאן, אי כינא. זי וועט קענען טאן וואס זי וויל אין כינע און דערצו נאך האלטען פונם אפמאך, אז זי טאר ניט פיהרען קיין מלחמה מיט כינע; לויט'ן אינטערנאציאנאלען געזעץ וועט זי נאך בלייבען אין „פריינדליכע" באציהונ־גען מיט כינע.

דעם אמת געזאגט, האט יאפאן איצטער גאר ניט מחדש געווען. זי האט דאס שוין געטאן מיט עטליכע יאר צוריק, ווען זי האט אפגעריסען א שטיק פון צפון כינע, מאנדזשוריע, און דארט עטאבלירט די מלוכה פון מאנטשוקא, איבער וועל־כער זי באלעבאטעוועט. דעמאלט האט יאפאן נאך געהאט שוועריגקייטען, זי איז געווען א מיטגליד צו דער פעלקער ליגע וואס האט ניט מסכים געווען מיט איהרע עראבערונגען. היינט צוטאג, וועט זי אפילו אזא שוועריגקייט, אזא אפאזיציע אויך ניט האבען. זי וועט זיך קענען ארויפווארפען מיט איהרע וואפען אויפ'ן ווילדען פארשקלאפטען כינעזישען פאלק און קיינער וועט קיין פיפס ניט געבען. אויסער אז כינא זאל ווערען פאראייניגט און זאל קריגען גרויסע הילף ביי די אייראפייאישע מעכטע.

ווי מען איז געוואויר געווארען פון די הינטער קוליסען פון דער וועלט די־פלאמאטיע, האבען געוויסע לענדער געשיקט נאטעס און ווארנונגען צו

יאפּאן, און איהר דערמאָהנט וועגען דעם אָפּמאַך מיט 16 יאָהר צוריק, אין וועלכען יאפּאן האָט זיך פארפליכטעט ניט צו פארכאפּען קיין טעריטאָריע פון כינע.

יאפּאן פון איהר זייט האנדעלט איצטער פונקט ווי מיט 6 יאָהר צוריק אין 1931, ווען זי האָט פארכאפּט מאנדזשוריע און די פּראָווינץ יעהאָל און דאָרט עטאבּלירט די כלומערשט „זעלבסט שטענדיגע" מלוכה און זיך מיט קיינעם ניט גערעכענט. זי לייענט איבער די נאָטעס און לייגט זיי ערגעץ אוועק אין א „צנצנת המן" פאר אן אנדענק, און פיהרט דערווייל אויס איהר פּראָגראם פון רייסען אוועק פון יענעם וויפיעל עס לאָזט זיך. אז זי וויל שוין גאָר קומט זי ארויס און באווייזט אז זי איז ניט די איינציגע פארברעכערין געגען אינטערנאציאָנאלע אָפּמאכען, אזוי האָבען געטאָן היטלער און מוסאָליני. דער לעצטער האָט באוויזען, אז טראָץ דעם וואָס זיין לאנד געהערט צו דער פעלקער ליגע און איז קיינמאָל ניט ארויסגעטראָטען, קאָן ער טאָן אלץ וואָס ער וויל אומגעשטערט. ער האָט געקאָנט זיך ארויפוואַרפען אויף עטיאָפּיע, א לאנד וואָס איז געווען זעלבסטשטענדיג פאר יאָהרען לאנג, און עס צונעהמען פאר זיך און קיינער זאָל גאָר ניט זאָגען.

יאפּאן טוט פונקט דאָס זעלבע. זי האָט זיך גענומען ארייננדרינגען אין כינע אלץ טיעפער און טיעפער. זי האָט שוין פארכאפּט די צוויי וויכטיגע שטעדט אין צפון כינע, טיענצין און פּעקין וועלכע איז געווען די הויפּט שטאָדט פון כינע. די דאָזיגע שטעדט זיינען צוויי אינדוסטריע צענטערס. טיענצין איז א האפען שטאָדט און שטעלט מיט זיך פאָר א היפּשע ווירטשאפטליכע באדייטונג פאר יאפּאן.

יאפּאן שטעלט זיך ניט אָפּ, זי איילט זיך צו פארכאפּען שאנכאי און נאָך אנדערע שטעדט און פּראָווינצען, דאָרט צו עטאבּלירען א צווייטע „אונאפּהענגיגע" מלוכה, וועלכע וועט פונקט אזוי ווי מאנטשוקא פון איהר קאָנטראָלירט ווערען.

דאָס איצטיגע מאָל וועט איהר אָבער ניט זיין אזוי לייכט דאָס דורכצופיהרען. די לאגע אין כינא איז איצטער א סך אנדערש ווי זי איז געווען אין 1931. דאן איז כינא באהערשט געוואָרען פון פיעלע מיליטערישע לאָרדען, וועלכע האָבען געהאט באזונדערע ארמייען און געפיהרט מלחמה צווישען זיך. זיי האָבען ניט געקענט צוזאמענשטעלען קיין פאראייניגטען פראָנט קעגען יאפּאן. זינט יענער צייט האָט זיך אין כינע אנטוויקעלט א שטארקע נאציאָנאליסטישע שטימונג וואָס פאראייניגט זיי אלעמען. די שנאה צו יאפּאן איז איצט אזוי גרויס אז זיי זיינען אלע גרייט ארויס אופן'ן שלאכטפעלד צו קעמפען ביז גאָר קעגען דער יאפּאנעזישער אינוואזיע. זיי זיינען גרייט אויף די גרעסטע קרבנות אבי צו געווינען כינעס מאכט און זעלבסטשטענדיגקייט, ניט ארייצופאלען אין יאפּאנעזישע הענט. די שנאה צו יאפּאן איז אזוי שטארק אז לעצטען יאָר ווען דער אָבער־קאָמאנדיר פון די כינעזישע ארמייען גענעראל טשאנג־קאי־שעק, איז געפאנגען געוואָרען, איז ער געהאלטען געוואָרען אזוי לאנג ביז ער האָט פארזיכערט אז ער וועט מיט אלע כחות זיין קעגען יאפּאן און איר ניט לאָזען אוועקכאפּען שטיקער כינעזישע טעריטאָריע.

דער אויפשטאנד פון סיאן־פו, דער לעצטער אין דער רינג פון מיליטערישע אויפשטאנדען קעגען דער צענטראלער רעגירונג וואָס איז אזוי שנעל אונטערדריקט

געוואָרען, האָט געוויזען דער וועלט אז נאנקינג איז איצט שטארק. זיין כוח שטיצט זיך ניט אזוי פיעל אויף זיין מיליטערישער מאכט ווי אויף דעם גרויסען מאָראלישען אויטאָריטעט כח וואָס די רעגירונג האָט געוואונען צווישען ברייטע שיכטען פון שטאָדטישען קליינבירגערטום און פויערטום. מיט דער נאציאָנאלער רעגירונג שטעהט היינט די באוואוסטזיניגע יוגענט. די זעלבע רעוואָלוציאָנערע יוגענט וואָס האָט אמאָל געזוכט דעם וועג קיין מאָסקווע און געוואָלט צוזאמענארבייטען מיט די באָלשעוויקעס שטעהט היינט פעסט מיט דער רעגירונג, זוכט א וועג צו אייראָפּעאיזירען כינע און איהר פאראייניגען אויף אן אייראָפּיאישען אופן.

די רעגירונג וואָס ווערט געשטיצט פון די דאָזיגע מעהר אייראָפּעאיש געשטימטע עלעמענטען האָט מיט פיל ענערגיע זיך גענומען צו לייזען די לעבענס-פּראָבלעמען פון כינעזישען פאָלק ווי טראנספּאָרט, פּאָסט, אוויאציע, ראדיאָ און דאָס גלייכען אויפ'ן געביט פון מאָדערניזם. איבערהויפּט פון מאָדערניזירען דעם פארקעהר איז זעהר פיעל דערגרייכט געוואָרען. אזוי ארום איז געשאפען געוואָרען א מעגליכקייט צו פאראייניגען די גרויסע כינע, צו פארבינדען אלע פּראָווינצען, און זיי צו שטעלען אונטער'ן קאָנטראָל פון דער צענטראלער פארוואלטונג, א זאך וואָס איז קיינמאָל ניט געווען אין כינע. אין דער אלטער אימפּעריע האָבען די איינצעלנע פּראָווינצען פארמאָגט אזא אייגענפארוואלטונג אז זיי זיינען פאקטיש געווען זעלבסטשטענדיגע מלוכות. די נאנקינער רעגירונג האָט געמוזט אָנשטרענגען אלע איהרע כוחות איינצוצוימען די דאָזיגע זעלבסטע מלוכות, צו קאָנסאָלידירען די אלטע מלוכה חובות און צו שאפען אלץ מעהר נייע הכנסה קוואלען פאר איהר בודזשעט אין וועלכען עס זיינען אריין גרויסע הוצאות פאר מיליטערישע צוועקען.

א דאנק דער דאָזיגער פאראייניגונג איז נאנקין געוואָרען א כוח אין דער גרויסער מזרח-אזיאטישער פּאָליטיק, אזוי אז אנדערע מלוכות זאָלען זיך מיט איהר רעכענען און איהר געבען שטיצע ווען זי נויטיגט זיך. דער דאָזיגער כוח באדייט אן ערנסטע געפאהר פאר דער יאפּאנעזער פּאָליטישער סטראטעגיע: א פאראייניגטע מאָדערניזירטע כינע וואָלט לגמרי א סוף געמאכט צו די יאפּאנישע אספּיראציעס צו ווערען א וועלט מאכט. עס וואָלט א סוף געמאכט צו איהר ראָלע אין דער אויסלאנד (אינטערנאציאָנאלע) פּאָליטיק און פארשארפט דעם קריזיס אין דער אינערליכער פּאָליטיק.

ווער נאָר עס אינטערעסירט זיך מיט דער אזיאטישער פּאָליטיק, ווייס,, אז יאפּאן לעבט היינט איבער א שרעקליכען קריזיס.

עס איז נאָך ניט קיין גאנצע הונדערט יאָהר, זינט די דאָזיגע אינזעל-מלוכה, איז אריינגעטראָטען אין דער וועלט פּאָליטיק. פאר דער צייט האָט יאפּאן דורכגעמאכט דעם גרויסען אויפשטייג. זי איז אנערקענט געוואָרען אלס די איינציגע „נישט ווייסע" גרויסמאכט מלוכה, מיט וועלכער מען מוז זיך רעכענען. פאר דער צייט האָט זי דורגעמאכט א וועג וואָס וואָלט ביי נאָרמאלע באדינגונגען געפאָדערט הונדערטער יאָרען. אין אָנהויב פון נייצעהנטען יאָהר-הונדערט איז יאפּאן געווען א דורכאויס פעאָדאלע מלוכה, היינט איז זי א הויך אנטוויקעלט אינדוסטריעלע

לאנד, אזא שטורמדיגער טעמפא פון פראָגרעס איז פארבונדען מיט די גרעסטע גע־פאהרען. דאָס פאָלק קאָן זיך אזוי שנעל ניט אריינלעבען אין די נייע באדינגונגען פון לעבען. זיי קאָנען ניט טראָגען די שווערע לאסטען וואָס ווערען אויף זיי פלוצ־לינג ארויפגעלייגט. עס מוזען פאלען קרבנות אין צייט פון איבערבוי. אפילו פאר'ן גרויס קאפיטאליסט שטעלען זיך נייע שווערע פּראָבלעמען, וועלכע ער קען ניט לייזען. די אינדוסטריאליזאציע פון לאנד האָט אוועקגעשטעלט אויפ'ן סדר היום די רוי־שטראָף פראגע. יאפאן פארמאָגט ווייניגער רוי־שטאָפען, צו קאָנען אליין אלץ פּראָדוצירען אָהן דעם אימפּאָרט פון אויסלאנד. דער גרויסער רוי־שטאָף מאנגעל מוז דעריבער געדעקט ווערען דורך א פארגרעסערטען עקספּאָרט. זי האָט זיך דא־ריבער געמוזט אָנשטרענגען צו אנטוויקלען א גוואלדיגען אויסלענדישען האנדעל. זי פארקויפט איהרע סחורות איבער דער גאנצער וועלט און קאָנקורירט מיט אלע־מען אויפ'ן חשבון פון יאפּאנישען ארבייטער.

באזונדערס איז צוגעקומען די פראגע פון דער פארגרעסערונג פון דער באַ־פעלקערונג. יאפאן האָט היינט שוין א באפעלקערונג פון איבער 70 מיליאָן, וועלכע איז שרעקליך צוזאמענגעפּרעסט אויף די יאפּאנישע אינזלען און האָבען זיך ניט וואוהין צו טאָן. זי זוכט דעריבער נייע טערריטאָריעס אויסצוברייטערען איהרע גרעניצען, צו פארגרעסערען איהר האנדעל און קאָנטראָל. — דער יאפּאנישער אימ־פּעריאליזם וויל לייזען זיינע שווערע פּראָבלעמען דורך פארכאפּען רוי־שטאָף קוואַ־לען אויפ'ן קאָנטינענט און צו פארטרייבען פרעמדע איינפלוסען און קאָנקורענטען.

יאפאן וויל לייזען די פראגע פון מאנגעל אין ברויט, קוילען און אייזען ביי איהר אין לאנד, דורך עראָבערען כינע. אין אָנהויב האָט זי זיך א נעהם געטאָן צו מאנדזשוריע, דאָרט איז זי געוואָרען אגרעסיוו און איהר פארכאפּט. מאנטשוקוא האָט אָבער ניט ערפילט איהרע האָפנונגען און ערוואַרטונגען. זי האָט דאָרט אריינ־געלייגט אן אוצר מיט געלט צו קולטיווירען דעם באָדען, קיין גרויסע רעזולטאטען האָט די ארבייט ניט געבראכט. מאנטשוקוא איז ניט געווען קיין דערפאָלג. האָט זי זיך איצטער א נעם געטאָן צום צפון כינעזישען געגענט צו פארכאפּען די דאָרטיגע פּראָווינצען און זיי אנעקסירען פאר זיך. זי ווייס אָבער אז זי וועט אָנטרעפען אויף א גרויסע געגנערשאפט, אז סאָוועט רוסלאנד, ענגלאנד און אמעריקא וועלען איהר ניט דערלאָזען אזא פעטען ביסען און וועלען ניט אויפגעבען זייערע אינטערעסען אין כינע. זוכט זי דעריבער שטיצע ביי דייטשלאנד און פיליכט אויך ביי איטאליע.

דעם 25-טען נאָוועמבער 1936 איז אונטערגעשריבען געוואָרען אן אָפּמאך צווישען בערלין און טאָקיאָ. דער הויפּט ציעל פון דעם דייטש־יאפּאנישען בלאָק איז געווען צו שאפען א מלחמה געפאהר אויפ'ן וויטען מזרח געגען סאָוועטען פאר־באנד. די דייטש־יאפּאנישע פארשטענדיגונגען זיינען אנטשטאנען אונטער דער „אידעאָלאָגישער" מאסקע פון קאמף מיט דער קאָמוניסטישער געפאהר, וועלכע באדראָהט די אייראָפּייאישע ציוויליזאציע. כדי צו ראטעווען די ציוויליזאציע האָ־בען די שפּאנישע פאשיסטען געבראכט פון צפון אפריקע די האלב־ווילדע האָרדעס מורען. כדי צו ראטעווען די ציוויליזאציע שליסט מען א בונד מיט יאפאן וועלכע

איז אין אמאָליגע צייטען באצייכענט געוואָרען פון די דייטשען אלס די געלע גע־פאהר וואָס באדראָהט די ווייסע ציוויליזאציע.

מען קען אָבער קיינעם ניט נארען מיט אָפּמאכען צו באקעמפען דעם קאָמוניזם. יעדער ווייס אז דער „אידעאלאָגישער״ פארבאנד איז א מאסקע פאר א צווייטען פאָליטיש־מיליטערישען אָפּמאך וואָס ווערט צוגעגרייט פון דיביידע שטערער פון פרידען. יאפאן האָט געזוכט צו פאראינטערעסירען ענגלאנד אין דעם דאָזיגען אָפּ־מאך. מען האָט אפילו געשמועסט אין די פאָליטישע קרייזען אז ענגלאנד וועט איינ־געהן אויף אזא אָפּמאך און וועט אנטייל נעמען אין אנטי קאָמוניסטישען קרייץ־צוג. אין אמת׳ען אָבער האָט ענגלאנד זיך גלייך אָפּגעזאָגט פונ׳ם דאָזיגען „היילי־גען פארבאנד״. ענגלאנד פארשטעהט גאנץ גוט יאפאנ׳ס כוונות זי וועט איר קיינ־מאָל ניט שטיצען אויף אן אופן וואָס קאָן איהר ברענגען מעהר שאָדען ווי נוצען. זי קאָן אזוי ארום פארלירען איהרע קאָנצעסיעס און האנדעלס אָפּמאכען אין כינע. באזונדערס וועט ענגלאנד ניט האנדלען אנדערש ווי וואשינגטאָן און אוודאי ניט געגען וואשינגטאָן. עס איז דאָך א פרינציפּ ביי ענגלאנד צו געהן צוזאמען מיט די פאראייניגטע שטאאטען. און דאָס איז דאָך א זיכערע זאך אז אמעריקא קאָן ניט און טאָר ניט דערלאָזען צו א פארשטארקטער יאפאן אויפ׳ן פאסיפיק. אמעריקא קאָן ניט דערלאָזען אז די „האנט פון טאָקיאָ״ זאָל באלעבאטעווען און שאלטעווען פראנק און פריי אין אן אָפּגעשוואכטער ארומגעפּוצטער כינע. אמעריקא פונקט אזוי ווי דער סאָוועטען פארבאנד, איז פאראינטערעסירט אז כינע זאָל קומען צו זיך, זאָל זיך פאראייניגען, זאָל קאָנסאלידירען אירע כחות.

דאָס דארף מען אָבער וויסען, אז טראָץ די אלע שוועריגקייטען וועט יאפאן ארויס די זיגערין אין איהר מלחמה מיט כינע, אויסער אז אויסלאנד וועט קומען צו הילף דער כינעזישער רעפובליק. כינע האָט ניט אזא מיליטערישע מאשין און אזעלכע מאָדערנע וואפען ווי יאפאן האָט. סאָלדאטען שפּילען היינט ניט קיין ראָלע, זייער מאכט איז איבערגעגאנגען צו עראָפּלאנען און טענקס. יאפאן האָט אלע נוי־טיגע כלי זיין, די מאָדערנסטע און די בעסטע, כינא איז אָבער ווייט הינטערשטעליג און דעריבער האָט זי ניט קיין שאנסען צו געווינען דעם קריעג.

די כינעזישע גענעראלען ווייסען דאָס. טשיאנג קאי שעק און די איבעריגע וואָל־טען דעריבער פארשווייגען און איינגעגאנגען אויף א קאָמפּראָמיס. זיי קענען דאָס אָבער ניט טאָן ווייל יאפאנס אימפּעריאליסטישע פּלענער געהען א סך ווייטער ווי געווינען עטליכע פּראָווינצען זיי ציעלען צו באהערשען דעם גאנצען עקאָנאָמישען לעבען פון כינע און צו ווערען די הערשער איבער׳ן אזיאטישען קאָנטינענט.

כינא האָט דאריבער קיין אנדער ברירה ניט ווי אָדער קעמפען אָדער זיך אונ־טערגעבען אונטער יאפאנס פארשקלאפונג. האָט זי אויסגעקליבען דאָס ערשטע: צו קעמפען פאר זעלבסטשטענדיגקייט מיט אלע כוחות. די איצטיגע מלחמה איז א מלחמה פאר עקזיסטענץ און אומאפּהענגיגקייט און קען ניט איינגעשטעלט ווערען כל זמן יאפאן וועט ניט אָפּשטעלען איהר מארשרוט אויפ׳ן כינעזישען פאָלק. די כינעזישע יוגענט איז גרייט צו פאלען אויפ׳ן מזבח פון קאמף פאר נאציאָנאלער

פריהייט אזוי גוט ווי די לאַיאַליסטען אין שפּאַניע וועלכע גיבען בעסער אוועק זייערע לעבענס איידער זייערע נשמות. זיי וועלען בעסער פאַלען אויפ'ן שלאַכט־פעלד איידער ליגען אונטער דעם פאַשיסטישען אייזערנעם קנאַפעל. די יוגענט פון כינע ווילען בעסער פאַלען מאַרטירער פאַר'ן פאָטערלאַנד איידער עס צו פאַרראַטען און עס איבערגעבען אין יאַפּאַנישע הענט.

2. יאַפּאַן, די פאַראייניגטע שטאַטען, סאָוועט רוסלאַנד און ענגלאַנד

ווי מיר האָבען פריהער געזעהן, זיינען כמעט אַלע אימפּעריאַליסטישע מלוכות, מיט דער אויסנאַהם פון דייטשלאַנד און איטאַליע, פאַראינטערעסירט אין כינעס זעלבסטשטענדיגקייט, און ווילען ניט, אז כינע זאָל ווערען יאַפּאַנ'ס א קאָלאָניע. כמעט אַלע גרויסע מלוכות, האָבען גרויסע אויסזיכטען אין כינע, דאָס לאַנד מיט 450 מיליאָן איינוואוינער, און וואָס איז דער גרעסטער מאַרק אין דער וועלט. די דאָזיגע מלוכות האָבען פיעל קרבנות געבראַכט, מיליאַרדען אויסגעגעבען צו עראָבערען דעם דאָזיגען מאַרק, און זיי ווילען איהם ניט אויפגעבען.

ביז זיבעציג־אכציג יאָהר צוריק איז כינע געווען אויסשליסליך א לאַנד פון אגריקולטור און האַנדווערק. גרויס אינדוסטריע איז דאָרטען געווען אומבאַקאַנט.

באַזיצענדיג אונאויסשעפּלעכע נאַטירלע אוצרות ווי אייזען, קוילען, גאָלד זילבער און אנדערע רייכטימער, האָבען די כינעזער אפילו ניט געפּרואווט דאָס צו עקספּלואַטירען. זיי האָבען די ערד ניט גענוג באַאַרבייט. געוויסע טיילען געלאָזט אין א הפקר צושטאַנד. דער אייראָפּייער איז געקומען אויף כינעזישע ערד האָט ער אָנגעהויבען איינשטעלען צווישען כינע און דער אויסערליכער וועלט האַנדעלס באַציהונגען. כינע האָט עקספּאָרטירט כל־ערליי לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען און רוי־שטאָפען. און אויסלענדישע מלוכות פלעגען אהין עקספּאָרטירען די פאַרשיידענסטע אינדוסטריעלע פּראָדוקטען. שפּעטער אריין האָבען די אויסלענדער דאָרט געבויט וועגען, פאַבריקען און זאוואָדען און ביסלאַכווייז האָבען די קאַפּיטאַליסטען אָנגעהויבען אויסאַרבייטען אין כינע גופא פיעל פּראָדוקטען; וואָרום סיי דער רוי־שטאָף, סיי דער ארבייט־לוין, איז דאָרט פיעל ביליגער ווי אין זייערע אייגענע לענדער. אויסער דעם האָבען די גרויסע מלוכות געשטיצט זעהר אָפט די כינעזישע רעגירונגען מיט מיליאָנען הלוואות אויף פאַרבעסערען דער קאָמוניקאַציע, פאַרשטאַרקען די מיליטערישע כחות, און העלפען קאָנסאָלידירען דאָס כינעזישע פאָלק.

צוליעב די דאָזיגע מאָטיוען אליין, מוזען די פעלקער באַקעמפען דער יאַפּאַנעזישער עקספּאַנסיע אין כינע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם גרעסטען געפאַהר פאַר די מלוכות, וועלכע האָבען דאָרט וויכטיגע עקאָנאָמישע אינטערעסען. די מלוכות ווייסען אויך אז יאַפּאַנס עקספּאַנסיע פון פאָרמאָזע אין 1895, פון קאָרעא (אין דרום־מאַנדזשוריע) אין 1905, פון צפון מאַנדזשוריע אין 1931 און

פון די איצטיגע פארכאפונג פון די צפון׳דיגע כינעזישע פראווינצען זיינען נאר עטאפען אויפ׳ן וועג פון יאפאנישער ערָאבערונג פון גאנץ כינע און פון שאפען א יאפאנישע וועלט הערשאפט.

ענגלאנד ווייסט זעהר גוט, אז יאפאן וויל פון איהר אפנעמען אינדיע, סינגאַ־פור, ניו עזלאנד, אויסטראליע און אנדערע קאלאניעס, האלאנד איז זיכער אז יאפאן וועט זיך פריהער אדער שפעטער נעהמען צו איהרע קאלאניעס אין אזיע מיט זייערע ריזיגע זאפאסען פון רוי־שטאפען און נאפט. און דאס זעלבע טראכ־טען אנדערע מלוכות וועמעס אינטערעסען עס זיינען אין ווייטען מזרח און די אנטוויקלונגען דארט.

אמעריקע און סאוועט רוסלאנד זיינען אבער אממייסטענס פאראינטערעסירט אין דער לאגע אויפ׳ן ווייטען מזרח. יאפאנס נייער צוג קאן ניט פארקוקט ווערען, ניט אין וואשינגטאן, און ניט אין מאסקווע. צופיעל שטעהט דארט אין קאן סיי פאר אמעריקע און סיי פאר רוסלאנד אז מען זאל בלייבען גלייכגילטיג צו יאפאנס אוואנטורעס. זיי ווייסען יאפאנס ציעלען מיט איהרע חוצפה׳דיגע ארויסטרעטונ־גען. ניט נאר צילט יאפאן די דאזיגע לענדער ארויסצוטאגען פון כינע אלס איהרע קאנקורענטען נאר צילט צו פארכאפען זייערע טעריטאריעס אין מזרח. זי וויל אוועקנעהמען פון סאוועט־רוסלאנד דעם ווייטען מזרח: פרימאריע, אמורער גע־ביט און זאבאיקאליע און פון די פאראייניגטע שטאאטען די פיליפינישע אינזלען אין דרום אזיע .די אלעאוטישע אינזלען און אלאסקא אין צפון אזיע.

צווישען סאוועט רוסלאנד און יאפאן איז שוין פון לאנג אן איינגעווארצעלט א שנאה. אן אינוועניגסטער טיפער אנטאגאניזם האט געליגט זיין חתימה אויף אלע אונטערהאנדלונגען און אפמאכען צווישען די דאזיגע צוויי מלוכות. זינט יאפאן האט פארכאפט מאנדזשוריע זיינען די באציהונגען צווישען זיי געווארען נאך ערגער. זי האט דעמאלט געוויזען אז אפמאכען מיינען ביי איהר גארניט. ניט מורא האבענדיג פאר קיינעם האט זי פארכאפט מאנדזשוריע, די כינעזישע אייזענ־באנען און באלעבאטעוועט אין כארבין. מאסקווע האט געשיקט פראטעסטען, נאטעס און אולטימאטומס, אבער יאפאן האט געלאכט פון די אלע פראטעסטען.

דער מעכטיגער אימפעריאליסטישער ריעז האט מורא געהאט פאר דעם קאר־ליק, האט זיך געפיהלט הילפלאז און מאכטלאז געגען יאפאן און געמוזט פאר־שווייגען יאפאנס ציניש אפעטיטען פון איר, געמוזט פארשווייגען די יאפאנישע פראוואקאציעס וואס זיינען פשוט געווען אומדערטרעגליך.

פון וואנען נעהמט זיך די דאזיקע מורא? פארוואס האבען געשוויגען די גרויסע מלוכות? פארוואס האבען זיי זיך באצויגען צו דעם יאפאנישען רויבער־שען טהאט אין מאנדזשוריע מיט גלייכגילטיגקייט? פארוואס האבען זיי זיך נאר באנוגענט מיט דעקלאראציעס און ווארנונגען? וואו איז געווען די פעלקער ליגע? . . .

לויט׳ן סטאטוס פון דער פעלקער ליגע דארף מען אין אזעלכע פאלען אנגע־מען סאנקציעס. עס איז זיכער אז ווען די גרויסע מאכט פון דער ליגע און די פאר־אייניגטע שטאאטען וואלטען אין 1931 גלייך געווען אנגעווענדעט שטרענגע עקא־נאמישע, פינאנציעלע סאנקציעס וואלט יאפאן געווען געצוואונגען אפצוטרעטען

דערפאר ווייל איהר לאגע איז דעמאָלט געווען א שרעקליך קריטישע. אין לאנד האָבען געברויזט מיליאָנען ארבייטסלאָזע; אין די דערפער האָט געהערשט צווישען די פויערים נויט און הונגער. די פויערים האָבען זיך געבונטעוועט. אין יעדען מאָ־מענט האָט געקענט אויסברעכען א רעוואָלוציע געגען דער רעגירונג. יאפאן וואָלט זיך דאמאָלסט געווען דערשראָקען ווען זי זעהט די ליגע נעהמט זיך צו איהר. האָט די פעלקער ליגע אזוי געטאָן? האָט זי אויסגענוצט דעם גינסטיגען מאָמענט צו שטערען יאפאנס דעראָבערישע עקספאנסיע? האָבען איהרע מיטגלידער כאָטש איינמאָל געהאט דעם מוט ארויסצוטרעטען געגען יאפאן? — ניין!

די קורצזיכטיגקייט פון זייערע פּאָליטישע בליקען האָט געפיהרט צו דעם וואָס קומט היינט פאָר. זיי האָבען עס געגעבען די געלעגנהייט יאפאן זאָל זיך פאר די פינף־זעקס יאָהר צוגרייטען צו איהר אגרעסיע אין כינע און קאָנען צו־ריקשליידערען די אטאקעס פון די „ווייסע”.

יאפאן האָט זיך מיליטעריש צוגעגרייט צו פארפיהרען א וועלט קריג אויב עס וועט נויטיג זיין. איהר פּלאָט איז היינט דער בעסטער אין דער וועלט, לויט די לעצטע דערגרייכונגען און ערפארונגען פון וויסענשאפטליכער טעכניק.

זי קאָן זיך איצטער פארמעסטען געגען אמעריקאנעם פלאָט און האָט שאנסען צו זיעגען. עס איז איהר געלונגען צו שאפען אין די לעצטע עטליכע יאָר א מערק־ווירדיגע אוויאציע וועלכע קאָן אפילו קאָנקורירען מיט דער סאָוועטישער, און האָט אן ארמיי פון צוויי מיליאָן גוט דיסציפּלינירטע מענשען, וועלכע ווערען באהערשט פון אזא פאטריאָטיזם וואָס איז אונז איינגאנצען אומבאקאנט. זי קאָן דעריבער היינט צו טאָג אָפּשליסען כינע פון גאָר דער וועלט און טאָן דאָרט וואָס זי וויל אומגעשטערט. זי גרייט זיך צו דער דאָזיגער אקציע, אויב מען וועט איהר באצייטענס ניט שטערען וועט זי עס דערפאָלגרייך דורכפיהרען און עס וועט זיין פארפאלען.

מאנדזשוריע איז געוואָרען א מיליטאריסטישער לאגער. עס זיינען דאָרט אויסגעבויט געוואָרען ריזיגע קאזארמעס פאר טויזענטער סאָלדאטען; אין אלע וויכטיגע סטראטעגישע פונקטען איז אויפגעבויט געוואָרען שפּיטאָלען, עס איז דאָרט געשאפען געוואָרען קאָלאָסאלע עראָדראָמען. מאנדזשוריע ווערט צוגעגרייט אויף אזא אופן אז יאפאן זאָל קענען אָנפאלען אויף דעם סאָוועטען פארבאנד ווען נאָר עס וועט זיך איהר פארגלוסטען.

פארשטעהט זיך אז אויך אנדערע פאראינטערעסירטע מלוכות האָבען זיך צוגעגרייט אין פאל פון א מלחמה צו קענען שטעלען א ווידערשטאנד די יאפּא־נעזער. דער סאָוועטען פארבאנד האָט געטאָן וואָס נאָר עס איז געווען אין זיינע מעגליכקייטען זיך צו פארטיידיגען געגען יאפאן. די סאָוועט רעגירונג האָט זיך גענומען צו באפעסטיגען די רוסישע גרעניצען אין פרימאריע אמור און זאבאקאי־ליע. זי האָט דאָרט געשאפען וויכטיגע פעסטונגען, און אן ארמיי פון איבער צוויי הונדערט טויזענט סאָלדאטען זוי צו היטען. אין די וויכטיגסטע סטראטעגישע פונקטען זיינען איינגעאָרדענט געוואָרען עראָדראָמען, וואו הונדערטער מעכטיגע עראָפּלאנען זיינען גרייט אָפּצושלאָגען די אטאקעס פון שונא.

עס איז געשאפען געווארען א שטארקער מיליטערישער פלאט אין וולאדי־וואסטאק; צעהנדליגע סובמארינען היטען אפ די ים ברעגען, און אין יענע וויל־דע געגענטען אויסגעלייגט אייזענבאהן ליניעס אזוי אז יאפאן זאל ניט קענען אפ־שניידען די סאוועטישע ארמיי פון וויטען מזרח.

יאפאן האלט אין איין טראכטען ווי אזוי אפצושטויסען אמעריקע פון כינע. זי וויל אפשליסען דעם וועג פון אמעריקע צו סאוועט רוסלאנד כדי זיי זאלען זיך ניט קענען שטעלען געגען איהר. אזוי ווי זי וויים אז אלאסקא און די אלעאוטישע אינזלען זיינען זעהר נאהענט צום אמור געביט, אז דורך יענעם וועג קאן די אמעריקאנער פלאטע צוזאמען מיט דער רוסישער צו קומען צום וויטען מזרח און איר שטערען אין דורכפיהרען איהרע פלענער האט זי זיך גענומען באפעסטי־גען יענע געגענטען און פארכאפען פארשיידענע אינזלען אויפ'ן וועג צווישען אלאסקא און אמור געביט.

די פעלקער ליגע האט געגעבען יאפאן א מאנדאט אויף א מאסע אינזלען וועלכע געפינען זיך אויף דעם פאסיפישען ים צווישען דער פיליפינישער און דער האוואאישער גרופע אופן תנאי זי זאל זיי ניט באפעסטיגען מיליטעריש. יאפאן האט זיך אבער ווייניג גערעכענט מיט פאפירען און רעכט און אומעטום — אויף די מאריאנישע, קאראלינישע און באניעסקע אינזלען — געשאפען מיליטערישע באזעס אום צו קענען אפשניידען דעם אמעריקאנעם פלאט דעם וועג קיין כינע און סאוועט רוסלאנד. זי גרייט זיך אפילו צו פארכאפען אי אלאסקא און אי די אלעאוטישע אינזלען כדי זי זאל ניט האבען קיין מיליטערישע אפאזיציע אין דעם צפונדיגען טייל פון פאסיפישען אקעאן. זי וויל אויך פארכאפען דעם בע־רינג ים, און אזוי ארום זיכערען איהר מאכט אין אזיע.

יאפאנס חוצפה האט געשטויסען אמעריקא צו ענדערען איהר פאליטיק מצד דער ראטענמאכט. די באנייאונג פון דיפלאמאטישע באציהונגען צווישען די צוויי לענדער און די אנערקענונג פון סאוועט רוסלאנד מצד אמעריקא נאכדעם ווי פאר פופצעהן יאהר איז סאוועט רוסלאנד ניט אנערקענט געווארען אלס מלוכה איז געווען אין גאר א גרויסער מאס מיט דער כוונה צו צייגען יאפאן אז די צוויי גרוים מעכטע האלטען אן אפען אויג אויף איהרע אימפעריאליסטישע צוגרייטונגען. זיי האבען געוואלט אנשרעקען דעם יאפאנישען אימפעריאליזם און איהם לאזען ווי־סען אז די צוויי מלוכות האבען געמיינשאפטליכע אינטערעסען; און זיי ביידע וועלען עס שטערען איהרע עראבערונגס פלענער פון פארכאפען דעם מזרח. די טרויעריגע ידיעות וואס זיינען אנגעקומען אין יאהר 1933 פון יאפאנס צוגרייטונגען אויפ'ן וויטען מזרח האבען געצוואונגען רוזוועלט'ן ראדיקאל צו ענדערען אמע־ריקאס טאקטיק בנוגע אינטערנאציאנאלע ענינים: צו צואיילען זיך מיט דער אפיציעלער אנערקענונג פון דעם ראטענלאנד און זיך נעהמען סטראטעגיש בא־פעסטיגען געגען שונא.

אמעריקא האט זיך באלד גענומען פארברייטערען איהרע ים באזעס אין אלאסקא, אויפגעבויט נייע איינריכטונגען אין די פארטען און צוגעגרייט די נוי־טיגע זאפאסען.

די פאראייניגטע שטאַאטען האָבען פאר די לעצטע עטליכע יאָהר ארויסגע-וויזען די ענערגישסטע טעטיגקייט אויפ'ן פאַסיפישען אָקעאַן און הויפּטזעכליך אין זיין צפון טייל.

אויך ענגלאַנד האָט פארשטאַרקט איהר פלאָט און איהר אוויאַציע. זי האָט אסיגנירט מיליאַרדען כדי איבערצובויען איהר פלאָט און צו שאַפען א מורא'דיגע אוויאַציע וואָס זאָל אלעמען אָפּשרעקען און האָט אויסגעגעבען הונדערטער מי-ליאָנען אויף צו באַפעסטיגען איהר סינגאַפורער מיליטערישער באַזע און אנדערע מקומות וואָס שטעהען אונטערן געפאַהר פון איבערפאַל מצד יאַפּאַן.

יאַפּאַן שרעקט זיך טאַקע ניט פאר די אלע אנטוויקלונגען און צוגרייטונגען. זי האַלט זיך גאַרניט צוריק פון אויספיהרען איהר מאַקסימום פּראָגראַם. מען דאַרף אָבער וויסען אז געגען די מעכטע וועט יאַפּאַן זיך ניט קענען געגענשטעלען, אפילו דייטשלאַנד זאָל געהן מיט איהר. דערצו נאָך ווען אלע דעמאָקראַטישע לענדער זאָלען ווערען פאראייניגט דאַן וועלען יאַפּאַן און היטלער דייטשלאַנד מוזען אויפגעבען זייערע פּלענער צו פארכאַפּען פרעמדע טעריטאָריע. זיי וועלען זיך מוזן אָפּזאָגען פון דער משוגעת צו וועלען ווערען אומבאַגרעניצטע הערשער אויף קאָנטינענטען און ימים.

יאַפּאַן רעכענט אז אזוי גוט ווי זי האָט ביז איצט ניט געוואוסט פון קיינע מפּלות אויפ'ן שלאַכטפעלד, וועט זי ווייטער ניט האָבען. זי געדענקט די מפּלה פון רוסלאַנד אין 1905-1904 וואָס רופט ארויס ביי די יאַפּאַנעזער א געפיהל פון מוטה, שטאָלץ און אומבאַזיגטקייט. ניט שטענדיג איז אָבער יאַריד. ווען די יאַ-פּאַנעזער וואָלטען ניט געווען באַהערשט פון אן עראָבערונגס פּסיכאָז וואָלטען זיי געדאַרפט פארשטעהן אז זייער ערפאָלג אין די יאָהרען 1905-1904 איז דעריבער געווען אזוי גרויס ווייל רוסלאַנד איז דאַן ניט געווען צוגעגרייט צו קיינע מלחמות. אויך דאָס רוסישע פאָלק איז דעמאָלט ניט געווען איינינג. רוסלאַנד האָט געפיהרט א מלחמה אין א צייט ווען ביי איהר אין לאַנד האָט זיך אָנגעהויבען אנטוויק-לען די סאָציאַלע רעוואָלוציע, ווען די רעגירונג און די מאַכט האָט פארלוירען אויטאָריטעט, ווען דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך געגרייט צו אן אינערליכער קריעג.

יאַפּאַן ליידט איצטער אויך פון א שרעקליכען קריזיס. די לאַגע פון די פּויערים און קליינבירגער איז קאַטאַסטראָפאַל. די הויכע שטייערען, די רויבערישע פּראָצענטען וואָס די פּויערים צאָהלען, האָט זיי פולשטענדיג רואינירט. מען האָט פון זיי אויסגעזויגען דעם לעצטען טראָפּען בלוט. דאָס זעלבע איז מיט'ן שטאָדטישען ארבייטער וועלכער לעבט אונטער די שרעקליכסטע באַדינגונגען און ווערט אויפ'ן נידעריגסטען אופן עקספּלואַטירט. אין לאַנד הערשט א טיפע אומ-צופרידענהייט און פארביטערטקייט וואָס דריקט זיך אויס אין סטרייקס און טעראָ-ריסטישע אַקטען. די דאָזיגע פארביטערטקייט קען זיין שעדליך פאר די יאַפּאַ-נישע מיליטאַריסטען און אינדוסטריאַליסטען, אין לאַנד ווערען פארשפּרייט צווי-שען דער מיליטערישער יוגענט פאַשיסטישע רעוואָלוציאָנערע שטימונגען, אין דער זעלבער צייט, פארשפּרייט זיך זעהר שטאַרק דער קאָמוניזם וואָס קריגט אלע מאָל מעהר אָנהענגער. ניט געקוקט אויף די גרויליכע פארפאָלגונגען פון יעדער קאָמוניסטישער טעטיגקייט, האָבען קאָמוניסטישע אידעען דורכגעדרונגען אלע

שיכטען פון דער יאפאנישער געזעלשאפט. אזוי אין מיליטער און אזוי אין גענעראל שטאב האט מען אנטדעקט קאמוניסטישע ארביי און אגיטאציע. קאמוניסטישע געדאנקען האבען אריינגעדרונגען ניט נאר צווישען די אינטעליגענטערע און אָרימערע שיכטען נאר אפילו צווישען דער אריסטאָקראטישער און אויבערשטער געזעלשאפט.

עס איז קיין צווייפעל אז אין די דאָזיגע שטימונגען ליגט באהאלטען טיעף דער פארלאנג פון א סאָציאלער רעוואָלוציע. דער באגעהר אומצואווארפען דער איצטיגער רעגירונג און אויפ'ן פלאץ אוועקשטעלען אן אנדערע, רעוואָלוציאָנערע. די סאָציאלע רעוואָלוציע אין יאפאן וועט פארקומען אויף דעם זעלבען שטייגער ווי אין רוסלאנד — דורך א מלחמה. דאס יאפאנישע פאָלק וועט ניט קאָנען אויסהאלטען אונטער די איצטיגע באדינגונגען, די קאָלאָסאלע עקאָנאָמישע אָנשטרענגונגען וואָס מען וועט פון איר פאָדערען. די מלחמה קאטאסטראָפע וועט דאריבער פירען צו אן אינערליכער קאטאסטראָפע. דאס פאָלק, איז גאנץ מעגליך, וועט אויסדרעהען די ביקס צו זיינע אמת'ע שונאים. ער וועט ענטפערען זיינע רעגירער, דער מיליטאריסטישער קליקע מיט אזא שטוים וואָס וועט צוטראָגען אויף ברעקלאך די היינטיגע יאפאנעזישע פאָליטישע און סאָציאלע אָרדנונג.

די יאפאנישע הערשענדיגע קרייזען זיינען טויב און בלינד צו די אינטערעסען פון זייער פאָלק. זיי פארנעהמען זיך מיט מיליטאריזירען, זיי טראכטען נאָר וועגען עראָבערונגס פלענער, און זיינען גלייכגילטיג צו די נויטען פון זייער נאציע. זיי וועלען אָבער שפעטער טייער באצאָהלען. זיי וועלען באצאָהלען מיט זייערע לעבענס.

* * *

דער יאפאנישער אימפעריאליזם שטיצט זיך אויף דריי דאָגמעס: א) יאפאן איז דער איינציג סטאביליזירענדער פאקטאָר אין מזרח אזיע; ב) כינע איז ניט פעהיג זעלבסטשטענדיג צו אָרגאניזירען איהר מלוכה לעבען און איהר ווירטשאפט, און דארף אָנקומען צו א רעגירונג, וואָס זאָל איבער איהר רעגירען; ג), יאפאן איז איבערבאפעלקערט, זי מוז אויסברייטערען איהרע גרעניצען וואָס זיינען אזוי איינגעשרומפען. זי מוז אויך זוכען א זיכערען מארק פאר איהרע פראָדוקטען.

מילא וועגען דער איבערבאפעלקערקייט לאָמיר זאָגען איז דאָ א גרויסער אמת. די ליזונג פון אָט דעם פראָבלעם באשטעהט אָבער דורכאוים ניט אין אויסברייטערען גרענעצען, נאָר אין שאפען נייע מערק פאר יאפאנישען האנדעל און אינדוסטריעלע שאפונגען. כדי דאָס גרינדליך צו פארשטעהן, מוז מען זיך באקענען פיעל - ווייניג מיט דער געאָגראפישער לאגע פון יאפאן.

דאָס איז אן אָרעם לאנד וואָס פארמאָגט ווייניג רוי־שטאָפען און וואָס נאָר 15 פראָצענט פון איהר שטח איז צוגעפאסט פאר לאנדווירטשאפט. אזוי ווי א העלפט פון דער יאפאנישער באפעלקערונג לעבט פון לאנדווירטשאפט הערשט דאריבער א שרעקליכער הונגער אין לאנד.

יאפאן האט גרויסע שטחים אין צפון פון דעם אינזל קאָרעאַ און אויף דעם אינזל יאצא וואס זיינען זעהר ווייניג באוואוינט, הגם זיי וואלטען געווען צוגע־פאסט פאר לאנדווירטשאפט.

דער יאפאנישער פויער קען זיך אבער אין דער צפון ניט אקלימאטיזירען. ער געהט בעסער אין דער דרום'דיגער ריכטונג צו וועלכער ער איז צוגעוואוינט. אזוי ווי דער וועג קיין דרום איז געשלאסען, ווייל ניט די אייראפייאישע קאלאניא־לע מלוכות און ניט אמעריקא ווילען האבען ביי זיך יאפאנישע אימיגראציע, האט יאפאן אנגעהויבען זוכען א וועג קיין כינע, אום צו געפינען א מארק פאר איהר עקספארט. אין אנדערע ווערטער: יאפאן האט אנגעהויבען זיך אריענטירען ניט אויף ארויספיהרען מענשען נאר אויף ארויספיהרען סחורות.

יאפאן האט נאר איין מעגליכקייט צו באצאהלען פאר די קאלאסאלע סכומים פון רוי־שטאפען, וואס זי פארמאגט ניט ביי איהר אין לאנד, און דאס איז דורך עקספארט. שטרעבט זי זיך דאריבער אן צו פארגרעסערען איהר עקספארט, פון פיש, גומי, סעלולאיד סחורות, עלעקטרישע לאמפען, ראדיא אפאראטען, ראווערען, און דאס גלייכען.

א דאנק די דאזיגע אנשטרענגונגען האט זי געענדערט דעם כאראקטער פון איהר עקספארט און איהם קאלאסאל געהעכערט. דאס געפעלט ניט די אלטע אינ־דוסטריע לענדער און זיי באקעמפען דעם יאפאנישען עקספארט. מיט דער אקציע געגען דעם אריינרייסען זיך פון יאפאנישע סחורות אויפ'ן אייראפייאיש אמערי־קאנישען מארק פיהרט אן ענגלאנד און אמעריקע. זיי בויען אויף שטארקע שוץ־ווענט געגען דעם מבול פון ביליגע יאפאנישע סחורות. דאס באדראהט די ווייטע־רע אויסלענדישע עקספאנסיע פון דער יאפאנישער אינדוסטריע. עס בלייבען פאר איהר פארמאכט אלע טויערען אויסער כינע, וואו זי האפט צו פארכאפען פאר איר געברויך; צו עקספלואטירען די כינעזישע ערד מיט איהרע רייכטימער פאר רוי־שטאף און גלייכצייטיג דארט צו שאפען א מארק פאר איהר אינדוסטריע און האנדעל.

ווי מיר האבען פריהער געזעהען, געפינט יאפאן דא די גרויסע געגנערשאפט מצד דעם סאוועטען פארבאנד, ענגלאנד און אמעריקא.

דער סאוועטען פארבאנד קאן ניט צולאזען יאפאנס העגעמאניע און דערא־בערונג צוליעב פאליטישע און סטראטעגישע מאטיוען. דאס זעלבע איז מיט ענגלאנד וועלכע ווייס גאנץ גוט וואס עס באדייט פאר איהר א יאפאנישער זיג אין כינע. און שוין אפגערעדט פון אמעריקא, וועלכע ווייס, אז אויב יאפאן וועט זיך איינגעבען ענטגילטיג צו פארכאפען דעם מאנאפאל אויף דעם כינעזישען מארק, וועט עס פאר דער אמעריקאנער ווירטשאפט זיין דער גרעסטער פארלוסט.

און איצטער צו דער צווייטער דאגמע, וועגען דעם איינציגען „סטאביליזי־רענדיגען פאקטאר", וועגען וועלכען די יאפאנישע דיפלאמאטען באנוצען זיך זעהר אפט. די כיטרע יאפאנישע פאליטיקער האבען אויסגעטראכט א ווארט צו בארעכטיגען זייערע ערא־בערונג מעשים, אבער קיינער נעמט ניט ערענסט זייער טענה פון סטאביליזאציע וואס האט ניט קיין שום באדייטונג.

יאפאן פארכאפט און דרינגט אריין אלץ טיפער אין כינע. לאזט ניט צו קיין אנדערע מאכט, זוכט צו שאפען דארט כאאס און צומישונג און ציגען דער וועלט אז מען נויטיגט זיך אין איהר הערשאפט אויפ'ן אזיאטישען קאנטינענט און, דאס הייסט סטאביליזאציע!? זי האט פארכאפט אויף א גזלנ'ישען אופן אין סעפטעמבער 1931 מאנדזשוריע, א טעריטאריע מיט א 30 מיליאן כינעזישע איינוואוינער — א פארברעכען וואס קיין אנשטענדיגע מלוכה וואלט דאס ניט געטאן, און דאס רופט זי סטאביליזאציע!

אויך זייערע רייד וועגען די כלומר'שטע סאציאל קליינער וויכטיגקייט פון די כינעזער, זייער אומפעהיגקייט צו מאדערניזירען די מלוכה און די ווירטשאפט איז ניט מעהר ווי אן אויסגעטראכטע זאך. די כינעזער זיינען טאקע אן אלטע און זעהר צוריקגעשטאנענע נאציע. זיי האבען אויך א גאנץ אנדערע מלוכה אויפפאסונג ווי די איירָאפייער. זיי זיינען בכלל ווייט פונם היינטיגען שטאנדארד פון לעבען ווי עס לעבט אן איירָאפייער אדער אן אמעריקאנער. אבער אין משך פון זייער אנטוויקלונג האבען די כינעזער זיך ארויסגעוויזען פאר פעהיג זיך צו צופאסען צו פארשיידענע רעפארמען, און פארשידענע פראגרעסיווע לעבענס באדינגונגען. עס איז דאך א פאקט אז די יאפאנעזער האבען זייער קולטור באקומען פון כינע. אויך די ערשטע לעבענס פארמען זיינען געווען לויט'ן כינעזישען מוסטער. זיי האבען איהר שפעטער צוזאמענגעמישט מיט דער מערב'דיגער ציוויליזאציע.

דאס וואס די כינעזער זיינען מעהר צוריקגעשטאנען פון די יאפאנער איז דערפאר ווייל די כינעזער האבען זיך קיינמאל ניט געוואלט מישען מיט קיין אנדערער קולטור און ניט געוואלט איבערנעמען קיין אנדערע טראדיציעס. דאגעגען די יאפאנער זיינען געווען גענוג פעהיג איבערצונעמען פרעמדע קולטורען און דערפון צו שאפען א נאציאנאלע קולטור. יאפאן האט פריהער איבערגענומען די כינעזישע קולטור, נאכהער דעם בודאיזם און שפעטער א טייל פון דער איירָאפייאישער קולטור און פון דער מאזאאיק געשאפען אן אייגענע איינהייטליכע קולטור. אינם צווייטען העלפט פון פריהערדיגען יאהרהונדערט האט יאפאן אויך איבערגענומען די פאליטישע פארמען פון איירָאפע. כינא האט ערשט אין צייט פון דער וועלט מלחמה ערוואכט און אנגעהויבען נאכטאן דעם ביישפיל פון איירָאפייאישע רעזשימען.

כינא איז געווען א לאנד פאר עקספלואטירענדע מלוכות נאך אין 19־טען יאהרהונדערט, אבער אין אנהויב פון 20־טען יאהרהונדערט האבען איהרע שכנים אפען אנגעהויבען זיך אריינרייסען און אפרייסען פון איהר טעריטאריע.

רוסלאנד האט פארכאפט צוויי קאלאסאלע פראווינצען אין מאנגאליע און אין מזרח־טורקעסטאן און זיך דערמיט באנוגענט, געשטילט דעם דורשט פון דעראבערונג. אבער יאפאן! יאפאן האלט אין איין פארכאפען און קאן זיך גארניט זעטיגען. זי באגעהט שוין אזוי א לאנגע צייט געגען כינא די ברוטאלסטע אקטען און שטעלט זיך גאר ניט צופרידען. זי טוט וואס נאר מעגלעך עס איז ניט צו דערלאזען צו קיין קאנסאלידאציע פון כינע כדי זי זאל קענען פארכאפען גאנץ כינע.

די יאפאנישע מיליטאריסטען האבען נאך ניט געמאכט קיין איינציגען שריט אין מזרח, וועלכער זאל ניט דערנעהענטערען זייער זיעג איבער כינע. די יאפאנישע אנפירענדע רעגירונגס מענשען האבען באשלאסען אז כינע מוז אונ־טער יעדען פרייז אויפהערען צו עקזיסטירען ווי אן אונאפהענגיגע מלוכה און איהר צו פארוואנדלען אין א יאפאנישע קאלאניע. דיעזער געדאנק איז ביי זיי געבוירען געווארען נאך מיט א פערציג יאהר צוריק ווען זיי האבען געוואונען דעם קריעג מיט כינע אין יאהר 1895. שפעטער איז דער דאזיגער געדאנק נאך מעהר געשטארקט געווארען. דאס איז געווען נאך זייער זיעג איבערן צפונ'דיגען ריעז — רוסלאנד, אין 1905. פון דעמאלט אן טראכטען די הערשער פון לאנד פון „דער אויפגעהענדער זון", אז זיי וועט געלינגען פריהער אדער שפעטער צו עראבערען כינע. זיי האבען דאס געפרואווט צו טאן אין יאהר 1915 ווען זיי האבען געפיהלט כינע'ס שוואכקייט און מאכטלאזיגקייט, א דאנק דעם וואס די גרויסע מלוכות זיינען געווען צופיל פארנומען מיט זיך. יאפאן איז דורכגעפאלען אין איהרע פלענער ווייל די גרויס מעכטע האבען זיך דווקא צייט גענומען איהר צו צווינגען אפצוטרעטען פון כינע.

יאפאן האט אבער ניט אויפגעגעבען. די יאפאנעזער פארמאגען אן אומ־געהייערע חוצפה און עקשנות אז זיי גיבען ניט אויף, און פארלירען ניט קיין האפנונג. אויב זיי קענען עס ניט דורכפיהרען מיט איינמאל, טראכטען זיי, וועלען זיי עס דורכפיהרען ביסלאכווייז. אזוי פארכאפען זיי פון צייט צו צייט שטי־מער טעריטאריע פון כינע. געהען אן מיטן וועג פון עראבערען, סיסטעמאטיש, ניט פארגעסענדיג זיך אויף קיין איין רגע פון זייער „גרויסען ציל" זיך אויסצו־שפרייטען אויפ'ן אזיאטישען קאנטינענט.

עס זיינען דא אויך יאפאנעזישע שטאטסלייט וועלכע שטעלען זיך ניט צו־פרידען בלויז מיט כינע אליין, זיי שטרעבען צו דער באהערשונג פון דער גאנצער וועלט. א געוועזענער פרעמיער פון יאפאן האט אמאל אין א מעמאראנדום צו דעם מיקאדא זיך אויסגעדריקט אז ער שטרעבט צו עראבערען כינע און דערנאך די גאנצע וועלט. אין דעם מעמאראנדום פון 1927 צום מיקאדא האט דער דע־מאלטדיגער פרעמיער געשריבען צווישען אנדערעס:

„נעהמענדיג אין אכט די אנטשטאנענע באדינגונגען און די מעגליכקייטען פון אונזער לאנד, וועט אונזער בעסטע פאליטיק זיין, ווען מיר וועלען זיך דער־שלאגען וואס מעהר רעכט און פריווילעגיעס אין מאנדזשוריע און מאנגאליע. אט די צוויי געביטען וועלען אונז דינען אלס א באזע מיר זאלען קענען אריינדרינגען אין גאנץ כינע... און ווי נאר מיר וועלען ווערען די באלעבאטים פון אלע כינע־זישע רעסורסען, וועלען מיר זיך נעמען עראבערען אינדיע, אלע אינזלען פון דרום אקעאן, קליין אזיע, צענטראל אזיע, און לסוף אמעריקע".

יאפאן האט פארכאפט מאנדזשוריע אין 1931. זי האט דעמאלט אויסגענוצט די צייט פון וועלט קריזיס וועלכער האט ארונטערגעריסען די כחות אפילו פון די רייכסטע מלוכות אין אייראפע און אמעריקע.

זי האט געפיהלט אז עס איז געקומען דער גינסטיגער מאמענט און זי מוז איהם אויסנוצען אין אן אוואנטוריע אויפ'ן כינעזישען פאלק. עס איז איהר ניט אנ־

געקומען אזוי לייכט דאָרט צו עטאַבלירען א רעגירונג. די אנארכיע וועלכע די יאַ־פּאַנישע אקופּאציע האָט ארויסגערופען אין גאַנצען געביט האָט געשאַפען פאַר די כינעזישע באנדיטען זעהר גינסטיגע באדינגונגען צו פארברייטערען זייער רויבע־רישער טעטיגקייט. יאפּאן האָט זיך אויך פאַר דעם ניט אָפּגעשטעלט נאָך פאַרגע־זעצט איר אָקופּאציע. פאַרכאַפּט יעהאָל און זיך געגומען אפילו צו די מזרח כינע־זישע אייזענבאהנען וועלכע איז געווען אין די הענט פון דער סאָוועטען מאַכט. די סאָוועטישע מאכט האָט אין אָנהויב געוואָלט איהר געבען איבער דער האנט און מאכען אן ענדע צו איהרע רויבערישע אפּעטיטען. דער סוף איז געווען אז סאָוועט רוסלאַנד האָט איהר נאָכגעגעבען און פארקויפט די אייזענבאהן פאר א נישטי־גע סומע צו דער רעגירונג פון מאנטשוקוא וואָס איז אין יאפּאנישע הענט.

יאפּאן האָט נאָך אַלץ ניט גערוהט, געהאַלטען אין איין פּלאַנירען צו פאַר־כאַפּען די אָפּגעשוואַכטע פאַרמוטשעטע און צעברעקעלטע כינע. אין 1935 הויבט אָן די יאפּאנישע ארמיי ארייצודרינגען אין דער פּראָווינץ טשאכאר. מיט א יאָהר שפּעטער אין כאָפּיי, טיאַנצין, און איצטער פאַרנעהמט זי זיך אויף פּעקין, שאנ־כאַי און אנדערע וויכטיגע פּראָווינצען, אזוי אז ביסלעכווייז זאָל זי פאַרכאַפּען דעם גרעסטען טייל כינע און דער קלענערער וועט שוין נאכהער פּיי ווי סיי אריינ־פאַלען אין איהרע הענט.

די גרעסטע טראַגעדיע פון יאפּאן באשטעהט אין דעם וואָס אין דער שפּיצע פון דער רעגירונג שטעהט א קליין הייפעלע אומפאַראנטוואָרטליכע קריגערישע פאַרעקשנ׳טע מענשלעך וועלכע רעכענען זיך ניט מיט דעם ווילען פון זייער פאָלק און מיט די לעבענס פון זייער נאציע. דאָרט איז דער פּאַרלאמענט ניט קיין אינסטיטוציע וואו עס ווערט פאַרהאנדעלט אינטערנאציאָנאַלע און נאציאָנאַלע פּאָליטיק, ווי עס פיהרט זיך ביי לייטישע מלוכות. די פּאָליטישע פיהרערשאַפט ליגט אין די הענט פון יחידים וועלכע קענען אין געהיים אָפּטאָן דאָס ברוטאַלסטע, דאָס שוידערליכסטע און ביי קיינעם ניט אָנפרעגען.

מיט אזעלכע מענשען איז שווער צו פאַרהאַנדלען וועגען שלום, מיט זיי קען מען ניט מאכען קיין שום בונד ווייל זיי קאָנען בינדען און אויפבינדען אין דער זעלבער צייט ניט רעכענענדיג זיך מיט קיין מאָראַלע געזעצען. ביי זיי איז קאָנ־סטיטוציע ניט מעהר ווי א שטיקעל פּאַפּיר און זיי פיהרען דאָס לאַנד לויט דער ניט געשריבענער קאָנסטיטוציע וואָס גיט זיי פולמאַכט צו האַנדלען ווי זיי **גלוסט זיך.**

אינטערעסאַנט איז אויך אז ניט קוקענדיג אויף יאפּאַנס פּראָגרעס און ראַ־ציאָנאַליזם אין טעכניק, הערשט נאָך אין לאַנד אן אזיאַטישע פינסטערניש, און דאָס לאַנד איז איינגעטונקט מיט ברוטאַליטעט און מערדעריי. יאפּאן איז א לאַנד וואו עס קומען פאָר די מערסטע פּאָליטישע מאָרדען. כאַראַקירי (זעלבסטמאָרד דורך אויפשניידען זיך מיט א מעסער דעם בויך) איז נאָך דאָרט א גאַנגבאַרע זאַך, און געהיימע געזעלשאַפטען פון „שוואַרצע דראַקאָנען" געפינען זיך איבערן גאַנצען לאַנד. די הויפּט מאַכט אין לאַנד האָט דער קעניג, „דער זון פון הימעל" און די גענעראַלען וועלכע קאָנען צו יעדער צייט ארוים אין קריעג אָדער אָפּשטעֽ־לען א קריעג.

מיט אזא לאַנד קען מען צו קיין פאַרשטענדיגונג ניט קומען. אין אזא לאַנד קאָן קיין רייד ניט זיין וועגן רוה, אָרדנונג, יושר, קאָמפּראָמיס און אָפּמאַכען.

דער איינציגער וועג צו ראַטעווען כינע איז דורך א פאַראייניגונג פון די גרויסע מלוכות, וועלכע זאָלען איר שטעלען א ווידערשטאַנד.

* * *

האָבען שוין אַלטע מלוכה לייט אין פריהערדיגען יאָהרהונדערט אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון דער אזיאַטישער פּאָליטיק, פאַר דעם גורל פון דער וועלט. „ווער עס פאַרשטייט כינע", האָט אן ענגלישער שטאַטסמאַן אמאָל געזאָגט, „דער האַלט דעם שליסעל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק". דער באַרימטער בריטישער שטאַטסמאַן דזשאָרדזש נ. קערזאָן האָט נאָך מיט א פופציג יאָר צוריק אָנגעוויזען, אז „דער גורל פון גרויס בריטאַניע וועט ווערען אנטשידען ניט אין אייראָפּע, נאָר אין אזיע".

דאָס וואָס עס קומט פאָר אין מזרח-אזיע האָט אן אומגעהויערע באַדייטונג פאַר די ווייטערדיגע אנטוויקלונגען פון די אייראָפּייאישע מלוכות. אויב עס וועט געלינגען יאַפּאַן צו ווערען דער בעל הבית איבער'ן מערב טייל פון פּאַציפישען ים, וועט זי באַזייטיגען די אנגלאָ־סאַקסישע העגעמאָניע אויפ'ן ים—די ענגלישע און פאַראייניגטע שטאַאטען הערשאַפט וועט ווערען געשטעלט אונטער א פראַגעצייכען. דאָס וועט אויך מיינען יאַפּאַנ'ס נצחון איבער רוסלאַנד, וועלכע וועט ווערען ארויסגעשטופּט פון מזרח.

נאָך דער וועלט מלחמה וואָס האָט געשטאַרקט די פּאָליטישע אַספּיראַציעס פון יאַפּאַן, האָט יאַפּאַן פּראָקלאַמירט איר ציל:—יאַפּאַנישער פּראָטעקטאָראַט איבער כינע און פּאָליטישע העגעמאָניע איבער גאַנץ אזיע. אזוי ווי זי קען דאָס ניט דורכפירען מיט איין מאָל, טוט זי עס אויף אן אויסגערעכנעטען לאַנגזאַמען וועג. זייט סעפּטעמבער, 1931, בעת יאַפּאַן האָט איינגענומען מאַנדזשוריע, ציהט זיך אן אומאונטערבראָכענע קייט פון פּאָליטישע און מיליטערישע אַקציעס, וואָס האָבען אַלע איין ציל: ארייננצונעמען גאַנץ כינע אין דער יאַפּאַנישער מאַכטספּערע.

כדי דאָס צו דערגרייכען שטרענגט זיך יאַפּאַן אָן א תל צו מאַכען פון דער נאַנקינער צענטראַל רעגירונג. ווייל זי ווייס אז א שטאַרקע צענטראַל מאַכט וואָלט געקענט ליקווידירען אַלע אירע פּלענער און שטערען איר אויסשפּרייטונג. זי האָט זיך דעריבער גענומען מיט'ן שנעלסטען טעמפּאָ, צו פּאַראַליזירען דער רעגירונג פון מאַרשאַל טשיאַנג קאי שעק און פאַרניכטען דעם נאַציאָנאַלען צענטער, וואָס שטייט איר אין וועג.

יאַפּאַנ'ס מעשים אין כינע זיינען ניט קיין אימפּראָוויזירטע נאָר שוין פון פריהער געפּלאַנטע צו שאַפען פון צפון כינע א גוואַלדיגע סטראַטעגישע און קריעגס ווירטשאַפטליכע באַזע, און גלייכצייטיג אונטערוואַרפען דאָס איבעריגע כינע אונטער'ן יאַפּאַנעזישען איינפלוס. אויב דער דאָזיגער פּלאַן זאָל געלינגען—און מען זעהט ניט ווער עס זאָל איר אין דעם שטערען—טאָ באַקומט יאַפּאַן צום ערשטען מאָל אין איר געשיכטע א גינסטיגע שטעלונג סיי געגען איר קאָנטינענטאַלען שונא, רוסלאַנד, סיי געגען אירע עקאָנאָמישע קאָנקורענטען, גרויס ברי-

טאַניע און די פאַראייניגטע שטאַטען, ווארום אין צפון כינע באַקומט יאפאן א גוואַלטיגע הינטערלאַנד פון אלע רוי שטאָפען וואָס פעלען איר.

יאפאַנ'ס חוצפה נעמט זיך אויך דערפון, וואָס זי ווייס אז הינטער איר שטייען די פאַשיסטישע לענדער וועלכע שטיצען איר און אירע אוזורפּאַטאָריש־רויבערישע פּלענער. יאפאן קען נאָר געשטירצט ווערען דורך אן עקאָנאָמישען באָיקאָט מצד די אנגלאָ־סאַקסישע לענדער. נאָר דורך באָיקאָט קען אָפּגעשטעלט ווערען די יאפּאַנעזישע רויבערישע אפעטיטען. עקאָנאָמישע סאַנקציעס געגען דעם באַרבאַרישען מיליטאַריזם וואָלט געמאַכט אן ענדע צו אירע עקספּאַנסיעס פשוט דערפאַר, ווייל יאפאן קען ניט עקזיסטירען אויף קיין איין רגע אָן איר עקספּאָרט קיין אויסלאַנד...

יאפאן געהערט צו די אינגסטע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות. מיט 50 יאָר צוריק איז יאפאן געווען א פּרימיטיוו־פעאָדאַלע מלוכה, וואו עס זיינען ניט געווען קיין פאַבריקען, וואו עס האָבען געהערשט אַרכאַאישע לעבענס באַדינגונגען. די ערד האָט געהערט צו א פּאָר הונדערט פעאָדאַלען, מיט דער קעניגלאַכער פאַמיליע בראָש. אין 1868 איז פּאָרגעקומען אין יאפאן די אזוי גערופענע מעידזשי־איבערקערעניש. די נייע רעגירונג האָט אָנגעהויבען בויען פאַבריקען, שטעט, געבען גרויסע סובסידיעס פּריוואַט אונטערנעמער, כדי זיי זאָלען פאַנאַנדערבויען די אינדוסטריע און ניט דערלאָזען, אז דער אויסלענדישער קאַפּיטאַל זאָל זיך באַזעצען אין יאפאן.

די קאַפּיטאַליסטישע אנטוויקלונגען זיינען צוגעגאַנגען אין יאפאן מיט א שטורמישען טעמפּאָ. די אלע צווישען־פּאַזען פון קאַפּיטאַליזם, וואָס האָבען אין אנדערע לענדער געדויערט צענדליגער יאָרען, האָט מען אין יאפאן אריבערגע־היפּערט. א סך האָט מיטגעהאָלפען צו דער קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג די וועלט מלחמה, וועלכע האָט אויף א רייע יאָרען אָפּגעשטעלט די קאָנקורענץ פון די אלטע אייראָפּייאישע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אין אזיע און מיטגעהאָלפען אז אין יאפאן זאָלען זיך קענען אנטוויקלען א גאַנצע רייע פון אינדוסטריע־צווייגען, וועלכע האָבען הויפּטזעכליך געאַרבייט אויף עקספּאָרט.

אין 1914 האָט יאפאן פאַרמאָגט בלויז 948 טויזענט פאַבריק אַרבייטער, אין יאָר 1919 — שוין א מיליאָן 612 טויזענט. אין 1914 האָט דער ווערט פון דער יאפּאַנעזישער אינדוסטריע פּראָדוקציע אָנגעטראָפען 1.4 מיליאַרד, אין 1919 — שוין כמעט 7 מיליאַרד יען. אין 1914 האָט מען אין דער אינדוסטריע אינוועס־טירט א פערטעל מיליאַרד יען, און אין 1920 שוין איבער 5 מיליאַרד.

די גאַנצע יאפּאַנעזישע אינדוסטריע שטייט אין די הענט פון 4 משפּחות: מיטסואי, מיטסובישי, סאַטסומא און סומיטאָמאַ. די דאָזיגע פיר משפּחות קאָנצענטרירען אין זייערע הענט 50 פּראָצענט פון אלע באַנק־קאַפּיטאַלען, 75 פּראָצענט פון אלע אקציעס און 25 פּראָצענט פון אלע אַסעקוראַציע געזעלשאַפטען. זיי קאָנטראָלירען א קאַפּיטאַל פון איבער 13 מיליאַרד יען. עס געהערען צו זיי איבער 300 געזעלשאַפטען מיט א קאָלאָסאַלער צאָל פאַבריקען און אונטערנעמונגען.

ווי מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, טראָגט די יאפּאנעזישע אינדוסטריע אַן אויסגעשפּראָכענעם עקספּאָרט־כאראקטער. 50 פּראָצענט פון דער גאנצער טעקס־טיל פּראָדוקציע ווערט עקספּאָרטירט. 75 פּראָצענט פון זיידען־שטאָף ווערט עקס־פּאָרטירט. די דאָזיגע צוויי ארטיקלען באטרעפען צוזאמען 50 פּראָצענט פון דעם גאנצען יאפּאנעזישען עקספּאָרט. אָבער אויך אין א גאנצער ריע אנדערע אינ־דוסטריעס ווי שפּילצייגען פאר קינדער, שוועבעלעך, הוטען, טיי, רייז, און אנדע־רע ביליגע פארברויך מאטעריאלען באטרעפט דער עקספּאָרט ביי 50 פּראָצענט פון דער פּראָדוקציע. דער יסוד פון דער יאפּאנעזישער אינדוסטריעלער פּראָדוק־ציע.

ווי אזוי האָט דער יונגער יאפּאנעזישער קאפּיטאַליזם באוויזען אזוי צו פאר־כאפּען די וועלט מערק?

צוויי סיבות האָבען דאָס גורם געווען: ערשטענס, די דעוואַלואציע פון יאפּא־נעזישען יען איבער 60 פּראָצענט בעת אלע אנדערע וואלוטעס זיינען נאָר דעוואַ־לואירט געוואָרען אויף 40 פּראָצענט. צווייטענס, די ביליגע ארבייטער קראַפט. די עקספּלואטאציע פון יאפּאנעזישען ארבייטער איז א שרעקליכע: הונגער־לוינען, 14-16 שטונדיגע ארבייטס טאָג, קיין שום סאָציאַלע שוץ, קינדער־ארבייט און שווי־דערהאַפט־באצאָלטע פרויען ארבייט.

דעריבער זאָגען מיר, אז דער איינציגער וועג אָפּצושטעלען די יאפּאנישע מי־ליטאריסטישע עקספּאנסיעס קען נאָר געמאָלט זיין דורך א באָיקאָט געגען דער יאפּאנעזישער פארפלייצונג פון אינדוסטריעלע פּראָדוקציעס. דאָס וואָלט גע־פירט צו א ווירטשאפטליכער קאטאסטראָפע אין לאנד, צו א געזעלשאפטליכען קריזיס, צו ארבייטער אומרוהען און צו א בירגער קריג אין דעם אויפגעשרויפטען ברויזענדען יאפּאן.

קאַפּיטעל 16

דער פריי שטאָט דאנציג

א היסטאָריש־פּאָליטישער איבערבליק

אויף די ברעגען פונ׳ם באַלטישען ים, אין דער לענג פון ארום זעכצעהן קי־לאָמעטער געפינט זיך די טעריטאָריע וואָס מיר רופן דאנציג. די שטאָט דאנציג איז אין די לעצטע צייטען געוואָרען איינע פון די גרעסטע באַלטישע פּאָרטען. ביים דאנציגער האָפען קומען פאַר די גרעסטע האנדעלס פּאַרקערען צווי־שען מזרח און מערב איירָאָפּע.

שטאַמענדיג פון א סלאַווישער ראַסע האָבען די מענשען פון דאנציג מיט הונדערטער יאָרען צוריק זיך אָנגעהויבען חבר׳ן מיט פּוילען. די מענשען פון אַמ דער קליינער, אָבער וויכטיגער טעריטאָריע האָבען זיך געפיהלט נאָענט צו זייערע שכנים די פּאָליאַקען וועלכע שטאַמען פון איין פאַמיליע פון דעם זעלביגען סלאַ־ווישען יחוס. די פאַמיליע אָפּשטאַמונג איז געווען איינע פון די פיעלע אורזאַכען וואָס האָבען געבראַכט דערצו אז די צוויי שכנים זאָלען שטעהן אין נאָהענטען קאָנטאַקט און פריינדליכסטע באַציהונגען.

די פּוילישע דינאַסטיע פון פּיאַסט וואָס האָט פאַראייניגט אלע פּוילישע פּראָ־ווינצען האָט געשאָנקען פיעל אויפמערקזאַמקייט צו אָט דער טעריטאָריע ביים באַלטישען ים. די פּיאַסטען האָבען געזוכט מיטלען צו געווינען דאנציג. ביים סוף פון צעהנטען יאָהרהונדערט איז דאנציג שוין געווען אונטער דעם דירעקטען איינפלוס פון איינעם פון די באַוואוסטע פּוילישע קעניגע באָלעסלאַוו דער גרוי־סער אָדער ווי מען האָט אים גערופען באָלעסלאַוו כּראָברי. פון דאַמאָלט אָן האָט פּויליש בלוט אָנגעהויבען אריינפליסען צווישען די געוועזענע פיש כאַפּער. דאנציג איז געוואָרען א פּוילישע פּראָווינץ און געעפענט א מארק פאר פּוילישע פּראָדוק־טען. דורך דאנציג האָט פּוילען אימפּאָרטירט און עקספּאָרטירט פון און צו פאַר־שיידענע לענדער. פּוילען אלס אַן אגריקולטורעל פאָלק, א פאָלק פון פּעאָדאַלען האָט זיך גענוויטיגט אין דאנציג וואָס איז ביסלאַכווייז געוואָרען א צענטער פאר׳ן איי־ראָפּיאישען האנדעל. דאנציג איז ביז׳ן אַכצעטען יאָהרהונדערט געווען דער עקאָ־נאָמישער גוף צו פּוילען.

די איינוואוינער פון דאנציג זיינען געווען צופרידען פון פּוילען. זיי האָבען זיך געפיהלט באַקוועם אונטער דער פּוילישער הערשאַפט. זיי האָבען ניט געהאַט קיינע אורזאַכען פּאַרוואָס צו האַסען פּוילען. זיי האָבען גענאָסען פון אלע פרייהיי־טען, זיי זיינען געווען פרייע בירגער, פּוילען האָט זיי ניט איגנאָרירט. פּוילען האָט געוואָלט האָבען דעם פּראָווינץ, זי האָט אירע איינוואוינער געהאלטען ווי

אייגענע מענשען און דערפאַר זיינען זיי צופרידען געווען צו זיין אונטער דער פוילישער פאַנסטשיזנע (פריצים־הערשאַפט).

ניט מער ווי איין־איינציג מאָל איז צו פאַרצייכענען א ביטערען קאָנפליקט צווישען דאַנציג און פוילען. דער קאָנפליקט מיט דעם פוילישען קעניג סטעפאַן באַטאָרי (1577־1586) וועמענס וואהלען זיינען דורך אָן ערפאָלג און דאַנציג האָט זיך אָפּגעזונדערט אין א באַזונדערען שטאַאט געזיכערט צו זיין געגען וועל־כע עס בירגערליכע אָדער אויסערליכע קריג. דאַנציג האָט אָבער נאכהער ארויס־געוויזען איר לאָיאַליטעט צו פוילען. נאָך די צאַנקערייען צווישען סטעפאַן באַ־טאָרי און די פריצים האָט דאַנציג זיך צוריק אָנגעשלאָסען אין פוילען.

איז דעריבער פאַלש די באהויפּטונג אז דער דאָזיגער קאָנפליקט צווישען סטעפאַן באַטאָרי און דאַנציג זאָל געווען האָבען א ווירקונג אויף דער דאַנציגער באַפעלקערונג צו טראָגען א האַס אויף פוילען און אז זיי זאָלען געווען זוכען הילף ביי פריסען און מיט זייער אייגענעם ווילען ווערען א פּראָווינץ פון פריי־סען. דאָס איז נאָר א השערה. א היפּאָטעזע וואָס די געשיכטע האָט עס ניט באַ־וויזען. אין געגענטייל דאַנציג איז נאָך דעם קאָנפליקט ווידער טריי געבליבען צו פוילען. מעגליך איז אָבער יאָ אז די אינערליכע רייבונגען אין פוילען צווישען פאָלק און קעניג האָבען געבראַכט דערצו אז די טעאָוטאָנער זאָלען האָבען די מעגליכקייט צו פאַרכאַפּען די שטאָט דאַנציג אין צייט ווען פוילען איז געווען פאַרנומען מיט איהרע אינערליכע צאַנקערייען.

* * *

דער אָנפאַנג פונ׳ם פערצענטען יאָהרהונדערט האָט געבראַכט אָן ענדערונג אין דעם לעבען פון די דאַנציגער. זיי האָבען צום ערשטען מאָל דערזעהן דער טעאָוטאָנישער פויסט. דאָס האָט געמאכט א טיפען איינדרוק אויף די פּרימיטיווע אייגאַוווינער ביים באַלטיק. זיי האָבען זיך אָנגעהויבען פיהלען אונזיכער און האָבען אָנגעהויבען ציטערען פאַר די פרעמדע טעראָריסטען און לוויערער. אין יאָהר 1308 איז דאַנציג פאַרנומען געוואָרען פון ווילדען „טעאָוטאָנישען אָרדער" די דאַנציגער וועלכער האָבען זיך געפונען דערנידערט און דערשלאָגען האָבען זיך געמוזט אונטערגעבען אונטער דער טעאָוטאָנישער מאַכט צו זיין אונטערטעניג צו דעם פריסישען ציטאַדעל. די דאַנציגער זיינען פאַרשקלאַפט געוואָרען און אונ־טערדריקט געוואָרען. זיי האָבען דאַן צום ערשטען מאָל אָנגעהויבען פיהלען די שווערע לאַסט פון די נייע בעלי בתים וועלכע האָבען צעשטערט און רואינירט דאָס אינווייניגסטע פּאָליטישע און סאָציאַלע לעבען.

עס איז ממילא ניט קיין וואונדער וואָס די דאָזיגע שלום׳דיגע איינוואוינער האָבען אין געהיים געזוכט מיטלען ווי אזוי פּטור צו ווערען פון די פרעמדע ניט געוואונטשענע געסט. דאָס דאָזיגע פאָלק האָט מיט גרויס פאַראַד און צופרי־דענהייט אויפגענומען דעם פוילישען קעניג וולאַדיסלאַוו יאַגיעליאַן ווען ער האָט מנצח געווען די טעאָוטאָנער. דאַנציג האָט אויך ניט געקאַרגט צו העלפען פוילען אין איר קריג מיט דעם „טעאָוטאָנישען אָרדער", זי האָט איר געשטיצט סיי מיט געלט און סיי מיט בלוט ביז עס איז זיי געלונגען צו באַזיגען די טעאָוטאָנער.

אין יאָהר 1447 האָט טריאומפירענדיג מארשירט דער בארימטער פוילישער קעניג קאזשימיעזש אויף די דאנציגער גאסען. מיט גרויס פּאראד האָט מען אים דאָרט אויפגענומען. אלס פריינדליכען אויסדרוק האָט מען אוועקגעשטעלט פון אים צוויי גרויסע סטאטועז וואָס זיינען אן אָנדענק פון פריינדשאפט צו דער פוילישער רעגירונג. דאנציג האָט איצטער נאָך הונדערט און פופציג יאָר זייענדיג געבינדען פון די טעאוטאנער אביסעל פרייער אָפּגעאָטעמט. זי האָט ווידער באקומען איר זעלבסטשטענדיגקייט און פרייהייט וואָס האָט אָנגעהאלטען כמעט דריי הונדערט און פופציג יאָהר. דער פריינדליכער אָפּמאך צווישען פוילען און דאנציג וואָס איז פאָרגעקומען אין דער שטאָט טאָרון (1466) האָט צופרידענגעשטעלט ביידע סלאָוואקישע לענדער. דאנציג איז געוואָרען א זעלבסטשטענדיגער פריי שטאָט אָבער גלייכצייטיג האָט זי אויך געגעבען צו פוילען די פריווילעגיע זיך צו באנוצען מיט איהר וואסער רייכטום — מיט דעם דאנציגער פּאָרט.

אינ׳ם אכצענטען יאָהרהונדערט האָבען וויטער די בייז־ווינטען אָנגעהויבען בלאָזען. א ריזיגער און מער שעדליכער שטורם האָט זיך אויפגעהויבען איבער דאנציג. דער דאָזיגער שלעכטער שטורם האָט דערפירט צו דעם גרעסטען זיג פון אירע אוזירפּאטאָרען. דאָס מאָדערנע פּרייסען וואָס איז געווען פיל שטארקער און מעכטיגער פון דעם אמאָליגען „טעאוטאנישען אָרדער" האָט זיך פארלייגט צו פארכאפּען די דאָזיגע טעריטאָריע ביים באלטיק.

די האָהענצאָלערנס, פאָרענדיג צו זייער קרוין־שטאָט קעניגסבערג וואו עס זיינען פאָרגעקומען די קאָראָנאציע צערעמאָניעס זיינען פארבייגעפאָרען דאנציג, און גאָר אָפּט דאָרטען פארבליבען אויף אייניגע טעג. זייענדיג דאָרט האָבען זיי אויך אויסגענוצט די געלעגנהייט צו שאפען זיך פריינד און אָנהענגער, זיי זאָלען נושא־חן זיין ביי דער באפעלקערונג. דער דעספּאָטישער קעניג פרידריך דער גרויסער האָט פיר מאָל באזוכט די שטאָט דאנציג דאָס ערשטע מאָל ווען ער איז געפאָרען איבערנעמען דעם קעניגליכען טראָן אין קעניגסבערג און אויך שפּעטער האָט ער געמאכט ספּעציעלע עקסקורסיעס קיין דאנציג אין די יאָהרען 1735—40—53. ער איז געווען א שעדליכער גאסט פאר אָט דער שטאָט. דורך דער צייט פון זיינע וויזיטען האָט ער ניט נאָר שפּיאָנירט און אויסגעפאָרשט דאָס לעבען פון דער שטאָט, ער האָט אויך אויגעארבייט פּלענער ווי אזוי צו פארכאפּען דעם דאָזיגען וויכטיגען האפען.

אויף דער זיצונג פון די דריי גרויס מעכטע רוסלאנד, פּרייסען, עסטרייך, ווען מען האָט פאָרגעלייגט דעם אָפּמאך פון דער ערשטער צוטיילונג פון פוילען (1772) האָט דער פּרייסישער קעניג זיך איינגעשפּארט מען זאָל אים אוועקגעבען דאנציג. ער האָט פאָרגעלייגט זיין דעקלאראציע אריינצורעכענען דאנציג און אומגעגענד צו פּרייסען. זיין פארלאנג איז ניט ערפילט געוואָרען. דאָס האָט אָבער נאָך אלץ ניט אוועקגענומען זיין אַפּעטיט צו דער שטאָט. אויב ניט מיט גוטען האָט ער זיך געטראכט וועט ער עס טאָן מיט בייזען, און ער האָט מיט מאכט פארכאפּט די שטאָט. אין סעפּטעמבער 1772 איז שוין דאנציג געווען א פּרייסישער פּראָווינץ. פרידריך דער גרויסער האָט דאן אויסגענוצט זיין גאנצער ברו־

טאַלישקייט אויף צו פאַרכאַפּן די שטאָט. יאַאַנאַ שאָפּענהויער די מוטער פון דעם באַרימטן פילאָזאָף שאָפּענהויער, אַליין אַ שרייבערין שילדערט אָט דעם טאָג וואָס דאַנציג איז באַזיגט געוואָרן: „ווי אַ בלוטזויגער איז דער פּרייסישער קעניג אַרויפגעפאַלן אויף מיין אומצופרידענער שטאָט בינדענדיג און רואיני־רענדיג איהר. ער האָט אונטערגעזויגען איהר גאַנצען לעבענס־בוים...*) אונ־טער די הענט פון די דייטשע דעספּאָטען האָט דאַנציג פאַרלוירען איר זעלבסט־שטענדיגקייט. זי האָט געמוזט זיין אונטערגעוואָרפען דער אייזערנער הערשאַפט פון פּרייסען וואָס האָט איהר ניט געלאָזט אויפהויבען דעם קאָפּ.

מיט דעם האָט זיך אָבער נאָך ניט געענדיגט די געשיכטע פון דאַנציג, אַ נייער פענאָמען האָט זיך באַוויזען, און אומגעריכטע הילף איז ווידער געקומען אויף די מענשען פון דאַנציג.

עס איז געווען די צייט ווען נאַפּאָלעאָן האָט געפירט זיינע מלחמות מיט פּרייסען. נאָך זיין גרויסען זיעג איבער פּרייסען ביי יענאַ איז ער געקומען קיין פּוילען צוריקצונעמען וואַרשאַ פון די דייטשע פיינט. קומענדיג קיין מזרח אײ־ראָפּאַ ווערט ער ספּעציעל פאַראינטערעסירט אין דער לאַגע פון דאַנציג. ער שאַפט אַ פאַראייניגטען פראָנט פון פראַנצויזיש־פּויליש מיליטער און מאַרשירט אויף דאַנציג. זיי זיינען געגאַנגען איינצונעמען אָדער באַפרייען די שטאָט פון די דייט־טשען. נאַפּאָלעאָן אין זיין קאַריערע פון איינצונעמען דעם צענטער פון אייראָפּאַ האָט דאָ אָנגעווענדעט אַלע זיינע כחות צו געווינען די שטאָט. אין יאָהר 1806 האָט דאָס פראַנצויזישע פּויליש מיליטער באַקעמפט די דייטשען און דאַנציג איז גע־וואָרען אַ פרייעשטאָט. מיט גרויס דאַנקבאַרקייט, מיט הילכיגע אַפּלאָדיסמענטען פון „לאַנג לעבען דעם גרויסען נאַפּאָלעאָן" ווערט נאַפּאָלעאָן באַגריסט פון דער שטאָט. דער אַזוי גערופענער פריי שטאָט האָט אין אים דערזעהן אַ דערלייזער און אַרויסהעלפער פון די אָרימע אונטערדריקטע פעלקער. דאַנציג האָט דערפילט איר ווידערגעבורט. מיט אַ יאָר שפּעטער איז אויף דעם קאָנגרעס אין טילזיט באַנייט געוואָרען דער אַמאָליגער אָפּמאַך צווישען פּוילען און דאַנציג. די צוויי סלאַוואַ־קישע ראַסען האָבען ווידער אָנגעהויבען זייערע פריינדליכע באַציהונגען.

עס האָט אַזוי לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. די טראַגישע עפּאָכע האָט זיך אָנגע־הויבען. דער גורל פון׳ם דאַנציגער פאָלק איז וואָס אַמאָל געוואָרען ערגער. ביז זי האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירען אַלס אַ זעלבסטשטענדיגע מלוכה.

אין יאַנואַר 1813 האָט רוסלאַנד געפיהרט מלחמה מיט פּרייסען דאָס רוסי־שע מיליטער האָט פאַרכאַפּט די שטאָט קעניגסבערג. געפינענדיג זיך שוין ניט וויט פון דאַנציג האָבען זיי שוין אויך אַריינמאַרשירט קיין דאַנציג. דאַנציג איז אַזוי אַרום געבליבען פאַר אַ קורצע צייט אַ רוסישע קאָלאָניע. דאָס פּויליש־פראַנצוי־זישע מיליטער האָט אָנגעשטרענגט זייערע לעצטע כחות צוריק צונעמען דאַנ־ציג. אין „ניי יאָר טאָג" 1814 האָט נאָך דאָס פּוילישע מיליטער באַוויזען צום לעצטען מאָל צו מאַרשירען אויף די דאַנציגער טראַטואַרען זינגענדיג דעם פּוילי־

*) זע פּראָפ. שמעון אשכנזי: „דאַנציג און פּוילען" (ענגליש) ז.ז. 41.

שען הימן. פוילען האט זיך אבער שוין דאן געזעגענט מיט דער שותפים־שטאט דאנציג אויף א גאנצען יאָרהונדערט. די שטאט איז נאכהער געוואָרען אן עכט גערמאנישע פראָווינץ. אויף דעם קאָנגרעס אין ווין מאי און יוני 1815 האָבען די גרויס מעכטע די וועלכע האָבען איינגעטיילט פוילען צווישען זיך — אסיג־נירט דאנציג צו פרייסען.

מיט דעם איבערגעהן פון דאנציג צו די דייטשען, הויבט אן ארייננפליסען א פרישער נייער אטמאָספערע. עס האָט זיך אָנגעהויבען א צענטראליזאציע פון גער־מאניזאציע. די דייטשען האָבען גענומען באאיינפלוסען דאנציג מיט זייער קולטור און שאפונג. ניט בלויז אין עקאָנאָמישען זין איז דאנציג געוואָרען אָפהענגיג אין דייטשלאנד נאָר אויך אינ׳ם רעליגיעזען גייסטיגען זין פון קולטור, שפראך א. ד. גל. דאנציג איז געוואָרען א גליד פון דייטשלאנד, און די מענשען פון דאנציג די שטארקסטע ערליכסטע פאטריאָטען צום דייטשען „פאָטערלאנד". מיט גרויס קלוגשאפט האָט דייטשלאנד אויסגעוואָרצעלט ביי זיי דעם סלאווישען אינסטינקט. ספעציעלע קאָמיסיעס זיינען אָנגעשטעלט געוואָרען אכטונג צו געבען אויף דאנ־ציג זי זאָל ניט שענקען קיין סימפאטיע צו קיין פאָלק און ספעציעל איז פאר־באָטען געוואָרן זיי זאָלען זיין דאן פריינדליך צום פוילישען און פראנצויזישען פאָלק. די קאָמיסיעס האָבען אכטונג געגעבען אויף דער אדמיניסטראציע זי זאָל זיין טריי צו דייטשלאנד.

* * *

נאָך דעם וועלט קריג ביים ווערסאילער שלום קאָנפערענץ אין וועלכען עס זיינען געענדערט געוואָרען די געאָגראפישע אטלאסען האָט פוילען פארלאנגט אז דאנציג זאָל ווערען א פוילישע טעריטאָריע. די עליים האָבען אָבער געשטימט אויף דעם אז דאנציג זאָל ווערען א פריי־שטאָט, שטיצענדיג זיך אויף דעם וואָס דאנ־ציג איז שוין אמאָל געווען א פריי־שטאָט. די עליים האָבען געמאכט אזא פשרה אז די טעריטאָריע פון 279 קוו. מייל וואָס רופט זיך דאנציג זאָל זיין א פרייער שטאָט אונטער דער אויפזיכט פון דער פעלקער ליגע וואָס זאָל אויך זעהן אז פוי־לען זאָל זיך מעגען באנוצען מיט אירע וואסערען און מיט דעם דאנציגער האפען. אין דעם ארטיקעל 102 פונ׳ם ווערסיאלער אָפמאך ווערט דאנציג ערקלערט אלס פריי־שטאט וואָס דארף זיין פריינדליך און טאָלעראנץ צו לאָזען פוילען באנוצען מיט איר וואסער-רייכטום. לויט׳ן ארטיקעל 19 פון דער פויליש־דאנציג אָפמאך אין 9־טען נאָוועמבער, 1920 איז באשטימט געוואָרען א קאָמיסיע פון 5 פוילישע און 5 דאנציגער, וועלכע זאָל ערלעדיגען אלע וואסער סכסוכים. דעם 15־טען נאָ־וועמבער 1920 איז פראָקלאמירט געוואָרען דער פריי־שטאָט דאנציג. אלס הויך קאָמיסאר איז באשטימט געוואָרען פון דער ליגע — גראף מאָנפרעד.

די באפעלקערונג פון דאנציג רעכענט זיך לויט דעם לעצטען צענזוס פון 1924—386,000; 93 פראָצענט דייטשען, 6 פראָצענט פאָליאקען און איין פראָצענט פון די אנדערע מינאָריטעטען. דורך דער צייט וואָס דאנציג איז געווען אונטער דייטשלאנד האָבען די פאָליאקען עמיגרירט פון דאָרטען און זייער פלאץ האָבען פארנומען די דייטשען.

OFFICI... THDRAWN
... RARY
Free Publi...

אין דאנציג גלייך ווי אין אלע אנדערע אייראָפּיאישע שטעט און לענדער זיינען פאראן פאַרשיידענע ריכטונגען. ביז צו די וואלען פון 1933 איז די סאָציאל דעמאָקראטישע פּארטיי געווען די שטארקסטע. די דאנציגער נאַצים זיינען געווען קליין אין צאָל. זיי האָבען ניט געהאט קיין קאָנטראָל איבער וועלכע עס איז פאך־פאראיינען אָדער אינדוסטריעלע אינסטיטוציעס. מיט׳ן וואוקס פון היטלעריזם אין דייטשלאנד איז אויך געוואקסען די מאכט פון די נאַצים אין דאנציג. דער זיג פון די נאַצים אין דייטשלאנד האָט געווירקט אז אויך די נאַצים אין דאנציג זאָלען האָבען א גרויסען זיג. דאָס איז א נאַטירליכע דערשיינונג אז נאָך היטלער׳ס זיג זאָלען די אָרומיגע שכנים באאיינפלוסטע פון דייטשלאנד נאָכטאָן דעם זעלבען ביישפּיל. דער גוטער אָבסערוואטאָר צו דער אייראָפּיאישער פּאָליטיק האָט דאָס פריהער געקענט זעהן. אין דאנציג פּונקט ווי אין דייטשלאנד האָט דער סאָציאליזם געליטען א גרויסע נידערלאגע. אלעס וואָס די סאָציאליסטען האָבען געבויט ווערט איצט צעשטערט, רואינירט און צוברא־כען. ווילען מיר האָבען א קלאָרען באגריף וועגען דער נידערלאגע פון די סאָציאליסטען אין דאנציג דארף מען נאָר מאכען א פארגלייך צווישען די וואלען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין 1927 און די וואלען וואָס זיינען פאָרגעקומען מיט פינף און א האלב יאָר שפּעטער אין 1933 וויפיעל שטימען עס האָבען דאן געשטימט סאָציאליסטיש און וויפיעל עס האָבען געשטימט פאר דער היטלעריסטישער פּארטיי, דאן זעהען מיר דעם קאָלאָסאלען זיג פון די נאַצים אין דאנציג.

דער רעזולטאט פון די וואהלען דעם 13־טען נאָוועמבער 1927:

	שטימען	דעפּוטאטען
סאָצ. דעמאָקראטען	61,588	42
דייטשע נאַציאָנאליסטען	35,820	25
צענטריסטען	26,090	15
ליבעראלען	14,531	9
קאָמוניסטען	11,695	8
רעאקציאָנערען	4,671	2
אנדערע פארטייען אויך שוין די דריי פוילישע		19
		120

די רעגירונג איז דאמאָלט צוזאמענגעשטעלט געוואָרען פון א קאָאליציע: סאָציאליסטען, צענטריסטען און ליבעראלען. די סאָציאליסטען אלס די גרעסטע ארבייטער פּארטיי האָט דאן קאָנטראָלירט אלע אָנגעלעגענהייטען און געזען אָנצוהאלטען די סטאביליזאציע פון דאנציגער פריי שטאָט. איצטער אָבער זיינען די נאַצים די ערשטע און גרעסטע פּארטיי וועלכע האָבען שוין א מערהייט איבער אלע פּארטייען. אלע ליבעראלע און לינקע עלעמענטען האָבען געהאט צו פארציי־כענען א פארלוסט. ביי די לעצטע וואהלען דעם גרעסטען פארלוסט האָבען אָבער די סאָציאליסטען וועלכע האָבען פארלוירען כמעט א העלפט פון זייערע שטימען.

די וואלען דעם 28-טען מאי 1933:

	שטימען	דעפוטאטען
נאצים — — — — — — — — — — — —	107,619	36
סאָציאַליסטען — — — — — — — — —	38,210	13
צענטריסטען — — — — — — —	31,800	10
קאָמוניסטען — — — — — — — —	14,880	5
נאציאָנאַליסטען — — — — — — —	13,000	4
פּאָליאַקען — — — — — — — —	7,000	2

אונטער דעם סאָציאַליסטישען רעזשים האָט ניט געקענט קומען דערצו אז דאנציג זאָל זיך וועלען פאראייניגען מיט היטלער דייטשלאנד און צוצוברעכען דעם ווערסאילער אָפּמאך. די לאגע איז אָבער גאנץ אנדערש אונטער דער איצטי־גער אָרדנונג. די נאצים וועלכע באקומען שטיצע פון היטלערן און וועלכע זיינען געקומען צו דער מאכט א דאנק זייערע קאָלעגען אין דייטשלאנד וועלען געוויס טאָן וואָס נאָר מעגליך אויך צוצוברעכען דעם ווערסאילער פרידענס אָפּמאך און מאכען דאנציג פאר א דייטשער פּראָווינץ.

אזא אָנשלוס מיט דייטשלאנד וואָלט געווים געבראכט גרוים שאָדען פּוילען און עס קען ברענגען די ערנסטע קאָנסעקווענצען צווישען דער פּוילישער רעפּוב־ליק און דייטשלאנד. אוים מורא פאר דייטשלאנד האָט פּוילען זיך געכאפּט צו שליסען אן אָפּמאך מיט היטלער דייטשלאנד. זייער פּאָליטיק אָריענטירט זיך אויף היטלער׳ס פריינדשאפט, כדי צו זיכערען דעם „קאָרידאָר" דורך פרידליכע אָפּמאכען. מען דארף אָבער וויסען אז אָפּמאכען זיינען נאָר אויפ׳ן פּאפּיר און קיין אָפּמאך וועט ניט צוריקהאלטען היטלער׳ן צו פארכאפּען דאנציג מיט דעם קאָרידאָר. געוויסע פּוילישע שטאטסלייט פארשטייען דאָס און זיי האלטען טאקע אז פּוילען דארף געהן אויף איר אלטען אויסגעטראָטענעם וועג פון זיין מיט פראנקרייך. נאָך פּילסודסקי׳ס טויט מערקט זיך טאקע אן ענדערונג אין דער פּוילישער פּאָליטיק. עס איז גאנץ מעגליך אז פּוילען זאָל זיך אומקערען צו איר שטענדינען פריינד און באשיצער פראנקרייך ווייל היטלער קען איר צו יעדער צייט פאררטען. פאר פּוילען וואָלט גלייכער געווען זיך אָנצושליסען אין דעם סאָוועטיש פראנצויזישען אָפּמאך איידער מיט היטלער׳ס דייטשלאנד.

דער זיג פון די נאצים אין דאנציג מיינט דער זיג פון די נאצים איבער דעם באלטישען ים. דאָס מיינט א פארשטארקטע דייטשלאנד אין איהר אָפּאָזי־ציע און קאמף געגען איהרע שונאים. דאָס מיינט א פארשטארקטע היטלעריסטישע מאכט וואָס חלומ׳ט אויף דער ערוואכונג פון דער דייטשער אימפעריע וואָס ווארפט א שרעק אויף אלעמען נאָענטע און ווייטע לענדער.

פּוילען קוקט אויף דייטשלאנד ווי איהר ערגסטער שונא. זינט פּוילען איז אויפגעשטאנען פון איהר הונדערט יאָריגען שלאָף און אונטערדריקונג קוקט זי אויף דייטשלאנד מיט גרוים פארדאכט אז זי וויל איר איינשלונגען. פּוילען דריקט אוים איהר שנאה צו דייטשלאנד אין אירע פאָלקס לידער. אין איר נאָ־ציאָנאלען הימן שווערט זי אז „ניע בענדזשע ניעמיעץ פּלול נאם וו׳טוואזש"

...THDRAWN
...IBRARY

(דער דייטש וועט אונז ניט שפייען אין פנים אריין). „ניע דזשעצי נאם גערמאַניל” (ניט די קינדער אונזערע פארדייטשען) „פּאָטענזשני וסטאַניע הופיעץ נאש דוכא בענדזשע נאם העטמאַניל” (דער רעטער וועט אויפשטיין, און מיט זיין נשמה אונז רעטען) *) פוילען שווערט ניט אריינצולאָזען דעם פארביסענעם שונא דעם דייטש אין זיינע גרעניצען. פוילען שרעקט זיך גיכער פאר דייטשלאַנד ווי אירגענד אלע אירע שכנים: רוסלאַנד, עסטרייך, ליטע, זי ווייס גאַנץ גוט אז פאַר די דייטשען דארף זי זיך מער היטען, ווייל זיי זיינען די וועלכע ווילען פון איר אוועקנעמען דאָס בעסטע און וויכטיגסטע.

דאַנציג איז אַזוי ארום איינער פון די געפערליכסטע פלעצער אין איירָאָפּא. א וואולקאַן קאָן פון דאָרט א ליאדע טאָג ארויסברעכען.

די גאַנצע צייט זינט דער מלחמה זוכען אלץ די דייטשען מיטלען ווי אזוי צו פאַראייניגען אַסט מיט וועסט פּרייסען, איצט קענען זיי האָבען די בעסטע געלעגענהייט. ווייל די נאַצים אין דאַנציג ווילען מסכים זיין צו פאַראייניגען זיך מיט זייערע קאָלעגען אין דייטשלאַנד און צו מאַכען אַן אַנשלוס מיט דייטשלאַנד. אויב דאָס זאָל פּאַסירען שטעלט עס אין געפאַר דעם גאַנצען פוילישען קאָרידאָר און אויך א שטיקעל געגענט אין קאָנגרעס פוילען. עס שטעלט אין געפאַר דעם גאַנצען פוילישען „פּאָמאָרזשע” פּאָזנאַן א. ד. גל. דעם פוילישען האַפען שטאָט טשעוו און דעם שפּאָגעל נייעם פּאָרט גדיניע וואָס האָט אָפּגעקאָסט פוילען גענוג געלט אויפצושטעלען אזא ריזיגע מאָדערנע ים שטאָט. דייטשלאַנד וועט וועלען אוועקרויבען פון פוילען דעם גאַנצען צוגאַנג צום באַלטיק און פוילען וועט דען זיין אַזוי גלייכגילטיג? וועט פוילען האַלטען פאַרלייגט די הענט? ניין! דאָס קען זי נישט! עס פארשטעהט זיך אז פוילען וועט טאָן וואָס נאָר מעגליך צו פאַרזיכערען אירע פארמעגענס ביי די דייטשע גרעניצען.

* * *

די נאַצים אין דאַנציג זיינען ניט בעסער פון זייערע לעהרער און וועג ווייזער. אויך זיי ווענדען אָן די אַלע היטלעריסטישע אינקוויזיטאָרישע מעשים אונטערצודריקען יעדע פרייע באַוועגונג. אויך זיי באַנוצען זיך מיט דעם שרעקליכסטען טעראָר אונטערצודריקען דעם ארבייטער קלאַס ווי עס טוען זייערע קאָלעגען אין דייטשלאַנד. אויך זיי באַנוצען געגען אידען די זעלבע אַנטיסעמיטישע כּליגאַנישע מעטאָדען אויסצוראָטען דעם אידען און אים ווי ווייט מעגליך אונטערדריקען.

דאַנציג וועט האָבען צו פאַרצייכענען א שוואַרץ קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון איהר אַנטוויקלונג, זי וועט האָבען צו פאַרצייכענען א מאָראַלישען קריזיס, וואָס זי מאַכט דורך אין דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, ווען דער ווילדער באַגייסטערונג פאר נאַציזם באַהערשט איהר. די קליינע טעריטאָריע וואָס האָט ביז איצט געלעבט אין פרידען מיט אַלע אירע שכנים איז געוואָרען פארמישט מיט דער היטלער פּאָליטיק וואָס רופט ארויס אונצופרידענהייט פון אַלע שיכטען.

---

*) Nie bendzie niemiec plul nam w twarz,
Nie dzieci nam germanil,
Potenzny wstanie hufiec nasz,
Duchan bendzie nam hetmanil. . .

From Public Library